STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03270

OYFBROYZ

Menahem Baerush Eppelbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. עפּעלבוים

אויפברוך

פֿון דער שטורמישער רעוואָלוציע־צייט אין רוסלאַנד.

(1919 – 1917)

1923

DRUKARNIA I. RAJCHMANA
WARSZAWA KARMELICKA 15

פּראָלאָג

די אַרעסטאַנטן האָבן שטאַרק געשטורעמט די קאַמערס. אַלטע, פאַרוואַקסענע, ברייטפּלייצעדיקע און פאַרביסענע — האָבן שווער געטופּעט מיט די פיס און אַלע ווילע געזעצט אין די טירן, אַרויסלאָזנדיק משונהדיקע הייזעריקע קולות און באַוועגנדיק מיט פויסטן — ווי זיי וואָלטן זיך געריסן פון אַ ברענענדיק הויז: זיי האָבן געסטראַשעט און גערעוועט. ייִנגערע — דאַרע מיט ביינערדיקע פּנימער און פלאַמיקע אויגן, דאָס מערסט אַזעלכע, וואָס זיצן דאָס ערשטע מאָל אָפּגעקומען זייער שטראָף, — האָבן אויך דאָס געדולד פאַרלוירן און געשטאַנען בלייכע, נערוועזע, צוקנדיק מיט ליפּן און אויגן. איין מישקע נאַר, אַט דער הויכער שלאַנקער יונג, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי פריילעך און מיט רויקער גלייכגילטיקייט דערציילט וועגן זיין פאַרברעכן, רעדנדיק אַזוי אינטעליגענטיש און געלאַסן, אַז אַלע האָבן אים נישט פאַרשטאַנען — ער איינער איז איצט געווען אינגאַנצן רויק און שטאַרק צעבראָכן. ער איז געשטאַנען טרויעריק. עפּעס נאַכטיק-פאַרבענקט, און זיינע גרוי-גרינע אויגן זענען געווען ווי מיט אַ רויכל אָנגעצויגן. ער איז אַ פאַרגליווערטער געווען צוגעשמידט צום פענסטערל, וואָס האָט געקוקט אין הויף אַריין — און זיינע אויגן זענען ווי אַריינגעשלאָגן אין הויף...

אויפן הויף האָט עס אויסגעזען, ווי מען גרייט זיך אָפּצוריכטן אַ גאַסטעס-דיגסט:

צוויי יונגע בחורים זענען שטיל געשטאַנען און זיך באַוועגט פון זייערע ערטער — לויפנדיק אַהין און צוריק. נעבן אַ טיש איז געשטאַנען דער טורמע-נאַטשאַלניק, אַט דער הויכער, דיקער אַסמאַלאָוו, מיט דעם ברייט צעגאָסענעם פּנים און שפּיציקע געלע וואָנסעלעך. איצט איז ער געשטאַנען עטוואָס געבויגן אויף פאַראויס און זיין גרויסער בויך איז ווי באַהאַלטן געווען, אַליין איז

ער אויך עפּעס נידעריקער געוואָרן. ער האָט געטראָגן זיין היטל מיט די רויטע קאַנטן, נאָר ס'האָט אויסגעזען אַלט, דאָס פּנים איז געווען אָפּגעצערט בלייך, זיינע אויגן אַזוי תמעוואַטע, ווי ער וואָלט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס פּלוצלונג דערזען. ער האָט זיך באַמיט צו בלייבן רויק, נאָר די אונטערשטע ליפּ האָט אים אַלע ווייַלע אַ ציטער געטאָן. און ער האָט אויסגעזען שטאַרק פיינלעך. געבן אים איז געשטאַנען דער יונגער שרייבער. אַ דאַרער שייגעץ מיט לעבעדיקע פלינקע אויגן. ער איז געווען שטאַרק אויפגעלייגט און אויסגעגלייכט, זיין פּנים איז געווען מיט אַ ראָזע פרישקייט פאַרגאָסן, און ס'איז אויסגעקומען, אַז דער דיקער שווער - סאַפּעגדיקער אַסמאַלאָוו איז זיין געפאַנגענער.

פון ביידע זייטן טיש זענען געשטאַנען צוויי שרענגעס אַרבעטער מיט ביקסן, זייערע פּנימער זענען געווען פריילעך, ווינמיק און אַלע האָבן געאָטעמט טיף און שטאַרק, ווי קונצענמאַכער, ווען דאָס פּובליקום באַגריסט זיי נאָך זייערע קונצן... אַלע האָבן זיי געקוקט אויף איין אָרט, און געבן זיי איז געשטאַנען אַן אָרקעסטער — געוויינלעכע זעלנער, נאָר יעדער מיט אַ רויטן באַנד אויף דער ברוסט.

מיט אַמאָל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פייערלעכער אויסגעשריי, די אַרבעטער האָבן געגעבן אַ הייב אויף ביקסן מיט די רויטע בענדלעך, וואָס האָבן געציטערט אויף די „שטיקעס", און די מוזיקאַנטן האָבן געגעבן אַ שלאָג אַרויס מיט אַ שרייענדיקן מאַרש.

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך נענטער געשטופּט צו די פענסטערלעך, איצט האָבן אַלע פאַרגעסן צו שרייען און ליאַרמען, אַלע זענען שטיל איבערראַשט געבליבן שטיין, ווי פאַרכישופט.

פון עק הויף, פון טונקלן ווינקעל זענען פון אַן אַרויסגאַנג אַרויסגעקומען, איינער נאָכן אַנדערן, אַכט מענשן. אַלע שטאַרק באַוואַקסענע, מיט לאַנגע האָר, מיט גרעסערע און קלענערע, נאָר געדיכטע, בערדלעך, אַלע בלייכע נאָר גלייכע מיט קלאָרע גלאַנציקע אויגן, אַלע אָנגעטאָן אין געלאַטעטע צעריסענע מלבושים, און דריי פון זיי — עלטערע, מיט געדיכטע — עטוואָס גרויליכע — בערד און צעכראַסטעטע הערצער, האָבן געקלונגען שלעפּנדיק די פיס אין קייטן.

אַסמאָלאָוו האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן, דערזעענדיק זיי. זיינע פּעטע, דיקע באַקן, וואָס האָבן געקוקט מיט גרויע קליינע הערעלעך, זענען געוואָרן ווי אויסגעצויגן און אַראָפּגעהאַנגען אין ביידע זייטן גאָמבע. איינער פון די ציווילע — דער וואָס האָט געטראָגן אַ ברייטן רויטן באַנד אויפן אַרבל — האָט דעם קאָפּ אַ טרייסל געטאָן און זיינע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט.

דער אָרקעסטער איז שטיל געוואָרן. דער ציווילער איז מיט אַ מאָל צוגעלאָפן צו איינעם פון די עלטערע אין די קייטן, זיך האַסטיק און מיט אַ מאָל אַרויפגעוואָרפן אויף אים, ליפּן אין ליפּן האָבן זיך שטאַרק איינגעגעסן און די הענט פון איינעם האָבן זיך געקרעמפּט אַרום אַנדערנס פּלייצעס און אַקסלען. די קושן האָבן אָפּגעהילכט מיט אַזאַ עקשנותדיקער שטילקייט, ביידע זענען געבליבן ווי פאַרגליווערט און אַ שטאַרקן ציטער געטאָן... אָבער נאָר איין ציטער. באַלד זיך אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן און געשווירגן מיט פאַרגאָסענע אויגן — — — דערנאָך האָט דער ציווילער דאָס איבערגעחזרט מיט די איבעריקע צוויי און זיך צוקושט מיט די איבעריקע, דריקנדיק זייערע הענט.

די באוואָפנטע אַרבעטער זענען געשטאַנען עטוואָס געבויגן, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אָפּגעצויגן דעם אָטעם, און אייניקע האָבן זיך מיטן אַרבל אַ ווייש געטאָן די אויגן.

אַסמאָלאָוו איז געווען שטאַרק בלייך, מיט איין האַנט זיך אָנגעהאַלטן אָן טיש.

און מיט אַ מאָל — דער ציווילער איז מיט איין שפּרונג אַרויף אויפן טיש.

— חברים! ח-ב-ר-י-ם! — זיין שטימע האָט געציטערט — אונזער זון האָט אויפגעשיינט! רוסלאַנד איז פריי! איר, איר זענט די, וואָס האָבן די פרייהייט געבראַכט! חברים! דער באַפרייטער אַרבעטער-ריז וואַרט אויף אייך!

ער האָט מער נישט געקענט רעדן, דער אָרקעסטער האָט אַרויסגעשאַלט דעם אינטערנאַציאָנאַל, צו ערשט געלאַסענער, פאַרזיכטיק, די „אַרעסטירטע“ האָבן אַראָפּגענומען די היטלען, אַסמאָלאָוו האָט אויפגעהויבן די האַנט צום היטל, און באַקומען אַ פּנים — אָט-אָט וועט ער אַרויסברעכן מיט אַ געוויין.

דאַן איז דער ציווילער צוגעגאַנגען צו די „אַרעסטאַנטן". אַסמאָלאָוו איז אויך צוגעגאַנגען מיט שווערע טריט. די אַרבעטער מיט די ביקסן האָבן זיי אַלעמען צוזאַמען אַרומגערינגלט און מען האָט אַראָפּגענומען פֿון זייערע פֿיס די קייטן. ביים קלאַנג פֿון די קייטן, וואָס זענען געפֿאַלן אויף די שטיינער, האָט אויסגעבראָכן אַ „הוראַ" און עס האָט דעם הויף פֿאַרהילכט.

ווידער האָט מען געשפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל און די אַרעסטירטע מיט די אַרבעטער האָבן אונטערגעכאַפּט, און אַלע שטימען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און געציטערט ווי אַ שטאַרקער ראַשיקער שטראָם, וואָס רעש'ט אין וואַסערפֿאַל.

פֿאַר מישקעס אויגן האָבן זיך גענומען דרייען וואַסערדיקע רעדער און אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן אין ווייסן וואַסערגלאַנץ.

ער האָט אָפּגעקערט דאָס פּנים פֿון פֿענסטערל, האָט זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט אויפֿן טאַפּטשאַן. אין איין רגע געדענקט ווי אַזוי ער איז אַהערגעקומען. עפּעס אַזוי צופֿעליק איז ער אַריינגעפֿאַלן צווישן די קרימינעלע פֿאַרברעכער... אַך!... ער האָט דאָך אַמאָל צוזאַמען מיט יענע געקעמפֿט... ער האָט דאָך פּראָקלאַמאַציעס פֿון די אַנאַרכיסטן איבער די נעכט געדרוקט... צווישן פּאָליציי זיך דורכגעגנבֿעט מיט זיי... און ס'איז אַרויסגעקומען עפּעס אַנדערש... הונגעריק איז ער געווען... און איצט איז ער צווישן גנבֿים... פּשוטע גנבֿים...

איבער זיינע איינגעפֿאַלענע באַקן האָבן זיך צוויי וואַרעמע שנירלעך געצויגן...

* * *

ער איז דעמאָלט אַהיימגעקומען פֿון אַ „סכאָדקע". אין שטוב איז געווען אַזוי פֿינצטער און קאַלט. ווען ער איז אַריין אין שטוב האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן. די מוטער איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק, מער טויט ווי לעבעדיק. זי איז געלעגן אין ווינקל און האָט געקרעכצט...

נאָך איצט פֿאַרמאַכט ער די אויגן און ער זעט דעם אָוונט—הערט, ווי דאָס קרעכצן שלאָגט אַרויס פֿון פֿינצטערן ווינקל, אַזוי איינטאָניק ווי דאָס גרילצן פֿון אַ קוקו, און די שוועסטער — זי [illegible]

אַזוי געשוויגן, אַז ער האָט זי פֿאַרשטאַנען. זי איז אויך געווען הונגעריק און זיך געשעמט מיט איר הונגער... איז וואָס זשע? זאָלן זיי דאָ זיצן און הונגערן און דאָרט ביים געלן יידל אין קלייט זאָל אַלץ ליגן און וואַרטן אויף די אויסדערוויילטע און אויסגעשלאָפֿענע? — ער האָט געדענקט, אַז דאָס יידל וואָט געהאַט אַ קורץ בערדל און פֿאַרשנורעטע ליפּן אונטער געלע וואָנסן. און דאַכט זיך, ער האָט עס פֿון איינעם אַ רעדנער געהערט: „די געזעלשאַפֿט, די מאַסע — דאָס איז איין גוף מיט אַ סך גלידער, און אויב עס טוט וויי אַ פֿינגער פֿון איין האַנט — פֿאַרבייט אים די אַנדערע האַנט און דערפֿאַר...“ נו, איז ער איצט קראַנק... און אַזוי איז עס געשען: דער לאָדן פֿון דער קלייט האָט זיך באַלד געבראָכן אונטער זיינע שטאַרקע הענט. ער געדענקט נאָך איצט — ווי אומרויק דאָס האַרץ האָט געשלאָגן איידער ער איז אַריין דורכן פֿענצטער — און ווי רויק ער איז געוואָרן, ווען ער איז אַריין. ער האָט קיין גאָלד נישט געזוכט — גענומען אָבער אַ געלער ייד און לאָזט אָפֿן דאָס טישלעדל, האָט ער גענומען, וואָרום ער איז דאָך פֿאַרנומען, ער איז דאָך אַ יונגער קעמפֿער, און אַלע טאָג איז דאָ וואָס צו טון, ער וועט דאָך נישט גיין אַלע מאָל...

ווי די שוועסטער האָט אויפֿגעלעבט. זי האָט געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט. אין שטוב איז ליכטיק געוואָרן, און אַפֿילו די מוטער האָט אויפֿגעהערט קרעכצן... ס'איז גאָר אַ נאַרישקייט געווען, וואָס ער איז געגאַנגען צום צווייטן מאָל. ס'איז אַ געוואָלט דער געלער ייד האָט עס געמאַכט... ווי ער וואָלט אים דעם האַלדז איבערגעשניטן... און ווי האָט ער זיך אַהין דערנומען?... ווייזט אויס „געטשאַטשעוועט“ אויף אים... שוין נישט די ערשטע נאַכט דאָרט גענבֿעטיקט...

אַזוי טראַכטנדיק — האָט ער אַ שמייכל געטון:

„נו, אדרבא, נעם און גיב צו פֿאַרשטיין אָט דעם געלן ליטוואַק, אַז מיר אַלע זענען מענטשן פּונקט ווי ער... פּונקט ווי ער... און אַז עס טוט וויי איין פֿינגער...“

ערשט איצט דערמאָנט ער זיך דאָס, וואָס ער האָט די לעצטע דריי-פֿיר יאָר נישט געדענקט: ווי די מוטער האָט זיך אַראָפּגעקראַפּקעט פֿון קראַנקן-בעט, געפֿאַלן דעם געלן ליטוואַק צו

די פיס... אָבער — אַ האַרטער יונג געווען דער ליטוואַק, ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. און עס פאַרקאַכט אים אין הארצן: אַלץ דער געלער ליטוואַק... די „נכפה״ האָט אים געוואָרפן... אַ ייד פון היי־זער און קלייטן, בדיל הדל איז ער געוואָרן... דער טייוול האָט אים צוגענומען... אָך, ווען נישט דער געלער ליטוואַק — וואָלט ער דאָך געווען אַהערגעקומען ווי יענע... ווי די דאָזיקע, וואָס שטייען איצט אויפן הויף, אָבער...

די אַרעסטאַנטן האָבן אויפגעהויבן אַ ליאַרם און ער האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיך צוריק אויפגעשטעלט. דער אָרקעסטער האָט שוין נישט געשפּילט, ווייזט אויס „יענע״ זענען שוין אַוועק. איצט האָבן די אַרעסטאַנטן געקלאַפּט די טירן און פענסטער.

נאָר ס׳איז געשען: די טירן האָבן זיך ברייט געעפנט, אַלע האָבן זיך אַרויסגעשיט אויפן הויף. איצט זענען אויך געשטאַנען מענשן מיט ביקסן און רויטע בענדלעך, נאָר דאָס זענען געווען זעלנער. אַממאָלאָוו איז שוין נישט געווען, דער שרייבער גאָר האָט איצט געפירט דאָס רעדל און עטלעכע ציווילע אינטעליגענטן מיט ליכטיקע אויגן, טייל אין ברילן, טייל מיט שפּיציקע בערדלעך, — אַלע מיט רויטע בענדלעך אין די לאַצן — האָבן אים צוגעהאָלפן. ערגעץ האָט מען שטאַרק געקלאַפּט, נאָר קיינער האָט זיך צו דעם נישט צוגעהערט. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ רעווע, אַ ווילדער הייזעריקער מרוטש, ווי פון אַ געפאַנגענעם אָקס, און איינער אַ פאַרשוין האָט זיך פון אַ טיר אַרויסגעריסן און אויפן הויף אַרויס. דאָס איז געווען גאָר אַ ווילדער פאַרשוין, אַ הויכער, אַ מוראדיק פאַררוטלטער מיט נאַכטיקפלאַמיקע אויגן, דאָס פּנים גלאַנציק-טונקל און ער האָט געשריגן:

— אַ פּאָליטישער בין איך! אַ פּאָליטישער!

דער שרייבער האָט זיך באַלד אומגעקוקט, האָט עפּעס געזאָגט צו די ציווילע, באַלד האָבן זיך די טורמע-וועכטער געוואָרפן אויף אים, ער האָט זיך געריסן פון זייערע הענט און געפאַלן איבער די קייטן, האָט אויף זיינע פיס, און ווילד געליאַרעמט:

— אַ פּאָליטישער בין איך! אַ פּאָליטישער! „קאַנאַליעס״!

עס זענען צוגעלאָפן אַ פּאָר זעלנער, יענער האָט זיך גע־

וואַרפֿן מיט די פֿויסטן, עס איז געוואָרן א געפּלעפּלטעריי פֿון הענט וואָס האָבן זיך געפּאַרקעט אַרום דעם פּאַרשוין, און די צונויפּ־געגאָסענע מענשן־מאַסע האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער צום איינ־גאַנג אין די קאַמערס, ביז זיי זענען מיט יענעם נעלם געוואָרן.

דער שרייבער האָט איצט געזאָגט:

— אַ מוראדיקער רוצח!

די זעלגער מיט די וועכטער זענען באַלד צוריק אַרויסגע־קומען, אַלע האָבן שווער געסאַפּעט, ווי מרעגער וואָס האָבן א אַ שווערע משא אַרויפגעקייקלט אויף אַ באַרג, און נאָך ערגעץ האָבן זיך געריסן הייזעריקע ווערטער, ווי שטיקער אַלט בלייַ, וואָס האָבן געסטראַשעט און געשאָלטן.

און דאָ האָט איינער פֿון די ציוילע געגומען אַ פעקל פּאַ־פּירן אין האַנט — מישקע וואָלט שווערן, אַז ער געדענקט אים. ער האָט אים אַמאָל ערגעץ געזען, דאַכט זיך — ער איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט מיט לאַנגע האָר און אַן אַ בערדל... ער איז אַמאָל אַרויסגעטרעטן פֿאַר דער „יוגנט” אין וואַלד... און אויב ער האָט נישט קיין טעות, האָט סאַשאַ — דער אָנפֿירער פֿון די אַנאַר־כיסטן — געהאַט מיט דעם דאָזיקן סטודענט אַ דיסקוסיע, ער איז געווען קעגן אַנאַרכיזם, — — — ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מוט זיך איינצוקוקן — אין הארצן קלעמט און אין קאָפּ טומלט.

ער האָט געקוקט אין פּאַפּיר און אָנגעהויבן אויסרופֿן ביי די נעמען, אויסגערופֿן אַ רייע אַלטע פֿאַרברעכער און אַז זיי האָבן זיך געהאַט געשטעלט אָפּגעזונדערט, האָט ער זיך געווענדט צו זיי מיט אַ רעדע.

איצט האָט ער שוין געדענקט אויף געוויס, אַז דאָס איז ער.

יענער האָט צו זיי גערעדט רויק, מיט היימישקייט, האָט זיי געהייסן האָבן נאָך אַ ביסל געדולד, נאָך צו וואַרטן עטלעכע טעג, ביז מען וועט זיך געניי פֿונאַנדערקלייבן אין זייערע פּאַפּירן, יענע האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן פֿון די ערכער און טומלען. נאָר ער האָט גערעדט ווייך, צוגעלאָזן, געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז עס איז גלייכער פֿאַר זיי אַליין, אַז די רעוואָלוציע וועט זיי מוחל זיין, צוריקברענגען צו זייער מענשלעכקייט און זיי וועלן ווי אָרענט־לעכע בירגער צוריק אַריינטרעטן אין דער געזעלשאַפֿטאָן, אַז

שוין געוואָ־ט אַזוי לאַנג — איז נאָך אַ פּאָר טעג. מען קאָן נישט כאַפּן... זענען זיי מיט אַ מאָל געוואָרן הילפלאָז און געדולדיק, ביי אַ טייל האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן די אויגן און די פּנימער זענען געוואָרן עפּעס איידעלער. אַ סאַך האָבן זיך געווישט די אויגן און שווער געזיפצט און זיי זענען צוריק אריין אין די קאַמערס.

דערנאָך האָט מען אויסגערופן די איבעריקע נעמען. ווען יענער האָט אויסגערופן „דאַוויד אַבראַמאָוויטש בערגפלאַם", האָט ער זיך ווי פאַרהאַקט און אויפגעהויבן די אויגן פון פּאַפּיר.

מישקען האָט זיך אין קאָפּ שטאַרק אַ מיש געטון, איז גע־בליבן אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הייך און מיט פאַרביסענע ציין אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אין האַרץ איז אים שטאַרק ענג געוואָרן ער האָט קוים איינגעהאַלטן דאָס געשריי פון ווייטיק. אָך! ווען ער וואָלט איצט געפּאַקט אָט דעם בורזשוי, דעם געלן ליטוואַק! — און — ווען ער קאָן, וואָלט ער איצט צוריק אַריין אין קאַמער — — ער האָט נישט געקענט אויפהייבן די אויגן אויף יענעם...

דערנאָך האָט מען געהאַלטן פּאָר זיי אַ רעדע. זיי גערופן צו פאַרגעסן אין אַלעם, וואָס עס איז געווען, און זיך צוריקקערן צו ערלעכער אַרבעט, און זיין נוצלעך פאַר דער נייער באַפריי־טער געזעלשאַפט; ווערן פרייע בירגער פון פרייען רוסלאַנד.

און וואָס מער יענער האָט גערעדט, אַלץ שווערער איז מיש־קען געוואָרן אויפן האַרצן. אַלץ מער האָט ער אָנגעשטרענגט די כוחות איינצוהאַלטן די טרערן, און אַלץ מער איז דער ווייטיק אין האַרצן פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ פלאַמעדיקער שינאה.

ווען ער איז אַרויס פון טורמע־הויף, האָט ער זיך גלייך אָפּגעשיידט פון אַלע, איז אוועק מיט אַ הינטער־גאַס, וואָס פירט אַרויס פון שטאָט, איז געגאַנגען שטיל ווי פאַרטומלט און כמעט גאָרנישט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

ס'איז געווען אַ טרוקענער טאָג פון חודש מערץ, און אַ קאַלטער ווינט האָט שאַרף געשניטן. דער הימל איז געווען מיט שוואַרצע שטיקלעך כמאַרע פאַרפלעקט, צווישן פלעק און פלעק האָט שאַרפע בלויקייט געקוקט ווי געפרוירן. פון צייט צו צייט האָט אַ געלע זון אַרויסגעבליקט.

מישקע האָט געהערט עפּעס אַ יובל, וואָס קומט פון ווייטן

נאָר ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. דער פֿאַרדראָס איז געווען שאַרף און שניידנדיק — און דער ווייטיק מיט דער בושה האָבן איצט אויסגעשמידט זיין נשמה און האַרץ, מיט וועלכע ער זאָל צוריקקערן צווישן מענשן.

ס'איז שוין געווען פֿאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך ארומגעקוקט און דערזען, אַז ער בלאָנזשעט לעבן בית-עולם, אונטער דער שטאָט. פֿון ווייטן האָבן געבליקט גרויע פֿעלדער מיט גרוי-גרינלעכע פֿלעקן. דער ווינט האָט געריסן און איבערן וועג אַ דינעם שטויב גע-וויקלט. האָט ער זיך צוגעזעצט אַ ווײַלע אויף אַ שטיין, געזעסן מיטן קאָפּ צווישן די הענט. האָט עפּעס געטראַכט — און אין קאָפּ איז אים געווען הייס. דער אַמאָל איז געווען ווי אַן איינגעפֿאַלענע שטיינערנע וואַנט, שטיקער אויף שטיקער האָבן זיך געוואַלגערט, און מיט אַ מאָל — פֿון צווישן די איינגעפֿאַלענע חורבות — האָט זיך באַוויזן באַשקע. — פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען אָט דאָס שוואַרץ-הגעוודיק מיידל און געקוקט אויף אים מיט וואַרעמע, נאָך קינ-דערישע אויגן.

— דודקע... מען דאַרף אוועקטראָגן די פּראָקלאַמאַציעס...

און איצט האָט דער אַמאָל זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד און צוריק אָנגעהויבן לעבן. איצט האָט ער שוין גוט געדענקט אָן באַשקען. וואו איז זי איצט? זי מוז זיין צווישן חברה... איצט גייט זי אויך ארום מיט אַ רויטן באַנד אויף דער ברוסט... דאָס פּנים איז צעהיצט, די אויגן פֿלאַמען... און אפֿשר האָט מען זי אויך היינט באַפֿרייט. נאָר ווי יענע... ווי די ערשטע...

ווידער האָט ער שטאַרק פֿאַרקלעמט די ציין, און ווידער האָט זיך אין זיין האַרץ אויפֿגעהויבן דער ווייטיק.

אַך, ווען ער פּאַקט אים, דעם געלן ליטוואַק... ווען ער טרעפֿט אים אַן אַט אַזוי אויפֿן וועג...

ער האָט געשפּאַנט אין שטאָט אריין זיכער און מיט ביטע-רער שינאה אין האַרצן...

*   *   *

דאָס טעאַטער איז געווען פול געפּאַקט. אַלע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געברענט, און דאַכט זיך — באַזונדערס העל האָבן זיי היינט געלויכטן. ס'האָט געכוואַליעט מיט פרייד איבער דער מענגע קעפּ און ס'האָט געבלישטשעט אויגן-גלאַנץ. אַ הייסער אָטעם האָט געשלאָגן, ס'איז געווען דער הייסער אָטעם פון ניצחון און זיכערקייט. מענשן זענען עפּעס געווען העכער, גלייכער און שענער. אַ נאָענטקייט האָט זיך געגאָסן פון מענש צו מענש און די מאַסע ווערט אַלץ גרעדיכטער, אין טעאַטער ווערט אַלץ ענגער.

אויף דער בינע, ביי אַ טיש האָבן זיך אויסגעזעצט עטלעכע מענשן, זיי האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געקומען אַהיים אויף יום-טוב. זיי זענען געווען פריש געגאָלט, און דאָס אָרט פון באָרד און וואָנסן איז ביי אייניקע געווען שטאַרק העל — זעט אויס, זיי האָבן נאָר וואָס שטאַרק געדיכטע בערד און וואָנסן אָפּגעגאָלט.

— חברים!

דאָס קול האָט זיך אַריינגעריסן פריי אין דער ליכטיקער נאָענטער היימישקייט. אַלע האָבן מיט איין מאָל אַ ציטער געטון, ביי און פריש האָט דאָס וואָרט איצט געקלונגען.

— חברים, פאַרנעמט די ערטער!

דאָס האָט שוין אויסגערופן איינער, וואָס איז ביים טיש געזעסן, דערביי האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אָנלענענדיק זיך מיט ביידע הענט אָן טיש.

די מאַסע האָט זיך אַראָפּגעזעצט, די שטולן פאַרנומען און ס'האָט אויסגעזען, אַז אַלע זענען זיך צוזאַמענגעוואַקסן, אַלע פּנימער זענען ערנסט און בלייך געוואָרן פון עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פון די הערצער אַרויסגעקוועלט.

מען ו אַ פאָרגעשטעלט דעם ערשטן רעדנער:

— פאַר אייך, חברים, טרעט ווידער אַרויס, איצט אָבער פריי און אָפן, אונזער ליבער חבר אַראָן, וואָס איז היינט באַפרייט געוואָרן פון די קייטן, מיט וועלכע די צאַרישע הענקערס האָבן זיינע פיס געשמידט.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיק בראַוואָ-געשריי און אַ הענט-פּליעסקעריי, און איינציקע קולות האָבן מיט פריילעכן ציטער גערופן:

— זאָל לעבן!...

דער חבר אַראָן האָט אַ ווײַלע געקוקט מיט ליכטיקע אויגן פֿון דער בינע אַראָפּ, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן.

— חברים! חברים, מיר זענען פֿרײַ! מיר זענען באַפֿרײַט פֿון די הענקער! ס'איז אַ ליכט אויפֿגעגאַנגען!

ער האָט גערעדט און זײַן קול האָט געציטערט, ווי עס רעדט אַ מאַמע, וואָס האָט ענדלעך איר קינד געפֿונען. אין האַלז האָבן זיך אים טרערן געשפּאַרט, און אין מיטן רעדן האָט ער נעגעבן אַ צי־אויס די הענט, ווי ער וואָלט אַלעמען געוואָלט אַרומנעמען, און אויסגערופֿן:

— חברים, ברידער, אָרעמע ברידער!

עפּעס האָט זיך ווי איבערגעקערט, און די מאַסע האָט אויסגעבראָכן מיט אַ יובל. קעפּ האָבן זיך געהויבן, הענט האָבן שטאַרק געפּליעסקעט, און דאָס פֿרייד־געשריי איז געוואָרן ווילד און אָן זין:

— חבר אַראָן!

— בראַוואָ!

— זאָל לעבן!

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

— הוראַ! הו־ר־ר־ר־אַ!

ביי דער טיר זענען געשטאַנען עטלעכע פּאַרשוינען אין האַרטע היטן מיט צעטומלטע פּנימער, איינער איז געווען דער אייגנטימער פֿון טעאַטער און די איבעריקע — פֿון זײַנע מענטשן. זיי האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט און געשמייכלט, זעענדיק יענעם זיך נאַריש מאַכן. קיינער האָט אויף זיי נישט געקוקט און זיי נישט באַמערקט.

דער פּאָרזיצער האָט געקלונגען מיטן גלעקל, דער עולם האָט זיך איינגעשטילט און דער אָטעם איז נאָך הייסער און היי־מישער געוואָרן.

דאַן האָט דער פּאָזיצער פֿאָרגעלייגט צו באַערן מיט אויפֿשטיין פֿון די ערטער די קרבנות וואָס זענען געפֿאַלן פֿאַר דער רעוואָלוציע.

אַלע קעפּ זענען אָפּגעדעקט געוואָרן און די גאַנצע מאַסע

האָט זיך מיט איין באַוועגונג אויפֿגעשטעלט, אַלע האָבן זיך אויס־געצויגן און אַ פֿאַרהוילענער ערנסט האָט זיך איבער די פּנימער אַראָפּגעלאָזט, עפּעס אַ פֿרומקייט האָט פֿון די אויגן געקוקט — ווי די אַלע געפֿאַלענע וואָלטן פֿאַר זיי געלעגן מיט ווייטיק אויף די פּנימער און עס פֿילט זיך דער לעצטער אָטעם־צוג זייערער.

— „ווי־י־י זשער־טוואָ־י־י־ פּאָ־ל־י־י"

לאַנגזאַם, שטיל האָט זיך דאָס טרויער־געזאַנג געצויגן, דער אָרקעסטער האָט שטיל געשפּילט, נישט איבערשרייענדיק די מענטשלעכע שטימען, — עס האָט געפֿלאָסן מיט טרויער און ווייטיק ווי אַ שוואַרצע סטענגע האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן איבערן זאַל און ס'האָבן פֿאַרבאָרגן געציטערט טרערן אין דער צונויפֿגעגאָסענער שטים פֿון דער מאַסע. די שטים האָט אָנגעפֿילט דעם גאַנצן זאַל. די פּנימער זענען געוואָרן בלייכער — און די מאַסע איז געווען ווי צונויפֿגעוואַקסן.

און מיט אַמאָל האָט עס אויסגעשריגן מיט ווייטיק און מיט דראָאונג. אויסגעטרוקענט האָבן די טרערן פֿון דער שטים און עס האָט הילכיק אַ רוף געטאָן זיכער און שטאַרק די נקמה. די ווענט האָבן געציטערט, די שויבן האָבן געדרינזשעט.

די פֿאַרשוינען מיט די האַרטע היטן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו אַרויסגאַנג, זענען מיט אַמאָל בלייך געוואָרן, זייערע אַנטבלויזטע קעפּ זענען ווי געבויגן, דער שמייכל איז אָפּגעווישט פֿון זייערע ליפּן, זייערע אויגן זענען שטיין געבליבן.

מיט אַ שטאַרקן הילך האָט די מאַסע אויסגעשריגן. ס'איז געווען אַ געשריי פֿון אַ פֿאַרהוילענעם געטלעכן כּוח — דערנאָך איז שטיל, שטאַרק שטיל געוואָרן — — —

שטיל האָט מען די היטלען אָנגעטון. עס האָט געציטערט דאָס לעצטע געשריי.

ווידער האָט אַ רעדנער דערציילט פֿון פֿרייהייט, פֿון אַרבעטער־קלאַס, און די מאַסע איז צוריק רירעוודיק געוואָרן. מען האָט זיך איבערגעוואָרפֿן מיט אַ וואָרט, מען האָט געשמייכלט און געשריגן בראַוואָ.

רעדנער נאָך רעדנער, און אַלע שיינען פֿון גליק. אַ יום־טוב האָט אַראָפּגעניזערט אויף דער וועלט, די שטימונג איז צוריק אַ

פרײלעכע. נאָר מיט אַמאָל איז אַ פֿאַרענדערונג פֿאָרגעקומען.

דער פֿאָרזיצער האָט אויסגערופֿן:

— דאָס וואָרט באַקומט דער חבר — זיך אײנגעבויגן צו הערן ווי דער חבר הײסט — אײנער פֿון דער מאַסע האָט זיך אָפּגערופֿן: — דער חבר דודקע — מישקע!

אַלע אויגן זענען שפּיציקער געוואָרן.

אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן אַ הויכער שלאַנקער בחור ער איז שטײן געבליבן אין היטל, וואָס איז אים געזעסן פֿעסט אויפֿן קאָפּ. נישט קײן יום-טובדיקער האָט ער אויסגעזען, נאָר ווי געקומען פֿון שלאַכט-פֿעלד. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן און שטײף, זײַנע באַקן — בלײך און אײַנגעפֿאַלן, און די קינבאַקן שטאַרק פֿאַרקלעמט. זײַנע גרויסע גרוי-גרינע אויגן האָבן געפֿלאַמט שלאַנגיש און עס האָט אַ בלאָז געטון מיט גרינער שנאה!

— חברים! — זײַן קול האָט רויק און שטאַרק אַ הילך געטון מיט לויטערער הײזעריקײט — ס'איז אַ ליגן! מיר זענען נאָך נישט פֿרײַ! ס'איז נאָך קײן יום טוב נישט געקומען אויף אונזערע אָרעמע ברידער! חברים! איך קוק אויף אײַך, איך קוק אויף דער מאַסע, אין וועלכער איר זענט צונויפֿגעגאָסן און מײַן האַרץ ציטערט אויף פֿון פֿרײד און ווײטיק. ווײַל — דער קאַמף האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן, און איר פֿײַערט שוין דעם ניצחון. חברים: ווען איר האָט נאָר וואָס דאָס ליד נאָך די געפֿאַלענע געזונגען, האָט אײַער האַרץ אויסגעשריגן נאָך נקמה, נאָר די וואָס האָבן דאָ גערעדט, האָבן אײַער נקמה-האַרץ געוואָלט פֿאַרמיסטיקן מיט פֿאַלשע בלומען. ס'איז אַ ליגן! מיר זענען נאָר פֿרײַ געוואָרן פֿון אײן הענקער אָבער נישט פֿון די הענקער. מיר זענען נישט באַפֿרײט פֿון דעם שלאַנג וואָס הײסט קאַפּיטאַליזם און בורזשואַזיע! און ווײסט: קײן פֿרײַהײט קויפֿט מען נישט מיט קײן רעדעס און לידער, נאָר מיט בלוט! מיטן בלוט פֿון אונזערע אײביקע שונאים. און ווײסט איר ווער עס זענען אונזערע שונאים? — די בורזשויען!

די מאַסע האָט אַ שוידער געטון. עפּעס איז די יום-טובדיקײט אויסגעוועפּט געוואָרן, אַלע מײַלער האָבן זיך געעפֿנט, די פֿאַרשוױנען בײַ דער טיר האָבן אויסגעזען ווי קראַנקע.

און אין זאַל אַרײַן האָבן זיך געשלײדערט שווערע, בלײַערנע

ווערטער, קאַנטיקע, פֿאַרשפּיצטע ווי קוילן. עס האָט געאָטעמט פֿון זיי מיט בלוט, נקמה און האַס, נקמה אָן די רייכע, וואָס זייגן דעם מאַרך פֿון די אָרעמע, נקמה אָן די „פֿעטע אויסגעפּאַשעטע שפּינען, וואָס זענען פֿעט פֿון אַרבעטערס בלוט"...

— חברים! ווער איז די איצטיקע רעגירונג? פּריצים בורזשויען! ווער זענען איצט די פֿירער — בלוטזויגער! און מיר מוזן ווערן פֿרייע מענשן. וואָס מיר מאַכט? ווער מיר מאַכט? דאָס האָבן די רייכע פּריצים אַראָפּגעוואָרפֿן איין הענקער, כּדי זיך באַקוועמער צו טיילן מיט אונזער בלוט און מאַרך! אויב שוין יאָ אַ מאַכט? — זאָל עס זיין אַן אַרבעטער־מאַכט! אויב שוין יאָ אַ רעגירונג — אַן אייגענע!

און ווידער האָט אַ שוידער דורכגענומען דעם גאַנצן זאַל. דער רעדנער האָט איצט געברענט, ווי פֿלאַמען וואָלטן געשלאָגן אַרום אים; זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פֿונקען און זיינע קינבאַקן האָבן שאַרף זיך געעפֿנט און צוגעקלאַפּט. די ליפּן האָבן אים געציטערט, און זיין שטים האָט ווי אַ שטראָם געשלאָגן:

— בלוט! נקמה! אומברענגען! אויסראָטן! אייזן! קוילן!

אויף דער בינע, צווישן די יום־טובֿדיקע רעדנער איז אַ שטילער טומל און צעמישעניש געוואָרן. אָט־אָט — און זיי פֿאַרלירן די גאַנצע מאַסע. מען האָט דעם רעדנער דערלאַנגט אַ צעטעלע, ער האָט אָבער אין דעם נישט אַריינגעקוקט, האָט עס צוזאַמענגעקוועטשט און אַוועקגעשליידערט. און גרינער גיפֿט האָט זיך געגאָסן פֿון זיין מויל, גיפֿט וואָס האָט געשטראָמט פֿון אַ צעווייטיקט האַרץ, און ער האָט געבייזלט אַ פֿויסט:

— נידער מיט דער צייטווייליקער בורזשואַזער רעגירונג!

— נידער מיט דעם יום־טובֿ!

— זאָל לעבן דער קאַמף!

נאָר דאָ איז עפּעס צעבראָכן געוואָרן. איינער פֿון די פּאַרשוינען, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער טיר, האָט בלייך און רציחהדיק אויסגעבויגן דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט אַ ווײַלע און מיט אַ מאָל אויסגעשריגן הילכיק איבערן גאַנצן זאַל:

— אַ גנבֿ! ס'רעדט אַ גנבֿ!

דער רעדנער איז געבליבן שטיין מיט אַרויסגעזעצטע אויגן,

ווי ער וואָלט אין מיטן רעדן פאַרפרוירן געוואָרן.

ס׳איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל און רעש. די מענש אויף דער בינע האָבן אָנגעהויבן צו אים עפּעס צו שרייען און מאַכן מיט די הענט.

און ווידער האָט זיך דורכגעריסן אַ קול:

— אַ גנב! פון קרימינאַל אַנטלאָפן!

פון דער בינע האָט זיך אַ ווילדער רעווע אַ ריס־געטון „בורזשוי... פּראָוואָקאַטאָר״!. נאָר דאָס קול איז באַלד פאַרשטיקט געוואָרן. עפּעס האָט זיך דאָרט אַ פּלאָנטער פון הענט באַוועגט די מאַסע האָט זיך אָנגעהויבן רייסן צו דער רינע. דאָרט האָט עס געדעוועט, איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעשריגן און דער טומל איז גוואַלטיק געוואָרן.

ביז — אַ שטיק פּלאָנטער האָט זיך אָפּגעריסן, איז אַראָפּ פון בינע, די איבערגעבליבענע האָבן געוואַרט און געקוקט מיט בלייכע פּנימער. דער פאָרזיצער האָט שטאַרק געקלונגען און גע־רופן זיך צו באַרויקן.

דער אָפּגעריסענער פּלאָנטער האָט זיך באַוועגט אין דער מאַסע ביז צו דער טיר. איינציקע געשרייען האָבן זיך געריסן, און ביי דער טיר האָט זיך צעהילכט אַ שטאַרקער קלאַפּ. אַ מוראַדיקער אָך האָט זיך נאָך דעם קלאַפּ אַ ריס געטון: איינער פון די פאַר־שווינען האָט זיך אַראָפּגעזעצט...

* * *

ערשטער טייל

ד פ י ט ש ן

קאפיטל איינס

דער שמאָלער טיפֿער הויף, וואָס האָט געהערט צום הער ווייצמאַן, איז געווען פֿאַרגאָסן מיט זון און אַלע איינוואוינער פֿון דעם גרויסן הויז, מיט פֿרויען און קינדער, זענען געשטאַנען אויפֿגערעגט און בלייך אַרום דעם בעל-הבתּישן מעבל, וואָס איז אויפֿן הויף געלעגן אין אַן אומאָרדנונג. די אלמנה הורוויץ, שוין אַן עלטערע פֿרוי, איז געזעסן אויף אַ פּעקל בעטגעוואַנט און שטיל געוויינט. שטיל האָבן זיך געצויגן די טרערן, ווי‌עפּעס אַ פֿליסיקייט, איבער איר עייִנגעפֿאַלענע באַקן, וואָס האָבן נאָך געהאַט אין זיך אַ צאַרטקייט פֿאַרבאָרגן. זי האָט זיך מער געשעמט ווי זיך באַדויערט. אַלע האָבן געשוויגן, און אַלע זענען געווען אויפֿגערעגט.

אַ קליין ייִנגל איז געשטאַנען נעבן דער מוטער, געשטאַנען מיט אַ געזונקען מיוחסדיק קעפּל, האָט געפֿילט, ווי מען קוקט אויף אים מיט רחמנות און ער האָט דערפֿאַר געהאַט אַן ערנסט פּנימל. — זײַנע שוואַרצע אויגן האָבן רויק און פֿרום געקוקט, און ער האָט זיך אויך געשעמט, כאָטש ער האָט זיך געפֿילט אַ ביסל גרויס בײַ זיך.

— און גאָרנישט? און דאָס וועט אים געשוויגן ווערן?

אַזוי האָט זיך אָפּגערופֿן אַ יונג ווײַבל, וואָס איז געשטאַנען און געציטערט מיט בלייכע ליפּן, און באַלד האָט מען אָנגעהויבן רעדן העכער.

— ווי אַ מענש האָט דאָס נישט מורא פֿאַר גאָט? — האָט זיך אַן עלטערע ייִדענע געוואונדערט. ווי אַ מענש שטעלט עס זיך אונטער און טוט אָפּ אַזאַ זאַך! און וועמען? — דעם וואָס האָט אים פֿון טויט מציל געווען?!

— ווי גיך מען פֿאַרגעסט! ווי לאַנג איז, אַז ער אַליין איז געלעגן און אַ קעלער-שטוב און נישט געהאַט צו צאָלן? ווי גיך אַ מענש פֿאַרגעסט!

און דאָ האָט זיך אַ יונגער אַרבעטער אָנגערופֿן:

— נישקשה, נישט אייביק וועט ער דאָ האָבן די דייטשן. זיין צייט וועט אויך קומען...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אַזוי רויק און מיט אַזאַ זיכער-קייט, אַז אַלע האָבן זיך ווי מיט שרעק אומגעקוקט.

אין טויער האָט זיך באַוויזן באַשקע. זי איז געגאַנגען מיט געטאָסטענע זיכערע טריט, און געטראָגן דעם קאָפּ שטאָלץ גע-הויבן.

זי איז צוגעקומען צום רעדל, איז געבליבן שטיין און רויק איז איר ענערגיש מאַט פּנים געווען. אירע שוואַרצע האָר זענען געווען גלייך געשוירן און א שווערער לאָק האָט געציטערט אויף איר בלייכן אויסגעלייטערטן שטערן. די ברוינע אויגן האָבן איצט געבליט און אונטער זיי איז געלעגן אַ שאָטן, וואָס האָט זיך אויס-געגאָסן אין ראָזער לויטערקייט. די נאָז איז געווען אַ ביסל גרע-סער און שאַרף געשניצט, און דאָס מויל האָט זי געהאַט צוזאַמענ-געפּרעסט און אויסגעצויגן אין דער בריים, ווי זי וואָלט עפּעס אונטער די ליפּן פֿאַרבאָרגן. און אַז די מוטער האָט אויפֿגעהוי-בן אויף איר די פֿאַרוויינטע אויגן — האָט זי רויק מיט פֿאַרביסנקייט געזאָגט:

— איך האָב אים אין געוועלב נישט געטראָפֿן.

— וואָס זשע וועט זיין? וואָס זשע טוט מען איצט?

— ער דאַרף דאָך באַלד קומען אויף מיטאָג.

אַ יידענע האָט איראָניש אַ וויג געטון דעם קאָפּ:

— אַז ער באַהאַלט זיך אומישנע אויס...

און אַ צווייטע:

— און אַז ער וועט נישט קומען אויף מיטאָג?!

באַשקע האָט געשוויגן און געהאַלטן די אויגן צו דער ערד — ווי זי וואָלט עפּעס דאָרט באַמערקט, און האָט אַלץ געהאַלט די ליפּן שטאַרק פֿאַרפּרעסט — — — —

אַ יונג ווייבל האָט אַ זאָג געטון:

— נישקשה... אַ בורזש" וועט דיר זיין מיטאָג נישט שענ-קען...

* * *

דער הער מאַרקוס ווייצמאַן איז בטבע געווען אַ רויקער מענטש. און אַלץ, וואָס ער האָט געטון, האָט ער דורכגעפֿירט מיט זיכערקייט. ער איז איצט געווען אַן אייגנטימער פֿון עטלעכע הייזער און אויך פֿון דעם הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער אוספּענסקי גאַס. דאָרט האָט ער אויך געהאַט זיין פֿאַבריק פֿון מעכאַנישע שיך. פֿון זיינע אַרבעטער האָט ער אַלץ געפֿאָדערט מיט אַזאַ טאָן, אויף וועלכן קיינער איז נישט אימשטאַנד געווען עפּעס צו ענטפֿערן׳ און אַלע בקשות פֿון די אַרבעטער האָט ער אָפּגעזאָגט אַזוי שטיל, רויק און זיכער, אַז דער וואָס האָט געבעטן, האָט נישט געוואַגט זיין בקשה איבערצוחזרן און איז אַוועק מיט בייזקייט אין האַרצן. די אַרבעטער פֿון זיין פֿאַבריק האָבן דעם ה׳ מאַרקוס קיינמאָל נישט געזען שמייכלען, און זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אים אַ טובה צו טאָן. און דערפֿאַר איז זיין באַווייזן זיך אין פֿאַבריק געווען שרעקנדיק און שווער. אַז ער איז אַריינגעקומען — האָבן זיך די אַרבעטער דערפֿילט געדריקט און פֿאַרשקלאַפֿט, און אַלע האָבן געשוויגן: ער איז אַרומגעגאַנגען אַזוי רויק און שטיל, אַז די אַרבעטער האָבן נישט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין ווי אַזוי מען קאָן זינגען ביי דער אַרבעט. און דאָך — האָט זיך יעדע וואָך פֿאַרענדיקט מיט דעם, וואָס אַ פּאָר אַרבעטער זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון פֿאַבריק.

און ס׳איז געווען מערקווירדיק: דער ה׳ מאַרקוס ווייצמאַן האָט שטענדיק געטראָפֿן אָפּצוזאָגן די אַרבעטער, פֿאַר וועלכע דאַן איז אַ גרויס אומגליק געווען, גראָד דאַן, ווען ביי אַן אַרבעטער איז דאָס ווייב געלעגן קראַנק אָדער אַ קינד האָט געגוססט. און אָפּגעזאָגט האָט ער אַזוי שטיל און רויק, אַז ס׳איז נישט געבליבן מער, ווי געבן אַ שפּיי און אַרויסלויפֿן.

אַז אַן אַרבעטער האָט פֿאַרשפּעטיקט, האָט ה׳ מאַרקוס זייער געלאַסן געפֿרעגט:

וואָס זשע? איר זענט עפּעס פֿאַרנומען?

האָט יענער געפּרובט זיך קלאָגן:

— דאָס עלטערע קינד מיינס איז מסוכן קראַנק... אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך נישט אויסגעטאָן.

נאָר ער האָט באַלד איבערגעריסן, וואָרום ה׳ מאַרקוס איז

געבליבן אַזוי קאַלט, האָט נישט געקוקט אויף אים און אַזוי רויק אַרויסגערעדט:

— וואָס זשע — קאָן מען דאָס שרייבן צו די סוחרים?...
און ווי לאַנג אַ שטייגער רעכנט אייער קינד קראַנק צו זיין?...

יענער האָט שוין נישט געענטפערט און די וואָך איז געווען די לעצטע פון זיין ארבעטן אין דער פאַבריק.

און אַזוי האָט אין דער פאַבריק זיך אויסגעהאָדעוועט א שנאה, וואָס האָט שווער און בייז געאָטעמט, און יעדער אַר־בעטער, וואָס האָט די שוועל פון פאַבריק איבערגעטרעטן, האָט די שנאה אין זיך איינגעזאַפּט, ווי אַ שוואָם, וואָס ציט אַריין אין זיך וואַסער.

ה׳ מאַרקוס איז אמאָל שטאַרק אָרעם געווען, און דערפאַר איז ער אויך איצט שטענדיק גערעכט געווען ביי זיך. ער איז גע־בליבן ביי אַלע אַלטע געוואוינהייטן, האָט געהאַט אין שטוב אַ בּרייט ווייב מיט זיבן קינדער — איינס פון אַנדערן אין אַ יאָר גערוקט, און אַז מען זאָל זיי אַלע אויסשטעלן אין איין שורה, וואָלטן זייערע קעפּלעך געצייכנט אַ קרומע ליניע.

און דערפאַר איז געשען: און יאָר 1917, ווען אין אָדעס איז צום ערשטן מאָל געשאַפן געוואָרן אַן אַרבעטער־ראַט און ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט די רויטע גוואַרדיע, האָבן זיך עטלעכע פון די אַרבעטער, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זיין פאַב־ריק דוקא אין די לעצטע טעג פון ווייבס אָדער קינדס גוססן, זיך דערמאַנט אָן דעם ה׳ מאַרקוס מיט דעם רויקן שטילן פעטן פנים, און די גאַנצע שנאה, וואָס זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט ביי אים אין פאַבריק, האָט זיך איצט צעבראָיזט און געזוכט אַ תיקון. און מיט אַמאָל איז אויסגעוואַקסן אַ נקמה־געפיל. שאַרף, שפּיציק און מיט בייזער לעכצונג. זענען זיי איינמאָל אין דער פרי, אין אַ טאָג פון אָנפאַנג פרילינג געקומען אין פאַבריק אַריין מיט רעוואָלווערן, איינער האָט אַפילו געהאַט אַ באָמבע, און שווייגנדיק האָבן זיי געוואַרט אויף דעם נידעריקן קיילעכדיקן גוף פון ה׳ מאַרקוס וויצמאַן.

און דערפאַר איז אויך געשען: די פרוי הורוויץ, הורוויץ דעם מעקלערס פרוי און באַשקעס מוטער, וואָס האָט געוואוינט אויף

דעם הויף, האָט שטאַרק רחמנות געקריגן אויף דעם ווייב מיט זיבן קינדער, וואָס זענען גערוקט איינס פֿון אַנדערן סך-הכּל מיט איין יאָר, איז זי אים געלאָפֿן אַנטקעגן, כּדי אים מציל צו זיין.

זי האָט דעם ה׳ מאַרקוס געטראָפֿן אין גאַס פֿאַרנדיק אויף אַ דראָזשקע, ס׳איז געווען אָנהייב פֿרילינג און ער האָט שוין גע־וואוינט אין זיין הויז, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פֿון ברעג ים, האָט די פֿרוי הורוויץ אָנגעהויבן מאַכן צו אים מיט די הענט און רופֿן:

— הער ווייצמאַן, ווייצמאַן!

ער האָט זיך אויסגעבויגן אויף פֿאַראויס, די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זי איז צוגעלאָפֿן אַ פֿאַרסאָפּעטע:

— האָט רחמנות... פֿאָרט נישט... מען וועט אייך הרגענען!..

— וואָס?

— זיי וואַרטן דאָרט... מיט ביקסן און באָמבעס...

— אַנטאָן אָוודאי...

דאָס האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם הויכן געזונטן שייגעץ, וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט די לעצטע צייט אין זעלבן טאָג, וואָס די מוטער איז אים געשטאָרבן.

— איך ווייס נישט ווער... עטלעכע... אַנטלויפֿט.

ער האָט אָפּגעהוסט און בלייך, גרוי, געגעבן אַ זאָג דעם דראָשקאַרזש, ער זאָל אויסקערעווען אויף אַן אַנדער גאַס. דער דראָזשקאַרזש האָט געפֿאָלגט, דערביי האָט ה׳ מאַרקוס זיך אַביסל אַראָפּגעבויגן און געאיילט:

— שנעלער, שנעלער.

נאָר ווען די דראָזשקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אַן אַנ־דער גאַס, האָט ה׳ מאַרקוס זיך צוריק אויסגעגלייכט, אַפֿילו פֿאַר־לייגט די קורצע דיקע פֿיסלעך איינס אויפֿן אַנדערן, און רויק געצויגן זיין ציגאַר.

פֿאַרנאַכט זענען די זעלבע אַרבעטער געקומען אין זיין הויז, וואָס ביים ברעג ים, נאָר אויך דאָרט האָבן זיי אים נישט געפֿו־נען. איז עפּעס אין זייערע הערצער אָפּגעריסן געוואָרן, ווי אַ האָפֿ־נונג וואָלט פֿלוצלינג אויסגעגאַנגען. אַ שוואַרצער שטן האָט זיך אין די אויגן און מוחות באַזעצט, האָבן זיי מיט אימפּעט זיך גע־

לאָזט לויפן צוריק אין פאַבריק, און אַנטאָן, אַט דער הוילער דאַ-רער שייגעץ מיט דעם ווילדן סקעלעטן-פּנים, האָט געקריצט מיט די ציין און האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווער עס האָט אים צו-וויסן געטאָן... דאָס גאַנצע פּנים האָט אים געפלאַמט, און ער האָט אויס-געזען, ווי עמיצער, וואָלט אים געבונדן די הענט אין הילפלאָז געמאַכט איז ער אַרויס אַ ווילדער אויפן הויף, און דאַן איז דער מעקלער הור-וויץ אָנגעקומען פון גאַס. ער האָט געשפּאַנט מיט דראָבנע שוואַכע טריט און אויסגעבלייכט פּנים, האָט אים אַנטאָן אָנגעכאַפּט פאַר די לאַצן, אָנגעהויבן אים שטאַרק טרייסלען און רעווען:

— וואו איז וויצמאַן ?!... גיב אַהער וויצמאַנען ?!

יענער האָט געקוקט מיט צעשראָקענע קיילעכדיקע אויגן:

— ביסט משוגע געוואָרן ? לאָז אָפּ, רוצח !...

דאָ האָבן זיך אַנטאָנס אויגן ווי איבערגעדרייט און עפּעס ווי רויט געוואָרן. ס'האָט אויסגעזען, אַז אָט וועלן אַרויסשפּרינגען רויטע טרערן פון זיי, און ער האָט זיך ווי אַ משוגענער צערעוועט:

— בורזשויען וועסטו אויסבאַהאַלטן !... „סוואָלאָטשעס" וועס-טו ראַטעווען !... דו — מעקלער, דו...

און ס'האָט זיך דערהערט אַ הילך, אַזאַ קורצער און טעמפּער הילך. דער בלייכער הורוויץ האָט זיך אַ שאָקל געטון, זיך אויס-געצויגן אויף דער ערד און געבליבן רויק...

* * *

איצט איז שוין געווען דער אָנהייב פרילינג פון יאָר 1918 ווען די שטאָט איז געווען אָקופּירט פון די דייטשן. ה' מאַרקוס האָט שוין נישט געדענקט אין דער גאַנצער מעשה, בכלל האָט ער נישט געהאַט קיין טבע צו געדענקען, אַז מען האָט פאַר אים עפּעס געטאָן. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז פאַר אַזאַ דירה פון דריי צי-מערן מיט אַ קיך, אין וועלכע פרוי הורוויץ וואוינט, קען ער איצט — ביים דירות-מאַנגל — באַקומען אַ שיינע עטלעכע טויזנ-טער „אָפּטרעט-געלט" און נאָך האָט ער געוואוסט, אַז שוין אַ יאָר צייט, ווי די פרוי הורוויץ האָט אים קיין דירה-געלט נישט באַ-צאָלט. מען זאָגט, אַז זיי זענען איצט שטאַרק פאַראָרעמט איז וואָס זשע ? איז ער איין מענטש אויף דער וועלט, וואָס דאַרף אויס-האַלטן אַן אלמנה ? און וואָ! האָט עס צו זיין דירה ? און צו וואָס

דאַרף אַן אַלמנה, היינטיקע צייטן, דריי צימערן? בכלל איז עס אַ מיאוסע זאַך, האָבן צו טאָן מיט קבצנים. האָט ער עס איבער־געגעבן זיין אַדוואָקאַט, פֿרוי הורוויץ האָט זיך פֿון דעם דערוואוסט, איז אַ פּאָר מאָל געקומען צו אים זיך קלאָגן, נאָר ער האָט רויק אויסגעהערט און געזאָגט, אַז ער דאַרף האָבן די דירה פֿאַר זיך ער קען איר געבן צושטייער זי זאָל זיך אַרויסציען. ביז פֿרוי הורוויץ האָט זיך שטאַרק צעוויינט, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, רחמנות געהאַט, און זי איז אַוועק, צוקלאַפּנדיק די טיר און נישט געוואוסט צי זי האָט געפּועלט צי נישט.

די איינוואוינער פֿון הויף האָבן געלאַכט פֿון איר, וואָס זי נעמט זיך דערפֿון צום האַרצן, — ס'איז דאָך אַ נאַרישקייט, אַפֿילו מאַרקוס וועט אויך נישט האָבן אַזאַ גזלניש האַרץ. אָט סטראַשעט ער, אָבער טון וועט ער עס נישט... נאָר היינט איז געקומען דער קאָ־מאָרניק, אַרויסגעשטעלט די זאַכן און אַרויפֿגעהאָנגען אַ שלאָס אויף דער טיר. —

דאַן איז באַשקע אויפֿגעשטאַנען און געזאָגט:

— לאָמיך נאָר מיט אים אַ רעד טאָן.

דער גאַנצער הויף איז געווען אויפֿגערעגט, איצט איז די שנאה וואָס האָט געוואוינט אין פֿאַבריק אַרויס אויפֿן הויף.

באַשקע איז געשטאַנען רויק און געוואַרט. די זון איז גע־ווען אינמיטן הימל און די ווייס־געקאַלכטע ווענט פֿון הויף זע־נען געווען העלער און טרויעריקער. שכנים האָבן נישט געקענט פֿאַרלאָזן די פֿרוי הורוויץ מיטן מעבל, זענען זיי אַריינגעלאָפֿן אין די שטובן און צוריק אַרויסגעקומען.

איין שכנה האָט אַפֿילו פֿאָרגעלייגט, אַז „זאָל אים דאָס שוואַרצע יאָר נעמען" און פֿרוי הורוויץ זאָל זיך אַריינציען צו איר אין דירה, זי וועט איר אָפּטרעטן איין צימער. נאָר באַשקע האָט דאָ מיט אַמאָל אַ ציטער געטאָן, פֿון די אויגן־ווינקלען זענען אַראָפּגעפֿאַלן צוויי טראָפּן. באַלד האָט זי זיך באַהערשט און גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין".

— וואָס וועט איר מיט אים מאַכן, וואָס? איר זעט דאָך, אַז איר האָט צו טאָן מיט אַ רוצח, נישט מיט קיין מענטש.

באַשקע האָט ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ — ניין.

— און אפשר? — האָט שוין די מוטער געפרעגט — וואָס דען קען מען טאָן? אַז מיר זענען ביי זיי אין די הענט?

— דאָס וועסטו דאָך נישט פאַרשטעטיקן.

נעבן טויער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ דראָזשקע.

באַשקע האָט זיך אָפּגעריסן פון איר אָרט, איז צוגעגאַנגען נענטער צום איינגאַנג פון מאַרקוסעס דירה, וואָס איז געווען מיט פאַרמאַכטע טירן. איצט האָט זי געוואָלט בעטן, וויינען, דאָס האַרץ האָט אין איר געציטערט פון בושה.

אין טויער האָט זיך באַוויזן וויצמאַן. ער איז געגאַנגען מיט רויקע ווייכע טריט און זיין קיילעכדיק גופל האָט זיך שטאַרק אָנגעזען. דאָס גלאַט־ראַזירטע פולע פנים האָט עפּעס געבלאַנקט פון אונטערן שוואַרצן האַרטן הוט, ווי ער וואָלט דאָס געקומען פון באָדן זיך. ער האָט רויק געוואָרפן אַ בליק אויפן הויף, און זיך געגאַנגען; ווי דאָס אַלץ וואָלט מיט אים קיין שום שייכות נישט געהאַט. און דאָ איז מיט באַשקען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס גע־שען: אירע ברוינע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט, און די ציין האָט זי צוזאַמענגעדריקט. איצט האָט זי פאַרגעסן, אַז מען קען בעטן. זי האָט דערזען אַ פאַרביטערטן שונא פאַר זיך, אַ שונא, וואָס האָט זייער שטוב געשענדט און דאָס גאַנצע בלוט אין איר האָט גע־רופן און געלעכצט: נקמה.

זי האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט. באַלד האָבן זיך די שכנים אַרומגעשטעלט אַרום זיי.

— ה׳ וויצמאַן... און דאָס — בעפעלט אייך?

אַלע האָבן געקוקט מיט שנאה, און פרוי הורוויץ האָט פאַרט אַרויסגעלאָזט אַ היסטעריש געוויין. עפּעס האָט דאָס געווײן שוין אַליין זיך אַרויסגעבראָכן.

— ווער זענט איר?

אַזוי האָט ה׳ מאַרקוס געפרעגט, אַביסל בלייכער געוואָרן, נאָר מיט קאַלטער רויקייט.

— איר קענט מיך שוין נישט?

— פון דעם הויף זענט איר.

— איך בין הורוויצעס טאָכטער! איצט ווייסט איר שוין?

— אַ הורוויצעס, איז וואָס זשעווילט איר?

דעם מיידלס פּנים האָט זיך אײנגעגאַסן באַגאָסן מיט אַ טונ־קעלע רויטקייט, זי האָט אַ ווײַלע געקוקט צעטומלט און דערנאָך אויסגעצויגן די האַנט, ווײַזנדיק אויפֿן מעבל.

— וואָס זשע ווײַזט איר מיר? — דאַרף מען געפֿינען אַ דירה און זיך אַרײַנציען.

— וואָס איך ווייס אייך? נו און אַז מײַן טאַטע ליגט אין דער ערד?

— דעריבער?

— דעריבער?!!

זי האָט עס ווילד אַרויסגעשריגן מיט אַ קוויטש, איר האַנט האָט אַ שאַרווע געטון, געפֿאַלן אויפֿן גלאַטן גלאַנציקן פּנים און ס'האָט אָפּגעהילכט שפּאַטיש. דער שוואַרצער הוט האָט זיך אַ קוי־לער געטון, און אַ גלאַטיק פֿאַרקעמטער קאָפּ מיט שיטערע האָר, האָט זיך אָפּגעדעקט.—

דאָ האָט זיך ה' מאַרקוס אַ ריס געטאָן צום אַרײַנגאַנג. באַש־קע האָט זיך געכאַפּט פֿאַרן האַרץ און זיך געלאָזט נאָך אים מיט אַ קוויטש, ס'איז געוואָרן אַ געשריי און אַ ליאַרם, די טיר האָט זיך פֿאַרקלאַפּט, און באַשקע האָט ווי אַ צעדולטע אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פֿויסטן אין איר...

אויף דער ערד האָט זיך געוואַלגערט דער שוואַרצער הוט אַ צעטרעטענער.

ס'איז געוואָרן אַ טומל און אַן אָנגעלויף. באַשקע האָט איצט היסטעריש געשריגן. שכנים האָבן אויף איר געשפּריצט וואַסער. דער הויף איז געוואָרן פֿול מיט מענטשן, פֿון גאַס איז מען זיך צונויפֿגעלאָפֿן.

באַשקע האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן, נישט געוואָלט אַרײַנגיין אין אַ שטוב. זי האָט זיך באַרויקט און אַ מידע זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטול, וואָס איז אויפֿן הויף צווישן מעבל געשטאַנען. דער הויף איז געוואָרן אַלץ פֿולער און רעשיקער...

ס'האָט זיך שוין געפֿילט די דערנענטערונג פֿון אָוונט. די זון האָט איצט באַלויכטן נאָר דעם אייבערשטן טייל פֿון די אויס־געקאַלעכטע ווענט. דער הויף איז געווען ווי אײַנגעדעקט אין אַ טונ־קעלער צודעק, וואָס האָט צוגעדעקט אויך דעם הינטערשטן טייל

פון די ווענט, און קוים צו באַמערקן, ווי דער טונקעלער שאָט־ציט זיך אַרויף העכער און העכער און מאַכט גלאַנציקער די שויבן פון די פענצטער. דער הויף איז געווען פול מיט פרעמדע מענטשן. אַלע האָבן זיך פאַרנאַכטיק געשושקעט, אין אַלע ווינקלען זענען געשטאַנען רעדלעך און זיך איינגעהערט, וואָס אַ שכן דערציילט. אַלע ווײַלע האָט די גאַס אַרײַנגעשפּיגן אַ פּאָר פרישע מענשן, וואָס האָבן נײַגעריק זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס מען דערציילט, און די שׂנאה האָט אויך ווי אַ שאָטן געפלאַטערט; דיקע שווער־סאַפּעדיקע מענטשן, יונגע ענערגישע פּאַצעטיש-עלעגאַנטע האָבן אויסהערנדיק געגעבן אַ קנייטש מיטן שטערן, אויפגעהויבן די ברעמען, צוריק זיי אַראָפּגעלאָזט און אַוועק, פאַרגעסן דאָס, וואָס זיי האָבן דאָ געהערט. עטלעכע מענטשן מיט שווערע אויס־געהאָרעוועטע טריט, האָבן אָפּגעזיפצט און געבליבן שטיין שאָק־לענדיק באַדויערנד מיט די קעפּ. יונגע אַרבעטער האָבן שטאַרק געדריקט די קין־באַקן און געבליבן פאַרטראַכט, קוקנדיק מיט גרויסע וואונדער־אויגן אויף באַשקען, וואָס איז געזעסן אַ מידע אויף דער שטול. —

נאָר מיט אַ מאָל איז עפּעס אומגעווײַנלעכס געשען: אין הויף זענען אַרײַן עטלעכע פאַרשוינען. אַלע זענען געווען אָנגעטון גאַנץ עלעגאַנט און די פּנימער זייערע זענען עפּעס געווען צופיל רויק. צווישן זיי איז געווען איינער, וואס האָט געטרעטן פאָרויס, דאָס איז געווען אַ הויכער שלאַנקער מאַנספאַרשוין, אָנגעטון אין שטיוול, מיט אַ היטל אויפן קאָפּ. זיין פּנים איז געווען ליידנד ביז קרענקלעכקייט פאַרעקשנט, די באַקן אײַנגעפאַלן און די אויגן האָבן געבלישטשעט מיט פרעמדקייט און וואַרעמקייט. עפּעס איז אין זיי געווען אַ פּאָטערלעכע דערבאַרמונג און צוזאַמען מיט דעם אַ שרעק. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ רעדל און זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי ווי ער וואָלט ספּעציעל געקומען הערן וואָס דאָ קומט פאָר. די איבעריקע, וואָס זענען מיט אים געקומען — האָבן זיך צעשטעלט אין די זייטן, ווי זיי וואָלטן איינער דעם צווייטן נישט דערקענט.

דער הויכער פאַרשוין, האָט רויק אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע, דערבײַ איז זיין פּנים געוואָרן בלאַסער און די גרויסע באָזלעכער האָבן זיך אַלץ מער געעפנט. זיין שפּיציקע נאָז, וואָס

איז געווען עטוואָס געבויגן צו דער ליפּ, איז עפּעס נאָך מער פאַר־שפּיצט געוואָרן און לסוף האָבן זיך זיינע אויגן־הייטלעך אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט געוואָלט איינדרימלען. זיינע ציין האָבן זיך שטאַרק צונויפגעדריקט און ס'האָט פון אים אַ בלאָז געטון מיט ווילדקייט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו באַשקען, געקוקט אויף איר מיט פאַרגאַפונג — ווי ער וואָלט אַ וואונדער דערזען. א?... שאַ... זי איז דאָך... אין זיינע אויגן האָט אויפגעפלאַמט אַזוי פיל רחמנות, אַז ער האָט געפילט טרערן אין האַלז.

— פריילן.

באַשקע האָט אויפגעהויבן אויף אים די גריוסע ברוינע אויגן און עפּעס איז איר אין האַרצן ענג און וויך געוואָרן פון זיין בליק.

— איז וואָס זשע וועט איר דאָ זיצן?

זי האָט נישט געקענט ענטפערן, נאָר אָפּגעזיפצט.

די שכנה האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— פאָלגט מיך... זאָל מען אַריין נעמען די זאַכן... מילא, וואָס וועט איר מאַכן מיט אַ גזלן? אַז יענער איז אַן אמתר רוצח.

באשקע האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין. דערביי האָבן זיך אירע האָר ענערגיש אַ טרייסל געטון אַרום איר קאָפּ און דער לאָק אויפן שטערן האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און געפאַלן אויף דער נאָז. —

דאַן האָט דער הויכער אַ ווינק געטאָן צו די דאָזיקע, מיט וועלכע ער איז אָנגעקומען און זענען איצט געשטאַנען באַזונדער ווי פרעמדע. יענע האָבן זיך צו אים דערנענטערט און ער האָט זיך געלאָזט מיט פעסטע, געציילטע טריט צום אַריינגאַנג אין מאַר־קוסעס דירה. די פאַרשווינען זענען אים נאָכגעגאַנגען.

אַלע האָבן דערזען זיין צוגאַנג און זענען שטיל געוואָרן מיט אויסגעשטעלטע אויגן.

ער האָט געפּרוּווט עפענען די טיר — זי איז צו. ער האָט אָנגעקלאַפּט, געוואַרט אַ ווייל — שטיל. אַלע מענשן פון הויף האָבן זיך צו אים דערנענטערט.

זיין פּנים איז געוואָרן געוואַלטיק בלאַס. האָט ער זיך איינ־

געבויגן, מיט איין אַקסל אַ שפּאַר געטון די טיר. עס האָט זיך דער־הערט אַ קרעכץ פון אייזן און האָלץ וואָס ברעכט זיך, נאָך אַ שטויס און די טיר האָט זיך געעפנט נישט ראַפּטום, נאָר לאַנגזאַם. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע פאַרשוינען, און עפּעס האָט ער זיי מיט דעם בליק געזאָגט. יענע האָבן זיך באַלד צעשטעלט אויף פאַרשידענע ערטער. איינ ר איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און צוויי זענען אַוועק צום טויער.

— פריילין! — האָט ער געשריען.

באַשקע האָט געקוקט און נישט פאַרשטאַנען.

— קומט מיט מיר!

ער האָט עס געזאָגט אַזוי רויק, ווייך און באַפעלעריש, אַז זי איז באַלד צוגעגאַנגען, איז אַריין די ערשטע און ער נאָך איר. דער פאַרשוין וואָס איז געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג, האָט אַזוי געקוקט, אַז קיינער האָט זיך נישט איינגעשטעלט נאָכצוגיין.

דער הער מאַרקוס האָט זיי באַגעגנט אין זיין אויסגעפּוצטן רייכן עס־צימער מיט דער זעלבער רויקייט און זיכערקייט, ווי ער האָט באַגעגנט אַן אַרבעטער פון זיין פאַבריק, וואָס קומט עפּעס בעטן. באַשקע האָט גאָרנישט געקאָנט זאָגן און מאַרקוס האָט אויסגעשטעלט זיינע אויגן, וואָס זענען געזעסן טיף אין פּנים און אַרויסגעקוקט ווי שאַרף־גלאַנציקע גריילן־קעפּלעך.

דער הויכער פאַרשוין האָט געזאָגט:

— דאָס זענט איר דער שיינער בעל־הבית?

— און ווער זענט איר? — האָט מאַרקוס געפרעגט.

— איך וועל אייך באַלד זאָגן. און איר, פריילין — זעצט זיך, — האָט ער אַרויסגערוקט אַ שטול פאַר באַשקען. באַשקע האָט זיך אָבער נישט געזעצט, זי האָט זיך נאָר אָנגעהאַלטן אין ווענטל.

— איך פאַרשטיי נישט, האָט מאַרקוס אָנגעהויבן.

דער פאַרשוין האָט געגעבן אַ רוק אַריין די האַנט אין זיין הויזן־קעשענע, געגעבן זי אַ שלעפּ אַרויס, עס האָט אַ פינקל געטון און ער האָט די הענט מיט דעם פינקלענדיקן אויסגעצויגן, פאַר־בייסנדיק די ליפּן און פון זיינע אויגן האָט רויטלעך אַ גלאַנץ געטון.

— איר פאַרשטייט שוין?

הער מאַרקוס האָט אַ ציטער געטון, דערזעענדיק דאָס פּיסקל פון רעוואָלווער. דער קאָפּ זייבער האָט זיך טיף אַראָפּגעזעצט צווישן די אַקסלען און ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט הינטער־ווייַלעכס

— ווער איך בין, ווילט איר וויסן? איך בין „מישקע יאַפּאָנטשיק“, אַ באַקאַנטער נאָמען?

ה. ווייצמאַן האָט דערהערנדיק דעם נאָמען, אַזאַ ציטער געטון, אַז ער איז שיער אומגעפאַלן. האָט אויסגעצויגן די הענט פאָראויס, שאָקלענדיק מיט די ליפּן און נישט געקענט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט פון גרויס שרעק.

— אויסוואורף! ווייניק פאַר דיר, וואָס דו באַרויבסט די אַרבעט פון הונדערטער מענשן, ווילסטו נאָך באַרויבן יענעמס ערע און לעבן? ווייניק פאַר דיר, וואָס אַ מענש איז צוליב דיר אומגעקומען, ווילסטו נאָך חוזק מאַכן פון זיין אומגליקלעכער פאַמיליע? און דאָס לעבן פון אַ מענש איז נישט ווערט אַזוי פיל, וויפל דאָס דירה געלד? דיין טויט וועט דאָ זיין!

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן רעוואָלווער און ה. ווייצמאַן האָט אַלץ געקוקט מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע אויגן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— איר פאַרשטייט...

— איך פאַרשטיי, אוודאי פאַרשטיי איך... ווילסט נעמען געלט פאַר דער דירה, מיט מישקען שפּיל זיך נישט! הונט איינער! איך בין דאָך אַ באַנדיט... דו ביסט דאָך אַ געזעצלעכער בעל־הבית! — ער האָט אויסגעקרומט די ליפּן מיט ווייטיק.

די טיר האָט זיך געעפנט און מאַדאַם ווייצמאַן איז אַריין. אַ הויכע, שטאַרק דיקע מאַדאַם, זי האָט געקוקט מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און געוואַלטיק בלאַס פּנים. די בלייכע הענט האָבן געקוקט מיט גאָלדענע בראַסלעטן און מעדאַליאָנטשיקעס.

דערזען דעם פּאַרשוין מיטן רעוואָלווער — האָט זי אַרויסגעגרילצט:

— מאַרקוס! וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש?

האָט מישקע געמאַכט צוויי טריט נענטער צו איר, האָט זי אָנגעכאַפּט פּאַר אַ האַנט, זי האָט אַרויסגעשלוכצט מיט אַן אוי-אוי! און ער האָט זי צוריק אַרויסגעשטופּט, פאַרמאַכנדיק נאָך איר די טיר. ה. מאַרקוס האָט זיך אַ ריר געטון, געוואָלט מאַכן אַ טריט דערהערנדיק איר היסטערישן קוויטש, נאָר מישקע האָט אויפ-געהויבן קעגן זיין פּנים דעם רעוואָלווער און ער איז צוריק-געטרעטן.

נאָך וואָס זאָל זיך אַזאַ פּעטע פּופּע דערשרעקן? עס קאָן נאָך פון איר אָפּפאַלן אַ פּאָר פונט שמאַלץ, אַ שאָד! — האָט מיש-קע געשמייכלט. זאָל זי דאָרט טעלעפאָנירן נאָך פּאָליציי — די שומרים אייערע — זאָל זי מאַכן אַ געוואַלט: אַ באַנדיט אין הויז פון אַזאַ אָרנטלעכן, געזעצלעכן מענטשן. נאָר ס'מאַכט נישט אויס, זי וועט זיך אומזיסט באַמיען. אַז מישקע גייט ערגעץ אַריין, האָט שוין דער טעלעפאָן אַ טבע, נישט צו רעדן און די איינגענג זענען באַוואָרנט.

— איז וואָס זשע ווילט איר פון מיר? — האָט ה' מאַרקו קוים אַרויסגעציטערט.

— וואָס איך וויל? קודם באַרויקט אייך און פאָלגט וואָס מען הייסט אייך. זעצט אייך אַוועק... אָט אַזוי. איצט נעמט פּאַ-פּיר — זיצט, זיצט, זייט אייך נישט מטריח... אַ שאָד צו פּייניק. אייער קײלעכדיקן אָרנטלעכן גוף. אָט האָט איר פּאַפּיר מיט טינט און פעדער. ער האָט עס גענומען פון שוואַרצן בופעט, וואָס האָט געגלאָצט פון וואַנט אין שטוב אַריין. אָט אַזוי, און איצט שרייבט...

מישקע האָט דיקטירט און ה' ווייצמאַן האָט געשריבן, אַז ער האָט באַקומען באַצאָלט דירה-געלט פאַר צוויי יאָר לויט דעם חשבון וואָס עס קומט אויס... ער איז דערפאַר מבטל דעם משפט און גיט צוריק די שליסלען.

— אָט אַזוי. אויפגעשריבן? — גוט. איצט גיט אַהער די שליסלען.

— זיי זענען אין דער צווייטער שטוב.

— זייט זשע זיך מטריח און ברענגט זיי אַריין, — האָט ער געשמייכלט.

ה׳ ווייצמאַן האָט אַ פּאָר מאָל געוואָרפן אַ בליק אויפן רע־וואָלווער, וואָס ביי מישקען אין האַנט, און איז אַרויס אין דער צווייטער שטוב.

איצט האָט מישקע געזען ווי באַשקע שטייט מיט אויפגעריסענע אויגן, ווי זי וואָלט אַ וואונדער געזען.

— שרעקט אייך נישט, קיינער וועט זיך פון דער שטוב נישט אַרויסכאַפּן... אַלע וועגן זענען פאַרשטעלט און דער טעלעפאָן איבערגעשניטן.

— דאָס זענט איר...

— נו יאָ... דאָס בין איך טאַקע אָט דער „מישקע יאַפּאָנטשיק״... אַזאַ צונאָמען... איר האָט דאָך מסתּם געהערט וועגן אַזאַ באַנדיט? יאָ? מילא..: אַזוי הייס איך ביי זיי... איך פאַרשווייך דאָך זייער געזעצלעכקייט, — נאָר אויב מיר וועלן זיך נאָך ווען עס איז באַגעגענען, וועט איר זיך אפשר דערמאָנען ווער איך בין און זיך איבערצייגן, אַז ס׳איז נאָך נישט אַזוי, ווי מען זאָגט... וואָס זוימט ער זיך דאָרט? כאַ-כאַ... ער פּרוּאווט זיך אַוודאי טע־לעפאָנירן. אומזיסטע מי...

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי געעפנט און שוין גע־טראָפן דעם ה׳ ווייצמאַן זיך דערנענטערן מיט די שליסלען אין דער האַנט.

— וואָס־זשע? איר האָט נישט געגלייבט, אַז דער טעלעפאָן רעדט נישט? ווייסט־זשע, אַז מישקע זאָגט נישט קיין ליגן. און אַז איך זאָג, אַז איר וועט גאָרנישט מאַכן, מעגט איר גלייבן. איך בין דאָך נאָר אַ באַנדיט און נישט קיין פאַבריקאַנט... איך זאָג נאָך אמת... אָט דאָס זענען די שליסלען? אַ דאַנק. וועגן איבעריק וועל איך אייך מודיע זיין. נאָר געדענקט. מיינט נישט, אַז איר וועט מישקען איבערכ׳טרעווען...

* * *

ס׳איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט, די טונקעלע צודעק האָט שוין געהאַט פאַרכאַפּט די ווענט און אויפן דאַך אַרויף. דער גאַנצער הויף מיט די מענטשן האָט מיט שמייכלענדיקע אויגן געקוקט אויף דעם וואונדערלעכן פאַרשוין. ווייבער האָבן אים באַטראַכט מיט פרוּמע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געגלייבט: אָט דאָס איז ער?...

און מישקע איז געשטאַנען רויק און שטיל, געקוקט ווי מען טראָגט אַרויף די זאַכן.

ווען אויפן הויף זענען שוין די זאַכן נישט געווען, איז באַשקע צו אים צוגעגאַנגען און אים געדריקט די האַנט מענעריש־שטאַרק.

— איך דאַנק אייך... איך דאַנק אייך!... און איר זענט מיר עפּעס באַקאַנט...

ער האָט קוים געשמייכלט און זיין פּנים איז געווען באַשיינט פון עפּעס א וואַרעמקייט און זיינע אויגן האָבן מיט גליק און ווייכקייט געלויכטן.

— קומט צו אונז... האָט באַשקע צוגעגעבן.

— גוט, אַ גוטע נאַכט...

האָט זיך אויסגעדרייט, זיינע מענשן זענען באַלד נעבן אים געשטאַנען און נאָך אים אַרויס אין גאַס אַריין...

*　　　*　　　*

קאַפּיטל צוויי

דורך די פענסטער האָבן קוים זיך געצויגן צוויי פּאַסן ליכט, וואָס זענען געווען פונאַנדערגעשיידט מיט אַ טונקעלן דיקן שטריך און זענען געפאַלן אויף די פאַרמאַכטע טירן, וואָס האָבן געשוויגן שטייענדיק פאַרגליווערט אין ווינקל. אין צימער איז געווען אַ פאַרטראַכטע רויקייט. אַ פליג נאָר האָט געזשומעט און זיך אַלע ווײַלע אָנגעקלאַפּט אין שויב פון פענסטער.

מישקע איז געלעגן רויק אויפן בעט, געהאַט די הענט פאַרוואָרפן אַרויף איבערן קאָפּ, האָט זיך צוגעהערט ווי די פליג זשומעט און עס איז אַזוי שטיל, און אַ פאַרהוילענע שרעק האָט אים געבלאָנדזשעט אין האַרצן, אַ שטייגער — ווי דאָס האַרץ וואָלט געפילט אַ גרויס אומגליק דערנענטערט זיך. דאָס העמד איז אים

געווען צעכראַסטעט און פון דער ברוינער שוואַרץ־האָריקער ברוסט אַראָפּ, האָט געקוקט אַ קליין גאָלדן לענגלעך ברעטעלע אין דער פאָרם פון לוחות, און אויף דעם — שאַרף אויסגעקריצטע עשרת־הדברות.

דערהערט דריבנע ווייכע טריט אין פאָדערשטן צימער, האָט ער זיך אַ קער געטון מיטן פנים צו דער טיר, דאָס גאַנצע ברע־טעלע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער ברוסט און געבליבן העג־גען אין דער ליידיקייט, אויף דעם דינעם גאָלדענעם קייטעלע, וואָס האָט דעם דיקן האַלז אַרומגענומען. האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן עלנבויגן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און אַזוי אַ ווײַלע גע־קוקט אויף דער פּאָדלאָגע. מיט אַמאָל אויסגעשפּיגן, און זיך ווי־דער גלייכגעלייגט.

האָט זיך די טיר געעפנט און רעוועקאַ איז אַריינגעקומען אָנגעטון אין אַ ווייס־קורצן געשטיקטן פּעניואַר, און שטיל נאָר שלאַנק שטייען געבליבן אין די רויטע סאַמעט־שיכלעך.

— מישאַ?

ער האָט אויסגעקערט צו איר דעם קאָפּ און געשוויגן, קוקנדיק מיט כמורנע אויגן. זיין פנים איז געווען ווי פאַרוואָלקנט און די ליפּן צוזאַמענגעדריקט. אַ ווײַלע האָט ער אַזוי געקוקט. נאָר מיט אַמאָל, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט — האָט ער געגעבן אַ וואָרף אַרויס ביידע פיס פון אונטער דער קאָלדרע, גע־בליבן זיצן, ווי ער וואָלט זיך ווידער פאַרגעסן.

— וואָס זשע שטייסטו אַזוי?

— ווייס איך? אַז דו שווייגסט.

און ברוגזדיק אָפּגעווענדט די אויגן פון אים.

— איך שווייג!...— האָט ער פויל גערעדט, ווי צו זיך אַליין. אַ הונט האָוקעט און אַ מענש שווייגט... איך שווייג...—

האָט אָנגעטון די זאָקן מיט די שטעק־שיך, גרין־סאַמעטענע מיט קווייטן, אַרויפגעצויגן די הויזן, און זיך אויפגעשטעלט שוין אומרויק.

— האָסט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן, רעוועקאַ?

— כ'האָב געמיינט די שלאָפסט נאָך, האָב איך דיך געוואָלט אויפוועקן. שוין שפּעט.

— און האָסט מיך גאָר געטראָפן אַן אויפגעשטאַנענעם? —
אַ ווײַלע האָט דער שמייכל אַ שיין געטון, באַלד פאַרגאַנגען, ווי ער וואָלט איינגעזאַפּט געוואָרן אין פּנים. האָט צוגעשפּאַנט ביז דעם פענסטער און איבערגעשפּאָלטן די פּאַסן ליכט, וואָס זענען אונטער אים פאַרטונקלט און קלענער געוואָרן. האָט אַרויסגענומען פון קע־שענע דעם גאָלדענעם „פּאָרטסיגאַר", האָט פאַררייכערט אַ פּאַפּי־ראָס, אַ טאָפּלטן שטאַרקן צי געטאָן און אַרויסגעיאָגט צוויי פּאַ־סיקלעך רויך דורך די ברייט-געעפנטע נאָזלעכער. מיט אַמאָל זיך אויסגעדרייט צו זיין פרוי, וואָס האָט נאָך אַלץ געקוקט אַזוי פאַרוואונדערט.

איז צוגעגאַנגען האַרט צו איר. זיין האַנט האָט לייכט אַ פּיר געטאָן איבער אירע שוואַרצע האָר, וואָס זענען געהאָנגען צע־לאָזט אין לאָקן, ווי שוואַרצע דיקע ווערעם, וואָס הענגען מיט די קעפּ אַראָפּ איבער אירע אַקסלען. האָט צוגעלייגט זיינע ליפּן צו איר שטערן, אירע אויגן האָבן זיך ווי מיט אַ פייכטן טוי איבערגעצויגן און זיך עטוואָס פאַרמאַכט, ווי ביי אַ קאַץ, ווען מען גיט איר אַ גלעט איבערן קעפּל. ער האָט געזאָגט.

— וואָס זשע שטייסטו? זעץ זיך.

זי האָט זיך געזעצט אויף דער שטול, וואָס איז געשטאַנען, און ער האָט געשפּאַנט לאַנגזאַם, געצויגן דעם פּאַפּיראָס, און גע־רעדט—נישט קוקנדיק אויף איר.

— ס'איז עפּעס ענג... פאַרשטייסט: אַז עס קומט דער פרי־מאָרגן און איך בלייב אַליין — באַפאַלט מיך עפּעס אַ שרעק... איך דערמאָן זיך וואו איך בין אין דער וועלט... פאַרשטייסט, מען האָט פאַר מיר מורא... און מיר איז עפּעס נישט גוט... עפּעס ווי איך וואָלט אַלעמען געווען פרעמד... נישט גוט...

— וואָס איז דיר, מישע? — עפּעס גייסטו אַרום אַ שווייג־דיקער, האַ?

— וואָס מיר איז? — האָט אָוועקגעלייגט דעם פּאַפּיראָס אין אַש-שיסעלע, — פאַרשטייסט, ווי זאָל איך עס דיר זאָגן... פריער בין איך געווען אַ גנב... און איצט בין איך אַ באַנדיט.. אַ באַנדיט, מער נישט!

האָט אַראָפּגעלאָזט טרויעריק דעם קאָפּ, אויסגעצויגן דעם

האָלז ווי אַ פאַרבענקט פערד, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול, וואָס איז געשטאַנען ביי דער צווייטער זייט פון שוואַרצן טישל, האָט זיך אַראָפּגעבויגן, דאָס ברעטעלע איז אים ווידער אַראָפּגע־פאַלן פון דער ברוסט און געבליבן הענגען. האָט ער עס אין האַנט גענומען, געהאַלטן אַ ווײַלע צווישן די דיקע פינגער און אָנ־געהויבן רעדן מיט אַ שטיל הייזעריק נאָר ריין קול:

— זעסט.. אָט דאָ שטייט געשריבן „לא תרצח" — זאָלסט נישט הרגענען! מיינסטו, אַז עס טוט מיר נישט ווי? אַז איך בין געבוירן געוואָרן אַ „מישקע יאַפּאָנטשיק"? איך בין דאָך געווען אַ סאָציאַליסט... און אַפילו אַן אַנאַרכיסט... איצט בין איך אַ באַנדיט.. אַז מען הרגעט ווען מען איז אַ סאָציאַליסט, איז עפּעס אַנדערש... פאַר אידעען, און ווען מען איז אַ באַנדיט איז ווידער עפּעס אַנ־דערש... עס טוט ווי.,. קוק נישט אַזוי דערשראָקן... איך האָב צו דיר קיין טענות נישט... ס'איז נישט צוליב דיר... כאָטש דו האָסט אַזוי חשק צו שיינע קליידער... נישט צוליב דעם טו איך עס... איך קען זיי נישט פאַרטראָגן... אָט די בורזשויען... פאַרשטייסט? איך האַלט נישט אויס פון זייער אָנגעפרעסנקייט און ברייטקייט... גיב אַ קוק אויף מאָלדעוואַנקע... בלייכע, אָפּגעריסענע, הונגעריקע, אַז דאָס האַרץ פאַרקוועטשט... און דאָרט אין צענטער — אַזעלכע אויסגע־פאַשעטע, זאַטע, אויסגעפּוצטע, און זיי זענען נאָך קלוג... דאָס זעלבע זאָגט אַ סאָציאַליסט און... ס'איז עפּעס אַנדערש... נאָר מיך — מען האָט מיך פאַרטריבן...

האָט מיט בייזקייט פאַרמאַכט דאָס מויל און באַלד זיך גע־כאַפּט:

— נעכטן, הער אויס, נעכטן ביינאַכט...

— מישע, — האָבן זיך אירע רויטע ליפּעלעך אויסגעצויגן און די שוואַרצע אויגן אירע האָבן זיך צעברענט מיט עפּעס היינ־טישער געטריישאַפט און אינערלעכן שטאָלץ, וואָס נאָר מישקע האָט עס פאַרשטאַנען.

— לאָז אַ ווײַלע... איך ווייס, וואָס דו ווילסט זאָגן... אַז זיי זענען נישט בעסער... אָבער הער, נעכטן ביי נאַכט זענען מיר אַוועק צום באַנקיר, אָט דער וואָס האָט אַ באַנק אויף רישעליעווסקי. מיר האָבן פון אים געפאָדערט פופציק טויזנט, מ'האָט אונז אַריינ־

געלאָזט, ער האָט טאַקע אויף אַן אמת געמיינט, אַז דאָס זענען עסטרייכישע זשאַנדאַרמען... אַז איך האָב אַרויסגענומען דעם „שפּייער" און אים צוגעשטעלט צום פּנים, האָט ער באַקומען אַזעלכע אויגן ווי די רעדער... האָט אָנגעהויבן ציטערן מיט הענט און פּיס — און בלייך, ווי קאַלך. דאָס האַרץ איז געוואַקסן זעענדיק ווי דער אויסגעפּאַשעטער טרייסלט זיך... האָסט געדאַרפט זען: אַזאַ הויכער, אַזאַ געזונטער... שטעל זיך פאָר, ווי גרויס דאָס איז ביי זיך אין קאַנטאָר, ווען עמעצער קומט אָן צו אים... און דאָ—ער ציטערט ווי אַ פיש... האָב איך אָבער דערזען זיינע צוויי קינדער... זיי האָבן זיך צעוויינט און די מוטער האָט זיי געמוזט איינשטילן... האָב איך אַראָפּגעלאָזט דעם רעוואָלווער... און דער „אַדוואָקאַט" האָט זיך דאָרט מיט אים געדונגען. ס'איז מיר געוואָרן אַ לאַך אין האַרצן...

— און דאָס געלט האָט ער געגעבן? — האָט רעוועקאַ געפרעגט נייגעריק, זעענדיק אַ לייכטן שמייכל אויף זיינע ליפּן.

— איי, לאָז געמאַך... געגעבן... געגעבן!

און איז אויפגעשטאַנען.

— וואָס זשע ביסטו בייז?

זי איז צו אים צוגעגאַנגען, אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיט אַ שמייכל און אַנטפּלעקטע ווייסע ציין געקוקט אים אין פּנים. ער האָט אָבער די האַנט אַרויסגעצויגן און געבליבן שטיין מיטן פּנים אין פענסטער.

האָט רעוועקאַ אַ ווײַלע געשוויגן, מיט אַמאָל דערהערט אַ קול פון יענער זייט טיר, האָט זי די טיר געגעבן אַן עפן אויף און דאָס קליינע צוויי-יאָריק ייִנגעלע האָט געשפּאַנט מיט דריבנע טריטעלעך.

— „אידי סיודאַ! זאָלאָטאַיאַ ריבושקאַ מאַיאַ!" האָט זי אויסגערופן מיט אַ פריילעכער שטים.

דאָס קליינע באַשעפעלישל, מיט בלוי-גרינלעכע אייגעלעך און שוואַרצע לאָקן, האָט זיך געלאָזט צו איר מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך. דאָס קינד איז געווען נאָר אין העמדל, הייזלעך און שיכלעך, האָט עס די מוטער געכאַפּט אויף די הענט:

— באָריטשקאַ! גיב נאָר אַ קוק אויף דיין טאַטן... זעסט,

דיין טאַטע איז ברוגז... ברוגז מיט דער מאַמען... ברוגז מיט באַריטשקען.

מישקע האָט זיך אויסגעדרייט און זיין פּנים האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעלייטערט.

— באַריטשקאַ, זאָג דעם טאַטן, ער זאָל נישט בייז זיין, זאָג, זאָג...

דאָס קינד האָט דערזען דעם פאָטער, האָט זיך עס געגעבן אַ שטרעק אויס צו אים. דערביי האָט זיך אים פון זיין ברוסטל אַרויסגעגליטשט אַזאַ גאָלדן ברעטעלע מיט די עשרת הדברות. מישקע האָט עס מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן אויף זיינע שטאַרקע הענט, האָט עס צו זיך צוגעטוליעט, אָנגעהויבן קושן און לויפן מיט דעם איבערן צימער, ווי אַ משוגעת וואָלט אים באַפאַלן. און רעוועקאַ האָט געשמייכלט מיט ליכטיקע אויגן.

און דאַן האָט זי געזאָגט:

— נו, מישע, וועסט עסן פרישטיק...

— גוט.

ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס קינד פון זיינע הענט, האָט עס געקיצלט און זיך מיט אים געשפּילט, קרייענדיק ווי אַ האָן און מיאָקענדיק ווי אַ קאַץ. רעוועקאַ איז דערווייל אַרויס אין דער פאָדערשטער שטוב, לאָזנדיק נאָך זיך אָפן די טיר. באַלד האָט זיך באַוויזן די דינסט, אַ דיקע, ברייט ביינערדיקע שיקסע מיט אַ ברייט פּנים און וואַסערדיקע גרינלעכע אייגעלעך אונטער פלאַקסענע האָר. זי האָט אַריינגעטראָגן אַ שיסל וואַסער, און מיט אַ מאָסקווער אַקצענט געזאָגט:

— זאָל דער באַרין איר געבן דאָס קינד און זיך וואַשן, דער סאַמאָוואַר זידט שוין.

מישקע האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אַ ליכטיק רויק פּנים און גלאַנצנדיקע אויגן.

— נו, נעם אים אויף די הענט... איך וועל זיך וואַשן. וואַרט דאָ צו מיט באַריטשקען...

די שיקסע האָט זיך גענומען שפּילן מיט דעם קינד, רעדנדיק צו אים פאַרצויגענע קינדערשע רייד, און מישקע האָט שווער און טיף געאָטעמט, וואַשנדיק און זייפנדיק דאָס פּנים און אַלע חיילע פון פליסקען אַרויסגערופן:

— באָריטשקאַ!...

— זע זע... סאַר אַ ווייסער פּאַפּאַ! — האָט די דינסט גע־לאַכט...

ביי פרישטיק איז מישקע שוין געזעסן אַ פרייליכער. עס האָט אויסגעזען, ווי די זון וואָלט אויפגעשיינט נאָך אַ כמורנעם פרי־מאָרגן. רעוועקאַ האָט געלאַכט און זיך געלאַשטשעט צו אים ווי אַ קאַץ, דער סאַמאָוואַר האָט געזשומעט אַזוי בעל־הבתיש־נגידישלעך, אויפן טיש זענען געווען אָנגעשטעלט פאַרשידענע עסנוואַרג, דאָס פענצטער איז געשטאַנען אָפן און ס'האָט זיך געפילט דער ריח פון אַקאַציע, וואָס האָט זיך געהאַט שטאַרק צעבליט. דיביימער האָבן ווייס־גרין געוואַקסן אין פענצטער און אויפן קאַנטיקן פלעק גרין, וואָס איז געלעגן אויף דער פאָדלאָגע, האָבן בלעטלעך און צווייגלעך געציטערט. דאָס קינד האָט געפּלאַפּלט און מישע האָט זיך מיט דעם געשפּילט, געזאָגט חכמהס, און רעוועקאַ האָט הילכיק געלאַכט. די דינסט האָט אויך געשמייכלט מיטן ברייטן פּנים.

מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן: פון גאַס האָט זיך דערטראָגן אַ העזהדיק טראָמפּייטעריי, מישע האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צו־געגאַנגען צום פענסטער. נעבן אים האָט זיך רעוועקא אַוועקגע־שטעלט, אַוועקלייגנדיק איר נאַקעטע ווייכע האַנט אויף זיין אַקסל.

דאָרט, וואו דאָס טעאַטער געסל גייט אַרויס אויפן ניקאָליי־עווער בולוואַר האָבן מאַרשירט עסטרייכער. נידריקע, דראָבנע זעל־נער זענען געגאַנגען אין שרענגעס מיט די ביקסן אויף די אַקסלען-די זון האָט אָפּגעגלאַנצט אויף די ברייטע עסטרייכישע „שטיקעס", וואָס זען אויס ווי מעסערס, און דער טראָמפּייט רופט און שאַלט אין דער זוניקער לידיקייט אַריין, שרייט און דערמאָנט, אַז אָדעס איז אָקופּירט פון דער דייטשער „גרויס־מאַכט". פון וויטנס בליש־טשעט זילבערדיק דער ים, וואָס ליגט רויִק אונטער דער זון און נאָר אַ לייכט ווינטל שפּאַצירט איבער אים, ער קוקט אַהער ווי שטאַרק געעפנטע, ווייסע אויגן און וואונדערט זיך.

מישע האָט פאַר־ריצט מיט די ציין. די הענט האָבן אים אַ ציטער געטון: ווי ער וואָלט אָט די קליינטשיקע לאַפּעטוטלעך די העלזלעך איבערגעשניטן.

און דער טראָמפּייט רופט דאָרט, און דער אָפיציר שרייט עפּעס דייטשע ווערטער, און פאַרבייגייענדע בלייבן שטייען מיט וואונדער אין די אויגן.

דערווייל איז אַריינגעקומען אַ יונג.

מישע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים, אפּגעמאָסטן מיט אַ כמורנעם בליק. צוריק האָט זיך זיין פּנים פאַרוואָלקנט, און ס'האָט זיך געדאַכט, ער וועט עפּעס באַלד אויסשרייען.

דער יונג איז געווען אָנגעטון ווי אַן אינטעליגענטער אַר־בעטער, ער האָט געטראָגן אַ ווייכן הוט מיט אַ קאַליוט העמד, און געהאַט אַ בלייך איינגעפאַלן פּנים.

— נו?

— באַלד קומט דער „אַדוואָקאַט".

מישע האָט זיך אָנגעבלאָזן, געעפנט די טיר אין זיין צימער אריין, דאָס קליינע יינגעלע האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן פאָטער און מוטער, נאָר די דינסט האָט עס צוגענומען און דער יונג, דער־נאָך מישקע זענען אַריין אין צימער.

עס איז אָנגעקומען דער „אַדוואָקאַט". אַ מיטלגעוויקסיקער יונגערמאַן מיט אַ בלאָנד פאַרשניצט בערדל און מיט פּענסנע אויף אַ קלאָרער לענגערער נאָז. ער האָט געטראָגן אַ האַרטן הוט און געגאַנגען מיט רויקע אויגן און שטילן טריט. מיט אים איז אָנ־געקומען אַ ברייטביינערדיקער יונג אין שטיוול מיט צערויטלטע באַקן. די באַקן זענען נישט געווען פריש ראַזירט און געלע שטע־כערלעך האָבן פון זיי געשטאָרטשעט; ער האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק.

זיי זענען אַריין צו מישקען אין צימער אויף דער באַראַטונג

אַלע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. מישקע האָט געהאַט אַן אויס־זען, ווי עמיצער וואָלט אים נאָר וואָס ביטער באַליידיקט. מיט א מאָל האָבן זיך זיינע שאַרפע קינבאַקן אָנגעהויבן באַוועגן און ער האָט שטרענג אַ פרעג געטון:

— וואָס זשע הערט זיך?

דער „אַדוואָקאַט" האָט רויק און ערנסט — ווי עס טוט אַ פאַרוואַלטער פון אַ געשעפט — אָנגעהויבן רעדן:

— נעכטן האָט מען „איינקאַסירט" אויף דריי „צעטלען"

אַרום און אַרום איז געבליבן פערצן טויזנט.

— געבליבן? — האָט מישקע אָנגעצויגן די ברעמען.

— געווען איז אַכצען — האָט מען געגעסן וועטשערע — אַ פּאָר געדונגענע דראָשקעס... ס'איז אויסגעקומען אַזוי... מיט ראָזענצווייגן וועט עס נישט אָפּגיין „טרוקן"... אַ פאַרביסענער חזיר... ער מיינט צו געבן „האַסלע". אויפן גאַס ווייזט ער נישט זיין צורה... נעכטן אין דער פרי האָט דער „געלער" „נאָכגעציילט" די טריט פון זיין קאַסיר. ער איז געגאַנגען פון אוטשאַסטאָק, דער געלער איז „אַהין" אַריין נאָך אים. איז ער דאָרט מיטן „פּאָמאָטשניק" אַריין אין זיין צימער.

מישקע האָט קרום אַ שמייכל געטון, האָט אויסגעשפּיצט די אויגן:

— אַ פויגל!... איך וועל אים באַקומען... ווייטער.

— איצט האָבן מיר אויסגעשטעלט „צעטלען". נו, בוכהאַלטער.

דער מיט דעם בלייכאייגעפאַלענעם פּנים אין קאָלירטן העמד האָט אַרויסגענומען פון בוזעם-קעשענע עטלעכע בריוו און זיי אויסגעלייגט אויפן טיש.

מישקע האָט געררייכערט אין איין אָטעם, האַלטנדיק דעם קאָפּ געבויגן איבערן טיש.

— לייען.

— „צום הער ליפּשיץ"...

— ווער איז ער?

— אַ פאַבריקאַנט. האָט אַ פאַבריק פון „מאַקאַראָנעס" אויף אוספּענסקי, אַ הויז אויף רישעליעווסקי, נאָך איינס אויף „פראַנצוזסקע בולוואַר" — אַ הונט מיט אויערן. די אַרבעטער קריצן אויף אים מיט די ציין... פאַר די דייטשן — געווען אַ לעמעלע, איצט אַ כאַרט... אַמאָל געווען אקליין הינטל, איצט — אַ וואַזשנע חיה...

— ווייטער.

— „דער קאָמיטעט „נקמה אין די רייכע" האָט באַשטימט איינצומאַנען פון אים צען טויזנט רובל".

— ווייניק!

— וויפל זשע?

מישקע האָט זיך אַ ווײַלע פּאַרטראַכט, איינגעצויגן די ברע־מען און שווער געאָטעמט.

— ער האָט קינדער?

— אַ פולע שטוב, עפּעס אַ שטיק אַכט.

— וועט זיין גענוג.

האָט דער „בוכהאַלטער" אָוועקגעלייגט דעם בריוו פאַר מיש־קען און אים דערלאַנגט אַ פען. מישקע האָט אונטערגעשריבן, דער „אַדוואָקאַט" האָט צוגעלייגט אַ שטעמפּל מיט אַ געמאָלטן סקעלעט, און דער בריוו איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם בריוו־ביינערדיקן יונג מיט דעם גלאַנציקן דאַשעק.

דער „בוכהאַלטער" האָט ווייטער געלייענט. מישקע האָט זיך גענוי אויסגעפרעגט אויף יעדן, האָט אַמאָל צוגעלייגט און אַמאָל אַראָפּגענומען פון די סומען.

פאַרטיק געוואָרן מיט די בריוו, איז דער ברייטביינערדיקער יונג אַוועק מיט זיי. דער בוכהאַלטער איז אויך אויפגעשטאַנען צום אַוועקגיין; נאָר מישקע האָט געזאָגט:

— וואַרט-צו.

האָט ער זיך צוריק געזעצט. דער „אַדוואָקאַט האָט מיט די פינגער לאַנגזאַם געוועלגערט די האָר פון זיין קורץ בערדל, און מישקע האָט פלוצלינג אַ זאָג געטאָן:

— „אַדוואָקאַט",—פאַר וואָס איז מיר שווער אויפן האַרצן?

— ווייס איך — האָט יענער געשמייכלט.

— און איך ווייס. ווייל איך בין אַ הונט! ווייל אַז עס קומט דער פרימאָרגן, איז נאָכן שלאָף דער קאָפּ ריין. און דאָס האַרץ ריין... און אַז דאָס האַרץ איז ריין, בענקט עס נאָך אַמאָל... טוט עס ווײַ... אַז איך דערמאָן זיך... מיט אַ פאָר טעג צוריק האָב איך אין גאַס אנגעטראָפן אַמאָליקע חברים... עך... יענע זענען היינט אין דער אָרגאַניזאַציע... און איך בין אַ הונט! —

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צו־ריק. די אויגן זענען איצט געווען אַזוי שאַרף, ווי זיי וואָלטן זיך אונטערן הייטל געגאָסן. דער „בוכהאַלטער" מיטן „אַדוואָקאַט" האָבן געקוקט אויף אים מיט אָפענע וואונדערלעכע אויגן. אין צימער איז איצט געווען שטאַרק שטיל, דאָס זשומען פון דער פליג האָט זיך

שוין נישט געהערט. די זון איז שוין געווען אוועק פון די פענס־טער, און ס'איז טונקל געווען אין צימער, ווארום אויף דער צווייטער זייט גאַס איז געשטאַנען די הויכע און טונקעלע געביידע פון שטאַט־טעאַטער. מישקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט מיט טרויעריקע אויגן:

— קוקט איר אויף מישקען און וואונדערט זיך? האַ? איך בין נישט משוגע געוואָרן... נאַר, פאַרשטייט, איך טראַכט כסדר די וואָס פאַר אַ נוצן ברענגען מיר דער וועלט? האַ?

— און וואָס פאַר אַ נוצן ברענגען אָט די רייכע הינט? — האָט דער „אַדוואָקאַט" איבערגעפרעגט.

— דערפאַר זענען זיי דאָך הינט!

— אַלע מענשן זענען הינט, דאָס לעבן איז הינטיש.

— און מיר — באַנדיטן!...

אַ ווײַלע זענען זיי ווידער שטיל געווען, דער „בוכהאַלטער" איז געווען זייער נײַגעריק, און דער „אַדוואָקאַט" — זייער צע־טומלט. מישקע האָט זיך אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט פאַרשטייפּט געוואָרן און געקוקט צום פענסטער.

— ס'איז דאָך אַ הינטיש לעבן. שטענדיק אָדער יאָגן יענעם, אָדער אַנטלויפן פון יענעם... און צוליב וואָס? וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט עס?

ער האָט זיך צוריקגעזעצט.

— מיט אַפּאָר טאָג צוריק גיי איך מיר אַזוי אויף „מאָלדע־וואנקע"... גיי איך מיר אַזוי און טראַכט: אַ גרויס רחמנות אויף די אָרעמע קינדער... גייען געבעך ארום באָרפוס, אָפּגעריסן, פאַרברו־דיקט, ווי די ווערעם קריכן זיי ארום... ווען איך טרעף מיין באַ־ריטשקען אַזוי ארומקריכן, וואָס וואָלט איך געזאָגט? האַ? איך וואָלט זיך דאָך דעם קאָפּ אין אַ וואַנט געקלאַפּט... און עס פאַרקלעמט ביים האַרצן... אָך אַ הינטיש לעבן... גיי איך מיר אַזוי און דערזע עפּעס אַ באַקאַנט פּנים. קוק איך — עפּעס קען איך אים און דערקען אים פאָרט נישט...

ער האָט פאַרזשומערט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס אײַנגעקוקט צו דערמאַנען זיך...

— ער האָט אַזאַ שוואַרץ בערדל אַרום די באַקן, איז אָנגע

טון אַזוי עלעגאַנט. קוק איך. ער דערזעט מיך און קוקט אויך. קוק איך אויף אים׳ קוקט ער אויף מיר, קוקן מיר זיך ביידע אָן. און פלוצלינג גיט ער זאָג: „דוד׳קע״; און איך האָב אים דערקענט. ס׳איז סאַשאַ, דער באַוואוסטער אַנאַרכיסט, פון וועלכן אַלע אַרבעטער אויף מאָלדעוואַנקע רעדן אַזוי פיל. „סאשאַ״ — זאָג איך — „דאָס ביסטו? גערענקסט אַמאָליקע צייטן? „סכאָדקעס״ אין וואַלד — פּראָקלאַמאַציעס געקלעפּט?״ — „אַוודאי — זאָגט ער — „געדענק איך״... „וואָס זשע טוסטו איצט, סאַשע?״ —און מיר איז געוואָרן אַזוי גוט אויפן האַרצן, אַז איך האָב אים דערקענט... איר פאַרשטייט — זיך דערמאָנט אָן אַמאָל —„וואָס איך טו״? — זאָגט ער, — „איך בין אין דער באַוועגונג, איך אַרבעט צווישן חברים. און דו, דודקע? וואָס איז מיט דיר געוואָרן״? — מיר האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן. בלייב איך שטיין ווי אַ טויטער, וואָס זאָל איך אים זאָגן? זאָגן אים, אַז איך בין אַ באַנדיט? דריי איך מיט דער צונג... איך האָב אַ ווייב מיט אַ קינד, אַ שיין קינד, גיי דערציי׳ל אים, אַז איך בין שוין נישט קיין דודקע, נאָר „מישקע יאַפּאָנטשיק״. און גיי קלאָג זיך פאַר אים, אַז מען האָט מיך פאַרטריבן פון דער באַוועגונג, ווייל איך בין געווען אַ גנב...

ער האָט מיד אָפּגעאָטעמט.

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט, דאָס גאַנצע פּנים איז אים פאַרגאָסן געוואָרן מיט רויטקייט, זיינע שמאָלע אויגן האָבן זיך איצט געצונדן אין גרין פייער און ער האָט מיט פאַרקריצטע ציין אויסגערופן:

— הערט זשע, אויב שוין יאָ אַ באַנדיט, טאָ זאָל זיין אַנ-אמתער, אַ שרעקלעכער! אָן רחמנות וועל איך זיך אָן זיי נוקם זיין, אָן די הינט! איך וועל זיי שטיקן ווי הינער! ווערגן און מאָרדן ווי זשאַבעס, ווייל זיי אַליין האָבן מיך פאַר אַ באַנדיט געמאַכט. פאַר אַפּאָר מאָל אפּעסן צו דער זאַט—האָט מען מיך פאַר א גנב געמאַכט, און מיין מוטער איז געשטאָרבן, און די שוועסטער—גאָט ווייסט, וואו זי איז ערגעץ איצט... זיי אַליין, אָט דן רייכע הינט, ראַבעווען זייער גאַנץ לעבן און אונז הייסט מען שטאַרבן פון הונגער! זיי טרייבן אונזערע אין די נאַסע קעלערס און באַפעלן זיי אומקומען פון נעץ און ווילגאָטש, זיי טרייבן אונז

צונויף אינסטאַדעס און באַפעלן אונז צו אַרבעטן פאַר זייערע אויסגעפּאַשעטע ווייבער. וועל איך זיי צוריקצאָלן מיט דעם זעלבן איך וועל טון דאָס זעלבע, וואָס סאַשאַ, איך וועל מיט זיי מלחמה האַלטן, זיך נוקם זיין, זייער פאַרמעגן צעשלעפּן, און דאָס טראָגן אַהין, צו די אָרעמע אויף מאָלדעוואַנקע, פאַר די אָרעמע אָפּגען ריסענע קינדער! און איצט — ווען אָט די דייטשע רוצחים העלפֿ. צו די רויבער, וועלן מיר העלפן די באַרויבטע און באַרויבן דן הינט!

— דאָס טוען מיר דאָך סיי־ווי־סיי,—האָט דער „אַדוואָקאַט” געזאָגט.

— ס'איז ווייניק!

ער האָט אינגאַנצן געברענט, ווי אַלץ אין אים וואָלט זיך אָנגעצונדן, און אַז ער איז שטיל געוואָרן, איז ער געווען שטאַרק בלייך און פאַרביסן.

— מיר גייען אויף איין וועג, — האָט דער „בוכהאַלטער עזאָגט, מיר מיט סאַשע פעלדמאַן באַקעמפן די בורזשויען.

— הער זשע, — האָט מישקע באַפוילן — גיב אַכטונג, מע זאָל העלפן די אומגליקלעכע... עס זאָל קיין אומרעכט נישט געשען אַ טויט די בורזשויען און הילף די קבצנים! ביסט גערעכט... מיר גייען אויף איין וועג!

מישקען איז מיט אַמאָל באַפאַלן אַ פריילעכ קייט, האָט ער ג געבן אַן עפן אויף די טיר:

— רעוועקאַ! גיב אַריין שנאַפּס!

אַלע דריי האָבן באַקומען ליכטיקע פנימער, ווי אַ גרויס ב שורה איז זיי אָנגעזאָגט געוואָרן. מישקע האָט געשפּאַסט און גע אַכט, רעוועקאַ איז אַריינגעקומען, אויך ע רזעענדיק זיין שיינע דיק פנים, האָט זיך אַ לויטערקייט איבער איר פנים אויסגעגאָסן. א האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש בראָנפן און אַריינגערופן די דינסט. ענע איז אַריינגעקומען מיט באַריטשקען. מישקע האָט אים צו זיך ליף די קניען געזומען, אַלע דריי האָבן זיך געזומען שפּילן מיטן ינגעלע, און דער קליינער האָט געפּלאַפּלט. די מוטער האָט גע־ אַכט פון זיינע חכמות, און די דינסט האָט אַריינגעבראַכט נאָך אַ לאַש קאָניאַק מיט צוביי סעכצן.

איצט איז שוין דאָס קינד געווען אויף דער פּאָדלאָגע, מישקע האָט געטרונקען איין גלעזל נאָכן צווייטן, דער „בוכהאַלטער“ האָט זיך צערויטלט און דער „אַדוואָקאַט“ האָט געשוואוירן, אַז זיי זענען די „אמתע אָרענטלעכע מענשן. זיי טוען גוטס מיט אָרעמע און געפאַלענע“. רעוועקא האָט געלאַכט און געקושט מישקען אין האַלז און באַקן.

מישקע האָט איצט געטרונקען מיט שטילער פרייד.

ביז ער האָט זיך אויפגעשטעלט:

— נו, איצט וועלן מיר גיין... הייַנט נאָך וועל איך זיך זען מיטן הונט! מיט דעם ראָזענצווייג!... איך וועל אים אויסלערנען ווי אַזוי מען גיט „האַסלע“, קומט, מיר וועלן דערווייל גיין..

* * *

קאַפּיטל דריי

דאָס מאָל האָט מישקע שפּאַצירט מיטן „אַדוואָקאַט“ און „בוכהאַלטער“.

די לעצטע זענען געווען שטאַרק אויפגעלייגט פון דעם אויסגעטרונקענעם, נאָר מישקע איז געווען שטיל ווי אַ נאַכט-שאָטן. ער איז געגאַנגען פאָראויס און זיי נאָך אים. אויף די ראָגן האָבן זיי זיך איבערגעקוקט מיט אייַנציקע מענשן, וואָס האָבן רויק געבליקט אין גאַס אַריין. האָבן זיך קוים אייַנגעהאַלטן פון שמייכלען צו זיי. מישקע האָט אויף זיי כמעט נישט געקוקט. עפּעס געשמייכלט אין זיך פון דעם, וואָס חברה היט אים אָפּ, און דערפאַר געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. און דאָס האָט אים אַביסל ווי געטון: הייסט עס, אַז ער מוז זיך היטן.. פאַרוואָס דאַרף זיך קיין אַנדערער נישט אַזוי היטן? און נאָך האָט ער געטראַכט: ווער ווייסט, ווי גרויס זיין אַרמיי איז, מיט יעדן טאָג ווערט זי גרעסער. זיי קומען אהער פון גרויס, רוסלאַנד — דאָרט איז פאַר זיי קיין אָרט נישטאָ.. פון דאָרט לויפן אהער די בור-

זשויען און די גנבים... גאַנצע מחנות קומען זיי אהער, דאָס האָט אים עפּעס טרויעריק געמאַכט. עס איז אים איינגעפאַלן צו טראַכטן: הייסט עס, אַז מיין גאַנצע אַרמיי גנבים זענען ווי די קראָען. לויפן נאָך די גרויסע חיות — די פאַרציקערס. דאָרטן וואו עס פרוכפּערט זיך די בורזשואַזיע, וואו עס איז דאָ אַ העטמאַן, דאָרט מערן זיך אויך „מיינע לייט" — און איך — פאַרטריבן פון די „אייגענע" און בין אַן אָנפירער פון גנבים...

ער איז געוואָרן בייז. אין אים האָט אויפגעפלאַמט דער צאָרן. עס האָט אים איצט הנאה געטאָן, וואָס ער האָט הינטער זיך אַזאַ גרויסע אַרמיי נישקשה. ער וועט זיי באַווייזן וואָס „מישקע יאַפּאָנטשיק" איז. זיי האָבן אים פאַר אַ גנב געמאַכט — וועט ער זיין.

ער האָט געשפּאַנט מיט שנעלע טריט. איז דורכגעגאַנגען פּרעאָבראַזשענסקע און טיראַספּאָלער גאַסן, אָנגעקומען אויף דער פּראָכעראָווסקע און גענומען גיין מיט געלאַסענע טריט. — דאָ איז שוין מאָלדעוואַנקע. מישקע האָט זיך דערפילט פריי און געזיכערט. דאָ אויף מאָלדעוואַנקע איז ער צווישן אייגענע. איין וואונק — און טויזנטער זענען גרייט פאַר אים אין פייער צו גיין.

די קלייטן זענען געשטאַנען ווי אויפגעפרישטע און פון זיי האָבן אַרויסגעקוקט רויקע זאַטע פּנימער. און צווישן זיי — קלייַנע שמוציקע געוועלבלעך מיט אָרעמע פאַרברודיקטע יידענעס, וואָס האָבן מיט פאַרזאָרגטע אויגן געקוקט אין גאַס אַריין. האָט מישקע געקוקט אויף זיי מיט רחמנות און געטראַכט פון דעם וואָס אַלע זענען אויף איין גאַס—נאָר יענע האָבן גרויסע קלייטן, זענען אַזוי רויק און זיכער, און די אָרעמע ווייבער האָבן עפּעס אָרעמע קליינע געוועלבלעך, וואָס שטייען ווי בודעס און זענען אַזוי פאַרזאָרגט. שפּאַנענדיק אַזוי, איז ער אַראָפּ אין אַ זייטיקער גאַס, וואָס איז געלעגן שטויביק און פאַרדומפּן אונטער דער זון.

ער האָט איצט פאַרגעסן צו טראַכטן זיינע בייזע מחשבות, ער האָט זיך געפונען אין דער היים, אין דער אָרעמער היים, וואו אַלץ איז אים אַזוי באַקאַנט. נעבן אַ הויף האָבן זיך געשפּילט קינדער — אַלע זענען געווען אָפּגעריסן. טייל באָרוועס, טייל — אין אַלטע גרעסערע שיך. אַלע נישט געוואַשן און בלייכע. נאָר די

אויגן האָבן געקוקט גלאַנציק מיט אומעט. מישקען האָט צו זיי צוגעצויגן, האָט ער זיך נעבן זיי אָפּגעשטעלט, אָנגעהויבן שמייכלען

די קינדער האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר אים, געקומען און פֿאַרלעגנהייט. זיך פֿאַרשעמט. זײַנע אויגן האָבן אָבער געקוקט אַזוי ווייך, אין אַ שטילער שמייכל האָט זיך געשפּילט אויף זיין בלייך פּנים. האָבן די קינדער אויך אָנגעהויבן קיקן צו אים מיט פֿריילעכע בליקן. ער האָט אַרויסגענומען אַ פֿולע האַנט צוקערקעס מיט שאָקאָלאַדלעך, זיך געזעצט אויפֿן בענקל נעבן טויער, דאָרט וואו דער סטרוזש זיצט אין אָוונט, צוגערופֿן די קינדער און זיי צוקערקעס און שאָקאָלאַד געטיילט. אַרום אים איז געוואָרן אַ געשטופּעריי, די קינדער האָבן זיך צונויפֿגעשטופּט ווי אַ סטאַדע שעפּסן ביי אַ שמאָל טירל, וואָס זיי דאַרפֿן דורכגיין. האָבן זיי געברענט מיט זשעדנע אייגעלעך און געצויגן די ברודיקע הענטלעך.

מישקע איז געזעסן אַרומגערינגלט פֿון דעם קליינוואַרג אַלע ווײַלע געשלעפּט פֿון די קעשענעס קאַרמעלקעס און שאָקאָלאַד — געטיילט און געלאַכט, קוקנדיק ווי די קינדער באַלעקן זיך און שטופּן זיך.

פֿון טויער איז אַרויסגעקומען אַ גרעסער יינגעלע, שוין אַ יאָר צען. זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט מיט שוואַרצע גלאַנציקע אויגן און געקרויזטע שוואַרצע האָר. דאָס היטל איז געווען אָפּגעריבן און פֿאַרברענט, דער דאַשעק פֿאַרפֿעצט און צעבויגן. אויף די פֿיס האָט ער געטראָגן גרויסע מאַמע-טשיזמעס, און די הייזלעך מיטן רעקל זענען געווען אַזוי צעריסן, אַז ערטערווייז האָבן ברויגע לייב-פֿלעקן אַרויסגעקוקט.

— יינגעלע, קום נאָר אַהער! — האָט אים מישקע גערופֿן:

— וואָס ווילט איר? — האָט דאָס יינגעלע געקוקט אַ טרויעריקער און זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— האָב נישט מורא, קום אַהער.

— ווער האָט דען מורא? איך האָב נישט מורא... דאָס יינגעלע איז נענטער צוגעגאַנגען.

— האָסט אַ טאַטן?

— יאָ.

— וואָס טוט דער טאַטע?

— וואָס זאָל ער טאָן. ער זיצט אויפן „טאָלטשאָך".

— וואָס טוט ער אויפן „טאָלטשאָק"?

— ער לאַטעט דאָרט אַלטע שיך.

— און די מאַמע וואו איז?

— די מאַמע? זי איז שלאָף, די מאַמע. זי ליגט אין שטוב און קרעכצט.

— שוין לאַנג, אַז זי איז שלאָף?

— שוין אַ גאַנצע וואָך.

— וואָס איז איר, דיין מאַמען?

— כ'ווייס נישט. זי איז שלאָף און זי קרעכצט.

— און אַ דאָקטאָר איז געווען?

— ניין. נישט געווען. אַז ס'איז קיין געלט נישטאָ. אַ דאָקטאָר דאַרף מען באַצאָלן, זאָגט די שוועסטער, און אָן געלט קומט ער נישט... דער טאַטע|קרעכצט אויך, ווייל ער האָט נישט קיין געלט — איז קיין דאָקטאָר נישט געווען...

מישקעס אויגן האָבן זיך פאַרצויגן ווי מיט אַ דין רויכל, ווי מען וואָלט אים אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה. ער האָט שוין נישט געזען מער, ווי די קליינע קינדער קוקן אויף אים מיט בענקענ־דיגע אייגעלעך און וואַרטן אויף צוקערקעס. מיט אַמאָל איז ער אויפגעשטאַנען.

— קום, יינגעלע, ווייז מיר, וואו איר וואוינט.

דאָס יונגעלע האָט זיך עפּעס פאַרשעמט, געקוקט מיט צע־שראָקענע פאַרשעמטע אייגעלעך, ווי ער וואָלט געוואָלט דערגיין, צי דער מענש איז אַ דאָקטאָר... עפּעס נישט געגלייבט. מישקע האָט אים געגעבן אַ גלעט איבערן בעקל:

— קום... איך בין אַ דאָקטאָר.

דאָס יינגעלע האָט נאָך געקוקט מיט חשד, עפּעס נגעבן אַ קנייטש דאָס שטערנדל און זיך געלאָזט פאַראויס אין הויף אַריין. מישקע איז אים נאָכגעגאַנגען.

ווען מישקע איז אַריין אין הויף, זענען פון קעגנאיבער, פון דער אַנדערער זייט גאַס, אַריבער־געגאַנגען צוויי פאַרשוינען, ביידע שטילע, רויקע, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַרבעטער אום חול-המועד

און זיך אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון טויער.

דאָס יינגעלע האָט אים אַראָפּגעפירט אין אַ קעלער-שטוב. אויף די טרעפּ איז געווען גלאַטיק און טרוקן. עפּעס אַ זויערער געדיכטער ריח האָט פון אונטן אַרויפגעשלאָגן. מישקע האָט זיך איין מאָל אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, דערנאָך אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ מיט באַדויערונג, און איז אַראָפּ. אין שטיבל איז געווען טונקל, אַ שוואַך ליכט האָט זיך אַרײַנגעגאָסן דורך דעם פאַר-שמוצטן פענצטער, וואָס האָט געקוקט פון דער הייך נעבן דער סטעליע. אין אַ ווינקל, נאָענט צו דער טיר איז געשטאַנען אַ שוואַרצע פּליטע, אַ מיידל מיט צעשויבערטע האָר איז געשטאַנען איבער איר געבויגן און געבלאָזן אין דער אָפּגענער פײַערקע. בײַ יעדן בלאָז האָט אַ קופּער-גלאַנץ, ווי אַ פלאַם זיך צעגאָסן אי-בער איר אײַנגעפאַלן פּנים, און גלייך אָפּגעלאָפן. ווען זי האָט דערזען דעם הויכן פרעמדן מאַן, האָט זי אויפגעהערט בלאָזן און געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט מיט אַן אָפן מויל.

אַרויף, אין ווינקל נעבן פענסטער, איז געשטאַנען אַן איי-זערן בעטל און אויף דעם איז עפּעס געלעגן אײַנגעוויקלט אין שמאַטעס. ס'האָט געקרעכצט. פון צוקאָפּנס האָט געקוקט אַ גרויע זאַך. די קרעכצן האָבן זיך פון דאָרט געריסן אַזוי אײַנטאָניק און רעגלמעסיק. אַ ווײַלע איז מישקע געשטאַנען ווי צעמישט.

דאָס מיידל איז צוגעגאַנגען נענטער.

— דאָס איז די קראַנקע מוטער אײַערע?

— יאָ... זי איז שלאַף... שוין דריי טעג, אַז זי ליגט אַזוי און קרעכצט... מיר ווייסן שוין גאָר נישט, וואָס צו טאָן... איז מען געווען רופן אַ דאָקטאָר — וויל ער נישט גיין...

— פאַר וואָס וויל ער נישט?

— ער הייסט זיך פריער באַצאָלן... פינף רובל וויל ער... וואו זשע נעמט מען פינף רובל?...

— ווי הייסט דער דאָקטאָר?

— ווי ער הייסט? כ'ווייס נישט. אָט דאָ אויף פּראַכאַראַוו-סקע וואוינט ער.

האָט מישקע אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויס-גענומען אַ גאַנצן הונדערטער און דערלאַנגט דעם מיידל:

— נאָט אייך, וועט איר האָבן פאַר דער מאַמען, אַ דאָקטאָר וועל איך שוין צושיקען. ער וועט היינט נאָך זיין.

דאָס מיידל האָט געהאַלטן! דעם הונדערטער און די האַנט האָט איר געציטערט פון איבעררעשונג. זי האָט געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן, ווי זי וואָלט געמיינט, אַז דאָס מאַכט מען חוזק פון איר.

— און דו, — האָט מישקע געפרעגט ביים ייִנגעל — לערנסט אין חדר?

— ניין.

— פאַר וואָס?

— אַז ס'איז נישטאָ צו צאָלן, — האָט זיך דאָס מיידל אַריינגעמישט — ער האָט געלערנט ביי אַ מלמד, האָט מען צוויי חדשים נישט באַצאָלט —. וואָרום וואָס זאָל מען פריער טאָן? צי קויפן ברויט, אָדער ראַטעווען די מאַמען. דער טאַטע אַליין הוסט אויך, איז אַ „יאַדעשליווער". אַלע מאָל פאַלט ער אַוועק, און די גרויסע פאַרדינסטן זיינע, ליגט אָפּ אויפן „טאָלטשאָק" אַ גאַנצן טאָג און פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע. נו, האָט מען נישט געצאָלט, האָט מען אים אַהיים געשיקט.

— זאָל ער גיין אין חדר, איך וועל פאַר אים צאָלן... שיקט אים צו עזריאל יאַנפּאָלער — ביי אים לערנען נאָך אַ סך קינדער, פאַר וועלכע איך צאָל, וועל איך פאַר אים אויך באַצאָלען..: איר וועט אים אַזוי זאָגען, אַז דער וואָס צאָלט פאַר די איבעריקע, וועט צאָלן... איבעריקנס איך וועל אים שיקן זאָגן... וועט איר אים שיקן?

— פאַר וואָס נישט? אַ ודאי וועלן מיר אים שיקן. אַז איר הייסט... זאָל אייך גאָט באַצאָלן... אין דעם מיידלס שטים האָבן טרערן אַ ציטער געטון.

פון די לעצטע ווערטער איז מישקען געוואָרן אין הארצן און עפּעס אַ זיסע פרייד איז אים באַפאַלן. ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער אָט דאָס קליינע ברודיקע ייִנגל אַרומגעכאַפּט און יעדעס אבר אים אויסגעקושט..

— נאַט אייך פאַר אים — זאָל מען קויפן עפּעס אָנצוטאָן. ער האָט איר דערלאַנגט נאָך אַ פינפאונצוואַנציקער.

— באַצאָלן דעם מלמד וועל איך שוין... ווי איז דער נומער פון אייער הויז, דאַכט זיך 9?
— נאָך היינט וועט דאָ זיין דער דאָקטאָר...

* * *

ווען ער איז צוריק אַרויסגעקומען — האָבן די צוויי פאַר־שוינען, וואָס זענען געשטאַנען ביים טויער אַ לייכטן נייג געטאָן מיט די קעפּ. ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיי און איינער איז צו אים אונטערגעלאָפן.

— גיי אַרויף צו אונזער דאָקטאָר, זאָל ער באַלד קומען. אין דעם חויף ליגט אַ פרוי קראַנק...

— גוט.

יענער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט צום אַוועקגיין, נאָר מישקע האָט ווידער געגעבן אַ דריי, אויס דעם קאָפּ. און מאָדנע, יענער האָט עס באַלד דערפילט און זיך צוריק אויסגעדרייט צו מישקען.

צום שוסטערס ווייב זאָג, אַז ער זאָל באַלד קומען.

יענער איז אַוועק און ער איז געגאַנגען ווייטער. דער „אַד־וואָקאַט" מיטן „בוכהאַלטער" זענען אים ביים ראָג אַנטקייגן געקומען.

— מיר וועלן פאָרן עסן מיטאָג, — האָט מישקע געזאָגט.

די זון האָט שטאַרק געשיינט, נאָר די שמאָלע גאַס איז שוין געלעגן אין שאָטן. די דעכער נאָר האָבן שטאַרק געהיצט און די לופט איז געווען טרוקן און געדיכט. זיי האָבן געשפּאַנט לאַנגזאַם ביז זיי זענען צוגעקומען אויף דער פּראָכאָראָווסקע — און עפּעס איז דאָרט לייכטיקער און רעשיקער געווען. אויף זיי האָט געוואַרט אַ קאַרעטע, וואָס איז געשטאַנען נעבן טראָטואַר און דער קוטשער איז געזעסן איינגעבויגן, ווי ער וואָלט שטיל געדרימלט אונטער דער זון. ער האָט זיי באַלד דערפילט, ווי עס דערפילט אַ הונט דאָס אָנקומען פון בעל-הבית. מישקע אָבער האָט זיך געהאַט פאַר־טראַכט און זיך נישט אומגעקוקט. געגאַנגען ווייטער און די קאַ־רעטע איז לאַנגזאַם נאָכגעפאָרן טריט ביי טריט.

קייגן - איבער איז אין אַ טיר פון אַ גרויס גאַלאַנטריי־געשעפט בעשטאַנען אַ דיקער ייד מיט אַ שפּיציק פאַרשוירן בערדלי

ער איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ אַלפּאַגאַ-רעקל, וואָס איז געווען אָפֿן און געוויזן אַן אַרויסגעשטאַרטן בויך מיט אַ גאָלדן קייטל, וואָס איז געלעגן פֿון איין וועסטל קעשענע צו דער צווייטער. ער איז געשטאַנען מיד און זיינע קליינע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון פֿליישיקן פּנים שטאַרק רויק, ווי פֿאַרגליווערטע. ער האָט מיט אַמאָל פֿויל אויפֿגעהויבן די האַנט, דער גלאַנץ פֿון רעקל האָט זיך אויסגעקרימט, ווי מען בייגט איין בלעך, האָט זיך אַ גלעט געטון איבערן געראַזירטן ווייסן קאָפּ, און אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרק זאַטן געגעץ אין דער זוניקער ליידיקייט אַריין — עפּענענדיק שטאַרק דאָס מויל, אַז עס איז אויסגעקומען שמאָל פֿון אויבן אַראָפּ

מישקע האָט זיך עפּעס אָנגעבלאָזן, איין סעקונדע זיך אָפּגעשטעלט און גלייך זיך געלאָזט קווער איבער דער גאַס. דער „אַדוואָקאַט" און „בוכהאַלטער" האָבן זיך אַרומגעקוקט, און פֿון ווינקל-גאַס האָבן זיך גלייך אַרויסגערוקט דריי פֿאַרשוינען מיט פֿאַרשפּיצטע אויגן און עטוואָס אָנגעצויגענע פּנימער, זיך אָנגעשטויסן איינער אָן אַנדערן פּונקט ווען מישקע איז צו צו דער טיר. יענער וואָס איז געשטאַנען אין טיר, האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט און מישקע האָט אַריינגייענדיק אים אַריינגעשטויסן, אַזוי האַרט איז ער אויף אים געגאַנגען. די דריי פֿאַרשוינען זענען שטיין געבליבן ביי דער קלייט.

די גאַס האָט גאָר נישט באַמערקט. דער אויסזען איז נישט געענדערט געוואָרן. די קאַרעטע איז נאָר שטיין געבליבן אָפּגערוקט אַ ביסל פֿון קלייט און דער דראָזשקאַזש האָט זיך אַלץ אַזוי דרימלענדיק געוויגט אויף דער קעלנע. דער „בוכהאַלטער" מיטן „אַדוואָקאַט" זענען אויך אַריבער אויף דער זייט און אויסגעקומען נעבן דער דראָזשקע. מיט אַמאָל איז מישקע אַרויס פֿון קלייט, האָט אַ קליין פּעקעלע איבערגעגעבן צו איינעם פֿון די דריי פֿאַרשוינען, וואָס איז באַלד אַוועק. אַליין איז ער גלייך אַריין אין דראָזשקע, נאָך אים דער „אַדוואָקאַט" מיטן „בוכהאַלטער", דאָס האָט געדויערט נאָר אַ פּאָר סעקונדן און די דראָזשקע האָט זיך געגעבן אַ ריס פֿון אָרט.

אין טיר האָט זיך באַוויזן דער קרעמער, אַ בלייכער מיט גרויסע קיילעכדיקע אויגן, די ליפּן האָבן אים געציטערט און ער

האָט שטאַרק טיף און גיך געאָטעמט ווי אַ מידע געיאָגטע גאַנז. האָט ער געגעבן אַ שטרעק אויס די הענט, נאָר די צווײ וואָס זענען געשטאַנען בײַם טיר, האָבן אים געגעבן אַ שטויס צוריק, עס האָט זיך דערהערט אַ געשרײַ פֿון קלײט אַרויס, די גאַס האָט מיט אַמאָל אַ ציטער געטאָן, מענשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און די צווײ האָבן זיך מיט גיכע טריט געגעבן אַ לאָז צום גאַנטן ראָג און צוועק. די דראָזשקע האָט מען שוין אויף דער גאַס נישט געזען, זי איז שוין געפֿאָרן ערגעץ אויף אַ גאַס, ווי עס פֿאָרט געווײנלעך אַ דראָזשקע איבער די אָדעסער גאַסן, און דאָ איז אַ רעדל געשטאַנען בײַ דער קלײט. עס האָט זיך געהערט אַ געשרײ, אַ ווײנערײ, מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן דער קרעמער — ער האָט פֿאַרבראָכן די הענט און אויסגעשריגן:

— מען האָט מיך באַראַבעוועט! בדיל הדל געשטעלט! אַ „גאַליאָט“!...

* * *

דאָס מאָל איז מישקע נישט געווען אָנגעבלאָזן און שטיל נאָך דעם „גאַליאָט“, ווי עס פֿלעגט מיט אים אָפֿט פּאַסירן. איצט איז ער געווען אויפֿגעלייגט. און ווען די דראָזשקע איז געפֿאָרן אויף דער דיראָבאַסאָווסקער גאַס, איז ער פֿריילעך און רויק אַראָפּגעשפּרונגען. די דראָזשקע איז געפֿאָרן ווײַטער. אָפּגעפֿאָרן אַ קוואַרטאַל און זיך אָפּגעשטעלט אין די איבעריקע זענען אַרויס. זענען זיי אויף אַ ווײַלע אַרײַן אין אַ הויף, נאָך זיי איז אויך דער דראָזשקאַרזש אַרײַן, און אַז ער איז אַרויסגעקומען איז שוין געהאַנגען אויף זײַן פּלייצע אונטער דעם קאָלנער אַ נומער, וואָס עס איז פֿריער אַן אַנדערער געווען.

די זון האָט זיך געהאַט אַראָפּגערוקט, און די לופֿט איז שוין איצט נישט געווען אַזוי העל. ווי עפּעס רויטלעכס האָט זיך אין איר אַרײַנגעמישט. די גאַסן זענען געוואָרן באַלעבאַטער און עס האָט אַ פֿריש ווינטל אַ בלאָז געטאָן. אויף ניקאָלײַעווער בולוואַר האָט מען שוין איצט שפּאַצירט אין געדיכטע רייען, די בענק זענען געווען באַזעצט און קינדער האָבן זיך נעבן זיי געשפּילט. דער ים איז איצט געווען כמורנע און טונקעלער, עפּעס

האָט זיך פֿון אים אַ פּאַרטייבט רעזען געטראָגן. עס האָט זיך גע־פֿילט ווי אונטער דער ים־אויבערפֿלאַך קומט עפּעס פֿאָר. ביים ברעג, אין פּאָרט זענען געדילט געשטאַנען פֿאַרשידענע שיפֿן און שיפֿלעך, זענען געשטאַנען ענג איינער צו דער אַנדערער געדריקט און איינציקע מאָטאָר־שיפֿלעך האָבן לאַנגזאַם זיך געשניטן מיט די נעז און זיך גערוקט ווייטער אין ים אַריין, ציענדיק נאָך זיך אַ שמאָלן פּאַס וואָס האָט זיך צעגאָסן אין ברייטקייט און צעשוואו־מען געוואָרן. עלטערע מענשן און איינזאַמע פֿרויען זענען גע־זעסן אויף די בענק און ווי פֿאַרגליווערט נישט אָפּגעריסן די אויגן פֿון ים, ווי זיי וואָלטן דאָרט דערפֿילט דאָס אָנטפּלעקן פֿון אַ גרויסן סוד...

עס האָט אויפגעהילכט די מוזיק, דער אָרקעסטער אין אָפֿענעם רעסטאָראַן, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן ברעג פֿון בולוואַר ווי הענגענדיק אין דער לופֿט, האָט געשפּילט עפּעס אַ וואַלס. דאָרט זענען פֿאַרשידענע מענשן געזעסן ביי די טישלעך, טייל האָבן געגעסן און שמייכלענדיק זיך געזאָגט קאָמפּלימענטן זייערע דאַמען, אַנדערע, וואָס זענען געזעסן ביים פּאַרענטש, אונטער וועלכן עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ גלייכע וואַנט אין טאָל אַריין, האָבן ערנסט עפּעס געטראַכט און אַראָפּגעקוקט אויף די שפּיצן פֿון די אַקאַציע־ביימער, וואָס האָבן גרין־ווייס זיך געשאָקלט; האָבן זיך צוגעקוקט צו די קינדער, וואָס האָבן זיך הינטן אין טאָל גע־שפּילט און אָפּט אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט אַהין אויפֿן ים, ציענדיק לאַנגזאַם די פּאַפּיראָסן און לאָזנדיק אַרויף דעם רויך...

מישקע האָט כסדר געקוקט אַראָפּ צו די קינדער, און אויף זיינע ליפּן האָט זיך אַ שמייכל געשפּילט, ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט און אַלץ אַראָפּגעקוקט, נאָר ווען ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף דער זייט, וואו עסטרייכישע אָפֿיצירן האָבן מיט גדלות געשפּאַנט פֿאַרן רעסטאָראַן, פֿירנדיק זייערע אויסגעפּוצטע דאַמען אונטער די הענט — איז אים אויסגעקומען, אַז דאָס זענען פֿרעמדע, וואַלגנדיקע, אומריינע, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין יום־טוב מיט זייערע גרויע נאַרישע מלבושים... און האַלטן זיך פֿאַר בעלי־בתים, און „ווי דאָס האַלט זיך נאָך פֿאַר קלוג"...

אַזוי האָט ער געטראַכט, און אויף זיינע ליפּן האָט שפּיציק אַרויסגעשטאָכן עקל. און נאָך דעם איז עפּעס אַ גרינלעכער בייזער גלאַנץ אויפֿגעגאַנגען אין זיינע אויגן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פֿאַרקוקט אויפֿן ים. געקוקט און געשוויגן פֿאַרביסן, ווי אים וואָלט הנאה געטאָן פֿון דעם וואָס עס קרענקט אים, נאָר אָט האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דערזען די קינדערלעך הינטן, האָט ווידער אַ שמייכל זיין פּנים באַלייכט.

דער קעלנער איז צוגעקומען מיט דעם ווייסן האַנטוך, זיך געגעבן אַ בייג פֿאַר אים און די עקן פֿון זיין שוואַרצער וויזיטקע האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַרונטער ווי פֿאַרפֿרוירענע.

— „פּיראָזשענעס" און ... טיי.

און די אויגן האָבן זיך אים פֿון איינפֿאַל, מיט גליק צעגלאַנצט.

אַז דער קעלנער האָט צוגעבראַכט די „טשאַסטקעס", האָט ער גענומען איינע, זי איינגעוויקלט אין אַ ווייסער פּאַפּיר-סערוועטקע און אַראָפּגעוואָרפֿן. דאָס ווייסע האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ צווייגעלע, איז אַראָפּגעפֿאַלן און זיך דערקוילערט ביז צו אַ ייִנגל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ העל-בלוי טריקאָט-קאָסטיומל. דאָס ייִנגל האָט אַ ווײַלע געקוקט, אויפֿגעהויבן און אויפֿמערקזאַם אויפֿגעוויקלט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש פֿון פֿרייד, אָנגעהויבן שפּרינגען און די איבעריקע קינדער האָבן אים אַרומגערינגעלט און זיך געריסן צו אים.

מישקע האָט זיך צעלאַכט, האָט ווי פֿאַרגעסן אין אַלעם אַרום, האָט פֿלינק גענומען איינוויקלען טשאַסטקעס, דער „בוכהאַלטער" האָט אים געהאָלפֿן, און ווען אַלע קינדער זענען דאָרט געשטאַנען אין אַ רעדל, האָר ער אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן די ווייסע קיילעכדיקע איינס נאָכן אַנדערן, עס האָט אַנגעשלאָגן אין אַ קעפּל, איז אָפּגעשפּרונגען, ס'איז דאָרט געוואָרן אַ יובל-געשריי, אַ שטופּעניש, אַ כאַפּעניש, קינדער האָבן געכאַפּט און זיך אָפּגערוקט און מישקע האָט געלאַכט און געוואָרפֿן.

אַז די „טשאַסטקעס" האָבן אויפֿגעהערט פֿאַלן, און כמעט אַלע האָבן דאָרט הינטן געקייט מיט קיילעכדיקע בעקלעך, האָבן אַלע פֿאַרריסן די קעפּלעך אַרויף, מישקע האָט זיך שטאַרק איבערגעבויגן און אַ הענטל האָט אויף אים אַ ווייז געטאָן. אַלע הענטלעך האָבן

אים אָנגעהויבן באַגריסן און מישקע האָט זיי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איז געוואָרן דערפֿון אַזוי פֿריילעך און אַ געשריי געטאָן:

— געזונט זאָלן זיי זיין!

האָט זיך אַ ווײלע פֿאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— דאָס זענען נישט די גבירישע... יענע זענען אויף דאַטשעס...

— געוויס אַזוי, — האָט דער „בוכהאַלטער" אונטערגעכאַפּט.

— מען וואָלט שוין געדאַרפֿט גיין, — האָט דער „אַדוואָקאַט" דערמאָנט.

מישקע איז געבליבן שטיל. איצט האָט אים נישט געגלוסט אַוועקגיין פֿון דאַנען, איז ער אַ ווײלע אַזוי געזעסן, נאָר באַלד האָט עס אים אַ צי געטאָן, איז ווידער אומרויִק געוואָרן, ווידער זיך דערמאָנט אָן יענער קעלער-שטוב... ווידער דערהערט די קרעכצן וואָס האָבן זיך געטראָגן אײנטאָניק פֿון בעטל שמאַטעס אַראָפּ, האָט ער געזאָגט:

— נו, שוין צייט...

דאָ האָט דער „בוכהאַלטער" צוגערופֿן דעם קעלנער, יענער האָט געשריבן אויף אַ בלאָקל. לסוף אָפּגעריסן אַ בלעטל מיט ציפֿערס און אַוועקגעלייגט אויפֿן טישל.

דער „אַדוואָקאַט" האָט עס גענומען אין האַנט, אַרײנגעקוקט דורך די פּענסנע, האָט אַרויסגענומען געלט און באַצאָלט, דער קעלנער האָט געוואָלט געבן רעשט — האָט ער לײכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— מען דאַרף נישט.

— דער קעלנער האָט זיך געבייגט און געדאַנקט, געבייגט און געדאַנקט, און מישקע האָט זיך אויסגעצויגן און געקוקט אויף אים מיט שפּיזיקע אויגן.

— הער זיך אויף בייגן!

דער קעלנער האָט אויסגעשטעלט דערשראָקענע אויגן.

— דו מיינסט ווייל די עסטרייכער שפּאַצירן דאָ אַרום?

דער קעלנער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, און אויפֿגעצויגן די באַקן צו די אויגן ווי ער וואָלט געליטן ווייטיק.

— זיי נישט קיין הונט!

דערביי האָט מישקע אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, האָט אַרויסגעשלעפּט עטלעכע פּאַפּירלעך און אים דערלאַנגט:

— נאַ, און נייג זיך נישט! ביסט אַליין אויך אַ מענטש!

דער קעלנער איז עפּעס גאָר מטושטש געוואָרן. האָט גע־קלערט וואָס צו טאָן, נאָר מישקע איז דערוויל אַוועק, נאָך אים — די איבעריקע צוויי, וואָס האָבן לייכט געשמייכלט...

ער האָט געשפּאַנט מיט שווערע טריט, האַלטנדיק די הענט פאַררוקט אין די קעשענעס פון זיין לייכטן מאַנטל. די זון האָט שוין רויט געקוקט דורך די צווייגן פון די ביימער, ערגעץ אין דער הויך האָבן שויבן אונטער גאָלד געגלאַנצט. אין דער ליי־דיקייט האָט געציטערט אַ קלאַנג פון אַ גלאָק, וואָס האָט פאַרקלונ־גען, כאָטש קיין גלאָק האָט נישט געקלונגען — און עפּעס אַ פרישקייט האָט געבלאָזן איבער גאַסן, כאָטש קיין צווייגל האָט זיך נישט גערירט. — אויפן וועג האָבן זיך נאָך עטלעכע חברה אַרויסגערוקט פון ווינקל־גאַסן, האָבן זיך ווי אָפּגעריסן פון ראָגן און זיך געלאָזט גיין מיט געמאָסטענע טריט נאָכן „אַדוואָקאַט" און „בולהאַלטער".

ביז מישקע איז געקומען אויף אוספּענסקי גאַס, און געגאַנ־גען אַלץ אַזוי פאַרטראַכט און פאַרביסן, האָט געטראַכט פון דעם ראַזוענצווייגן, וואָס איז אַ „ביטערער הונט" און וויל דוקא „מען זאָל אים אַריינפּעצן אַ קויל" און מיט אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טויער פון ווייצמאַנס הויז.

זיין אויער האָט גלייך אויפגעכאַפּט די נישט רויקייט פון דעם הויף. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ ווײַלע געקוקט, ווי אַ הונט דערשמעקט עפּעס נישט געוויינלעכס, די איבעריקע האָבן זיך דערנענטערט און ער איז אַריין אין הויף.

מיט איין בליק האָט ער אַלץ אַרומגעכאַפּט, און מערקוויר־דיק: ווער איז זי, אָט דאָס מיידל מיט די שוואַרצע געשוירענע האָר און ברוינע גרויסע אויגן? וואו האָט ער זי געזען? הא?... ס'אַר אַ שטאָלץ ס'איז אויף איר פּנים, און ווי טרויעריק אירע אויגן קוקן. ווער איז זי? הא?

און מיט אַמאָל האָט עס אים אַ שלאָג געטון אין קאָפּ: אַ? אָט דאָס איז דאָך... אָט דאָס איז...

ער האָט פײַנלעך געקוקט אויף איר, גרויסע יסורים געפילט, מאַטערנדיק זיך צו דערמאָנען. דערווײַל האָט מען זיך אַרום אים צענויפגעקליבן... און איינער אַ יונגער אַרבעטער, מיט אַ טרויעריק בלײַך פּנים, וואָס האָט אין זיך פאַרבאָרגן עפּעס אַ ווילדע בייזקייט — האָט אָנגעהויבן צו דערציילן. איר פאָטער איז געווען אַ מעקלער... האָט מען אים צוליב דעם ווירט אַוועקגע-לייגט... מישקע האָט געהערט און אים איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן אין קאָפּ... ער האָט דערפילט פאַרגאַנגענע צייטן, נאָך וועלכע ער האָט איצט אַזוי געבענקט. איצט האָט ער שוין געוואוסט, אַז זי איז פון דעמאָלט... פון יענע צייטן... און ווען יענער האָט געענ-דיקט דערציילן, האָט ער אַ פרעג געטון.

— ווי הייסט זי, דאָס מיידל?

— באַשע... באַשע הורוויץ... דעם מעקלערס אַ טאָכטער...

— באַשקע!... האָט זיך מישקע אַ כאַפּ געטון

איצט האָט ער שוין געוואוסט גענוי. דאָס איז זי... אָט איז זי דאָך, די וואָס איז אים געבליבן אין האַרצן פון יענע צייטן... זי האָט זיך אַביסל פאַרענדערט... עפּעס אַנדערש געוואָרן... אַ?... די זעלבע... יאָ... באַשקע... די אייגענע באַשקע, נאָר אַרומגעשוירן די האָר...

איז אים אין האַרצן עפּעס לײַדיק געוואָרן און באַלד ענג. אַ ווייטיק האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן און עפּעס אַזאַ פּייניקנדיק ווייך געפיל האָט אים ווי אין צוואַנגען די ברוסט געדריקט: צי וועט זי אים דערקענען?... אַ?... און דאַן איז ער צו איר צוגעגאַנגען

— פרײַלן! —

זי האָט נאָר אויפגעהויבן די אויגן אויף אים. אָך, דאָס זענען יענע אויגן... זי שווײַגט. זי דערקענט אים נישט... זיך געבן צו דערקענען?... שפּעטער... שפּעטער... זאָל זי נאָר דערווײַל נישט זיצן מיט די זאַכן אויפן הויף...

— — — — — — — — — — — — — —

ווען ער איז צוריק אַרויסגעקומען מיט זײַנע מענטשן אין גאַס, האָט ער געזאָגט צום „אַדוואָקאַט“:

— צו ראָזענצווייגן גייט אַליין... איך קאָן עפּעס נישט איצט...

דער „אדוואָקאַט" האָט אַ גלאַנץ געטון מיט די אויגן דורך די פענסנע — האָט עפּעס נישט פאַרשטאַנען.

— אַ שווערער בעל דבר!

— ס׳מאַכט נישט אויס... געפינט יאַשקען... איר וועט דעם „העכט" אליין אויך אָפּשאַבן... און טאָמער גייט נישט היינט — וועל איך זיך מיט אים מאָרגן אָנקוקן... ער וועט נישט אַנטלויפן.. איצט גיי איך נישט... גייט אַליין... נאָר מיט קאָפּ...

ער איז געווען צעטראָגן און אין האַרץ איז געווען אַזוי גוט און אַזוי ווייטיקדיק, ווי ער וואָלט נאָך לאַנגע שווערע יאָרן גע-קומען אין זיין געבורטשטאָט און זיין היים דערקענט...

* * *

קאפּיטל פיר

מיט מישקען איז געוואָרן אַזוי, ווי ער וואָלט פלוצלינג אויפגע-וואַכט נאָך אַ לאַנגער צייט קראַנק זיין און ליגן באַוואוסטלאָז. איז די צייט אָפּגעשוואומען, ווי אַ רויך וואָס צעגייט זיך. ערגעץ אויפן פעלד כוואַליעט נאָך אַן אָפּגעריסענע גרויע כוואַליע, און ער האָט צוריקגעקערט צום פריערי׳ק און געדענקט אָן דעם. ער האָט איצט אָפט שווער געטראַכט וועגן די געשעענישן, וואָס זענען פאַר דער צייט פאָרגעקומען אַ סאַך פּאַסירונגען זענען אים גע-וואָרן נישט פאַרשטענדלעך, נאָר ווי געטון האָט עס אים נישט. ער האָט נאָר אָנגעהויבן בענקען נאָך יענער צייט און אַלץ האָט זיך ווי אַ קרייז געדרייט אַרום באַשקען, וואָס איז אין קרייז גע-ווען ווי איינגעוואַקסן. ווי אַזוי האָט ער זי געהאַט פאַרגעסן? ווי אַזוי איז געשען דאָס, וואָס ער האָט זיך פון איר אַזוי דערוויי-טערט און זי נישט דערקענט?

איז ער געוואָרן שווייגנדיק און ווי אַ סוד געוואַרעמט אין האַרצן די ווערטער אירע: „קומט צו אונז"...

האָט ער די טעג נישט געטראַכט פון דעם וואָס ער האָט

ביז אהער געטראַכט, ער האָט שווער באַנומען דאָס, וואָס עס דערציילן אים דער „בוכהאַלטער" און דער „אַדוואָקאַט". ער האָט געקוקט אויף רעוועקען און זי כמעט נישט געזען. זי איז אים אויסגעקומען ￼פּעפּס פרעמד, אינגאַנצן אַ פרעמדע, און כסדר גע־דענקט אָן באַשקען... אָן יענער באַשקען, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר זעכצן און געהען אַזוי פריילעך און ענערגיש—האָט איבער־געטראָגן פּראָקלאַמאַציעס אין אַלע גרויסע זאַוואָדן און נישט גע־וואוסט פון שרעקן זיך. איצט געדענקט ער זי אַזוי קלאָר, אַז ער הערט איר טיפע שטים און זעט אירע פלאַמיקע יונגע אויגן, און איצט — איז זי נאָר אַביסל פאַרענדערט און געפינט זיך אויף דער אוספּענסקי גאַס, אַליין אָן אַ טאַטן...

אין יענע טעג האָט מישקע נישט גענומען קיין אָנטייל אין די „אָפּעראַציעס". ער איז אין דער פרי אויפגעשטאַנען ווי נאָך אַ שווערן חלום, האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, אויסגעהערט דעם „באַ־ריכט" פון „אַדוואָקאַט", אָנגעשטרענגט דעם קאָפּ — זיך מיט גע־וואַלט צוריקגעקערט אין דער וועלט, וואו זיין מחנה האָט זיך געפונען, און געגעבן באַפעלן, געזאָגט ווי אַזוי דורכצופירן די „אַרבעט" אין נאָכדעם באַלד אַוועק פון שטוב, געבלאָנזשעט איבער די קויטיקע גאַסן אין מאַלדעוואַנקע און געטיילט צוקערקעס די אָרעמע קינדער, אַרומגעגאַנגען אַרום די קעלער־שטיבער, געלאָזט געלט פאַר קראַנקע, און געשיקט „זיין" דאָקטאָר.

איצט האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין זיין צוגעבונדנקייט צו מאָלדעוואַנקע. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן זען, אַז מאָל־דעוואַנקע קען אים און קוקט אויף אים מיט וואונדער און דרך ארץ, און אָט פאַר וואָס ער פילט זיך דאָרט אַזוי פריי און זיכער.

שפּאַנט מישקע איבער די שמאָלע קויטיקע גאַסן. שפּאַנט לאַנגזאַם און פילט נישט די אויגן פון די, וואָס וואַכן איבער אים און באַגלייטן אים פון די ווינקלען אַרויס, פאַרגעסט אָפּט, אַז ער דאַרף זיך היטן. אין האַרצן נאָר איז אַזוי שטיל און באַנג, ער פילט כסדר די וואַרעמקייט פון די ווערטער: „קומט צו אונז". דערפון שמייכלט ער אין זיך און טראַכט:

— „כ'וועל קומען... אודאי וועל איך קומען"...

ער ווייסט, אַז זי וועט אים נישט דערקענען. אַז זי וועט שטיין מיט גרויסע אויגן און נישט וויסן ווער דאָס איז. שמייכלט אין האַרצן און עס שרעקט... מיט אַמאָל גיט אים אַ שוואַרץ פֿאַר די אויגן, דערזעט ער אַ שטיל ערנסט באַקאַנט פּנים. ער הערט שטיל:

— נישט ווייט זענען זשאַנדאַרמען!...

יענער גייט ווייטער — און ע ר דערזעט איצט, אַז ער איז פֿאַרגאַנגען אויף דער ברייטער פּראָכאָראָווער גאַס. דרייט ער זיך אויס און לאָזט זיך ווידער אין אַ זייטיקער אָרעמער גאַס, נאָר ער איז שוין אָנגעבלאָזן, עפּעס אַ פֿאַרדראָס פּייניקט אים, און עס גייט אויס זיין כּעס צו די דאָזיקע, וואָס האָבן פֿאַרשניצטע בערד-לעך און גראָבע בייכער... איצט געדענקט ער ווידער אָן יענעם ליטוואַק וואָס האָט נישט געוואָלט הערן זיין מוטערס געבעט—איצט איז שוין די מוטער געשטאָרבן, ליגט ערגעץ אויפֿן בית עולם, נישט חנה לאה ליגט דאָרט, נאָר „מישקע יאַפּאַנטשיקס" מאַמע איז דאָרט באַגראָבן. און עס טוט אים וויי דאָס האַרץ פֿאַר דער אַל-טער מוטער, וואָס איז געשטאָרבן. נישט פֿאַר דעם שטאַרבן אַליין, נאָר פֿאַר עפּעס אַנדערש... ער ווייסט אַליין נישט ווי דאָס אָנצו-רופֿן... נאָר עפּעס איז ענג אין האַרצן...

און צי האָט מיט אים פּאַסירט עפּעס אַזויגס, וואָס האָט צו-ריק זיין האַרץ צעוואַרעמט.

ער איז שטיין געבליבן נעבן אַ טויער פֿון אַ נידעריק הויז, געטראַכט אַהין אַריינצוגיין און אַליין נישט געוואוסט נאָך וואָס. און מיט אַמאָל האָט ער דערזען, ווי עס דערנענטערט זיך אַ יידענע מיט שטאַרק פֿאַרוויינטע אויגן, קוקט אויף אים אַזוי צעטומלט, נאָר נעמט די אויגן נישט אַראָפּ פֿון אים. ער האָט דערפֿילט, אַז דאָס גייט די יידענע צו אים און ער האָט אויסגעשפּיזט ד, אויגן.

— וואָס ווילט איר?

— זייט מיר הונדערט מאָל מוחל... איך גיי דען? מיין גע-בראָכן האַרץ גייט... מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט אַ גוט האַרץ צו אָרעמע... אַ יידיש האַרץ... און האָט רחמנות... גיי איך צו אייך...

די יידענע האָט אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן ווי זי וואָלט פאַרבלאָנזשעט צווישן ווענן און ווייסט נישט וואו צו גיין. אויסגעשטעלט די אויגן און געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל.

— וואָס איז אייך?

— זייט מיר מוחל... צי דאָס זענט איר... טאַקע איר אַליין... ווי רופט מען אייך... זייט מיר מוחל...

— יאָ... דאָס בין איך... מישקע...

זי האָט ווידער געפּאָרשט מיט די אויגן און שווער געאָטעמט נאָר מישקע האָט אַ שמייכל געטון און די יידענע איז געוואָרן דרייסטער.

— איך בין געקומען טאַקע צו אייך...

דאָ איז איינער פאַרבייגעגאַנגען, האָט גאָר נישט געזאָגט נאָר די ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן. מישקע האָט אים באַלד דערפילט און צו דער יידענע געזאָגט:

— קומט אַריין אין הויף.

אַליין אַריין דער ערשטער, נאָך אים די יידענע און דער פאַרבייגייער איז געבליבן שטיין נישט ווייט פון טויער.

— איצט דערציילט.

מישקע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און די יידענע האָט זיך שטיל געווישט די אויגן. ער האָט איצט באַמערקט, אַז די יידענע איז אָנגעטון אָרעם נאָר ריין, דאָס פּנים אירס איז מער געעלטערט פון צרות איידער פון יאָרן. די אויגן אירע זענען נאָך לעבעדיקע, די הויט איז צאַרט-בלייך און גלאַטיק, נאָר—צוגעפּאַלן צו די ביינער, און אונטער די קלאָרע בלויע אויגן, האָט די הויט נאָכגעלאָזט אין קנייטשעלעך, און דאָס ערשטע געפיל פון רחמנות האָט אים באַהערשט:

— דערציילט.

— האָט רחמנות... פריער גאָט, דערנאָך איר. איר קאָנט מיך ראַטעווען... איך האָב שוין נישט קיין כּוח צו וויינען... — דערביי מיט בושה צוגעדריקט די אויגן און צוויי טרערן זענען אַראָפּגעפאַלן. אַן אלמנה בין איך... — מיין מאַן עליו השלום איז געווען אַ שניידער, האָט אַליין געהאַט אַ ווערקשטעל... געווען אַ גוטער בעל-מלאכה... געאַרבעט מיט מענשן... נאָר איז

זיך באַגאַנגען מוט זיי ווי אַ פֿאָטער... אדרבא, זאָלן די מענשן זאָגן... איז ער אָבער שלאָף געוואָרן... ווייס איך וואָס אים איז געווען?... ער האָט זיך אָוועקגעלייגט און אָנגעהויבן קרענקען. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז עפּעס אַ ראַק... האָט ער אַזוי געקרענקט, און האָט אַלץ פֿאַרקרענקט... אַלץ וואָס ס׳איז אין שטוב געווען... ס׳איז גאָרנישט געבליבן... און פֿאַר פֿיר וואָכן איז ער געשטאָרבן...

די יידענע האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן. האָט זי אויף אַ ווײַלע באַהאַלטן דאָס פּנים אין פֿאַרטוך, זיך באַלד באַרויקט און מישקע האָט איר נישט געשטערט. ער איז געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערט.

— בין איך, הייסט עס, געבליבן אַ וויסטע אלמנה מיט דריי קינדערלעך, איינס קלענער פֿון אַנדערן... ווער ס׳איז שולדיק געווען, האָט פֿאַרגעסן אָפּצוגעבן... אַזאַ טבע שוין ביי די גבירים. אַרבעטן אַרבעט פֿאַר זיי, יעדעס העקעלע מוז זיין אויף זיין אָרט, הונדערט מאָל פֿאַרריכטן... איבערנייען, איבערפּרעסן, און האָב דרך ארץ און מאָן נישט... וואַרט, ביז מען וועט זיך אַליין דערמאָנען און דיר אָפּשיקן. איצט ווייס איך נישט, וואו עס קומט, ביי וועמען עס קומט... און אַז מען גייט פֿרעגן — איז „קיינער אין דער היים נישטאָ"... קיינער איז נישט שולדיק.

מישקע האָט פֿאַרביסן די ציין און האָט צוגעמאַכט די אויגנדעקלעך.

— האָב איך געזען, אַז ס׳איז שלעכט, האָב איך זיך מישב געווען, זיך אַן עצה געהאַלטן, מילא... וואָס געווען איז געווען. איצט דאַרף מען זען אַליין צו פֿאַרדינען, מיט וואָס־זשע זאָל איך פֿאַרדינען, מיט ליידיקע פֿינגער? — האָב איך זיך ווידער מישב געווען, און ס׳איז געבליבן זיך מאַכן אַ שטיקל טישל אין מאַרק. דאַרף מען דאָך אָבער געלט... אַז צום מינדסטן טישל דאַרף מען היינט האָבן מויזנטער. האָב איך אויספֿאַרקויפֿט אַלץ פֿון שטוב אַרויס, דאָס ביסל מעבל, די בעסערע מלבושים, אַליין בין איך ביי גאָרנישט געבליבן, היינט איז דאָס אַלץ טייער, האָב איך צונויפֿגעשלאָגן ביי די אַבצן טויזנט קערבלעך—איז מען[illegible]געכטן אַרייַנגעקומען מיט רעוואָלווערן, און מען האָט זיי מיר צוגענומען...

די יידענע האָט זיך ווידער צעוויינט און שוין נישט באַהאַלטן דאָס פּנים אין פאַרטוך:

— זאָגט ושע אַדרבא, וואו זאָל איך זיך קערן און ווענדן? די קינדער קומט איצט אויס פּראָסט פּשוט אויסצוגיין פון הונגער... האָב איך געוויינט און געקלאָגט, האָט מען מיר געעצהט, איך זאָל גיין צו אייך. איר האָט רחמנות, זאָגט מען... איר זענט זיך נוקם אין די גבירים... האָט מען מיר אָנגעוויזן, אַז איר זענט דאָ איז גאַס... האָט ושע רחמנות...

— וויינט נישט.

און ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צום טויער, יענער וואָס איז געווען אויפן גאַס האָט זיך צו אים דערנענטערט, עפּעס גע-געגנטפערט. מישקע האָט עפּעס באַפוילן שטרענג, יענער האָט צו-געשאָקלט מיטן קאָפּ, און מישקע איז צוריק אַריין אין הויף. ער איז צוגעקומען צו דער יידענע און געזאָגט:

— מומעשי, גייט אַהיים... היינט נאָך וועט מען אייך אָפּ-ברענגען אייער געלט. נישט אַזעלכע מיינען מיר...

די יידענע האָט אויפגעהויבן די אויגן, און געקוקט פאַר-גאַפט. זי האָט עפּעס געוואָלט פרעגן און נישט געקאָנט... איז מישקען דערפון באַפאַלן אַ פרייד און ער האָט געשמייכלט:

— דאָס גאַנצע געלט וועט מען אייך ברענגען. איר מעגט זיכער זיין. אַז מישקע זאָגט, איז עס הייליק!...

דאָס פּנים ביי דער יידענע איז געוואָרן ליכטיק.

— זאָל אייך גאָט באַצאָלן... איר האָט געראַטעוועט אַ מו-טער מיט דריי קליינע קינדער... עס זאָל אייך באַצאָלט ווערן פון גאָט...

די יידענע האָט אַלץ נאָך געקוקט מיט גליקלעכע אויגן און איר פּנים האָט געלויכטן. מישקע איז מיט פרייד אַרויס פון הויף.

ער האָט געשפּאַנט מיט רעשיקע טריט און מיט אַ געהויבע-נעם קאָפּ — דאָס האַרץ אין אים האָט געזונגען; עפּעס איז אים אויסגעקומען, אַז ער איז געוואָרן נענטער צו יענער פאַרגאַנגע-נער צייט. און עפּעס באַשקע איז געשטאַנען און געשמייכלט צו אים.

אין אָוונט איז ער אַהיימגעקומען אַ שטילער, רויקער, מיט עפּעס אַ ליכטיקייט אין די שמאָלע גרוי-גרינע אויגן. עס האָט פון זיי געקוקט אַ ווייכקייט און אַ וואַרעמקייט. רעוועקאַ האָט עס באַלד באמערקט, האָט זי אָנגעהויבן לאַכן צו אים און באַווייזן אירע ווייסע בלאַנקענדיקע ציינדלעך, נאָר אַ וואונדער: מישקע האָט זי דערזען, האָט ער זיך אָנגעבלאָזן, עפּעס אַ כמורנעקייט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין זיינע אויגן. ער האָט אָבער רויק און שטיל געענטפערט אויף אירע רייד. עפּעס ווי ער וואָלט געווען דערוויי־טערט פון איר.

רעוועקאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט און נישט פאַר־שטאַנען וואָס עס איז מיט אים. זי האָט געפילט, אַז מיט אים איז עפּעס פאָרגעקומען, האָט זי זיך דערנאָך געזעצט נעבן אים, אָנ־געשפּאַרט זיך מיט ביידע עלנבויגנס אויף זיינע קניען און מיט אירע שוואַרץ-גלאַנציקע אויגן אים אַריינגעקוקט טיף אין פּנים:

— מישע, וואָס איז מיט דיר?

ער האָט עפּעס אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— וואָס זאָל זיין?

— דו קוקסט דאָך נישט אויף מיר!?

— אָט קוק איך.

ער האָט זיך צעשמייכלט, ווי ער וואָלט עפּעס אונטער דעם שמייכל פאַרבאָרגן, האָט זי אָנגענומען פאַר ביידע הענט. מיט איין שפּרונג איז זי געזעסן ביי אים אויף די קניען, מיט אַ וואַרעמער האַנט אַרומגענומען זיין האַלז און אים געקושט אין די ליפּן, און דערפילט, אַז עפּעס איז ער נישט ווי שטענדיק.

ער האָט געלאָזן אָפּגעקערט זיין פּנים און שטיל געזאָגט:

— ריוועשע, מיר איז שווער אויפן האַרצן...

— שווער?

יאָ... עפּעס בענקט זיך און עס טוט וויי... פאַרשטייסט...

איך בענק נאָך די יאָרן וואָס זענען אוועק... פאַרשטייסט... מיר איז אומעטיק.

זי האָט עטוואָס געקנייטשט דעם שטערן, און געפּאָרשט:

— וואָס עפּעס פּלוצלינג?

ער האָט זיך פאַרשעמט און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן

און דאָ האָט זי ווי פֿארגעסן איר פֿראַגע און איז אויפֿגעשפּרונגען
מיט געמאַכטער פֿרייִלעכקייט:

— ווייסטו גאָר וואָס? מיר וועלן גיין אין טעאַטער!

און נישט געוואַרט אויף קיין ענטפֿער:

— בראַניע קומט באַלד, מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו גיין אין טעאַטער... וועלן מיר גיין אַלע דריי.

— איך וועל נישט גיין! — האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט אַ בייזער.

— פֿאַר וואָס?

— איך וויל נישט!

אַליין נישט געוואוסט, פֿאַר וואָס ער איז בייז, און נאָר געפֿילט, אַז ער וויל בלייבן אַליין.

— דאַרף מען נישט!

זי האָט פֿאַרצויגן די ליפּן און געוואָרן שטיל און פֿאַרטראַכט, אָנגעהויבן רוימען פֿון טיש און איילן זיך. ער האָט גע-שפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק, און האָט מיט אַמאָל אַריינגעשפּאַנט אין צווייטן צימער, ווי ער וואָלט זיך אַהין אַרייַנ-געגנבעט, און דאָרט — אין דער פֿינסטער זיך אַ מידער אויסגע-צויגן אויף דער קושעטקע, וואָס איז אין ווינקל געשטאַנען...

ער האָט געהערט אַריינקומען בראַניען אין דער פֿאָדערשטער שטוב. אָט די ווייסע בראַניע מיט די גרויסע אַרויסגעשטאַרטע בלויע אויגן, וואָס וואוינט מיטן „אַדוואָקאַט" און האָט נישט קיין קינדער. ער האָט געהערט ווי זי הייבט אָן רעדן און לאַכן, נאָר רעוועקאַ ענטפֿערט שטיל און אָפּגעהאַקט. דערנאָך ווערט שטיל, און מען רעדט שוין ערנסט און געלאַסן. ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד, זיי זאָלן אַוועקגיין. עפּעס האָט ער געוואַרט מיט זיין טראַכטן, ווי מען וואַרט מיט לייענען אַ ליבע-בריוו. מיט אַמאָל האָט זיך די טיר געעפֿנט און אַ פּאַס ליכטיקייט איז געפֿאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. רעוועקאַ איז אַריין:

— וועסט טאַקע נישט גיין?

— ניין, ריוועטשע... האָט ער געזאָגט מיט אַ ווייך שטיל קול.

איז זי צוגעגאַנגען צו אים, זיך איינגעבויגן. ער האָט דער-פֿילט דעם ריח פֿון איר לייב און פֿון פּאַרפֿום.

— מישקע... וואָס איז דיר?
— מיר איז גאָרנישט... איך בין מיד... וויל איך ליגן אַליין און זיך אָפּרוען. — דערביי האָט ער איר אַ גלעט געטון איבער דער האַנט.
— ביסט נישט בייז?
— ניין.
— גיי איך...
— גיי... גיי טאַקע... און דאָס קינד וואָס טוט?
— עס שלאָפט שוין... און איך האָב שוין צוגעזאָגט צו גיין... איך האָב נישט געוואוסט, אַז וועסט היינט אין אָוונט זיין אין דער היים.
— גיי טאַקע, פאַר וואָס נישט?!
ווען זיי זענען אַרויס, איז ער געבליבן רויק, מיט אַ מאָל האָט זיך אָפּגעווישט אַלץ, וואָס איז געווען און איז אַרום אים. ס'איז צוריק געווען יענץ קליינע שטיבל, וואו באַשקע האָט צונויפגעפאַקט די פראָקלאַמאַציעס.
דאָס האַרץ האָט גענומען ציטערן, ווען ער איז מיט איר אַליין פאַרבליבן. ער איז געשטאַנען ווי צעמישט און געזען ווי פלינק אירע הענטלעך באַוועגן זיך. די האָר פאַלן איר איבערן קלאָרן שטערן און אָט גיט זי אַ הייב דעם קאָפּ. די האַנט גיט זיך אַ באַוועג און וואַרפט צוריק די פאַטמעס האָר אויפן קאָפּ. שטייט ער ווי צוגעוואַקסן צום אָרט און די צונג רירט זיך נישט. אין האַלז שטעקט עפּעס, און מורא האָט ער פאַר דעם וואָרט וואָס רייסט זיך פון זיין מויל. ער פאַרשטייט אַליין נישט די ווערטער וואָס ער וויל זאָגן, נאָר עפּעס זינגט אין אים מיט גליק און שרעק. זי בייגט זיך איין. דאָס ברוינע קליידל אירס גליטשט זיך אַראָפּ און פאַלט צו די זייטן פון איר גוף. עס ציען זיך אויס די פאַלבן, אונטער דער ווייסער בלוזקע באַוועגן זיך אַזוי רייצנד אירע גלידער... און ער שטייט און ווי אַ פלאַם האָט אים אַרומגעכאַפּט און דאָס פנים היצט.
מיט אַמאָל גיט זי זיך אַ גלייך-אויס. די פאַלדן פון קליידל לויפן זיך צונויף. דרייט זיך אויס, דערזעט אים מיט די ברוינע ליכטיקע אויגן, ווערט באַלד ווי צעטומלט, די אויגן אירע ווערן אַזוי

צעגלאַנצט און שטייען אויף איין אָרט. דאַן האָט זיך אים שטיל פון מויל אַרויסגעגליטשט:

— באַשקע...

ער האָט עטװאָס אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט אים צוריק אויפגעהויבן און — — — ער האָט אין זיינע אָרעמס געפילט אַלע אירע גלידער, יעדעס באַזונדער און אַלע צוזאַמען, זי האָט איין שטאַרקן ציטער געטון און ביידנס ליפּן האָבן געגעבן אַ וואַקס צונויף...

ער פילט איצט ווי אויף זיינע ליפּן ברענט אזא ליכטיקער סוד, וואָס נאָר באַשקע האָט געקאָנט היילן... זי האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעריסן.

— גענוג דודקע!

— באַשקע.. איך האָב דיך ליב...

האָט זי זיך צעלאַכט. ער האָט זיך פאַרשעמט, זי האָט געקוקט אויף אים מיט די ליכטיקע וואַרעמע אויגן און געזאָגט:

— און מיר ביידע האָבן דאָך ליב די פּאַרטיי... פּאַק זשע איין פּראָקלאַמאַציעס...

מישקע גראָבט איין דאָס פּנים אין קישעלע און דאָס גאַנצע לייב זיינס ברענט פון בענקשאַפט — און עפּעס טוט וויי, שטאַרק וויי... עפּעס שטייט אין וועג און לאָזט נישט צוריקקערן אַהין, און עפּעס זינגט אין הארצן... אַזאַ ליכטיק ברוין געזאַנג:

„קומט צו אונז"...

און אפשר האָט זי אים דערקענט? און פאַר וואָס נישט? צוליב וואָס זשע האָט זי אים געבעטן קומען? האָ?...

און מיט אַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער יידענע, אָן אָט דער ווייבענדיקער יידענע, וואָס האָט אים אַזוי האַרציק אָנגעקוקט און אַזוי געדאַנקט, און מיט אַ מאָל איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן...

„קומט צו אונז".

אַוודאי וועט ער גיין... געוויס וועט ער גיין. אַדרבא. צי וועט זי אים דערקענען?

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט געשפּאַנט איבערן פינסטערן צימער הין און צוריק, האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן פענסטער און

עקוקט אויף דער גאַס אַרויס.

בלוי איז געווען דער הימל און דורך די שויבן האָט זיך געפילט ווי אַ קיל ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן. קיין לבנה איז נישט געווען און נאָר גרויסע שטערן האָבן שטיל געוואונקען און גע־קוקט אויף דער נאַכטיקער שטילקייט אַרום, און אין דער ליידי־קייט האָט זיך עפּעס פאַרהוילנס צוגעהערט צו דער נאַכט און צום קלאַנג פון טראַמווייִ, וואָס האָט ווי מיט ליכטיקע שלאַנגען־אויגן זיך געגליטשט איבער דער גאַס ערגעץ...

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ווער איז?

— צי דער „באַרין" וויל עסן?

דאָס האָט זיך דאַרט די דינסט דערמאָנט, אַז דער „באַרין" דאַרף עסן וועטשערע, און ערשט איצט האָט זיך מישקע דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט קיין מיטאָג נישט געגעסן, און דערפון איז אים אויך עפּעס גוט געוואָרן אויפן האַרצן...

* * *

קאַפּיטל פינף

נאָך דעם ווי מען האָט די זאַכן צוריק אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין, האָט זיך באַשקע באַלד ווי באַרויקט. די מוטער אי־רע האָט נאָך געקרעכצט און זיך געווישט די אויגן. זי האָט אויס־געזען ווי צוריקגעקומען פון שול נאָך יום־כפּורדיק דאַווענען. זי האָט איצט געדענקט אָן מאַן און וועגן דעם וואָס זי איז אַ פאַר־שניטענע אלמנה. אודאי, ווען דער מאַן וואָלט געלעבט, וואָלט זי צו אלע חרפּות נישט געקומען... שכנהטעס האָבן אויסגעהערט און צוגעשאָקלט מיט באַדויערונג. האָבן געשאָלטן דעם הער ווייצמאַן און זיך גאַרנישט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם פרעמדן יונגען־מאַן. נאָך פּאַרט פּאַראַן אויף דער וועלט מענשן מיט הערצער... נאָר באַשקן האָבן די אלע רייד צערודערט. זי האָט נישט פאַר־

טראָגן דאָס רעדן וועגן דעם, וואָס ס'איז שוין פאַריבער. וואָס איז עס בכלל פאַר אַ געטריישאַפט? צוליב וואָס מוז זי אויסהערן די אַלע רייד, נאָר צוליב דעם, וואָס זי האָט געהאַט אַ שווערן טאָג; זי האָט געשוויגן פאַרעקשנט, געוואוסט, אַז זי דאַרף וועגן עפּעס טראַכטן... איצט איז זי אָבער פאַרנומען. זי דאַרף איינשטעלן די זאַכן אין שטוב. דאָס יונגע ברודערל, וואָס איז אַלט אַ יאָר ביין — קוקט מיט שוואַרצע אייגעלעך, פאַרשטייט עפּעס נישט און העלפט איר צו. קוקט זי אויף אים מיט קלוגע טאַטעשע אויגן, און האָט רחמנות אויף אים, אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. און דאָ האָבן זיך די ווייבער צערעדט. וואָס רעדן זיי אַזוי פיל!...

די ווייבער קוקן מיט וואונדער אויף באַשקען, וואָס שפּאַנט אַרום אַזוי לייכט און זיכער פון ווינקל צו ווינקל, קוקט זיך נישט אום און שווייגט אַזוי, ווי זי וואָלט אַ מאָנסביל געווען. אַ מאָדנע מיידל, אָט די באַשקע, זי זאָל זיך עס אָנרופן מיט אַ וואָרט אַפילו.

— עפּעס אַ קלייניקייט? אַז דעו' חתן — ווייסט מען נישט וואו ער איז, אַוועק — און ווי אין וואַסער אַריין... געמוזט אַנט-לויפן צוליב די דייטשן... קיין טאַטע איז נישטאָ... מוז מען אַלץ טראָגן אויפן קאָפּ... פּרוּוווט אַ שכנה טרעפן.

— אַזאַ טאָג איבערצולעבן?!

— ווען נישט דאָס קינד... שיין וואָלט איך שוין אויסגעזעצן,

— רעדט די מוטער מיט טרויעריק-שיינענדיקע אויגן. איר ווייסט דען גאָר, וואָס פאַר אַ קינד דאָס איז? זי איז אַלץ — זי איז דער מאַן און דער זון, און וואָס נישט? און אַרבעטן מוז זי און דאָס פאַרדינסט איז ווייניק...

די מוטער האָט זיך גענומען לויבן באַשקען, דערציילן איר בריהשאַפט, ביז באַשקע האָט זיך אויסגעגלייכט, צוגעגאַנגען נעבעטער און געזאָגט:

— אפשר וועט שוין אַ מאָל גענוג זיין צו רעדן? יאָסעלע וויל שוין שלאָפן... ער האָט נאָך היינט כמעט נישט געגעסן. און וועגן וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן? פון ווייטאָגען? אַלץ גבירים זענען איין שוואַרץ יאָר... כל זמן זיי לעבן מוזן מיר זיך פּייניקן...

— זי איז דען נישט גערעכט? אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי גע-

רעכט זי איז... — האָט אַ יידענע אונטערגעכאַפּט, — אַלע הינט האָבן איין פּנים...

די ווייבער זענען אַוועקגעגאַנגען.

דעמאָלט איז די מוטער באַרויקט געוואָרן, געהאָלפן צו־רוימען אין שטוב. און יאָסעלע איז שוין געלעגן און געשלאָפן מיט דעם קעפּל צום ברוסטל אַראָפּגעדרוקט, און די מוטער האָט שוין געהאַט עפּעס בעגעסן, האָט זיך באַשקע דערמאָנט וועגן וואָס זי האָט צו טראַכטן. איז זי אַריין אין איר צימער, זיך אויסגעצויגן אויף דער קושעטקע און טיף אָפּגעאָטעמט, ווי זי וואָלט פון וואַסער, וווא זי האָט זיך געטרונקען, אַרויסגעקומען.

— ווער זשע איז ער?

זי האָט אין אים דערקענט אַ נאָענטן, איינעם פון די, וועל־כע זי דערקענט אי״מ״אַ קענטערהייט... די גאַנצע וועלט איז דאָך צעטיילט אויף צוויי משפחות, אויף פרעמדע און נאָענטע. איין משפחה וואָס קוקט שפּאָטיש אויף די אַרומיקע און דרימלט זאַט און צופרידן, דאָס איז אַ משפחה, וואָס האַלט שטענדיק די טירן פאַרשלאָסן און גענעצט איבער גרויסע הוילע צימערן, אין וועלכע עס גאַפּען שווערע שטיקער מעבל מיט נאַרישע אויגענעס... און די צווייטע איז גאָר אַ גרויסע משפּחה פון מענשן, וואָס ליידן און קוקן טרויעריק, זיצן שטענדיק אין שטיבער מיט טירן אָפענע אין דער וועלט אַריין, און שווערע קרעכצן רייסן זיך פון זייערע נאַסע שטיבלעך אין דער נאַכט אַריין. איז אָט דער דאָזיקער דאַרער הויכער בחור פון דער גרויסער משפּחה... פון זיינע אויגן קוקט אַרויס דער טשפּחה־צער... אָבער וואו האָט זי אים געזען?... עפּעס האָט זיין פּנים און די אויגן געקוקט צו איר אַזוי היימיש — און די אויגן האָט זי דאָך אַ סך מאָל געזען... זי געדענקט זיי...

און נאָך איז איר אויסגעקומען, אַז די אויגן, וואָס זענען איר אַזוי באַקאַנט און נאָענט, זיצן איצט אין אַ פרעמד פּנים, און טראַכטנדיק פון זיי, איז איר אין האַרצן אויפגעגאַנגען אַ טרוי־עריקער באַנג — ווי מען דערמאַנט זיך אַ ניגון פון קינדהייט...

איצט געדענקט זי, אַז זי האָט עס באַלד דערפילט. און דאָרט — ביי וויצמאַנען אין שטוב — ווען ער האָט גערעדט, האָט זי דאָס קול זיינס געדענקט, און דערפאַר טאַקע האָט זי אים געבעטן

קומען. ס'איז איר געווען אַזוי, ווי עס טרעפט אין חלום: אַ
נאָענטער באַקאַנטער מענש, נאָר אין געשטאַלט פון אַ פרעמדן...

און נאָך האָט זי געטראַכט: אָט דער — איז נישט אַנטלאָפן
פאַר די דייטשן, ער האָט שוין נישט קיין מורא פאַר זייער זשאַנ-
דאַרמעריע... ניין, אַזעלכע, ווי ער —אַנטלויפן נישט — — — יאָן
איז אַ פחדן... ער האָט געציטערט און מורא געהאַט צו בלייבן.
דערביי האָט זי רויק געדענקט יאַנען, געזען זיינע שמייכלענדי-
קע בלויע אויגן, וואָס קוקן אַזוי רויק מיידליש און זיין טונקל-
בלאָנד בערדל, וואָס איז אַזוי גלאַטיק, ווי פאַרטראַכט אין זיך. זי
האָט הוזקדיק געשמייכלט, ווי פון זיך אַליין, וואָס זי האָט פאַר-
לאָזט די פאַרטיי, געוואָרן אַ שפּיזערין אין שטוב און אַרבעט אין
אַ געשעפט. נאָך דער אַרבעט זיצט זי און וואַרט. אויף וואָס וואַרט
זי? צי וואַרט זי ער זאָל קומען צו איר אָדער זי זאָל פאָרן צו
אים? — האָט זיך צעשמייכלט: אָט זיצט באַשקע, ווי אַ קליינביר-
גערלעכע כלה און וואַרט? — נאָר באַלד האָט זי צוריקגעקערט
צום פריערדיקן:

— ווער איז ער פאַרט?

אָט ווי עס טרעפט, אַז מען באַגעגנט אין גאַס אַ באַקאַנט
פנים, און עס לאָזט נישט רוען, און עס גייט נישט אַרויס פון קאָפּ,
ביז מען דערמאָנט זיך נישט ווער דאָס איז.

*　　*　　*

ווען זי איז צו-מאָרגנס געגאַנגען אין געשעפט אַריין, האָבן
„קאַנטאָרשטשיקעס" אויף איר געקוקט מיט דרך-ארץ און שמייכל.
אַלע האָבן שוין געוואוסט, וואָס ס'איז נעכטן געשען אָט דאָ נישט
ווייט, אויף דער אוספענסקי. אַז זי איז אַריינגעקומען אין גאַלאַנ-
טעריי-געשעפט, וואו זי איז געווען אַ פאַרקויפערין, האָט דער
אייגנטימער זי באַגריסט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, ווי ער וואָלט
זי געוואָלט חנפענען און נישט געפרעגט, פאַר וואָס זי איז נעכטן
נישט געקומען. — פון זינט עס זענען געווען די „מאַטראָסן", וואָס
האָבן אַרעסטירט בורזשויען און זיי געפירט אויף דער שיף „אַל-
מאַז", און יאָן איז ביי זיי געווען עפּעס אַ גאַנצער „קאָמיסאַר" —
באַגעגנט ער זי שטענדיק מיט אַ שמייכל... די יונגע בעל-הביתטע
—די קאַסירשע, וואָס איז געזעסן ביי דער קאַסע מיט אַ פול בלייך

געפּודערט פּנים און גלאַט־געקעמטע האָר, ווי אַ סטאַטוע און שטיל געוואָרט אויף [פּדיון — האָט פֿאַרצויגן די ליפּעלעך, האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן און צוגעשאָקלט צו איר מיטן קאָפּ. באַשקע האָט מיט דעם זעלבן געענטפֿערט, נאָר אָן אַ שמייכל, און די איבעריקע צוויי מיידלעך, די פֿאַרקויפֿעריננס, האָבן אויף איר געקוקט מיט וואונדער, ווי זיי האַלטן פֿון עפּעס געשטוינט.

באַשקע האָט זיך געפֿילט עפּעס געקרענקט, עפּעס האָט זי די אויגן נישט געקענט פֿאַרטראָגן, און די שמייכעלעך האָבן זי דערנידעריקט. זי האָט זיך אָבער נישט פֿאַרלוירן און איז אַריין אין קאָנטאָר־שטיבל אויסצוטאָן דאָרט דעם מאַנטל מיט דעם הוט. דאָרט איז שוין געזעסן דער בוכהאַלטער קאָן, וואָס שווייגט אַ ווי פֿאַרגליווערט די לעצטע צייטן, ווי עפּעס אַ סוד וואָלט זיך אין אים באַהאַלטן.

באַשקע ווייסט דעם סוד: ער איז אין דער פּאַרטיי... ער האָט געוואָרט און געוואָלט זען, וואָס ס׳וועט ווערן... עס האָט אים געצויגן צום „רומטשעראָד". ער האָט זיך עטלעכע מאָל געטראָפֿן מיט יאַנען, נאָר ער האָט אָפּגעלייגט דאָס אָנגעמען דאָרט אַ שטעלע, און געוואַרט, און זיך געגרייט; זענען אָבער אָנגעקומען די דייטשן און ער איז מיט ווייטיק און מיט פֿאַרדרוס צוריקגעגאַנגען אויף זיין שטעלע דאָ אין גאַלאַנטעריי־געשעפֿט... האָט ער געשוויגן פֿאַרביטערט און געוואַרט אויף אַ באַשייד פֿון חלום, וואָס דאַרף זיך אַנטפּלעקן... ער איז געווען זיכער, אַז אַזוי וועט עס נישט בלייבן, אַז עפּעס וועט געשעען, כאָטש ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס וועט קומען... דאָס מאָל האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, דערזעענדיק באַשקען, און מיט ליכטיקע אויגן, פֿון וועלכע ס׳האָט איצט זיין חלום אַרויסגעקוקט — און דורך די פּענסנע דורכגעוואָונקען — האָט ער איר האַנט געדריקט. דערפֿון האָט באַשקע זיך דערפֿילט אַביסל צעטומלט און עפּעס העכער ווי זי איז... דערווייל איז אַריינגעלאָפֿן דער יונגער געהילף־בוכהאַלטער, מאָטקע, אָט דאָס נידעריקע בחורל, וואָס טראָגט שטענדיק הויכע קנאַפּל מיט קליינע לאָק־שיך, איז שטענדיק ווי נאָר וואָס אָפּגעוואַשן, און די פֿריילעכקייט ציט זיך ווי שפּיזלעך פֿון זיינע דירעוודיקע אייגעלעך, און אַז ער גייט — גייט ער מיט דראָבנע

נאָר גיכע טריטלעך און שפּרינגט אָפּט אונטער, און אַז ער רעדט צו וועמען, רעדט ער אויפגעלייגט און היימיש, רעדנדיק דייטלעך און באַוועגנדיק שטאַרק מיט די דינע ליפּן, ווי עס ערלויבט זיך אַ שטיפעריש יינגל. אַז ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך פאַר־נייגט און אויסגערופן:

— באָן־זשור, געערטעס פרײַלן הורוויץ! מיין אָנערקענונג...

באַשקע האָט זיך אויסגעגלייכט און אָפּגעמאָסטן דעם יונג מיט אַ קאַלטן, נאָר לענגערן שפּאָטישן בליק, פון וועלכן דאָס בחורל מיט די הויכע קנאַפּל איז צעמישט געוואָרן, אָנגעהויבן פינטלען מיט די אייגעלעך און זיך נאַריש צעשמייכלט.

און באַשקע איז אַריין אין געשעפט.

און דערפאַר האָט זי מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַ שווערן עקל אין הארצן. זי איז געוואָרן ביי זיך שטאַרק ערנידעריקט, זי האָט געזען, ווי דער בעל־הבית מיט די דיקע באַקן, וואָס קוקן ווי אונטערגעשוואָלענע אין פאַרשניצטן געלבלעכן בערדל, זיצט אונ־טער דער קאַנטאָרקע און די ליסענע ליגט אויף זיין קאָפּ, ווי אַ שטיק ווייס גלאַנציקע ליוונט, וואָס דרימלט, זיין בליק איז עפּעס צעמישט און די ברעמען זענען עטוואָס אויפגעהויבן, פונקט ווי אים וואָלט געאיבלט אויפן האַרצן, — און דערפון האָט זי זיך דערפילט אַזוי פרעמד און פאַרשפּאַרט דאָ. וואָס האָט זי דאָ צו טאָן? עפּעס איז איר מיטאַמאָל געוואָרן פאַרשטענדלעך, אַז אַ מענש פון דער געדריקטער גרויסער משפחה טאָר נישט באַטרעטן רויק די שוועל פון דעם, וואָס געהער צו דער זאַטער, שמאַלציקער משפחה; אַריבערטרעטן זייער שוועל דאַרף מען נאָר, ווי מישקע האָט עס נעכטן געטון... נאָר אַזוי... פאַר אַזאַ מין אַריינקום האָבן זיי דרך־ארץ, דעמאָלט גיט זיך עפּעס אַ ריר אין זייערע חלבענע קעפּ... אָבער יושר, רחמנות... ווי קומען אַזעלכע זאַכן אַהין, וואו דאָס אָרט איז מיט שמאַלץ אָדער חלב פאַרגאָסן. נאַרישקייטן...

„ווער־זשע איז ער"?

זי האָט געפילט, אַז ערגעץ אין איר זיכרון איז פאַראַן זיין אָנבליק, נאָר ער איז פאַרהוילן; און אָט־אָט שווימט ער אַרויס פון דער פאַרהוילנקייט, און זי האָט געוואַרט מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם, זיך אָן אים צו דערמאָנען... נאָר עס האָט זיך דערהערט

דאָס טרימייטערן פון די עסטרייכער, וואָס האָבן יעדן טאָג מיט טרומייטערייען און מאַרשן איבער די גאַסן באַגעגנט, און ווידער איז אַומקלאָר בפוואָרן אין זיכרון...

„ווי דאָס טרומייטערט! דעם קאָפּ נעמען זיי אַראָפּ"....

דער בעל־הבית און בעל־הביתטע, דערגאָך די מיידלעך זענען אַרויס פאַר דער טיר. באַשקע איז געבליבן אויף איר אָרט· ס'האָט איר שוין דערעסן דאָס טרומייטערן פון די נאַרישע דראָבנע עסטרייכער, און מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן: שוין צו־פיל טרומייטערן זיי און רעשן... דערביי האָט זי געשמייכלט און געדענקט, ווי סאַשע פעלדמאַן פון דער „פאָדפּאָליע" האָט זי געטראָפן מיט עטלעכע טעג צוריק... געטראָפן דורכלויפנדיק און געזאָגט: זייער סוף דערנענטערט זיך... וואָס האָט ער געמיינט צו זאָגן מיט דעם? האַ? יאָ... עפּעס אויפן פראָגט איז ביי זיי צרות.. אָט צוליב וואָס זיי טרומייטערן מיט אַזאַ רעש און טומל און „סטראַשען די גענז"...

דאָס טרומייטערן האָט זיך אָפּגעריסן און שוין געקומען ווי אַן אָפּקלאַנג. אין קלייט אַריין האָבן צוריקגעקערט די, וואָס זענען פאַר דער טיר געשטאַנען. דעם אייגנטימערס אויגן זענען עפּעס געוואָרן גרעסער, די בעל־הביתטע האָט זיך געגוידערט און די מיידלעך האָבן געשוויגן, צוריקקערנדיק אויף זייערע ערטער· דער בוכהאַלטער קאָן האָט געקוקט מיט בייזקייט און מיט אַ פראַ־גע: וואָס זשע? אָט אַזוי וועלן זיי דאָ שטענדיק אַרומגיין און טרומייטערן? און באַר מאַטקע דער „געהילף" האָט פריילעך זיך געהויבן אויף די שפּיצן פון זיינע קליינע קאַמאַשלעך, נאָכקוקנדיק זיי אין דרויסן אַרויס, און מיט התפעלות אויסגערופן:

— אַ וואַזשנע הברה! ווי דאָס גייט!

און ווידער האָט באַשקען אָנגעכאַפּט אַן עקל צו אָט דעם פּוסטן בחורל, וואָס זעט אויס ווי א הויל פּויעריש פּייפל און חנפעט אונטער דעם בעל־הבית. און ווידער האָט זי זיך דערמאָנט אַן מישקעס אַריינקומען צו ווייצמאַנען און געדענקט, אַז ער איז איר שטאַרק היימיש... „גאָט מיינער! איך קען אים דאָך... איך האָב דאָך אים געזען!...

* * *

דעם גאַנצן טאָג האָט באַשקע געשוויגן. קונים זענען געקו־מען, קונים זענען אַוועק, די בעל־הביתטע האָט שטיל ווי אַן אויטאָמאַט גענומען געלט, געדרייט מיט דער קאָלבע פון דער קאַסע, עס האָט זיך געהערט אַ קלונג, און זי האָט געגעבן רעשט באַשקע איז געווען אויפגערעגט פון אָט די נארישע קונים. עפּעס אַלע זענען זיי געווען שווערבייכיקע, דיקפּנימדיקע, פּוילע און זאַטע, אַלע פון יענער משפּחה, וואָס שפּאַט אָפּ פון איר משפּחה איר איז שווער געווען זיך נאַריש צו מאַכן. זי האָט זיי געוויזן די געבעטעטע סחורות, נאָר דאָס וויזן מיט קיין איין וואָרט נישט באַגלייט; יענע האָבן זיך עפּעס געקווענקלט, עפּעס נישט דאָס מיינען זיי, זיי מיינען „עפּעס”, און באַשקע האָט זיי נישט צוגע־רעדט. אַ פּאָר מאָל איז דער אייגנטימער צוגעגאַנגען און זיך צריינגעמישט, פייערלעך ערקלערט, אַז קיין „בעסערס גיבט נישט”, אַז „מאָרגן, איבערמאָרגן וועט מען דאָס אינגאַנצן נישט קריגן”, און זי האָט געשוויגן. זי איז אייגנטלעך נישט געווען דאָ אין גע־שעפט. דער נעכטיקער טאָג האָט איר דער רעשט אָפּגעריסן פון אָט דער זאַטער חברה, און עס איז אויפגעשטאַנען דאָס פאַרגאַנגענע און זי צוריקגערופן. ווי מען רופט צוריק נאָך אורלויב... דאָס בייזע געפיל, וואָס איז אין איר הארצן יאָרנלאַנג דערצויגן גע־וואָרן, איז דורכן נעכטיקן טאָג ווי רייף און אויסגעוואַקסן געוואָרן און מער נישט געוואָלט רוען. וואָס מער זי האָט דאָס בייזע געפיל געשפּירט, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן דער האָריזאָנט פון איר זיכרון. און דאָס געשטאַלט פון אָט דעם מישקען איז איר בולטער און שאַרפער געוואָרן. — און זי האָט זיך צוריקגעצויגן צום פאַר־גאַנגענעם און דאָרט געזוכט אָט דעם, וואָס זי האָט נעכטן אַזוי צופעליק נאָך אַמאָל באַגעגנט.

ער איז פון יענע צייטן... ווען סאַשע זאָל אים זען! ער וואָלט אים דערקענט.

און ווען זי איז פאַרנאַכט אַוועק פון געשעפט, האָט זי זיך נישט אומגעקוקט אהין, ווי זי וואָלט אַנטלויפן פון אַזאַ אָרט, וואוהין זי וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. און באַשלאָסן האָט זי ביי זיך.

— זאָל קומען סאַשע, זי וועט אים זאָגן, אַז זי קאָן נישט

מער... זי וויל אַריבער צו דער אָרגאַניזאַציע... זי וויל נישט מער איבערטרעטן די שוועל פון אַט די פאַרשמאַלצעוועטע מענטשן מיט די חלבנע קעפּ... זייער שוועל דאַרף מען איבערטרעטן נישט מיט ליידיקע הענט... זי קאָן נישט מער... נאָר מיט א „שפּייער" אין האַנט קאָן מען קומען אין זייערע שטובן... אָט ווי נעכטן...

„ווער זשע איז ער פאָרט?"

איצט האָט זי שוין געטראַכט מיט ווייטיק, וואָרום אויך זיין געשטאַלט האָט זי איצט נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, זי האָט נאָר באַמערקט א הויכן און אַ שלאַנקן. דאָס פּנים אָבער איז געווען אָפּגעווישט...

* * *

קאַפּיטל זעקס

דערווייל זענען אָנגעקומען טעג פון סוף זומער. — טעג, וואָס שטיין סתם, הייסע, אָן אָטעם און א מידקייט הענגט אין ליידיקייט; די אַקאַציע-ביימער זענען פאַרגליווערט אין פאַרעל-טערטקייט און שוין פאַרלוירן די ווייסע בליטן. די בלעטלעך הענגען פאַרחלשטע, באַוואוסטלאָזע, — זענען שוין אויסגעוואַקסן און דערגרייכט דעם אויסגאַנג — אַלץ איז שוין אַנטפּלעקט און עס קומט די גלייכגילטיקייט. די גאַסן האָבן פאַרלוירן די פרישקייט און זענען איצט שטאַרק טרוקן און שטויביק, און אין זיי — איז פאָרגעקומען אַ פאַרענדערונג: אַן אומרויקייט איז אויסגע-וואַקסן פון דער העלער הויט...

די באַריכטן פון מערב-פראָנט זענען עפּעס געוואָרן מטושטש, די צייטונגען זענען אַרויס מיט ווייסע פלעקן, ווי זיי וואָלטן אָפּגעבלאַקעוועט, און דאָס, וואָס מען האָט שוין יאָ געקענט איבער-לייענען, איז אויך געווען נישט קלאָר. די עסטרייכער האָבן אָפּטער מאַרשירט איבער די גאַסן און די טרומייטן זייערע האָבן שוין צו שטאַרק געריסן, ווי זיי וואָלטן דעם לעצטן אָטעם מיט די

לעצטע כּוחות דערצויגן. און מיט אמאָל איז די מורא פֿאַר זיי אויסגעוועפּט געוואָרן, דער דרך-ארץ צו זייער גבורה איז אויס־געלאָשן, מען האָט שוין געשמועסט פֿון עפּעס גאָר אַ גרויסער מפּלה, וואָס דער דייטש האָט געכאַפּט... „ס'האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל", און די עסטרייכער זענען געוואָרן גוטמוטיקער און פֿאַרטראַכטער.

דער אַלטער ערנסטער און שטרענגער גענעראַל פֿאָן-בעלץ, וואָס האָט געהאַט די הערשאַפֿט פֿון גאַנצן אַדעסער ראַיאָן, האָט פֿאַרלוירן זיין גלייכגילטיקייט און אַלע טאָג אַרויסגעגעבן נייע באַפֿעלן. די באַפֿעלן זענען געווען אַן איבערחזרונג פֿון די אַלטע, — נאָר עפּעס אַ פֿרישע נערוועזיטעט האָט פֿון זיי געשריגן. די צענזור איז גאָר שטאַרק געוואָרן. און געטראָפֿן האָבן שוין טעג, ווען די צייטונגען זענען געווען עפּעס פֿרעמדע, פֿון ווייטע געגנטן: קיין סימן פֿון אַ פֿראָנט איז שוין נישט געווען צו זען אין זיי... פֿאַר כאַפּן געווער אָן אַן ערלויבעניש — האָט געדראָט דערשאָסן צו ווערן. נאָר פֿון די באַפֿעלן האָט איצט געקוקט אַ וואַכעדיקייט און מיט אַ שמייכל האָט מען זיי געלייענט — קיינעם איז נישט איינגעפֿאַלן זיך צו שרעקן פֿאַר זיי...

מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַזעלכעס, פֿון וועלכן די מענטשן אין די קלייטן האָבן אָנגעהויבן שווייגן און קוקן מיט קיילעכדיקע אויגן, ווי דערשראָקענע וואַלד-פֿייגל. מען האָט גערעדט פֿון דעם, וואָס עס קלייבט זיך צונויף דער אַרבעטער-ראַט, און אַז אין דער דייטשער אַרמיי בילדן זיך זעלנערישע ראַטן... אין דייטשלאַנד האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעם, דאָס לעבן האָט זיך אַ וויג געטון און אַרויס פֿון די איינגעצויגענע ווילהעלם-גרענעצן. אויף מאָלדעוואַנקע האָט מען שוין אין די פֿאַרנאַכטן געזען גרויסע גרופּעס אַרבעטער צוזאַמען. זיי זענען געשטאַנען שטיל, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך גערעדט אָן ווערטער. די פּנימער זענען געווען ערנסטער און די נערוון אָנגעצויגענע, פֿאַרשאַרפֿטע...

און איינמאָל אין אָוונט, — ווען באַשקע איז געזעסן ביים פֿענסטער און געטראַכט פֿון דעם, וואָס מען זעט נישט סאַשען און ס'איז נישטאָ קיין ידיעה פֿון יאַנען און פֿון דעם, וואָס עס איז איר שוין אוממעגלעך צו גיין אין קלייט אַריין, שטיין און

פֿאַרקויפֿן גאַלאַנטעריי-סחורות אין דער צייט, ווען יאַן פֿירט אָן מיט דער „אַרבעט" ערגעץ אין רוסלאַנד און דאָ האָט שוין אויך אָנגעהויבן זיך רעש'ן... האָט מען אָנגעקלאַפּט אָן טיר פֿון איר צימער און סאַשע איז אַריין מיט אַ ליכטיק, בלייך איינגעפֿאַלן פּנים, נאָר מיט קלאָרע פֿריילעכע אויגן.

— סאַשאַ! — האָט זי אויסגערופֿן בײַ זיין אַריינקומען, ווי זי וואָלט אים שוין זייער לאַנג נישט געזען און מיט אַ פֿריינטלעכן בליק אים אויפֿמערקזאַמקייט באַטראַכט. דער בליק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער זיין גאַנצער מיטעלער פֿיגור און זיך אַרויפֿגעגליטשט ביז די ריירעוודיקע מוסקולן פֿון זיין פּנים. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט מיט אַ שטילער האַנט אַ גלעט געטון איבער זיינע האָר, וואָס זענען געווען אַרויפֿגעקעמט אַזוי, אַז זיי האָבן דעם שטערן אַרויפֿגעצויגן, האָט אויסגעשטעלט זיינע שוואַרצע שאַרפֿע און אומרויִקע אויגן, האָט זיך איינגעקוקט אין באַשקעס פּנים אַזוי שאַרף, — ווי די בליקן וואָלטן דאָרט עפּעס געצייכנט. — האָט נאָך געהאַלטן צונויפֿגעפּרעסט זיינע דינע ליפּן אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט אויסגעזען, אַז דער מענש רעדט קיינמאָל נישט.

— וואָס זשע קוקסטו אַזוי, סאַשע? —

אַזוי האָט באַשקע געפֿרעגט און איז געוואָרן פֿריילעך-צעטומלט, ווי זי וואָלט דערפֿילט, אַז ער טראָגט פֿאַר איר אַ בשורה.

סאַשע האָט זיך צעשמייכלט, אַזוי פֿיל, וויפֿל עס קען זיך צעשמייכלען אַ מענש, וואָס גייט שטענדיק אַרום מיט פֿאַרפּרעסטע ליפּן און שאַרפֿע, שטעכיקע אויגן. ער האָט איר האַנט וואַרעם און האַרציק געדריקט און געזאָגט זיכער און צופֿרידן:

— וועט יאַן, הייסט עס, קומען אין גיכן...

— יאַן?

— יאָ... מיר האָבן באַקומען אַ בריוו... ער קלייבט זיך אַהער... אין בערלין איז נישט רויק... די דייטשן טרעטן - אָפּ פֿון גאַנצן פֿראָנט... מיר האָבן באַקומען גענויע ידיעות... איז דאָרט ערב רעוואָלוציע... דאָס מיליטער האָט שוין געשאַפֿן אייגענע ראַטן... הער אויס, באַשקע! — האָט ער אויסגערופֿן מיט אַנטציקונג — אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד!... דו הערסט, וואָס מען זאָגט דיר: אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד!

ער האָט זיך געזעצט, אָפּגעאָטעמט, ווי אַ מענש וואָס האָט נאָר וואָס גלענצנד דורכגעפירט זייער אַ גרויסע זאַך. באַשקע איז אויך פריילעך געוואָרן, געוואָרן אומגעדולדיק און אויסגעהערט מיט גלאַנציקע אויגן, און סאַשע האָט דערציילט וועגן דער לאַגע, האָט גערעדט אַזוי, ווי ער וואָלט דאָס איצט געקומען פון פראָנט און פון בערלין און אַזוי שמייכלענדיק, ווי דאָס וואָלט ער טאַקע דורכגעפירט דאָרט...

— איך קוק דיך שוין אויס!... וואו זשע ביסטו די לעצטע צייט פאַרפאַלן געוואָרן?

— שטאַרק פאַרנומען געווען... די אָרגאַניזאַציע גרייט זיך... עס קומען אָן וויכטיקע גרויסע טעג... מיר האָבן באַקומען אינסטרוקציעס... מען מוז אָנהייבן אַ געוואַלטיקע אַגיטאַציע...

— קעגן די דייטשן?

— די דייטשן ווי די דייטשן, זיי וועלן אַליין נעמען דעם וועג, נאָר אונטער זייערע פליגלעס אָרגאַניזירט זיך דער אוקראַיִנישער שאָוויניזם אונטער דער פאָן פון פעטלורען... דער, איז ערגער פון די דייטשן...

און ווידער איז סאַשע געוואָרן ערנסט און אָנגעהויבן רעדן ווי אַ מענש, וואָס האָט אויסצופירן אַ וויכטיקע גרויסע שליחות, אַ גרויסן טייל האָט ער שוין מיט ערפאָלג דורכגעפירט, מען מוז אָבער זען צו דערפירן די זאַך ביזן סוף... ער האָט גערעדט און זיין שטים האָט עפּעס געוואָרנט: „איצט ווייסן מיר שוין פון דער פּראַקטיק"... „די בירגערלעכע פּאַרטייען זענען אַ כּוח, וואָס מען דאַרף באַקעמפן". „די אַזוי גערופענע סאָציאַליסטן, זענען אָבער פאַר אונז מער אָנשרעקעריש פאַר די בורזשואַזע פּאַרטייען"... „מען טאָר קיין פעלערן נישט מאַכן"... „מען דאַרף אויסנוצן די לאַגע, כּדי זיך צו באַפעסטיקן"... אַזוי האָט סאַשע גערעדט און באַשקע איז געזעסן שטאַרק פאַרטראַכט. דאָס פּנים איז איר געווען ווי פאַרוואָלקנט און זי איז שטאַרק אומגעדולדיק געוואָרן. אין איר האָט אויפגעבראָזט אַזוינס, וואָס איז אומרויִק אין איר געשלאָפן. הערנדיק פון די געשעענישן, האָט עס אין האַרצן אָנגעהויבן ציטערן מיט גאַרונג זיך צו באַהעפטן מיט די אַלע וואָס העלפן די געשעענישן...

און ווען סאַשע האָט אויפגעהערט רעדן, האָט באַשקע זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו אים, אים אָנגענומען די האַנט:

— סאַשע! אויס! איך גיי נישט מער אין קלייט אַריין!

ער האָט געקוקט מיט זיינע שאַרפע בליקן און געוואַרט.

— עס רופט מיך צוריק! און איך קער זיך אום אין אָרגאַניזאַציע!...

ער האָט פאַרשנד געקוקט און געשוויגן, און באַשקע האָט גערעדט מיט האַרץ, באַוועגנדיק מיט דער רעכטער האַנט:

— פאַרשטייסט... ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אז איך קען נישט מער חוזק מאַכן פון זיך אַליין און גיין באַדינען די אויסגעפּאַשעטע אָדער קרעכצנדיקע בורזשויען... אָט די געשיכטע מיטן דעם... מיט דעם ה' מאַרקוס ווייצמאַן... אָט ווי יענער איז אַריי צו אים מיט אַ רעוואָלווער... פאַרשטייסט... דאָס האָט מיר אַלץ קלאָר געמאַכט... אָט דער הויכער יונג מיטן רעוואָלווער האָט רעכט!... איך האָב זיי פיינט, די בורזשויען, נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי עקספּלאָאַטירן אונז... נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי הערשן איבער אונז, נאָר איך האָב זיי פיינט, ווייל זיי זענען נאַריש, גראָב, ווייל — איך האָב זיי גלאַט פיינט! ווייל זיי זענען — זי האָט געקלאַפּט האַנט אָן האַנט, אירע ברוינע אויגן האָבן מיט עפּעס רויטלעכס געגלאַנצט און זי האָט שטאַרק אַ קריץ געטון מיט די ציין — ווייל זיי זענען אויסוואורפן און שפּעטן פון אונז!... זיי זענען דרימלדיקע פוילע חיות, וואָס לאַכן נאָך פון אונז...

— פויל זענען זיי שוין גראָד נישט...

— ניין, נישט דאָס מיין איך... זיי זענען ווי גראָבע פעטע שלאַנגען... זענען נישט פויל צום בייסן, ווייל זיי זענען פויל עפּעס צו טאָן... און איצט—עס ווערט דאָך אויפגעלעבט די אָרגאַניזאַציע... עס קומען אָן רעשיקע, פלאַמיקע טעג... סאַשע! איך גיי צוריק אין אָרגאַניזאַציע!...

סאַשע האָט זיך לייכט צעשמייכלט, זעענדיק, ווי באַשקעס פנים איז אַזוי ערנסט און די אויגן צעפלאַמט, און ער האָט געזאָגט:

— און ווייסט אונז איצט שטאַרק צונוץ קומען אויך. מיר נייטיקן

זיך איצט אין מענשן... וואָס וועט אָבער זאָגן די מאַמע?... איבע־ריקנס, וועלן מיר זיך אַן עצה געבן... מיר ליידן איצט אפילו מאַנגל אין געלט, נאָר די טעג ע־וואַרטן מיר אַ „טראַנספּאָרט" — די „פאַרבינדונג" איז איצט אַביסל לייכטער געוואָרן...

דאַן האָט באַשקע געדריקט סאַשעס האַנט, און איז געוואָרן אַזוי, ווי זי וואָלט ענדלעך פריי געוואָרן. האָט נישט געקאָנט איינשטיין אויף קיין אָרט, האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען אין די ערשטע צייטן פון דער רעוואָלוציע, האָט זיך אַנטציקט פון אַלע געשעענישן און שטאַרק געלאַכט, דערמאָנענדיק זיך עפּיזאָדן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטיל גערודער אין דער פאָרנדיקער גרויסער שטוב, עפּעס אַ פרעמד קול האָט דאָרט געפרעגט און דער מוטערס קול האָט געענטפערט.ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן און סאַשעס ליפּן האָבן זיך צוריק פאַרפּרעסט. אינגאַנצן איז ער געוואָרן אַזוי, ווי ער וואָלט זיך איינגעפּאַקט און זיך פאַרשלאָסן... און נאָר זיין געהער איז געווען אָנגע־שטרענגט.

באַשקע האָט אָנגעצויגן די ברעמען:

— וואַרט־צו... איך וועל גיין זען.

נאָר אַז זי האָט געעפנט די טיר, האָט זי זיך שוין אָנגע־טראָפן מיט אַ הויכן עלעגאַנט־געקליידטן פּאַרשוין. זי דער־זעענדיק, האָט ער לייכט אַ שמייכל געטון. זי האָט געמאַכט אַ טריט צוריק, איין ווײַלע נישט פאַרשטאַנען, ווער דאָס איז.

— איר דערקענט מיך נישט?

— אַ!... ביטע... קומט אַריין... כ'האָב אייך שיעור נישט דערקענט.

ער איז אַריינגעגאַנגען, און מערקווירדיק: סאַשעס אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין זיין פּנים. דער הויכער האָט געגעבן אַ שמייכל און געזאָגט:

— און איר, סאַשאַ, דערקענט מיך אויך נישט?

סאַשעס פּנים האָט זיך באַצויגן מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געבלאָנדזשעט פון די אויגן צום לייכט־געעפנטן מויל און צוריק.

— האַ?... שאַ... באַלד... איך דערקען אייך יאָ... וואַרט...

דאַן האָט באַשקע זיך געכאַפּט:

— אוי... דאָס איז דאָך... באַלד... גאָט מײַנער! מיר האָבן דאָך צוזאַמען...

— פּראָקלאַמאַציעס צעטראָגן — האָט זיך דער הויכער צעשמייכלט אין פאַרלעגנהייט.

— דוד!... דודקע!... — האָט סאַשע אויסגערופן און זיך אויפגעשטעלט.

— דודקע!... — האָט באַשקע אויסגערופן און אַ פאַרב האָט איבער איר פּנים אַ פלייץ געטון און דערגרייכט ביז אונטער די אויגן.

— דאָס בין איך טאַקע...

באַשקע האָט אויפסניי געדריקט זיין האַנט, סאַשע האָט זיך מיט אים צעקושט און געשמייכלט.

— וואו זשע ביסטו געווען, דודקע?

— וואו איך בין געווען? — מישקעס פּנים איז ערנסט און עטוואָס פאַרוואָלקנט געוואָרן — ווייס איך?... אין עולם התועה בין איך געווען...

סאַשע האָט אויסגעשטעלט פאַרוואונדערטע אויגן.

— אוי... טאַקע... דאָס איז ער דאָך... — האָט זיך באַשקע געכאַפּט און אין אירע אויגן האָט אויפגעפלאַמט אויף איין סעקונדע אַזאַ שטילע צערטלעכע וואַרעמקייט, פון וועלכן מישקען איז ליידיק געוואָרן אין האַרצן און עס האָט אים אין האַלז צוזאַמענגעצויגן, ווי אַמאָל... ביי די פּראָקלאַמאַציעס...

— ווייסט, סאַשע, דאָס האָט ער דאָך אַזוי איבערגעשראָקן דעם ה' ווייצמאַן, האָסט געדאַרפט זען, ווי יענער האָט אַרויסגערוקט אַ פּאָר אויגן. ווי אַ קאָץ וואָס דערזעט אַ שרעקלעכע חיה...

— איצט דערמאָן איך זיך... איך האָב דיך... אַ? איך האָב אייך אָנגעטראָפן אַמאָל אויף מאָלדעוואַנקע, נאָר אַנדערש אָנגעטאָן...

— האָט סאַשע נישט געוואוסט, צי ער זאָל אים זאָגן דו אָדער איר.

מישקע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, איז מיטאַמאָל גאָר טרויעריק געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט מתוודה זיין.

און אַלע דריי זענען אַ ווײַלע געבליבן זיצן שטיל, ווי אַ שווערע מידקייט וואָלט זיי באַפאַלן...

* * *

— איך האָב פאַרבלאָנזשעט... איך בין אַוועק מיט אַ הינטער גאַס, ווייל... מען האָט מיך פון גלייכן וועג אַראָפּגעטריבן... — אויף זיין פנים איז געווען צער און ס'איז מאַטער און טונקע־לער געווען. איך ווייס נישט, צי איך טו גוט אָדער שלעכט... אָבער אין מיר זיצט עפּעס אַזוינס, וואָס פּייניקט מיך און רייצט מיך אָן אויפהער... עפּעס נישט איך אַליין האָב אַזאַ שנאה צו די רייכע... נאָר אין מיר זיצט עפּעס אַזוינס פון די, וואָס וואַלגערן זיך אויף מאַלדעוואַנקע... און נישט בלויז דער צאָרן טרייבט מיך, נאָר עס קאָכט אין מיר אויף דאָס בלוט, ווען איך דערזע אַזאַ אויסגעפּאַשעטן פּארשוין, וואָס איז אַזוי זיכער מיט זיך, מיט זיין גאַט און מיט זיין פאַרמעגן... איר פאַרשטייט, לא די וואָס ער לעבט פון אָרעם בלוט, קוקט ער נאָך אויף מיר ווי אויף אַ נידע־ריקן, אַ נאַרישן און געמיינעם... ווען איך בין נאָך קליין געווען, האָב איך זיי שוין פיינט געהאַט, ווייל זייערע קינדער האָבן שוין פון מיר געלאַכט... ווייל ביי אונז אין שטוב איז געווען הונגער און קעלט, און זיי זענען געווען די קלוגע און פיינע לייט... איז אַמאָל האָב איך געקענט גיין מיט דעם גלייכן וועג, אָבער איצט — האָט עס מיך פאַרטראָגן אויף א הינטערגאַס, נו, בין איך איצט אַ באַנדיט... ציטערן זיי איצט הערנדיק מיין נאָמען...

באַשקע האָט געשוויגן. זי האָט געקוקט מיט רחמנות און צער אין די דאָזיקע גרוי־גרינע אויגן, וואָס האָבן איצט זיך גע־טונקען אין גלאַנציקער פליסיקייט. סאַשע האָט געקוקט קאַלט און איז געזעסן פאַרגליווערט.

— אַ געל ליטוואַקל האָט מיך פאַר אַ קרימינאַליסט געמאַכט. איז מיין שנאה אויסגעוואַקסן און איך בין זיך נוקם אין זיי. זאָלן זיי שניידן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרזייעט...

— אָבער... אַזוי באַקעמפט מען נישט קיין געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. דאָס איז נישט קיין מעטאָדע — האָט סאַשע רויק און קאַלט געזאָגט.

— מעטאָדע ? איך ווייס נישט וואָס דאָס איז! — האָט זיך מישקעס פנים מיט אַמאָל פאַררויטלט און ער האָט זיך אויפגע־שטעלט. און אַז עמעצער שטייט און שלאָגט דיך כסדר מיט אַן אייזערנע פויסט איבערן קאָפּ — וואָס וועט דעמאָלט טאָן דיי

האַנט? זי וועט וואַרטן אויף מעטאָדעס? — זי וועט צוריקשלאָגן!... איך געדענק דאָך נאָך, מען האָט אונז דאָך אַמאָל געלערנט: די אָרעמע און באַדריקטע זענען אַלע איין קערפּער... אַזוי געדענק איך נאָך פֿון דעמאָלט... און אַז איך קען זיין אַ האַנט פֿון דעם קערפּער און צוריקשלאָגן, זאָל איך זוכן מעטאָדעס? יענער שלאָגט דאָך דערווייל מיט אַן אייזערנער פֿויסט און איך זאָל וואַרטן?...

ער איז געווען שטאַרק אויפֿגערעגט, ס'האָט אויסגעזען, ווי ער שטייט פֿאַר אַ געריכט, וואָס וויל אים באַשולדיקן און ער פֿילט אין זיך אַ גרויסע גערעכטיקייט, וואָס מען וויל נישט פֿאַרשטיין. דאָס גאַנצע בלוט האָט אין אים אויפֿגעקאָכט און ער האָט אַלע ווײַלע פֿאַרדריקט די ציין און די מוסקולן אויף זיינע קינבאַקן זענען אַלע ווײַלע אויפֿגעלאָפֿן...

— ס'איז דאָך אָבער נישט בלויז נקמה.

אַזוי האָט געזאָגט סאַשע און עטוואָס אַראָפּגעלאָזט די ברעמען...

מישקע איז שטיל געוואָרן, האָט איינגעקנייטשט דעם שטערן, האָט אַ ווײַלע געקוקט מיט פֿאַרשטאַרטע אויגן, דערנאָך זיך צוריקגעזעצט און מיט אַ שטיל טרויעריק קול, ווי ער וואָלט אָנגעהויבן רעדן נאָך אַ לענגערער צייט שווייגן — האָט ער אָנגעהויבן:

— איך פֿאַרשטיי... וואָס אמת איז אמת... דו מיינסט, וואָס איך ראַבעווע... כ'ווייס נישט, אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין... מיינע מענטשן זענען דעמאָראַליזירט... איך אַליין אויך... וואָס אמת איז אמת... אָבער איך נעם דאָך נישט בלויז פֿאַר זיך... איך טראָג דאָך הילף פֿאַר די אָרעמע און דערשלאָגענע אויף מאָלדעוואַנקע... אדרבא, גיי אַרויס אויף מאָלדעוואַנקע און פֿרעג זיך אויף „מישקע יאַפּאָנטשיק" — ווער וועט אויף אים אַ שלעכט וואָרט רעדן? גיי פֿרעג זיך אין די נאַסע קעלערס — זיי וועלן דיר זאָגן וויפֿל מאָל איך בין שוין דאָרט מיט הילף געווען... וויפֿל קינדער עס לערנען אין חדר אויף מיין חשבון... לאַך נישט, סאַשע, מיר טוט ווײַ פֿאַר זיי... איבעריקנס — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האָט זיך אָנגעבלאָזן און געזאָגט, — איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט...

די לעצטע ווערטער האָט ער אויסגעצויגן און מיט עטוואָס ביטקייט אַרויסגעזאָגט.

— פאר וואָס אזוי? — האָט באשקע טרויעריק געפרעגט — פאר וואָס דודקע?

זי האָט ווידער אויף אים געקוקט מיט יענע אַמאָליקע אויגן, מישקע האָט דערפון דערפילט אַזאַ וואַרעמקייט אין הארצן, אַז ער האָט זיך שיעור צעוויינט:

— מען האָט מיך פארטריבן פון אָרגאַניזאַציע... אַלץ צוליב אַ געלן ליטוואַק...

— וואָס?

— פארטריבן? — האָט סאשע איבערגעפרעגט.

— יאָ... פארטריבן...

זיי האָבן נישט פארשטאַנען, און ווידער האָט מישקע גערעדט מיט אַ וויינענדיקער שטים, דערציילט ווי אַזוי ער איז אַריינגעפאַלן אין טורמע, ווי אַזוי ער איז אַרויס פון דאָרט אַלס קרימינעלער פאַרברעכער, און ווי אַזוי ער איז אַרויסגעטרעטן אויף אַ פאַרזאַמלונג.

זיין שטים האָט געציטערט:

— האָב איך געזען, אַז מיין וועג איז פאַרצוימט, און דער האַס אין מיין הארצן איז געווען אַזוי שטאַרק... האָב איך געשוואוירן: נוקם זיין זיך! און געזאָגט האָב איך זיך, גוט, דו ביזט אַ גנבֿ... זאָל זשע „מישקע יאַפּאָנטשיק" זיין דיין נאָמען, און נקמה אין די דאָזיקע, וואָס האָבן דיך פון דיין וועג פאַרטריבן... ס'איז אַ קרומער וועג, אַ זייטיקער... איך ווייס עס... ווען איך טו דאָס זעלבע אין נאָמען פון אָרגאַניזאַציע — וואָלט געווען עפּעס אַנדערש, אַזוי בין איך אַ באַנדיט...

ער איז געבליבן שטיל. ס'האָט אויסגעזען, ווי עס האָט זיך אין אים אויסגעברענט און ער איז פאַרלאָשן געוואָרן.

און ס'איז געוואָרן אַזוי אומעטיק און שווער אויף די הערצער, און ס'איז עפּעס געווען אַזוי אָנגענעם דער טרויער — און סאשע האָט שוין געקוקט אויף אים מיט וואַרעמקייט.

מיט אַמאָל איז באשקע אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען האַרט צו מישקען, האָט איין האַנט אַרויפגעלייגט אויף זיין אַקסל און מיט דער צווייטער זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש.

— דודקע, ווער זשע איצט צוריק דודקע! ס'איז נאָך צייט

— און וואָלסט איצט שטאַרק צונוץ געקומען, — האָט סאַ-שע געזאָגט, — די רעוואָלוציע קומט צוריק, פון די דייטשן ווערן מיר פטור.

— ניין... איך קען שוין נישט... וואָס וועל איך טון איינער אַליין אין אַן אָרגאַניזאַציע?... אַזוי האָב איך אַ גאַנצע אַרמיי הינ-טער זיך... איך וועל זיי נישט פאַרלאָזן... מיט זיי וועל איך מער באַווייזן...

סאַשע האָט שוין געשוויגן, און באַשקע האָט זיך צוריקגע-זעצט.

— טאַקע ווייל ס'קומט צוריק די רעוואָלוציע... וועל איך מיט מיין אַרמיי העלפן מער, ווי איך וואָלט עס געקענט טאָן אין דער אָרגאַניזאַציע... איך קען שוין נישט איצט קומען און הערן ווי יעדער איינער וועט מורמלען אויף מיר... ווי אַזוי וועט מען קוקן אויף מיר... ניין, איך בין אַ באַנדיט... אַ באַנדיט, נישט מער... נאָר ווי צו די בורזשועס... איר וועט זען, וואָס מישקע קען... איך וועל העלפן—אָט האָסטו מיין האַנט.

סאַשע האָט גענומען זיין האַנט, האָבן זיך האַרעם אָנגעקוקט און לייכט געשמייכלט און באַשקע האָט עפּעס דערפילט אַ פרייד אין האַרצן. ווי זי וואָלט געזען ברענגען אַ קרבן פאַר אירע נאָ-ענטע און היימישע.

— איך בין שוין אַ באַנדיט... וועל איך צעשטערן... און איר וועט בויען!... איך קען שוין נישט אַנדערש...

דאַן האָט סאַשע דערציילט, אַז פּעטליורע קאָנצענטרירט זיינע כּוחות אין די דערפער, און דאַן האָט מען זיך אָנגעהויבן דערמאָנען פאַרשידענע געשעענישן פון די אַמאָליקע צייטן, באַשקע האָט אַריינגעבראַכט טיי, האָט מען גערעדט און געלאַכט, און ס'איז געקומען די נאָענטקייט און די היימישקייט פון דריי גוטע חברים, וואָס האָבן זיך צופעליק צונויפגעטראָפן...

* * *

ווען מישקע האָט זיך געזעגנט מיט באַשקען און צוזאַמען אַראָפּ מיט סאַשען, האָט ער זיך דערפילט עפּעס דערהויבן און אין האַרצן געוואָרעמט אַ באַגייסטערונג, ווי עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך...

סאַשע האָט געשוויגן, ער האָט איצט געטראַכט וועגן עפּעס

גרויסעס, ערשיטערנדס, און אינסטיקטיוו געפילט, אז מיט אָט דעם מישקען האָט זיך אונטערגערוקט אונטער זיין האַנט אַ גרוי־סער כוח, וועלכן ער וועט קענען אויסנוצן נאָך איידער „יענע" פון גרויס-רוסלאַנד וועלן קומען... מישקע האָט איצט שטאַרקער געשׂ-טעמט און געטראָגן מיט זיך אַ גרויס גליק, וואָס איז אים איבער־געגעבן געוואָרן דורך די ברוינע אויגן, ער האָט געהאַט דאָס גע־פיל, ווי ער וואָלט געפונען אַ גרויסן אוצר, פון וועלכן ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט מיאש געווען.

— נו, דאָ צעשיידן מיר זיך — האָט סאַשע געזאָגט.

זיי האָבן זיך וואַרעם די הענט געדריקט.

— געדענק זשע, דודקע... ווייס זשע ווער דו ביסט...

— כ'וועל געדענקען.

— מיר וועלן זיך טרעפן ביי באַשקען. זי טרעט אריין אַר־בעטן אין דער אָרגאַניזאַציע.

— כ'בין גרייט אויף אַלעם, און...

ער האָט זיך פאַרשעמט פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן...

— וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?...

— אַנטשולדיק מיר... כ'ווייס... איך שעם זיך אַליין... איך וועל ברענגען, טאָמער דארף מען געלט... ס'איז דאָך נישט קיין פרעמד געלט... ס'איז דאָך דעם אַרבעטערס...

— מיר וועלן זען... דערווייל בייטיקן מיר זיך נישט...

און זיי האָבן זיך צעשיידט.

מישקע האָט געהאַט אָן אַלעמען פאַרגעסן. ער האָט איצט גאָר נישט געדענקט אַ חוץ באַשקען. ער האָט זי אַזוי געפילט אין זיך, ווי ער וואָלט זי געהאַט איינגעשלונגען. און איצט ווידער גע־שפּירט יענעם קוש, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיינע ליפּן פון אמאָל. ער האָט איצט נאָך גאָר נישט געדענקט, נאָר געפילט, אַז ס'איז אים גוט... אין האַרצן רוט אַזאַ גליק, אַזאַ הייס גרויס גליק. איז ער געגאַנגען מיט גיכע טריט איבער די גאַסן, ווי ער וואָלט זיין גליק אין דער וועלט אַריין געטראָגן, ווי אין דער נאַכט וואָלטן יענע צייטן געשטאַנען און מיט פריילעכע אויגן געקוקט אויף זיין גליק. האָט ער צו זיך אַליין געשמייכלט און צום טאַקט פון זיינע

טריט געחזרט: באַש-קע! באַש-קע! באַש-קע! באַש-קע!

אַנטקעגן האָבן געבליצט גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, און עפּעס האָבן די ווענט פון קאַפע-שאַנטאַן זיך ארומגענומען און געקוקט אינעווייניק אַריין. דער טראָטואַר איז געווען שטאַרק ליידיק און באַלויכטן, ווי געוואַרט אויף די טריט פון די פריילעכע, וואָס וועלן זיך באַלד אַרויסשיטן. אַ קול האָט דין און קוויטשעדיק זיך געצויגן פון אינעווייניק, ס'האָט געשאַלט פון דאָרט מיט קאַלטער פריילעכקייט און פאַלשן טרויער איבער אומגליקלעך לעבן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. געשטאַנען און געקוקט אויף די גרויסע אַפישן, פון וועלכע ס'האָבן געקוקט האַלב-נאַקעטע, קערפּערס פון אַ פרוי, וואָס ליגט אין חלשות מיט פאַרקריצטע ציין, און עפּעס אַ פּעטע צורה קוקט אויף איר מיט צאָרן און מיט אַ שטילעט אין האַנט. און מיט אַמאָל האָט זיך דער שד אויפגעקאָכט אין זיין הארצן: ווי גוט וואָלט געווען, ווען מען גישט איצט אַ נעם אָט דאָס גאַנצע הויז און מען גיט עס אַ קער-איבער! ווי זיי וואָלטן עס געקראָכן, אָט די פעטע גופים, ווי די שלאַנגען וואָלטן זיי זיך געצויגן איינער איבערן אַנדערן און מיט אַרויסגעזעצטע ווייסע אויגן פון גרויס שרעק! אָך! אַפילו די שענסטע פרויען אונזערע ערמאָרדן זיי... וויפיל באַשקעס זענען שוין דורך זיי אויפגעפרעסן געוואָרן מיט ציינישער קאַלטקייט און חוזק?!...

אינעווייניק האָט זיך צעהילכט אַ בראַוואָ-פּאַטשעריי און אָפּגעשלאָגן אין דרויסן אַרויס, דאָס פּאַטשעריי האָט אויסגעבראָכן אַזוי שטורעמדיק, ווי אַ שלאַגס-רעגן גישט פּלוצלינג און מיט אַמאָל אַ שלאָג איבער אַ נייעם בלעכערנעם דאַך. באַלד איז צוריק שטיל געוואָרן און אַ פידל האָט זיך דאָרט צעוויינט.

— אָן אַ זייט!

מישקע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, פאַר אים איז געשטאַנען אַ דייטשער אָפיציר, וואָס האָט געפירט געאָרעמט עפּעס אַ פרוי, מיט שטאַרק אונטערגעפירטע אויגן און אַ גרויסן הוט מיט פעדערן, און געשמייכלט מיט אָפענע ווייסע ציין.

— וואָס שטייסטו ווי אַן אייזל אין מיטן טראָטואַר?

מישקע האָט אים שטאַרק אָנגעקוקט. און שטאַרק פאַרביסן די ציין.

— מאַרש אַן אַ זייט! איילקאַפּ!

מישקע האָט זיך אויסגעגלייכט, מיט שפּאַט געקוקט אויף אים און זיינע פיס האָבן זיך עטוואָס ברייטער צעשטעלט.

— דאָ איז דאָך קיין פראָנט נישט... קענסטו דאָך אַליין גיין אָן א זייט!

— פאַרפלוכטער קערל! —

האָט אָפּגעלאָזט די דאַמע און זיך געכאַפּט צו דער „סומקע" פונם רעוואָלווער.

— אַנו! ווער וועט פריער באַוויין!? —

און מישקע האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע.

— אָן אַ זייט! — האָט דער דייטש געשריגן און זיין פּנים האָט זיך מיט בלוט אָנגעגאָסן.

— פריץ!... פריץ!... — האָט זיך די דאַמע געבעטן.

מישקע האָט מיט שפּאַט אַ שמייכל געטאָן:

— דאָ איז דען בערלין?

דער אָפיציר האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער האָט אויסגעצויגן די האַנט און ברייט צעעפנט די אויגן — ווי אַ שטאַרקער ווינט וואָלט א בלאָז געטון אין פּנים.

מיט איין באַוועגונג איז מישקע אויסגעקומען אין זיין זייט. מיט אַמאָל שטאַרק אַ זעץ געטון איבער דער אויסגעצויגענער האַנט דער רעוואָלווער איז אַראָפּגעפאַלן, די דאַמע האָט אָנגעהויבן אַוועקלויפן שטאַרק צעטומלט און דערשראָקן, האָט שווער געאָטעמט און עפּעס געהופן אין דער ליידיקייט. דער דייטש איז געבליבן צערודערט און מישקע האָט אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער.

— זע, דו נאַרישער יעקע! אַפילו מיין רעוואָלווער וויל איך צו דיר נישט באַנוצן, דו ביסט א קרעציקער הונט! נאַ!

ער האָט אים אַ זעץ געטאָן אין ברוסט. דער דייטש האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן מיט אויסגעשטרעקטע הענט. — דאַן האָט מישקע אויפגעהויבן זיין רעוואָלווער

— ליג רויק, ה' פריץ!... דיין זונה איז אַנטלאָפן! רו זיך אָפּ... און דיין רעוואָלווער וועט צוגוץ קומען, ער וועט דיינע הינט דערשיסן.

דער דייטש האָט אָנגעהויבן זיך אויפשטעלן און רעווען. האָט

געבליבן די ליפּן פון באַליידיקונג און מישקע איז איבער אויף דער אַגדערער זייט. ערשט איצט האָט ער באַמערקט אייניקע פון זיינע מענשן, וואָס שטייען אין ווינקל, האָט ער צו זיי אַ וואונק געטאָן און זיי זענען נאָך אים אַוועק אין אַ זייטיקער גאַס — — —

דער דייטש האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אַ ווײַלע געקוקט אַרום זיך, און גענומען שרייען: פּאַטרול! פּאַטרול! — קיינער האָט זיך אָבער נישט געוויזן. ער האָט מיט רציחה אָנגעהויבן שפּאַנען, איז אַוועק דאָרט אַהין אין דער פינסטערניש אַריין, וואו דאָס ליכט פון די לאָמפּן האָט שוין נישט געגרייכט, פון דאָרט האָט זיך דערהערט אַ גאַכטיק פאַרדרימפּט קול, דערנאָך אַ פייפן פון אַ פייפל, וואָס רופט די וועכטער.

פון דער פינסטערניש האָט זיך אַ פאַרדומפּן געשריי געטראָגן, אַ פּאַטש און אַ צווייטער האָט אָפּגעקלונגען.

ווידער איז שטיל געוואָרן. דער טראָטואַר איז געלעגן ליידיק און זיך צוגעהערט, ווי אינעווייניק, אין קאַפע-שאַנטאַן, האָט אויסגעבראָכן אַ בראַוואָ-פּאַטשעריי און זיך פאַרמישט מיט פריילעכע אויסרופן — — —

* * *

קאַפּיטל זיבן

ס'איז געשען פלוצלינג — כאָטש קיינער איז נישט שטאַרק איבעראַשט געוואָרן. צופיל שוין האָט מען געהערט וועגן די דייטשע מפּלות ביי ווערדען. די באַריכטן האָבן שוין דערציילט וועגן דייטשן פראָנט, אַז ער איז איבערגעריסן און וועגן די דייטשע חילות, וואָס „קאַטשען" זיך צוריק צו די גרענעצן פון זייער לאַנד. מען האָט שוין געוואוסט, אַז אין דייטשלאַנד איז שטאַרק נישט רויק און אַז דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט זיך געווענדט וועגן שלום.

די דייטשן האָבן פאַרגעסן זייער גאווה. איצט האָט מען שוין אַפּעלירט צום יושר און רחמנות פון „דזשענטלמאַן"-ווילסאָן, און ס'איז שוין נישט געווען קיין גרויס איבעראַשונג דער קלאַנג, אַז ווילהעלם איז אַראָפּ פון טראָן, ווייל דאָס האָט מען שוין געוואוסט: שיידעמאַן דער סאָציאַליסט האָט שוין אָנגעהויבן רעדן דער ערשטער אין רייכסטאַג. זיינע פאַרטרעטן האָבן זיך שוין געדרוקט אין די צייטונגען. ער האָט טאַקע געהאַט אַזאַ סאָליד אויסזען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מיניסטער, און טאַקע אַ מיניסטער געוואָרן. די צייטונגען האָבן אָנגעהויבן דרוקן זיינע רעדעס, און פון זינט עס האָט זיך באַוויזן זיין ערשטע רעדע האָט מען זיך גלייך מייאש געווען פון ווילהעלמען און ס'איז עפּעס שטיל געוואָרן אין די עסטרייכישע מחנות. איבער די פרימאָרגן-גאַסן האָט שוין נישט געשאַלט דאָס טרומייטערן זייערס, פאָן בעלצס באַפעלן זענען אויסגעווישט געוואָרן פון די צייטונגען, און אין רייכע קרייזן האָט מען געשוויגן — זייערע אויגן זענען עפּעס קיילעכדיק און דערשראָקן געוואָרן.

און אין קיעוו האָט דער העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי צונויפגעזאַמלט זיינע מיניסטאָרן, האָט מען זיך דאָרט געשובט אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און דערנאָך האָט מען פאַרשפּרייט אַ נייעם מאַניפעסט וועגן אוקראַאינער שפּראַך און קולטור, וועגן עפּעס אַגראַר-רעפאָרמען, און אייניקע מיניסטאָרן האָבן זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע.

און מיט אַמאָל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה:

„ווילהעלם איז אַראָפּ פון טראָן"! „דייטשלאַנד איז אַ רעפּובליק".

איצט איז צווישן די עסטרייך-דייטשע מחנות אינגאַנצן שטיל געוואָרן. עפּעס האָט מען זיך געגרייט, שווייגנדיק איז מען געבליבן אין די קאַזאַרמעס און מען האָט זיך איינגעפּאַקט. אין די פאַרנאַכטן האָבן זיך די סאָלדאַטן צונויפגעשטעלט אין גרופּעס, האָט מען גערעדט צווישן זיך שטיל און אַנטשלאָסן, זעלטן אַז איינער האָט זיך צעבייזערט — עפּעס אויסגעשריגן און איבערגעהאַקט. אויף די גאַסן זענען די זעלנער ארומגעגאַנגען אינגאַנצן פרעמדע, האָבן שפּאַצירט אָן געווער און עפּעס איז דער דרויסן געשטאַנען מיט פאַרגאַפטע אויגן און אויף עפּעס געוואַרט.

שטאָט האָט זיך געטומלט, מען האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס דאַרף געשען, קליינביקעס האָבן געשוויגן און אַ קרעכץ האָט אַרום זיי געפּלאָנדזשעט. אין די רעגירונגס־קרייזן האָט מען רויק געוואַרט. און איינמאָל אין דער פֿרי איז פֿון די צייטונגען אַ פֿיבער אַראָפּ, עס איז געוואָרן אַ שושקעריי און אין די קאַנצעלאַריעס איז מען רעדעוודיק און אויפֿגעלייגט געוואָרן:

„אין קיעוו זענען אָנגעקומען „פֿרייוויליקע" פֿון דעניקינס אַרמיי וואָס אויפֿן דאָן. זעט אויס, אַז צווישן העטמאַן און גענעראַל דעניקין זענען פֿאַרענדיקט געוואָרן די אונטערהאַנדלונגען".

און מען האָט געשמועסט:

דעניקין האָט אָנגעהויבן אַ מאָביליזאַציע אויף אוראַל און קובאַן. זיינע מחנות מאַרשירן צוהילף דעם העטמאַן... קיעוו איז שוין דורך זיי פֿאַרנומען.

אין שטאָט איז איצט אַלץ ווי אָפּגעדעקט און אַנטפּלעקט געוואָרן. נאָר אין דער אַנטפּלעקטקייט איז עפּעס באַהאַלטן געווען. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מחנות דייטשן, וואָס האָבן צוריקגעקערט פֿון קרים. זיי זענען געקומען שטיל, פֿאַרביסן אין שווייגנדיקער אָרדנונג און מיט אַמאָל האָט אויסגעשפּעט די גאַנצע שנאה צו די דייטשן. די ברייטע מאַסן האָבן אויף זיי געקוקט מיט באַדויערן און אויף זיי געקוקט ווי אויף ברידער, האָבן געקוקט מיט אַנטציקונג אויף די אָפֿיצירן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין גאַס שוין אָן עפּאָלעטן. און נאָר די שוואַרצבײַליקע קאָנטאָר־מענשן האָבן געקוקט מיט כעס און געדרייט מיט די קעפּ.

— און אַז מען פֿאַרשפּילט אַ מלחמה, דאַרף מען מאַכן רעוואָלוציעס?

— און אַז מען טרעט אָפּ פֿון פֿראָנט, איז וואָס? דאַרף מען שוין אַלץ לאָזן אויף גאָטס באַראָט?

— און אַז ווילהעלם וואָלט געבליבן, וואָלטן זיי נישט אויסגעהאלטן?

— אַ דייטש בלייבט אַ דייטש... אַז ער האָט עס געדאַרפֿט, איז געווען גוט, און טאָמער עפּעס, כאַפּט ער העקל און פּעקל און נעמט דעם וועג...

און איינמאָל אינדערפֿרי האָט זיך באַוויזן אין די צייטונגען די ידיעה:

„פּאַן-בעלץ איז געשטאָרבן"...

מער האָט מען דאָרט נישט דערציילט. דער אַלטער גענע-ראַל האָט זיך פּלוצלינג דערפילט שלעכט און איז גלײַך גע-שטאָרבן. נאָר פאָרגעקומען איז עס אַזוי:

פּאַן-בעלץ האָט איבערגעלייענט די דעפּעשע, אַז חילתעלם איז אַראָפּ פון טראָן, דערהאַלטן דערבײַ דעם באַפעל צו פאַרלאָזן אוקראַינע און זיך אומקערן אין „פולער אָרדנונג". האָט ער גע-קוקט אין די פּאַפּירלעך, האָט געקוקט און געצויגן מיט די אַק-סלען, אָנגעטאָן די פּענסנע, זיי צוריק אויסגעטאָן, גוט איבער-געווישט און ווידער אָנגעטאָן, האָט לאַנג, לאַנג געקוקט אויף די אותיות, האָט מיט אַ מאָל אַ שטאַרקן שפּיי געטאָן, דערנאָך אַ שאָקל מיטן קאָפּ און די פּאַפּירלעך אַרײַנגעלייגט אין זײַן שרייב-טיש און פאַרשלאָסן: ס'וועט קיינמאָל נישט זײַן... דאָס איז אַ שפּיצל פון דעם קערל שיידעמאַן... פּאַן-בעלץ שטייט נישט-צו צו קיין רעוואָלוציעס... פּאַן-בעלץ הייסט שיסן אַזעלכע פאַררעטער... און ווער האָט אונטערגעשריבן די טעלעגראַמעס, אַ? אַן אומבאַקאַנטע פּערזאָן!... ס'איז אַ שפּיצל... מאָרגן וועט ער זײַן געהאָנגען און חברה וועט זיך באַרויקן...

נאָר דער פאַרדראָס איז געווען גרויס: ווייניק וואָס דער אויסערלעכער שונא האָט זיך געשטאַרקט, נעמען פאַררעטער און ערלויבן זיך אַזאַ שווינערײַ... ווילן אָפּנאַרן מיט טעלעגראַמעס... און מען וואַגט צו לעסטערן דעם קייזער און זײַן פאָטערלאַנד... האָט ער טאַקע פון גרויס ווייטיק געשוויגן גאַנצע צוויי טעג און איז פון זײַן פּאַלאַץ נישט אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זיך געשעמט צו באַווייזן פאַר זײַנע אָפיצירן... עס איז דאָך אַ שאַנד — אין בערלין, אין דער רעזידענץ זאָלן עטלעכע „נידערטרעכטיקע" סאָ-ציאַליסטן מאַכן סקאַנדאַלן און דער מעכטיקער קעניג זאָל זיי נישט אויסראָטן אין איין „שטונדע"?...

זײַן פּאַלאַץ איז געשטאַנען נאָענט צום ברעג ים, איז ער אָפּט געזעסן אין זײַן קאַבינעט און געקוקט דורכן הויכן אין דער הייך פאַרקייכלעכדיקן פענסטער צום ים, האָט געזען, ווי עס שטור-מען דאָרט די כוואַליעס, הייבן זיך אויף מיט ווייסע שוימיקע קאַנטן און וואַרפן זיך קוילערנדיק צום ברעג... „אַט ברומען זיי, די

כוואַליעס״ — האָט ער געטראַכט — „אָבער דעם ברעג וועלן זיי נישט דורכרייסן״. „די שאַנד וועט דאָך נישט אָנהאַלטן״. „נישט רוסלאַנד איז דאָך דייטשלאַנד״.

איז ער געזעסן און געקוקט — און ערוואַרט אַ קוריער. און ווען דער ים איז אַמאָל רויק געבליבן און אַ ליכטיקע זון האָט אים באַשיינט — האָט דער אַלטער זיך שטאָלצער אַוועקגעזעצט אין דער ווייכער שטול און לייכט אַ שמייכל געטאָן.

גאָר אָט זענען אים דערלאַנגט געוואָרן די צייטונגען. ער האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויגן. ווילהעלם האָט זיך אונטערגעשריבן און אָפּגעזאָגט פֿון טראָן?!... דער קערל-שיידעמאַן איז עס דער גאַנצער טאָן-געבער... אָך... נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָט מען דעם הונט געדאַרפֿט די קעל דורכשיסן... איז דאָס ריכטיק? און אפֿשר זענען דאָס פֿאַלשע צייטונגען? האַ?...

דער אַלטער האָט געשפּאַנט איבער זיין קאַבינעט מיט דריבנע גאָר פֿעסטע טריט. האָט עפּעס גאָר נישט פֿאַרשטאַנען און אַ צאָרן האָט אים אין האַרץ געברענט. ער האָט שטיל עפּעס געמורמלט און זיך געעקשנט: „נישט מעגלעך״, „נישט מעגלעך״, איז אַריין אין דער קאַנצעלאַריע, עפּעס איז נאָר איין אַדיוטאַנט געזעסן און אויפֿגעהויבן כמורנע אויגן. אַ שרייבער האָט געקוקט אין פּאַפּירן און האָט עפּעס ווי געשמייכלט אין זיך אַריין.

ער האָט זיך דערנענטערט צום פֿענסטער, איז געבליבן שטיין מיט איבערראַשונג אויפֿן פּנים. די ווייסע באַקן-בערד זענען ווי שטיקלעך וואַטע געלעגן, און זיינע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט.

אויפֿן הויף זענען געשטאַנען זעלנער מיט אָפֿיצירן. אַלע זענען געווען אַזוי היימיש צווישן זיך, ווי מען וואָלט צווישן זעלנער און אָפֿיציר אַ וואַנט צוגענומען, אייניקע האָבן זיך געהאַלטן געאָרעמט, און אָט איז עס דאָך... וואו זענען זיינע עפּאָלעטן?...

און מיט אַ מאָל האָט ער באַמערקט, ווי זיי קוקן אויף אים, נאָר קוקן מיט צאָרן און גרינגשעצונג. רעדן צווישן זיך — ווי זיי וואָלטן אים נישט געזען. אָט האָט דאָך דער ה׳ פּריץ געקוקט...

עס האָט דעם אַלטן אַזוי אויפֿגעבראָזט אין האַרצן, אַז ער איז אָפּגעטרעטן פֿון פֿענסטער, האָט אַוועקגעשפּאַנט ביז קאַבינעט און אַלץ געטראַכט: שווער און צעטומלט, ווי אַ בייזע

פליג וואָלט אים אין אויער געזשוזשעט.

— וואָס זשע? איז עס ווירקלעך אַזוי?...

האָט צוריקגעשפּאַנט ביזן פענסטער, געבליבן שטיין אַ ווײַלע גלײַך און שטאָלץ. עטלעכע אָפּיצירן האָבן זיך אומגעקוקט, אײנער האָט זיך געהאַט אויסגעגלײַכט, האָט גענומען אויפהייבן די האַנט, נאָר זי איז מיטן צוריק אַראָפּגעלאָזט, און עפּעס אײנער האָט זיך אָנגעהויבן קאָכן און רעדן בײז, באַוועגנדיק מיט דער רעכטער האַנט.

פאָן בעלץ האָט רעש געגעבן אָן עפן דאָס פענסטער.

אַלע פנימער האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים, אײנער האָט אים באַגריסט, אויפהייבנדיק די האַנט, נאָר באַלד — זי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט.

— אָפּיצירן!

שטיל.

— וואו איז אייער ערע, אָפּיצירן?

שטיל.

איר דערקענט נישט אייער קאָמאַנדיר?

אַ סאַך זענען בלײַך געוואָרן. אַ צעטומלעניש האָט זיך באַזעצט אין די אויגן. נאָר פאָן בעלץ האָט אויסגעשריגן:

פאַררעטער! אין קייטן וועל איך אײַך שמידן!

— אין וועמענס נאָמען? — האָט אײנער אַ פרעג געטון און זײַן פנים איז שטאַרק רויט געוואָרן.

פאָן בעלץ איז געבליבן ווי פאַרשטאַרט. זײַן פנים איז געוואָרן אַזוי בלאַס, אַז עס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די ווײַסע באַקן-בערד, אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען און נישט געקענט באַוועגן מיט קיין אויג און נישט עפענען דאָס מויל.

— אפשר אין ווילהעלמס נאָמען? —

אַזוי האָט אײנער אַ פרעג געטון. און דער אַלטער האָט געעפנט דאָס מויל. וואָס איז געבליבן שטיין ווי אַ נול, אַ שטײנער ער וואָלט אַ גרויל דערזען. די האָר אויפן קאָפּ, וואָס זענען געווען ווי ווײַסער דינער פוך, האָבן זיך אויפגעשויבערט.

— וואו זענען די באַפעלן? — האָט דער זעלבער געפרעגט.

— פאַרוואָס באַהאַלט איר?

— מיר פֿאָרן אַהיים!

— גענוג געפּידט פֿאַר דער נאָז!

— אויס מיט ווילהעלמען! מיר פֿאָרן אַהיים!

פֿאָן-בעלצס פּנים האָט צוריק באַקומען אַ ראָזע פֿאַרב, ער האָט אַ באַוועג געטון מיט די שנייאיקע ברעמען, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אָפּווישן פֿון די אויגן און געזאָגט:

— ס׳וועט קיינמאָל נישט זיין! די בונטאַרן וועלן צעשאָסן ווערן ווי קרעציקע הינט!

— וואָס?

— וואָס זאָגט ער?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט

— הער גענעראַל! — באַווייזט די פֿאַראָרדנונגען!

דער אַלטער האָט עפּעס פֿאַרלוירן דעם באָדן פֿון אונטער די פֿיס, ער האָט געפֿילט, אַז דער קאָפּ האָט זיך אים צעמישט, אָט וועט עפּעס געשען מיט אים, אָדער ער וועט פֿאַלן אָדער זיך צעוויינען. האָט ער זיך אויסגעדרייט און אָפּגערוקט זיך פֿון פֿענ-סטער.

ער איז געבליבן שטיין אין ווינקל און נישט געוואוסט צי ס׳איז טאָג צי ס׳איז נאַכט. עפּעס איז אַ טומל ערגעץ, שטימען ביי-זע, העזהדיקע רייסן זיך, און די געשרייען זענען ביי דער טיר. ווער גייט עס אַזוי אַרום אין פֿאָדערשטן צימער?... ער איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, ווי עפּעס אַ שווערע זאַך וואָלט אים אַראָפּגעדריקט און מען האָט אָנגעקלאַפּט אָן טיר.

ער האָט נישט געענטפֿערט. האָט זיך די טיר געעפֿנט, אייני-קע אָפֿיצירן האָבן זיך צוזאַמען אַריינגערוקט און נאָך זיי זענען אַריין סתם זעלנער, נאָר אַלע האָבן געשוויגן, עפּעס צעטומלט געווען, דאַן האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געפֿרעגט שאַרף און שטאַלץ:

— וואָס פֿאַרלאַנגט איר?

אַ ווײַלע שטיל. עפּעס אַ צעמישעניש.

— די פֿאַראָרדנונגען! — האָט איינער אַרויסגעפּלאַצט.

— באַלד!

און ער האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט שטייפֿע טריט אַריין

צו זיך אין קאַבינעט. אַ ווײַלע האָט מען שטיל געוואַרט. עפּעס איז ער אַוועק מיט צו־שטייפֿע טריט... און מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ הילך, אַ דינער אויסגעצויגענער הילך, וואָס האָט זיך איבערגעריסן.

אַלע האָבן אויפֿגעציטערט...

אין קאַבינעט איז דער אַלטער געשטאַנען צוגעשפּאַרט צום טיש און די אויבערשטע טייל גוף האָט זיך איבער אים געבויגן, פֿון שטערן האָט עפּעס רויטס געפּליסט...

זײַנע אויגן האָבן געקוקט קלאָר און פֿאַרביסן, נאָר ער האָט גאָר נישט געזאָגט...

אויפֿן אַנדערן טאָג — האָבן עסטרײַכישע און דײַטשע זעלנער אַראָפּגענומען די טעלעפֿאָן־דראָטן פֿון די גאַסן...

*　　　*　　　*

אין יענע טעג האָט דאָס אוקראַינישע דאָרף זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שווײַגן. דער גאַנצער צאָרן, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט שטיל אין די הערצער, דער ווייטיק פֿון די דײַטשע שמיץ און די ערנידערונג פֿון דער פּריצישער נקמה — האָט מיט אַמאָל אַרויסגעבראָכן. עס האָט אויפֿגעברויזט ווילדע נקמה מיט יובל־געשריי. זענען די ערשטע געקומען דער אַטאַמאַן פּעטליורע און דער דיכטער ווינעטשענקאָ, האָבן אָרגאַניזירט אַ דירעקטאָריום און אַרויסגעלאָזט אַ רוף צום פֿאָלק:

— אוקראַינער זון! פּויער און אַרבעטער! אַ טויט די פּריצים און פֿאַבריקאַנטן, אַ טויט דעם העטמאַן!

דער רוף האָט ווי אַ שטראָם אַ פֿלײץ געטאָן איבער די דערפֿער, דורשטיקע האָבן אים די פּויערים געשלונגען, און זיך אָנגעהויבן לאָזן צו די פּירער. אויסגעגראָבן האָט מען דאָס געווער, זיך אויפֿגעזעצט אויף פֿערד און זיך אין מחנות גרופּירט. זיי האָבן דעם אויפֿרוף נישט געלעזן און נישט פֿאַרשטאַנען, זיי האָבן נאָר געדענקט, אַז די פּריצים האָבן זיי געפּײַניקט און די דײַטשן — געשמיסן. זיי ווילן די ערד און פֿאַרטרײַבן דעם העטמאַן. האָט דאָרף נאָך דאָרף זיך אויפֿגעהויבן און אין מחנות געפֿלייצט. איצט האָבן זיך די דײַטשן נישט אַרײַנגעמישט, זיך נאָר געהיטן פֿון איבערפֿאַלן און זיך געגרייט אַוועקצוגיין. אויף די וועגן נאָר האָבן

צאַרנישע פויערים געלאָקערט, די דייטשע זשאַנדאַרמען פון די מחנות אָפּגעשלאָגן און מיט רויקער רציחה זיי צעשניטן. מיט „קלאָניצעס" „דערטשמעליעס" און אויף ביימער צעהאָנגען. די פויערים האָבן אָפּגעהיטן זייער צאָרן צו די דאָזיקע זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן אויף זייערע הויזן גאַנצע ווײַדלען פון העגער געטראָגן, וואָס האָבן זיי געשמיסן און דעם פריך אָפּגעהיטן. האָבן די זשאַנדאַרמען געציטערט ווי אויסגעהונגערטע נאַסע הינט, האָבן זייערע היטלען אויסגעטון, אויף געווײַנלעכע זעלנערישע פּאַרביטן און פּאָרזיכטיק זיך געגנבֿט איבער די וועגן. פויערים האָבן דעם וועג פאַרשטעלט, דאָס געווער אָפּגענומען, זיך צוזאַמענשמויסן און זיך ווילד צעהוליעט. האָבן קליינע אָטריאַדן דאָס געווער געלאָזט און אַנטלאָפן. מיט דעם געווער האָבן זיך די דערפער באַוואָפנט און אויסגעשחטן די העטמאַנישע לייט. אומעטום האָבן די העטמאַנישע „וואַרטעס" זיך אונטערגעגעבן, געוויינט און געקניט און רחמים געבעטן, דערנאָך געשמײַכלט און אויף דער לאַץ געלבלויע בענדלעך צוגעשפּילעט, און געשריגן:

— זאָל לעבן אוקראַינע!

און שטאָט נאָך שטאָט, דאָרף נאָך דאָרף איז אַריבער צו דער „אוקראַינישער דירעקטאָריע".

נאָר קיעוו איז געווען פאַרנומען פון דעניקינישע אָפיצירן. זיי האָבן מיט שינאה געקוקט אויף די דייטשן און האָבן אַלץ פאַרנומען אין זייערע הענט. אויף אָדעסער וואָקזאַל האָבן זיך אויך באַוויזן „פרייוויליקע" אָפיצירן, פון דאָרט אַראָפּ און פאַרשלונגען געוואָרן אין שטאָט; ס'איז אויסגעקומען, אַז ערגעץ אין אַ פאַרהוילן אָרט פּאַקן זיי זיך אויס, און וועלן פון דאָרט אַ גאַנצע מחנה אַרויסקומען. דערווייל אָבער הענגען אויף די ווענט פון גרויסן וואָקזאַל די אויפרופן פון דער דירעקטאָריע, דער „מאַניפעסט" קוקט אַראָפּ גרויס און ברייט פון דער וואַנט, איז מען געשטאַנען אַרום, האָט מען געלייענט, געשוויגן און עפּעס נישט היימלעכס געטראַכט. די „וואַרטאָווניקעס" האָבן אַהין נישט געגענט, האָבן נישט געקוקט אין דער זייט אַריין. ס'האָט אויסגעזען, אַז זיי טראַכטן; „אפשר צייט שוין אוועקצוגיין פון „פּאָסט"? און אויף דער מאָלדעוואַנקע האָט זיך ווי אַ שטורעם־ווינט

אויפֿגעהויבן, מען האָט אייגנטלעך גאָרנישט געזען, נאָר עפּעס 'ענען מענשן געגאַנגען גיכער, געווען פֿאַרנומען און זיך געגרייט צו עפּעס...

די נעכט זענען שוין געשטאַנען קילע, נאָר קלאָרע און אויסגעשטערנטע, שאַרפֿע ווינטלעך האָבן מיט ווייטע אָפּקלאַנגען געבלאָזן. די טעג זענען געשטאַנען מיושבדיקע אין ערוואַרטונגי דער קלייטניק האָט געקוקט אין גאַס אַריין א צעטראָגענער, איז אַלע ווײַלע גרייט געווען צו פֿאַרמאַכן די קלייט, און ווייבער האָבן זיך געאײַלט. בײַ די בעקערייען זענען געשטאַנען לאַנגע „אָטשערעדן”.

ביז ס'איז אָנגעקומען די ידיעה:

„די פּעטליורצעס האָבן פֿאַרנומען כֿאַרקאָוו און אַ רייע אַנדערע שטעט. זיי רוקן זיך אויף קיעוו”.

פֿון קיין שלאַכטן האָט מען נישט געהערט. די פּעטליורצעס זענען אַלעמאָל אַריין אין אַ שטאָט און דאָרט די העטמאַנצעס אַרעסטירט.

און מיטאַמאָל איז עפּעס שטילער געוואָרן. אין אָדעט האָבן זיך באַוויזן אַ סאַך „פֿרײַוויליקע” אָפֿיצירן. עפּעס האָבן זיי זיך געהאט אויפֿגעפּאַקט און זיך אין גאַס אַרויסגעשיט. זיי זענען געווען אויפֿגערעגט און געשוויגן פֿאַרביסן. די אויגן זייערע זענען ווי שיפּעלעך גיך געשוואומען פֿון ווינקל צו ווינקל. זיי האָבן עפּעס געלאָקערט און געווען צעשראָקן, האָבן זיי דערזען די אויפֿרופֿן און זיי אַראָפּגעריסן, פֿון וואָקזאַל אַראָפּגעשיקט די „וואַרטאָוניקעס” און אַליין געבליבן אויף זייערע ערטער, די צוגן האָבן אויפֿגעהערט פֿייפֿן און גרילצן — זיי זענען געבליבן שטיין רויק און פֿאַרגליווערט בײַ דער סטאַציע.

מען האָט מיטאַמאָל אויפֿגעהערט רעדן פֿון קיעוו — און מיטאַמאָל האָט עס אויפֿגעריסן: איבערן שטאָט האָט זיך דערהערט אַן „אָך!” — די באָלשעוויקעס האָבן זיך צוגערוקט צו כֿאַרקאָוו און אָנגעהויבן פֿירן אַ שלאַכט מיט די פּעטליורצעס.

און ווען אויף יענער זייט אוקראַינע האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע בהלה — די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן שטויסן די פּעטליורצעס — האָבן זיך די פּעטליורישע הויפּט-חיילות דער־נענטערט צו קיעוו.

עטלעכע שעה גאָר, אַז זיי האָבן באַשאָסן די שטאָט מיט אַרמאַטן. דערנאָך איז מען אַריין אין שטאָט, אַרעסטירט עטלעכע פון העטמאַנס מיניסטאָרן, נאָר אים אַליין נישט געפונען. די צייטונגען האָבן דערציילט, אַז ער איז אַוועק מיט אַן אַעראָפּלאַן צווישן פּאָלק האָט מען אָבער דערציילט, אַז ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ דייטש און אַוועק צוזאַמען מיט די דייטשן, איבערגעבנדיק גרויסע פאַרמעגנס צום דייטשישן שטאַב.

איצט זענען די דייטשן שוין נישט געגאַנגען רויק איבער אוקראַינע, פּאָלקנווייז זענען זיי געלאָפן, זיך אָפּגעשלאָגן אויף די וועגן פון די פּעטליורישע חיילות, וואָס האָבן זיי געוואָלט פאַרהאַלטן און אַנטוואָפענען. איבער די וועגן האָבן זיך געוואַלגערט טויטע פּויערים און געשוואָלענע דייטשישע פּגרים, זענען באַבעס פון די דערפער אויף די וועגן אַרומגעגאַנגען, זייערע זין דערקענט, זיי באַווייגט און די דייטשן געשאָלטן. ביי די צלמים געזעסן מיט פאַרבראָכענע הענט און צו גאָט געבעטן, ער זאָל זיין גוזר פאַרגרינגערן—וואָרום אַ מהומה איז אויף אוקראַינע געקומען

האָבן די געוויינען געבלאָזשעט איבער די וועגן, און נאָך זיי איז שיסעריי און טויט געקומען. פון די וועלדער האָבן זיי די יונגע, צעהיצטע פּויערים, געשטראָמט און זיך געפלאָנטערט מיט די דייטשן, געהרגעט און אַליין פון די פּיס געפאַלן, און דייטשישע ביקסן און קוילנוואַרפער אין די וועלדער אַריינגעשלעפּט.

ערשט דאַן האָבן די דייטשן געזעען, אַז זיי וועלן דאָס געווער אַהיים נישט דערפירן, און זיך דערמאָנט, אַז אפילו ווען זיי וועלן עס דערפירן, וועט עס ביי זיי נישט בלייבן, און דער פראַנצויז, וואָס האָט געהאַט שליחים אין אָדעס, האָט שוין פּראָטעסטירט געגן דעם, וואָס די דייטשן צעטיילן זייער געווער, און דערפאַר אַליין האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט זייער געווער ביי די באָלשעוויקעס; וואו דייטשן האָבן זיך אָנגעשטויסן מיט רויט-אַרמייִשע אָטריאַדן, האָבן זיי דאָס געווער פאַר אַ מתנה ביי זיי געלאָזט, און אַז זיי זענען אַריינגעפאַלן צווישן צוויי מחנות — צווישן פּעטליורצעס און באָלשעוויקעס — האָבן די דייטשן געהאָלפן די באָלשעוויקעס און פאַר זיי די שטעט ביי די פּעטליורצעס אָפּגענומען.

און אָדעס האָט שוין געראָשט מיט דעניקינישע אָפיציר און „זשיד" האָט איבער גאַס און געסל זיך געטראָגן, פון אַנ-שטאַלטן אַרויסגעשריגן, זיי האָבן געקריצט מיט די ציין און גע-ביילט די פויסטן, האָבן זיך אין די פאַרנאַכטן געיאָגט נאָך יונגע יידן מיט גומע פּאַלקעס, געשלאָגן און געפּייניקט און שרעק אין די הייזער געטריבן.

האָט מען אָנגעהויבן פאַרמאַכן די קלייטן, ווען ס'איז נאָך טאָג געווען, און די פאַרנאַכטן זענען געקומען פוסטע און שרעקנדיקע...

* * *

אין יענע טעג איז מישקע אינגאַנצן נישט אַהיים געקומען. רעוועקאַ איז געקומען צו אים אויף מאָלדעוואַנקע, זי האָט אים דאָרט באַגעגנט אין גאַס אָדער ביי דער פישעליכע אין הויז — דאָס איז געווען אַ מין גאַסט-הויז פאַר היימישע חברה. דאָרט האָט מען געקאָנט קריגן „היימישן" בראָנפן און אָפּעסן אַ היימיש מיטאָג. די פישעליכע איז געווען אַן אלמנה, אַ דיקע צעגאָסענע יידענע מיט שווארצע אויגן, וואָס זענען שעלמיש און רויק געזעסן אויף זייערע ערטער ווי זשוקעס. אָפט זענען זיי געלאָפן פון ווינקל צו ווינקל, ווי קליינע פינסטערע שפּילעך און יעדער קער פון אַ פרעמדן איז פאַר זיי נישט פאַרלוירן געוואָרן, ס'איז אויסגעקו-מען, אַז אָט די פישעליכע איז קיינמאָל נישט געווען אַנדערש, ווי זי איז, זי איז קיינמאָל נישט געווען יינגער אָדער דאַרער און איז אַמאָל געבוירן געוואָרן אָט אַזוי ווי זי איז איצט און באַלד אַן אלמנה געווען. און אָט ביי דער פישעליכע אין דער גרויסער שטוב — דאָרט, וואו עס זענען געשטאַנען שווער-הילצערנע בעטן געשטאַנען מיט דיקע געשניצטע פיס, ווי אייַנגעוואַקסן אין דער פּאָדלאָגע, איז אָפט מישקע געזעסן, ער האָט דאָרט שטיל געוואַרט און אַלע ווײַלע אַרויסגעקוקט דורך דעם פענסטער אין הויף אַריין, אַלע ווײַלע האָט זיך אַהין באַוויזן עפּעס אַ פּאַרשוין מיט אַ פאַר-הוילן, פאַרהאַרטעוועט פּנים, האָט אָדער געשוויגן און צוריק רויסגעגאַנגען און דאָס האָט געהייסן, אַז עס איז קיין שום נייעס נישטאָ, אָדער ער האָט עפּעס רויק מיטגעטיילט, און מישקע האָט אים אויסגעהערט.

אַז רעוועקאַ איז אַריינגעקומען נאָך די ערשטע טעג, וואָס מישקע איז אין דער היים נישט געווען, האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן, ווי אויף אַ פּרעמדער, און אַז זי איז צוגעגאַנגען נאָר נאָנט צו אים, האָט ער אומרויק און אומצופרידן אַ זאָג געטאָן:

— איז וואָס זשע? האָסט זיך פאַרבענקט?

האָט זי זיך צעשמייכלט:

— און אַז פאַרבענקט, איז וואָס?

— איך האָב נישט קיין צייט... כ'בין שטאַרק פאַרנומען...

האָט רעוועקא זיך אָנגעבלאָזן און פאַרצויגן די שמאָלע ליפּעלעך, האָט געקוקט אויף אים שווייגנדיק, זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— שטיי.

זי האָט זיך נישט אומגעקוקט.

— שטיי, זאָג איך דיר!

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ בלויז:

— האָסט דאָך נישט קיין צייט?

— אָהער גיי.

איז צוגעלאָפן, זי אָנגעכאַפּט פאַרביידע אַקסלען, האָט אַ ווײַלע געקוקט אין אירע אויגן, זי האָט גלייכגילטיק אויסגעהאַלטן זיין שאַרפן בליק, האָבן זיך זיינע הענט אַראָפּגעגליטשט פון אירע אַקסלען, און ער האָט געפרעגט:

— וואָס מאַכט דאָס קינד? הא?

— אַז מען וויל וויסן, וואָס דאָס קינד מאַכט, קומט מען אַ היים און מען זעט.

האָט ער איר האַנט אָנגעכאַפּט מיט כעס, זי אַ צי געטאָן צום טיש.

האָט זי זיך צעלאַכט:

— משוגענער! לאָז אָפּ.

— זעץ זיך!

— וויל איך נישט.

— זעץ זיך!

— אָט זיץ איך שוין. איז שוין גוט?

האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר איר אויף די קניען, האָט

געגומען ביידע הענט אירע אין זיינע, האָט אַרויפגעקוקט צו איר מיט הינטישער ווייכקייט:

— וואָס מאַכט באָריטשקע? האַ?

— זי האָט זיך צופרידן צעשמייכלט:

— ס'אַר אַ משוגענער טאַטע דאָס איז?! וואָס זאָל ער מאַכן?... ער עסט און טרינקט און פלאַפלט... און פרעגט: „גדיע מיסאָ"?... אַלע טאָג פרעגט ער זיך...

האָט זיך מישקע אויפגעשטעלט מיט אַ שיינענדיק פּנים, האָט זיך צעשמייכלט, און עס האָט אים מיט אַמאָל געטאָן אַ הויל-אויס אין האַרצן. ער האָט איצט געדענקט אַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אַמאָל, אין אַ שטילן כמורנעם פאַרנאַכט און האָט זיך איצט צוריק צו אים באַוויזן — — — האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן פענסטער — האָט אַרויסגעקוקט, ווי ער וואָלט עמיצן דאָרט געזען... עס האָט אים אַ צי-געטאָן אין האַרצן און ער האָט איצט פאַרשטאַנען צוליב וועמען ער גייט נישט אַהיים, נאָר ליגט דאָ ביי דער נאַרישער פישעליכע... ער קען נישט קומען אַהיים... עפּעס שטעכט אים דאָרט...

— ריוווטשע... גיי אַהיים... איך מוז דאָ זיין... עס קומען אַזעלכע אומרויקע טעג... ס'איז פאַר מיר „געזונטער" נישט צו געפינען זיך אין צעגטער... און נאָך -- ווער ווייסט וואָס די „הינט" האָבן פאַרטראַכט צו טאָן... די אָפיצירן געפעלן מיר נישט... ווער ז'שע וועט אין זינען האָבן זיך אָנצונעמען פאַר דער אָרעמער מאַל-דעוואַנקע? ווער? —

האָט אַ ווײַלע אָפּגעשוויגן, האָט זיך עפּעס דערמאָנט... האָט געזוכט ביי זיך אין די קעשענעס און איינציקע געלט-פּאַפּירלעך געפונען, האָט ער געעפנט דאָס פענסטער, פאַרהוילן אַ וואונק געטאָן אין הויף אַריין. באַלד איז איינער אַרויפגעקומען, האָט אויסגע-הערט, וואָס מישקע רעדט צו אים. דערנאָך האָט ער געוואָגט צו ריווטשען:

— קענסט גיין... מען וועט דיר שוין אויף דער נאָס געבן געלט...
כ'וואָלט געווען צוגעשיקט, האָב איך נישט געדענקט. אַנטשולדיק מיר.

— זי איז אויפגעשטאַנען, האַלטנדיק די הענט אין די קע-שענעס פון מאַנטל און איז געבליבן שטיין האַרט נעבן אים:

— געדענק-זשע, מישא... געדענק, אַז ביסט אַ טאַטע און אַ מאַן...

דערביי איז אַראָפּגענומען עפּעס אַ קליין פּעדערל פֿון דער לאַך. האָט ער געעפֿנט ברייטער די אויגן, איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט זי ערשט איצט דערזען, אָנגענומען איר קאָפּ מיט בייִדע הענט און זי לייכט אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן.

— כ'ווייס... כ'ווייס...

און זי איז אַרויס.

אַ ווײַלע איז מישקע געשטאַנען, ער האָט דערפֿילט און ווי מיטן שכל, אַז רעוועקאַ איז אים איצט פֿרעמד געוואָרן — האָט ער דערפֿון געשמייכלט און אַ באַנג האָט אים אַ פּרעס געטאָן אין האַרצן. איז ער געוואָרן אומגעדולדיק, האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק, האָט זיך דאָך קיין אָרט נישט געקענט געפֿונען, האָט ער אויף זיך געכאַפּט דעם מאַנטל און אַראָפּ אין גאַס אַרײַן. אַראָפּ מיט שטײַפֿע טריט און געטראַכט פֿון דעם, וואָס עס קומען טעג, אין וועלכע ער וועט אַ טאָך, אַ סאַך טאָן פֿאַר באַשקעס וועגן. ער וועט באַווייזן עפּעס אַזעלכעס, פֿאַר וועלכן באַשקע וועט אים געוויס דריקן די האַנט און שמייכלען צו אים...

ס'איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט. ער איז געקומען אַ ווינטיקער און אַ פֿאַרטראַכטעד, אַ קילקייט האָט געגרייצט דאָס לייב — און מישקע האָט געשפּאַנט מיט האַסטיקע טריט. ער האָט געפֿילט, אַז דאָס, וועגן וועלכן ער טראַכט, דערנענטערט זיך, און נאָך איז אים אויסגעקומען, אַז ערגעץ זיצט איצט באַשקע, זיצט און שמייכלט, זי ווייס דערפֿון, ווייסט, אַז דודקע גרייט זיך צו עפּעס וויכטיקס — און אַלץ צוליב איר... אָך, וואָס וואָלט ער נישט געטאָן פֿאַר איר? אַלץ... אַלץ...

פּלוצלינג האָט זיך צו זײַנע אויערן דערטראָגן אַ געשריי. האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט און דערזען, ווי איינער אַ יונגערמאַן לויפֿט אַ בלייכער מיט גרויסע אויגן און ציטערדיקע ליפּן. נאָך אים יאָגט זיך אַן אָפֿיציר. דער אָפֿיציר האָט געשריגן: „שטיי! איך שיס!" — איז דער יונגערמאַן אײַנגעאַנגצן ווי משוגע געוואָרן, די אויגן האָבן איצט אַרויסגעשטאַרצט, דער קאָפּ איז געווען אָן אַ היטל, צעשויבערט, און זיך געצויגן אַראָפּ צווישן די

אַקסלען. דאָס מויל האָט זיך אים געטרייסלט — און ער האָט זיך נישט געקענט אָפּשטעלן. ער איז געלאָפֿן און געסאָפּעט, וואַרטנדיק דער טויט זאָל אים פֿון הינטן אָנשלאָגן אָן פּלייצע און כאַפּן פֿאַרן קאַרק...

מישקע האָט פֿאַרקריצט די ציין. מיט איין בליק באַמערקט חברה שטיין נאָענט אין די ווינקלען פֿון גאַס — קעגנאיבער — האָט ער פֿאַרביסן געקוקט ווי דער יונגערמאַן לויפֿט אים פֿאַרביי, אויסשטרעקענדיק די הענט נאָך הילף — אין מיט איין רוק — דעם אָפּיציר דעם וועג פֿאַרשטעלט.

— שטיי!

יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט און פֿאַרצויגן דעם שטערן:

האָט אַ ווײַלע געקוקט מיט פֿאַרשפּיצטע אויגן פֿון אַ חיה, וואָס גרייט זיך אַ שפּרונג צו טאָן אויף אַ צווייטער:

— זשידאָווסקאַיאַ כאַראַ! — און אויסגעצויגן דעם רעוואָלווער.

מישקע האָט דערפֿון געגעבן עפּעס אַ משונהדיקן שפּרונג, ווי עס וואָלט אים אַ וואָרף געטאָן, און דער אָפּיציר האָט באַקומען אַזאַ שרעקלעכן שטויס אין ברוסט, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַ שווערע זאַך האָט דורכגעשלאָגן זײַן ברוסט און אַרויס דורך דער פּלייצע. דאָס היטל האָט אַ פֿלי געגעבן אויף פֿאָרנט. אויגן האָבן זיך מיט שרעק אַ מאַך-אויף געטון, און בלאָנדע גלאַטיקע האָר האָבן זיך און פּאַסמעס אויפֿגעטרייסלט. ער האָט זיך אַ שאָקל געטון און מיט איין שווערן פֿאַל זיך אויסגעצויגן. מישקע איז אויף אים אַרויפֿגעשפּרונגען און אָפּגעשפּרונגען.

מיט אַמאָל האָבן זיך אַרויסגעשיילט פֿון אָונט אַנדערע צוויי. זיי זענען געלאָפֿן ווילד און דאָס סאָפּן פֿון זייערע נאָזלעכער האָט זיך איבער גאַס געהערט. לויפֿנדיק האָבן זיי געריסן מיט די ציטערדיקע הענט פֿון די קעשענעס. איין ווײַלע האָט מישקע געקוקט אויף די צערייצטע ווילדע פּנימער, געזען ווי די ליפּן זענען צוזאַמענגעצויגן און איינער האָט העלע וואָנסן און שעלט שווער און קורץ. איינער האָט אויסגעצויגן די האַנט: פּאַך! — ס'האָט אַ רויכל אַ שפּריץ געטאָן, נאָר דאָ האָבן זיך מיט איין מאָל און האַסטיק אַ וויקל געטאָן איבער זייערע העלוער אַזעלכע שטאַרקע

העגט וואָס האָבן זיך פֿון אונטער זייערע פּלייצעס אַרוק געטאָן. אַ גערענגל, אַ רעווען, זייערע קעפּ האָבן זיך צוריקגעצויגן און — זיך גענומען זעצן פֿון די פּיס.

דאַן האָט זיך מישקע איינגעבויגן, געכאַפּט דעם רעוואָלווער וואָס איז נעבן זיינע פּיס געלעגן, איז ווי אַ רוח צו צו יענע דאָרט. איינער איז שוין געלעגן און געקרעכצט, און זיך נאָך אַלץ געפּאָ-רעט מיט דער האַנט אין קעשענע, אַ צווייטער האָט אָבער זיין האַנט אָנגעכאַפּט. דער אַנדערער איז געזעסן געבויגן די קניען און זיך געריסן אויפצושטעלן זיך.

— טרעט אָפּ! לאָז אים אָפּ! — האָט מישקע ווילד געשריגן.

די העגט האָבן זיך געגעבן אַ צענעם. דער אָפּיצער האָט זיך געגעבן אַ גלייך אויס. און צעך! צעך! אַ שפּריץ רויך, נאָך אַ שפּריץ און דער אָפּיציר איז האַרט געפֿאַלן, אַ זעץ געבנדיק מיט קאָפּ און צעפּלאָשעטע האָר אָן די שטיינער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעט אין אָוונט האָבן טונקעלע שאָטענס שטום און פֿאַר-זיכטיק איבער דער גאַס געבלאָנקעט, און פֿון דאָרט אַוועקגעטראָגן איינעם אַ שוואַרצן, וואָס זיי האָבן פֿון מיטן גאַס אויפֿגעהויבן...

* * *

קאַפּיטל אַכט

באַשקע האָט געהאַט דאָס רויקע אָנגענעמע געפֿיל, ווי זי וואָלט נאָך אַ לאַנגער צייט וואַגלען צווישן פֿרעמדע און קאַלטע, צו-ריקגעקומען אַהיים אין אויסגעוואַקסענע און ווידער געפֿונען אַלע נאָענטע און היימישע. דער עקל און דער ווייטיק, וואָס האָט לעצטנס אַזוי אָפּט איר האַרץ צוזאַמענגעדריקט, אַז פֿון איר פֿאַר-געסן געוואָרן. איצט איז אין איר געוואַקסן אַ הייסער באַגער און זי האָט מיט בענקשאַפֿט ערוואַרט קומענדיקע טעג. יעדער פֿרי-מאָרגן איז געקומען אַ נייער און אַ נאָנטער. צַפּו האָט זי איצט

געטראַכט פון דעם, וואָס זי איז עפּעס העכער געוואָרן, וואָס זי זיצט נישט סתם און וואַרט אויף יאַנס קומען, נאָר זי דערוואַרטעט זיין קומען — — — נישט דאָס איינגאַנצן... זי האָט עפּעס אַליין נישט פאַרשטאַנען געגוי, וואָרום אַ זיסער נעפּל האָט זיך איבער איר האַרץ געוויקלט, און זי האָט געטראַכט פון יאַנען אויך דורך דעם נעפּל, און דערפאַר איז זי אַזוי היימיש געווען אי אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער יאַן איז איינגעוואַקסן, ווי אַ העלערער בוים צווישן גרויערע, אי אין דער יידישער אָרגאַניזאַציע, וואו זי אַליין איז איינגעוואַקסן מיט פאַרבענקטע אויגן צום אַרומיקן. גייט זי אָפט מיט שטילע ווייכע טריט און פילט בליגד, אַז מען קען נישט אַוועקגיין פון דאַנען, כאָטש דאָרט איז יאַן... און מען קען נישט בלייבן דאָ אָפּגעטיילט, ווייל דער גורל איז איינער פאַרביידע. ס'איז איין גרויסע משפחה פון ליידנדע און טרוימער. און די אַנדערע, די זאַטע משפחה, איז דען נישט איינע? פאַרשידענע פאַרבן האָבן זיי אין די אויגן, פאַרשידענע קליידער אויף זייערע גופים, אָבער אַלע גייען אויף איין וועג. דער זעלבער שד זיצט אין אַלע הערצער. פאַרשידענע מזבחות האָבן זיי, אָבער דער רויך פון זייערע קרבנות הייבט זיך אויף און גיסט זיך צונויף אינאיינעם צו זייער איינציקן גאָט... פונקט אַזוי גיסן זיך צונויף די אַלע קרעכצן פון פאַרשידענע הערצער אין איין קרעכץ, וואָס רופט צום קאַמף... און פונדעסטוועגן: עפּעס איז פאַראַן ביי דעם יידישן טייל אויסטערלישס אין זיינע ליידן. וואָס איז דאָס אַזוינס? זי האָט עס נישט געקענט ערקלערן מיט דעם שכל, זי האָט עס אָבער געפילט אין האַרצן און אין אַלע גלידער. דערפאַר האָט זי געוואַרט אויף עפּעס אַ וואונדער, וואָס וועט אַנטקעגנקומען. עס דאַרף זיך באַווייזן אַזאַ ליכטיקייט, וואָס זאָל פאַרווישן יעדן שאָטן פון יעדן פאַרהוילענעם ווינקל, זאָל מיט איין העלקייט באַלייכטן די גאַנצע משפחה, און נישט צו זען זאָל זיין קיין יונגער און עלטער...

האָט זי געשפּאַנט געלאַסן און טראַכטנדיק געדענקט אָן דודקען. און אויסגעקומען איז איר צו טראַכטן, אַז אָט דער דודקע איז דער גרויסער געשריי פון זייער משפּחה, וואָס קען זיך נישט באַרויקן. אין דודקעס האַרץ האָט זיך דער געשריי באַזעצט. און

פון זיינע אויגן קוקט ער ארויס... זי אַליין, יאַן, סאַשע, אַלע, אַלע קוקן זיי אַרויס פון זיינע אויגן. ער איז העכער און גרעסער פאַר זיי... ווייל ער ווייסט נישט די שרעק פון פאַרקריצן דעם צאָרן אין ברוסט... ער באַרויקט זיך קיינמאָל נישט...

זי איז בעגאַנגען און געזען, ווי עס טריפט אַ דין דריבנע רעגנדל, ווי מען וואָלט פון איין עק וועלט אַ גאַס געטאָן אויפן אַנדערן עק אַ גרויסן שטראָם. איז דער שטראָם דורך און דאָ צי־טערן די גאָר דינענקע שפריצלעך, וואָס האָבן זיך פון שטראָם אָפּגעריסן. זי האָט געקוקט אויף די שטייגער, וואָס זענען געלעגן נאַסע און זיך געטוליעט צו דער ערד, נאָר מיט אַמאָל זיך דער־מאַנט אָן עפּעס און גענומען גיין מיט שנעלערע זינגענדיקע טריט.

איז זי פאַרבייגעגאַנגען דעם ראָג גאַס, אויפגעכאַפּט דעם שפּאָטישן קוק פון אָפיציר, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. ער האָט געהאַט עטוואָס געעפנט דאָס מויל, זיין האַנט האָט שטאַרקער אַ דרוק געטון דעם רימען פון דער ביקס, וואָס איז אים אויפן אַקסל געהאָנגען. זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ קאַלטן בליק, און ער האָט זיך פאַרבלאָנזשעט אין געדאַנק... דאַן איז זי אַוועק ווייטער. אין זינען געהאַט זיך נישט אומצוקוקן, און איצט אָנגעהויבן קלאָרער צו פאַרשטיין, אז נישט די גאַנצע משפּחה איז צונויפ־געגאָסן. און דערפילט, אז עפּעס רוקט זיך אָן אַזוינס, וואָס האָט מער צו טאָן מיט די דאָזיקע, צו וועלכע זי גייט איצט, איידער מיט די פון יאַנס אָרגאַניזאַציע... זי האָט גוט געדענקט די אויגן פון דעם אָפיציר און האָט פאַרשטאַנען, וואָס זיי מיינען. און ווידער איז איר איינגעפאַלן:

— מישקע...

זי האָט גענומען גיין האַסטיקער, ווי זי וואָלט זיך דערמאַנט, אַז זי האָט עפּעס זייער אַ וויכטיקן ענין...

* * *

אויף מאַלדעוואַנקע איז זי אַריין אין ליבערזאָנס ביכער־געוועלבל. האָט זיך אָפּגעשטעלט באַלד ביי דער טיר, און ליבער־זאָן האָט אויפגעהויבן אויף איר די אויגן אונטערברילן, האָט אין זיך אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— וואָס זשע וועט איר קויפן?

— וואָס איר האָט נאָר. אַפילו דאָס טאָגעבוך פון ניקאָלייִ דעם צווייטן — האָט זי געשמייכלט, ווייל אויסער זיי ביידן איז קיינער אין געוועלב נישט געווען.

זי האָט זיך געזעצט אויף דער „טובאַרעטקע" וואָס איז געשטאַנען נעבן לאַנגן טיש.

— אין דרויסן רעגנט. ס'אַר אַ קויטיקייט.

— אַזוי... אַ שלעכטער דרויסן... איך וויל שוין טאַקע פאַרמאַכן די קלייט, איז אָבער פאַליע נאָך נישטאָ...

— ער פאַרשפעטיקט דאָך שטענדיק... און די איבעריקע?

— יענע לעבן שוין אַ גוטן טאָג... זיי טרינקען שוין טיי אין שטוב — קענסט אַריינגיין באַלד דו האָסט אַ השגה צו אַ בורזשואַזער גלאָז טיי... טאַקע אמתע טיי.

— איך האַלט נישט פון בורזשואַזע געוואוינהייטן... מיר איז דאָ אויך נישט שלעכט.

— איז טאַקע גלייכער. ס'איז אומעטיק אַליין צו זיצן...

דאַן האָט באַשקע זיך פאַרקוקט אויף די ווענט, פון די פאַליצעס האָבן געקוקט רוקנס פון ביכלעך מיט ווייסע שטיקלעך פאַפיר אויף זיי, פון וועלכע ס'האָבן געקוקט שוואַרצע אותיות. זענען די רוקנס געשטאַנען געטוליעט איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלט אין זיך עפעס באַהאַלטן. באַשקע האָט אויף זיי געקוקט, ווי זי וואָלט זיי צום ערשטן מאָל געזען, אויפגעשטאַנען, אַרויסגעצויגן אַ ביכל און געפרואווט אַריינקוקן.

ליבערזאָן איז געזעסן אין פאַלטאָ, ער האָט געהאַט אַ קליין פאַרשניצט בערדל און די וואָנסן זענען אים געלעגן הויך אויף דער ליפ, אַזוי אַז דער רויטער ברייטער קאַנט האָט אָפּערגעקוקט, ווי די נאָז וואָלט אים געשלעפּט אַרויף. איז די ליפ דערפאַר געווען אויפגעוויקלט, פון אונטער איר האָט זיך אַ צווייטע רויטע ליפ געוויזן. און ס'איז אַויסגעקומען, אַז ער לאַכט שטענדיק. די אויגן זייַנע זענען געווען שטאַרק ברוין און עפעס משונה קיילעכדיק, ווי ער וואָלט זיי שטענדיק געהאַלטן אויסגעשטעלט מיט וואונדער...

— וואָס זשע? ביסט אַהערגעקומען לייענען ביכער?

באַשקע האָט אָבער סיי ווי נישט געגלייבט, זי האָט נאָר אַריינגעקוקט אין בילד, אָבער זי האָט כסדר געדענקט די אויגן פון דעם אָפיציר און געפילט דאָס, וואָס ס'איז אַנדערש ביים יידישן פּראָלעטאַריאַט... עפּעס איז דאָרט נישט אַזוי... און נישט דערפאַר, ווייל דער „עפּעס" איז ביי זיי... נאָר פאַרקערט, ווייל ביי דעם רוסישן טייל איז דער „עפּעס"... אָט דער עפּעס וואָס קוקט שטענדיק אַרויס ווי אַ שדל מיט אַ רויט ציינגל און גרינע אייגעלעך... לאַכט אַזוי גוטמוטיק און אויסגערוט... און פאַרשטייט נישט יענעם שטילן ווייטיק, וואָס לויערט אין האַרץ און קוקט דורך די אויגן... דורך די אומרויקע אויגן פון אַ ייִדקע...

ליבערזאָן איז צוגעגאַנגען, אַרויסגעצויגן דאָס בילד פון איר האַנט.

— חברטע... ווייסטו לאַטש, אַז לאַרקאָוו איז ביי דער ראַטן-מאַכט?

— טאַקע? — איז באַשקע אויפגעשפרונגען.

— טאַקע... אָט וואָס דו הערסט... פאַרנומען לאַרקאָוו...

זי האָט זיך צוריקגעזעצט און איבעראַשט געפרעגט:

— טאַקע ריכטיק? —

— מאָדנע... מען זאָגט דיר דאָך... די פּעטלוראַוועס גייען כסדר איבער צו דער ראַטן-מאַכט, די דייטשן העלפן צו דער רויטער אַרמיי, לאַרקאָוו איז גענומען געוואָרן כמעט אָן אַ שאָס... דער גאַרניזאָן מיט דעם קאָמאַנדיר זענען אַריבער צו דער ראַטן-מאַכט — אָט גייט מיין לעצטער קונה...

פעליע איז אַריין. אַריין מיט אויפגעשטעלטן קאָלנער און דער שוואַרצער קאַפּעליוש איז אים געזעסן ביז די אויערן אַראָפּגערוקט. ער האָט געהאַט אַ פרום ברייט פּנים, וואָס האָט אויסגעזען איינגעפּלעטשט. די אויגן וואָס האָבן געקוקט עפּיציק און פאַרביסן, זענען געווען אויסגעשטעלט מיט פאַרגליווערונג. ווי ער וואָלט דאָס געווען שטאַרק מיד נאָך לאַנגער שטילער אַרבעט. ער האָט זיך באַגריסט צו ליבערזאָנען, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. נישט אַרויסנעמענדיק די הענט פון די קעשענעס. און ליבערזאָנען האָט עפּעס אַ פרייליכקייט אַרויסגעשפּראָצט אויף די האָריקע באַקן דערזעען באַשקען און איר אָן הערטער געדריקט די האַנט.

— נו, מאַכט־צו, קומט אַריין... נישטאָ קיין צייט...

ער האָט עס געזאָגט זייער ערנסט — און ס'איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט זייער וויכטיקס מיטצוטיילן.

* * *

פאַליאַ איז אַריינגעקומען מיט פּאַרעקשנטקייט. ער איז געווען נידעריק, ברייטביינערדיק און דער קאָפּ איז אים געזעסן נידעריק אויף די אַקסלען, ווי דאָס וואָלט אַ פרעמדער קאָפּ איינגעוואַקסן אין אַ פרעמדן גוף... ער האָט אים געהאַלטן עטוואָס אויף פאָרויס, לומדיש פּאַרטראַכט, זיינע אויגן האָבן געקוקט בייז און אוונטיק, און ער האָט זיך אָוועקגעזעצט נישט אויסטוענדיק נישט דעם מאַנטל און נישט דעם הוט. יאַשע — אַ נידעריק דאַר פאַרשווינדל מיט אַ שטאַרק איינגעפאַלן פּנים און לויפנדיקע קנייטשעלעך איבער דעם, האָט אַ שמייכל געטאָן, אַ לויף געבנדיק גיך מיט די אויגן און די קנייטשעלעך זענען זיך צונויפגענגעלאָפן אונטער די אויגן און ביי די ווינקלען פון מויל. ליבערזאָן האָט אויסגעטאָן דאָס היטל און געבליבן מיט דיקע געזונטע אויפגעשטעלטע האָר אין אַ „יעזש" געשוירן, האָט באַקומען אַ בעל־הבתיש אויסזען און האָט אָפגעהוסט. ליאָווע רובינשטיין איז געזעסן מיט אַ צעבראַסטעטער קורטקע און זיין גרויסע ליסענע האָט ווי אַ ווייס שטיק געבלענצט איבערן טיש, ער האָט די לינקע האַנט אונטערגעשפּאַרט אונטערן אויער און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געגלעט די פליישיקע גרויסע נאָז, קוקנדיק פּאַרטראַכט אונטער די ברילן.

פאַליאַ האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט. ער איז איצט געקומען פון אַ זיצונג מיט דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, וואוהין ער איז דעלעגירט געוואָרן צוליב „קאָנטאַקט"... יאַשע, וואָס האָט בטבע נישט דערהערט וואָס מען רעדט, האָט בײַ דער רעכטער האַנט אַרומגענומען דאָס רעכטע אויער, אַזוי אַז פון דער האַנט און אויער איז געוואָרן ווי אַ רערל, און מיט אַ שטאַרק געקנייטשט פּנים און פאַרזשמורעטע לינקן אויג זיך צוגעהערט. באַשקע האָט האָט געהאַט אויסגעטאָן דאָס היטעלע, האָט מיט איין האַנט געגעבן אַ שאַר־אַרויף די געשוירענע האָר, וואָס זענען איר אין די אויגן געפאַלן, האָט דערביי אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ — און

זיצן געבליבן מיט אַ לויטערן שטערן און ווינטיק אויסזען, ווי צום פֿאָטאָגראַפֿירן.

פּאַליע האָט געטוליעט זיין גאָמבע אין די לאַצן אריין און מיט אַן אויסגעשלאָפֿן קול דערציילט:

— כאַרקאָוו איז טאַקע גענומען... די פּויערים און אַרבעטער פֿון פּעטלורעס אַרמיי גייען איבער מאַסנווייז צו די ראַטן... אין כאַרקאָוו געפֿינט זיך שוין דער אוקראַאינישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט... אַלע דעקרעטן ווערן שוין אַרויסגעגעבן... די דייטשן לאָזן איבער אַ סאַך געווער... דער רויטער אַרמיי הייסט עס... פּעטלורעס רעגירונג האָט זיך געפּראַוועט אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט דער ראַטן-רעגירונג פֿון מאָסקווע... נאָר אָן ערפֿאָלג — דער אוקראַאינער רעווקאָם האָט אָפּגעוואָרפֿן אַלע פשרות...

— ס'איז אפֿשר גאָר נישט אַזוי טאַקטיש אַציגד — האָט ליאָווע אַ זאָג געטון — מען וואָלט עס אפֿשר דערווייל געדאַרפֿט אויסגוצן... נו ווייטער... — האָט ער למדניש אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— אויסנוצן... מסתם נייטיקט מען זיך נישט אין דעם... זעט אויס, אַז די כּוחות זענען שטאַרקע.

— געוויס... געוויס... וואָס איז די פֿראַגע... האָט דער נערוועזער יאָשע אָפּגעהאַקט.

— ס'איז קיין ספֿק נישט — האָט פּאַליאַ ווייטער מיטגעטיילט — די רויטע אַרמיי וועט אין גיכן טעמפּ פֿאַרנעמען אוקראַינע. נאָר מיט אָדעס... איז עפּעס נישט אין אָרדענונג... עס הענגט אָפּ אין דער שטעלונג פֿון דער אַנטאַנט... דערווייל האָט דער פֿראַנצויזישער קאָנסול געשיקט עפּעס אַ דעלעגאַציע, ס'הייסט, נישט ער האָט געשיקט... דאָס האָט דער בירגערלעכער שטאָטראַט געשיקט, נאָר מיט זיין הסכּמה און זיינס אַ פֿאָרשטייער איז אויך מיטגעפֿאָרן צוליב אינפֿאָרמאַציע... נאָר די דעלעגאַציע איז אַרויסגעפֿאָרן אין פּעטליורעס שטאַב אריין... עס איז אָפּהענגיק פֿון דעם צי די פֿראַנצויזן גרייטן אַ דעסאַנט אָדער נישט... אויב זיי מיינען נאָר אַן אָפּמאַך מיט פּעטליורן, איז עס בלאָטע... וועט מען זיי לייכט אַריינשמייסן אין ים אַריין... די דייטשן גרייטן זיך צו פֿאַרלאָזן די שטאָט. דער פֿראַנצויזישער קאָנסול מיט די פֿרייוויליקע

אָפּ־צירן גרייטן זיך צו עפּעס... זעט אויס, מען האָט בדעה עפּעס צו פּראָוואָצירן... וואָס אַזוינס, ווייסט מען נאָך נישט. דערווייל באַמיט זיך דער פראַנצויזישער קאָנסול צו פאַרהאַלטן די דייטשן...

— ביז מען זאָל ברענגען פראַנצויזיש מיליטער... — האָט ליאָווע אַ זאָג געטאָן — מען וואָלט געדאַרפט זען, אַז די דייטשן זאָלן זיך גלייך אַרויסרוקן...

— און אומרוען וואָלטן אין איצטיקן מאָמענט צוגעהאָלפן צו דעם? — האָט יאָשע געפרעגט ווי ביי זיך אַליין און שטאַרק געקנייטשט דעם שטערן.

— מען האָט דאָרט געשטעלט די פראַגע... — האָט פּאָליאַ ווייטער גערעדט, — יאָשע האָט דערביי אויסגעדרייט צו אים די הענט מיטן אויער און מיט דער אַנדערער האַנט געגעבן אַ צייכן, מען זאָל נישט שטערן צו הערן. מען האָט אָבער איינגעפונען, אַז דאָס איז נישט צוועקמעסיק: איינמאָל קאָן דאָס זיין אַ מאָטיוו אויף צו פאַרהאַלטן די דייטשן און ווידער — אויף אַרויסזעצן אַ פראַנצויזישן דעסאַנט, וואָס איז גאָר נישט געוואונשן.

— אַ דעסאַנט וואָלטן זיי נישט באַוויזן אַרויסצוזעצן — האָט ליאָווע געזאָגט.

— וואָס איז? — האָט יאָשע אויסגעקערט צו אים דאָס אויער מיט דער האַנט — אַזוי שווער איז עס? שטותים!...

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אָן טיר, וואָס איז אַרויס־געגאַנגען צום הויף.

ליבערזאָן האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך איינגעהערט, ליאָווע האָט ברוגז אויפגעהויבן די אויגן און פּאָליאַ האָט רויק געזאָגט, נישט אַרויסנעמענדיק די גאָמבע פון צווישן די לאַצן:

— ס'איז געוויס סאַשאַ, ער איז דאָרט געווען מיט מיר אויף דער זיצונג, האָט ער מיר טאַקע געזאָגט, אַז ער וועט צו אונז קומען, מחמת ער האָט עפּעס מיטצוטיילן... וואָס זשע שטייט איר, ליבערזאָן? עפנט!

סאַשע איז אַריין מיט אַזאַ אויסזען, ווי ער וואָלט געקומען אַלעמען אַרויסרופן אין גאַס אַריין. ער האָט זיך גלייך געזעצט און גיך אין איין אָטעם אָפּדערציילט:

— די דייטשן פאַרלאָזן די שטאָט, אָדער באַלד אין דער־

פרי מאָרגן, אָדער פאַרנאַכט. גיכער אין דער פרי... אין שטאָט פּרוּװט מען פעטליוראָװצעס... װי מען גיט איבער, געפינען זיי זיך אין „ראַזדיעלנע״, דאָס דאַרף געדויערן אינגאַנצן עטלעכע טעג, װייל אויפן גאַנצן װעג ערװאַרט זיי נישט קיין װידערשטאַנד... די „פרייװיליקע״ באַנדיטן גרייטן זיך צו עפּעס... װאָס זיי מיינען אָפּצוטאָן, איז נישט באַװאוסט... דער פראַנצויזישער קאָנסול פירט אַ צװייפּנימדיקע פּאָליטיק: שיקט אַ דעלעגאַט צו פּעטליורען און מיט די פרייװיליקע פירט מען כּסדר שמועסן... מען גיט איבער, אַז פראַנצויזישע שיפן דערנעענטערן זיך צו דער שטאָט... די רויטע אַרמיי גייט מיט אַ שנעלן טעמפּ, באַגעגנט טיילװייז לייכטע װידערשטאַנדן... אויפהייבן דאָ אַן אויפשטאַנד איז שטאַרק געפער־ליך... און די פרייװיליקע גרייטן זיך סיי־װי־סיי צו עפּעס...

— װאָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? מען גרייט זיך צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן! — האָט ליאָװע געזאָגט מיט זיכערקייט.

— שאַ נאַר... צו װאָס גרייט מען זיך? — האָט יאשע אי־בערגעפרעגט — צו אַ פּאָגראָם? הייסט עס...

— הייסט עס — האָט סאָשע געזאָגט — הייסט עס, אַז מען דאַרף זיך דאָס גוט אַריינגעמען אין זינען און טאַקע נישט שלאָפן, נאָר זיך צוגרייטן צו אַ װידערשטאַנד... און טאַקע זיך גלייך נעמען גרייטן. צוליב דעם בין איך איצט אַהערגעקומען...

אַ װיילע איז געװאָרן שטיל. פּאַליאַ האָט געקוקט צעשראָקן און ליבערזאָן איז געװאָרן שטאַרק מרה שחורהדיק.

— און די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע? — האָט ליאָװע מיט פאַרדראָס אַ פרעג געטאָן, נישט קוקנדיק צו קיינעם.

— די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע לאָזט אַרויס אַן אויפרוף צו די אַרבעטער, װאו זיי װערן גערופן צו באַשיצן די יידישע מאַסן, אָבער, איר דאַרפט דאָס דאָך אין זינען האָבן... איר קענט דאָך מיט דעם נישט אָפּקומען.

— איך רעכן אויך, אַז אַ יידישע אָרגאַניזאַציע דאַרף דאָס פריער פון אַלע געדענקען — האָט זיך באַשקע אָפּגערופן, און זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם אפּיקורסישן געדאַנק, װאָס זי האָט נאָר װאָס אַרויסגעזאָגט.

ס'איז שטיל געװאָרן. ס'איז אויסגעקומען, אַז עפּעס פרעמדס

איז געפאַלן אין מיטן שטוב — פאָליא האָט טרויעריק אַ קוק געטאָן אויף באַשקען און יאַשע האָט אַרויסגעברומט:

—אָט האָסטו דיר אונזערע גאַציאָנאַליסטן...

—אַ משל אַביסל! —האָט פאָליע אָפּגעענטפערט.

—קאָנקרעט. —צו וואָס איצט דיסקוסיעס? —האָט סאַשע ווייטער גערעדט. —מען דאַרף זיך באַזאָרגן מיט וואָס מער געווער, ווייל ביי אונז איז פאַראַן ווייניק. די יידישע מאַסן צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם פּראָלעטאַריאַט וועלן זיך קענען פאַרטיידיקן, נאָר געווער! ס'איז איצט פאַראַן אַ געלעגנהייט, מען דאַרף באַקומען ביי די דייטשן... מיר האָבן מיט זיי אַפילו געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם, דער רעזולטאַט איז אַזעלכער: דער פראַנצויזישער קאָנסול האָט געפאָדערט אָדער אים אַרויסגעבן דאָס געווער—אָדער מיט דעם אַוועקגיין. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן דאָס צווייטע, זיי ווילן נישט, עס זאָל אַריינפאַלן צו די פראַנצויזן אין די הענט. אַרויסגעבן קענען זיי נישט, ווייל אַגענטן גיבן אַכטונג. און אַזוי אַרום קענען זיי גאָר ווייניק אַרויסגעבן.

—איז וואָס זשע? —האָט יאַשע נישט געהאַט קיין געדולד.

—זיי גיין אָבער איין אויף דעם, מען זאָל אויף זיי מאַכן אַן אָנפאַל און דאָס געווער אָפּנעמען, ווען זיי וועלן זיין אונטערן שטאָט.

—אויסגעצייכנט! —האָט ליאָווע מסכים געווען.

—שטעלט זיך אָבער די פראַגע: מיט וועמען מאַכט מען דעם אָנפאַל? אָרגאַניזירן ביז אין דערפרי אַרבעטער איז שוין נישט מעגלעך... מיט אַ פּאָר שעה פריער, אַז זיי זענען אויף דעם איינגעגאַנגען... איצט אָרגאַניזירן דעם אָנפאַל—איז שפּעט.

אַלע זענען געבליבן שטיל... אַ ווײַלע האָבן אַלע טרויריק געקוקט, און דאַן האָט באַשקע זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

—מען קען דאָס מאַכן... איך נעם עס אויף זיך.

—וואָס?

—ווי אַזוי?

באַשקע האָט זין געהאַט פאַרשעמט. איז עפּעס צוטומלט

געוואָרן, סאַשע האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און זיך צע־שמייכלט. אים איז איינגעפאַלן, וואָס זי מיינט.

—איך פאַרשטיי... די חברטע באַשע מיינט... ז ויסנוצן געוויסע עלעמענטן...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע. צי קאָן די פּאַרטיי מסכים זיין, מען זאָל זייטיקע עלעמענטן... איבערגעבן אַזאַ אָפּע־ראַציע. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דאָס איז אַ קאָמפּראָמיטאַציע.. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דאָס איז אַ אויסערגעוויינלעכער מאָ־מענט, ביז באַשקע האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ פעסטער שטים געזאָגט:

—חברים! וועגן וואָס דיסקוסירט איר? ווער רעדט פון איבערגעבן אָדער נישט איבערגעבן? די פּאַרטיי אַליין האָט אַ מעגלעכקייט דאָס דורכצופירן און נעמען אין אירע הענט די פּאַר־טיידיגונג פון די ברייטע אָרימע מאַסן? אויב די פּאַרטיי קען עס, איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן. דאָ רעדט זיך דאָך—אַז מען קען עס נישט באַווייזן אין איצטיקן מאָמענט. דאַן ערקלער איך, אין מיין אייגענעם נאָמען, אַז מען וועט דאָס קענען דורכפירן. נישט פּאַרטיי גיט עס איבער צו זייטיקע מענטשן. דערצו איז עס אַ אויסערגעוויינלעכער מאָמענט—און מען קען איצט נישט דיס־קוטירן—ווען מען דאַרף אָפּהיטן אפשר טויזנטער לעבנס, ווייל די, וואָס ווערן עס טון, כאָטש זיי זענען נישט די דאָזיקע, וואָס מיר וואָלטן זיך געוואונשן, זענען אָבער אונזערע נאָענטע—אויך אַזעלכע, וואָס ליידן פון אַלגעמיינעם שונא, פון קאַפּי־טאַליזם.

סאַשע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ווען באַשקע איז שטיל געוואָרן האָט זיך פּאַליאַ אויפ־געשטעלט:

—חברים, רואיק! ס'איז קלאָר, דער מאָמענט איז אַן אוי־סערגעוויינלעכער, די אָרגאַניזאַציע קען עס אין דעם מאָמענט אַליין נישט דורכפירן, און חברים ווילן עס דורכפירן פּריוואַט, ווינשן מיר זיי ערפאָלג.

אַלע האָבן איצט געשמייכלט, עפּעס איז אַלעמען קלאָר געוואָרן אין די קעפּ.

סאַשע מיט באַשקען האָבן זיך איבערגעקוקט, עפּעס צווישן זיך אָפּגעמאַכט מיט די בליקן, די פאַרזאַמלטע האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן אָרגאַניזאַציאָנס ענינים—אין ווינקל זענען געשטאַנען סאַשע מיט באַשקען און זיך געשושקעט—ביז בײדע האָבן זיך געזעגנט און זענען צוזאַמען אַרויס...

* *

ס'איז געהאנגען אַ שטילער הערבסטיקער דרויסן. מאָלדאַ־וואַנקע איז געלעגן נאַס און קויטיק. אַ דראָבנע רעגנדל האָט כסדר געטרישעט ווי דורך אַ זיפּ, און די דעכער האָבן זיך גע־וואַשן און געגלאַנצט. די שטיינער זענען איצט געלעגן ווי נאַ־סע געזויקסן, און די פענסטער זענען אומעטום געווען פאַרמאַכט אויף די לאָדן, אויף דער גאַס האָט זיך זעלטן געוויזן אַ מענטש, האָט עס אויסגעזען, אַז אַלע האָבן זיך פון דאַנען אַרויס־געצויגן, און דאָ האָט זיך באַזעצט דער שטילער טרויער, וואָס וואוינט אין פאַרלאָזטע אָרימע וואוינונגען, וואָס שטייען מיט פאַרמאַכטע לאָדן. דער טרויער איז אַזוי פאַרהוילן און העכער פון מענטשלעכן שכל, אַז דער מענטש דערפילט אים באַלד און הייבט אָן שווייגן.

פון ערגעץ ווייט האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס פון אַ ביקס, און ס'איז אויסגעקומען אַז ערגעץ בלאָנדזשעט אַ טומל, וואָס איז שוין דאָ פאַרבייגעגאַנגען.

און דאַן האָבן שטיל און רואיק געשפּאַנט איבער דער גאַס צוויי פאַרשוינען. באַשקע איז געגאַנגען אַ הויכע, אַ שלאַנ־קע, רואיק און דרייסט, אַז קיינער וואָלט נישט באַוועגט איר אָפּצושטעלן, נעבן איר איז געגאַנגען סאַשע, אָנגעטאָן אין אַ שוואַ־צן פּאַלטאָ מיט אַ סאַמעטענעם אויפגעשטעלטן קאָלנער.

אַז זיי זענען צוגעגאַנגען נענטער צום הויז, וואו די פּי־שעלעכע האָט געוואוינט, זענען פון אַ טויער אַרויס צוויי מענטשן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי, האָבן זיך צעטיילט אַזוי, אַז איינער איז אויסגעקומען פון באַשקעס זייט און דער צווייטער

אויף סאַשעס זייט, דורכגייענדיק האָבן די פֿאַרשווינען אַריינגע־קוקט ביידע אין די פּנימער, און אַוועק פֿאָראויס.

סאַשע האָט אַ שמייכל געטאָן:

—פּיקעטן...

—ס'איז אַן איבערגעבנקייט... האָט באַשקע אַ שמייכל געטאָן.

—און אָרגאַניזירט...

אַז זיי זענען צוגעקומען צום טויער, זענען ווידער צוויי אַרויס פֿון הויף, זיי אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין, זיך אָפּ־געשטעלט און איינער האָט אַ זאָג געטאָן:

—וואוהין? איר האָט זיך, דאַכט זיך, געפֿרעגט אויף וועמען?

—מיר האָבן נישט געפֿרעגט... מיר ווייסן...

—איר ווייסט?

—מיר דאַרפֿן זיך טרעפֿן... היינט... זיך אָפּגערעדט...

—טאָ גייט לינקס, אין ערשטן איינגאַנג אויפֿן ערשטן שטאָק — — —

זיי זענען אַריין אין הויף, געגעאַנגען זייער פֿאָרזיכטיק. באַשקע איז די ערשטע אַריין אין קאָרידאָר —

—באַשע... געדענק... אַ פּריוואַט־זאַך!

—פֿאַרשטייט זיך...

און זי האָט אָנגעקלונגען...

* * *

קאַפּיטל נייַן

די פישעליכע איז געזעסן אין דער פּאָרנטיקער שטוב בײַם שווערן טיש, וואָס איז געשטאַנען ווי אײַנגעוואַקסן אין דער פּאָדלאָגע, און געווען באַדעקט מיט אַ גרויער געקעסטלטער צעראַטע, וואָס האָט געקוקט מיט ברודיקע אויסרײַבונגען פון די קאַנטיקע שפּיצן. זי איז געזעסן אַזוי, אַז בײדע פיס זענען אויסגעקומען פון בײדע זײַטן שטול, און זי איז געווען עטוואָס געבויגן, אַז דער אויבערשטער טייל פון איר גוף איז געלעגן ווי אָפּגעגאָסן אויפן בויך—וואָס איז געווען אינגאַנצן אַ באַזונ-דערע זאַך. די פינצטערע אויגן זענען געזעסן שפּיציק אונטערן טיכל וואָס האָט אַרומגענומען איר קאָפּ און שטערן ביז די ברעמען—זי האָט געאַרבעט אַ זאָק און רואיק געטראַכט עפּעס אַזוינס, ווינטערדיקס, שטילעס, פון וועלכן איר פול פּנים האָט געשמייכלט און די שפּיציקע קלײנע גאָמבע האָט זיך אַרונטער-געשניטן אונטער די באַקן, וואָס האָבן זיך אין בײדע זײַטן אַראָפּגעלאָזט צום האַלז—

—גיטל?... גיטל!...

פון קוך האָבן זיך דערטראָגן שווערע געציילטע טריט. עס איז אַרײַנגעקומען גיטל; אַ שטאַרק צעוואַקסענע מויד. ווען זי האָט געשפּאַנט ביז צום טיש—האָט בײַ דער פישעליכע דערווײַל די האַנט מיט דעם שפּיזל אונטערגעטאַנצט. און די גלעזלעך, וואָס זענען געהאָנגען אַרום דער שײַן פון גרויסן הענג־לאָמפּ, האָבן זיך צעקלינגען, און דאָס פײַער אין לאָמפּ איז אונטער-געשפּרונגען—

די מויד איז שטיין געבליבן, געקוקט מיט די שוואַרצע ציגײַנערישע אויגן און אויף די דיקע רויטע ליפּן איז געוואַקסן

אַ שמייכל—סתּם אַזוי זיך—ווי זיי וואָלטן מיט שמאַלץ געגלאַנצט· די האָר זענען איר נישט געווען פאַרקעמט און נאָר פאַרנומען אויפן קאַרק מיט אַ האָרנאָדל, וואָס האָט זיי נישט געלאָזט אײַנ-גאַנצן זיך צעשיטן. זי איז געווען אין א טונקעלער בליוזקע, וואָס האָט זיך אויף איר מיט ניסים געהאַלטן און נישט צעשפּאַרט געוואָרן. עס איז אויסגעקומען, ווי דאָס וואָלט געווען די אייבערשטע הויט פון אירע שטאַרקע פּלייצעס און ברוסטן.

—האָסט מיך גערופן?

—גערופן... נו יאָ...

—וואָס האָסטו געוואָלט?

—וואָט זאָל איך וועלן?.. גאָרנישט... גלאַט אַזוי...

—האָב זשע מיר אַ גוטע נאַכט!—און זיך אויסגעדרייט אַזוי ראַש, אַז עס איז אַ ווינט געוואָרן.

—שטיי נאָר איין!.. לויפט! וואָס לויפסטו? עפּעס זעט מען אים נישט... שוין אַ פּאָר טעג...

די מויד איז פאַרויטלט געוואָרן. עס האָט עפּעס אַ היץ אַרויסגעשלאָגן אויף איר פּנים, האָט זי געגעבן אַ דריי מיטן קאָפּ און געמאַכט אַ גוידרל:

—וואָס זשע? בענקסטו נאָך אים?...

—וואָס האָב איך דאָ צו בענקען? נאָר כ'זע דאָך שוין...

—וואָס זעסטו?—האָט זיך די מויד געגרויסט.

—ער איז דאָ געווען נעכטן שפּעט בייננאַכט?

—וועמען מיינסטו?—האָט זיך די מויד געכאַפּט—אָט דעם „בוכהאַלטער”? אָט דעם יאָלד מיט די ברילן?

—וועמען דען האָסטו געמיינט?.. און וואָס האָסטו זיך אַזוי צעפּיסקעוועט? אַזאַ יאָר אויף מיר, סאַר אַ בחורל דאָס איז!.. ער איז דאָך נישט אַבי ווער, ער איז דאָך אַ גאַנצער געלערנ-טער... אַ גאַנצער טעלעגענט... ווי רופט איר עס דאָרט...

—ווייס איך וואָס... אינטעליגענט שמינטעליגענט. איך דאַרף אים אויף כּפּרות... ער איז אַ חזיר... איך קאָן זיין פּרצוף נישט אָנקוקן!

—רעדסט נאַרישקייטן, גיטל...—האָט די פּישעליכע געזאָגט,

נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון זאַק—וואָס פעלט אים וואָס? אַזאַ פיין בחורל...

—ער איז אַ חזיר!—האָט זיך די טאַטע גערימפּט—גרויס איז עס ווי אַ גאַנצער און סאַפּעט ווי אַ גאַנצער חזיר!..

די פישעליכע האָט אויפגעהויבן די שעלמישע אויגן, האָט זיי פאַרזשמורעט און געקוקט אַ ווײַלע, פאַרשנדיק.

—גיטל? גיטל! געדענק, גיטל, האַלט דיך אין די הענט... אַז מען האָט חשק דאַרף מען מקדש זיין...

—נאַרישקייטן! איך האָב אים פיינט ווי אַ הונט! נעכטן האָט ער געכאַפּט פון מיר אַ שטויס, האָט ער שיער די וואַנט אַרויסגעוואָרפן.

די פישעליכע האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו די שפּיזלען און אָנגעהויבן שמייכלען: נישקשה, מען קען זיך שוין אויף איר פאַרלאָזן...

די טיר האָט זיך געעפנט, עפּעס אַזוי ווי אונטער דער האַנט פון בעל-הבית, און מישקע איז אַריין. ער איז אַריין אַ סאַפּענדיקער און אָנגעבלאָזענער, די מויד האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ מיט ביידע הענט פאַרן קאָקס האָר, וואָס איז איר אויפן געזונטן קאָרק געלעגן, האָט עפּעס אַ שטאַרקן פינקל געטאָן מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, נאָר מישקע האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זי נישט געזען. מיט געמאָסטענע טריט איז ער דורכגעגאַנגען און אַריין אין דער צווייטער שטוב, דאָרט וואו די שווערע בעטן זענען געשטאַנען, צוגעקלאַפּט נאָך זיך די טיר און דאָרט גענומען אומשפּאַנען מיט פעסטע טריט.

די אַלטע איז אויפגעשטאַנען מיט אַ קרעכצעלע, איז עפּעס צערודערט געוואָרן, זעענדיק ווי די מויד שטייט, און אירע אויגן האָבן זיך איינגעשטאָכן אין דער טיר, וואָס האָט זיך צוגע-קלאַפּט, האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ שמאַלציק קרעכצל—

—וואָס-זשע שטייסטו און גאַפעסט ווי אַ גלאָמפּ? פייער איז דאָרט דאָ? טראָג זשע אַריין אַ לאָמפּ! זיך אַנידערגעשטעלט און שטייט ווי אַ סלופּ...

די מויד האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט:

—עפּעס איז געשען!

—געשען. וואָס איז געשען, וואָס?.. ס'איז גאָרנישט גע־שען און דריי נישט קיין קאָפּ, נעם בעסער און טראָג אַריין אַ לאָמפּ.

די מויד האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און אַוועק אין קוך. די פּישעלי̄כע האָט זיך געפּאָרקעט ביים שווערן בופעט וואָס איז דאָרט געשטאַנען און עפּעס אַלץ אַרויסגעלאָזט אַזעלכע קורצע שמאַלציקע קרעכצעלעך. זי האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש, זי אויפ-געהויבן, געגעבן אַ קוק קעגן דער שיין, די פלאַש איז געווען ליטער און דורכזיכטיק, האָט זי נאָך אַראָפּגענומען אַ גלעזל פון בופעט, געשאַרט מיט דריבנע טריט, וואָס האָבן זיך ווי שמאַ-טעס געשלעפּט—און אַנגעקלאַפּט אין טיר.

שטיל.

זי האָט אַליין געעפנט:

—מישע? מישע!

—וואָס איז?—איז צוריקגעקומען אַ פראַגע.

—אַריינגיין?

—וואָס אַזוינס?

—וואָס אַזוינס... מאַרצעפּאַנעס מיט סערוואַטקע! ווייסט שוין נישט וואָס מען רעט צו דיר?

—דולט מיר נישט קיין מח!

די אַלטע האָט געגעבן אַ הויב אויף די אָפּגעגאָסענע אַקסלען. ס'האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ געדיכטע מאַסע האָט זיך געצויגן פון איר האַלז אַראָפּ און פאַרפרוירן געוואָרן אויף די אַקסלען. דערווייל איז אַריינגעקומען גיטל מיט אַ לאָמפּ אין האַנט. די האָר זענען איר איצט געווען לייכט פאַרפלאָכטן אין צוויי דיקע צעפּ, און זי האָט געהאַלטן פאַרצויגן די ליפּן. די מוטער האָט זי דורכגעלאָזט, און אַז זי איז אַריין מיטן לאָמפּ, איז פון דער פינסטער דאָרט אַרויסגעשוואומען דער טיש און מישקעס בלייך פּנים, וואָס איז איצט געווען שטאַרק איינגעפאַלן; דערנאָך די קעגניבערדיקע וואַנט, וואָס האָט געקוקט מיט גרויסע אַלטע בילדער, וואָס האָבן אויסגעזען שוואַרץ-געל. מישקע האָט זיך געהאַט אויפגעשטעלט, האָט געקוקט אויף דער מויד אַזוי, ווי ער וואָלט זי דאָס צום ערשטן מאָל געזען. און האָט זיך

צעשמייכלט, װאונדערנדיק זיך אויף דעם, וואָס די בליוזקע ווערט נישט צעזעצט.

די מויד האָט אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ, האָט געגעבן אַ הייב אויף צוויי גנבישע אויגן, און זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצושיסן מיט אַ געלעכטער.

די פישעליכע אין דער טיר האָט געזאָגט:

—נאַ, שטעל אַוועק.

איז די מויד צוגעגאַנגען צו דער טיר, זיך איינגעבויגן צו דער מוטער און אויפגעהויבן איין פוס אויף צוריק, האָט ביי איר גענומען די פלאַש מיט דעם גלעזל, צוגעמאַכט די טיר און צוריקגעטרעטן מיט אַן אויפגעהויבענעם און זיך געגווידערט.

מישקע האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס אין האַלז האָט אים אָנגעהויבן אַ געלעכטער צו שטיקן. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן:

—פאַר וועמען איז דאָס?

—פאַר וועמען?—האָט די מויד איבערגעפרעגט—פאַר דער באָבע יאַכנע און פעטער שאַכנע.

—וואָס?

—קוק אים נאָר אָן?—האָט זי וואוילעריש אַ וואונק געטאָן.

—כ'האָב דיך גאָרנישט דערקענט, גיטל.

—אַזוי... נישט דערקענט—דער טאַטע האָט די מאַמע נישט דערקענט...

האָט געמאַכט אַ פאַר טריט, זיך געשטעלט האַרט נעבן אים:

—אָט שטיי איך. קוק מיך אָן און דערקען מיך.

מישקע האָט זיך צעשמייכלט, האָט פלוצלונג מיט צוויי פינגער אָנגעכאַפּט אַ שטיק פון איר אָרעם און אַ קניפּ געטאָן. די מויד האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטשל, האָט אויפגעהויבן די האַנט, מישקע האָט זי אָנגעכאַפּט. האָבן זיך צונויפגעטראָפן שוואַרצע ציגיינערישע אויגן מיט גרוי-גרינע אויגן, זי האָט שטאַרק געפּאָכעט מיט די נאָזלעכער, אַ ווײַלע האָט ער זי אָנגעקוקט און דערנאָך אָפּגעלאָזט איר האַנט:

—לאָז מיך צורו... איך בין פאַרנומען...

—דאַרף מען נישט...—האָט זיך די מויד אָנגעבלאָזן—אפש וויסטו, ווער עס לאָזט אים נישט צורו—און זיך געלאָזט צו דער טיר.

—קום נאָר אַהער, גיטל. קום אַהער.

זי האָט נישט געענטפערט.

—אַהער גיי!

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. געוואַרט.

—גיטלו אַהער גיי, זאָג איך!—איז ער שוין בלייכער געוואָרן.

די מויד איז צוגעגאַנגען מיט צן אָפן מויל און חייסע בלאַנקנדיקע ציין.

ער האָט זי מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט, ווי מיט קלאַמערס, און אָנגעהויבן בייסן אירע ליפן און קנייפן זי—זי האָט דערביי שווער און געדיכט-הייס געסאַפּעט, אַזש געקרעכצט. ער האָט זי געבויגן צום בעט—אַזוי האָט געדויערט אַ ווייל, נאָר מיט אַמאָל—ווי ער וואָלט אויסגעהוילט געוואָרן—האָט ער זיך פּלוצאָן עפּעס דערמאַנט, און אַן עקל האָט אים אין האַרצן אַ זעץ געטאָן. האָט ער זי אַרויסגעלאָזט פון די הענט, און אויסגעדרייט זיך צום פענצטער.

אַ ווייל איז די מויד געשטאַנען און מיט כעסדיקע אויגן געקוקט אויף אים. האָט זיך אויסגעדרייט, באַליידיקט, און אַרויס.

מישקע האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אויסגעשפּיגן און ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער שטוב..

• •

ער האָט מיט ווייטאָק געטראַכט פון דעם, וואָס אַ ליאַדע אָפּיצערל יאָגט זיך ווילד נאָך אַ יודישן יונגערמאַן און יענער אַנטלויפט. עס האָט אים נישט אַזוי ווי געטאָן אויף דעם, וואָס דער אָפּיצערל יאָגט זיך נאָך דעם יונגערמאַן—נאָר אויף דעם, וואָס דער יונגערמאַן איז אַנטלאָפן. ער האָט אין דעם געפילט עפּעס אַ שווערע עקלדיקע באַליידיגונג. און ער האָט זיך דערמאַנט, ווי ער איז אַמאָל דורכגעפאָרן אַ דאָרף. דאָ מיט עטלעכע

אָר צוריק איז עס געווען, האַ? יענעם זומער, ווען ער איז אַריינגעפאַלן צום צווייטן מאָל אין טורמע... ס'איז געווען אַ זוניקער טאָג און די דאָרף־גאַס איז געלעגן שטיל, גאָר שטיל, אַ פויגל האָט ערגעץ אַרויסגעלאָזט אַ סוויסטש און אַנשוויגן געוואָרן, אַ חזיר האָט אין אַ קאַמערל ערגעץ געכראָקעט, אויף דער גאַס זענען געשטאַנען צוויי גרויסע שקצים, געשטאַנען און געשמייכלט, קוקענדיק מיט הנאה, ווי קליינע שקצימלעך לויפן נאָך אַ ייד אַ גלעזער, וואָס טראָגט שווער דאָס קעסטל גלאָז אויף די פּלייצעס, ציפּן זיי אים פאַרן אַרבל און שרייען:

—זשיד... זשיד...

זינגען עפּעס אַ לידל—און לאַכן דערביי הויך, דער גלעזער בלייבט שטיין, קוקט מיט צעשראָקענע בייזע אויגן, הייבט אויף דעם שטעקן, נאָר לאָזט אים נישט אַראָפּ—ער האָט דערזען די עלטערע שקצים, און ער שטייט מיט אַ טרויריק פּנים. ער איז אַזוי פאַרבלאָנדזשעט.

האָט מישקע אָפּגעשטעלט דאָס פערד און געגעבן אַ שטאַרקן כוואַשטש מיט דער בייטש—זי האָט זיך אַרומגעוויקלט איבערן פּיסל פון שייגעצל ווי אַ וואָרים, דאָס פּיסל האָט זיך געגעבן אַ הויב אויף און עס האָט זיך דערהערט אַ קוויטש.

—קליינע הינט! אין דער ערד אַריין מיטן קאָפּ!

דאָ האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שייגעץ:

—העי, דו, וואָס שלאָגסטו?

—און ווער פרעגט ביי דיר?

—דו, זשיד! ביזט ביי אונז אין דאָרף!

—ביי דיר אין דאָרף? טאָ נעם צו די ממזרים!

דאָ האָט זיך דער שייגעץ אַ שאָקל געטאָן, זיך געגעבן אַ לאָז צו אים מיט געבײַלטע פויסטן, נאָר איידער ער האָט באַוויזן זיך צו דערנענטערן, האָט די בייטש מיט אַ סווישטש זיך אָוועקגעלייגט אויף זיין פּנים. אַ רויט שנורל איז געבליבן ליגן איבער דער נאָז און באַק, דאַן האָט דער שייגעץ געגעבן אַ געשריי:

—אַנטאָן! וואָס שטייסטו, וואָס?!—און זיך געלאָזט צום פּלויט רייסן אַ דרענגל. אַנטאָן האָט זיך געלאָזט מיט אַ שטעקן,

נאָר דאָ האָט מישקע געגעבן אַ קריץ מיט די ציין און אַרויס־געשלעפּט אַ גלאַנציקן „שפּייער"—דער שייגעץ איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט.

—טראָג זיך אָפּ מיט די ביינער! דו, הונט! דו חזיר! זעסט, ווי די ממזרים טשעפּען אַ מענטשן און דו לאַכסט נאָך? הונט!

איצט געדענקט ער, ווי דער שייגעץ האָט אָנגעהויבן קוקן מיט דרך־ארץ אויף אים. ער איז געבליבן שטיין גלייך. ערנסט און מיט גרויסע אויגן. און מישקע טראַכט: אַלע, אַלע וואָלטן זיי דרך-ארץ געהאַט... אַלע... אַ הונט דערשרעקט זיך פאַר אַ שטעקן און האָט דרך־ארץ פאַר אים...

אין שטוב איז אַריינגעקומען דער „אַדוואָקאַט" און מיט אים נאָך איינער אַ שוואַרצער אַ הויכער יונג. זיי האָבן גאָר־נישט געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

—אָט שטייט דאָך שוין גרייט!—האָט דער שוואַרצער יונג געזאָגט ערנסט—העי! גיטל! וואו ביזטו? גיטל!

—וואָס איז?—האָט די אַלטע די טיר געעפנט.

—גלעזלעך. נאָך אַ פּאָר גלעזלעך

—באַלד.

—מישקע האָט אויף זיי געקוקט, ווי אויף פרעמדע, און דאָס פּנים איז אים געווען טרויעריק.

—וואָס זשע?—האָט דער „אַדוואָקאַט" געפרעגט

מישקע האָט ווי פערענדיקט זיין טראַכטן און זיך אָפּ־געריסן:

—איך וועל נישט לאָזן!

—וואָס איז?—האָבןביידע מיט אַמאָל געפרעגט, אויפ־שטעלנדיק די אויגן.

מישקע האָט אָנגעהויבן שפּאַנען און גערעט ווי צו זיך אַליין:

—הינט, זענען מיר ווייטער נישט... אַ הינטיש לעבן פירן מיר, מער גאָרנישט...—זיך אָפּגעשטעלט נעבן „אַדוואָקאַט" און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל—דו ביזט דאָך נישט קיין כאַם, דו האָסט דאָך געענדיקט אַ שולע... פאַרשטייסט: מיר

זענען הינט!—אַפילו גנבֿים טאָרן מיר נישט זיין... פאַרשטייסט? זיי... זיי מעגן אַלץ... אַ רוח אין זייער טרפהן האַרץ!... זיי מעגן אונז באַליידיקן... פייניקן... האָסט געזען, ווי אַזאַ הינטיש אָפיצערל יאָגט זיך נאָך אַ יודישן יונגנמאַן? האַ? ווי נאָך אַ מויז איז ער נאָכגעלאָפן...

די אַלטע האָט אַריינגעבראַכט גלעזלאַך, האָט אַוועקגעשטעלט. דער שוואַרצער יונג האָט געזאָגט:

—נישקשה, ער וועט שוין מער נישט נאָכלויפן... אַ רוח אין זייער טאַטן!—און גענומען אָנגיסן די גלעזלעך.

—פאַרשטייטייסט... ווילסט נאָכיאָגן, אַ פאַלטאָ אַראָפּנעמען, ברעך דעם קאָפּ, נעם. וואָס זשע פונקט ביי אַ ייד?... האַ?... הער אויס: מיר טאָרן דאָס נישט דערלאָזן... מיר זענען גנבים, אָבער מיר זענען מענטשן... און אַז ס'איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיך אָננעמען—דאַרפן מיר ווייזן, אַז מיר קענען נישט בלויז מאַכן „נאַליאָטן", אַז מיר קענען זיין הינטשלעגער אויך...

האָט זיך אַוועקגעזעצט, איבערגעקערט דאָס גלעזל, אָנגעגאָסן אַ צווייטס און ווידער עס איבערגעקערט, און מיט רואיק פאַרטראַכטע אויגן ווייטער גערעדט.

—ס'טוט מיר ווי דאָס האַרץ... פאַר וואָס זאָל מען יידן אַזוי אויסלאַכן? האַ? פאַר וואָס האָט יעדער צו אונז די העזה?... האַ?... און אַז מען אַנטלויפט כאַפּן זיי דען נישט? הער אויס: ווען מען אַנטלויפט נישט, וואָלט מען דאָך נישט נאָכגעיאָגט... פאַרשטייסט: וואָלט אַזאַ סמאַרק, אַן אָפיצערל דרך ארץ געהאַט... אַזוי לאַכט מען פון אונז... מען יאָגט אונז נאָך ווי די האָזן... פאַרשטייסט, דאַרף מען זיי אויסלערנען דרך ארץ... וואָרום אַז מען יאָגט יענעם יונגנמאַן, איז עס פונקט ווי מען יאָגט מיך... פאַרשטייסט... כ'מיין, מיר טוט ווי דאָס האַרץ. און אַז מיר וועלן זיי באַווייזן אַ פויסט, וועלן זיי פאַר אַלע דרך ארץ האָבן... אַזעלכע הינט, אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין!—

האָט ער אויסגעשפּיגן, זיך אויפגעשטעלט מיט רצוחה און זיינע אויגן האָבן זיך איצט געצונדן:

—איז מיין נאָמען נישט מישקע, אויב איך וועל די חזרים נישט אָנלערנען... זיי גרייטן זיך... אַ פּאָגראָם גלוסט זיך זיי

צו מאַכן... מיר וועלן זיי ווייזן, ווי אַזוי מען מאַכט פּאָגראָמען!...

ער איז שטיל געוואָרן, זיך עטוואָס באַרואיקט, זיך צו־ריקגעזעצט און שוין שטיל אַ פרעג געטאָן ביים שוואַרצן יונג:

—זאָג נאָר „ווילדע קאָזע”—געוועהר איז דאָ גענוג ביי אונז?

—צו ס׳איז דאָ געווער... אַוודאי איז דאָ... נאָר אַביסל ווייניק, ביקסן דאַרף מען קריגן... די דייטשן גיבן... נאָר מען דאַרף פּאַקן אַפּאָר „שטעפּערס”... ווען מיר האָבן אַפּאָר „פּולעמ־יאָטשיקלעך”! סאַר אַ חיות, ווי זיי „שטעפּן”... דו שטייסט זיך אויף אַן אָרט און—טאַק־טאַק־טאַק, טאַק־טאַק־טאַק... עס רעדט ווערטער—

—האַ? ביזט גערעכט... פּולעמיאָטן... האַ?

—מען דאַרף זען צו באַקומען—האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

—און מען קען—האָט די „ווילדע קאָזע” פאַרזיכערט—די דייטשן גיבן... זיי האָבן מורא, צו וואָס? נאָר זיי גיבן... קאָסט עפּעס... די לעצט טעג האָבן מיר אָנגעגרייט אַביסל ביקסן מיט קוילן...

מיט אַמאָל איז אַריין די אַלטע. זי האָט געהאַט אויסגע־צויגן דאָס דיקע פּנים, האָט געזאָגט עפּעס הייזעריק און דער־שראָקן:

—מען פרעגט זיך אויף מישקען.

אַלע דריי זענען אויפגעשטאַנען.

—ווער?

—עפּעס איינער אַ הער און „אַ באַרישניע”!

—אַ!—האָט זיך מישקע באַלד געכאַפּט—אַ פרייד איז אים באַפאַלן און ער האָט געוואָלט אַקעגן לויפן, האָט זיך אָבער פאַרהאַלטן, געגעבן אַ ווינק צו די צוויי פאַרשווינען, און זיי זע־נען אַריין אין אַ דריטן זייטיקן צימער, און צו דער אַלטער האָט ער געזאָגט:

—זאָלן זיי אַריינקומען—און זיך אַוועקגעזעצט.

האָט די פלאַש מיט די פלעשלעך דערלאַנגט דער אַלטער, וואָס האָט געקוקט מיט וואונדער, און אַליין געבליבן זיצן.

נאָר ווען ער האָט זיי דערזען אין טיר, האָט עס געגעבן אַ שלאָג אין האַרצן, אַז ער האָט זיך פאַרכליונעט, איז ער אָפּ־געשפּרונגען און אַקעגן געלאָפן:

—אַך! וועמען איך זע... סאַר אַ טייערע געסט... קומט אַריין, קומט...

האָט אַ ווײַלע געהאַלטן באַשקעס האַנט אין זײַנער, און דער קאָפּ האָט זיך אים געמישט, ווי עפּעס אַ שכּרות־שטראָם, וואָס האָט זיך געגאָסן פון האַרץ אין קאָפּ אַריין, האָט אָפּגע־לאָזט באַשקעס האַנט און געדריקט סאַשעס, אַזוי וואַרעם און היימיש, און עפּעס אַ העל גליק האָט געשײַנט פון זײַנע אויגן.

—זיצט... זיצט...—און נישט געוואוסט, וואָס ווײַטער צו זאָגן...

* *

מישקע איז די גאַנצע צײַט געזעסן מיט אַ געפּיל, ווי ער וואָלט אין אַ ליכטיקן טאָג געלעגן אין הויכן גראָז און געגראָבן דאָס פּנים אין גרינער פאַרהוילענער ווײַטקייט. ער האָט געהערט, ווי באַשקע רעדט מיט זיכערקייט פון דעם זעלבן, פון וועלכן ער האָט דאָ נישט לאַנג געטראַכט. און אים איז אויסגעקומען, אַז ביידע טראַכטן דאָס זעלבע, זי האָט געהאַלטן דאָס היטעלע אין דער האַנט און רעדנדיק, אַלע ווײַלע שטאָלץ אַ שאָקל גע־טאָן דעם קאָפּ און די האָר האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן, יעדער האָר באַזונדער און אַלע צוזאַמען. איר שטים האָט אויסערגע־ווײַנלעך געזונגען, און ווען זי האָט געזאָגט: „דודקע"! איז אים עפּעס ריינער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט כּסדר גע־פילט דעם ריח פון יענעם שטיבל, וואו זיי האָבן צענויפגעלייקט די פּראָקלאַמאַציעס...

און מאָדנע: ער האָט כּמעט נישט געהערט די ווערטער. ער האָט געענוי פאַרשטאַנען.

—אָט זעסט אים, סאַשען! ער איז דאָך גאָר קיין ייד נישט... ער ווייסט גאָרנישט פון יידן און פונדעסטוועגן... זי האָט זיך צעלאַכט אַזוי שטיל און מילד. אירע אויגן האָבן אַזוי געלויכטן, לאַכנדיק, אין אים האָט עפּעס אַ קלעם געטאָן אין האַרצן, דערמאַנענדיק זיך אָן גיטלען... ער האָט אַ ציטער געטאָן, אויפן פּנים איז אַ עקל אַרויס און ווידער שוין נישט געדענקט.

און דאַן—האָט ער גענומען דערציילן די געשיכטע מיטן אָפּיצער, וואָס האָט נאָכגעיאָגט דעם יונגנמאַן. ער האָט עס דער־ציילט מיט כּעס, פאַרביטערטקייט: גייט זיך אַ יונגערמאַן... גייט זיך זיין וועגס... נאָר אַ פּאַלטאָ האָט ער אַ נייעם... און דער הונט הייבט אָן אים נאָכלויפן... כ'ווייס נישט וואָס... נאָר מיר האָט עס אַ ריס געטאָן, ווי מען וואָלט מיר אַ מעסער אַריינגע־רוקט... איך האָב מיר געשעמט... עפּעס ווי ער וואָלט דאָס פון מיר חוזק געמאַכט... און יענער אַנטלויפט... וואָס אַנטלויפסטו? ער האָט מורא פאַר דעם הונט... איך האָב אָבער נישט מורא... בין איך אַריין אין מיטן. עהע! ער סטראַשעט מיטן רעוואָל־ווער, אַ רעוואָלווער האָב איך אויך... נאָר צו אַזאַ קרעציקן הונט דאַרף מען אַ רעוואָלווער? איין זעץ האָב איך אים דער־לאַנגט און ער האָט געגעבן אַ גיי מיטן קאָפּ אויף די שטיינער.

באַשקעס אויגן האָבן געגלאַנצט, זי האָט עפּעס נאָכגע־שפּירט זיין יעדע באַוועגונג און עס איז אים דערפון גוט געווען.

—ביזט אַ מענטש, דודקע, ביזט אַ מענטש! האָט זי ענט־ציקט אויסגערופן.

ער האָט זיך צעשמייכלט—

אַז זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט באַשקע געפילט, ווי זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן, האָט זי אים מילד אַריינגעקוקט אין פּנים, איז זיין מויל געשטאַנען האַלב אָפן, און עפּעס אַ ווייטקייט איז אויף דעם געווען צעגאָסן, זיינע אויגן זענען ווי פאַרגליווערט געשטאַנען אויף איין אָרט, האָט זי געדרוקט זיין האַנט און געזאָגט:

—אויף דיר פאַרלאָז איך זיך... וועסט אַלץ מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל גוט זיין... אַ יאָ? דודקע!

—באַשע!—נאָר מער האָט ער נישט גערעדט, ער האָט זיך פאַרכליונעט פון אַ וואַרימקייט, וואָס האָט פון האַרצן ביז צום גומען אַ שלאָג געטאָן:

ווען זיי זענען אַוועק—איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען אין פאַרגעסנקייט, דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שקול, איינגע־בּורעט דאָס פּנים און די הענט, און נורענדיק דאָס פּנים גע־פילט, אַז עפּעס איז מיט אים געשען. ער האָט נישט פאַרשטאַ־

נען וואָס, נאָר ער איז אויס הונט געוואָרן... אָך... ער איז נישט גאָר נישט. ער וואָלט נאָר געקושט די שפּיצן פון באַש־קעס שיך, געהערט, ווי זי רעדט, געקוקט אין אירע אויגן, און וואָלט אַלץ געפאָלגט...

—ביזט אַ מענטש, דודקע!

ער האָט געצויגן די אַקסלען. און געמיינט, אַז דאָס האַרץ וועט אין אים פּלאַצן, דערנאָך האָט ער דערפילט אַ פייכטקייט אין די אויגן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט. זיך דערמאָנט און אַ געשריי געטאָן:

—אַדוואָקאַט! ווילדע קאָזע! אַריין גייט!

איז געוואָרן שטאַרק ערנסט און שטאַרק אָנגעשטרענגט, די באַפעלן האָט ער געגעבן רואיק און באַטראַכט:

דערביי איז ער געווען שטאַרק אויפגעלייקט. „ווילדע קאָ־זע" איז אַוועק מיט זיינע באַפעלן. דערנאָך געעפנט אַ פענסטער האָט דערפילט די קילע לופט—האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער פינסטער אונטער שפּריצנדיקן רעגן, ער האָט עפּעס אַריינגעלאָזט אין הויף אַריין. איינער, אַ שוואַרצער שאָטן, האָט זיך דאָרט אויסגעגלייכט, געהערט און פאַרשוואונדן; האָט ער דאָס פענסטער צוריק פאַרמאַכט. אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. רעדנדיק און עצה׳נדיק זיך מיטן „אַדוואָקאַט"—דער „אַדוואָקאַט" איז אויך געוואָרן אויפגעלייקט און געהאָלפן מאַכן דעם פּלאַן. און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין שטוב פאַרשידענע ייִנגען, הויכע און נידעריקע, ברייטביינערדיקע, שוואַרצע און געלע, ס׳רוב אין שטיוול מיט קורצע קורטקעס. טייל אין היטלען און טייל אין קאַפּעליושן, עטלעכע אין לעדערנע „טוזשורקעס—אַלע פעסטע, געזונטע, שווייגנדיק פאַרעקשנטע, און אַלע האָבן שטילשווייגנדיק אויסגע־הערט מישקעס רייד און נאָכגעשפּירט זיינע באַוועגונגען און וואונקען. אויפן הויף האָבן זיך געקליבן שאָטנס. שטילרוישענ־דיק, שאַרענדיק ווי אַ סטאַדע הינט, וואָס גנבענען זיך ערגעץ... זענען זיי געקומען, עפּעס אויסגעשמעקט אין דער פינסטער פון הויף אין פישעלעכעס שטוב און אַוועק.—

פישעלעכע איז געזעסן אין דער פאָרנדיקער שטוב ביים

בופעט; געזעסן מיט אָנגעגאָסענע אויגן און צוגעשאָקלט מיטן שווערן פאַרגאָסענעם קאָפּ. זי האָט געקוקט און נישט פאַרשטאַנען. דאָ איז דאָך עפּעס... דאָ מוז דאָך עפּעס זיין... גיטל די מויד האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען: געגאַנגען פון שטוב אין קעך און פון קעך אין שטוב, געוויין אָנגעבלאָזן און געפילט, אַז זי וויל וויינען.

ס'איז שוין געווען שפּעט, ווען די פאַרשוינען זענען זיך צוגאַנגען. גיטל איז געזעסן אַ מידע ביים טיש אין דער פאָרנדיקער שטוב און די אַלטע האָט זיך פלוצלונג צעבייזערט:

—וואָס זשע זיצטו ווי אַ גולם און די וואַליעסט מיט די גאַלעס? גיי שלאָפן... גיי... די הענער קרייען דאָך שוין אויף טאָג... גיי... ס'איז מאָרגן אויך אַ טאָג... דאָס שוואַרצע יאָר ווייסט וואָס ס'איז עפּעס היינט געשען...

די מויד האָט גאָרנישט געענטפערט—האָט געקוקט מיט כּעס און טרערן...

* * *

קאַפּיטל צען

עס איז געהאָנגען אַ טריבער גרויער פרימאָרגן איבער „פּערעסיפּ", וואָס ליגט אין עק שטאָט. אַרויס דער שטאָט זענען געלעגן פעלדער אויסגעצויגן לאַנג אויף דער ערד, האָריק און פאַרמאַכט זענען זיי געלעגן און געזונקען אין האַרבסט-פוילקייט. אַ פייכטקייט איז אויפגעגאַנגען און זיך געטראָגן מיטן ווינט. איבערן הימל האָבן זיך געטראָגן גרויע שטיקער כּמאַרעס, איין

שטיק צום צווייטן געקלעפּט. „פּערעסיפּ" איז נאָך געשלאָפן, די פענסטער האָבן געקוקט בלינד און פאַרקלעמט. אין דער ליי־דיקייט האָט זיך געטראָגן אַ מין שנאָרכן ווי פון אַ סטאַדע בהמות, וואָס שטייען ביי קאָריטעס און מעלה גרהן; די הויפן זענען שוין געשטאַנען אָפן, נאָר פוסט, ווי אין זיי וואָלט קיינער נישט געלעבט, האָבן זיי אויסגעזען ווי לעכער אין פינסטערע היילן אַריין.–איבער דער גאַס האָבן זיך שטיל און פאָרזיכטיק גע־שאַרט טונקעלע מענטשן און זענען פאַרהוילן געוואָרן אין די טויערן־לעכער, עס האָט זיך געפילט, ווי עפּעס אַ שווערע זאַך ציט אין זיך אַריין אַ סך לופט און וועט דענאָך שטורמיק אויפ־פלאַצן. –

אין גאַס האָט זיך מיט אַמאָל מישקע באַוויזן. ער האָט איצט געטראָגן הויכע שטיוול און אַ לעדערנע קורטקע, זיין פּנים איז געווען ערנסט און ער האָט מיד געאָטעמט. פון זיינע גרוי־גרינגע אויגן האָט איצט געקוקט נישט קיין פרימאָרגן נאָר אַ זוניק־כמורנער פאַרנאַכט איבער די וואַסערן פון שוואַרצן ים...

ער איז צוגעקומען צו אַ טויער, האָט עפּעס אַריינגעזאָגט, האָט דער טויער אויסגעשפּיגן אַן ערנסט־צעטומלטן פאַרשוין, וואָס איז אַריין אין אַ צווייטן טויער, און פון יענעם טויער צו אַ דריטן. און אַזוי האָט דאָס וואָרט זיך געטראָגן פון טויער צו טויער.

מישקע איז געגאַנגען פאָראויס. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געבן אים זענען אויסגעוואָקסן נאָך עטלעכע פאַר־שוינען מיט ביקסן אין די הענט. האָבן זיי אַ ווײַלע געקוקט אין דער טיפקייט פון דער גאַס און דערזען, ווי דאָרט באַ־וועגט זיך עפּעס גרויעס מיט אַ סך פּנימער.

אַז דער עסטרייכישער אָטריאַד פון אַ זעכציק מענטשן האָט זיך דערנענטערט, האָט זיך ווי פון אונטער דער ערד באַוויזן אַפּאָר דעניקינישע אָפיצערן, זיי האָבן עפּעס געזוכט מיט די אויגן און, איידער זיי האָבן באַוויזן אַ וואָרט אַרויסצוריידן, זענען זיי אַריינגעפאַלן ווי אין אַ בינענגערויש: פון אַלע זייטן זענען פון די טויערן אַרויס די עטלעכע פאַרשוינען מיט ביקסן, אַלע האָבן איצט אויסגעזען שוואַרץ, ס'איז געוואָרן אַ שטילער

טומל, אַ שווער אָטעמען, די אָפּיצערן האָבן געפינטלט מיט קיי־לעכיקע אויגן. עפּעס האָבן זיי זיך געמאַטערט צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר זיי זענען צו זיך נישט געקומען, די ביקסן האָט מען פון זייערע הענט אַרויסגעריסן און אַ שטופּעניש איז אַרום זיי געוואָרן. און דאָס שטופּעניש האָט זיי אין אַ טויער אַריין פאַרטראָגן —

דאַן האָט שוין מישקע מיט אַ גרויסער גרופּע געהאַט אי־בערגעשניטן דעם וועג פאַרן אָטריאַד.

—וואָס ווילט איר?—האָט אַן אָפּיצער געפרעגט.

—געווער!—האָט מישקע געענטפערט.

—מיר וועלן נישט געבן!

—מיר וועלן אַליין נעמען!

און דאַן האָט ער אויסגעשריגן איין וואָרט. עפּעס האָט קיינער, דאַכט זיך, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז פאַר אַ וואָרט, און די עסטרייכער האָבן דערהערט אַ גערויש, און דערזען אַז זיי זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אַרום זיי—ווי אַ קאַסטן, און עס זענען אויסגעצויגן ביקסן מיט רעוואָלווערן אויף זיי.

מיר וועלן נישט געבן!—האָט דער אָפּיצער אויסגע־שריגן, נאָר אין זיין קול איז נישט געווען נישט קיין בייזקייט און נישט קיין אויפרעגונג.

דאַן האָט זיך דערהערט אַ שאָס. די לופט איז דורכגע־שפּאָלטן געוואָרן, באַלד האָבן פאַסטעקלעך רויך אָנגעהויבן רענ־זשען און שפּריצן אַרויף אין דער לופט אַריין. און אָפּגערוקט פון דעם אָרט, עפּעס אָן אַ זייט, אין אַ ליידיקן שטח, האָט מיט אַמאָל אויפגעפּלאַצט עפּעס שווערעס. אַ רויך האָט אַרויפגעבוי־זשעוועט און עס איז געוואָרן אַ נעפּלדיקער טומל. ווידער האָט עפּעס ווי פון דער ערד שווער אַרויסגעבראָכן און דער רויך האָט זיך געדיכט אויפגעהויבן, די גאַס פאַרנעפּלט. דאַן האָט מישקע געעפנט דעם וועג. דער אָפּיצער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן, די זעלנער האָבן מיט אימפּעט אַ שפּאַר געטאָן. דער רויך איז נאָך געשטאַנען אַ הויכער—האָט אָנגעהויבן שיטער ווערן, און ווידער האָט עס שווער אויפגעבראָכן און אין טומל האָט זיך געטראָגן

אַ טיפּען פון פיס און רייסענדיקע געשרייען —

דער רויך איז צוגאַנגען, די פענסטער זענען געוואָרן זעענדיק און בלייכע דערשראָקענע פּנימער האָבן זיך אין די שויבן באַוויזן. די עסטרייכער זענען שוין נישט געווען. פון ערגעץ ווייט, איז אויפגעגאַנגען זייער טופּעריי און דאָ אויפן גאַס זענען געשטאַנען אַ פּאָר וועגעלעך, וואָס האָבן געקוקט צע־טומלט מיט די פּיסקעס פון קוילנוואַרפער און מיט שטיקעס פון ביקסן... מישקע האָט עפּעס געשריגן צעטומלט, איז געלאָפן פון וועגעלע צו וועגעלע. פון אַלע זייטן האָט מען זיך אויף זיי געוואָרפן, הענט האָבן זיך געהויבן, געשרייען האָבן זיך געטראָגן, די וועגעלעך זענען אויסגעליידיקט געוואָרן און מענטשן מיט געווער זענען אין זייטיקע געסלעך פאַרשוואונדן.—

איצט זענען געשטאַנען פאַרלאָזטע, עלענדע, ליידיקע וועגעלעך אין גאַס, די מחנה איז שיטערער געוואָרן, די צוויי דעניקינישע אָפיצערן זענען אין אַ הויף געשטאַנען און געציטערט. איצט האָבן זיי שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין און זייערע פּנימער זענען געוואָרן נעבעכדיק און איינגעפאַלן. דאַן האָט מען דעם טויער פון דעם הויף פאַרמאַכט פון דרויסן, און די, וואָס האָבן זיי געהיט אין הויף, זענען אַוועק.

יאַשקע איז געגאַנגען פאָראויס. די מחנה איז שוין געווען צעשפּרייט, איז שוין געווען גאָר קליין, ער האָט שוין געוואָלט באַפעלן מען זאָל זיך איינגאַנצן צוגיין, אָבער דאָ האָבן זיי דערזען, ווי טיף אין גאַס באַוועגט זיך אַ קליינע באַוואָפנטע גרופּע איילענדיק: ווייזט אויס, אַז דער אַגענט, וואָס האָט נאָכ־געשפּירט די עסטרייכער, האָט צעוויסן געגעבן.

—שטייט! שטייט!—האָט מישקע אויסגעשריגן.

און נאָך איידער אַ סך זענען צוריק אַרויס פון די זייט־טיקע געסלעך, האָט זיך דערהערט אַ סוויסטשעריי פון קוילן, וואָס זענען געקומען געפלויגן פון טיף אין גאַס, און האָבן גע־שניטן אין דער לופט מיט אַזאַ דינן פּישטשעריי, ווי עס פליען שוואַלבן אין שטורם פון אַ רעגן. —

מישקע האָט עפּעס אויסגעשריגן. אַלע האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד, נאָענט צו די ווענט און געעפנט אַ שטורמיק

שיסעריי. מישקע איז נעבן דער וואַנט פון די הייזער געקראָכן אויפן בויך און געשאָסן פון אַ רעוואָלווער, די איבעריקע פון ביקסן. אַזוי האָט ער זיך גערוקט ביז ער איז צוגעקומען צו אַ ראָג פון אַ גאַס.

פון ביידע זייטן האָט מען געשאָסן, צו מישקען האָבן זיך דערשלעפט נאָך „ווילדע קאָזע" און יאָשקע, זיי האָבן זיך אַריינגערוקט אין ווינקל פון דער גאַס, וואָס שלאָגט איבער—האָבן געוואַרט—די וואָס האָבן געשאָסן פון אויוון—האָבן זיך פאַרנענטערט און דאַן איז „ווילדע קאָזע" אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס. ביידע האָבן אַרויסגעשלעפט האַנט־גראַנאַטן און מיט אַמאָל—די גאַס האָט אויפגעבראָכן ווי עפּעס אַ שרעקלעכער דונער וואָלט זיך איבער דער גאַס געקויקלט, אַ רויך האָט זיך אויפגעהויבן און באַלד האָט ווידער עפּעס ווי אַ גרויסע בלעך אויפגעריסן...

דאָרט אויבן איז שטיל געוואָרן, ס'האָבן זיך נאָר געהערט דערשראָקענע קולות, מענטשן האָבן געליאַרמט אין די שטובן, און שויבן האָבן געפּלאַצט און זיך געשיט מיט קלינגעריי. די אָפיצערן, וואָס האָבן זיך געהאַט גערוקט ביי די מויערן, האָבן געקוקט מיט הילפלאָזע אויגן און מיט צוטומלטקייט גערייט די קעפּ, זיי האָבן זיך פאַרלוירן און נישט געוואוסט, ווער ס'קומט אָן פון דער זייטיקער גאַס...

ווען דער רויך איז צעגאַנגען, איז שוין געלעגן אַ פּוסטע ליידיקע גאַס, ביי דער זייט נאָר איז געלעגן איינער, גלייך אויסגעצויגן, און געקרעכצט...

* * *

דער טאָג איז געשטאַנען אַ קאַלטער און אַ ווינט האָט געשטאָכן דאָס לייב. די שטאָט איז געווען צעטומלט. די קלייטן זענען געשטאַנען האַלב אָפן און די אייגנטימער האָבן, בלייכע, געהיט יעדע מינוט, געווען גרייט זיי צוצומאַכן אינגאַנצן. ביי די בעקערייען איז מען געשטאַנען אין לאַנגע רייען. איז מען געשטאַנען שטיל, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, מען האָט זיך

נישט געקריגט. מענטשן האָבן זיך געאײַלט מיט פאַרנאַכֿטיקע גיכֿע טריט, איז מען ס׳רוב געשטאַנען נעבן די הויפֿן און אַ סך פנימער זענען עפעס געווען פאַרוואָקסענער. די גאַסן זענען געלעגן שטיל און ערוואַרט אַ רעש, און אַז אַן אויטאָמאָביל איז דורכֿגעפלויגן, האָבן אַלע אויגן אים נאָכֿגעקוקט.

וואָרום דאָרט, בײַ דער שטאָט, זענען שוין געשטאַנען פעטליוראַס פאַרטיזאַנער, און דאָרט, אין יענעם טייל שטאָט, וואָס ליגט נאָענט צום ים—דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט די „פרייוויליקע”; זיי האָבן געקוקט פאַרביסן און כֿמורנע און האָבן נישט געוואוסט, וואָס דאָרט אין „לאָנדאָנסקע”—אין האָטעל, וואו עס וואוינט דער פראַנצויזישער קאָנסול—ווערט אָפגעטאָן. די אויטאָמאָבילן זענען געלאָפן פון איין טייל שטאָט אויף אַן אַנדערן און אַרויס אויסער דער שטאָט. און פון דאָרט זענען אַנדערע געלאָפן און בײַם „לאָנדאָנסקע” זיך אָפגעשטעלט.

עפעס אַ פיבער איז געהאָנגען אין דער לופט: די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געדאַרפט פאַרענדיקן.

דער פראַנצויזישער קאָנסול—אַ קײלעכֿדיקער, אַ קליינגעוויקסיקער מיט כיטרע, שווייגנדיקע שוואַרצע אויגן—האָט עפעס אויסגעפונען אַלע מאָל אַן אַנדער תּנאי—איז געשטאַנען בײַ זײַן שרײַבטיש און מיט אויפגעהויבענע ברעמען, לאַנגזאַם און מיט גאווה גערעט צו די דעלעגאַטן, און די דעלעגאַציע האָט געפאָלגט—דרײַ מאָל איז זי פאַר דעם טאָג געקומען אין „לאָנדאָנסקע” און געפאָרן צוריק...

פעטלורעס אַטאַמאַן אָבער—האָט נישט פאַרשטאַנען די אַלע דיפלאָמאַטישע גענג. זײַנע פויערים זענען געשטאַנען מיט אומגעדולד אין געדיכֿטע מאַסן. געשטאַנען מידע און אויפגערעגטע, כֿמורנע געקוקט, הילנדיק זיך אין זייערע פעלצלעך און קורטקעס—זיי האָבן כּסדר געוואָרטשעט, „ווידער דער פראַנצויז”... „צום טייוול דעם פראַנצויז”... „מיר גייען אַרײַן”... „אַנו, מיר װעלן זיך מיט דעם פראַנצויז אַ שפּיל טון”... האָט דער אַטאַמאַן דערפאַר מסכּים געווען צו מאַכֿן די פראַנצויזן „זײַנע”, וואָס וועט פאַרנעמען דעם פאַס שטאָט, וואָס ליגט נאָענט צום ים, די איבעריקע טיילן שטאָט וועט ער פאַרנעמען, און די

אונטערהאַנדלונגען—איבערטראָגן אין שטאָט אַריין...

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט און שטיל, אָן רעש, איז די פּאַרטיזאַנער-מחנה אַריין אין שטאָט. די מחנה איז געגאַנגען שטיל, פאַרזיכטיק, און שטום געפילט, אַז מען האָט זי אָפּגע-נאַרט... ס'איז געווען אַ ווילד, צעטומלט שווייגנדיקע מחנה פויערים מיט איבערגעקערטע פּעלצלעך אויף לענגערע סערמיעג-געס, די פיס אין קאָרענע „לאַפּטשעס", טייל אין שטיוול און אַנדערע אין שוואַרצע פּאַלטאָס מיט באָרוועסע פיס, וואָס האָבן מיט ברייטע פינגער און שוואַרצע גרויסע נעגל געמאַכט צייכנס אויפן נאַסן טראָטואַר. צווישן האָבן זיך זעלטן געטראָפן אויס-מושטרירטע זעלנער, יענע האָבן געטראָגן שינעלן מיט שטיוול. פאָרויס זענען געריטן עטלעכע פאַרשוין אין בלויע „זשופּאַנעס" און אויף די קעפּ „פּאַפּאַכעס" מיט רויטע קעזיק-דענקעס...

זיי זענען אַריין רואיק, זער רואיק, און פון דעם איז אויפגעוואַקסן אַ שטאַרקע אומרואיקייט.

די מחנה האָט זיך צעוואָרפן, זיך צעשטעלט אין פאַרשי-דענע הייפן, און פאַר דעם טויער פון אַזאַ הויף איז געשטאַנען אַ משונהדיקער שייגעץ, האָט געקוקט מיט מידע אויגן טאָפּטשנ-דיק מיט באָרוועסע פיס און גרויסע שוואַרצע נעגל אויף די אָנגעדראָלענע פינגער.

יידן האָבן אים אַרומגערינגלט. געוואָלט פון אים דערגיין דעם סוד פון דער אומרואיקייט.

—פון וואַנען קומט איר?

—פון אונטער אָדעס.

—אַלע זענט איר פון אונטער אָדעס?

—אַ? ניין... שוין לאַנג אין „פּאָכאָדי".

—און די פּראַנצויזן?

—כ'ווייס נישט...

—מען האָט זיך אויסגעגלייכט?

—און איך, פון וואַנען ווייס?!

ער האָט געענטפערט רואיק, און מיט די אויגן אַלע ווייַ-לע זיך אומגעקוקט. ער האָט גאָרנישט געוואוסט און נאָר גע-פילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדנונג...

און דעמאָלט איז מישקע אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, ווי די שטאָט וואָלט אים איבערגעגעבן געוואָרן זי אָפּצוהיטן. האָט ער צעשטעלט זיינע מענטשן אויף דער וואַך אין אַלע גאַסן, און ער אַליין גייט אַרום זעען צי ס'איז שטיל...

ער איז אַרומגעגאַנגען און געטוליעט אַ וואַרעמקייט אין האַרצן און כסדר געזוכט מיט די אויגן...

ווען ער וואָלט זי באַגעגנט... ווען ער וואָלט זי באַ-געגנט...

עפּעס איז געוואַקסן אין זיין האַרץ אַזאַ גליקלעך וואָרט... ער האָט עס נאָך אַליין נישט פאַרשטאַנען, און נאָר געדענקט — אַז דאָס היט ער איצט די יידן פון דער שטאָט. ער מיט זיינע מענטשן... און נאָך האָט ער איצט געוואוסט: ער איז נישט דער, וואָס ער איז געווען ביז אַהער... ער איז אַן אַנדערער... און דאָס האָט אים באַשקע פאַר אַן אַנדערן געמאַכט... אַוועק-גיין פון גאַס וועט ער נישט... זי איז געוויס אין דער היים אויך נישטאָ... נאָר ווען ער וואָלט זי איצט באַגעגנט... זי זאָל זען, וואָס ער טוט...

* * *

קאַפּיטל עלף

מישקע האָט זיך אויפגעכאַפּט פרי — דורך די פענצטער האָבן זיך קרום געצויגן שאַרפע פאַסן זון, און דערפאַר איז אים אויסגעקומען, אַז ס'איז נישט האַרבסט, נאָר סוף זומער... עס האָט דערפילט דעם פאַרהוילענעם ריח, וואָס בלאַנקע ט פרור

תיכף נאָכן זומער, און ס'איז אים געוואָרן שווער און שרעקנ-דיק אויפן האַרצן. אין ברוסט האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַזאַ כמורנער אומעט און פונקט אין מיטן זיך געשפּאַרט, ווי ער וואָלט וועלן אַרויס. וואָס איז דען אַרום אים? האַ? וואָס גרייט זיך אויף אים? ער איז געלעגן אַן איבערגעשראָקענער, זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז אַרום אים איז שטאַרק ליידיק, אַז דאָס, נאָך וואָס ער האָט זיך געיאָגט, איז גאָר נישטאָ—

ער איז געווען גרייט, עס האָט געדאַרפט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מאַכן ליכטיק אַרום אים, און דערזען זאָל ער זיך אַליין. נאָר ס'איז נישט געשען, עס איז נישט ליכטיק געוואָרן און ס'איז נישט געווען, וואָס צו דערזען... און אַז ער האָט דאָס פאַרשטאַנען, האָט ער זיך פאַרשעמט און עס האָט אים אָנגעהויבן פאַרדריסן. איז ער דערפאַר געבליבן פאַרביסן און כסדר, און מיט כעס, און צו להכעיס זיך אַליין—האָט זיך זיין געדאַנק געפּלאָנטערט, זיך פאַרפּלאָנטערט און זיך אָפּגע-שטעלט:

—אַ גנב ביזטו, מישקע! אַ גנב, מער נישט!.. און ס'וועט דיר גאָרנישט העלפן... ביזט אַ גנב... וועסט זיין אַ גנב... מער גאָרנישט...

אַזוי האָט זיך זיין פאַרפּלאָנטערטער געדאַנק געריצט און צולהכעיסדיק זיך געקרימט, ביז ער האָט זיך דערמאָנט אָן באַשקען. און דאַן האָט דער געדאַנק זיך אינגאַנצן צעטומלט, און ער האָט שוין אַליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס און אויף וועמען ער איז אָנגעבלאָזן—נאָר געשעמט האָט ער זיך...

ער איז אויפגעשטאַנען נאָכדעם, ווי ער האָט דערהערט פון דער צווייטער שטוב רעוועקאַס קול און די פּלאַפּלעריי-געשרייען פון באָריטשקען. ער האָט זיך אָנגעטאָן און גע-שמייכלט, דערביי געטראַכט, אַז רעוועקאַ ברוגזט זיך שוין אַ שטיק צייט, רעדט נישט און קוקט מיט אַ טרויעריק פּנים, גייט אַרום מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און איז ביי זיך גרויס פון איר ברוגז—און דאָס האָט אים הנאה געטאָן און געדענקט, אַז ער דאַרף מיט איר רעדן אַזוי, אַז עס זאָל פאַרווישן די שפּורן פון

זיין טראַכטן, נאָר געוואוסט, אַז ער קאָן דאָס נישט... און דערפאַר האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, ווי ער וואָלט געווען באַ־ליידיקט... ער האָט זיך געוואַשן און דערביי שטיל געקרעכצט, זיך געווישט מיטן האַנטוך, און געשפּאַנט הין און צוריק, שמייכלענדיק אין זיך אַריין:

„ביזט אַ מענטש, דודקע, ביזט אַ מענטש"...

„אויף דיר, דודקע, פאַרלאָז איך זיך"...

האָט געזעצט צו רעוועקאַן געטריי און קאַלט, זיין פּנים איז געווען פאַרזאָרגט און ער האָט געשמייכלט, בלייבנדיק שטאַרק ערנסט. רעוועקאַ האָט זיך עפּעס געפּלאָנטערט—האָט גע־בלאָנדזשעט צווישן ברוגז און צוגעלאָזנקייט. די שיקסע האָט זיך אויך געפונען אין פאַרלעגנהייט, נאָר איין באַריטשקע האָט געפּלאָנטערט מיט די פיסלעך און געטענהט, שרייענדיק אומ־פאַרשטענדלעכע ווערטער מיט אַ רעוועדיק קול, זיך אַלע ווייַ־לע געזעצט פאַלנדיק, און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף ביידע הענט־לעך, זיך צוריק אויפגעשטעלט.

מישקע האָט אים גענומען אויף די הענט, אַריינגעקוקט אין די זשמורענדיקע ווייכע אייגעלעך, רעוועקאַ האָט דערביי געקוקט מיט כמורנע פאַרשפּיצטע אויגן, ווי זי וואָלט עפּעס אָפּגעוואַרט—האָט מישקע מיט אַמאָל, נאָר געלאָסן, דעם קינד אַ קוש געטאָן אין שטערנדל און צוריק אים אַראָפּגעלאָזט—בלייבנ־דיק ערנסט—דערפון האָט רעוועקאַ פאַרצויגן די ליפּעלעך און זיך אָפּגעקערט פון אים...

—כ׳וועל, מסתם, קומען אויף מיטאָג... דאַכט זיך, כ׳וועל קומען...

—טו מיר נישט קיין סאָלדאַטסקע טובה...

—וואָס פאַר אַ טובה?... כ׳זאָג נאָר, גלאַט אַזוי...

רעוועקאַ האָט מער גאָרנישט געענטפערט. איז ער אַ וויי־לע געשטאַנען, ווי איינער, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ מיאוס וואָרט—נאָר איז באַלד אַרויס.

ערגעץ, אין דער הויך, איז געשטאַנען אַ זון, און אונטן איז געווען אַ מאָדנער שטילער טאָג. אַ טאָג, וואָס טראָגט מיט

זיך אַ שטילן אָנזאָג. מענטשן גייען געלאַסן און שווייגן און ווייסן אַליין נישט, וואָס אַזוינס זיי טראַכטן. אַ דין שאַרף ווינטל האָט געבלאָזן, און מען האָט געזען — דורכן בולוואַר — ווי דאָרט לויפן גרינע הויקערס איבער דעם ים, לויפן און וויקלען זייערע, מיט שוים באַדעקטע, שפּיצן, ווי זיי וואָלטן זיך אונטערגעטונקען, וואַרפנדיק זיך אין וואַסער מיט די קעפּ אַראָפּ, ווערן זיי באַלד איינגעשלונגען אונטער אַנדערע, וואָס יאָגן זיי אַריבער. מישקע האָט אַ ווײלע געבלאָנקעט, גייענדיק נענטער צום בולוואַר, איז שטיין געבליבן, האָט געזען און אַליין נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס ער האָט אין דעם דערזען און פאַרוואָס ער איז געוואָרן אומרואיק. האָט ער ווידער געשפּאַנט און צאָן צו צאָן שטאַרק געדריקט. ביים ראָג פון טעאַטער-געסל און בולוואַר האָט געלאַסן אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק אַן אָפיציר מיט דער ביקס אויפן אַקסל. ער איז געווען פריש געוואַשן און צוגעקעמט, און זיין פּנים איז געווען באַשיינט מיט דעם ערנסט פון אַ באַליידיקטן מענטשן... און ווייל ער האָט מישקען נישט געשטערט דורכצוגיין, און ווייל ער האָט אויסגעזען אַזוי באַליידיקט, דערפאַר האָט מישקע חרטה געהאַט פון גיין אויפן בולוואַר, איז נאָך אַ ווײלע שטיין געבליבן, געקוקט און געזען, ווי צווישן די גרינע ווייסקעפּיקע כוואַליעס שטייען דריי מיליטערישע שיפן — שטייען אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער, נאָר אין אַ גלייכער ליניע. מאָדנע — עפּעס איז דאָרט אַזוי שטיל אויף זיי... ווי אין אַ פאַרלאָזענער זומער-וואוינונג... וואָס זשע? אַלע שלאָפן דאָרט כסדר?..

ער איז צוריקגעגאַנגען און געפילט, אַז ס'איז נאָך נישט אַלץ פאַרגאַנגען, אַז מישקע וועט זיך נאָך באַווייזן... אַז ער וועט נאָך שטאַרק צונוץ קומען... איז ער אַרויסגעקומען אויף דער ריבאַסאָווסקע, צוגעגאַנגען צום ראָג רישעלעווסקע און איז שטיין געבליבן: עפּעס איז אים געווען נישט פאַרשטענדלעך:

אויפן ראָג איז געשטאַנען אַ פויער מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל-ברוינער קורצער סערמיענגע און אויף די פיס — „לאַפּטשעס", האָט געטראָגן א

באַראַנקאָווע קוטשמע אויפֿן קאָפּ, אין פּאַסעק פֿאַרשטעקט צוויי האַנט־גראַנאַטן און אַריבערגעקוקט מיט משונהדיקע אויגן דאָרט אַהין, צום צווייטן ראָג—נעבן שטאָט־טעאַטער. דאָרט האָט געשפּאַנט אַהין און צוריק אַ ים־אָפֿיציר, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מונדיר מיט גאָלדענע שליפֿעס, וואָס זענען געדיכט געפֿלאָכטענע געלעגן אויף די אַקסלען, דאָס שוואַרצע היטל מיט די ווייסע קאַנטן האָט זיך פֿעסט געהאַלטן אויף זיין קאָפּ, מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן ביים ווייסן נייעם רימען פֿון זיין ביקס, וואָס איז אויף זיין אַקסל געהאָנגען און אַ פֿאַרביסענער געשפּאַנט, מעסטנדיק דאָס שטיקעלע טראָטואַר מיט זיינע גלאַנציקע שטיוועלעך.

זיין פּנים איז געווען ווי פֿאַרשטאַרט, די אויגן—אָנגעשטרענגט־רויִק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ זילבערנעם פּאָרטסיגאַר, האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און פֿאַרציענדיק זיך, האָבן זיך אים ביידע שוואַרצע וואָנסן באַוועגט מיט אַמאָל, דערנאָך אַ שלעפּ געטון—אַרויסגעיאָגט געדיכטע פּאַסקעלעך רויך דורך דער נאָז און די פּאַסקעלעך האָבן זיך באַלד ביי דער נאָז געקרימט און געריסן, צעברייטערנדיק זיך אין אַ זייט אַריין—האָט אַריינגערוקט די שוועבעלעך אין קעשענע און ווידער גענומען שפּאַנען.

מישקע האָט געקוקט שמייכלענדיק אויף דעם פּעטלוראָווער, געזען ווי ער האָט צעטומלטע אויגן און האַלט זיך פֿאַרזיכטיק נעבן דער וואַנט פֿון מויער—דער פֿויער האָט עס נישט פֿאַרשטאַנען: אָט שטייט ער דאָ, און אָן דאָרט שפּאַנט אַרום דער „אָפֿיצערסקי סוואָלאָטש”... מיט „פּאַגאָנעס” נאָך,.. איז ער דאָך אַ שונא... איז וואָס זשע? וואָס זשע שטייט מען עס און מען קוקט עס צו?..

מישקע האָט זיך צו אים צוגערוקט: אדרבה, ווי קוקט ער אויף דעם, אָט דעם פֿויער? האַ? ס׳איז דאָך אינטערעסאַנט... וואָס שטייט ער דאָ?

—וואָס זשע? אין קאַראַאול? היטסט, ברודערקע?

—אין קאַראַאול!...—און נעמט אַלץ נישט אַראָפּ די אויגן פֿון יענעם.

—און וואָס איז דאָרט?
—זעסט דאָך—אָפּיצירן.
—איז וואָס זשע טוען זיי דאָרט?
—אַז דער רוח ווייסט זיי...
—און איר, חברה, איר שווייגט?
—ווייס איך... אַ „זאנע" זאָגן זיי... אַ פינצטערע זאנע אויף זייער קאָפּ... עפּעס אַ טייוולאָנישע צערעמאָניע... ווייס איך... זיך אויסגעטראַכט אַ זאנע און מיר שטייען ווי די באָ־קעס... אין זייער מאַמען אַריין... דאָס אַלץ איז זיין אַרבעט... דאָס „גאָדיעט" דער „כּראַנצויז"... אַ כיטערער „שוואַל", אָט דער „כּראַנצויז"... ער דולט עפּעס אַ קאָפּ און מיר שטייען ווי די „באַראַנעס" און „גאַפּען"...

מישקע איז מיט אַמאָל געוואָרן אין כּעס. האָט מיט ברע־נענדיקע אויגן געקוקט אויף יענעם ים-אָפּיציר, וואָס שפּאַנט אַזוי שטאָלץ און פּאַרביסן... און דערפון איז אים ליכטיקער געוואָרן אין קאָפּ.

—אַ נאַרישקייט... אַ נאַרישקייט... וואָס מיר „זאנע"... ווער מיר זאנע... געדאַרפט גלייך—פיו! אין ים אַריין!

דער פויער האָט אויף אים אויפגעהויבן די אויגן מיט חשד. האָט אָנגעצויגן דעם שטערן און געזאָגט:

—און וואָס איז דיר פּאַר אַ שטיין דאָ? האַ?.. מ'טאָר דאָ נישט שטיין... ס'קאָן ווערן אַ שיסעריי... מ'שטייט, מ'שטייט... מ'עט דאָ עפּעס אויסשטיין...

„וואָס איז דאָס פּאַר אַ שפּיל? עפּעס וועט דאָ זיין!.."

ער איז אַוועק ווייטער מיט דער גאַס, און אים איז איצט איינגעפאַלן, אַז באַשקע ווייס דעם באַדייט פון דעם שטיין... איז וואָס זשע? אָט איז ער נעקומען געוואָר ווערן... ער דאַרף עס דאָך וויסן... אויב די אָפּיצירן—איז עס אַ פּאָגראָם, און אויב אַ פּאָגראָם, איז ער גרייט... דאַרף ער עס דאָך וויסן... איז ער געקומען פרעגן...

ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער דאַרף זי זען, און ער איז געגאַנגען מיט עפּעס אַן אויפגערודערט האַרץ און מיט אַ פּאַרכאַפּטן אָטעם. נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום הויף, וואו

באַשקע האָט געוואוינט, איז ער שטיין געבליבן אַ צעטומלטער: איז וואָס זשע? האַ? וואָס וועט ער זאָגן? און זיך נעלאָזט מיט אימפּעט אין הויף אַריין–ווי איינער, וואָס גייט אַריין אין קאַלטן וואַסער... ער וויל איר פּשוט זען. גאָר פּשוט, זען און ווייטער גאָרנישט!

די מוטער האָט אים געעפנט די טיר:

–אַ? באַשע? נישטאָ אינדערהיים... אַוועקגעגאַנגען באַלד אינדערפרי.., נישטאָ...

–אַ שאָד... אַ וויכטיקער ענין.., וועט איר זאָגן, אַז איך בין געוועזן...

נאָך וואָס האָט ער דאָס געזאָגט? ס'האָט אים ווי געטאָן. און ווען ער האָט נעשפּאַנט אין גאַס, איז אים באַפאַלן אַ כּעס: וואָס דען? אַרויסגיין וועט זי צו מישקען? זי איז געווען ביי זיך אין צימער. באַלד אינדערפרי... ווי די אַלטע האָט גע־לייקט... זיך אָפּגעשטעלט באַלד ביי דער טיר!.. ער האָט, ווי זיך צו להכעיס, נישט געוואָלט געדענקען, אַז אייגנטלעך נישט די אַלטע, נאָר ער אַליין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, אַליין געפרעגט צי זי איז דאָ... און כאָטש ער האָט דאָס גע־פילט, האָט ער זיך געעקשנט און נישט געוואָלט געדענקען. און געוואָרפן האָט ער זיך: דאַרף מען נישט! איך בין אַ גנבֿ? אודאי בין איך אַ גנבֿ! וואָס דען זאָל איך זיין? אַ תּפֿילים־שרייבער? אַ גנבֿ, און שוין! אַזוי האָט ער האַסטיק געשפּאַנט און זיך אַלץ געוואָרפן. נאָר ווען ער איז שוין מיד געווען שפּאַנענדיק, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז ער געפינט זיך ביים אַלעקסאַנדראָווער פּאַרק–אַזוי איז ער געגאַנגען מיט דער אוספּענסקי, ביז ער איז אַהער געקומען. מילא... איז ער אַריין אין פּאַרק, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, און מיט אַמאָל איז ער געוואָרן רואיק און האָט זיך צעשמייכלט: „וואָס אַ משוגענעם קאָן אַלץ איינפאַלן”–האָט ער איצט געדענקט, ווי די פרוי האָט געקוקט אויף אים מיט שמייכלענדיקע אויגן, האָט אים אפילו געבעטן אַריינגיין, „וואָס זשע זענט איר שטיין געבליבן”–נאָר ער אַליין איז עפּעס צעטומלט געוואָרן, זיך אי־בערגעשראָקן און נישט געקאָנט קיין טריט מאַכן... און–ער

האָט צוריק דערהערט דעם אומעט אין האַרצן. ער וואָלט זיך איצט געוואָלט אויסציען, באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און עפּעס שטיל, שטיל שעפּטשען...

ער איז געווען איצט רואיק, מיט אַמאָל האָט ער זיך צו־ריקגעקערט אין קרייז, פון וועלכן ער האָט זיך געהאַט אַרויס־געררוקט און האָט זיך צוריק דערמאָנט אָן זיך אַליין: וואָס זשע? זיצט מישקע אין פּאַרק און טראַכט וועגן אַ מיידל! און דאָרט דרייען זיך אַרום אָפּיצירן מיט פּאַרביסענע פּנימער, און ווער ווייסט... זיי האָבן דאָך עפּעס פאַרטראַכט... און גאָרנישט! און מישקע זיצט אין פּאַרק... און דאָרט איז מען שוין געווען הונ־דערט מאָל ביי דער פּישעליכע... וואו איז מישקע? נישטאָ מישקע!..

ער האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט און איצט האָט ער דערזען, ווי דאָרט ווייט אויפן ים, וואָס ווינקט אַהער ווי אַ שטיק הימל אין אָפּענעם וואַלד, באַוועגן זיך שיפן. אָט דאָרט רויכערט דער קוימען, און דאָרט ציט זיך דער רויך צוריק אין אַ לאַנגן גלייכן פּאַס—וואָס זענען דאָס פאַר אַ שיפן? האָט גע־קנייטשט דעם שטערן. און מיט אַמאָל איז ער ווי דערשראָקן געוואָרן. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן פאַרשטיין, און דערפילט אַן אָנזאָג, אַז דאָס, וואָס ער האָט ערוואַרט, דערנענטערט זיך... אָך—ווי האָט זי געזאָגט:

„אויף דיר, דודקע, פאַרלאָז איך זיך.“

איז אַרויס פון פּאַרק און צוגערופן אַ דראָזשקע.

—וואו באַפעלט איר?

—פּערעסיפּ!

און איז אַריין אין דראָזשקע.

—באַרין, עס וועט קאָסטן...

גוט... גוט! פאָר!

*

פאָרנדיק אויף דער דראָזשקע, האָט ער זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט. יעדעס מיידל, וואָס איז אים אַקעגנגעקומען, האָט

אים געגעבן אַ שלאָג אין האַרצן און ער האָט זיך אויפגעצויגן. עפּעס האָט ער געוואָרט צו דערזען. און אַ פּאָר מאָל איז אים איינגעפאַלן צוריקצופאָרן אויף אוספּענסקע—נאָר איצט האָט ער זיך שוין איינגעהאַלטן און אַליין געלאַכט פון זיך: ווי לאַנג איז דען, אַז ער איז דאָרט געווען...

ער האָט באַמערקט, אַז אין די גאַסן איז עפּעס אַן איינגעהאַלטענער אָטעם. מענטשן שטייען אין קופּקעלעך ביי די טויערן פון די הייזער און אַלע פּנימער זענען עפּעס צערודערט. אַ סך זענען בלייך, און קוקן מיט פרומע אויגן, פון אנדערע שיינט אַ שמייכל. ער האָט דאָס געזען און זיך גאָרנישט געוואונדערט. ער איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ער אַליין האָט זיך געהאַט פאַרלוירן און נאָר געפילט, אַז עפּעס ערוואַרט אים. קאָן דאָך נישט זיין, אַז אַזוי וועט זיך עס שטענדיק ציען, און מער ווי „נאַליאָטן" וועט ער נישט מאַכן... ער האָט בלינדערהייט געפילט, אַז ער איז נישט, אַזוי זיך סתם אַ מענטש, נאָר אַז ער קער זיך אָן צו עפּעס...

אָך, ווען ער וואָלט זי איצט געטראָפן...

די דראָזשקע האָט הינטער זיך געלאָזט דעם צענטער און מישקע האָט דערזען מאָלדאַוואַנקע. האָט ער צוריקגעקערט צו זיך אַליין. זיינע אויגן זענען געוואָרן שאַרף—כמעט שטעכיק, און ער האָט אָנגעהויבן זען מיט זיינע אייגענע אויגן און הערן מיט זיינע אייגענע אויערן. און איצט האָט ער דערהערט, ווי די רעדער פון דער דראָזשקע קלאַפּן אָפּ הילכיק אין דער פּוסטער גאַס.

—וואָס איז עפּעס, האַ? אויף וואָס וואַרט מען?

—שנעלער... שנעלער...

דער דראָזשקאַזש האָט זיך געגעבן אַ לאַם, האָט זיך אויסגעגלייכט, אַ שמיץ געטון דאָס פערד, אַ צי געטון די לייצן—און דאָס הילכן פון די רעדער איז געוואָרן רעשיקער.

איצט האָט ער באַמערקט, ווי דאָרט, טיף אויף דער סטאַראָפּאָרטאָפראַנקאָווסקע גאַס, נאָענט צום „טאָלטשאָק", באַוועגן זיך קופּקעלעך סאָלדאַטן. זיי גייען שטיל, מיט פאַרדעכטיקער פאָרזיכטיקייט, ווי זיי וואָלטן זיך אונטער וועמען אונ-

טערגעגנבעט—דער, וואָס האָט געפירט די ערשטע גרופּע זעל־נער, האָט שטייף געהאַלטן דעם קאָפּ און אים געדרייט אויף אַלע זייטן, ווינקענדיק מיט אַ בלייך פּנים.

איצט האָט מישקע פאַרשטאַנען, אַז עפּעס גרייט זיך, עפּעס דאַרף באַלד געשען. איז וואָס זשע וועט דאָ בלייבן? האַ? און אויב די אָפיצירן וועלן בלייבן?

—שנעלער... שנעלער...

דאָס פערד איז געלאָפן אין איין אָטעם. אויפן „טאָל־מאַשאָק" זענען די „בודקעס" געשטאַנען נידעריק און שרעקעוו־דיק. יידן האָבן געשוויגן, געקוקט אויף דער דראָזשקע, וואָס איילט זיך אַזוי... איינער דעם אַנדערן האָט געפּאָרשט מיט די בליקן. די זון האָט איצט געקוקט קרום, ווי זי וואָלט פאַר־זשמורעט איין אויג, אַ ווינטל האָט געבלאָזן קעלטער און שרע־קעוודיקער, זענען יידן געשטאַנען גרייט די „בודקעס" צו פאַר־מאַכן און זיך לאָזן מיט איילנדיקע טריט אַהיים.

מאָלדאַוואַנקע איז געווען נישט רואיק. עפּעס זענען די גאַסן שטיל און די טויערן קוקן פאַרגאַפט. אַרבעטער קערן צו־ריק פון זייער אַרבעט אָנגעבלאָזענע, מיט פאַרהאַרטעוועטע פּנימער.

אַז מישקע האָט דערזען זיינע מענטשן, האָט ער באַלד דערקענט אין זייערע אויגן, אַז זיי קוקן אים אויס. ווייבער קוקן דורך פענצטער און שפּירן אים נאָך.

—שטיי!

דער דראָזשקאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיט איין באַווע־גונג איז ער אַראָפּגעשפּרונגען.

אַ פאַרשוין מיט אַ רואיק שווייגנדיק פּנים איז צוגעלאָפן.

—באַצאָל אים!

און צום דראָזשקאַזש:

—ער באַצאָלט!

דער דראָזשקאַזש האָט געקוקט מיט דרך־ארץ. פאַר דער ערנסטקייט פון פּנים און יענעמס צולויפן האָט ער אָפּשיי באַ־קומען. פאַר די טויערן האָבן זיך באַוויזן פּנימער פון פרויען, וואָס האָבן מיט געבעט געקוקט. אייניקע אַרבעטער האָבן לייכט

געשמייכלט און מישקע מיט נאך איינעם א פארשוין, האבן גע-שפאנט. יענער האט עפעס גערעט און מישקע האט געהאלטן דעם קאפ עטוואס געבויגן. איצט איז ער געווען העכער און שטארקער.

—די שיפן זעצן ארויס א דעסאנט!.. די אפיצערישע יאטן ווילן זיך צעבריקעווען.

—גוט.

—מאלדאוואנקע שרעקט זיך... עפעס רעט מען.

—יאלדן... נאר מען מוז זיי האלטן אויפן אויג...

ווען ער איז צוגעקומען צום טויער פון פישעליכעס וואוינונג, האט ער געהערט, אז ערגעץ האט אפגעהילכט א ביקסן-שאס. ער איז שטיין געבליבן, זיינע אויגן האבן אויפגע-פלאמט, ער האט שטארק אפגעאטעמט. מיט אמאל האט זיך דערהערט א זאלפ. און ווידער א זאלפ.

שפרינגענדיק אויף די טרעפ, איז ער אריין צו דער פי-שעליכע. אין דער פאדערשטער שטוב איז גיטל „די מויד" אים שטיין געבליבן פאר די פיס. זי האט זיך גענומען רויטלען און געפרווט שמייכלען, און עפעס ווי זי וואלט זיך געוואלט ווערן... ער האט זיך אבער נישט אפגעשטעלט. מיט איין האנט-באוועג האט ער זי אפגעשארט אן א זייט, מיט דער צווייטער האנט ראש אפגעקערט א בענקל און איז אריין אין דער צווייטער שטוב.

ער איז אריין, שטיין געבליבן און זיינע אויגן האבן גע-שפריצט מיט פונקען, ווי ער וואלט עפעס ווילטיקס געדארפט אונטערנעמען. צווישן חברה, וואס האט שוין געוואַרט אויף אים, איז געווארן א גערודער און א רוקעניש פון שטולן.

—וואס זשע הערט זיך?—האט ער אראפגעשלעפט דאס היטל.

האבן אלע אויפגעהויבן אויף אים די אויגן און „ווילדע קאזע" האט געזאגט:

—עס ווערט לעבעדיק אין שטעטל!..

און א צווייטער האט הייזעריק רואיק ארויסגעברומט:

—זיי ווילן א הוליע טון.

—די פראַנצויזן?

—או-הו—האָט „ווילדע קאָזע" געענטפערט דורך דער נאָז.

—און לאַפּיטוטן קאָנען זיך נאָך אַריינרייסן אויף דער מאָלדאַוואַנקע.

—די שליפּעס?

—נו, יאָ...

—איז וואָס?—האָט דער אַדוואָקאַט ערנסט געזאָגט—זאָלן זיי קומען, וועלן זיי עסן לעקאַך. נאָר מען דאַרף אָפּוואַרטן, און נישט כאַפּן... וואָרום אויב מען האָט דאָ צו טון מיט די פראַנצויזן, איז עס נישט קיין געבראָטן גענדזל אויפצועסן...

ס'איז שטיל געוואָרן. מישקע האָט זיך אויף אַוועקגעזעצט. ער האָט אַלץ געקוקט אָנגעבלאָזן. זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל, אי־בערגעדרייט, נאָך אַ גלעזל און גיסנדיק און טרינקנדיק, גערעט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם:

—נו, ווען מען זען... געטראָפּן אויף מפּיל-קינדער... דער האָבער שטעלט זיי... נישקשה, מיר זענען מענטשן... אַז שלאָגן, איז שלאָגן... וועלן מיר זען, ווער עלטער איז... ס'איז נישט אַמאָליקע יאָרן... געלעגן אין די קעלערס און געקוקט ווי מען פּייניקט די אייגענע שוועסטער...

דאָ האָט זיך „ווילדע קאָזע" געגעבן אַ שטעל אויף, דאָס גאַנצע פּנים האָט זיך אים אָנגעגאָסן, געבליבן שטיין מיט צע־שפּרייטע געזונטע פיס, ווי ער וואָלט געוואָלט אויף עמיצן אַ שפּרונג טון, האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש:

—זאָל איך צעזעצט ווערן!.. ניין, עס גייט נישט מער!.. אויס מורא... אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער!.. מער אין קעלער קריך איך נישט, ווי מיט יאָרן צוריק!.. זיי האָבן דע־מאָלט מיין שוועסטער פאַרמוטשעט און דערהרגעט! איז דאָס געווען אַ מוידן! בלוט און מילך! און איך בין געלעגן ווי אַ קראָט, ווי אַ אידיאָט באַהאַלטן! ס.ווערט אַ פייער אַריין אין זיי־ערע הערצער! זאָלן זיי קומען!—האָט ער ווידער אַ זעץ געטון אָן טיש.

ער איז געווען נישט ניכטער, און עפּעס האָט פאַר זיינע אויגן זיך אויפגעשטעלט דער גאַנצער גרויל, וואָס האָט פאַסירט

מיט זיין שוועסטער. און עס האָט אים גענומען ציטערן אין האַלז און ער האָט געביילט די פויסטן. נישקשה, זייער גוט, וואָס זיי קומען. ער וועט זיי ווייזן, ווער עלטער איז... ער וועט זיך נוקם זיין!—זיך געשלאָגן אין האַרצן און געשוואוירן, איז זיין נאָמען נישט „ווילדע קאָזע", אויב ער וועט זיי נישט שחטן, ווי די הינט! ווי די הינט וועט ער זיי שניידן די העלזער און רייסן די אויגן פון די קעפּ.

מישקע האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין און לייכט געשמייכלט.

—ביזט אַ מענטש. רייב איין!

ביידע האָבן זיך צעקושט הייס און שטאַרק און אַלע זיינען געוואָרן אויפגעלייגט.

מיט אַמאָל האָט זיך מישקע עפּעס דערמאָנט, פּונקט ווי ער וואָלט אָן דעם געהאַט פאַרגעסן און אין האַרצן האָט אים ווידער אַ לייכט געטון, ווי עס וואָלט זיך אָרט אַ פלעמל אָנגעצונדן. ער האָט גערעט ערנסט אונשטיל: ד

—נאָר קיין אויג נישט פאַרמאַכן... מען דאַרף זען... איר פאַרשטייט? די קוקערס דאַרף מען האָבן... איך וועל אַראָפּגיין אויף דער וואַך... איך האָב ליב צו זען... ווער גייט מיט מיר? נאָר איינער...

—איך!—האָט זיך „ווילדע קאָזע" אויפגעשטעלט.

—און איר... געוואַכט... זייט גרייט... טאָמער וואָס—זאָל אַ רוח אין זיינע ביינער אַריין!

* * *

די מאָלדאַוואַנקע איז אַלץ אַזוי שטיל געשטאַנען, נאָר פון ערגעץ ווייט האָט אָפּגעהילכט. די זון האָט זיך געהאַט פאַרשטעלט הינטער אַ וואָלקן, און איצט האָבן די ביימער געקוקט מיט פאַרנאַכטיקע, גרויסע, ברייט-געעפנטע אויגן. די בלעטלעך זענען געהאָנגען שיטער און געציטערט אויף די צווייגן—געציטערט, און אָפּט ציטערנדיק, זיך אָפּגעריסן.

זיי האָבן געשפּאַנט שווייגנדיק און ווען זיי זענען אַרויס

אויף דער רישעלעווסקע גאַס, האָבן זיי זי געטראָפן ליגן אינגאַנצן אַ ליידיקע. פון וואָקזאַל לויפט אַ משא-אויטאָמאָביל, לויפט מיט איינגעהאַלטנקייט און אויף אים שטייען זעלנער מיט אויפגעשטעלטע ביקסן אין די הענט און קוקן מיט נאַכטיקע אויגן; און דאָרט טיף—צום וואָקזאַל צו, שטייט מען אין מיטן גאַס און מען פאָרקעט זיך, ווי מען וואָלט עפּעס שווערס אַוועקגעשטעלט.

—קום, קום... איך וויל צוגיין אַהיים צו מיר... זיי פאַרזאָרגן...

אַז זיי זענען אונטערגעגאַנגען אַ ביסל, האָבן זיי געטראָפן שטיין זעלנער ביי די טויערן אין ביידע זייטן גאַס.

—העי! וואו גייט איר? מען וועט באַלד שיסן!

מישקע איז צוגעגאַנגען צום טויער.

—וואָס איז דען, ברודערקע?

—ס'האָט זיך זיי פאַרשמעקט פולווער!

—וועמען? די „זאָלאָטאָפּאַגאָניקעס"?

דער זעלנער, וואָס האָט אויסגעזען אַ שטיקל קאָמאַנדיר, האָט ווי נישט געהערט זיין פראַגע און גערעט סתם אַזוי, אין דער וועלט אַריין:

—סוואָלאָטשעס!.. גע„ברעשעט" און גע„ברעשעט"... וואָס מיר פאַר אַ זאנע אין מיטן דרינען... הינטישע צורות—

זיק-זיק-זיק! ז-ז-ז-יק!

מישקע איז אַריין אין טויער—געבליבן שטיין אין הויף ביים טירל און איבער דער גאַס איז געוואָרן אַ סוויסטשעריי פון קוילן, און דאָס סוויסטשען האָט ווי שפּיזן געשטאָכן פלאַך אין דער ליידיקייט.

—סוואָלאָטשי--האָט דער זעלנער אויסגערופן—כלאָפּצי! פּלי;

עס איז געוואָרן אַ פייפעריי און אַלע ווילע האָט עס אָפּגעשלאָגן מיט אַ קלינג. דאָס האָבן זיך די קוילן אָנגעשלאָגן אָן אייזערנע טראַמוויי-סלופּעס און צוריקגעשפּרונגען. מישקע איז געשטאַנען און געדריקט די ציין מיט אומגעדולט, עפּעס האָט עס אים געצויגן, ווי אַ כשוף.

מיט אַמאָל האָט אָנגעהויבן שלאָגן אַ קוילנוואַרפער, ווי עפּעס אַ בושל וואָלט געשטאַנען אויף איין פוס און געקנאַקט מיטן שנאָבל, און אין דער לופט האָט עס געפּישטשעט, גע-קוויטשעט, געשטאָכן און אָפּגעקלונגען.

—דאָס שפּילט אַ פּולעמיאָט,—האָט די „ווילדע קאָזע" ער-קלערט שטייענדיק נעבן מישקען.

מיט אַמאָל האָבן זיך דערהערט געשרייען. עס איז עפּעס שטיל געוואָרן, און ווידער האָט עס אָנגעהויבן „שפּילן" מיט רעש און קוויטשערײַ. מישקע האָט דערזען, ווי נעבן טויער איז מיט אַמאָל ליידיק געוואָרן, און אָט האָט זיך באַוויזן אַן אָפיצירן-היטל. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל און גע-זען, ווי אויף יענער זייט גאַס, רוקן זיך בײַ דער וואַנט בליי-כע און דערדרויטלטע אָפיצירן. ער האָט צווישן זיי דערקענט דעם פאַרשוין, וואָס ער האָט געזען אינדערפרי אַרומשפּאַנען אויפן טראָטואַר נעבן טעאַטער, און עפּעס האָט עס אים מיט כעס באַשלאָגן: הייסט עס, אַז דאָס האָט ער זיך נאָך אינדער-פרי געגרייט צו דעם!

פאַרן טויער האָבן זיך אויך געדרוקט אָפיצירן. איינער האָט באַמערקט מישקעס פּנים דורכן פענצטערל און האָט אייסגע-שריען:

—וואו קוקסטו, זשיד פּראָקלאַטי!

מישקע האָט דאָס פּנים פון פענצטערל נישט צוגענומען, יענער האָט אַ זעץ געטון מיטן פריקלאַד אין טויער.

—סוואָלאָטש!—האָט מישקע דורכגעזייט דורך די ציין!

—וואָס?.. וואָס?..

מישקע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון איבערחזרן דאָס וואָרט. בײַם טויער זענען נאָך געשטאַנען בלייכע איינוואוינער. אַלע האָבן מיט אַמאָל אויפגעציטערט און אָנגעהויבן קוקן אויף מישקען מיט וויינענדיקע אויגן.

—וואָס טוט איר... יהודי... וואָס טוט זיך מיט אייך?..

און דערפאַר וואָס ער האָט געהערט דאָס וואָרט „יהודי", האָט ער אויף זיי אַ קוק געטון מיט גרויס רחמנות און וואַרעמ-קייט און אָנגעהויבן שמייכלען;

דער אָפיציר האָט אָנגעהויבן זעצן מיטן פריקלאַד אין טויער:

—זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! דעם קאָפּ וועל איך דיר אָפּשניידן! וואַרט נאָר!

נאָר דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ „שפּילעריי" פון קוילנוואַרפער, וואָס איז געקומען פון וואַקזאַל־זייט. עס האָט אָנגעהויבן שלאָגן אין איין אָטעם, ווי עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ שטורמישער רעגן, וואָס שלאָגט מיט גרויסע טראָפּנס איבער אַ בלעכערנעם דאַך... דער אָפיצער האָט אויפגעהערט קלאַפּן און האָט זיך צוריקגעצויגן פון טויער—איצט האָט ער געזען ווי אין יענער זייט גאַס איז טומלדיק—די אָפיצערן האָבן עפּעס שוואַרצלעכע פנימער און ציען זיך צוריק. זיי שטעלן זיך אָפּ, שיסן, און טרעטן ווידער אָפּ, עס קומען צוריק פון אויוון נאָך אָפיצערן, אַלע מיט שוואַרצלעכע צעהיצטע פנימער.

און מיט אַמאָל:

—פראַך—ך—ך!

עפּעס אַ געוואַלדיקער ראַקעט האָט אויפגעריסן, און די קוילנוואַרפער האָבן איצט געשלאָגן מיט גרויס אימפּעט און פון אַלע זייטן, אַז קלאַפּ אין קלאַפּ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן—און ס'האָט איצט שוין ווי שטראָמען געפּלייצט—

מישקע האָט געשמייכלט, צוגעטאַקעוועט צו יעדן זעץ, וואָס איז געקומען פון דער זייט וואו ס'איז דער וואָקזאַל. און געזען ווי דאָ,ביים טויער, און אין יענער זייט גאַס, איז שוין ליידיק—נישטאָ קיין אָפיצערן און דערהערט שטימען וואָס קומען פון דער זייט: יענע דערנענטערן זיך.

„איצט וועט מען זיך דאַרפן אַרויסכאַפּן".

מיט אַמאָל איז שטילער געוואָרן—דער פאַרנאַכט האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט איבער די גאַסן און דעם טראָטואַר דערגרייכט.

*

פאַרנאַכט האָט זיך די שלאַכט צעפלאַקערט איבער דער גאַנצער שטאָדט. דער גרעסטער טייל, ביז דער „פראַנצויזישער זאנע" איז געווען ביי די אוקראַאינער און די הויפט־כחות זע־נען געווען קאָנצענטרירט נעבן וואַקזאַל אין „הויפט שטאַב".

עס האָט מיטן אָוונט אַראָפּגעלאָזט אַ שטילער שטורם און די קוילן זענען געפלויגן, געריסן די טעלעפאָן און טראַמוויי־דראָטן. אויף דעכער האָבן זיך באַוויזן אויסגעשטעלטע פּיסקעס פון קוילנוואַרפער און אונטער יעדן איז געזעסן אַ שטילער פאַר־שוין, וואָס האָט „געשטעפּט" אָן אויפהער.

די אָפּיצערן, וואָס האָבן געהאַט אָנגעהויבן די אַטאַקע און זיך אַרויסגערוקט פאָרויס, האָבן זיך צוריקגעצויגן. עס איז עטוואָס שטילער געוואָרן. און ער האָט זיך איצט געגרייט צו עפּעס אַנטשיידענס: משא־אויטאָמאָבילן זענען געלאָפן מיט רעש און צוגעפירט געווער און קוילן.

מיט אַמאָל האָט זיך אַ שווערער אויטאָמאָביל אַרויסגעשניטן פון דער זייט וואו דער שטאַב האָט זיך געפונען, פירנדיק נאָך זיך אַ האַרמאַט אויף צוויי רעדער, ער האָט זיך מיט ווייניקער רעש געלאָזט איבער דער בעלינסקע-איבער דער גאַס, וואָס פירט צום אַלעקסאַנדער־פאַרק.

איצט האָט אַ שוידער זיך דורכגעריסן איבער די גאַסן, האָט מען זיך געהאַלטן ביי די טויערן און געוואוסט, אַז עס קומט אַ שרעקלעכע נאַכט, ווייל געוואוסט האָט מען, אַז דאָרט און דאָרט שטייען שיפן מיט פראַנצויזיש מיליטער און דער אַלעקסאַנדער-פאַרק ליגט דאָך נישט ווייט פון ים.

דער ווינט אין אָוונט האָט זיך געשטאַרקט און געטריבן די וואָלקנס, וואָס זענען מיט שטילער שוואַרצקייט געלאָפן גאָר נידעריק, אַלע ווילע האָט אַ האַגל פון קוילן אַ שלאָג געטאָן, דערנאָך האָבן געבלאָנדזשעט איינציקע ביקסן־שאָסן.

אַפאָר מאָל האָבן די אָפּיצערן זיך אַרויסגערוקט פון זיי־ער זאנע—זיך אַרויסגערוקט און עס איז תיכף געוואָרן אַ רעש, אַ קלאַפּעריי, אַ סוויסטשעריי—דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז די אָפּיצערן האָבן זיך צוריקגעצויגן, שרייענדיק בייז איינער צום צווייטן.

און דאָרט האָבן דערווייל אָנגעהויבן אויסשטיינן פון די שיפן פראַנצויזישע זעלנער אין גרינגעלבע שינעלן מיט גרוי־בלויע הישלען, צווישן אַ סך מיט רויטע פעסקעס. איצט אין אָוונט, האָבן זיי אויסגעזען טונקל, און פון אונטער די פעסקעס האָבן געבליקט שוואַרצע ווילדע אויגן. עס איז אויסגעקומען, אַז די אויגן האָבן גאָר קיין ווייסלעך נישט, זיי האָבן זיך פלינק גרופירט און זייערע אָפיצערן האָבן געגעבן קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער און געוואָרפן פאַרהוילענע בליקן. אויגן אָן אויגן האָבן זיך אָנגעשלאָגן און אַלע האָבן אויף פרעמדקייט געבליקט.

מיט אַמאָל האָבן זיך די אָפיצערן אין גאַס אַ ריס געטאָן מיט פאַרשטאַרקטער ענערגיע און מיט פאַרביסנקייט. עס האָבן אָנגעהויבן „שטעפּן די קוילנוואַרפער, און מישקע איז געשטאַנען בלייכער ביים טויער־פענסטערל און געזען ווי זיי רוקן זיך אין געדיכטע רייען איינער נאָך אַנדערן, ער האָט דער־פילט גרויס ווייטאָג אין האַרצן: ווער ווייסט צו ער וועט נאָך האָבן אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצוקריגן פון טויער...

איצט האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט, די אָפיצערן זאָלן צוריק אָפּטרעטן, און עס האָט אָנגעהויבן אַ שטורם:

עס האָבן זיך צעשפּילט עטלעכע האַרמאַטן. די לופט האָט געציטערט און זיך געקאָרטשעט אומטערגעבנדיק זיך די שווערע שטויסן, עפּעס אומזעבאַרעס האָט מיט קלינגעריי געשניטן אין דער לופט, זעץ נאָך זעץ און אָפּהילך נאָך אָפּהילך. די אוקראַינער האָבן זיך געלאָזט אין אַקעגן־אַטאַקע, ער האָט געזען עפּעס שוואַרצעס און שווערעס, האָט ווי אַ סאָפּענדיק חיהלע אַ פלי געטאָן פון אויוון אַראָפּ, זיך געגעבן אַ זעץ אויף די שטיינער, זיך אַ שטאַרקן משוגענעם פריי געטאָן אויפן געזעסל און ס'האָט אויפגעפּוכט מיט אַ גוואַלדיקן טומל און שפּריצעריי און שרעקלעכן רויך—עס איז געוואָרן אַ נעפּל איבער דער גאַס. און אַ פּרינזשען פון שטיקער גלאָז, וואָס האָבן געשיט, פון נעפּל האָבן זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבן אַרויסשיילן שווערע קרעכצן און קוויטשערנדיקע אויסגעצויגענע „אויען", און אַז ער האָט אָנגע־הויבן צוגיין—האָבן זיך צוריקגעצויגן צעטומלטע, פאַרלוירענע געזיכטער און איינער שרייט צום אַנדערן און קללות שיטן זיך:

—אויף וואָס וואַרטן זיי נאָך, די פראַנצויזן?
—אין זייער מאַמען אַריין!
—אונז געשיקט אין פייער, און אַליין!
—זיי נאַרן אונז!
—אַ שפּיצל!

דאָס האָט געווירקט נאָך מער פון די האַרמאַטן־קוילן. די אָפיצערן האָבן מיט אַמאָל דערפילט, אַז די פראַנצויזן נאַרן זיי... האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּטרעטן צוריק אַהין צום טעאַטער, נאָך נענטער צום בולוואַר און די אוקראַינער האָבן פאַרפאָלגט. די האַרמאַטן האָבן נישט אויפהערט קנאַלן און די סאָלדאַטן האָבן זיך איצט געריסן מיט אימפעט און פאַרביסנקייט און מיט קללות אויף די ליפּן, עפּעס האָבן זיי זיך איצט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף צו מאַכן צו דער נאַרישער שפּיל און זאַנע...

איצט האָט מישקע געציטערט פון אומגעדולד, אין האַנט האָט פעסט געדריקט דאָס הענטל פון רעוואָלווער, וואָס אין קעשענע, מיט אַמאָל האָט זיך אויפגעבראָכן אַ באַרג שטימען און ער האָט דערזען, ווי פאַרן טויער לויפן אוקראַינער.

—עפנט! עפנט!

דער „דוואָרניק" האָט געקוקט מיט צווייפל.

—לאָז זיי אַרויס?—האָט זיך אָפּגערופן אַ בלייכער ייד מיט אַ קליין בערדל.

מישקע מיט „ווילדע קאָזען" זענען אַרויס. מישקע האָט זיך אַרומגעקוקט, די אָפיצערן זענען געווען נישט ווייט, די אוקראַינער האָבן אויף אים משונה געקוקט.

און ער ווייסט נישט פאַרוואָס, אַ משוגעת איז אים באַפאַלן, זיינע נאָזלעכער האָבן שטאַרק געציטערט און די אויגן האָבן זיך ווי אין אַ פלאַמיקער פאַרב געטונקן, נישט ווייט איז געשטאַנען עפּעס אַן אָפיצער—דאַכט זיך אָט דער, וואָס האָט געקלאַפּט אין טויער און דווקא געוואָלט וויסן, וואָס ער האָט געזאָגט.

מישקע האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער:

—סוואָלאָטש! סוואָ—לאָ—טש!—האָט אויסגעשאָסן. יענער

האָט דאָרט אַ ציטער געטון, געגעבן אַ שטרעק אויס די הענט, צום ערשטן איז אים די ביקס אַרויסגעפאַלן, דערנאָך האָט ער אַליין זיך אויסגעצויגן.

דער אוקראַינער, וואָס איז דער ערשטער געשטאַנען פּנים אל פּנים צו די אָפיצירן, און וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ שטיקל עלטסטער, האָט געזאָגט:

—מאָלאָדיעץ!

—חבר, גיב אַ ביקס!

באַלד איז אַ זעלנער צוגעלאָפן און צוויי ביקסן דער־לאַנגט. מישקע מיט „ווילדע קאָזען" האָבן זיי פון זיינע הענט געכאַפּט. די האַרמאַטן האָבן אַלץ געדונערט, נאָר קיין קוילן האָט מען נישט געזען פאַלן, די קוילנוואַרפער האָבן „געשטעפּט" און די זעלנער האָבן אָנגעהויבן אַ שטאַרק שיסעריי.

די אָפיצירן זענען אָפּגעטרעטן, מישקע איז צוגעקומען ביז דעם אָרט, וואו יענער איז געלעגן, זיך איינגעקוקט אין אים.

—דאָס איז ער!

יענער האָט זיך געצויגן אין יסורים, ער איז נאָר געווען פאַרוואונדעט און געקוקט מיט צעטומלטע אויגן.

—כ'וועל דיר גאָרנישט טאָן. ביזט אַ סוואָלאָטש! אַ סוואָ־לאָטש! ווייטער נישט...

ביידע האָבן אים אויפגעהויבן, צוגעטראָגן ביז אַ טויער און אין טויער אים אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט צום ווינקל.

און דאָ איז מישקען איינגעפאַלן:

—קום!

ביידע האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו מאָלדאַ־וואַנקע.

זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן פאַרשידענע באַוואָפנטע פאַרשוינען. די נאַכט איז שוין געהאַנגען אַ שווערע און אַ כמורנע, און אים איז איצט איינגעפאַלן:

—וואָס פאַר אַ רוח האָט מיך אַהער פאַרטראָגן?

זיי האָבן גענומען שפּאַנען שנעלער צו דער מאָלדאַוואַנקע. בשעת מעשה האָבן זיך ביידע גוט געפילט פון דעם, וואָס זיי

גייען מיט ביקסן, פונקט ווי אַלע, וואָס זיי באַגעגענען אין גאַס, ווי דאָס וואָלט אַ גרויס פאַרגעניגן פאַרשאַפט. און מישקע האָט נאָך אין האַרצן געשמייכלט:

—סוואָלאָטש! ווייס, אַז אַ „זשיד" קען אויך...

* * *

אַ בליץ האָט דורכגעשניטן די לופט, איז געקומען פון יענער זייט, וואו דער ים ליגט איצט אַ לעבעדיקער און פינצ-טערער, און עס האָט געגעבן אַזאַ הילך, וואָס האָט מיט אַ קלאַנג אויפגעבראָכן אין אַ לאַנגן ציטער, גאָרנישט ענלעך צו די פריערדיקע האַרמאַטן־שאָסן. און באַלד אַ צווייטער גרוילעכער שפּיי. די שטאָט האָט אָנגעהויבן ציטערן. עס האָבן געשלאָגן טעמפּע האַרמאַטן-קלעפּ און געהילכט קלינגנדיקע, זינגנדיקע קלעפּ, וואָס זענען פון ים געקומען. זיי האָבן זיך ווי דיקע בלעכן געריסן איבער דער שטאָט.

די אָפיצירן האָבן זיך אַ ריס געטון פון אָרט, צווישן די אוקראַינער איז אַ וואָרט געפאַלן:

„פראַנצויזן!.."

איז אַ טומל געוואָרן, די גרופּעס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, צוריקציען.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ זאַלפּ-שפּריצעריי פון ביקסן, דער זאַלפּ איז געוואָרן געדיכט, שטעכיק, די אוקראַינער האָבן זיך פאַרלוירן, און זיך געלאָזט צוריק צום וואָקזאַל.

ביז האַלבע נאַכט האָט עס געדונערט און געקנאַקט אי-בער דער שטאָט. דראָטן האָבן זיך געריסן מיט אַ קלינגעריי. די קנאַלן האָבן זיך געצויגן מיט געזאַנג, און פון די גאַסן האָבן זיך געטראָגן געשרייען און טעמפּע קרעכצן, די האַר-מאַטן האָבן געשטויסן און די ביקסן האָבן געטשוקעט. איבער מאָלדאַוואַנקע האָבן זיך געצויגן גרופּעס אוקראַינישע זעלנער. אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט ביקסן און קוילן. מישקע האָט אַרומגעשפּאַנט פאַרטראַכט ביי דער פישעליכע אין שטוב, און אַלע ווילע זענען געקומען שטאַפּעטן און דערציילט:

—די אוקראַינער טרעטן אָפּ!

—די פראַנצויזן אַטאַקירן!

—פון ים קנאַלט מען!

און חברה האָט געקליבן ביקסן און אויף אַ צווייַ קוילנ-וואַרפער פאַרכאַפּט.

מישקע האָט אַלץ אויסגעהערט און גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אַלץ אומגעשפּאַנט אַ שווייגנדיקער און אין האַרץ האָט ביי אים געזאָטן אַ משונה געפיל... ער האָט ווי געזען, אַז עס רערנענטערט זיך דאָס, אויף וועלכן ער וואַרט... ער וועט זיך באַווייזן, און מען וועט זען, אַז מישקע איז נישט בלויז אַ גנב... יאָ... און באַשקע וועט שמייכלען...

„ביזט אַ מענטש, דודקע! ביזט אַ מענטש...“

ער האָט געקנייטשט דעם שטערן מיט ווייטאָק: וואו איז זי איצט, ווען זי וואָלט געוואוסט, וואָס דודקע טראַכט איצט... אמת, זי האָט זיך געמעגט אויף אים פאַרלאָזן...

— — — — — — — — — — — — — —

אין מיטן דער נאַכט איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן,—עס האָט נאָך געבלאָנדזשעט וואו נישט וואו אַן עלנטער שאָס, נאָר שפּעטער איז די נאַכט אינגאַנצן שטום געוואָרן.

אינדערפרי, אַז מען איז אַרויס אויף די גאַסן, האָט מען זיי געטראָפן ליידיקע און פאַרשטומטע, איבער זיי האָט זיך נאָך געטראָגן דער אָפּקלאַנג פון רעש, וואָס האָט זיך פון זיי אַראָפּ-געקוילערט. עס איז געווען עפּעס אַ וואונדער און שרעק, און אַ שטאַרקע נישט פאַרשטענדלעכקייט האָט אַרייַנגעקוקט אין די אויגן.

איבער די גאַסן האָבן געבלאָנקעט איינציקע פאַרביסענע אָפיצירן מיט שליפעס. פאַר די טויערן זענען געשטאַנען רעד-לעך, און די הויפּטפונקטן זענען געווען פאַרנומען פון פראַנ-צויזן.

ביים וואָקזאַל זענען געשטאַנען אין אַ גלייכער שרענגע פינף רויִקע, גלייכע זשוואַון. אין די געל-גרינלעכע שינעלן מיט רויטע פּעסקעס אויף די שפּיציקע קעפּ, האָבן זיי אַראָפּגע-קוקט פון די לאַנגע וואָקזאַל-טרעפּ, ווי פאַרגליווערטע. נעבן

וואָקזאַל איז געשטאַנען אַ ליידיקער וואָגן און דאָס פערד איז געלעגן אין די אויסגעקרומטע האָלאָבליעס, אָנגעשפּאַרט אויפן פּאַרקאַן, און דער קאָפּ פאַרוואָרפן איבערן דראָט פון צוים. דער האַלז איז געווען רויט-שוואַרץ פאַרטרוקנט.

אָן אַ זייט איז געלעגן איינער מיטן פּנים אַראָפּ. געלעגן, ווי צוגעקלעפּט צו דער ערד. איין פוס איז עפּעס געווען צונויפגעדרייט און איינגעדרייט אין שוואַרץ-ווייס-רויטע שמאַטעס— — —

די זשוואָון האָבן געקוקט ידואיק, ווי שטיקער פרעמדקייט

צווייטער טייל

פראנצויזן

קאפּיטל איינס

א רוישיק לעבן האָט זיך אונטער דער ערד אַראָפּגעלאָזט.

ס'האָט זיך געפּילט, ווי דאָרט ווערט עפּעס געשמידט; ווי טויזנטער הענט הייבן אַ שווערן האַמער און זיינע קלעפּ הילכן מיט טויבער קלאָרקייט איבער גאַסן און פּלעצער. פון מאָלדאַוואַנקע האָט זיך אַ געהיימער גערויש געטראָגן און איבערן צענטער געכוואַליעט, ווי שווערע כמאַרעס, וואָס טראָגן אָן אָנזאָג פון שטורעם. איז דער צענטער צעחושט געוואָרן... האָט זיך געשראָקן אין זיך, אויף שווערע צייטן געריכט. —

דערווייל האָט דער פּאָרט נישט גערוט: פרימאָרגן און פאַרנאַכט זענען פרעמדע שיפן געקומען, שטיל אונטערגנבענענדיק זיך, דערנענטערט—געקומען ווי פאַרשטויבטע, מיטברענגנדיק אַ פרעמדן ריח און נאַכטיקן אָנבליק פון ווייטע וואַסערן. זיי האָבן שווייגנדיק, לאָקערנדיק, אַריינגעשלייכט אין פּאָרט—אין די פאַרנאַכטן פון זיך אַרויסגעשפּיגן פרעמדע, ווייטע מענטשן. יעדע שיף האָט אַנדערע, פרעמד־קאָלירטע אַרויסגעשפּיגן: עס זענען געקומען פראַנצויזן אין גרוי־בלוילעכע שינעלן מיט קליינע היטעלעך, וואָס זענען ווי שמאָלע שיפלעך געזעסן וואוילעריש אויף זייערע קעפּ; עס זענען אַרויסגעקומען פון דאָרט זואַוון אין געל־געבליאַקעוועטע שינעלן מיט רויטע פּעסקעס, וואָס האָבן געקוקט מיט חידוש,—עס זענען געקומען אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן ברייטע, קיילעכדיקע, סאַמעטענע היטלען, וואָס זענען געלעגן, ווי שוואַרצע בלעטלעך טייג אויף זייערע קעפּ.—און דערנאָך האָט דער ים פון זיך אַרויסגעשפּיגן אַ טונקל־גרויע מחנה, וואָס האָט זיך אַ שיט געטאָן איבער די גאַסן ווי אַ סטאַדע גרויע שטשורעס—דאָס זענען אָנגעקומען גריכן.

ווי אַ געדיכטער היישעריק, האָבן זיך די גריכן אָנגעטראָגן. לאַכנדיקע, שווייגנדיקע און פרייליכע. נישט געוואוסט האָבן זיי,

נאָך וואָס מען האָט זיי דאָ אַהער געבראַכט, נאָר אויף אַ סך גריכישע קליטן אין שטאָט האָבן זיי געטראָפן הענגען די גריכישער פענער מיט אַ סך בלויע און ווייסע פּאַסן. האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרלירן די פרעמדקייט און זיך צונויפקלויבן אין די פּאַרקן. דאָרט האָבן זיי זיך שוין דערפילט אינגאַנצן היימיש. האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן, שרייען און זיך איבערשרייען, דערביי האָט מען געלאַכט אויף הויכע, הייזעריקע קולות, וואָס האָבן דערמאָנט אָן אינזל און וואַסערן...

און מיט זיי האָבן אָנגעהויבן פלייצן איבער די גאַסן בלויע און מאַט־ווייסע בלעכענע קעסטעלעך מיט פלייש־קאָנסערוון. האָבן די גריכן אָנגעהויבן פאַרטשעפּען יעדן דורכגייער און פאַרגעלייגט צו קויפן די קעסטלעך — זייערע פּאַרציעס. אָדעס איז שוין געווען נישט זאַט, דער יקרות איז שוין געווען גרויס. האָט מען זיך מיט זיי געדונגען, די טונקל־גרויע פּנימער, מיט די לאַכנדיקע כיטרע אויגן פון די גריכן האָבן זיך אָנגעשטרענגט, שטענדיק געבעטן מער, ווי מען האָט זיי פאָרגעלייגט, און אַז מען האָט זיי שוין געגעבן דאָס פאַרלאַנגטע, האָבן זיי ווידער חרטה געהאַט און גענומען נישט מער, ווי יענער האָט באַלד געגעבן. נאָר געשמייכלט האָבן זיי שטיל: „דעם רוס אָפּגענאַרט"...

אין די גאַסן האָט עס געזשומעט פון די גריכן. די פּראַנצויזן האָבן זיך נישט אַזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. אויסגעקומען איז, אַז אָט די גרוי־בלוילעכע פלינקע פּראַנצויזן זענען ערנסט געוואָרן, זענען זיי אַהער געקומען, כדי זיך צו באַטראַכטן וועגן גאָר אַ וויכטיקן ענין — טראַכטן זיי. און דערווייל גייען אַרום די זשואַוון שלייך און שלאַנק, רעדן צווישן זיך און קלאַפּן מיט די גראָבע ליפּן, ווי מיט שטיקלאַך ווייכן לעדער, שטייען אין יידישע קליטלעך, באַוואונדערן, גלאָצן מיט די אויגן, רעדן מיט די פינגער און שמייכלען מיט גרויס הנאה, ווען יענער שטויסט זיך אָן, וואָס זיי מיינען. פון גרויס הנאה רוקט זיך איין זשואַוו אַרויס אַ טריט נענטער צום יוד, און פּויקט מיט אַ שטייענדיקן, האַרטן פינגער אויף אייגענער ברוסט:

—באָל־סעוויק! באָל־סעוויק!...

און אַ צווייטער, צעוויגטביידע הענט, בלייבט שטיין אין אַ פּאָזע, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ ביקס, גרייט צום שטעכן, שפּיצט אויס דערביי משונה די אויגן:

—בורזשוי!—פּיף־פּאַף!...

די יידענע פון קליישל קוקט אויף זיי מיט אַ האַלבן שמייכל, קוקט אויפן ייד מיטן שוואַרצן בערדל, וואָס שמייכלט אויך פון יוצא וועגן, קוקט זי און גיט פּלוצלונג אַ זאָג:

—אַ שוואַרצער חלום צו זייערע קעפּ! נאַ דיר נייע באָל־שעוויקעס!... קוק עס נאָר אָן!

דער זשוּאָוו שיט אַרויס אַ געלעכטער, ווי אַ שטראָם קיי־לעכדיקע ניסלעך, די איבעריקע קאַטשען זיך פון גרויס התפּעלות און מען רעט נישט פאַרשטענדלעכע רייד.

נאָר די רוסישע „פּרייוויליקע" אָפיצירן און די אונטער־אָפיצירן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרביסן און מיט אָנגעצויגענער פאַרעקשנטער גאוה. זיי האָבן כסדר געקוקט מיט שטעכיקע אויגן, זיך געזוכט צו עפּעס צוצוטשעפּען. ווייסט מען נישט פון וואַנען זיי זענען געקומען, נאָר אומעטום האָט מען זיך אָן זיי אָנגעשטויסן. די גאָלדענע עפּילעטן האָבן פון זייערע אַקסלען שטאַרק פערשייט אַראָפּגעקוקט, עפּעס אָן אַ שיעור זענען געווען פּאָלקאָווניקעס און קאַפּיטאַנען, זעלטן אַז מען האָט געטראָפן אַ פּאָרוטשניק אָדער אונטעראָפיציר, אַלע זענען געגאַנגען מיט פאַ־ריסענע קעפּ און ציין אויף ציין אַזוי פאַרדריקט, אַז די קינבאַקן האָבן זיך כסדר באַוועגט ווי פּשענזענעס...

די גריכן האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. ס'איז אויסגעקומען, אַז מען האָט זיי אַהער אַראָפּגעבראַכט אויף רו נאָך די שלאַכטן, וואָס זיי האָבן ערגעץ, אויף ווייטע פראָנטן, איבערגעטראָגן.—

האָבן די טעג געבראַכט דינע פרעסטלעך און לייכטע שנייען און מיט זיי—אַ צופעליק דערוויילטע לעבן, און די נעכט—זענען צוגעפאַלן שטילע, טויבע און שווערע, אין וועלכע ס'האָבן אָפּ־געציטערט געהיימע קלעפּ פון שווערן האַמער, וואָס שמידט אונ־טער ערד אָנקומענדע צייטן. —

די פרעמדע אויערן האָבן די קלעפּ נישט פאַרנומען, די „פּריווילעגיע״ אָבער, האָבן אָפּט געכמורעט די פּנימער און פון שרעק געזוכט אַן אָרט פאַר זייער צאָרן. אין די פאַרשפאַרטע, שווייגנדיקע צימערן פון זייער „ראַזוועדקע״, אונטער שווער־פאַרמאַכטע טירן און געדיכטער פאַרגולמטקייט—האָבן זיי זיך גע־שושקעט. דער פאַראַנצויז, וואָס איז דאָרט געזעסן, האָט כסדר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ער האָט שווער באַגריפן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, עפּעס ווי ער וואָלט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרשטיין... זענען פון דאָרט די אָפיצירן אויפגערעגטע אַרויס, אין די גאַסן זיך געדרייט, יודישע יונגעלייט דעם וועג פאַרשטעלט, אין „ראַזוועדקע״ אָפּגעפירט. זענען נעקומען גרוי־ליקע טומטמדיקע נעכט, האָבן זיך דאָרט אין די קאַלטע צימערן יונגעלייט אין די ווינקלען געטוליעט, און צווישן זיי זענען אַרומגעגאַנגען שכורע אָפיצירן מיט אַראַפּניקעס און רעוואָלווערן אין די הענט—און טויט געשוויגן, האָבן אָן די ווענט זיך אָנ־געשלאָגן און ווי טויטע פייגל צו דער פּאָדלאָגע געפאַלן.

דער אָפיציר האָט אַלץ געררייצט:

—הינטישע צורה! זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! באָלשעוויסטישע „כאריאַ״! וואָס שרייסטו? האַ?

האָט יענער שוין געביסן ביז בלוט די ליפּן, שווער גע־צויגן אַראָפּ דעם קאָפּ, אונטער די קלעפּ, שווער געזיפצט און געציטערט מיט אַלע גלידער.

—אין זיין מאַמעס מאַמען אַריין! זע, ווי דאָס שווייגט! ער לאַכט זיך נאָך אויס! הינטישער זון! זע, זע, ווי גרויס דאָס איז ביי זיך!? כ׳וועל דיר באַלד אויסלערנען רעדן אַ! אַ!

און געזעצט מיטן הענטל פון רעוואָלווער.

האָט מען די געשרייען טויב איבער די גאַסן געהערט, און פון זיי איז עפּעס משונהדיקעס אויסגעוואַקסן. האָט זיך דער משונהדיקער רעוו געטראָגן איבער גאַסן ווי אַן אָנזאָג פון אַ גרויזאַמער פאַרפלייצונג. און אַ צייגקריצעניש האָט זיך געהערט, כאָטש מען האָט נישט געזען, ווער עס טוט דאָס...

האָט מען אַלע קעשענעס אויסגעליידיקט, און דאָס געלט צו די אָפיצירן געטראָגן, האָט מען עס צוגענומען, נאָך אַמאָל

אָפּגעָשלאָגן אַ נאַכט און צומאָרגנס אַרויסגעלאָזט...

און האָט מען דאָס געלט נישט געבראַכט—אָ! „ער בונטע-וועט זיך”—זיין וועג איז אַ קורצער געווען ביז דעם „מאָרג”...

און ווייל דער שטורם האָט זיך געהאַט דערנענטערט, זע-נען די אָפיצירן גאָר אַראָפּ פון זינען. דאַן האָבן זיך די באָל-שעוויקעס העפטיק אַ ריס געטאָן. אַטאַמאַן גריגאָריעוו—פּעטליו-רעס רעכטע האַנט—האָט זיך באַדענקט. און אָט דעם פּויערשן אַטאַמאַן האָט מיט אַמאָל עפּעס אויפגעקאָכט. עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט געטראָגן אין די אָדערן בירושה פון זיינע גאוה-דיקע אוקראַינישע זיידעס, און בלינד דערפילט אין זיך אַ ווילדן כח... האָט ער מיטאַמאָל געוואָגט—צוזאַמענגערופן זיין מיליטער, איז אַרויסגעקומען צו זיי אַ צעכעסטער, אַ שווער סאַפּענדיקער און מיט אַ טונקל ברענענדיק פּנים זיך צו זיי געווענדט:

—קינדער פון אוקראַינע! זין פון דער הייליקער מאַמע-ערד! דער אַטאַמאַן פּעטליורע האָט אייך פאַראַטן און געפעלשט אין אייך! ער איז אַ גייציקער מענטש! ער זוכט כבוד און זי-כערקייט פאַר זיין מאַכט! האָט ער פאַרעטעריש אויסגענוצט אייער צוטרוי און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו אונזערע שונאים!... ער—דער אַוואַנטוריסט—פאַרקויפט אייך צום פראַנצויז! זין פון אוקראַינער ערד! ווייניק פאַר אייך די קנעכטשאַפט, נויט, פּיין און יסורים פון אַזויפיל יאָרן?! ווייניק זענט איר געפּייניקט געוואָרן אונטער דעם עול פון „פּאַנשטשיז-נע” און צאַר, קומט איצט פּעטליורע—דער פאַרעטער פון או-קראַינער אַרבעטער און פּויערים, אייך ווידער פאַר קנעכט צו פראַנצויז פאַרקויפן!

פאַרוואָס שטייט איר דאָ, ווי הינט אויף דער קעלט? פאַרוואָס ליגט איר אויפן פראָסט און וואַלגערט זיך אין שמוץ? ווייל פּעטליורע האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם פראַנצויז, נישט צו פאַרנעמען אָדעס און אָדעסער געגנט! ווייל פּעטליורע האַנדלט אונטער מיט זיי—וויל ביי זיי קויפן פאַר אייער לעבן און גליק שטיצע פאַר זיין הערשאַפט! אָבער איר, איר, די זין פון אוקראַינע, איר, די קעמפער פאַר אַ בעסער לעבן און צו-קונפט, פאַר פרייהייט און גליק, צי וועט איר דערלאָזן, אַז דער

פראַנצויז מיט זיינע בורזשועון זאָלן אייך קויפן ביי פעטליוראַן אָנשטאָט אייזלען און אייך טרייבן מיט זיין בייטש? צי וועט איר דערלאָזן, מען זאָל פון אייך אייער ערד צורויבן?

—נידער!... נידער!... אַ טויט אים!...—האָט זיך די מאַסע צערעוועט.

און מיט וועמען הייסט ער אייך קעמפן? מיט אייגענע ברידער! צו פרעמדע אייך פאַרקויפן און אייגענע דורך אייך באַקעמפן! מען האָט אייך פאַרפירט! מען האָט אייך איינגערעט, אַז די מאָסקוויטשעס ווילן אונז פאַרקנעכטן, נאָר ס'איז דאָך נישט אמת! ווער גייט דען קעגן אונז?—קיינער! ווער רופט צו אונז? שטרעקט אויס אַ פריינטלעכע האַנט צו אונז?—אייגענע ברידער! די אַרבעטער פון אונזער ערד! דידאָזיקע, וואָס ווילן זיך נישט פאַרקויפן פאַר קנעכט צו די פראַנצויזן! זענט איר דען קעגן זיי?

—ניין!.. ניין!...

—צי וועלן מיר דען נישט אויסשטרעקן די הענט צו אונזערע רוסישע ברידער און זאָגן: קומט, קומט צוזאַמען. לאָמיר פאַרטרייבן דעם פרעמדן הונט, ווי מיר האָבן דעם אייגענעם פאַרטריבן! לאָמיר צוזאַמען קעמפן פאַר אייער גליק! זאָל לעבן דער אַרבעטער און פויער פון אוקראַינע!

עס איז געוואָרן אַ ווילד הוראַ-געשריי. די אַרמיי האָט דערשמעקט מרידה און איז געוואָרן אויפגעלייגט, פריילעך, אויגן האָבן זיך געצונדן און פנימער האָבן זיך גערויטלט. אין דעמזעלבן טאָג זענען זיי מיט געזאַנג און מוזיק אַקעגנגעגאַנגען די רויטע אוקראַינער.

האָבן זיך ביידע אַרמייען צונויפגעגאָסן, און ס'איז געוואָרן אַ גרויסע און שטאַרקע דרום-אַרמיי אונטער דער פירונג פון גריגאָריעוון, וואָס איז איצט שוין געווען זיכער אין זיין כח... באַוועגט זיך איצט די כוואַליע שנעלער און פלינקער, און וואו זי גרייכט, פאַרלאָזן די פויערים די מחנות פון פעטליורען און גיסן זיך אַריין אין דעם רויטן שטראָם אַריין.

ציטערט אויף אַלע ווייַלע דער צענטער פון שטאָט און מאָלדאוואַנקע אָטעמט צעטומלט און מיט ערוואַרטונג.

און די שטאָט איז אָפּגעשניטן פון אַלע זייטן, די פּראָווינץ-גריכן און פּריוווילִיקע האַלטן דעם פראָנט הינטער דער שטאָט. און פון שטאָט לויפן אויטאָמאָבילן, שניידן שאַרף די גאַסן און פירן גאַנצע פּעק אויפן פראָנט אַרויס, קומען זיי צוריק פאַרשטויבטע, מיט צעשראָקנקייט: די פּעטליורעוצעס, וואָס שטייען קעגן פראָנט פון די פּראַנצוזין און „פּריוווילִיקע״—זענען עפּעס שטאַרק צעטומלט. און מיט אַמאָל האָט דער שווערער האַמער אַ שטאַרקן זעץ געטאָן, אַז די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעציטערט:

„קיעוו איז געפאַלן! זיבן טעג און זעקס נעכט האָבן האַרמאַטן געשפּיגן מיט סנאַריאַדן איבער קיעוו. די גאַסן האָבן געברענט, די דעכער געפלויגן. איצט זענען די באָלשעוויקעס אין קיעוו און די רויטע אַרמיי גייט אויף אָדעס...״

איז אַ מהומה געוואָרן. די גריכן זענען אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעהויבן קוקן מיט גרויסע, פינצטערע, צעשראָקענע אויגן. האָבן זיי אין זייערע ברודיקע, טונקל-גרויע שינעלן מאַרשירט פון דער שטאָט אַרויס אָן געזאַנג און מוזיק, זיי האָבן געשפּאַנט און די אויגן האָבן זיך געוואונדערט:

—וואָס זשע?... ווידער שלאַכטן?...

מאָלדאַוואַנקע האָט אויפגעאָטעמט. די קלעפּ האָבן זיך שוין שטאַרק געהערט—און מיט אַמאָל, אַזוי אומערוואַרטעט, איז אויסגעוועבט געוואָרן די מורא פאַר אָט די פראַנצויזן, וואָס גייען אַרום שטיל און פאַרטראַכט... דאַכט זיך: זיי שמייכלען גאָר ליבלעך צו יידן...

* * *

די „אונטערערדישע״ אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אויף דער פראַקטיקער קאַלטער לופט—און באַשקע איז דאַן געווען שטאַרק פאַרנומען: ערגעץ האָבן מאַשינען געדרוקט און מענטשן האָבן שטיל די אָפּגעדרוקטע בלעטלעך און פּראָקלאַמאַציעס צוגענומען, אַוועק מיט זיי און אַנדערע זענען שמייכלענדיק ווידער געקומען... איבער די גאַסן זענען מענטשן

געלאָפן שווייגנדיק. אין די פאַרנאַכטן זענען איצט די גאַסן גע-
לעגן ליידיק און פאַרלאָזט, ווער עס האָט אויף דער ליידיקער
גאַס פאַרבלאָנדזשעט, האָט זיך בלייך אַרומגעקוקט, געטרעטן גיך
נאָר שטיל און אַז ער האָט אַ „פּאַגאָניק" באַמערקט פון ווייטן,
האָט זיין האַרץ אויפגעהערט שלאָגן אויף אַ ווײַלע און דערנאָך
שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן, אַז יעדער קלאַפּ האָט אין קאָפּ אָפּ-
געהילכט. און אָפּט—האָט ער דעם „פּאַגאָניק" נישט אויסגעמיטן
און שפּעטער אַריינגעפאַלן צו זיך אין שטוב נישט טויט, נישט
לעבעדיק, נאָר אָן דעם זייגער און פאַלטאָ...

איז באַשקע געווען פאַרנומען, אָבער ווען זי איז אַ ווײַ-
לע פריי געווען—האָט זי געדענקט אָן מישקען. ס'איז געווען
אַזוי, ווי זי וואָלט זיך נאָך אַלע אַרבעטן דערמאָנט אָן וויכ-
טיקסטן—ווי אַ שטייגער דער, וואָס לייענט נאָך אַלע אַרבעטן
דעם בריוו פון זיין געליבטער...

זי האָט געטראַכט פון דעם און אַליין נישט פאַרשטאַנען,
פאַרוואָס אין איר האַרצן באַזעצט זיך אַ טרויער, און אין טרויער
האָט שטיל געלעבט אַ וואַרעמער סוד און כסדר געדענקט, אַז
זי דאַרף אים זען...

איז עס געווען אַ שטילער פּראָסטיקער פאַרנאַכט—די גאַסן
זענען געלעגן טרוקן און פאַרגליווערט, ווי מיט שטאַרק אויפ-
געריסענע פאַרגאַפטע אויגן. אַ כמורנער הימל איז געהאָנגען
ברומענדיק און נידעריק. מאָלדאַוואַנקע איז געשטאַנען צוזאַמענ-
געפּרעסט, אויף אַ סך פענצטער זענען געלעגן די לאָדנס ווי
לאַטעס אויף אויגן. אויף די גאַסן האָבן זיך געוויזן איינציקע
מענטשן. ס'רוב האָבן זיי זיך געהילט אין די פאַלטאָס און גע-
צויגן די קעפּ צווישן די אַקסלען. און באַשקע האָט געשפּאַנט
מיט שנעלע טריט, זי האָט זיך געאיילט אַהיים צו קומען איי-
דער עס ווערט שטאַרק נאַכט—זי האָט מיט זיך געטראָגן עפּעס
אַ שלעכטקייט אין האַרצן. אַ פאַרגליווערטער אומעט האָט דאָרט
געדריקט. אַזאַ אומעט, וואָס לויטערט אויס דעם קאָפּ דורך
ווייטאָק פון האַרץ, און מען פילט רואיק אַ בלינדע שרעק און
עס דערמאָנט אָן פאַרגאַנגענע צייטן.

און פון די פאַרגאַנגענע צייטן קוקט אַרויס מישקע. זיין

פּנים איז באַלויכטן מיט רויטער פאַרגייענדיקער זון, ס׳איז ווי אָפּגעגאָסן מיט רויטן ווײַן. אָך, ווי שטאַרק ער איז!—זי האָט דערפון אַ ציטער געטאָן, אָבער נישט דערפאַר וויל זי אים זען... זי דאַרף אים זען צוליב אַ וויכטיקן ענין. צוליב דער גרויסער משפּחה, וועמענס קינדער זיי זענען ביידע. און זי האָט אַראָפּ-געלאָזט די אויגנדעקלעך—ס׳איז דאָך נישט אײַנגאַנצן אַזוי—זי געדענקט דאָך נישט דעם מישקען, נאָר יענעם דודקען... יענעם פאַרשכורטן ייִנגל, וואָס האָט דאַן ווי אַ פלאַם שטיל געברענט—ווי דאָס גאַנצע בלוט אין אים וואָלט געזונגען אין פאַרנאַכט אַרײַן... גיט זי אויף איין ווײַלע אַ פאַרמאַך די אויגן און שטעלט זיך אָפּ.—ווידער איז יענע מינוט געקומען... ווי הייס זײַנע ליפּן ציטערן...

און ווי עס וואָלט אַ וואונדער ערשײַנט פאַר אירע אויגן: זי האָט אים דערזען. ער איז געשטאַנען בײַם אײַנגאַנג פון טעאַט״ר „קאָמעטאַ״, וואָס זיצט אײַנגעוואַקסן אין עק גאַס—אין אָנהייב אוספּענסקאַ.

ער איז געשטאַנען אין שוואַרצן פּאַלטאָ און אין שוואַרצן האַרטן הוט, איז געשטאַנען, ווי פאַרגליווערט, און מיט אַ בלייך פּנים געקוקט, ווי ער וואָלט דאָס דאָ געוואַרט אויף איר. שוין אַ לאַנגע צײַט, אַז ער שטייט דאָ און וואַרט.

זי האָט דערפילט, ווי איין ווײַלע האָט זיך איר דער קאָפּ פאַרנעפּלט און אַ וואַרעמער שטראָם האָט דאָס האַרץ אַ טוליע געטאָן. דערבײַ זענען אירע אויגן עפּעס גרעסער און העלער געוואָרן. האָט זי זיך געלאָזט מיט שנעלע טריט און ער האָט מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, זיך אָפּגעריסן פון זײַן אָרט און מיט געמאָסטענע, זיכערע טריט, איר אַקעגנגע-גאַנגען און זײַן פּנים-בלייכקייט האָט אָנגעהויבן שײַנען.

—באַשעי.. באַשע...

אַזוי האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט פרומע אויגן, איצט זע-נען זיי אינגאַנצן גרין און געבלישטשעט. האָט מיט אַזאַ נאָ-ענטקייט און וואַרעמקייט געדריקט איר האַנט, זיך נישט אָפּגע-שטעלט און געגאַנגען מיט איר ווײַטער, האַלטנדיק אַ לענגערע ווײַלע איר האַנט אין זײַנער.

זי האָט עפּעס שטיל אַ שמייכל געטאָן דורך דער נאָז און אירע אויגן זענען עפּעס לאַכנדיק געוואָרן. זי האָט עפּעס גע-וואָלט זאָגן, נאָר מאָדנע—איר איז אויסגעקומען, אַז זי האָט פאַרגעסן, וואָס אַזוינס...

—וואָס זשע הערט זיך, באַשע?.. שוין אַ צייט זיך נישט געזען, באַשע, האַ?

דאָס וואָרט באַשע האָט ער אַרויסגעזאָגט עפּעס מיט פרומקייט און אַנטציקונג. זי האָט געגעבן אַ הויב אויף אים די אויגן און פון זיי האָט אַ דאַנקבאַרער שמייכל געשיינט, דערפון איז זיין פּנים אַזוי רואיק געוואָרן...

—מען גרייט זיך...—האָט באַשע געענטפערט.—אַרבעט איז דאָ אַ סך... די רויטע דערנענטערן זיך...

און געפילט, ווי זי האָט געזאָגט נישט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט.

—באַשע... איך זוך דיך שוין אַזוי לאַנג.

זי האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ פראַגע.

—ניין... כ׳מיין... כ׳וויל זיך דאָס האַרץ אויסריידן... שווער, באַשע...

און דערויף האָט זי געזאָגט:

—טאָ קום אַרויף צו מיר.

האָט ער זי גענומען אונטערן אָרעם און עפּעס אַזוי, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָן איר אָרעם אָנהאַלטן... זי האָט גע-פילט די געוואַלדיקע באַענטקייט און האָט געזאָגט:

—און אַרומגיין שפּעט אין אָוונט, האָסטו קיין מורא נישט?

—מורא?.. פאַר וועמען?—ער האָט בלייך אַ שמייכל גע-טאָן, דערנאָך געוואָרן ערנסט און אַ ביסל אָנגעבלאָזן,—איך גיי דאָך נישט אַליין... מען היט מיך...—און האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט די אויגן.

איצט זענען ביידע שטיל געגאַנגען, די גאַסן זענען שוין איצט געלעגן איינגאַנצן ליידיק, ערגעץ האָט שוין אויפגעבליצט אַן עלעקטרישע לאָמפּ, ווי דאָס פייערל וואָלט געגעבן אַ קוועל ארויס, און באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן זיך געצויגן אין איין שורה און די טראַמוואַי-

דראָטן האָבן פּראָסטיק געגלאַנצט.

אַ טראַמוויי איז אָנגעלאָפן. אין אים זענען געזעסן נאָר עטלעכע אָפיצירן—האָט ער זיך ווי אַ ליידיקער באַלויכטענער קאַסטן געגליטשט איבער דער קאַלטער גאַס.

ווי איך האָב זיי פיינט, די דאָזיקע „זאָלאָטאָפּאַגאָניקעס"!— האָט באַשקע געזאָגט און דערביי אַ טראַכט געטאָן וועגן יאַנען, וואָס איז נאָך מיט צוויי טעג צוריק געקומען אומלעגאַל, עפּעס האָבן אָט די אָפיצירן איר דערמאָנט אָן דעם, און מיט שרעק האָט זי איצט געדענקט, אַז היינט ביינאַכט דאַרף מען זיך צו- זאַמענטרעפן.

—זיי טוען אָן צרות? האַ?—האָט מישקע געפרעגט.

—אַלע צרות האָבן מיר נאָר פון זיי! זיי זענען דאָך ווילדע חיות!..

—באַשעו!.. הער אויס! קוק נישט אויף מיר, ווי אויף אַ גנב... כ׳בעט דיר... איך וויל העלפן דער באַוועגונג... וואָרום... זיי זענען שוין געווען נאָענט צום טויער.

—וואַרט-צו... מיר וועלן ריידן אין שטוב...

* *

ער איז געזעסן פאַר אַ הייליקייט. ער האָט געקוקט מיט פרומע אויגן און ווי ער וואָלט זיך יעדן קוק נישט פאַרגינען. ער האָט זיך געפילט אַזוי געפאַלן און אַזוי גליקלעך, און גע- זען, ווי זי טוט אויס דעם מאַנטל, בלייבט אין ברוינעם קלייד, וואָס איז פאַרקנעפּלט ביזן האַלז, האָט איינגעזאַפּט אין זיך יעדן ריר אירן. און באַשקע האָט מיט ליכטיקע אויגן געקוקט אין שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל אויף אַ טישל. האָט מיטן קעמל אַ פּאָר מאָל דורכגעפירט די געשוירענע האָר און איר פּנים איז עפּעס פריש, ווינטיק געווען, דערנאָך זיך אויס- געדרייט צו אים, ווי אירע אויגן וואָלטן געקאָנט הערן.

—איז וואָס זשע האָסטו געוואָלט זאָגן?

ער האָט געשוויגן צעטומלט.

—פאַר מיר ביזטו נישט קיין גנב, פאַר מיר ביזטו דודקע,

דער אַמאָליקער דודקע פון אָרגאַניזאַציע, און—דו קאָגסט נאָך דער רעוואָלוציע גרויסע נוצן ברענגען... דו האָסט דאָך אין דיין רשות דעם לומפּן-פּראָלעטאַריאַט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט היימיש, אויפגעלייגט און מישקע איז עפּעס דערפון פרייער געוואָרן.

—באַשע... מיר איז פּאַסקודנע אויפן האַרצן... פאַר-שטייסט... מען האָט דאָך פאַר מיר מורא... איך בין דאָך אַ שטאַרקער... נאָר אַז איך הייב אָן צו טראַכטן, ווער איך שוואַך, ווי אַ קינד... מענטשן קוקן אויף מיר ווי אויף אַ גנב. מען מיינט, אַז איך ראַבעווע נאָר פאַר זיך... ס'איז נישט אמת... איך האָב פיינט די בורזשויען... זיי זענען שולדיק אין אַלע צרות... אפילו אין דעם, וואָס איך בין איצט מישקע יאַפּאָנ-טשיק... אויף מאָלדאַוואַנקע איז מען איצט אָפּגעריסן... הונגע-ריק... קראַנק... און זיי—באָדן זיך אין ווייַנען... איז וואָס זשעז.. איך טראָג דאָך אַ סך אַוועק אויף מאָלדאַוואַנקע...

ער האָט געררעט אָפּגעהאַקט, פאַרשעמט, און געקוקט מיט בעטנדיקע אויגן.

האָט באַשקע עפּעס אַ וואַרעמען ווייטאָק געפילט:

—אומזיסט... אומזיסט ביזטו אַזוי צעטומלט. פאַרשטייסט, דודקע, דער פּראָלעטאַריאַט איז מוחל... און עס געוועגט זיך, צוליב וואָס מען ראַבעוועט. ראַבעווען אַליין איז נאָך נישט איב-גאַנצן. אויב דאָס ווערט געטאָן כּאַר אַן אידעאַל, פאַר אַ קלאַס, איז עפּעס אַנדערש. אָט האָבן דאָך אָרגאַניזאַציעס געמאַכט עקס-פּראָפּריאַציעס אויך... געדענקסט דאָך...

אים איז גרינגער געוואָרן:

—ווײַסט זען, באַשע... איך וועל נאָך צוריק ווערן דוד-קע. איך וועל נוצן ברענגען...

באַשקע האָט זיך פאַרטראַכט.

—יאָ, דו ווייסט, די אָפיצירן האָבן אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע. זיי האָבן אפילו אַרויסגעלאָזט שוואַרצמאאהדיקע אויפ-רופן. איז מעגלעך, אַז איידער מיר וועלן זיי פטור ווערן, וועלן מיר נאָך דאַרפן איבערקומען אַ פּאָגראָם אויך. און דאָס איז שרעקלעך...

—אַ פּאָגראָם?—איז מישקע אויפגעשפּרונגען — זיין פּנים איז געוואָרן ווילד און די אויגן האָבן מיט פונקען געשפּריצט—ס׳וועט קיין פּאָגראָם נישט זיין!... הערסט! ס׳וועט נישט זיין! צו קורצע הענט האָבן זיי!.. עהע! נישטאָ מער אַזעלכע יאָלדן, וואָס זאָלן זיך פאַר זיי דערשרעקן און קריכן, ווי די מייז אין די קעלערס! מיר וועלן נישט לאָזן!

—פאַרוואָס נישט, מען האָט דאָ צו טאָן מיט אָרגאַניזירט מיליטער!?

—און זיי טרעפן אויף אָרגאַניזירטע! ווייסט, וויפיל מיר זענען?—טויזנטער! געוועהר—וויפיל מען וויל האָבן מיר! אַלע, ווי איינער, וועלן מיר אין גאַס אַרויס. זיי האָבן צו קורצע הענט! וועלן מיר זיך פאַרמעסטן... וועלן מיר זען, ווער שטאַרקער איז! עס קאָן פאָרקומען אַ שלאַכט—אָבער אַ פּאָגראָם?—כל זמן איך לעב—נישט!

באַשקע האָט מיט אַנטציקונג געקוקט אויף דעם ווילדן אַנטשלאָסנקייט, וואָס שפּריצט פון זיין פּנים, האָט זי מיט אַ שמייכל איבערגעפירט איר האַנט איבער זיין קאָפּ.

—בראַוואָ! ביזט אַ מענטש דודקע, ביזט אַ מענטש!

ער האָט זיך צוריקגעזעצט. זיין פּנים איז צוריק רואיק און ווייך געוואָרן.

דאַן האָט ער דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן צוגענומען געווער ביי די דייטשן און ביי די פּעטלורעוועס. האָט גענוי דערציילט פון דעם כלומרשטן אָנפאַל, וואָס זיי האָבן אויף די דייטשן געמאַכט, און ווי אַזוי ער האָט געהיט די שטאָט און פאַרוואונדעט דעם אָפיציר, וואָס האָט אים „זשידאָווסקאַ מאָרדאַ״ אָנגערופן, און מיטאַמאָל איז זיין שטים געוואָרן עפּעס שטילער און טרויריקער.

—כ׳וויל נישט לייקענען: זינט איך האָב דיך דערזען, איז מיט מיר עפּעס געשען... עפּעס איז אין מיר צוריק אויפגעשטאַנען, דאָס, וואָס איך האָב שוין אַ ביסל געהאַט פאַרגעסן. פאַרשטייסט: אין מיר, האָט עפּעס אָנגעהויבן מיר אַליין שטראָפן... ס׳איז מיר דערעסן געוואָרן דאָס הינטישע לעבן... אַ מענטש מוז דאָך זיין אַ שטיקל מענטש... ער מוז דאָך עפּעס וועלן... איך

בין עפּעס נישט הפקר... עפּעס אַזוינס האָט מיט מיר צו שאַפן, איך ווייס נישט, ווי דאָס צו זאָגן... עפּעס בין איך נישט אַליין...

באַשקע האָט ווידער דערפילט אַזאַ טרויער, ווי דאַן, ווען זי האָט פון אים געטראַכט, נישט זעענדיק אים, האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

—פאַרשטייסט... דו האָסט מיך צוריק אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע... איצט וויל איך עפּעס... איצט איז עפּעס אַנדערש... איך טו פאַר אַ ציל...

ער איז מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען:

—בעט איך דיך, באַשע... קער זיך נישט אָפּ פון מיר... דו באַפעל—און איך וועל אַלץ פאָלגן... און איך וועל נוצן ברענגען, באַשע...

ער האָט עס געזאָגט אַזוי קינדעריש און בעטנדיק און מיט אַזאַ האַרציקע שטילקייט, אַז באַשעס אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט, ווי טוי וואָלט זיי באַנעצט. איז זי אויך אויפגעשטאַנען, אַ ווײַלע געקוקט אין זײַנע פאַרנאַכטיקע אויגן און אויסגעצויגן צו אים איר האַנט:

—גוט. איך וועל אַזוי טון...

—טײַערע...—האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט, צוגעטראָגן איר האַנט צו די ליפּן, דערבײַ פאַרמאַכט די אויגן און אַ ציטער געטון— — —מער וויל איך גאָרנישט... באַשע...

דאָ האָט זיך באַשקע געכאַפּט:

—אוי! איך דאַרף דאָך נאָך גיין אויף אַ זיצונג?!..

—אַ זיצונג?

—יאָ... מ׳איז געקומען צופאָרן... פאַרשטייסט. דו מיינסט מיר שלאָפן? דאָ ווערט געפירט גאָר אַ ברייטע אַגיטאַציע צווישן די פּראַנצויזן... מיר גיבן אַרויס ליטעראַטור פאַר זיי, אויפרופן, און דער עיקר—מען דאַרף זען דאָ זאָל נישט זיין רויִק... מען דאַרף זיי דעזאָרגאַניזירן...

זי האָט געכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל, מישקע האָט איר געהאָלפן, און אָנטועענדיק זיך, האָט זי ווייטער גערעט.

—און די אָנפאַלן ברענגען אויך נוצן... אַלע זענען דערשראָקן... די אָפיצירן מאַכן אויך אָנפאַלן... ווערט אַ צעטומלעניש

ניש... און דאָרט וואו עס איז נישט רואיק, ווערט די מאַכט קאָמפּראָמעטירט...

זי האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן לאַכן, זיך אויסגעדרייט און געזען, ווי מישקע שטייט פאַרטראַכט, אַזוי ווי אים וואָלט עפּעס אַ גרויסע זאַך פּלוצלונג איינגעפאַלן.

—וואָס טראַכסטו אַזוי?

—גאָרנישט...—און האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

—און פון די אָפיצירן האָבן מיר דערווייל גרויסע צרות... וואָס שפּעטער, איז שפּעטער, דערווייל קערן זיי וועלטן. אַ סך אַרבעטער זיצן... מען פייניקט זיי שרעקלעך... די נעגל רייסט מען זיי... די „טוער" האָט מען אויסגעקויפט... די הינט ווילן נאָר געלט... ווי זשע נעמט מען אַזוי פיל געלט אַלע אויסצו-קויפן?... פייניקן זיי... אוי פייניקן זיי...

מישקע האָט זיך שטאַרק איינגעהערט. אים איז אויסגעקו-מען, אַז ער האָט זיך איצט דערוואוסט אַזעלכעס, וואָס ער האָט נויטיק געדאַרפט וויסן...

—איך וועל דיך באַגלייטן.

—גוט.

זיי זענען אַראָפּ פון די טרעפּ און האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער פּושקינסקע.

ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין אָוונט. די גאַסן זענען איצט געווען הויל, פון ערגעץ ווייט נאָר, האָט זיך געטראָגן דאָס הייזעריקע רעווען פון אַן אויטאָ, וואָס האָט מיט פלאַמי-קע אויגן זיך געשניטן פון דער טיפעניש אין גאַס.

—און ווי אַזוי וועסטו אַליין אַהיים גיין?

—אַ? איך וועל שוין דאָרט בלייבן נעכטיקן... דאָס איז ביי אַ חברטע.

מיט אַמאָל האָט זיך באַשקע אָפּגעשטעלט.

—וואָס איז דאָס?

מישקע האָט געוואָרפן אַ שאַרפן בליק:

—אַ „גרוזעוויק" שטייט דאָרט... ווייזט אויס אַן „אָביסק" אין דעם הויף.

באַשקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטילן זיפץ און זיך אָנגע־כאַפּט אָן מישקעס האַנט:

—ס'איז שלעכט... זייער שלעכט...

ער האָט געשוויגן. האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ זיצונג דאָרט האָט געזאָלט זיין, האָט ער גענומען באַשקען אונ־טערן אָרעם:

—שרעק זיך נישט... קום צוריק...

—אָבער... אָבער...—זי האָט אָנגעהויבן ציטערן און ווי־טער נישט געקאָנט רעדן, האָט זיך נאָר אַ שאָקל געטאָן פון די פיס.—יאַן... ער איז איצט מיט צוויי טעג צוריק געקומען... ער איז דאָרט... ער איז פאַרלוירן... זיי וועלן אים גלייך דער־שיסן...

און זי האָט אַ שטאַרקן שוידער געטאָן.

—יאַן? ווער איז יאַן? האַ?

—יאַן... ער איז... ער איז דער גרעסטער טוער אין אָר־גאַניזאַציע... מען האָט אים אַראָפּגעשיקט... און ער איז מיינס אַ נאָענטער...

מישקע האָט אָנגעצויגן די ברעמען, ווי ער וואָלט גע־טראַכט אַן עצה.

—זיי וועלן אים דערהרגענען... אוי... די לעצטע צייטן שיסן זיי אַלע נאַכט... פירן צום בית-עולם, און שיסן...

—קום... גיי נאָר דו אַהיים, איך וועל שוין זען... שנע־לער... אַ שאָד צייט...

זיי האָבן זיך געלאָזט מיט שנעלע טריט. מישקע האָט זי נישט געלאָזט גיין צוריק, נאָר פאָרויס... זענען זיי געגאַנגען ווי מענטשן, וואָס איילן זיך צוליב קעלט און נאַכט. ווען זיי זענען פאַרביי דאָס אָרט, וואו אויף דער צווייטער זייט גאַס איז געשטאַנען דער „גרוזעווניק", האָט ער באַמערקט, ווי אין טויער שטייען צוויי אָפיצירן און רעדן זייער היימיש מיטן „דוואָרניק", וואָס האַלט זיך וואוילעריש, רעט עפּעס מיט אַ באַרימערישער שטים און העזות און דאָס קול ציטערט אים דאָן...

—דאָס איז זיין אַרבעט... קום גיכער...

—איצט זענען זיי געגאַנגען גאָר פלינק...

קאַפּיטל צוויי

לאַן איז געקומען צו דער באַשטימטער צייט. ער איז אַריינגעקומען מיט גלייכגילטיקער פאַרביסנקייט און פאַרנומענקייט, ווי עס קומט אַ דאָקטאָר אויף אַ וויזיט צו אַ חולה. די טיר געעפנט האָט אים רחקע, אָט דאָס שוואַרצע מיידל, וואָס האָט נישט געהאַט אויפן פּנים קיין צייכן פון יאָרן און פון ווייבלעכקייט. זי האָט אים באַגעגנט מיט אַ פאַרלעגענעם גאוהדיקן שמייכל פון אַ ייִנגל, וואָס חברט זיך מיט גרויסע און ווייסט פון אַלע סודות. ער האָט אַלץ אַזוי שווייגנדיק אויסגעטאָן זיין שינעל מיט די עפּילעטן—בלייבנדיק אין אַ „גימנאַסטאָרקע”—איז אויפגעהאָנגען אין קאָרידאָר, מיט צוויי פינגער איבערגעפירט איבער דעם קורצן בלאָנדן בערדל און שטיל געזאָגט:

—ווען מיר אַריינגיין.

—ביטע.—האָט רחקע אויסגעשריגן מיט אַ קול, וואָס וואונדערט זיך—און ווידער געשמייכלט פון דער ערנסטקייט און פון בלאָנדן בערדל.

די שטוב איז געווען עטוואָס אָפּגעלאָזן, נאָר האָט אין זיך געהאַלטן אַ רייך אויסזען: אויף די פענסטער זענען נאָך געהאָנגען שווערע גאַרדינען, געהאָנגען גלייך־אויסגעצויגענע, ווי דער שטויב וואָלט זיי אַראָפּגעשווערט. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ ראָיאַל, געשטאַנען לייכט מיט דינע שפּיץ פיסלאַך אויף געלע רעדעלעך, און די קאַנאַפּע האָט שווער גערוט ביים וואַנט, מיט אַ צוטעפּעטער איבערצוג, וואָס האָט מיט רויטע לאַנגע פעדעם זיך געטוליעט צו אַ גרויער אונטער־איבערצוג. אין צווייטן ווינקל, נעבן פענסטער—איז געשטאַנען אַ שוואַרצער טרומאָ און דער שפּיגל האָט געקוקט, מאַט־פאַרגליווערנדיק אין זיך דעם אָפּשיין פון שווערן גאַרדין.—

פאָליע, וואָס איז געזעסן אַריינגערוקט אין ווינקל פון קאַנאַפּע מיט די פיס הינטער־זיך, ווי אַ געשרומפּענע קאַץ, האָט,

דערזעענדיק יאַנען, אַראָפּגעוואָרפן די פּיסלעך, אַוועקגעלייגט דאָס בוך פון די הענט, זיך אויפגעזעצט און דער מאַנטל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אירע שמאָלע אַקסלען, האָט אַ ווײַלע נאָך געהאַלטן אָנגעשפּאַרט דעם רעכטן עלנבויגן אויפן קאָלירטן קי־שעלע, און באַלד זיך געכאַפּט: זי האָט פלינק געגעבן אַ פּאַר־דריי די בלאָנדע האָר אירע אין אַ קאַקס, איר העל פּנים איז דערביי געוואָרן שמעלער און קינדערישער און זי האָט געזאָגט:

—אָט איז יאַן.

ער האָט אַלץ נישט געשמייכלט:

—און וואו זענען די איבעריקע?

—זיי טרינקען דאָרט טיי... קומט אַרײַן.

איז זי אויפגעשטאַנען, זיך אַ צי געטאָן מיט דעם שמאָלן גוף—אים דערלאַנגט די האַנט, און, גייענדיק, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע פאַרן שפּיגל.

—נו סוין, סוין...—האָט רחקע אַרויסגעברומט מיט אַ סין.

אין עס־שטוב, זענען געזעסן צוויי פרויען, איינע פון זיי איז געווען שוין אַן עלטערע און געטראָגן אַלטמאָדישע קליי־דער. זי האָט געהאַט אַ פּנים עפּעס אַ בייזענדיקס, נישט פאַר־זאָרגט און נישט פרייליך, גלאַט אַזוי אַ פּנים, זי האָט איצט געטראָגן אַ שוואַרץ קלייד, וואָס האָט שטאַרק אײַנגעצויגן איר טאַליע און געלעגן אַרום שטול אין אַ סך ברייטע פאַלדן, אירע באַקן זענען געווען אָפּגעצערט און ריין, נאָר מיט קנייטשן און פאַרגליווערונג. זי האָט געקוקט קורצזיכטיק, צענויפציענדיק די אויגן־שניטן, האָט זי אויסגעזען ווי אַזעלכע, וואָס גיט שטענדיק אַכטונג אויף קינדער און האָט קיינמאָל קיין אייגן קינד נישט געהאַט. דערזעענדיק דעם אַרײַנגעקומענעם, האָט זי אויפגעהויבן די לאָרנעטע און אַ ווײַלע אים בעטראַכט. די צווייטע, נאָך אַ אַ יונגע ברונעטקע מיט פאַרשנורעוועטע ליפּן און שוואַרצע גע־שוירענע האָר—און נעבן טיש איז געשטאַנען איינער אַ פאַרשוין, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אויפגעשטעלט. דאָס איז געווען אַ ני־דעריקער ברייטפּלייציקער מאַנספּערשוין מיט אַ דאַר פּנים, שמאָ־לע שוואַרצע אויגעלעך, אין אַ שוואַרצער וויזיטקע מיט אַ גומע־נעם קאָלנער—ער האָט זיך פלינק בעגריסט מיט יאַנען און גערעדט

גיך אין איין אָטעם אויף אַ שלעכטן רוסיש, וואָס ער האָט אי־בערגעפּלאָכטן מיט קורצע פראַנצויזישע צעצויגענע ווערטער.

—מיר וואַרטן שוין אויף אייך, מוסיע... אָט איז די „טאָכ־טער פון פּאַריז"... מיר ביידע וועלן עס מאַכן שנעל, איינס און צוויי, מוסיע...

יאַן האָט זיך באַגריסט מיט דער פראַנצויזין און האָט זיך, ערנסט פּאַרטוען, געזעצט ביים טיש, דער נידעריקער פּאַרשוין האָט זיך אויך געזעצט, צוגערוקט זיין בענקל און גערעדט כסדר אין איין אָטעם:

—אָט וועלן מיר עס געבן אַ מאַך... איינס און צוויי... —

איז אַריינגעקומען די אַלטע מוטער פּאָליעס—אַ יודענע, וואָס האָט געטראָגן אַ הויכע גרויע פּריזורע און די אונטערשטע ליפּ מיט דער גאָמבע האָבן איר געציטערט. דאָס פּנים איז איר גע־ווען ריין, נאָר מיט רויטענקע פּינטעלעך, ווי געריינצלט פון קעלט. זי האָט געטרעטן לייכט און ווייך, ווי זי וואָלט געגאַנגען מיט קאָרטענע פּאָדעשוועס, און געשמורעט מיט די אויגן, ווי זי וואָלט דורך זיי געהערט—פון שטאַרק טויבקייט האָט זי געהאַלטן אַביסל אָפן דאָס מויל:

—פּאָליע? פּאָליע!

דאָס בלייכע מיידל איז אויפגעשפּרונגען, צוגעגאַנגען צו איר שטאַרק נאָענט.

—וואָס איז, מאַמע? —

די ווערטער האָט זי אויסגעשריגן אויף רוסיש.

—זאָל איך הייסן אַריינגעבן טיי?

—יאָ... יאָ... האָט דאָס מיידל געשריגן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף יאָ.

און ווידער איז אַריינגעקומען אַ דאַרער הויכער פּאַרשוין, רחקע האָט אים אַריינגעפירט. ער האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק—האָט געהאַט צוויי שמאָלע וואָנסעלעך אויף די טונקעלע ליפּן און די וואָנסעלעך זענען געלעגן, ווי גלייכע פּאַטעקלעך, די אויגן האָבן אָפּגעגלאַנצט מיט רויטלעכע געלב־קייט. ער האָט זיך באַגריסט און אַרויסגעזאָגט אַ גריכיש וואָרט, וואָס אַלע האָבן נישט פאַרשטאַנען און האָבן אויסגעשטעלט די

אויגן, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און זיין קורצער האַלז איז עפּעס נאָך קורצער געוואָרן, און פאַרטייטשט:

—פּוסט אין דרויסן...

דאָס האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ געבראָכענעם רוסיש.

די אַלטע איז געשטאַנען און געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, געוואָלט מיט זיי הערן און פאַרשטיין, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענטשן, וואָס פאַליע האָט אַהער „פאַרלאָנטשעט", און צי קען בכלל עפּעס אַרויסקומען פון דעם... האָט זי זיך אָנגע־טראָפן מיט יאַנס בלויע גלאַנציק־רואיקע אויגן, האָט זי קוים אַ שמייכל געטאָן, דעם קאָפּ נאָך העכער און אַריסטאָקראַטישער אויפגעהויבן, זיך אויסגעדרייט און שאַרנדיק מיט דראָבנע, וויי־כע טריט, זיך געלאָזט צו דער קוך טיר—

דער גריך האָט אויסגעטאָן דאָס היטל, זיינע האָר זענען עפּעס געלעגן פעט און גלאַנציק ווי צונויפגעוואַקסענע—האָט ער זיך געזעצט מיטן צוקנעפּלטן שוואַרצן פּאַלטאָ.

יאַן האָט גערעדט שטיל, געלאַסן און ערנסט. און אַזוי, אַז קיינעם האָט נישט געקענט איינפאַלן, אַז דאָס, וואָס ער זאָגט, איז נישט אַזוי שטאַרק זיכער. אַלע האָבן געגלויבט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט, איז ער בכח אויסצופירן.

—אונזער אַרמיי דערנענטערט זיך, ווען איך בין אַהער אָפּגעפאָרן, איז אונזער אַרמיי שוין געשטאַנען ביי קיעוו און אָנ־געהויבן די באמבאַרדיראָוועקע. אויפן וועג האָב איך שוין גע־וואוסט, אַז קיעוו איז אין אונזערע הענט. פּעטליורע איז פאַל־שטענדיק קאָמפּראָמאַטירט, צוליב זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די פרעמדע אימפּעריאַליסטן. אַלע זיינע סאָלדאַטן גייען גלייך איבער צו דער רויטער אַרמיי, ביי דער ערשטער באַגעגעניש. עס וועט געדויערן נאָך אַ פּאָר וואָכן, און אָדעס וועט זיין אין אונזערע הענט. ס׳איז דאַריבער נויטיק צו פאַרשטאַרקן דאָ די אַגיטאַציע צווישן די פראַנצויזן און גריכן. איך האָב אַהער גע-בראַכט די אויפרופן פון אונזער דרום־שטאַב, די אויפרופן פון מאָסקווע. דאָ דאַרף מען זיי נאָך איבערשרייבן, צוגעבן די לאָ־קאַלע טעזיסן,—ס׳הייסט דאָס, וואָס האָט צו טאָן דירעקט מיט דער לאַגע דאָ, מיט אָרטיקע באַדינגונגען. און דאָס גלייך

איבערזעצן אויף פראַנצויזיש און גריכיש.

ער האָט נישט סתם געגעבן אַ באַריכט פון דער לאַגע נאָר באַפוילן, אַלע האָבן אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. דאָ איז געזעסן די גרופּע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצופירן די פראַנצויזישע און גריכישע טעקסטן פון אויפרופן און פראָקלאַמאַציעס.

דערווייל האָט די דינסט אַריינגעבראַכט טיי. האָט דערלאַנגט, אַוועקגעשטעלט פאַר יעדן און זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן. די אַלטע איז צוריק אַריינגעקומען מיט אַ וואַרעמען שאַל אויף די אַקסלען און זיך געזעצט אויף אַ ווייכער שטול, וואָס איז געשטאַנען נעבן בופעט. דער בופעט איז געווען אַ געשניצטער און שטאַרק ברייטער, אַן עדות פון אַמאָליקער איינגעפונדעוועטקייט,—דערפאַר האָט אַזוי געפּאַסט דאָס, וואָס די אַלטע איז געזעסן נעבן אים. און יאַן האָט דאָס ערשטע מאָל אַ שמייכל געטאָן, דערזעענדיק דאָס.

פאָליע האָט דערזען ווי ער קוקט אויף דער אַלטער, האָט זי זיך געגעבן מיטן בענקל אַ רוק צו צו אים און געזאָגט:

זי הערט סיי ווי סיי נישט...

—איך ווייס...—האָט יאַן געשמייכלט. און פאָליע האָט אָנגעשפאַרט ביידע הענט אויף ביידע זייטן בענקל אויף וועלכן זי איז געזעסן און זיך גענומען וויגן ווי אַן אומרו, דערביי זענען אירע שמאָלע אַקסלען געוואָרן העכער, שיער ביז די אויערן דערגרייכט.

די פראַנצויזין האָט געהאַלטן אַ בלייפעדער און גיך געשריבן אויף פּאַפּיר, קוקנדיק אין לאַנגע שמאָלע בלעטלעך, וואָס זענען פאַר איר געלעגן, און פון צווישן דריבנעם שריפט האָבן געגלאָצט גרויסע שוואַרצע אותיות. דער נידריקער פאַרשוין אין דער וויזיטקע, וואָס האָט געשריבן, האַלטנדיק דעם קאָפּ ווי אַוועקגעלייגט אויף דער האַנט, האָט מיט אַ ציטער אַ הויב-אויף געגעבן דעם קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

—שאַ!—און אויפגעשפּיצט די אויערן, ווי אַ פערד, ס'האָט דערשרעקט זיך.

עס האָט זיך דערהערט אַ רענושען פון אַן אויטאָ אונ-

טערן פענצטער, ווי עס וואלט געקאכט הייס וואסער אין א קעסל אלע האבן אויפגעהויבן די קעפ—די העלזער זענען עפעס ענגער געווארן. נאר איין יאן האט זיך נישט געענדערט, איז געבליבן זיצן אין דערזעלבער פארהארטעוועטער עקשנותדיקייט. דער לייכטער שמייכל נאר, וואס האט זיך געשפילט אונטער זיינע אויגן—ווי א פארבלאנדזשעטער שטראל אום ווינטער—רעדנ-ריק מיט פאליען, איז פארגאנגען און אפגעווישט געווארן.

און דאן האט רחקע זיך דערמאנט:

—אוי!.. דער „דווארניק" האט מיד טאקע געפרעגט, ואו איך גיי!..

—האז—האט דער נידעריקער זיך אויפגעשטעלט,—יא... יא... ער האט אונז טאקע נאכגעקוקט... אבער גאר שטארק נאכגעקוקט...

פאליע איז אויפגעשפרונגען, זי איז איצט געווען עפעס גרינלעך, און די העל-ברוינע אויגן זענען געווארן גרוי. און די אלטע האט געצויגן דאס פנים מיט טויבקייט:

—א וועלט געווארן... אמאל... אז מען איז זיך צונויפגע-קומען, האט מען געשפילט אויפן ראיאל... האט מען געזונגען... איז געווען פריילעך... אז? אז?—האט זי זיך געגעבן א שטעל אויף—וואס איז עפעס?

דאס גלעקל האט א שטארקן קלונג געטאן אין טיר, ווי אן עגבערל וואלט זיך שנעל אין מעטאל אריינגעדרייט.

אלע זענען געבליבן מיט אויסגעשטעלטע קיילעכדיקע אויגן, ווי אלע וואלטן זיך אנגעשלאגן אן עפעס ווילדעס, שווארצעס, וואס האט זיי דעם וועג פארצוימט.

דער נידעריקער פארשוין האט אנגעהויבן באוועגן מיט אלע מוסקולן און זיך געכאפט צו די פאפירן, זיי געוואלט אנ-הייבן רייסן.

—שטיי!—האט אים יאן אנגעכאפט פאר דער האנט,—לא-מיר פריער וויסן, ווער עס קלינגט.

—איך גיי פרעגן. וואס האב איך מוראז כ'על פרעגן.—האט רחקע גערעט מיט איר פראגע-קול און אזוי ייי זי וואלט

געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַן אייגענער מענטש.—ס'איז אפשר באַשקע?

ס'קאָן זיין. ס'קען זיין...—האָט יאַן געמורמלט.

און אַלע זענען עטוואָס רואיקער געוואָרן.

זי איז געגאַנגען אין קאָרידאָר. יאַן איז איר נאָכגעגאַנ-גען, געבליבן שטיין אין דער טיר פון ערשטן צימער, וואָס איז געווען אָפן אין קאָרידאָר אַריין.

—קטאָ טאַם?

—עפן!—האָט באַפוילן אַ מענערישע פאַרשייטע שטים.

זי האָט אויסגעדרייט די אויגן צו יאַנען. יאַנס קינ-באַקן האָבן זיך אַ שטאַרקן דריק-צו געטאָן און ער האָט גע-געבן אַ צי אויס די האַנט: האַלט!

מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפן אין טיר, און ס'האָט זיך געהערט אַ גרילצעריי פון עטלעכע שטימען, וואָס האָבן זיך גראָב געזידלט.

—מען וועט באַלד עפענען.

—שוין עפן! היבטישער זון!

—כ'גיי נעמען דעם שליסל. ס'איז שוין פאַרשלאָסן. גע-וואָלט זיך לייגן.

יאַן איז שוין ביים טיר נישט געווען, ווען רחקע האָט זיך אומגעקוקט.

דער, אין דער וויזיטקע, האָט שוין געהאַט איין פאַפיר צעריסן. די אַלטע איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר מיט אַמאָל האָט פאָליע פאַרכאַפט אַלע פאַפירן פון טיש און איז מיט זיי אַרויס אין קעך אַריין.

יאַן האָט געדענקט, אַז ער האָט געדאַרפט נאָך עפּעס טאָן, נאָר נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס. האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אָן זיין שינעל, נאָר—דאָרט האָט מען שוין געבראָכן די טיר...

די אָפּיצירן זענען געווען האַלב שכור. זיי האָבן שטאַרק געאָטעמט דורך די נאָזלעכער און זייערע אויגן זענען קליין און פאַרשפּיצט געלאָפן פון פּנים צו פּנים. זיי האָבן געשריגן און געזידלט מיט גראָבע זידל-רייד.

—אַהאַ! זיך צונויפגעקומען! ס'איז אייך דאָ נישט מאָסקווע!

די אַלטע האָט באַך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. די פּראַנצויזין האָט געהאַט אַן אויסזען, ווי זי וואָלט פאַרפירט געוואָרן און וויל זיך אָנהייבן קלאָגן. דער גריך איז געשטאַנען און געראָיכערט אַ פּאַפּיראָס, ווי ער וואָלט דערביי נישט געווען. און נאָר דער, אין דער וויזיטקע, האָט גערעט גיך אויף פּראַנצויזיש און איבערגעגאַנגען אויף אַ שלעכטן רוסיש:

—וואָס הייסט דאָס? מען רייסט זיך אַריין אין פרעמדע שטובן? מען טאָר שוין צוגאַסט אויך נישט קומען?.. אָרדנונגען!

—מאָלטשי, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!

איינער האָט אים אונטערגעטראָגן אַ נאַקעטן רעוואָלווער.

יאַן איז געשטאַנען בייז און שווייגנדיק. איצט האָט ער בסדר געדענקט אָן זיין שינעל מיט די עפּאָלעטן און דאָקומענטן, וואָס ליגן אין קעשענע, און פאַרדראָסן האָט אים, וואָס ער האָט עס באַלד אין אָנהויב נישט געדענקט...

קאַנאַליעס! הינטישע זין!—האָט אַ יונג אָפּיצירל מיט אַ פּאַריסן נעזל און גלאַנציקע פעטע ליפּעלעך זיך געקאָכט.—איך וועל אייך ווייזן! צו גאַסט געקומען? וואו איז דאָ די „באַרישניע"? האַ?

די אַלטע האָט איצט געגעבן א שטרעק אויס די הענט: זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז עס איז שוין גאָרנישט קיין פרייילעכער ענין:

—וואָס איז? וואָס איז געשען? איך הער דאָך נישט! זאָגט מיר!...

דער יונגער אָפּיצירל האָט העזהדיק געגעבן אַ הויב אויף די האַנט, און זי אַראָפּגעלאָזט איאָער דער אַלטערס הענט. יאַן האָט זי גלייך אונטערגעכאַפּט:

—ווי שעמסטו זיך נישט? ועמען ווילסטו שלאָגן? אינטע-

ליגענטער מענטש!—האָט ער מיט איראָניע אויסגעצויגן. און פון דעם אויסציען האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַזאַ פאַרביטערטן עקל, אַז דער אָפיצירל איז אַ ווײַלע געבליבן אָפּהענטיק, און רחקע האָט דערבײַ נאָך אַ שמייכל געטאָן.

פאָליע איז אַרײַן פון קעך.

—וואָס איז דאָ פאַר אַ יריד?—האָט זי מיט בייזקייט אַ פרעג געטאָן.

—און ווער איז דאָ בײַ אײַך דער אָפיציר? האַ?—האָט שוין אַן עלטערער אָפיציר געלאַסן געפרעגט.

—אַלע זענען שטיל געבליבן.

איצט האָבן זיך די אָפיצירן אַרומגעשטעלט אַרום זיי. דער עלטערער, מיט די שוואַרצע וואָנסן און פאַרביסן טונקל פנים, וואָס האָט געבלאָזן מיט הערבסטקייט, ווינטיקן אָוונט, האָט געפרעגט:

—ווער איז דאָ דער אָפיציר?

—איך!—האָט יאַן גלייך געענטפערט.

—וואָס פאַר אַן אָפיציר זענט איר?

—איך וויל אײַך נישט ענטפערן.

—פאַרוואָס?

—ווײַל איר האָט זיך אַרײַנגעריסן אין אַ פרעמד הויז און קיין „אָרדער" האָט איר נישט באַוויזן.

—מיר דאַרפן נישט קיין „אָרדער"!

—ווײַל איך אײַך נישט ענטפערן.

ס'איז געוואָרן עפּעס אַ מין צעטומלטע שטילקייט, וואָס האָט זיך געבלאָזן און געבלאָזן צום אויפפּלאַצן. אַזוי האָט עס געדויערט אַ ווײַלע, און דאַן איז אין שטוב אַרײַן נאָך אַ פראַנצויז מיט אַן אָפיציר.

דער אָנגעקומענער אָפיציר איז שוין געווען רואיק, האָט זיך שוין נישט געזידלט. דער פראַנצויז איז אַרײַנגעקומען, ווי ער וואָלט געגאַנגען זען אַ טשיקאַווע זאַך.

—וואָס איז דאָ?

דער שוואַרצער אָפיציר האָט דערציילט, אַז מען האָט זיי געגעבן צו וויסן, אַז דאָ קומען זיך צונויף „זשידאָווכקע באָל-

שעוויטסקע סוואָלאָטשעס״, אַז דאָ איז עפּעס פאַראַן צווישן זיי איינער, וואָס גייט אָנגעטאָן ווי אַן אָפיציר און זעט אויס ווי אַ „זשיד״... און— — —

—געווּג!—האָט דער אָפיציר געזאָגט.

—זייט רואיק, „גאָספּאָדאַ״, מיר וועלן מאַכן אַן „אָבּיסק״.

ער האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן די שטיקלעך פון צוריסענעם אויפרוף, האָט אין זיי אַריינגעקוקט, באַוויזן דעם פראַנצויז, און די איבעריקע אָפיצירן האָבן געקוקט מיט ווילדע אויגן און אַלץ אַזוי געסאָפּעט דורך די נעז.

—אייערע דאָקומענטן!

—דער נידעריקער פאַרשוין האָט באַוויזן, די פראַנצויזין האָט אויך באַוויזן.

—און איר?—האָט ער געפרעגט בײַ יאַנען.

—איר וועט דאָך סיי ווי נישט גלייבן...

—אייער דאָקומענט!—האָט ער שוין אויסגעשריגן.

—און ווער זענט איר?

—ווער איך בין?—גוט.

מען האָט אַרומגעזוכט די גאַנצע שטוב, געני׳שטערט אין יעדן ווינקל. און די פראַנצויזין אין שוואַרצן קלייד האָט זיך כסדר געקלאָגט פאַר דעם פראַנצויז, האָט זיך געבייזערט, געפאָדערט מענטשלעכקייט און איידלקייט. דער פראַנצויז האָט כסדר געשוויגן און עפּעס פאַרהוילן געשמייכלט, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט צוצוקוקן די רוסישע „זיטן״. די אַלטע האָט זיך געבראָכן די הענט. פאַליע האָט איר געגלעט און באַרואיקט.

ערשט איצט איז דער דוואָרניק אויך אַריינגעקומען אין שטוב. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, פאַרעקשנט געהאַלטן אויסגעשטרעקט די אויגן אויף די מענטשן און געווען פאַרביסן און בייז...

ס׳איז געווען אַ שווערע פיינלעכע ערוואַרטונג. אַלע האָבן געשוויגן. און יאַן האָט אין האַרצן געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט שוין געוואוסט, וואָס ער דאַרף טאָן, און באַשלאָסן אַזוי צו טאָן, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס. ער האָט געטראַכט פון דעם, וואָס, ווי נאָר ער וועט אַרויסקומען אויף

דער גאַס, וועט ער שוין וויסן, וואָס אַזוינס ער האָט צו טאָן און וועט עס טאָן... און זיי? וואָס זיי? האַ?...

דער נידעריקער פאַרשוין האָט געהאַט אַ ברוגזדיק פּנים, ווי מען וואָלט זיך גלאַט צו אים צוגעטשעפּעט און אומזיסט אים באַליידיקט. אים—אַ פּראַנצויז! די פּראַנצויזין האָט אפילו געשמייכלט, רעדנדיק מיטן פּראַנצויז, און פאָליע האָט אַלץ געהאַלטן אין באַרואיקן די מוטער, וועלכער עס איז פון שרעק אַנגסטן באַפאַלן.

—זיי וועלן באַלד אַוועקגיין... באַלד...

דער עלטסטער אָפיציר האָט עפּעס אָנגעזאָגט איינעם פון די לייט—אָט דעם מיט דעם טונקעלן פּנים—און אַליין זיך געווענדט צום פּראַנצויז:

—מיר פאָרן!

דער פּראַנצויז איז אויפגעשטאַנען, זיך געזעגנט מיט דער פּראַנצויזין, דריקנדיק עלעגאַנט איר האַנט און שמייכלענדיק קורץ און נאַריש, זיך געגריסט מיט אַלע איבעריקע און אַוועק מיטן אָפיציר.

—נו, חברה, טוט זיך אָן!—האָט דער קליינער אָפיצירל מיט שפּאַס געשמייכלט.

אַלע האָבן געשוויגן.

—וואָס זשע שטייט איר? בעטן זאָל מען אייך?

יאַן איז דער ערשטער אַריין אין קאָרידאָר, אים איז נאָכגעגאַנגען אַן אָפיציר מיט אַ רעוואָלווער, און ער האָט אָנגעטאָן זיין שינעל, נישט געהערט וואָס דער אָפיציר רעט און צוריק אַריין.

—האַ? אַן אָפיציר? אַ שיינער אָפיציר, אַ „קראַסאַוועטשיק"!—האָט זיך דאָס קליינע אָפיצירל געחכמהט.—גיט אייער אָפיצערסקי דאָקומענט!

יאַן האָט שווייגנדיק געקוקט, ווי דעם אָפיצירלס הענט טאַפּן אין די קעשענעס פון זיין שינעל, געזען ווי זיי שלעפּן אַרויס אייניקע אויפרופן און צייטונגען, און ער האָט ענדלעך געזאָגט:

—צו וואָס איז די שפּיל? דו ווייסט דאָך, ווער איך בין!

דאָס אָפּיצירל האָט דאָס מאָל אָפּגעשוויגן.

די אַלטע האָט געוויינט און זיך געבראָכן די הענט. אַן אָפּיציר האָט אויף איר אַרויפגעוואָרפן דאָס טוך און זי געננו-מען שטויסן-פּאָליע איז געווען בלאַס ווי קרייד און געציטערט פון בייזקייט און גרויס ווייטאָק.

—לאָז אָפּ! לאָז אָפּ!

—„מאָלטשי, סקאָטינאַ״!

—הער אויס,—האָט יאַן האַרט געזאָגט,—וואָס ווילסטו פון דער אַלטער טויבער פרוי?

—מען פרעגט דיך נישט!

—און רעכנסט, אַז דו וועסט אַזוי ווילדעווען און מען וועט עס דיר שווייגן? און רעכנט איר, אַז איר וועט טאַקע פייניקן אומשולדיקע מענטשן, און עס וועט נישט זיין, ווער עס זאָל זייער פּיין פון אייך... פון אייך פערזענלעך מאָנען?...

דער אָפּיציר איז בלייך געוואָרן. האָט אויסגעצויגן דעם רעוואָלווער:

—שווייג!

—טאָ לאָז אָפּ! די אַלטע וועט זיך אַליין אָנטאָן.

—אָבער שווייג!

די אַלטע האָט שוין איצט נישט געוויינט, אַזוי צעטראָגן און צעטומלט איז זי געווען. יאַן מיט פּאָליען האָבן איר גע-האָלפן אָנטאָן דעם פּאַלטאָ און אונטער די הענט זי פון די טרעפּ געפירט...

* * *

קאפּיטל דריי

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. אַלע הייזער זענען געשטאַנען עלנדע, פאַרגליווערטע און בלינדע. די גאַסן זענען אויסגעהוילט געוואָרן און אין דער הוילקייט האָט פרעמד אָפּגעקלונגען יעדער שאָרך. די קעלט איז איצט געווען אַ ביי־סענדיקע און אַ ווינטל האָט עקשנותדיק און שאַרף־שטעכיק גע־טריבן, האָבן געציטערט די טראַמוויי־דראָטן ווי נאַקעטע אָדערן, און ביי יעדן ציטער איז איבער זיי אַ דינער ליכטיקער פאָדים דורכגעלאָפן און זיך דערצויגן ביז דעם לאַמטערן, וואָס האָט שטיל־ווינטערדיק און רויטלעך געברענט. ווייטער אַרויף איז געווען פינצטער, זענען די דראָטן דאָרט אומגעקומען אין שוואַרצער ליידיקייט. און נאָך ווייטער—האָט ווידער געברענט אַ לאַמטערן. און דאָרטן זענען שוין די דראָטן דין און נישט קלאָר געווען אויסגעצויגן.

ס'איז געווען שטיל. ס'האָט זיך געפילט: באַלד וועט אַ קוויטשנדיקער אויסגעצויגענער געשריי דורכשניידן די ווינטער־דיקע הוילקייט. —

דער משא־אויטאָמאָביל איז געפאָרן לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט געהייסן נישט אָנמאַכן קיין איבעריקן רעש—ווי ער האָט בדעה צו פאַרווישן נאָך זיך דעם וועג. די לאַמטערן—אויגן פון אוי־טאָמאָביל זענען געווען אויסגעלאָשן און בלינד. די שוואַרצע גלעזער פון זיינע פינצטערע אויגן האָבן געקוקט שוואַרץ־פאַר־קאָכט און איינגעזאַפּט אין זיך אַלע קלאַנגען פון דער נאַכט. אויפן אויטאָמאָביל זענען געזעסן דריי מאַנסביל און פינף פרויען. די אַלטע האָט שטאַרק געציטערט פון קעלט און טויבקייט און די אָפּיצירן זענען געשטאַנען אַרום זיי מיט אויסגעשטעלטע ביקסן און רעוואָלווערן. איצט האָט יאַן געקוקט און געזען, אַז זיי זענען אַ סך, אַ? דאַכט זיך גאַנצע צען און אפשר צוועלף—איז וואָס? וואו זשע פירט מען זיי? וואָס פאָרן זיי עפּעס צום וואָקזאַל?

ער האָט געטראַכט רואיק, אַזוי רואיק, ווי דאָס וואָלט אַ קוריאָז געווען: זייער „ראַזוועדקע" איז דאָך אויף יעקאַטע־רינעסקי? וואָס זשע פאָרן זיי אַהער? ער האָט זיך עקשנותדיק איינגעטראַכט אין דעם און זיך נישט געקאָנט פון דעם באַפרייען.
די פראַנצויזין איז געזעסן אין איר שוואַרצן זשאַקעטל, מיט דעם היטעלע, וואָס האָט געהאַט אַ שמאָלן ראַנד און געלעגן ווי אַ איבערגעקערטער טעלער אויף אירע געדיכטע האָר — זי האָט אַלץ געשוויגן ברוגז און געדענקט דעם פראַנצויז, וואָס האָט פריער מיט איר אַזוי העפלעך גערעדט. און וואָס הייסט דאָס? אַ פראַנ־צויזישע בירגערין, אַ לערערין פון פראַנצויזיש און ביי פראַנצוי־זישער אָקופּאַציע, און אַזעלכע פרעמדע הינט וואָגן איר אַזוי צו פירן אין מיטן דער נאַכט.
דער נידעריקער פּאַרשוין איז געזעסן שטאַרק אומרואיק, ער האָט זיך געהאַלטן אין איין הילן אין פּאַלטאָ. מיט אַמאָל איז זיין קאָפּ געבליבן אַראָפּגעהאָנגען, ווי אַ שווערע משא וואָלט זיך אויף אים אַוועקגעלייגט.
רחקע האָט געקוקט סתם אַזוי זיך, ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס דאָ גייט, מילא זיצט מען אַ פּאָר חדשים, וואָס דען? אַז עס קומט אויס — קומט אויס, וואָס זשע זיצט יעוואָ אַזוי צעטומלט און שווייגט, ציטערנדיק מיט די קניען. רחקע האָט געפילט, ווי זי ציטערט — און זיך דערמאָנט, אַז די גאַנצע צייט האָט זי קיין איין וואָרט נישט גערעדט. די מוטער אירע — די אלמנה וועט עס אַרומלויפן מאָרגן אַ וויינענדיקע איבער די גאַסן און זיך רייסן די האָר פון קאָפּ... טאַקע אַ רחמנות, אָבער וואָס איז דער געוואַלד?... מילא, אַז עס קומט אויס...
נאָר יאַן האָט געקוקט אָנגעשטרענגט. געזען ווי פון די ווינקל־גאַסן קוקן אַרויס פּאַטרולן. קוקן און ציען די קעפּ פאָר־אויס, און זיין אויער האָט אויפגעכאַפּט ווי איינער האָט געזאָגט:
— עהע... גלייך צו דער חופּה... כע־כע...
אַלע האָבן עס דערהערט. אַפילו פּאָליע, וואָס האָט נאָר אין זינען געהאַט צו באַרואיקן די מוטער — האָט עס אויך דער־הערט. שוין אַזאַ טבע האָט שפּעט־נאַכט: מען דערהערט. און אַלע האָבן אויפגעציטערט. איצט האָבן אַלע געזען, ווי דער

וואָקזאַל שטייט אַ אָנגעכמורעטער און קוקט מיט אַ ליכטיקן זייגער—און דאָרט, אין וואָקזאַל... וויפיל האָט מען עס שוין דאָרט אויסגעשאָסן ?!...

יאַן האָט איינגעגעסן זיין בליק אין זייגער. ער האָט איצט געזען, אַז ס'איז שוין נאָך איינס. אַ מאָדנע זאַך—אָט אַזוי הייסט עס נאָך איינס, און ווען דער ווייזער וואָלט געשטאַנען נידעריקער וואָלט געווען נאָך דריי, נאָר פיר... און מיט אַמאָל דערפילט, אַז ער דאַרף עפּעס טאָן—ער האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן.

—זיך! הינטישע „כאַרע״!

אַזוי האָט געזאָגט דאָס קליינע אָפּיצירל, וואָס האָט איצט געשטאָכן מיט די אויגן, אַ גרין שמייכעלע האָט זיך ווי אַ גרין ווערעמל אַ קאָרטשע געטאָן איבער זיינע ליפּן.

נאָר דער אויטאָמאָביל איז נישט דערפאָרן צום וואָקזאַל און האָט זיך גענומען רעכטס, אַריין אין פינסטערער גאַס—אָט דאָרט, שטייען שוואַרצע בודעס אויפן „פּריוואָז״. די ביידלעך זענען אויף דעם מאַרק געשטאַנען, ווי שוואַרצע שווערע מצבות אויף אַ פרעמדן בית־עולם. יאַנען איז עפּעס אַ שוואַרצע פרייד באַפאַלן פון דעם, וואָס עס איז דאָ אַזוי פינסטער און עס שטייען אַזוי פיל „בודקעס״. בשעת מעשה האָט ער געדענקט, אַז באַשקע איז דאָ נישטאָ צווישן זיי. זי איז נישט געקומען... פאַר וואָס זשע איז זי נישט געקומען?... האַ?—נאָר אָט האָט ער פאַרגעסן אָן דעם—דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט—צוויי אָפּיצירן האָבן זיך איבערגעשושקעט. —

—פאָר... צום „צמענטאַזש״!

אַזוי האָט דער אָפּיצירל געזאָגט שטיל צום שאָפער און דער אויטאָמאָביל האָט זיך ראַפּטום אַ ריס געטאָן פון אָרט.

—וואו פירט איר אונז?—האָט זיך דער נידעריקער מיט אַמאָל געכאַפּט און זיך געגעבן אַ שטעל אויף, מאַכנדיק מיט די הענט און פיס—באַלד האָט געענטפערט „הע״! און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערלעכן קוויטש און זיך אַראָפּגעזעצט. דאָס האָט אים דער קליינער אָפּיצירל אַ זעץ געטאָן מיטן הענטל פון רעוואָלווער. —

ביי די פרויען איז דאָס גאַנצע לשון אָפּגענומען געוואָרן, יאַן האָט באַמערקט, ווי אַלע האָבן געעפנט די מיילער און גע־בליבן אַזוי זיצן ווי עפּעס וואָלט זיך זיי „פּאָפּעריק״ אַוועקגע־שטעלט אין גומען.

ער איז שוין געווען גרייט צו טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס אים איז עס קלאָר געווען און האָט עס געזען מיט די אויגן, כאָטש ער האָט עס נאָך נישט פאַרשטאַנען.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך נעשניטן אין שוואַרצער גאַס— אָט איז עפּעס אַ שוואַרצער פאַרקאַן אויסגעוואַקסן. אַ? דער קריסטלעכער „בית־עולם״... אָט איז דער אַלטער „צמענטאַזש״ אַ? באַלד דאַרף זיין דער נידעריקער פּלויט... אַ קעלט האָט דורכגעווישט זיין גאַנץ לייב פון אינעווייניק, אַ קאַלטער אייז־שטראָם איז דורך און נאָך אים איז אַ היץ אָנגעלאָפן.

אַלע האָבן דערזען דעם „בית־עולם״, דער שאָפער האָט עטוואָס פאַרהאַלטן דאָס לויפן פון אויטאָמאָביל, אָנגעהויבן פאָרן געלאַסענער, און דאַן האָבן אַלע מיילער אַרויסגעלאָזט אַ יאָמער־לעכן געשריי, וואָס איז גיך איינגעזאַפּט געוואָרן אין נאַכט און אין גערויש פון טרוקענע נאַקעטע צווייגן, וואָס האָבן פון „צמענ־טאַרזש״ אַראָפּ געקרעכצט און געשעפּשטעט.

דער נידעריקער איז ווידער אויפגעשפּרונגען, דער קליי־נער אָפיצירל, וואָס איז געשטאַנען נעבן יאַנען, האָט אויפגעהויבן די האַנט —

אויגנבליק, ווי עס פלאַמט אויף אַן עלעקטריש פייערל, האָט יאַן שווער און פעסט אָנגעקלאַפּט אָן זיין ברוסט מיט ביי־דע פויסטן. ער האָט זיך געגעבן אַ בויג אַריבער און יאַן האָט אַ שפּרונג געטאָן נאָך אים, געפאַלן אויף אים, און זיי זענען געבליבן אָפּגערוקט פון אויטאָמאָביל, וואָס איז געגאַנגען רעב־זשענדיק.

ס'איז געוואָרן אַ געשריי—אַלע אויפן אויטאָמאָביל האָבן יאָמערלעך געשריגן און פון הוילקייט האָבן די געשרייען צוריק געשלאָגן, יאַן איז געלאָפן, פון שגעון געטריבן, אין פינסטער אַריין. ער האָט געהערט אַ רעוועו און קוויטשען—דאָס האַרץ שלאָגט אַזעלכע שטאַרקע קלעפּ אַז עס טויבט די אויערן, און

אָט שווייגט שוין דאָס האַרץ אײנגאַנצן, די אויערן הערן שוין גאָרנישט. אָט... אָט... נאָך איין סעקונדע—אַ גליטש—אַ דראַפּע ווי אַ קאַץ, און ער איז געבליבן ליגן אויפן פאַרקאַן... איצט האָט ער אַ קוק געטאָן, ליידיק נעבן אים און אַרום אים, האָט ער זיך געגעבן אַ גליטש פון פאַרקאַן און געפאַלן אויף פאַרפרוירענע גראָזן וואָס האָבן זיך געבראָכֿן ווי גלאָזענע און אָנגעקלאַפּט אָן האַרטער ערד— — —

אויסגעצויגענע פלעמלעך האָבן געשפּריצט אין דער פינסטער—האָבן געשטאָכֿן, ווי שפּיזן, אין נאַכט אַריין. דער קליינער אָפּיצירל האָט זיך געכאַפּט שלאָגן דעם נידעריקן פאַרשוין. ער האָט געזעצט מיט דעם הענטל פון זיין רעוואָלווער איבערן קאָפּ— און יענער איז געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ, זיך געקאָרטשעט און געוואָרפן און געפאַלן פון אויטאָמאָביל. די פרויען האָבן געפּענזשעט מיט משונהדיקס קולות און יאַן איז געלעגן פאַרחלשט און געהערט טויבע, ווייטע געשרייען, וואָס האָבן אויסגעוועפּט. איז ער עפּעס געקומען צו זיך—נאָר ווי אין חלום. געדענקט און אָנגעהויבן קריכן אויפן בויך.

ער האָט זיך אַזוי גערוקט צווישן גראָזן, וואָס האָבן זיך געבראָכֿן און געדענקט האָט ער, אַז דער „צמענטאַזש״ גרענעצט זיך מיט דעם יודישן „בית־עולם״ און מיט אַמאָל האָט ער דערהערט, ווי דער אויטאָמאָביל האָט זיך צערוישט און רוקט זיך אָפּ. איצט האָט ער דערפילט, אַז ער איז אַנטלאָפן, איז אים באַפאַלן אַ שרעקלעכע מידקייט—האָט ער זיך צונערוקט צו אַ מצבה און געבליבן ליגן...

איצט האָט ער געהערט, ווי פון ערגעץ רייסן זיך אוממענטשלעכע געשרייען... קיינמאָל האָט ער נאָך אַזעלכע געשרייען נישט געהערט... עפּעס נישט מענטשן, נאָר בלוט שרייט אַרויס פון צעשניטן מענטשלעך פלייש... האָט ער דערפילט אַ משוגענעם ווייטאָק און זיך גענומען בייסן די הענט...

ער האָט מיט אַנגסט אויפגעהויבן דעם קאָפּ: אין דער נאַכט אַריין האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן זינגען דער אינטערנאַציאָנאַל. אַ? אוי... ס׳איז דאָך יעוועס שטים. די שטים איז געווען געלאַסן, רואיק און הייליק. זיך דערהויבן העכער און באַל־

האָט זי אונטערגעכאַפּט אַ צווייטע שטים און די געשרייען זענען איינגעשטילט געוואָרן. איצט האָט ער דערהערט, ווי די צווייטע שטים זינגט נאָך שטאַרקער און אין דער אויסשפּראַך דערקענט רחקען...

דער טומל איז דאָרט געוואָרן שווער און ווילד און דאָס געזאַנג רייסט זיך איבער און ציט זיך ווייטער. דערפון האָט זיך יאַן געפילט שטאַרק געפאַלן און זיך צעוויינט. נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן שטיקן דאָס געזאַנג, עס האָט זיך געראַנגלט, געטרינקען און ווידער אויפגעטויכט, און געקומען ווי פון אונטער ווייכעס און שווערעס און זיך געמישט אין טויבע געשרייען.

אים איז אויסגעקומען, אַז ערגעץ ליגן הונדערטער מענטשן אונטער בעטגעוואַנט און דושען זיך... מיט אַמאָל האָט ערגעץ אָפּגעהילכט אַ זאַלפּ, אַ צווייטער, אַ דריטער, און עס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן זאַלפּ אין זאַלפּ, און צווישן — אָפּגעריסענע טענער פון פאַרשטיקטן געזאַנג. עס האָט געדילכט געגעבן אַ רעגן מיט האַרטע שווערע טראָפּנס. איין קוויטש, ווי פון אַ גאַלט-פויגל, האָט זיך אַריינגעשטאָכן און געבליבן שטעקן אין דער פינצטערניש — ס'איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן...

אים איז באַפאַלן אַ שוואַרצעס און שווערעס. ער האָט געקוקט אויף עפּעס, געקוקט אויף אַזאַ געפּלדיקס און נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס — דער קאָפּ האָט האַרט געדריקט קאַלטן שטיין...

— — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען שטיל. דער ווינט נאָר האָט געבלאָזן און די צוויגן האָבן האַרט געקלאַפּט. יאַן האָט איצט דערפילט, אַז עס איז אים שטאַרק קאַלט און עפּעס שיט זיך אויף זיין פּנים דריבנעס און פייכטעס. די ביימער האָבן זיך שטאַרק צעשאָקלט און די צוויגן האָבן זיך ווי נאַקעטע ביינער געריבן. מיט אַמאָל האָט דער ווינט נאָכגעלאָזט און ס'האָט גאָר געדיכט אָנגעהויבן שיטן אַ דריבנער שניי — ס'האָט מיט פייכטקייט אַ בלאָז געטאָן.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, זיך איינגעהערט — שטיל אַרום,

טויב אַרום. דער ווינט הוליעט איבער ברייטער פוסטקייט. ער האָט דערזען, ווי דער שטיין נעבן אים ווייסט זיך—איז ער צוגעקראָכן צו אים, געשאַרט מיט די הענט און געריבן דעם שטערן און איצט האָט ער שוין געדענקט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און ער האָט אויפגעציטערט: וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען! וואָס גיכער...

ער האָט געשפּאַנט פון מצבה צו מצבה, זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט אָן זיי. דער שניי האָט שוין איצט געוויסט פּלויטן און שטיינער. האָט ער פאַר זיך דערזען אַ פּלויט, האָט ער אָנגעשטרענגט די כּחות, נאָר ווען ער איז שוין געשטאַנען נעבן פאַרקאַן—האָט אַ ציטער, ווי אַ שאַרף מעסער, דורכגעשניטן דעם מח און האַרץ, ביז די פּיענטעס פון די פיס.

ער האָט דערהערט רייד.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן פאַרקאַן, ביז ער האָט דערהערט, ווי אין יענער זייט רעט מען און מען וואַרפט לאָפּאַטעס ערד.

—גיכער... גיכער... שוין שפּעט...

האַ?—דאָס איז דאָך זיין קול... דער קליינער אָפּיצירל... ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, געבליבן זיצן צוגעשפּאַרט צום פאַרקאַן און ס'האָט אים געפינצטערט אין קאָפּ. איצט האָט ער קלאָר באַנומען, וואָס דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ, פאַרגעסן די שרעק, פאַרגעסן זיך אַליין, ער האָט געפילט אַן אוממענטשלעכן שטעכיקן ווייטאָק. ער האָט איצט געדענקט די טויבע אַלטע יידענע. אָך... ער האָט איצט געקריצט מיט די ציין און נישט געוואַגט צו פאַרגיסן אַ טרער...

שטיל. מיט אַמאָל האָט דער אויטאָמאָביל אַ קרעכץ געטאָן און עס האָט זיך דערהערט אַ פרעמדע שטים, אַ פעסטע, פאַרעקשנטע און בייזע שטים:

—ווער איז דאָרט?

—און ווער פרעגט זיך?

דאַכט זיך דאָס אָפּיצירל...

—ווער עס פרעגט?
—יאָ, ווער זענט איר?
—אַ פּאַטרול!
—וואָס זשע ווילט איר?
—ווער זענט איר?
—אָפיצירן!
—וואָס פאַר אַן אָפיצירן?
—אין אייער מאַמען אַריין! נישט אייער עסק... אָפי- צירן זאָגט מען אייך! ווייניק פאַר אייך?
—און וואָס טוט איר דאָ?
—הערט אויף צו פרעגן, אויב דאָס לעבן איז אייך ליב! מיר האָבן עטלעכע זשידעס צו קבורה געבראַכט! גענוג פאַר אייך?
אַ ווײַלע שטיל. ס'האָט זיך דערהערט אַ מרוקען און שעלטן.
—די אַרעסטירטע פון פּושקינסקי?—האָט די פעסטע שטים געפרעגט.
—נו, יאָ... פון וואַנען ווייסט איר?
צאַך! צאַך!—האָט עס אָנגעהויבן מיט בליצלעך און שאַרפקייט.
—אַ-אָ-אָ!!!
עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ. דער אויטאָמאָביל האָט זיך שטאַרק צערענזשעט און זיך אַ טראָג געטאָן מיט שטו- רעם. דאָס קרעכצן האָט זיך איבערגעחזרט אויסגעצויגענער, יאָמערלעכער, די שאָטן האָבן געשטאָכן אין ליידיקייט, נאָר דאָס רעווען פון אויטאָמאָביל האָט זיך דערווייטערט און די שאָטן האָבן איצט אָפּגעהילכט טעמפּער און טויבער.
יאַן האָט געצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. איצט האָט אים געשווידערט און ער האָט געהערט ווי עס קלאַפּן זיינע ציין איינע אָן די אַנדערע...
ס'איז שטילער געוואָרן, דער שניי האָט שוין איצט שטאַרק געשיט און יאַן האָט אים געפּילט אויף זיין פּנים און הענט. האָט ער זיך געטוליעט אין זיך, געזעסן פאַרגליווערט און דאָס

האַרץ איז אַזוי ענג, אין האַלז טרוקן.

—זיי האָבן זיי דאָ נישט געלאָזט,—האָט ער געהערט ווי מען רעט יידיש...

—און אפשר האָבן זיי די אַרעסטירטע מיטגענומען?

—האָסט דען נישט געהערט?—צו קבורה געבראַכט...

די שטימען זענען געוואָרן נאָענט צום פּאַרקאַן וואָס איז דער גאַס אַרויס. יאַן האָט געקנייטשט דעם שטערן און געפילט גרויס ווייטאָק. ער האָט איצט שווער געאָטעמט און נישט גע־קאָנט אָפּאָטעמען, און עפּעס האָט ער געפילט, ווי די באַקן זענען אים אַרויפגעשפּאַרט צו די אויגן, ווי בערגלעך.

—ברענען זאָלן זיי, ווי קין... אָט ליגט דאָרט אַ דאַמען־הוט!

—זיי האָבן זיי געשאָסן... האָסט נישט געהערט פון ווייטן זאַלפן. אַ פייער אין זייערע הערצער...

—וואו זשע האָבן זיי די טויטע אַהינגעטאָן?

—האָסט דאָך געהערט: באַגראָבן.

—אַזוי גיך?

—מסתּם געווען גרייט אַ גרוב...

איצט איז יאַן צו זיך געקומען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מען געקומען אָפּשלאָגן, נאָר מען האָט פאַר־שפּעטיקט.

—ער האָט שוין אויפגעהערט קרעכצן. זע, ווי ער ליגט זיך... אַ פיינער אָפּיצירל...

—אָט ליגט אַ טוך... געשאָסן... געשאָסן...

יאַן האָט עפּעס מיט אַמאָל אויסגעשריגן עטלעכע ווער־טער, וועלכע ער אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען. זיך געוואָלט לאָזן צום פּאַרקאַן, און נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט.

—ווער איז דאָרט?

שטיל.

—ווער איז?

יאַן האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּחות און קוים אויסגע־שריגן:

—ראַטע-ווער!...

מיט אַמאָל האָט ער דערזען פאַר זיך אַ הויכן, שלאַנקן ייִנג, האָט ער צו אים אויסגעשטרעקט די הענט און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. יענער איז צו אים צוגעלאָפן מיט אָפענע אָרעמס, איז ער צו אים צוגעפאַלן, און ווי ער וואָלט פאַרשטאַרט געוואָרן, זיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף יענעמס אַקסל...

—קאָזע! שנעלער! אַהער! אַלע, אַהער!

איבערן פאַרקן האָבן נאָך עטלעכע אַריבערגעקלעטערט מיט גרויס צעטומלטקייט.

—ער חלשט... גיכער, שניי... שניי... אָט אַזוי רייב די שלייפן...

* * *

קאַפּיטל פיר

אין קליינעם, זייטיקן צימערל, ביי דער פישעליכע, איז יאַן געלעגן אַ מידער אויף דעם אייזערנעם בעטל. ער איז גע-ווען שטאַרק בלייך און געקוקט מיט רואיקע, שטאַרק גלאַנציקע אויגן צו דער סטעליע, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס געזען. זיין מח איז געווען אָנגעלאָדן מיט בית-עולם, נאַכט און געשרייען. האָט ער זיך צוגעהערט צו עפּעס טונקלס און אַלע ווילדע שטיל אויפגעציטערט. ער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגע-כאַפּט פון שווערן חלום, וואָס האָט זיך געשפּינען פון דער נאַכט אַרויס און ווייטער געצויגן די זעונג פון „גרוזעוויק" און אָפּיצירן. איצט האָט ער שטאַרק געדענקט די טויבע יידענע. זי האָט דאָך נישט פאַרשטאַנען גאָרנישט... ליגט זי איצט געטוליעט צווישן די איבעריקע, אפשר קרום איבער פאָליען און פאַר-

שטייט נאָך אַלץ נישט. קיינמאָל וועט זי עס שוין נישט פאַר־שטיין. און ווער וועט עס יאָ פאַרשטיין?.. ער האָט איינגע־קנייטשט דאָס פּנים, קוקנדיק אויף דעם קליינעם אָפּיצירל מיטן פאַריסענעם נעזל. וואָס האָט ער עפּעס אַזאַ פאַריסן נעזל? האַ? ווי דערשראָקן און צעטומלט ער קוילערט זיך פון „גרוזעוויק" אַראָפּ... ער האָט קרום און בלייך אַ שמייכל געטאָן.

די טיר האָט זיך דערווייל לאַנגזאַם געעפנט, גיטל, די מויד, איז אַריינגעגאַנגען און יאַן האָט אויף איר אויסגעשטעלט די אויגן—אָנקוקנדיק פרעמדקייט. איצט איז די מויד געווען אין אַ טונקל־גרינער בליוזקע, וואָס איז אַלץ געווען צו איר צוגע־וואַקסן. די אויגן זענען ביי איר געווען אַזעלכע נאַכטיקע, שוואַרצע—צוויי שטיקלעך גלאַנציקע נאַכט; די ליפּן זענען געווען געעפנט און שטאַרקע, ווייסע ציינער האָבן געשמייכלט דורך זיי.

זי האָט געזען, ווי ער קוקט אויף איר, האָט זי אַ שמייכל געטאָן מיט הייסן אָטעם דורך ברייט־געעפנטע נאָזלעכער און דערביי שטאַרק רויט געוואָרן.

—איר זענט שוין אויף? וועל איך אַריינברענגען טיי.

—גוט.

יאַן האָט אויך אַ שמייכל געטאָן, און אַז זי איז אַרויס נאָך אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו אים, וויגנדיק זיך אויף די „אויפגעלאָפענע" באַקעס, איז דער שמייכל פאַרהוילן געוואָרן פון זיינע ליפּן—ער האָט זיך דערמאָנט אָן באַשקען: וואו זשע איז זי? האַ? פאַרוואָס זשע איז זי נעכטן נישט געקומען? איצט האָט ער געדענקט: עפּעס האָט מישקע גערעט... ווי האָט ער געזאָגט? ער איז געגאַנגען, זי באַגלייט... האַ?

און דאָ, איז מישקע אַריינגעקומען.

ער איז אַריין אַ פרישׂ געוואַשענער, אין אַ ברוינעם אַנ־צוג מיט לאַקירטע שיך. זיין פּנים איז געווען ערנסט־לייטיש און זיינע גרוי־גרינע אויגן האָבן געלויכטן מיט אינערלעכער צופרידנקייט.

—ווי זשע פילט איר זיך? האַ?

יאַן האָט דערפילט אַ היימישע וואַרעמקייט צו דעם מענטש, און עפּעס איז אים אויסגעקומען, אַז נישט צו אים זעלבסט,

נאָר— — —טאַקע צו אים, נאָר נישט צוליב אים... האָט ער אַ שמייכל געטאָן, זיך אויפגעזעצט.

—נישקשה... איך שטיי שוין אויף.

און זיך גענומען אָנטאָן.

מישקע איז געבליבן שטיין נעבן פענצטער, האָט זיך פאַרקוקט אין דרויסן אַרויס און געזען, ווי עס ליגט אַ שניי— אַזאַ ווייסער, בלוילעכער שניי און מיט אַמאָל זיך ווידער דערמאָנט אָן אַלץ, וואָס ס'איז געווען.

—אַ ביסל פאַרשפּעטיקט!—האָט ער פאַרגעזעצט זיין טראַכטן—אַ פייער אין זייערע הערצער... גיי ריכט זיך, אַז זיי פירן נישט אין „ראַזוועדקע", נאָר גלייך אַהין... ווען מיר וואָלט דאָס איינגעפאַלן, עהע!

—מיר איז נאָך די גאַנצע זאַך נישט קלאָר,—האָט יאַן געזאָגט פאַרזאָרגט, אָנטוענדיק זיך—דאָ מוז דאָך זיין עמיצנס אַ שטיקל אַרבעט?

—אודאי... ס'איז שוין עליו השנאָבל— — —דעם דוואָרניקס אַרבעט.

—אַ?

יאַן האָט זיך פאַרטראַכט. איצט האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, ווי דער „דוואָרניק" האָט אים כסדר נאָכגעקוקט מיט שמייכלענדיקע אייגלעך... ער האָט איצט אויך געדענקט, ווי אָט דער הויכער גוי מיט דעם איינגעפאַלענעם פּנים און שוואַרצע וואָנסן, איז ביים „אָביסק" געשטאַנען ביי דער טיר מיט פאַרשייטע אויגן.

—ווייס איך... איין באַנדע הינט... באַשע האָט געוואָלט גיין אַהין, האָב איך זי אונטערגעפירט. מיר קומען צו נענטער— אַהאַ! אַ „גרוזעוויק" שטייט... און די חזירישע מאָרדע, דער „דוואָרניק", שושקעט זיך דאָרט מיט „זאָלאָטאָפּאַניקעס"... האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין אַרבעט... עהע!— טראַכט איך—ביזט דאָך גאָר אַ וואַזשנער פויגל, וועט מען דיך לערנען צווויטשערן— — —

גיטל די מויד איז אַריינגעקומען. אויף אַ טאַץ האָט זי אַריינגעבראַכט ווייס ברויט, פּוטער און טיי, פּונקט ווי אין

אָדעס וואָלט מען נישט געגעסן קיין ברויט פון געל-גרויע אַרבעס. זי האָט זיך פאַרלוירן, דערזעענדיק מישקען, האָט גע-פרובט שמייכלען דורך דער נאָז, נאָר מישקע האָט אויף איר נישט געקוקט. ער איז געשטאַנען מיט אַ בייז פאַרוואָלקנט פנים און גאָרנישט געזען. האָט זי אַוועקגעשטעלט אויפן טישל די טאַץ און געבליבן שטיין, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרגעסן.

האָט זיך דערהערט אַן אָנקלאַפּן אין טיר.

—מען קלאַפּט, דאַכט זיך?—האָט יאַן געגעבן אַ צי אויס דעם האַלז.

—אודאי באַשע... געשיקט זאָגן. אַריין!—האָט מישקע באַ-קומען גרעסערע אויגן.

נאָך איידער דאָס לעצטע וואָרט האָט פאַרקלונגען, און באַשקע איז אַריין, ווי אַריינגעפאַלן, געבליבן שטיין און זיך געכאַפּט מיט אַ האַנט פאַרן האַרצן, האָט איר בליק געשווימען פון יאַנען אויף מישקען און צוריק. זי האָט שטאַרק געסאַפּעט און נישט געקאָנט דעם לעצטן אָטעם אַרויסברענגען.

—זעץ זיך, באַשע, זעץ זיך...—האָט יאַן זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט צום בענקל.

באַשע האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף מישקען, וואָס האָט איצט געהאַט אַ פרום פנים, און זיי געלאַסן צוריקגעקערט צו יאַנען.

גיטל האָט אַרויסגעוואָליעט אַ פּאָר אויגן אויף מישקען—זי האָט געזען, ווי זיין פנים איז פאַרענדערט געוואָרן, האָט זיך עפּעס אויסגעלייטערט. נאָר מישקע האָט זי פלוצלונג דער-זען און אַ זאָג געטאָן:

—וואָס שטייסטו, האַ?

—איך שטיי גאָרנישט,—און איז אַרויס.

—יאַן!—האָט באַשקע אַרויסגעזאָגט איין וואָרט.

—וואָס ביזטו אַזוי צעטומלט?

—איך האָב געמיינט... אַז ס'איז שוין נאָך אַלעמען...

—ס'האָט געהאַלטן דערביי... פון אונטערן ביקס אַנט-לאָפן...

ער האָט אָפּגעזיפצט:

און ווען נישט דער חבר,—האָט ער אָנגעוויזן אויף מיש-
קען,—בלייב איך דאָרט.

באַשקע האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן אויף מישקען, האָט בלייך אַ שמייכל געטאָן:

—יאַן... דו ווייסט נאָך גאָרנישט, וואָס דער חבר האָט פאַר אונז געטאָן...

מישקען איז פון די ווערטער געוואָרן אַזוי וואַרעם אין האַרצן. ווען ער שעמט זיך נישט, וואַרפט ער זיך צו דער ערד, צעוויינט זיך, ווי אַ קליין קינד און קושט זייערע ביידנס פיס...

* * *

ס'איז שוין געווען האַלבער טאָג. אין צימער האָט אַריינ־געקוקט ווינטערדיקע כמורניקייט און ווייסע פליטערלאַך האָבן זיך לאַנגזאַם געשאָטן פאַר די שויבן און זיך געגליטשט איבער זיי. דער אויוון האָט געשלאָגן מיט היץ, האָט זיך געפילט אַ דאָרפישער ריח און אַ שטילע געמיטלעכקייט. יאַן איז געזעסן אַ מידער און פאַטראַכטער—באַשקע איז געזעסן אין היטעלע און דעם מאַנטל צעשפּילעט און סאַשע פעלדמאַן, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעקומען—האָט ערנסט און פאַרהוילן זיך צוגעהערט. מישקע האָט זיך געפילט פריי און מיט אַ ציטער אין האַרצן פון תיקון וואָס זיין נשמה האָט איבערגעלעבט. האָט ער דערציילט—דער־ציילט און זיינע קינבאַקן האָבן שטאַרק צוגעקלאַפּט ווען דאָס מויל האָט שטאַרק פאַרקלעמט.

—ווער זאָל זיך עס ריכטן?...—ער האָט זיך ווי פאַרענט-פערט—איך האָב גערעכנט זיי וועלן פאָרן אין „ראַזוועדקע"... זענען אונזערע געווען גרייט. שטייען מיר אויף די גאַסן, ס'איז טויט־שטיל, און מיר שטייען, אָנגעטאָן ווי זעלנער — — — פאַטרולן—הייסט עס... וואַרט מען... וואַרט היינט, וואַרט מאָרגן,—מען זעט נישט און מען הערט נישט... — „קאָזע" — זאָג איך — ס'איז עפּעס נישט גלאַטיק, ס'איז פאַסקודנע... ענטפערט „בערל טשאַפּ": ממה־ם אַן אָביסק, געדויערט עס, אָבער אַזוי לאַנג? „בוכהאַלטער"—

זאָג איך—קום, לאָמיר גיין זען... איך גיי—ער נאָך מיר,ביידע מיט די ביקסן אויף די אַקסלען, אַזוי גלייך, אויסגעצויגן, ווי די אמתע... „בערל טשאַפּ" גייט אויך, און אַביסל אָפּגערוקט—נאָך אַ גרופּע מיט „קאָזען"... און דאָרט שטייט מען און מען היט... קומען מיר צו—נישטאָ קיין „גרוזעוויק", ווערט מיר אין האַרצן אויסגעהוילט—עפּעס אַ פייער ברענט מיר דאָרט... „קאָזע", ס'איז שלעכט... און איך ווער שיעור דערשטיקט... ס'איז מיר אַ ווייטאָק—מיר זענען דאָך ברידער... איר אַזוי, איך אַזוי, אַלע ווילן מיר אַ שענער לעבן... נישט ריכטיק אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין! אַז איך דערמאָן זיך—גיט עס מיך אַזאַ טראָג אונ־טער, אַז איך פּלאַץ שיעור... לויף איך צו, קלינג אָן אין טויער. קלינג און קלינג... אַהאַ! דער קרעציקער הונט עפנט, דער דוואָרניק דערזעט אַ פּאַטרול—שמייכלט ער... „שוין—זאָגט ער—פאַרנומען די פייגל" וואָס הייסט?—פרעג איך, „וואָס זאָל הייסן? שוין אַוועקגעפירט"... „נאָך וואָס זשע—זאָג איך—האָט מען אונז געשיקט"? „ווייס איך?—זאָגט ער—מורא געהאַט ס'וועט זיין ווייניק"—און ער שמייכלט: „אַ סך זיך אויסגעדרייט, נישט גע־קומען היינט, איינע אַ „דיעוויקע" מיט געשוירענע האָר—אַ קראַ־סאַוועצע"—מישקע האָט דערביי נישט אויפגעהויבן די אויגן—אויך נישט געקומען, איך האָב זי געוואָלט פּאַקן... ס'האָט מיר ווי מיט אַ האַמער אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ:—זיין אַרבעט! „וואו זשע זענען זיי?—פרעג איך, און עס קלאַפּט מיר צאָן אין צאָן.—„עהע"!—רופט ער אויס—שוין אַוועקגעפירט צום צמענטאַרזש"—זיי קאָרטשען שוין די פיסלאַך.

מישקען האָט דאָ פאַרשלאָגן דער אָטעם, האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט אַ פויסט אָן טיש, געגעבן אַ דריי מיטן קאָפּ, ווער־גענדיק זיך מיטן אָטעם, זיינע אויגן זענען איצט געווען גרין און שטעכיק, דערזען אַ גלאָז מיט וואַסער, האָט ער אַ זופּ גע־טאָן, געוואָרפן אַ בליק אויף באַשעס דערשראָקן פּנים און אַ שמייכל געטאָן.

„קוקט ער, דער חזיר, אויף מיר, קוקט אייבט אָן פינט־לען מיט די אויגן".

„הער אויס"—זאָג איך צו אים—ביזט דאָך גאָר אַ פלינקער

פויגל, דאָס האָסטו דאָך געגעבן צו וויסן האַ?״—שמייכלט ער,— און קיין צייט איז נישטאָ. „קאָזע״—גיב איך אַ געשריי שוין אויף מאַמע־לשון—פּעץ!

דער הונט האָט זיך דערשראָקן, עפּעס פאַרשטאַנען, ציט ער זיך צוריק אין טויער אַריין—איך, נאָך אים. און קאָזע שטייט שוין דערנעבן. באַץ. אַזש דאָס הענטל איז אַריין אין זיין צעפּוילט האַרץ און ער קוויטשעט! און „קאָזע״ הייבט אָן זעצן מיטן מעסער, פּעסט און טשאָכעט, אַז פונקען שפּריצן. און איך גיב אַ זאָג: חברה, אַרויס!

אַ בראַנד אויף זיי! מיר האָבן געהאַט פאַרשפּעטיקט... שוין געווען נאָך אַלעמען, איך האָב געמיינט, איך ווער פאַר־שרפעט פון ווייטאָק, גיי ווייס!... נאָר נישקשה איינעם האָבן מיר אָוועקגעלייגט.

ער איז אויפגעשטאַנען, דאָס פּנים איז אים געוואָרן דאַ־רער און בלייכער און ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין, אַלע מוסקלען אויפן פּנים האָבן אַ שפּיל געטאָן.

—עס וועט זיי אָבער נישט געשוויגן ווערן! איר וועט זען! ווי די הינט וועלן מיר זיי שניידן! איר וועט זען!...

ער האָט זיך צוריקגעזעצט און דיף אָפּגעאָטעמט:

„זוכן מיר. נישטאָ קיינער, זיי האָבן טאַקע געזאָגט: „מיר האָבן זיי באַגראָבן״ און דער כּעס ברענט, און אין די אויגן שטייען אַזש טרערן פון גרויס פאַרדראָס, אַ שניי שיט, עס ווערט אַביסל העלער און מען דערזעט—אויף דער ערד ליגט אַ דאַמען־הוט, אַ שטיק פון אַ מאַנטל... און מיט אַמאָל דערהערן מיר אַ קרעכץ, בלייבן מיר שטיל, מיין איך—אויסגעדאַכט זיך—מיר רעדן מאַמע־לשון און מיט אַמאָל—איינער רופט זיך אָפּ—

דאָס איז געווען—

ער האָט אויסגעצויגן אַ פינגער אויף יאַנען...

ס'איז געווען שטיל, ווי אַלע וואָלטן דאָס אויפסניי אי־בערגעלעבט, אַלץ איז געוואָרן אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך, און יאַן האָט געקוקט מיט צעטומלטע אויגן. ווי ער וואָלט איצט געזעסן אויפן „גרוזעוויק״.

—ס׳שניידטביים האַרץ... די אַלטע... אַ טויבע יידענע, וואָס האָבן זיי געהאַט צו איר?...

באַשעס אויגן האָבן זיך מיט אַ פייכטער גלאַנציקייט אי־בערגעגאָסן, האָט זי שטאַרק דאָס מויל פאַרמאַכט און קיין טרער איז נישט אַרויס.

אין טיר האָט זיך אַריינגערוקט „קאָזע"—געבליבן שטיין מיט דרך ארץ און מיט שטילע אויגן.

מישקע האָט אים דער ערשטער דערזען:

—עפּעס געשען?

—גאָרנישט... נאָר די הינט האָבן אָנגעהויבן שנאָרכן...

—אויף מאָלדאַוואַנקע?

—יאָ... שוין צופיל פּאַטרולן דרייען זיך דאָ אַרום.

סאַשע האָט געזאָגט:

—און אפשר יאַן, וואָלסטו אַוועקגעפאָרן?

—איך רעכן סיי ווי סיי אַזוי.

—מורא האָבן דאַרפט איר נישט,—האָט מישקע פאַרזיכערט—ווי מיינסטו? האַ? מען דאַרף מורא האָבן?—האָט ער געפרעגט „קאָזען".

קאָזע האָט אַ שמייכל געטאָן:

—ניין... זיי האָבן צו שוואַכע געהירן.

—איך דאַרף אָבער זיין אין קיעוו... איך מוז דאָרט זיין...—האָט יאַן געזאָגט—אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס?

קאָזע האָט זיך אָפּגערופן:

—אַ נאַרישקייט... מען מאַכט עס גאָר פשוט: מען זעצט זיך אויף אויף אַ פור, חברה באַגלייטן.. פאָרט מען צו ביז דער ערשטער סטאַציע, וואו עס געפינען זיך נאָך פעטלורעוועצעס. און היידאַ! גלייך מיטן באַן — — —

—אויב איר ווילט, קען מען עס באַלד מאַכן.—האָט מישקע געזאָגט—איצט איז דריי, אין צוויי שעה אַרום זענט איר דאָרט.

—און איך וואָלט געהייסן וואַרטן ביז מאָרגן—האָט באַשקע געזאָגט.

—פאַרוואָס עפּעס?

—ווייל היינט וועלן זיי אַכטונג געבן אויף די וועגן.

— „נאַפּליעוואָט״!—האָט מישקע אויסגעֿרופן,—אויף מיין אחריות. „קאָזע״! פּאָרסט מיט?
—פּאַרוואָס נישט?
דאַן האָט זיך יאַן מיט סאַשקען אָפּגערוקט אָן אַ זייט און עפּעס אָנגעהויבן רעדן. יאַן האָט געבעטן אַנטשולדיגונג און מישקע האָט געשמייכלט: עס מאַכט נישט אויס, ביטע. „קאָזע״ איז אַוועק „אַלץ איינאָרדענען״ און מישקע מיט באַשקען זענען אַרויס אין דער מיטלסטער שטוב.
אין דער מיטלסטער שטוב איז קיינער נישט געווען, אויסער זיי. מישקע האָט זיך געזעצט אין איין זייט טיש און באַשקע אין דער צווייטער זייט, ביידע האָבן געשוויגן, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן, און ביידנס אויגן האָבן געקוקט מיט וואַרעמקייט און אַנטציקונג. מישקען איז עפּעס שטאַרק גרינג געווען אויפן האַרצן, און עס האָט זיך אים לייכט און טיף גע־אָטעמט.
מיט אַמאָל איז באַשקע אויפגעשטאַנען, גאָרנישט געזאָגט, צוגעגאַנגען האַרט צו מישקען, אַרומגענומען זיין קאָפּ—ער האָט שטאַרק אַ ציטער געטאָן און האָט פאַרמאַכט די אויגן, איינגע־האַלטן דעם אָטעם אין דערפילט אירע ליפּן אויף זיין פּנים.
ער איז געווען פאַרלוירן אין זיסער מידקייט פון חלום. אַלע נערוון אין אים האָבן געציטערט פון עפּעס אומערדישעס, דערהויבענעס און ליכטיקעס, האָט ער מורא געהאַט די אויגן צו עפענען.
ער האָט מיט ביידע הענט געהאַלטן איר האַנט און זי כסדר געקושט מיט ציטערנדיקע ליפּן...

* * *

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, „קאָזע״ איז צוריקגעקומען. ער איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ קרעמער, מיט אַ וואַטאָוון פּיד־זשאַק און ווינטער־היטל. יאַן איז אַרויס פון צימער אין אַ פּו־טער און אַ קאַראַקולן היטל, מיט ברילן. באַשקע האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ פרעמדן, געקוקט און געשמייכלט. זיי האָבן זיך געזעגנט, זיך צעקושט, מישקען האָט עס נישט פאַר־

דראָסן, אים איז געווען גוט צו קוקן, ווי באַשקע היט זיך נישט פאַר אים. ער אַליין האָט זיך אויך צעקושט מיט אים. יאַן האָט לאַנג געדריקט זיין האַנט און אַזוי גוט געקוקט אויף אים. שוין לאַנג, אַז אַזאַ בליק האָט זיך אויף אים נישט אָפּ־געשטעלט—דער בליק איז געווען ענלעך צום בליק פון די קראַנקע, וועמען ער האָט געלד געגעבן — נאָר ס'איז פאָרט נישט דאָסזעלבע.

ווען אַלע זענען אַוועק און ער איז געבליבן אַליין, האָט ער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער, געשפּאַנט אין איין אָטעם און דאָס האַרץ איז ענג געוואָרן צו דערהאַלטן אין זיך דעם גרויסן גליקלעכן סוד...

—דודקע... דודקע...—האָט ער זיך אַליין געחזרט.

מיט אַמאָל האָט אים איבערגעריסן גיטל די מוידס שטים:

—זע נאָר... ווי אַ משוגענער לויפט ער אַרום...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן איר, געקוקט אויף דער פרעמדער מויד, זיך דערמאָנט און אָנגעהויבן רעדן, ווי צו זיך אַליין:

—וואַרט צו... וועסט זען, גיטל... וועסט זען, וואָס מיש־קע איז... וועסט זען, וואָס איך וועל באַווייזן... עס וועט נאָך זיין גוט... גיטל... עס וועט נאָך גוט זיין...

—יאָ... גוט זיין... גיי, גיי, מיט דיינע ליגנערישע רייד... די קוקסט זיך דאָך נישט אום אפילו... איך וועל נעמען דעם „בוכהאַלטער” און אַ סוף...

—וואָס?...—ער האָט מיט ווייטאָק און עקל אַ קוק געטאָן אויף דער נאַרישער מויד, וואָס פאַרשטייט נישט, וואָס מען רעט צו איר.—טפו! האָט ער אויסגעשפּיגן און זיך אָפּגעקערט פון איר, נאָכלאָזנדיק אַ וואָרט:

—אָקס!

—אודאי... מיינסט, איך האָב נישט געזען?

—וואָס האָסטו געזען?

—איך וויים... אָט די געשוירענע מויד האַלט דיך אין די קלעטע געס.

—שאַ! אָקס!

—זע נאַר, זע... וואָס האָסטו זיך באַליידיקט? זי איז שוין איינמאָל אַ „שטוטשקע"!

מישקע האָט דערפילט אַ פּלאַם האָט אים אַ ברי געטאָן. האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און זי דערלאַנגט אַזאַ שטויס, אַז זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, צוריקגעפאַלן און זיך אָנגעשלאָגן אָן טיש.

—דו, צויג! דו זאָלסט נישט סמעיען!... הערסטו! זאָלסט נישט סמעיען!

די מויד האָט שטאַרק געגלאָצט מיט די אויגן.

—כ'וועל דיך דערהרגענען! זאָלסט נישט סמעיען! דו געמיינע צויג!—און זי ווידער אַ זעץ געטאָן, און זי האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן קוויטש.

—וואָס איז דאָ, וואָס?—האָט די פּישעליכע געעפנט די טיר.—שוין לאַנג שטיל געווען. וואָס איז שוין ווידער?

—נעמט זי צו פון דאַנען, די בהמה!... שוין זאָל זי אַרויסגיין!

די אַלטע האָט געקרעכצט און געטרעטן מיט דריבנע, שווערע טריט. דאָס פּנים אירס האָט זיך אָנגעגאָסן מיט טונקל בלוט און די אויגן האָבן איר אַרויסגעזעצט פון פּנים אַרויס.

—גיי שוין אַרויס, גיי... בהמה דו! מויד! גיי אַרויס!—

האָט די אלטע גיטלען געשטופּט אין אַקסל. די מויד האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און איז אַרויס שווייגנדיק.

—אַז ווער טשעפּעט זי? האַ? איר ווייסט דאָך, אַ ווייב האָב איך, אַ קינד האָב איך, איז וואָס זשע דרייט זי אַ קאָפּ? האַ?

—ווער זאָגט דען? ווער זאָגט דען?—האָט די פּישעליכע בייז געוואָרקעט.—און נו! אַ ניי אָנשיקעניש...

די אַלטע האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר עס זענען אַריין דער „אַדוואָקאַט" מיטן „בוכהאַלטער", האָט די אַלטע גענומען שמייכלען און ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען: זי האָט געוואוסט, אַז ווען די ביידע פאַרשוינען קומען זיך צוזאַמען, וועט זיך באַלד דאָ אָנהויבן אַ „זאַסעדאַניע", דאַרף מען צוגרייטן בראָנפן מיט פאַרבייסן.

—אָט גיי איך—האט זי אַרויסגעקרעכצט—הייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר.

קאַפּיטל פינף

די משונהדיקע הילפלאָזע געשרייען אין שוואַרצע פוסטקייט, דער לעצטער שוידערלעכער קרעכץ פון דער אַלטער טויבער יידענע—זענען נישט אייגנעזאַפּט געוואָרן אין דער פינצטערער נאַכט. מיטן פרימאָרגן האָבן זיי זיך צעטראָגן איבער די גאַסן און שרעק און פאַרדראָס באַזעצט אין טויזנטער אויגן.

אין הייזער און אין גאַס האָט מען זיך געשושקעט. מאָלדאַוואַנקע האָט געקריצט אינדערשטיל מיט די ציינער. צווישן אַרבעטער און פאַבריקן האָט אַ פינסטערע, פאַרביטערטע עקשנות זיך אַראָפּגעלאָזט. די געזאַנגען ביי דער אַרבעט זענען געוואָרן טרויעריקע און בייזע, די לידער האָבן געוואָרנט און צום קאַמף גערופן—אין צענטער האָט עפּעס שווערעס אויף די הערצער זיך אָנגעזעצט און אין די קליטן איז מען געשטאַנען בלייך און פאַרחושכט מיט פרעמדער שרעק.

די רויטע אַרמיי האָט שוין פאַרנומען קיעוו און זיך גערוקט אין דער ריכטונג אויף אָדעס. מען האָט דערציילט, אַז די פּעטלורעווצעס שטעלן זיך נישט אַנטקעגן. זיי גייען איבער מאַסנווייז צו די רויטע און אַז פּעטליורע אַליין איז שוין אַנטלאָפן קיין גאַליציע.

און מיט אַמאָל האָט עפּעס שוידערלעכעס אַ שלאָג געטאָן און די שטאָט האָט אין ציטער אַ קרעכץ אַרויסגעלאָזט: די וועגן, וואו פּעטליורע איז דורכגעגאַנגען, אָפּטרעטנדיק, זענען פאַרגאָסן מיט יידיש בלוט, אין די שטעטלעך וואַלגערן זיך הרוגים און יידישע פרויען זענען געשענדט און אין שגעון פאַרזונקען.

נאָך אַ צייט פריער האָט מען געהערט וועגן די שרעקלעכע פּאָגראָמען: פּעטליורעס קאָזאַקן האָבן אַלע שטעטלעך רצ-

בירט, די דורכפאָרנדע עשאַלאָנען זיינע האָבן יידן אויף די סטאַציעס געפייניקט, געשמיסן און געשאָסן, געשטיקט און גע-וואָרגן, נאָר איצט איז עפּעס אַ גרויל, אַן אומפאַרשטענדלעכער, אכזריותדיקער גרויל געקומען: די פּעטליורישע דירעקטאָריע, וואָס איז אַנטלאָפן פון קיעוו, האָט זיך באַזעצט אין וויניצע, די שטאָט—פון וואַנען די וועגן פירן קיין גאַליציע און וואָלין, און אויף דעם גאַנצן שטח זענען איצט פאָרגעקומען שלאַכטן, דאָס לעצטע ביסל מיליטער, וואָס איז געבליבן ביי דער די-רעקטאָריע—איז געוועזן געטריי און ווילד, בלוטדורשטיק און, ווי חיות, צערייצט. די „סעטשעוויקעס" און „היידאַמאַקעס" האָבן זיך ביז שגעון צעהוליעט. אויפגעוואַכט האָט אין זיי דער פינצטע-רער ווילדער בלוטדורשטיקער גייסט פון אוקראַינער גזלן כמעל-ניצקי, און זיי האָבן געמאָנט בלוט צו פאַרטרינקען דעם שד אין זייער האַרצן. די דירעקטאָריע האָט אָפּגעטרעטן און זייערע צעווילדעוועטע חיות צוגעוואָרפן די יידישע באַפעלקערונג פאַר אַ קרבן. איצט האָט די דירעקטאָריע איבערגעגעבן די גאַנצע מאַכט פּעטליורען און עס זענען אויפגעשטאַנען די בלוטיקע צייטן פון שנת ת"ת.

איבער דיברייטע אוקראַינישע פעלדער שטייען שטעט און שטעטלעך אין פלאַמען. גאַנצע טעג כוואַליעט שוואַרצער רויך איבער די וועגן, און גאַנצע נעכט פלאַמען בלוטיק די הימלען פון אוקראַינע. און אין די פלאַמען שטאַרבן אָפּ טויזנ-טער געשרייען און לעצטע קרעכצן פון מענער און פרויען. וואָלקנס שפּרייטן זיך איבער די פעלדער פון אוקראַינע און הרוגים וואַלגערן זיך אויף די וועגן—וואַלגערן זיך יידן מיט שוואַרצע און גרויע בערד און מיט אָפענע שאַרבנס און ביי-כער. ליגן פּנימער מיט ליידיקע לעכער פון אויגן, וואַלגערן זיך פרויען מיט אָפּגעשניטענע הענט און ברוסטן און הונגעריקע הינט גריזשען קינדישע הענטלעך און פיסלעך.

קוילערט זיך די בראַנד איבער פּראָסקוראָוו, פעלשטין, באַל-טאַ, זשיטאָמיר און אַנדערע שטעט. אָרגאַניזירט האָט זיך פּעטליו-רעס ביסל חיל אין אַ פּאָגראָם-צוג. גייט דער צוג, בראש גייט

דער מערדער אַטאַמאַן סימעסענקאָ — פּעטליורעס רעכטע האַנט, און ער פירט דורך די שחיטות, באַטראַכט, רואיק און שטיל. לאָזט ער נישט פּטרן די צייט מיט ראַבעווען—דאָס וועט דערנאָך אויך נישט אַנטלויפן—פריער דאַרף מען אַלע מענטש-לעכע יידישע לעבנס אויסשחטן.

סימעסענקאָ האָט זיך אָבער געמוזט איילן. ווי אַ באַנדע צעווילדעוועטע הינט, איז ער מיט זיין מחנה געלאָפן פון רויטן מיליטער, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט, האָט ער נישט באַוויזן אַלע אויסצושחטן, ער האָט אָבער באַוויזן זיך אָפּצורוקן אויף אַ גע-העריקן שטח און קומען קיין פּראָסקוראָוו.

אין פּראָסקוראָוו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דאָרט אָרגאַניזירט אַ שחיטה, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע צוויי מעת לעת—דעם 14 און 15 פעברואַר 1919.

דאָרט האָט ער בהרחבה זיך צוגעגרייט צו דער שחיטה, אַרויסגעלאָזט פריער אַ באַפעל צו „פּעטליורעס זאַפּאָראָזשער קאָ-זאַקן-בריגאַדע פונם אוקראַאינישן רעפּובליקאַנישן מי-ליטער”, זיי זאָלן אַרויסווייזן זייער געטריישאַפט צו דער רע-פּובליק און אויסקוילענען די יידן. האָבן זיך די זאַפּאָראָ-זשער גענומען צו דער שחיטה, סימעסענקאָ אַליין פירט אָן מיט דער גרויסער הריגה, און צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געשחטן יונג און אַלט, פרויען און קינדער, מען האָט זיי גע-שאָסן, געשטאָכן און אברימווייז געשניטן, אין די קעלערס ברויזט וואַרעם בלוט, אויף בוידעם און טרעפּ רינען רויטע ריטשקעס, אין די גאַסן וואַלגערן זיך צעשניטענע און די שטיי-נער זענען רויט געפאַרבט. אַזוי האָט מען אויסגעקוילעט איבער 6000 נפשות און נאָכדעם—האָט מען זיך גענומען ראַבירן דאָס פאַרמעגן.

אַ ווילדער טומל הענגט איבער דער שטאָט. מען טראָגט מלבושים פון הייזער, סחורות פון קלייטן, איינער כאַפּט פון צווייטן, לייגט מען עס אויף פורן, און מעבל ברענט מען, און בעטגעוואַנט צערייסט מען, און מיט אַמאָל—אַ רויך נעמט זעצן פון אַ הויז, און עס באַווייזט זיך אַ ייד אויפן גאַס, ער לויפט

מיט משוגענע אויגן און בלייבט פלוצלונג שטיין—זיינע אויגן זענען שטיקלעך שטיין—און ער נעמט ווידער לויפן, ווערט א פייפעריי, א לויפעריי, לויפט מען פון אלע זייטן. קוויטשעט עפ אין לופט, איז עפעס א בהלה און צעמישעניש, דער ייד לויפט הין און צוריק—מיט א געצויגענעם קאפ צווישן די אקסלען, א שיסעריי פון אלע זייטן. געשרייען פארטויבן, און דער ייד פאלט מיט א קלאפ אויף דער פלייצע. פון מויל און פון נאז שטראמט שווארצלעך-רויט, ער שטרעקט די הענט און זיינע ליפן ציטערן, דאס מויל איז אפן און די אויגן דרייען זיך—און די זאפאראזשער רינגלען אים ארום. ס'איז א קוויטשעריי, א שפרינגעריי, איינער האט אויסגעצויגן א קלאניצע, געגעבן א צי אי-בערן שטערן—טשאך! עס האט א בראך געטאן, עס גיט א בליץ ווייס און רויט, נאך א צי—דער שארבן קוילערט זיך אין שטי-קער איבער שטיינער—ארום ברעכט-אויס א געלעכטער—דער צע-בלוטיקטער ציטערט ווי א ספרענזשינע נאכן קלאפ...

רייסט זיך פלוצלונג ארײן א שכור:

—לאזט... לאזט מיך...

ער האט געכאפט דעם הרוג ביי ביידע הענט, ציט אים, ציט, שטעלט ער זיך אויף מיט אן אפענעם ליידיקן קאפ, אין מיטן אבער האט ער אים געגעבן א לאז אפ, פאלט ער מיט א טשאך! ווי א צעווירענע מאסע—ברעכט ווידער אויס א געלעכטער.

צעשפילט זיך איינער אויף א קאטארינקע, א יונגער זאפא-ראזשעץ לאזט זיך אין טאנץ, טאנצט ארויף אויף דעם הרוגס בויך, זעצט זיך אויף די קנאפל אלע ווילע מיט א קוויטש, כאפנדיק זיך דא מיט דער, דא מיט דער צווייטער האנט ביים היטל, גיט זיך א גליטש און פאלט—הילכט ווידער א געלעכ-טער...

האט אדעס אויפגעכאפט די אלע מוראדיקייטן, און „פריי-וויליקע" האבן געווארפן שטעכיקע בליקן, געשנאפט מיט די נאזלעכער:

—גוט... גוט... „מאלאדצי"!

—נישקשה... מיר וועלן עס נאך בעסער מאכן!...

—אַז די שטיינער וועלן ציטערן!...

און דערווייל האָט מען איבער די נעכט יידישע אַרבעטער געכאַפּט, זיי צום בית-עולם געפירט—קריסטלעכע—אין „ראַזוועד-קע"—האָבן יענע זייערע לעצטע געשרייען געלאָזט ביים בית-עולם און נאַכט, און די אַנדערע האָבן געקרעכצט אין די שטילע צימערן פון „ראַזוועדקע" און מיט צעגליטע אויגן פון געשוואָ-לענע פנימער געקוקט...

אין שטאָט איז אויסגעוואַקסן אַ בלינדער יאָמער, וועלכן קיינער האָט נישט געזען, נאָר אַלע האָבן אים געהערט און געפילט.

און ס'איז שוין געווען חודש מאַרט. די רויטע אַרמיי האָט שוין געהאַט פאַרטריבן די פּעטליורעווצעס פון גאַנץ אוקראַינע, און דער אַטאַמאַן גריגאָריעוו, וואָס איז מיט זיין אַרמיי אַוועק פון פּעטליורען צו די רויטע, האָט געפירט די דרום-אַרמיי אויף אָדעס.

אין שטאָט האָט זיך שוין געפילט די נאָענטקייט פון פראָנט:

אויטאָמאָבילן זענען געלאָפן איבער די גאַסן אין איין אָטעם. געלאָפן זענען זיי אָדער צום וואָקזאַל אָדער פון וואָקזאַל. די אויטאָמאָבילן האָבן געפירט קאַסטנס און קעסטלעך. די קעסט-לעך האָבן זשוואַווון מיט ביקסן געהיט. און אָפט האָט מען גע-טראָפן, ווי גריכן גייען מיט שווערע „ראַנצעס" און מיט צע-שראָקענע, פאַרוואונדערטע, פינצטערע אויגן. דידאָזיקע שרעקנ-דיקע פאַרשווינדלעך האָבן ערשט איצט דערפילט, אַז זיי זענען אַהער נישט געקומען רוען, זענען זיי געגאַנגען מיט מידע טריט און זיך נישט אויפגעהערט וואונדערן:

—וואָס זשע?... ווייטער פראָנט? ווידער שלאַכטן?...

* * *

מיט אַמאָל האָט דער ווייטיק אַרויסגעשלאָגן. די אַרבע-טער האָבן אָנגעהויבן שרייען צווישן זיך. שטאָט האָט זיך אַ וויג-געטאָן און די מענשעוויסטישע פירער פון די פראָפעסיאָנע-

לע פאַרייגען האָבן זיך דערשראָקן: אין די פאַריינען זענען גע-קומען גרויסע גרופעס אַרבעטער, אַלע האָבן געקוקט מיט צע-גליטע אויגן און פאַרביסענע פּנימער און די שטימען זענען געווען איינגעהאַלטן און פאַרביטערט:

—וויפיל איז דער שיעור?

—אַרבעטער ווערן דערשאָסן אָן משפט!

—ווי די הינט, שטיקט מען אונז!

—אונזער לעבן איז הפקר!

—וואָס שווייגט איר? איר, אַרבעטער-פאַרזאָרגער״?!...

און בריוו זענען אָנגעקומען פון די פינצטערע „ראַזוועד-קע״-קאַמערן, פאַרביסענע, טרערנלאָזע ווי-געשרייען, וואָס האָבן געפאָדערט אַן ענטפער—און מיט אַמאָל האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס וואָרט: „שטרייק״.

די מענשעוויסטישע פירער האָבן געקוקט מיט צעטומלטע אויגן און געהערט די בייזע רייד פון די גרופעס אַרבעטער—תּאָבן זיי גלייך מסכּים געווען. און אפשר האָבן אויך די מענטשן דאָס געדולד פאַרלוירן... האָט דער צענטראַל־ראַט גע-רופן אַ פאַרזאַמלונג פון די פאַרשידענע פאַריינען, האָט מען אָנגעפילט דעם זאַל—און מען האָט גערעדט קורץ, אַנטשלאָסן און מיט פינצטערקייט אין די אויגן. מען האָט נישט גערעדט וועגן עצם שטרייק—נאָר ווי אַזוי אים דורכצופירן. און אַרויס-געשטעלט האָט מען די אומבאַדינגטע פאָדערונגען:

1) צונויפרופן תּיכּף דעם שטאָטראַט, וואָס איז דורך דער מאַכט פאַרנאַנדערגעלאָזט געוואָרן.

2) נישט שיסן אָן אַ משפּט.

3) שאַפן ביים שטאָטראַט אַ יורידישע קאָמיסיע, וואָס זאָל קאָנטראָלירן די אַרעסטן און אַרעסטירטע, און

4) אַרויסגעבן פּינקטלעך די ברויט-ראַציאָנען.

און מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן אין שטאָט—מען איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי און געטראָפן ליידיקע גאַסן — קיין טראַמווייען האָבן זיך נישט געוויזן. פון די הויפן איז מען גע-לאָפן פאַרצערט מיט ליידיקע עמערס אין די הענט, נישט גע-ווען שוין קיין וואַסער אין די הייזער. אין גאַס, ביי דעם

טאָפּלטן קראַן פון די פייערלעשער, זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט לאַנגע רייען, מיט קענדלעך און טשייניקעס אין די הענט, פרויען און מענער, קינדער און עלטערע. און דער פראָסט איז שטאַרק און טרוקן. און די צוויי קראַנען פלייצן מיט ברייטע שפּריצנדיקע שטראָמען. טראָגט מען אונטער אַ קענדל, גיט עס אַ שפּריץ און דאָס וואַסער בלעזלט שוין אויף דער אויבערפלאַך אין דער הויך און ריטשקעלעך לויפן אַרום אין די זייטן, שפּריצנדיק אויף די פיס און הענט—און די רייע איז לאַנג. פרויען קרעכצן פון קעלט, מענער רייבן די פינגער אין פּאַלטאָ און די, וואָס שטייען הינטן, זענען אומגעדולדיק. דאַכט זיך, די שטראָמען זענען שוואַכער געוואָרן. אָט, אָט—וועט אויך דאָ קיין וואַסער נישט גיין.

און די נעכט פאַלן צו שוואַרצע—בלינדע. נישטאָ קיין לאַמטערן, עס ברענט נישט קיין ליכט—די גאַסן ליגן, ווי פינצטערע היילן. פון פענצטער בליקן קליינע טונקל-רויטע פלעמלעך, ווערט פאַרנאַכט—שפּעט נאַכט, ווערן די טירן באַלד פאַרמאַכט. שטייען „דעזשורנעס" ביים טויער, בייט מען די „דעזשורסטווע" און יעדער אָוונט ברענגט אַ סך „נאַלאָטן"—און יעדן מאָרגן ליידיקט מען אויס די טישלאָדן אין די קלייטן... עפנט מען נישט די קלייטן. די, וואָס עפענען, איז נאָר אויף אַ פּאָר שעה—איז עפּעס געוואָרן ליידיק די שטאָט. ליגן דערשראָקן די גאַסן און די הייזער קוקן מיט פּחד.

און אין דער שרעק האָט זיך צעשמעקט מיט יום-טובדיקער שטימונג. ערוואַרט מען עפּעס מיט אומגעדולט. איז מען הייטערער: מען איז נאָך נישט הפקר אינגאַנצן! אַהאַ! ווי הערלעך די פינצטערקייט האָט די שטאָט איינגעהילט! פינצטער—און טוט וואָס איר ווילט!... זענען אַרבעטער אַרויסגעגאַנגען מיט געהויבענע קעפּ. אפילו די קלייטניקעס האָבן געשמייכלט מיט פאַרדראָס:

—און ווערמען שיסט מען ס'רובֿ?—יידן!... זאָלן זיי זשע וויסן...

און מענשעוויקעס זענען געגאַנגען מיט ליכטיקע פּנימער און געהויבענע קעפּ:

—אָט וועלן מיר זיי ווייזן, וואָס מיר קאָנען...

דריי טעג האָט זיך דער שטרייק געצויגן און די אָפּיצירן זענען געוואָרן צעטומלט און זיך פאַרלוירן. האָבן די פּראַנצויזן זיך דערשראָקן, האָט מען זיך באַראַטן, דער גראַדאָנאַטשאַלניק האָט מסכים געווען—איז צוגויפגערופן געוואָרן דער שטאָטראַט און באַשטימט אַן „אויספאָרשונג".

נאָר אין דער ערשטער נאַכט, ווען די עלעקטריע האָט זיך צוריק אָנגעצונדן און די טראַמווייען זענען שוין געשטאַנען גרייט אַרויסצוגיין צומאָרגנס—האָט די שטאָט אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן: יענע נאַכט זענען אַ סך מאַגאַזינען אויפגעריסן געוואָרן, פון די שטאָט-סקלאַדן זענען אַ סך צוקער מיט טיי אַוועקגעקומען, און אַ סך „באַלאָטן" זענען אין הייזער געשען. צוויי רייכע לייט, וואָס האָבן געפּרוווט רופן נאָך הילף, זענען אין זייערע גרוימע שטיבער דערשאָסן געוואָרן און אינדערפרי זענען אויף פּרעאָבראַזשענסקי געלעגן עטלעכע דערשאָסענע אָפּיצירן.

האָט די שטאָט זיך אַ וויג געטאָן. אַ סך האָבן אויפגעהערט צו עפענען די קלייטן. די מאַכט האָט זיך נישט אַריינגעמישט—שוין צו נאָענט זענען גריגאָריעווס מחנות געשטאַנען קעגן די פראַנצויזן און גריכן. די ערשטע שאָסן זענען שוין געפאַלן, און די מאַכט איז צעטומלט געוואָרן.

דער פראָנט איז געשטאַנען גרייט. די פראַנצויזן האָבן זיך אָבער געהאַלטן אָן דער זייט, מיט שנאה געקוקט אויף די רוסישע אָפּיצירן. די גריכן האָבן געשוויגן און שטאַרק זיך געשראָקן—ביים ערשטן צוזאַמענשטויס האָבן זיי געוואָרפן די ביקסן, זיך געוועצט אויף די קניען און מיט אויסגעשטרעקטע הענט געשריגן צו די פאַרטיזאַנער מיט די רויטע בענדלעך אויף די היטלען:

—באָל-שע-וויק! באָל-שעוויק!—און זיך געשלאָגן מיט דער פויסט אין האַרצן.

נאָך דעם ערשטן קליינעם צוזאַמענשטויס, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן צו דער פאַרפעסטיקטער ליניע, אַ וויאָרסט צוואַנציק פון שטאָט.

די זשואַוון האָבן דרך-ארצדיק געקוקט אויף די פראַנצויזן

און זיך שטאַרק געפּוילט. זענען זיי געלעגן אין די דערפלעך, געשטאַנען ביי דער ליניע און געשמייכלט: עפּעס אַ מאָדנער שונא—אָט שטייט ער, מיטן אויג צו דערגרייכן, און שיסט נישט. שטייט זיך דאָרט אַ שונא, שטייט און שווייגט, און גאָרנישט. אַלע ווײַלע גייט איינער מיט אַ ווייס פענדל—עפּעס אַזאַ פריי-לעך פּנים, טרעפט ער זיך מיטן פראַנצויז, דערלאַנגט אים אַ פּאַקעט און גייט צוריק. עפנט דער פראַנצויז און שלעפּט אַרויס ווייסע פּאַפּירלעך מיט פראַנצויזישע געדרוקטע אותיות.

שטייט מען, און פאַרנאַכט נעמט מען זיך אַרויס די אויגן—שמייכלט מען, פאַרטראַכט מען זיך...

ווער זשע וועט איצט אין זינען האָבן די שטאָט?

—צו אַלדע שוואַרצע יאָר! מען ראַבעוועט?—זאָל מען ראַבעווען!

האָט מען געראַבעוועט, מאָלדאַוואַנקע איז געוואָרן אָפּגע-צוימט פון צענטער. אָפּיצירן האָבן אַמאָל געפּרוווט אַהין אַריינ-דרינגען—האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שיסעריי. זענען זיי אַוועק, אויסגעשפּיגן און גאָרנישט גערעדט. שפּייט מאָלדאַוואַנקע אַלע פאַרנאַכט אַרויס פאַרשידענע זעלנער, פראַנצויזן, גריכן און פרייוויליקע, גייען זיי אין פּאַטרולן מיט ביקסן. מאַכן זיי אָביסקן און די קאָסעס מיט די שיפלאָדן ווערן אויסגעליידיקט. טרעפט זיך אָן פּאַטרול מיט פּאַטרול, ווערט אַ שיסעריי, ווערט אַ צעטומלעניש, צעלויפט מען זיך, אַמאָל בלייבט ליגן אַ פאַר-וואונדעטער.

איז די שטאָט געוואָרן אָפּגעשלאָסן פון אינעווייניק און פון דרויסן, שטייען אַלע קלייטן פאַרמאַכטע, און מיט יעדן אָוונט פאַרמאַכן זיך די טויערן, איז קיין ברויט נישטאָ. לויפט מען איבער די קורצע טעג אין די רייען פאַר די בעקערייען, שטייט מען לאַנגע שעהן. באַקומט מען אַ ברויטל, איז עס מעל מיט אַרבעס געמישט. און מיט יעדן מאָרגן זענען איבער גאַסן צעקלעפּט נייע אויפרופן פון דער „אָרגאַניזאַציע“—איז מען אין זיי מודיע: „בירגער! בונטעוועט אייך נישט! איר וועט קעגן פּראָלעטאַריאַט גאָרנישט מאַכן. די פראַנצויזן וועלן נישט שיסן. טאָ האָט חרטה, כל זמן ס'איז צייט...“ טיילט מען מיט די

פראַנצויזן: „אייערע ברידער אין פראַנקרייך פּראָטעסטירן קעגן די בלוטיקע מעשׂים אייערע.—איר גייט שיסן אייגענע ברידער... געדענקט זשע—אייער פּראָלעטאַריאַט וועט עס אייך נישט מוחל זיין". און ביי די פּאַרפּעסטיקטע פּאָזיציעס ליגן גריכן, ליגן רואיק און שמייכלען... אַנטקעגן שטייען רויטע פּאַרטיזאַנער, זינגען זיי טרויעריקע, נאָר מוטיקע לידער אין פּאַרנאַכס אַריין, און איבער די „פּאַרפּעקטיקטע" פּאָזיציעס הייבט עס אָן רוישן. ליגן פראַנצויזן, דערשרעקן זיי זיך נישט. זיי ווייסן: באָלשעווי-קעס וואַרפן נישט קיין באָמבעס פון די אַעראָפּלאַנען. הויבן זיי אויף די קעפּ, קוקן, קוקן. אָט פליט ער, דער „חברה-מאַן". ביין, ער שיסט נישט... און מיט אַמאָל הייבן אָן פאַלן עפּעס ווייסע, פירעקעדיקע, לענגליכע, פאַלן און דרייען זיך אין לופטן—אַרויף, אַראָפּ, אַרויף, אַראָפּ, און מיט אימפּעט אַ יאָג ביז דער ערד—אַן אָנגעלויף פון ווייסע בלעטלעך.

כאַפּן עס די פראַנצויזן, יאָגן זיך נאָך זיי די גריכן, רוקט מען זיך צונויף אין רעדלעך, לייענט מען. אַ פראַנצויז לייענט פאַר אַלע דורך דער נאָז. באַטאָנט ער, שטרייכט אונ-טער, און עס בלאַנדזשען זאַצן: „ברידער קעגן ברידער!" „צו-ליב וואָס פּרירט איר דאָ אויף פרעמדער ערד?" „וועמען דינט איר, פראַנצויזישע אַרבעטער און פּויערים?" „איר פאַרגיסט אייער בלוט פאַר פּריצים און באַדריקער! קעגן וועמען קעמפּט איר—קעגן באַדריקטע" „אינדערהיים שטאַרבן אייערע פרויען און קינדער פון הונגער".

הערט מען און מען שאָקלט צו מיט די קעפּ, שמייכלט מען און מען שפּייט אויס מיט כעס...

גייט פאַרביי אַ רוסישער אָפיציר, מאַכט ער זיך נישט הערנדיק. גייט דורך מיט אַ שטאָלץ געהויבענעם קאָפּ, גיט אַ זשוואַו אַ גלאַנץ מיט די אויגן, אַן עפן די ליפּן און אַ גלאַנץ יאָס די ציין. שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט עפּעס אַ ווערטל.

צעלאַכט מען זיך...

ציען זיך קאַלטע, נאַקעטע, הוילע טעג, פאַלט אַ שניי און הערט אויף. ווערט נאַכט און ווידער שטיל—שטייט מחנה קעגן מחנה אין קאַלטע שטילע ווינטער-טעג...

עס זענען געשטאַנען קלאָרע לבנה־נעכט. די גאַנצע געגענט אַרום איז געלעגן פאַרזאָרגט. די שטילקייט איז געווען אַ דורכזיכטיקע און ווייטן גיסן זיך צענויף, ווערן באַהעפט — ביי דער סטאַציע איז געלעגן דער לאַגער פון די גריכן און פראַנצויזן צוזאַמען מיט „פרייווויליגע" אָפיצירן. די „פאָסטענס" זענען געשטאַנען אויף זייערע ערטער, און שטיל איז אַרום. אָפיצירן שפּאַנען שווייגנדיקע און פאַרטראַכטע, גייען פאַרביי די פראַנצויזן און קוקן נישט אויף זיי — עפּעס איז אַ טרויעריקע בענקשאַפט און זייערע הערצער, טראַכטנדיק פון היים און קינדער... און דאָרט פון ווייטן ליגט די מחנה פון שונא. דאָ איז שוין נאָך דער וועטשערע, וואָס איז דורכגעגאַנגען שטיל, געלאַסן. דאָרט אָבער איז אַגערודער — עס ברענען פלאַקערן, געשרייען, פריילעכע, ציענדיקע, אַטומל — און דערנאָך — ווערט שטיל, איינער עפּעס רעדט דאָרט — שווער צו הערן יענעמס רייד—נאָר אַלע ווילע רייסט זיך אַרויס אַ הוראַ! וואָס קאָלערט זיך אין לײדיקייט מיט רעש. און מיטאַמאָל גיט אַן אָרקעסטער אַ שלאָג אויף מיט פריילעכקייט אין נאַכט אַריין. די פריילעכקייט איז געמישט מיט עטוואָס טרויער און קלינגט מיט מוט און קראַפט — עס שאַלט און עס רופט — זיך צונויפזאַמלען צום פונקט... מען שפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל...

שטייען פראַנצויזן, און בויערן מיט אויגן אין ווייטקייט, שפּיצן זיך אויס אויערן און עס גלוסט זיך מיטזינגען... ס׳איז דאָך דער אינטערנאַציאָנאַל! נאָך אין פאַריז האָט מען אים דאָך געזונגען ביי די דעמאָנסטראַציעס — און עס טראַכט זיך מיט באַנג וועגן עלענדע אויעגעהונגערטע קינדער און בלייכע טרויריקע ווייבער — אָב: ווי לאַנג איז שוין פון יענע דעמאָנסטראַציעס? ווי לאַנג מען איז שוין פון דער היים. איז וואָס זשע? האַ? וואָס זשע שטייט מען דאָ אין קעלט? וואָס זשע טוען דאָרט אַלטע עלטערן? ווערט היימיש און ענג אין האַרצן...

און גריכן באַקומען פאַרשאַרפטע פרומע פנימער: דאָרט איז אַזוי פריילעך. דאָרט איז אַזאַ גערויש. ווערט מען קליין ביי זיך, זינקט מען אַראָפּ און מען ווערט נידעריקער.

אָט! מען שפּילט די מאַרסעליעזע. די פראַנצויזן האָבן

באַקומען ליכטיקע שמייכלענדיקע פּנימער. ווי משפחה דערווען, און ווידער רופט עפּעס אַ ווייטע שטים, און ווידער דונערט עס מיט הוראַ! הור־ר־ר־א!

ס'איז שטיל געוואָרן. דאָרט זינקען די פלאַקערן, שפּרינגען אויף, לעקן אַרויס מיט צונגען און פאַלן צוריק. און די שטילקייט האָט זיך אויף אַ גרויס וווּנדער פאַרקוקט. נאָר די פּראַנצויזן שטייען נאָך אַלץ, און יאָגן זייערע בליקן איבערן ווייטן שטח. הערן זיך צו צום אָפּקלאַנג—און מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ קול. דאָס קול איז אַסך נענטער פון די פרירי־קע — עס דערהערן זיך ווערטער און אויף פראַנצויזיש:

— ברידער! איר ברידער, וואָס שטייען דאָרט!

די פראַנצויזן ציטערן אויף. האַלטן איין די הענט וואָס שטרעקן זיך אַקעגן. און עס רופט אַזוי היימיש און ברודערלעך:

— איר ווייסט נישט שיסן ברודער!? איך וועל אייך עפּעס זאָגן. האַ? ענטפערט ברודער!

— מיר הע־רע־ן!

דער ענטפער איז געקומען פון עטלעכע מיילער און מיט אַזאַ היימישער ווייכקייט, אַז יענץ קול האָט זיך גאָר מער דערנענטערט. און אין דער נאַכט האָט יעדער וואָרט קלאָר אָפּגעשלאָגן:

— ברידער! נאָך שווערע יאָרן פון שלאַכטן, נאָך הונגער און קעלט, האָט מען אייך אַהער געבראַכט, און ווידער שטייט איר אויף פראָסט און ווינט, און צוליב וואָס? כדי צו שיסן אייערע אייגענע ברידער! און ווער הייסט עס אייך טאָן?—אָט די באַרריקער, וואָס לעבן פון אייער מי און אַרבעט. אָט די, וואָס ראַבעווען פרעמדע פּראַצע, דורך דעם וואָס איר פאַרגיסט אייער בלוט! און וואָס טוען דאָרט אייערע ווייבער?—זיי גייען אויס פון פּיין און ליידן. און אייערע קינדער?—שטאַרבן דאָרט פון הונגער! מיר זענען אַלע צוזאַמען. רוסן, פראַנצויזן, ענגלענדער. אַלס אַרבעטער, האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט פאַר אויסקעמפן אונזער באַפרייאונג! פאַר אונז, פאַר אייך, פאַר אַלע באַדריקטע. און וואָס טוט איר? איר קומט אין שליחות פון

אייערע אייגענע באַדריקער כדי שיסן אייערע אייגענע חברים?!
באַדענקט אייך, חברים! נעמט די ביקסן, קומט צו אונז. צו־זאַמען וועלן מיר אויסקעמפן אַ ליכטיקע צוקונפט!...

ס׳איז שטיל געוואָרן. מען איז געשטאַנען פאַרזינקען אין טרויעריקע מחשבות — און די הערצער קלאַפן מיט באַנג און ווייטאָק.

— חברים! קומט צו אונז! מיר וואַרטן אויף אייך!

— חברים! ח־ב־ר־י־ם!

נאָר מיט אַמאָל האָט זיך דורכגעריסן אַ שפּיציקער קוויטש אין דער פינסטערניש און צוריקגעשלעפּט אַ קנאַק — די פראַנ־צויזן האָבן בייז אָנגעהויבן קוקן אַרום זיך און דער „פּרייווי־ליקער" אָפיציר האָט עפּעס געגומען מרוקען אונטער דער נאָז.

און ווידער איז שטיל געוואָרן. דאָרט אין דער ווייט האָט זיך אָנגעהויבן רודערן. עס האָט זיך ווידער דערהערט פון דער זייט אַ שאָס. און מיט אַמאָל האָט אָנגעהויבן זיך שיטן פישטשערייען פון קוילן — די פראַנצויזן האָבן זיך אַראָפּגעזעצט און נישט אָפּגעענטפערט—די גריכן האָבן זיך געשראָקן און אויך געשוויגן — איז דאָרט אויך שטיל געוואָרן — — —

נאָר מיטן פרימאָרגן זענען די ערשטע וואַך־זעלנער פאַר־שוואונדען געווען.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן נאַכט נאָך נאַכט און די פראַנ־צויזן זענען מיט די נעכט אַוועקגעקומען. איז געוואָרן אַ רעש אין פראַנצויזיש־גריכישן שטאַב, עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן באַפעלן: ס׳איז קריג! קריגס געזעצן! די אָפיצירן זענען גע־וואָרן ערנסטער און פאַרעקשנטער, און די „פּאָרפּאָסטנס" זענען באַזעצט געוואָרן מיט „פּרייווילליקע" אונטער זיי — „פּרייוויליקע" און גריכן, די פראַנצויזן זענען געשטאַנען אין רעזערוו און נאָר די זואַוון — זענען צווישן די גריכן געווען. און צוזאַמען מיט די אָפיצירן די ערשטע ליניע פאַרנומען.

איצט האָט עס אָנגעהויבן קאָכן אויף ביידע זייטן. מען האָט זיך פיבריש געגרייט. כסדר געגראָבן און געשוויגן. אָפּט איז געוואָרן אַ שיסעריי, אַ רויך איז געשטאַנען איבער דער געגענט — און ווידער שטיל, און ווידער זיך געגרייט, נאָר קיי־

נער האָט נישט געוואוסט, ווער עס וועט אָנהייבן. אַ שלאַכט וועט אָבער זיין. נאָך ווי זיין...

אין שטאָט האָט מען זיך אויך געגרייט. ס'האָבן זיך באַוויזן אויפרופן פון די „זמתע רוסן". די אייפרופן האָבן פאַרעקשנט און מיט ציין קריצעניש געמאָנט בלוט. בלוט פון די „זשידעס", די אַנטיקריסטן, וואָס האָבן דעם צאַר אומגעבראַכט און אונזער ערד פאַרכאַפּט! נקמה! אַ טויט די זשידעס! שחט די יידן און ראַטעוועט רוסלאַנד".

די אויפרופן האָט מען פאַרשפּרייט אין די דערפער אַרום, אויף די פאָרשטעט און איבער שטאָטישע הייזער צוקלעפּט. האָט זיך מיט אַמאָל אַ שוואַרצע שרעק אַראָפּגעלאָזט. האָט מען זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט, גייענדיק אין גאַס מיט שטילע אייליקע טריט—פון יעדן געשריי האָט מען אויפגעציטערט און יעדער טומל האָט בלייך געמאַכט די פנימער. און פאַרנאַכט—האָט זיך יעדער געאיילט אַהיים, צו בלייבן צווישן אייגענע, אונטער פאַרשלאָסענע טויערן. אין די טויערן האָבן „דיזשורסטוועס" געהיט און ביי יעדערן טומל ביינאַכט האָט מען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און נאָכדעם געליגן לאַנג אין די בעטן, שווייגנדיק, מיט אויסגעהוילטע הערצער. אַלע האָבן די זעלבע שרעק געפילט און דערפאַר פון איר נישט גערעדט...

* * *

קאַפּיטל זעקס

ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט פון סוף חודש. אַ ווינט האָט זיך אין איין אָטעם געטריבן איבער פוסטע פעלדער. דאָס דאָרף איז געשטאַנען פאַרגאַפט און אין זיך באַהאַלטן. פון

ווייטן האָט דער ווינט געטראָגן אַ פייפעריי און דאַרע צווייגן האָבן אַלע ווײלע אָפּגעענטפערט מיט אַ הייזעריק קלאַפּעריי. נאָר דער ווינט האָט איצט נישט געשניטן דאָס לייב, עס איז עפּעס געווען אַ פרישקייט און אַ לינדקייט אין דעם ווינט, — און אויפן גרויסן פויערישן הויף זענען שוואַרצע שאָטנס געשטאַנען. די שאָטנס האָבן זיך געקליבן פון אַלע זייטן: אַלע ווײלע איז איינער אָנגעקומען רייטנדיק אויף אַ פערד, וואָס האָט שטאַרק געסאָפּעט און זיך לייכט געטראָגן מיט אַן אויסגעצויגענעם קאָפּ און האַלז, איז שטיין געבליבן נעבן הויף און דער רייטער איז אַראָפּגעשפּרונגען, צוגעבונדן דאָס פערד צום פּאַרקן און אַריין אין פּאָדוויר.

דער פּאָדוויר איז געוואָרן געפּאַקט. מען האָט געשוויגן און געוואַרט. פייערדיקע אויגעלעך האָבן געפלאַמט אין דער פינצטער—און מען האָט אַלע ווײלע טיף אָפּגעאָטעמט, פון צייט צו צייט זיך איבערגעוואָרפן מיט איינציקע ווערטער. און מיט אַמאָל איז פון דער „כאַטע״ אַרויסגעקומען דער אַטאַמאַן. פאַר אים האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ פלאַקערדיקן שטורקאַץ אויף אַ שטעקן. דאָס רויטע פייער האָט זיך צוזאַמענגעצויגן אין אַשפּיץ, וואָס האָט זיך געבויגן אין די זייטן און געפלאַצט מיט אַ שוואַרצן רויך. נאָך אים איז אַרויס אַ פּאַרשוין מיט אַ צווייטן שטורקאַץ. דער אַטאַמאַן האָט געהאַט שוואַרצע, לאַנגע, שמאָלע וואָנסן, זיין פּנים איז געווען אויסגעצערט און פון ווינט פאַרהאַרטעוועט, די אויגן, נישט קיין גרויסע, נאָר שטאַרק שוואַרצע, ווי גרויסע, גלאַנציקע טראָפּנס טינט, האָבן זיך געמיניעט קעגן פייער. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן טונקעלן זשופּאַן מיט פאַלדן אַרום דער טאַליע, דער קאָלנער פון שוואַרצע שעפּסן־פעל און אויפן קאָפּ אַ „פּאַפּאַכע״ פון דער זעלבער פעל. די טאַליע איז געווען איינגעצויגן פון אַ שמאָלן לעדערנעם פּאַס, באַזעצט מיט ווייסע זילבער־שטיקלאַך. די ציין האָט ער געהאַלטן שטאַרק צוזאַמענגעדריקט אַזוי, אַז אויף ביידע קאַנטן פון די באַקן זענען געשטאַנען צו צוויי שטייפע בערגעלאַך. נאָך אים, איז אַרויסגעקומען איינער אַ הויכער אין אַ לעדערנער קורטקע און לעדערנע הויזן אין הויכע שטיוול, ער האָט געטראָגן אַ גרוי־

לאַפּן־היטל פון גרוי־געלבלעכער האָזן־פעל. זיין פּנים איז געווען גלאַט ראַזירט, אָן וואָנסן און מיט גרויסע שטילע אויגן, וואָס זעען אַלץ... פון אונטער דער קורטקע איז געהאָנגען דער רעוואָלווער שנור. ער האָט געלאַסן געטרעטן און נאָר די שפּאָרן האָבן ריטמיש געצייכנט די געמאַכטע, זיכערע טריט — נאָך זיי: אָפּיצירן מיט רויטע שטערנס אויף די אַרבל פון זייערע גרויע שינעלן און קורצע פּעלצלאַך.

אַלע זענען געשטאַנען שטיל. דער אַטאַמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט פאַרטראַכט און ערנסט און רואיק, מיט פאַרביסנקייט און עקשנות אָנגעהויבן רעדן אויף אוקראַיניש:

— „חברים! זין פון אַרבעטער און פויערים פאָלק פון אוקראַינע! פילגעפּרוווטע קינדער פון אונזער ערד! איך באַגריס אייך מיט דעם נצחון: גאַנץ אוקראַינע איז שוין אין די הענט פון דער אַרבעטער און פויערים־מאַכט! מיר, די אַרמיי פון אוקראַיניש פויערים און אַרבעטער־פאָלק, דורך דער הילף פון אונזער לייבלעכן ברודער — דעם גרויס־רוסישן אַרבעטער און פויער — האָבן פאַרטריבן פון אונזער ערד אַלע משרתים פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן געוואָלט אונזער ערד באַרויבן און אונז אַליין פאַרקנעכטן. זאָל לעבן דער אוקראַינער פויער און אַרבעטער! זאָל לעבן דער רוסישער אַרבעטער און פויער! זאָל לעבן די אוקראַינישע ראַטן־מלוכה אין ענגן פאַרבאַנד מיט דער רוסישער ראַטן־רעפּובליק!

אַלע האָבן געשוויגן. זיי האָבן געוואוסט, אַז איצט טאָר מען קיין „הוראַ" נישט ענטפערן, און איבעררהויפּט קיין רעש נישט מאַכן... אייניקע האָבן זיך פאַרגעסן און מיט התלהבות געזיפּנט זייערע מיילער צום שרייען, האָט מען זיי דערמאָנט און זיי זענען שטיל געבליבן.

— „חברים! פילגעפּרוווטע זין פון פאָלק! אַסך האָבן מיר דורכגעמאַכט, אַסך ביטערע שלאַכטן האָבן מיר דורכגעטראָגן. אַ סך זענען פון אונזערע רייען אַרויסגעפאַלן, אומגעקומען, פון שונא, דערשטאָכן און צעשניטן געוואָרן, פון שונא געשענדעט און אָפּגעשפּעט געוואָרן. מיר האָבן דורכגעטראָגן קעלט, שרעקלעכע זאַווערוכעס, פּוסטע סטעפּעס און געפרוירענע וועלדער —

מיר האָבן זיך געפּייניקט, די הויט אויפן פּנים האָט פון קעלט געפּלאַצט, און מיר זענען געגאַנגען אין קאַמף, געגאַנגען אַסך מאָל הונגעריק, אַסך מאָל נאָך נישט אויסגערוט פון פריריקער שלאַכט. און מיר האָבן דעם וואינדער באַוויזן! צעשלאָגן איז דער שונא, אוקראַונע איז פריי פון די הענקער און באַדריקער! אוקראַינע איז ביי די פויערים און אַרבעטער! נאָר אָט—אָט דאָ שטייען מיר פאַר דעם לעצטן שפּאַן ערד – פאַר דעם צוטריט צום שוואַרצן ים, וואָס איז אין די הענט פון פרעמדע אימפּעריאַליסטן, רויבער און באַדריקער! אייגענע שונאים האָבן זיך באַהעפט מיט פרעמדע און לאָקערן פון דאַנען אויף אונז. מוזן מיר איצט מאַכן די לעצטע אָנשטרענגונג, פאַרנעמען די לעצטע פּאָזיציע און – זיך קענען אָפּרוען! אָפּרוען און איינ־אָרדנען אונזער לעבן. זאָל זשע געשען דער סוף פון די משרתים פון פאַבריקאַנטן און פּריצים!

ווערט איר זיי דען נישט אָפּרוימען פון אונזער וועג?

ווער זענען זיי, די הינט? גרעקן! וואָס ווילן זיי דאָ?—באַזעצן אויף אונזער קאַרק זייערע קאַפּיטאַליסטן און הערשער! פאַרשקלאַפן ווילן זיי אונז!"

דער אַטאַמאַן איז געוואָרן ווילד. איצט האָט זיין שטימע געדונערט. איצט האָט ער שטאַרק באַוועגט מיט די הענט, גע־שריגן שטיל, געהיצט זיך:

—„אַסוף זאָל עס נעמן מיט דער קאָמעדיע! אַ טויט די פרעמדע באַצווינגער! צום געווער, עס שלאָגט די לעצטע שלאַכט!"—

דער הויף האָט זיך אָנגעהויבן וויגן עס איז געוואָרן אַ בייז ברומעריי, דערנאָך האָט אָנגעהויבן רעדן דער קאָמיסאַר אין דער לעדערנער קורטקע, ער האָט דערציילט, אַז די פראַנ־צויזן ווילן זיך נישט שלאָגן, אַז ער האָט באַקומען ידיעות, אַז זייערע קרייסערס וועלן נישט שיסן, אַז זיי וועלן אַוועק־גיין, ווייל – סוף כל סוף-זענען זיי אליין נאָר אַרבעטער און פויערים. די גריכן אָבער-זיי זענען בכלל „טרוסן". זיי זענען שרעקעוודיק ווי די האָזן, זיי וועלן דעם ערשטן אָנגריף נישט אויסהאַלטן... בלייבט נאָר איין ערנסטער שונא – די „זאָלאָטאָ־

פּאַגאַניקעס" — זיי זענען אייניק אין צאָל און — זיי מוזן אומ־קומען.

— אַ טויט די „פּאָגאָנטשיקעס"!—האָט זיך שטיל נאָר מיט ברענענדיקער שנאה אַ רעווע דערהערט.

דער רעדנער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פראַנצויז, וואָס איז געבן אים געשטאַנען, יענער איז געווען עפּעס פרעמד, צוטו־מלט פון דער נאַכטיקער באַראַטונג, די סאָלדאַטן האָבן אים באַגריסט, ער האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, גערעדט אויף אַ פרעמד לשון, דער קאָמיסאַר האָט עס איבערגעזעצט„ די פראַנ־צויזן זענען אַליין געווען די ערשטע רעוואָלוציאָנערן, זיי זע־נען טראַדיציאָנעלע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן. איצט זע־נען זיי נאָר אַביסל דערשלאָגן, פאַרטשאַדעט פון דעם שאָוויני־ניזם פון דער מלחמה, נאָר די שעה פון אויסלייזונג, וועט אויך פאַר זיי קומען, און—זייט זיכער: מיר זענען אייערע ברידער!...

דאַן האָט דער אַטאַמאַן באַפוילן:

— שוין לויפן צו אייערע באַטאַליאָנען, ראָטעס, אָטראַדן. אַלץ זאָל זיין גרייט, די אַרטילעריע קאָנצענטרירט — אַלץ זאָל זיין גרייט צו אַ שלאַכט!

דער הויף האָט זיך אַ וויג געטאָן. עס האָט זיך דער־הערט אַ קלינגען פון שווערדן, אַ קלאַפּן פון שפּאָרן. שוואַרצע שאָטנס זענען ביים פלויט געשפּרונגען אויף שוואַרצע פערד, וואָס האָבן אויפגעציטערט און געריסן די קעפּ אַרויף. און זיך אַוועקגעשניטן אין דער נאַכט אַריין.

* * *

סאיז נאָך געווען פינצטער, ערגעץ ווייט אויפן האָריזאָנט האָט זיך אַ גרויקייט אַ גאָס געטאָן, און דער ווינט איז עפּעס שטילער און שאַרפער געוואָרן. פון נאָנטן דאָרף האָט זיך דער־טראָגן אַ קרייען פון הענער און אַ הינט האָט ערגעץ אַרויסגעע־לאָזט אַ ביל און שטיל געוואָרן. מיט אַמאָל האָט זיך אייזן אָן אייזן אָנגעשלאָגן. עס האָט אַ שטאַרקן זעץ געטאָן, אויפגעהויבן אַ שווערן טרייסל, און אַן אויסגעצויגענער בליץ מיט אַ שאָרווע

האָט זיך אַ גליטש געטאָן און דורכגעשניטן דאָס בלאָזן פון ווינט. באַלד האָט זיך עס איבערגעחזרט — צוריקגעשלאָגן מיט אַ זעץ און דאָרט האָט זיך עפּעס גרויעס אויפגעהויבן.

שטיל אַ ווײַלע. באַלד האָבן זיך די האַרמאַטן צעשפּילט. עס האָט זיך געשאָטן זעץ נאָך זעץ. דער ווינט איז שוין נישט געווען — ערגעץ אָן אַ זייט אָפּגעטרעטן, נאָר שטורם האָט זיך אין פּאַסן געשניטן. אין דאָרף איז גאָר שטיל געוואָרן, אויפגעהערט האָבן הענער צו קרייען און הינט האָבן זיך געטוליעט אין די ווינקלען פון שטאַלן. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן גראַבלען אָן די טירן פון די כאַטעס און אַרויסגעלאָזט דינע, כאָרכלענדיקע קולות. מיט אַמאָל האָט אַ שאַרפער קנאַק צוריק אַ שפּיי געטאָן און אין דער הויך האָט זיך אַהערגעטראָגן עפּעס שווערעס, ציענדיק נאָך זיך אַ העלן פּאַס. די לופט האָט געציטערט — דאָס שווערע האָט זיך איבער די קעפּ דורכגעקאַטשעט און ערגעץ נאָכן דאָרף געפאַלן.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַן ערדציטעריש — עס האָט שרעקלעך געדונערט, און וואָלקנס רויך האָבן זיך געקוילערט. איצט האָט מען שוין קיין הימל נישט געזען. עפּעס גרויעס האָט זיך געכוואַליעט, סאַפּענדיק. זעלנער זענען געלעגן אויף דער ערד, געלעגן און מיט אויסגעשפּיצטע אויגן געשטאָכן אין דער ווײַטקייט.

דאָס דונערן איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער, עס האָט געקראַכט און זיך געבראָכן ווייט און נאָענט... און מיט אַמאָל —

— נאַ-סטו-פּאַט! — האָט זיך דורכגעצויגן אַ הייזעריק פּאַר־ביסנקייט דורך גערויש און ציטערניש.

די זעלנער זענען אויפגעשפּרונגען, זיי זענען געלאָפן און געשאָסן, געלאָפן, ווי פון בראַנד אין בראַנד געטריבן. איצט האָט זיך אַלץ אויסגעמישט — דאָס קנאַלן פון האַרמאַטן, דאָס „שטעפּן" פון קוילנוואַרפער און שיסערײַ פון ביקסן. איצט האָט אויסגעוועבט נאַכט און שרעק — עס איז געוואָרן העלער. אָט באַ־וועגן זיך דאָרט שוואַרצע געשטאַלטן, און פּאַסן רויך שוועבן צווישן ווילד געברומערײַ.

—לאזשי-ס-ס!—אַלע זענען געפאַלן צו דער ערד. די קוילן האָבן געפּייפט און אַוועק. מיט אַמאָל האָט זיך עפּעס גע־געבן אַ לאָז אַראָפּ, זיך אָנגעהויבן דרייען אין דער ערד, אַ פלאַץ געטאָן, ווי אַ גרויסער פּענכער צעשפּרינגט, און אַ וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן.

דאָרט איז דאָס שיסערייַ שיטערער געוואָרן, אָבער מיט פאַרשפּאַרקטן אימפּעט.

—ביע-גאָ-ס-ס!

די זעלנער האָבן שוין גאָרנישט געוואוסט, וואָס זיי טוען: זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט אימפּעט און מיט געשריי. עס איז געוואָרן אַ ליאַרם און גרילצנדיקער טומל, לויפנדיקע, פאַלן און קוילערן זיך, טייל פאַלן אויף די פּנימער און וואַקסן צו צו דער ערד. נאָר מיט אַמאָל גיט עס אַ שלאָג מיט אַ פרישן שטראָם זעלנער, פליִיצן זיי אַריבער די ערשטע.

—הוראַ! הורראַ! הור-ראַ-אַ-אַ!

די גריכן האָבן געוואָרפן די ביקסן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אָנגעהויבן עפּעס בעלבעטשען מיט גרויסע פויגל-אויגן. אַך! ווער הערט זיי! שטיקעס קרעכצן, אין ברוסטן שטויסנדיק, ברעכן זיך ביינער און מענטשן וואַלגערן זיך אויף דער ערד. דער גאַנצער פלאַץ איז פאַרוואָרפן מיט טונקל-גרויע שינעלן, און אָט וואַקסט אויס אַ ווייס פענדל. אַ גרופּע מיט דעם פענדל שטויסט זיך אָן אַ זייט, ווי צעשראָקענע שעפּסן צו אַן אויסגאַנג.

—האַלט!

—האַלט!

די מחנה האָט זיי אויסגעמיטן—אייניקע זענען נעבן זיי שטיין געבליבן. אָט פירן זיי זיך פאָראויס, מיט דעם ווייסן פענדל געהויבן.

— — — — — — — — — — — —

מיט אַמאָל האָט אַן אונטערערדישער קראַן זיך געעפנט און עס האָט אָנגעהויבן שפּריצן מיט קוילן—דאָס פייער האָט גע-שטראָמט מיט אימפּעט און געשמיסן אין די פּנימער, די מחנה האָט זיך צו דער ערד געוואָרפן.

דאָס האָבן זיי דערגרייכט די ערשטע ליניע פון די „פריי-ווייליקע״.

ווידער האָבן אָנגעהויבן זעצן די האַרמאַטן, ווידער האָבן זיך צעשטעפט די קוילנוואַרפער—נאָר אַנטקעגן שטראָמט אַ בראַנד. איצט הערט מען דייטלעך די געשרייען: רוסיש! אָפיצירן!

פון דאָרף האָט זיך אָפּגעריסן אַ געפּאַנצערטער אויטאָמאָביל און נאָך אים אַ גאַנצע רייע. זיי האָב זיך געלאָזט מיט רעש און געפּילדער—און דאָרט פון וועלדל, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך צוגעקוקט מיט פאַרגולמטע סאָסנע-ביימלעך און אָפן פאַרגליווערט מויל—פון דאָרט האָט זיך אַ געפּילדער אַרויסגעקוילערט און אַ רויך האָט אַ זעץ געטאָן.

דער שטראָם, וואָס האָט אַהערגעפּלייצט צו די פּאַרטיזאַנער, איז איבערגעריסן געוואָרן, זענען די פּאַרטיזאַנער צוריק אויפגעשפּרונגען.

אין קנוילן האָט מען זיך צוזאַמענגעפּלאָנטן. ערד האָט זיך צעשטויבט, מענטש אין מענטש האָט זיך איינגעגעסן. און עס דונערן נאָך די האַרמאַטן און אַ ווילד רעווען טראָגט זיך פון יענעם פּלאַץ, מען ראַנגלט זיך און מען פּאַלט, און שוואַרץ-גרויע וואַרפן די ביקסן, לויפן אָן היטלען און רעווען מיט אויסגעשטרעקטע משוגענע הענט. דער פּלאַץ זידט, עס בלאָנקען שווערדן און קינזשאַלן—קרעכצן רייסן זיך איבער... און—

ווידער האָט אַ מחנה אַרויסגעפּלייצט פון זייטיקן וועלדל, מיט טומל און געוואַלד אַ פּלאַץ געטאָן אויפן פּלאַץ און די גרויע שינעלן פאַרגאָסן— — —

דער שטורם איז געווען אַזוי רעשיק און פּלוצלונג, אַז די פאַרביטערטע און די גרויע רוסישע אָפיצירן-שינעלן זענען צעטומלט געוואָרן...

— — — — — — — — — — — — —

ס׳איז געווען ליכטיק. דער פּלאַץ איז געוואָרן רואיקער, אָט שטייט נאָך אַן אָפיציר אויף די קניען און ציט אויס זיין ביקס—עס טרעפט אים אַ קלאַפּ אין ברוסט, קערט עס אים איבער, פאַרוואַרפט ער מיט די הענט—קוקן פאַרהויכט זיינע גלאַנציקע שליפעס—ער כאַפּט זיך נאָך פאַרן קאָפּ, און דאָרט שטייט

אַ גאַנצע גרופּע מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און בלויזע קעפּ, עס ציטערן ביי זיי די ליפּן און די אויגן זענען צעמישט, אָן גלאַנץ.

איינער מיט אַ רויטער באַנד אין לאַץ, לויפט אויף אַ פערד פון ווינקל צו ווינקל, און זעלנער אָטעמען שטאַרק דורך נאָזלעכער, טרייבן פאַסקעלעך פּאַרע און רינגלען אַרום די גרופּע.

די סטאַציע איז געווען פאַרנומען. די פּראַנצויזן האָבן זיך צוריקגעצויגן, ווייזט אויס, די ערשטע, מחמת צווישן די געפאַנגענע זענען זיי נישט געווען, דער גאַנצער פּלאַץ איז גע-ווען פאַרוואָרפן מיט גריבן, אָפּיצירן אין רויטע פּעטקעס און אויך פאַרטיזאַנער. צווישן די געפאַנגענע „פּרייווויליקע" זענען געווען עטלעכע פּראַנצויזישע אָפּיצירן.

דאָס גאַנצע געווער, אַלע זאַפּאַסן, וואָס ס'האָט זיך אויף דער סטאַציע געפונען, איז פאַרנומען געוואָרן.

די מחנות האָבן אָפּגעטרעטן ביז דער צווייטער סטאַציע. נאָר נאָענט שוין צו דער שטאָט...

* * *

קאַפּיטל זיבן

אין יענע טעג האָט די זון געשיינט—ס'האָט שוין געשמעקט מיטן אָנקומען פון פרילינג און אַ בלויער הימל איז איבער דער שטאָט און ים געהאַנגען. דער ים האָט זיך אָפּגעטיילט פון אַרומיקן און אויפגעוואַכט צו זיין אייגן לעבן. זיינע וואַסערן זענען נאָך געווען גרין און פון ווייטן—שטאַרק בלוי, נאָר זיין מעכטיקער אָטעם האָט זיך שוין געהערט איבער די שטאָטישע

גאַסן: אין די נאָענטע צו אים—געזאַלצן, אין די ווייטע—פּריש און ריין. און אַ שטילע, שווערע שרעק האָט זיך אָנגערוקט אויף דער שטאָט. איבער דער פּושקינסקע זענען שוין כסדר געלאָפן פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן, מיט גרויסע, רויטע צלמים, וואָס האָבן פון דריי זייטן ערנסט אַראָפּגעקוקט; אונטער דער זון איז די רויטקייט געווען פריש, נישט פאַרגליווערט—זענען מענטשן געשטאַנען אויף די טראָטואַרן פון ביידע זייטן, זיי באַגלייט און געזען—ווייס-פאַרבונדענע קעפּ קוקן אַרויס דורך די פענצטערלעך, אויגן קוקן שטאַר און מיט שרעק פון ווייסע גאַזע אַרויס—נאָר ס׳מערסט האָט מען קיין פּנימער נישט געזען דורך די פענצטערלעך... די אויטאָמאָבילן זענען געלאָפן נישט איבעריק גיך, ווי זיי וואָלטן זיך געהיטן אויפצוועקן עמיצן פון פאַרגעסנקייט.

דורך די פאַרנאַכטן האָבן זיך פון ערגעץ געקאָרטשעטע שווערע טעמפּע קלעפּ. יעדער קלאַפּ האָט אָפּגעהילכט הייזעריק, פאַרביסן און זיכער. האָט מען זיך צו זיי צוגעהערט מיט פרו-מע פאַרנאַכטיקע אויגן און אויפגעציטערטע שטערנס. איצט קאָ-נען שוין די קרייסערס אָנהויבן „רעדן"—די שיף-האַרמאַטן קאָ-נען שוין צום פּראָנט דערגרייכן— — —

אין די טעג האָבן מענטשן באַטראַכט די קעלערס, ביר-גער, וואָס זענען געוואוינט צו באַקוועמלעכקייטן און בענקען שטאַרק נאָך רואיקייט, זענען אַרומגעגאַנגען אין טונקעלע היילן אונטער הויכע מויערן פון זייערע דירות, האָט מען געשמעקט דעם שאַרפן, זויערן און פייכטן ריח פון שוואַרצער נאַסער ערד, האָט מען געטראַכט וועגן אַריינציען אַהין עלעקטריע—ווי מען וואָלט באַשלאָסן זיך אויף אייביק דאָרט צו באַזעצן און פּטור ווערן פון די שרעקן... אין די פאַרנאַכטן האָט מען עפּעס גרויזאַמעס ערוואַרט, האָט מען געשוויגן און געוואַרט אויף אַ סיגנאַל פון דעזשורנע ביים טויער. נאָר דער סיגנאַל איז נישט געקומען. האָט מען נאָר געהערט פאַרטויבטע קלעפּ ציטערן פון ערגעץ. איז מען געשטאַנען און געציילט:

„איינס... צוויי... שאַ-שאַ... דריי... פיר...

נאָר אָט האָבן די קלעפּ אויפגעהערט, דער לעצטער

האָט פּאַרציטערט און ס׳איז שטיל געוואָרן.

און די נעכט זענען געווען שטורמדיקע: אָפט האָט זיך ערגעץ אין אַ גאַס, מיט אַמאָל, אויפגעהויבן אַ שיסעריי מיט גרויס אימפּעט, אַ קליינע ווײַלע זיך געצויגן און—אויסגעגאַנגען אין דער נאַכט. דאָס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מישקעס אָט-ריאַדן מיט די אָפיצערישע פּאַטרולן...

• • •

ז

מישקע האָט געשפּאַנט אין אַזאַ נאַכט איבערן ברייט צימער ביי דער פישעליכע. אים איז געווען שווער אויפן האַרצן און ס׳איז אים אויסגעקומען, אַז דאָס קלאָרע, וואָס ער האָט געזען, איז פאַרנעפּלט געוואָרן. איצט איז ער שטאַרק פאַרטויבט און ווייסט אַליין נישט, וואָס עס קומט פאַר מיט אים—ווי ער וואָלט אַוועק אין דער פרעמד און איז אָפּגעצוימט. מאָלדאַוואַנ-קע איז אָפּגעשניטן פון צענטער—די אָפיצירן לאָקערן און שמעקן פאָרזיכטיק אַריין אויף מאָלדאַוואַנקע. איצט קאָן ער נישט אַזוי פריי זיך באַוועגן. און זיינע מענטשן וואַכן און היטן אַלע גאַסן, וואָס פירן צו אים... וואו זשע איז באַשקע? האַ? וואו זענען אַלע? און סאַשע פעלדמאַן וואו איז?

און טראַכטנדיק פון באַשקען, האָט דאָס האַרץ אַרויסגע-אָטעמט און געבליבן הויל, האָט עס אים דעם קאָפּ פאַרטומלט און ער איז פון בענקעניש טרויעריק געוואָרן ביז טרערן. און פאַרוואָס ווייזט זי זיך נישט? האַ?—זיך אָפּגעשטעלט, אין די אויגן האָט אים אַ פינצטער געטאָן: „זי דאַרף נאָך קומען צו מיר? וואָס איז? אַ נייער יחוס... אַ גנבו!... וואָס דאַרף זי האָבן אַ גנבו?”—איז ער צוגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער צום פענצטער, האָט אַרויסגעקוקט אין פינצטערניש—און באַלד האָט ער דאָס לעצטע טראַכטונג פאַרגעסן און די בענקעניש צו באַשקען האָט אים אָנגעהויבן פייניקן ביז טרערן. דאָס האַרץ ווערט ווייכער און ווייכער. עס ווערט דאָרט אַזאַ מידער אַנגסט און ווייטאָקט... ער האָט געעפנט די ליפּן, געקריגן אַ פּנים פון אַ געפייניקטן בעל-תשובה און געדריקט ציין אויף ציין, אין האַרצן האָבן זיך

געקליבן טרערן. ווען ער קאָן זיך אַט אַזוי אַ וואָרף טאָן פאַר אירע פיס און זיך צערעווען!... רואיק וואָלט ער איינגעגראָבן זיין קאָפּ צווישן אירע קניען, שטיל, גאָר שטיל געוויינט און די שווערע ווייטקייט פון האַרצן וואָלט אים אַראָפּ...

איצט האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפונען. אַלע ווילדע האָט עמיצער פון זיינע מענטשן געעפנט די טיר, אַריינגעקוקט און צוריק פאַרמאַכט.

ער האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעצויגן אויפן בעט, מיט ביידע הענט אַרומגענומען זיין קאָפּ און שטאַרק אים געדריקט... ער האָט שטאַרק געדריקט די ציין און שווער געסאָפּעט - ווי ער וואָלט די שווערע גאַרונג געמיינט פון האַרץ אַרויסצוסאָפּען — אים איז אויסגעקומען, אַז באַשקע איז נישט בלויז באַשקע, נאָר דאָס, וואָס דאַרף אים זיין לעבן פאַרשטענדלעך מאַכן... אָן איר — בלייבט ער אַ פּשוטער גנבֿ!...

אַזוי האָט ער זיך אַליין געריצט און געהאַט אַ שטאַרק בלייך, פאַרזאָרגט פּנים. דערנאָך איז ער געבליבן רואיק, זיין געמיט האָט זיך אין אים איינגעשטילט און מיט אַמאָל איז אים באַפאַלן אַ חשק צו זען באַריטשקען, אָט דעם קליינעם חברה־מאַן, וואָס כלאַפּט צו אים אַזוי ערנסט און פאַרטאָן. און ווייל דאָס גיין איצט איבער פאַרשטאָרבענע גאַסן איז אַן איינשטעלע־ניש — דערפאַר איז זיין חשק שטאַרקער געוואָרן.

איז ער אויפגעשפרונגען — זיך אָנגעהויבן צו גלייכן די האָר:

— העי! ווער איז דאָ דאָרט?

די טיר האָט זיך געעפנט און „קאָזע" איז אַריין, געבליבן שטיין און געקוקט מיט שוואַרצע אויגן. ער איז געשטאַנען אַזוי פעסט, אַז מישקעס בליק איז קודם כּל געפאַלן אויף זיינע ברייטע געזונטע אַקסלען.

— וואָס?

— איך וויל צוגיין אויף טעאַטראַלני פּערעאולעק.

— נו...

האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט, איין אויג שמעלער געמאַכט:

— די הינט דרייען זיך אַרום איבער די גאַסן.

—האָסטו זיך דערשראָקן?

—ווער זאָגט דען?!

—איך גיי!

—ווען מיר גיין.

האָט מישקע אָנגעטון אַ שוואַרצן פּאַלטאָ מיט אַ שוואַרצן האַרטן הוט, ער האָט זיך נישט געאײַלט און נישט גערעדט. איז געווען בייז און רואיק—דערנאָך געזאָגט:

—קום.

אויף דער גאַס איז געווען שטאַרק פינצטער. אַ ווײַלע איז מישקע שטיין געבליבן, געגעבן אַ מאַך צו די אויגן, שטאַרק צוגעדריקט, צוריק געעפנט און האָט שוין אַלץ געזען וואָס אַרום אים. „קאָזע" איז געגאַנגען נעבן אים שווייגנדיק פאַרטראַכט. זיי זענען צוגעגאַנגען ביז צום ראָג, דאָרט זענען צוויי הויכע יונגען געשטאַנען און מיט אַמאָל אַ שאַרפן וואונדערלעכן בליק געוואָרפן, נישט פאַרשטאַנען. האָט „קאָזע" אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געבליבן דערווייל הינטערשטעליק און עפּעס אַ מורמל געטאָן, איז מיט עטלעכע גיכע טריט אונטערגעשפּרונגען און ווידער געגאַנגען נעבן מישקען. און אַז זיי זענען אַריבער דעם צווייטן ראָג, האָבן זיך פון דער פינצטערניש אויסגעטיילט צוויי זעלנער מיט ביקסן און זיי באַגלייטנגען, בלײַבנדיק כסדר אָפּגערוקט אויף אַ געוויסן שטח.

אויף די גאַסן איז געווען לער—זעלטן אַז אַ מענטש האָט מיט גיכע טריט זיך דורכגעגנבעט, שלײַכנדיק פון איין טויער צום אַנדערן. די טויערן זענען געשטאַנען פאַרבילמטע, פאַרגאַפטע, און עס האָט זיך געפילט ווי הינטער זיי שטייען מענטשן, מחמת אָפט האָט זיך אַ שטיקל הייזעריק קול אָפּגעריסן פון דאָרט און אויסגעוועפּט אין גאַס...

ס'איז געווען שטאַרק שטיל. איינציקע לאַמטערנעס האָבן געברענט—ווייט איינע פון דער צווייטער, און זיי האָבן דידאָזיקע באַלויכטענע ערטער אויסגעמיטן.

די הינט גרייטן זיך נישט אויף קיין שפּאַס...—האָט קאָזע שטיל אַ זאָג געטאָן.

מישקע האָט נישט געענטפערט, ער האָט נאָר עטוואָס

אויסגעקערט צו אים דעם קאָפּ און גענומען גיין געלאַסענער.

—זיי ריידן... אַ פּאָגראָם ווילט זיך זיי. נישט אַנדערש, אַ פּאָגראָם...

—אַ פּאָגראָם?

—זיי האָבן צוקלעפּט גאַנצע „פּלאַקאַטעס"... באַגינען האָבן אונזערע אָפּגעריסן... אַלע באַגינען טרעפט מען אַזעלכע אויסקלעבעכצן... שחטן די „זשידעס"... ביי די „זשידעס" איז דאָס גאָלד מיט בריליאַנטן... מען דאַרף שלאָגן די „זשידעס" און ראַטעווען רוסלאַנד... און דאָס רוסישע גאָלד אָפּנעמען... און צו גאָלד האָט מען חשק...

—זאָלן זיי פּרווון:...

—נו יאָ... אָבער קיין שנאַפּס צום אַראָפּשלינגען איז עס נישט... די הינט האָבן מיט וואָס צו פייפן...

—און מיר?

—ס'פעלט אויך נישט... ס'וועט אויסקומען אַ מלחמה.

—אַז מלחמה, איז מלחמה... מיר וועלן זיי די הענט קורצער מאַכן...

זיי זענען אנשוויגן געוואָרן. זיי איז אויסגעקומען דורכצוגיין פאַר אַ לאָמטערן. דאָרט זענען עפּעס אַ פּאָר פּאַרשוין געשטאַנען ביים ווינקל גאַס. מישקע האָט מיט אַמאָל שאַרף אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן:

—„קניידלאַך" אַ פּאָר האָסטו ביי זיך?

—יאָ... צו וואָס דען?

—אָט שטייען זיי דאָך דאָרט.

—מיר וועלן גיין דורך דעם געסל.

—כ'וויל נישט...

מישקע האָט עס ארויסגעזאָגט פעסט. אים איז באַפאַלן אַ גוואַלדיקער חשק פאַרבייצוגיין דוקא אָט די דאָזיקע לייט. פונקט ווי דאָס וואָלט געדארפט באַשטעטיקן זיינע פריריקע רייד...

זיי זענען געגאַנגען שטיל און פאַרביסן. נאָר די זעלנער מיט די ביקסן, וואָס האָבן זיי באַגלייט, האָבן אָנגעהויבן גיין גיכער, און דער שטח צווישן איז פאַרקורצט געוואָרן.

די זעלנער, וואָס זענען אויפן ראָג געשטאַנען, האָבן מיט

וואונדער אויסגעשטעלט די אויגן, זיי האָבן זיך געוואונדערט און זיך געגרייט עפּעס צו זאָגן, די הענט האָבן שטאַרקער געדריקט די ביקסן, נאָר מישקע איז געגאַנגען אַזוי רואיק און מיט געמאָסטענע זיכערע טריט, האָט אויף זיי אַ וואָרף געטאָן אַ לאַנגן שטרענגן בליק, ווי אַ ווענדקע־רערווייל האָבן די דערזען, ווי זעלנער מיט ביקסן באַגלייטן זיי, האָבן זיי שוין געשוויגן און עטוואָס געשמייכלט צו די פאַרבײַגייענדיקע זעלנער.

אויף טעאַטער־געסל, איז אינגאַנצן שטיל געווען, און די זעלנער מיט די ביקסן זענען שטיין געבליבן אין טויער.

* * *

באָריטשקע איז שוין אָבער געשלאָפן, רעוועקא איז געזעסן מיט נאַקעטע הענט ביים טיש און געלייגט קאָרטן... נעבן איר איז געזעסן עפּעס אַ בלאָנדע מיט צעלאָזטע האָר און שטאַרק אונטערגעפירטע אויגן.

מישקע איז אַריין שטיל. רעוועקא איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ קוויטש, האָט אירע נאַקעטע הענט אַרומגעפלאָכטן אין אַ ווייסן בייגל אַרום זיין האַלז, און ער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אַ זינדיקער און אָפּגעגאַרטער...

— דערקענסט נישט פּאָליטשקען, מישא?... ס'איז דאָך פּאָליטשקע!

—אַ?—ער האָט איר געדריקט די האַנט, און זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער שטול, פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, אַז די קני אונטער אַ שוואַרץ זיידענעם זאָק האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ גרין־זיידן קלייד.

—אַ גרוס אייך!

—פון וועמען?

—פון אייער „אַדוואָקאַט"!

און זי האָט זיך שעלמיש צעלאַכט.

—באָריטשקע שלאָפט שוין?

—זיך דערמאָנט!... ס'איז דאָך שוין באַלד צוועלף.

—צוועלף?

קאָזע האָט געענטפערט, קוקנדיק אויפן גאָלדענעם זייגער:

—אָן צען מינוט צוועלף.

האָט זיך „קאָזע" צוגעזעצט צום טיש, מישקע איז אַריין אין צווייטן צימער, וואו די דינסט איז שוין געשלאָפן, און געצויגן לאַנגזאַם דעם אָטעם, אירע ווייסע הענט זענען געלעגן אויף דער קאָלדרע און די פלאַקסענע האָר זענען געווען פאַרגומען אונטער אַ טיכל—דאָס פּנים אירס האָט געשמייכלט פון שלאָף.

מישקען איז עפּעס באַפאַלן אַן עקל צו דעם פּנים, דאָס פּנים האָט אים געשטערט זיין שטיל, בייז, טרויריק געמיט. האָט ער אָפּגעווענדט די אויגן פון איר, איז צוגעגאַנגען צום בעטל, וואו דער „קליינער יונג" איז געשלאָפן.

איז ער געשטאַנען, געקוקט, אויף דעם ברוינלעכן פּנימל מיט די פולע בעקלאַך, אויף וועלכע ס'האָט איצט אַ רויטלעכע פאַרב געשפּילט; אויף די ליפּעלעך, וואָס זענען געווען שטיפעריש און זאָרגלאָז צעבויפגעלייגט און דאָס אונטערשטע ליפּעלע האָט מער אַרויסגעשטאַרט—געקוקט, און זיין פּנים איז באַשטראַלט געוואָרן מיט אַ שמייכל. דער שמייכל האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּילן אין די גרוי־גרינע אויגן און זיך לאַנגזאַם גערוקט איבער די באַקן ביז די ליפּן, וואָס האָבן זיך אַביסל געצויגן אין דער ברייט.

האָט זיך איינגעבויגן, לייכט אַ קוש געטאָן דאָס קיילעכדיקע בעקל, דערנאָך דאָס קאַלטע פייכטע שטערנדל, אויסגעגלייכט זיך, פאַרמאַכט די אויגן, געדענקט אָן באַשקען און ס'האָט אים הנאה געטאָן, וואָס פאָליטשקע, אָט דעם אַדוואָקאַטס „קאָכאַנקע", נעכטיקט דאָ...

ווען ער איז צוריק אַריין צו זיי, זענען שוין אַלע דריי געזעסן ביי די קאָרטן און אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש קאָניאַק און אַ פלעשל ליקיער — — —

מיט אַמאָל האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אַלע זענען צעטומלט געוואָרן, מישקע אָבער איז געבליבן רואיק.

אַריין איז איינער פון די צווויי מכלומרשטע זעלנער:

—עפּעס איז נישט רואיק אין גאַס — — —

—וואָס איז?

—ס׳איז איצט דורכגעגאַנגען אַ גאַנצער אָטריאַד פראַנצויזישע זעלנער—זיי זענען נישט „געקראָכן״, נאָר געגאַנגען. פאַר זיי—אַן אָפיציר מיט אַ צערודערט פּנים... צום פּאָרט דאַכט זיך...

—נו, איז וואָס?

—און אויף דער גאַס און אויפן בולוואַר שטייען עפּעס אַ סך פּאַטרולן.

מישקע איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, פאָרזיכטיק אָפּגערוקט דעם פאָרהאַנג און ביי דער שיין פון דער עלעקטרישער לאַמטערן, וואָס האָט געלויכטן פון דומא־פּלאַץ, האָט ער געזען, ווי דאָרט, עק דומא־פּלאַץ און טעאַטר־געסל, שטייען עטלעכע מענטשן מיט ביקסן. שווער געווען צו זען, צי דאָס זענען „פּריווילעגיע״ צי פראַנצויזן, און ערשט איצט האָט ער באַמערקט, ווי אַן אָטריאַד רוקט זיך אַרויס פון דער זייט, וואו דער פּלאַץ שליסט זיך אָן אין פּושקינסקע גאַס—און מאַרשירט שטיל אַוועק צום בולוואַר.

—מיר בלייבן דאָ ביז אין דער פרי!—האָט מישקע רואיק געזאָגט—עפּעס טוט זיך דאָ... רוף זשע אַרויף דעם צווייטן.

אַליין האָט ער זיך געזעצט צום טיש, אָנגעהויבן טרינקען און רעוועקע האָט אַלע ווײַלע אויסגעגלאָנצט די אויגן אויף אים. ער האָט קיין איין מאָל נישט אויפגעהויבן די אויגן אויף איר. איז זי עפּעס צעטומלט געווען—פילנדיק אַזוינס, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען, און דערפון האָט אין איר דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן...

מישקע האָט אויך גענומען שפּילן, געשפּילט רואיק און אַ וואָרט נישט גערעדט. ער האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ס׳איז אים גוט געווען צו זיצן אַזוי ביין און שטיל. מיט אַמאָל אָבער האָט ער געגעבן אַלייג אַוועק די קאָרטן און זיך אויפגעשטעלט:

—איך גיי שלאָפן.

רעוועקא האָט אויסגעשטעלט די אויגן:

—מישא!

—וואָס איז?
—וואָס איז מיט דיר?
—גאָרנישט.
—ביזט נישט געזונט?—איז זי אויפגעשטאַנען.
—דול נישט קיין קאָפּ!
און, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער זיך אויסגע-דרייט און אַריין אין זיין צימער.
רעוועקא האָט זיך אָנגעבלאָזן, געוואָרן באַליידיקט, זיך צוריקגעזעצט און אַ מורמל געטאָן:
—ווער עס האָט געשיקט נאָך אים!?...
מען האָט ווידער גענומען שפּילן...

*

אויפגעשטאַנען איז ער שוין אַ שטיק אויף טאָג, מחמת איינ-געשלאָפן איז ער שטאַרק שפּעט. אַ לאַנגע צייט איז ער געלעגן און נישט געקענט פאַרזונקען אין שלאָף, ער האָט זיך גע-פּלאָנטערט אין איין געדאַנק, וועלכן ער האָט נישט געקענט באַגרייפן. ס׳איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים געווען פרעמד און פאָרט אַזוי היימיש. ער האָט געדענקט און זיין געשפּרעך מיט „קאָזען" אויפן גאַס, און אים האָט פאַרדראָסן, פאַר וואָס נאָר זיי האָבן געקענט האָבן אַזאַ געשפּרעך. אַנטאָן דער „רויטער" מיט וואסיל „משופּ"—וואָלטן אַזאַ געשפּרעך נישט געקענט האָבן... און עפּעס איז דאָס פאַרבונדן מיט באַשקען...
אַ?—ער האָט מיט אַמאָל דערפילט איר קוש אויף זיין שטערן און ער האָט זיך געקאָרטשעט, שטאַרק געדריקט די אויגן—ער האָט דעם קוש נאָך אַמאָל איבערגעלעבט און מיט אַמאָל: יאַן...
ווער איז יאַן? האַ? וואָס קער ער זיך אָן מיט באַשקען? איז ער איר נישט מער ווי אַ חבר? נישט מער?
און דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואוסט אויף קלאָר, האָט אים איצט געפּייניקט. ער האָט נישט געטראַכט פון דעם, וואָס יאַן קאָן זיין גאָר נאָענט צו באַשקען, אַז ער קען זיין אַ חתן. און אַז אַ חתן? און אַז ער האָט רעוועקען? ניין, נישט דאָס...

באַשקע איז עפּעס אַנדערש... באַשקע איז נישט סתם אַ שיין מיידל... און ער האָט פאַרגעסן אָן יאַנען און צוריק פאַרזונקען אין פאַרגאַנגענע צייטן און ווידער געדענקט אָן שטיבל מיט די פּראָקלאָמאַציעס

לאַנגזאַם האָט ער געטראַכט און געדענקט אָן די איינצל־הייטן. זיך נישט פאַרגינען מיט אַמאָל אַלץ אָפּצוטראַכטן.

נאָר ווען ער האָט שוין אַלץ איבערגעדענקט אין זכרון, האָט ער מיט אַמאָל ווידער דערפילט, אַז עפּעס גרויסעס שטייט אים פאָר צו טאָן. . אַלע וועלן נאָך דעם קוקן אויף אים מיט וואַרימע אויגן

„וואַרט צו, באַשקע... וועסט זען... וועסט זען...״

איינגעשלאָפן איז ער אַ רואיקער און צופרידענער—נאָר אויפגעכאַפּט האָט ער זיך איצט ווידער צעשראָקן, ווי ער וואָלט ערגעץ אין פרעמדקייט פאַרבלאָנדזשעט.

אין שטוב האָט „קאָזע״ שוין געוואַרט אויף אים. רעוועקא איז געווען אָנגעבלאָזן און באַליידיקט, און דאָס איז אים געפעלן... ער האָט אינגאַנצן פאַרשפּאָרט צו רעדן. האָט ער געטרונקען טיי, עפּעס אָפּגעגעסן, געקושט באָריטשקען, גע־קושט און זיך געאיילט, ווי ער וואָלט געדאַרפט נישט פאַר־שפּעטיקן.

אויף דער גאַס איז געשטאַנען אַ בלייכער טאָג. די כמאַ־רעס זענען געווען דינע, ווייסע, דורכזיכטיקע און אַ אָפּשיין פון זון איז געלעגן אויפן בולוואַר. מישקע האָט דערזען, ווי דאָרט שטייען אַ סך מענטשן און קוקן אַלע צום ים איז ער אַהין אַוועק.

דער בולוואַר איז געלעגן אַ שטילער און ענטשן האָבן געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן:

—עפּעס טוט זיך דאָרט!—האָט איינער געזאָגט.

און מישקע האָט געדענקט אָן די פּאַטרולן אָן אָטריאַדן פון ביינאַכט און זיך צוגעהערט:

—עפּעס, זאָגט מען... נישט רואיק דאָרט...

—זיי זאָגן זיך אָפּ צו שיסן...

—אַזוי?

—ביינאַכט איז דאָרט אַ גאַנצע „טרעוואָגע״ פאָרגעקומען...
—מען האָט אַרויסגערופן זעלנער.
—צו די מאַטראָסן?
—האָבן די זעלנער אויך נישט געוואָלט אַרעסטירן...

מיט אַמאָל האָט אַ גרויער קוימען פון אַ קרייסער אַרויס־געלאָזט אַ דין פּאַסיקל רויך, באַלד איז עס געוואָרן דיקער און דיקער. אַ צווייטער קוימען פון אַ צווייטן קרייסער האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסאָטעמען רויך, און דאָ אויפן בולוואַר האָט מען זיך עפּעס דערפילט פרייער... מען האָט נישט געזען, נישט קיין „פּריוויליקע״ אָפיצירן און נישט קיין זעלנער. איינער אַן אָפיציר, האָט זיך יאָ באַוויזן און גיך מיט שרעק דורכגעשפּאַנט.

פון אַלע קוימענס האָט איצט געריכערט.

—זיי גייען אַוועק!
—זיי וועלן נישט בלייבן שטיין.
—און אפשר צום „פּאַנטאַן״!
—פון דאָרט איז טאַקע נענטער צו די פּאָזיציעס.
—האַ? ס׳קאָן זיין...

דאָרט, הינטן, ביי די צוגאַנגען צום פּאָרט, זענען געווען צושטעלט זהאַוון, צווישן זיי—„פּריוויליקע״, אַרום זיי איז גע־ווען שטאַרק ליידיק. מיט אַמאָל האָט עפּעס אַ קרעכץ געטאָן צווישן עולם, מיילער זענען געבליבן אָפן.

אויף אַ קרייסער האָט זיך באַוויזן אַ רויטע פאָן!

אַלע זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפט. עפּעס איז מען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צווישן שרעק און יובל... און ווידער אַ פלאַטער און אַ רויטער ווינק אין וועלט אַריין! אַ צווייטער קרייסער האָט אַרויסגעשטעלט אַ רויטע פאָן!

—בראַוואָ!—האָט זיך צווישן עולם דערהערט אַ רוף.

נאָר מען איז שטיל געבליבן, מען האָט נאָך נישט פאַר־שטאַנען.

מישקע איז געשטאַנען מיט אויפגעריסענע אויגן און שמייכלדיקע ליפּן. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי „קאָזע״ שטייט נעבן אים, אַן אויפגעלייקטער מיט יום טוב אויפן פּנים.

—אָט דאָרט! אויך רויט!
—און אָט דאָרט!
אַלע שיפן האָבן איצט מיט רויטע פּענער געוואונקען און עפּעס לופטיקס, לאַכעדיקס אויסגעשריגן. הינטן, צווישן די פּאַטרולן, זענען אייניקע אָפיצירן געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, און דער ים איז איצט בלוי, און די כוואַליעס לעקן די שיפן פון אַלע זייטן, הייבן זיך אויף און קנייטשן זיך מיט בלישטשענדיקן שמייכל...
מיט אַמאָל האָט מישקע איינגעשטאָכן די אויגן אין דעם פּראַנצויזישן אָפיציר, וואָס האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט, אַרויפגייענדיק צום בולוואַר.—אַ?... עפּעס קענטלאַך... שטאַרק קענטלאַך... מישקע איז גראַדע געשטאַנען ביי די ברייטע צעמענטענע טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ צום פּאָרט—אַ? ער שמייכלט דאָך צו אים! ס'איז דאָך... סאַשע!
עס האָט אָנגעהויבן שלאָגן אין האַרצן העפטיקער: סאַ—שע... סאַ—שע! יאָ, יאָ, דאָס איז ער.
דער אָפיציר האָט אים געזען, אויפגעהערט שמייכלען און צו אים אַ וואונק געטאָן.
מישקע איז צו אים צוגעגאַנגען:
—פעלדמאַן.
—נו, יאָ... אָט בין איך אַן אָפיציר אויך.
—כ'פאַרשטיי.
—איך דאַרף דיר.
—גוט.
קאָזע איז געגאַנגען הינטער זיי.
זיי זענען אַרויס פון בולוואַר, סאַשע האָט צוגערופן אַ „שטייגער", זיך אַריינגעזעצט מיט מישקען, קאָזע האָט אויך צוגערופן אַ דראָזשקע און זיך געלאָזט פאָרן נאָך זיי.
—הער אויס... איצט איז געקומען די צייט...—סאַשע האָט גערעדט פאַרטראַכט—די פראַנצויזן פאַרלאָזן אָדעס.
—געהערט.
—האָסט געזען די רויטע פענער? הער זשע: באַשקע האָט זיך מיט דיר געזען? ניין? דאַרף זי זיך זען מיט דיר היינט...

די פראַנצויזן גייען אַוועק. די „פרייווייליקע" האָבן בדעה אַ הוליע צו טאָן...

—אַ פּאָגראָם?

—זיי האָבן זיך שוין אַפּילו צוגעגרייט צו דעם.

—די קורצע הענט! מיר שטייען אויף דער וואַך!

—אַ דאַנק!—נאָר געדענק: ס'איז נישט קיין שפּילעכל, מען מוז זיך גוט אונטערגאַרטלען, מען האָט דאָ צו טאָן נישט מיט קיין סתם כוליגאַנעס, נאָר מיט אַן אָרגאַניזירטער מיליטערישער שוואַרצער קראַפט... פאַרשטייסט?... און ביזט זיכער מיט דיינע מענטשן?

—ווי מיט זיך אַליין.

—אַלע וועלן זיי אַרויסטרעטן?

—ביז איינעם.

—איז גוט... איז גוט... זעסט, מיר האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אַרבעטער. נאַ, אָט האָסטו דעם „קאָמוניסט", לייג אַריין אין קעשענע, וועסט שוין שפּעטער איבערליינען. מיר רופן דעם פּראָלעטאַריאַט צו פאַרטיידיקן די שוצלאָזע יו־דישע באַפעלקערונג...

מיט אַמאָל האָט זיך סאַשע צוגעבויגן צו אים:

—דודקע, אַלע זענען מיר דאָך נאָר אַ קרבן פון דער בורזשואַזער אָרדנונג.

—געוויס,—האָט זיך מישקע אָן דעם אָנגעכאַפּט.

—ביי אַ פּראָלעטאַרישער מלוכה, וועט איר דאָך אַלע פאַר־בלאָנדזשעטע, זיך אומקערן צו אייער משפּחה.

—געוויס.

ביידע זענען שטיל געוואָרן, מישקען איז גוט געווען, ער איז געוואָרן דערהויבן.

—הער אויס—האָט סאַשע אָנגעהויבן און זיך פאַטראַכט.

—וואָס איז?

—פאַרשטייסט דאָך. דאָס רעד איך מיט דיר אין מיין אייגענעם נאָמען... און אין באַשקעס נאָמען.

מישקע האָט עפּעס נישט פאַרשטאַנען און זיין פּנים איז לייכט פאַרוואָלקנט געוואָרן.

—פאַרשטייסט... יעדער דינט דער רעוואָלוציע, מיט וואָס ער קען. דו האָסט דער רעוואָלוציע גרויסע נוצן געבראַכט... איך ווייס אַלץ... דו האָסט זיי דעזאָרגאַניזירט... די רעוואָלוציע וועט עס קענען אָפּשאַצן... דיך קען איך... דיך ווייס איך...

מישקעס פּנים האָט זיך צוריק אויסגעלייטערט.

—רוף צונויף אַ מיטינג... רוף אַלע צונויף און ערקלער זיי... איך וועל אפשר אויך קומען.

—גוט.

—ווי אַזוי רעכנסטו דאָס צו מאַכן? פאַרגעס נישט. דער־ווייל איז אַ סכנה.

—אַ סכנה? „באַפּליעוואַט"! איך לאַך פון אייער טאַטן.— מיר זענען טויזנטער! „פּולעמיאָטן" האָבן מיר. אַ צוויי דריי האַרמאַטן ליגן אויך. מאָרגן רוף איך אַ מיטינג.

זיך אָפּגערוט:

—און „קאָמעטאַ"—די גאַנצע געגנט וועט זיין באַוואַכט.

—דאָס איז גוט. גוט. איך מיט באַשקען וועלן אַהין קו־מען... וועגן פּאַרטיידקן... פאַרשטייסט.

די קאַרעטע איז אַריינגעפאָרן אויף מאַלדאַוואַנקע.

ז

* * *

די קרייסערס אויפן ים האָבן זיך אַנגעהויבן אָפּרוקן פון פּאָרט. דער בולוואַר איז געווען געפּאַקט פון נייגעריקע, צע־פּלאָמטע און בלייכע. ניין, נישט אויפן פּאָנטאַן... זיי גייען אַ פּשוט אין ים אַריין.

נאָר ווען די שיפן זענען שוין געווען אין מיטן ים, האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן פּאַטרולן, וואָס האָבן צעטריבן די מענטשן פון בולוואַר.

די גאַסן זענען אָבער מיט אַמאָל געוואָרן באַלעבט. די כמאַרעס האָבן זיך אויף אַ סך ערטער צעריסן. די זון האָט אַרויסגעבליקט, און יונגע מענטשן האָבן געאיילט, שפּאַנענדיק מיט זונענדיקע טריט און אין די אויגן האָט אויפגעגלאַנצט. די גאַס האָט צעטראָגן אַ בשורה:

—קלעמאַנסאָ איז אַראָפּ! די פראַנצויזן עוואַקואירן...

ווער האָט פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער פראַנצויזישער פּרעמיער קלעמאַנסאָ איז אַראָפּ? קיינער האָט נישט געוואוסט—נאָר אַלע האָבן געגלייבט—אַזוי זיכער האָט מען עס דערציילט, און אַזוי האָט מען געוואָלט.

איבער פּושקינסקי האָט זיך מיט אַיילענדיקע טריט געטראָגן אַ ברונעטער בחור'ל מיט אַ טעקע אין האַנט.

ער האָט זיך אָנגעשטויסן מיט נאָך איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ קליין טונקל בלאָנד בערדל, נישט קיין געשוירענס—יענער האָט אים עפּעס געפרעגט, דער ערשטער האָט געענטפערט און געאײַלט און געהערט האָט מען, ווי ער ענטפערט:

—פּראַוודאַ! פּראַוודאַ!...

—ווער איז ער?

—אַ מיטאַרבעטער פון „אָדעסקי נאָוואָסטי”!

זענען רעדלאַך געוואָרן. האָט מען זיך פאַרגעסן צו היטן. האָט מען דערציילט, אַז דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט האָט אויסגעדרוקט אומצוטרוי קלעמאַנסאָן, איז יענער אַראָפּ פון בענקל. איבער דער גאַס האָט מען איצט קיין „פּריוווילִיקע” נישט געזען, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַ פראַנצויז, האָט מען אויף אים געקוקט מיט צופרידענע אויגן און ער אַליין האָט לייכט געשמייכלט...

* * *

קאפיטל אכט

צומאָרגנס איז אין די צייטונגען געווען אָפּגעדרוקט אַן אָפּיציעלער באַפעל, צו עוואַקואירן די שטאָט, אין די צייטונגען זענען אויך געווען אָפּגעדרוקט אַ גאַנצע רייע טעלעגראַמען, וואָס

האָבן פון די פאַרדרוקטע בויגנס אַראָפּגעשריגן מיט גרויסע אותיות און ברייטע שורות. די ערשטע טעלעגראַמע איז געווען אַ קאַלטע און אַ קורצע: דער פאַרלאַמענט האָט אַרויסגעטראָגן אַן אומצוטרוי-וואָטום דער רעגירונג פון קלעמאַנסאָ. דער פרעמיער האָט באַלד אָנגעגעבן אין דימיסיע. דערנאָך איז געווען אַ לענגערע טעלעגראַמע, מיט קלענערע אותיות—די פּרטים און די צאָל שטימען, און נאָך ווייטער—אַז דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאַב האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו עוואַקואירן דאָס פראַנצויזישע מיליטער פון דרום־רוסלאַנד.

דער שטאָט איז מיט אַמאָל אַ פרייד באַפאַלן. זי האָט אַראָפּגעשיינט פון די פּנימער און אַרויסגעקוקט פון די אויגן. אַ זון האָט געלויכטן פון אַ טיף-בלויען הימל, און אין דער זוניקער ליידיקייט האָבן געציטערט ווייטע מוזיק־קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך פון פעלדער אַרום, פון ברייטע סטעפּעס, וואָס גרינען שוין, און פון ים, וואָס שפּילט מיט דינע כוואַליעס אויף זאַמד פון ברעג. אין די קלייטן איז מען געשטאַנען מיט ערוואַרטונג און אין גאַס האָט זיך געפילט אַ ריח פון ערב פּסח. די רויטבאַצלמטע אויטאָמאָבילן זענען שוין מער איבער די גאַסן נישט געלאָפן. איצט האָבן אָפּט נאָר הייזעריקע רופן פון משאַר־אויטאָמאָבילן די לופט דורכגעשניטן. אָפיצערן זענען איצט נישט געגאַנגען מיט פאַרביסענע גאווה—נאָר כמעט געלאָפן צעטומלטע, זיך געאיילט אַנטרונען צו ווערן. די שרעק פאַר זיי איז שוין געווען אויסגעוועבט און די טויבע קלעפּ, וואָס זענען לעצטנס געקומען פון אונטער דער שטאָט, זענען אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זיי וואָלטן איינגעדרימלט.

ס׳איז געווען נאָכמיטאָג. די זון, אַ געררויטלטע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום האָריזאָנט און פאַרן טעאַטער „קאָמעטאַ“ האָבן זיך אַ סך מענטשן געשטופּט. אַ פּלאַקאַט, אַ משונהדיק גרויסער, האָט געשריגן מיט גרויסע, רויטע, יודישע אותיות וועגן אַ „שפּאַנענדער, סענסאַציאָנעלער, פּיעסע“, און די רייע פאַר דער קאַסע, וואָס האָט מיט אַ שייבלדיק אויג געקוקט אין קאָרידאָר אַריין, האָט זיך געצויגן פון קאָרידאָר אין גאַס אַריין...

* * *

מישקע האָט זיך געפונען ביי דער פישעלעכע, האָט גע־פילט אַ גרויס גליק און געווען פאַרשכורט פון דעם, ווי אַ חתן אַ שעה פאַר דער חתונה. ער האָט זיך עפעס קיין אָרט נישט געפונען, געשמייכלט און אַלע ווײַלע אַרויסגעקומען אין דער פאָרנדיקער שטוב, האָט מיט שמייכלענדיקע אויגן געקוקט אויף דער פישעלעכע, וואָס האָט זיך געוואונדערט און אויך געשמייכלט אונטער דער נאָז. איצט, איז אים אָט די צוגאָסענע יידענע אויסגעקומען אַזוי היימיש און נאָענט. אים האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט, זי אַ גלעט צו טאָן.

—וואָס גלאָצסטו אַזוי מיט די גאַלעס?—האָט די פישעלעכע פאַרצויגן די דיקע ליפן אין אַ שמייכל.

—גאָרנישט... ס'ווערט שיין אין דרויסן.

—אַ נייער גליק אויף זיין באַבען!...

—יאָ... אַ גליק... מומעשי... אַ גליק... מען ווערט פּטור פון די הינט.

—אַ פרייד אויף זיין קאָפּ... וועלן קומען אַנדערע הינט. נאָך ערגער! מיר האָבן שוין געזען די לייט!

—שווייג, מומעשי... שווייג. נישט אמת... ס'וועלן קומען אמתע מענטשן... ערלעכע מענטשן... איצט זענען הינט... כולי־גאַנעס... שמייכל נישט אַזוי!... דאָס זענען נישט קיין ווילדע מאַטראָסן... וועסט זען. אַלע וועלן זיין לייטיש. מיר אַליין וועלן אויך ווערן אָרנטלעכע מענטשן... יאָ, יאָ, וועסט זען, מומעשי... און דו וועסט אויך ווערן לייטיש און ערלעך... כאַ־כאַ!

—וואָס?—די פישעלעכע האָט משונה אויסגעשטעלט די אויגן. און מישקע איז צוריק אַריין אין דער צווייטער שטוב.

—זאָל איך אַזוי לעבן, ער איז גערעכט, דער יונג... האָסט געהערט?—משוגע געוואָרן, טויט משוגע—האָט די פישעליכע גע־רעדט צו דער מויד, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן, ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן.

האָט די מויד געשוויגן, געשוויגן און מיט אַמאָל אַריין דאָרט צו אים. האָט זי אים געטראָפן, ווי ער שטייט און שמייכלט, האָט זי אויך אַרויסגעלאָזט אַ שמייכל דורך דער נאָז.

—וואָס זשע שמייכלסטו, גיטל?

—כ׳ווייס...

—קום אַהער... קום אַהער, גיטל... דרייסט זיך אַרום פּוסט און פּאַסט... ביזט פאַריאָגט, אַרבעסט אָן אַ טאָלק... וואַרט צו, ס׳וועט אַנדערש ווערן... ס׳וועט ווערן פריי און גוט... וועסט אויך ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך... וועסט זען, גיטל...

איז די מויד צוגעגאַנגען מיט צעגלאַנצטע אויגן און אַראָפּ־געלאָזט דעם פּעך-שוואַרצן קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואַרט צו כאַפּן אַ זעץ, אַ געזונטן זעץ, נאָר מישקע האָט אַלץ געשמייכלט און מיט אַמאָל איר געגעבן אַ שטאַרקן קניפּ אין דער רויטער באַק.

—אַז די הענט זאָלן דיר אַראָפּ!—האָט די מויד געזאָגט און זיך ווידער צעשמייכלט דורך דער נאָז-וואָס קנייפּסטו וואָס?—האָט זי אויפגעהויבן די אויגן.

—וואָס דען ווילסטו?

האָט ער געלאַסן אונטערגעשפּאַרט מיט צוויי פינגער אונטער איר גאָמבע, אויפגעהויבן איר פּנים מיט די שוואַרצע צעגליטע אויגעניס, לייכט זי אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן און זיך צע-לאַכט.

די מויד איז געשטאַנען צעמישט.

—גוט אַזוי? אָט זעסטו... וואַרט צו, מיר וועלן אַלע ווערן אָרנטלעכע מענטשן...

די מויד האָט איצט געקוקט אויף אים מיט וואונדער. פון זיין קוש האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ, אינגאַנצן פאַרדרייט, ווי אַ הונגעריקער, וואָס האָט דערפילט דעם ריח פון פריש גע־בעקס. נאָר מישקע האָט זיך שוין געהאַט פאַרקוקט און געטראַכט, ווי ער וואָלט פאַרגעסן, אַז די מויד דרייט זיך אַרום אין שטוב.

—אַרב וועסטו ווערן? כי-כי-כי—האָט זיך די מויד פּלוצ־לונג צעלאַכט.

האָט מישקע אויסגעשטעלט אויף איר אָנגעצויגענע אויגן, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט, האָט געקוקט און אַלץ גע־טראַכט, אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן. זיך ווידער אָפּגעקערט פון איר און גענומען אַרויסקוקן דורכן פענסטער.

ס׳איז שוין געווען טונקל. די זון איז שוין געווען פאַר-גאַנגען און דער האָריזאָנט האָט געבליקט מיט ראָזער העלקייט.

ווי פריש געעפנטע אויגן. דער טאָג האָט זיך אויסגעוועבט. אויפן הויף איז אויך שטיל געווען, נאָר ביים טויער איז איצט יאָשקע דער געלער געשטאַנען

„ווער, הייסט עס, יאָשקע צוריקקערן צו דער משפחה. אויס! צוריק נעמען אַרבעטן ביי די „כאמעטעס" און זיין אַ בירגער מיט בירגער גלייך!... און אַז מען וועט דאַרפן קלויבן אין „סאָוועט", וועט יאָשקע קלויבן"...

האָט געעפנט דעם לופטשיק:

—יאָשקע!

יענער איז צוגעלאָפן נענטער, האָט פאַריסן דעם קאָפּ. נאָר מישקע האָט שוין נישט געוואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט ער אַ ווייַלע געשמייכלט און דערנאָך געפרעגט:

—וויפל איז דער זייגער?

—דער זייגער?—באַלד.

האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מישקע האָט דערביי געטראַכט: אַ וואוילער יאַט! יענער האָט צוריק אויפגעהויבן דאָס פּנים:

—שוין נאָך האַלב זיבן.

האָט מישקע צוריק פאַרמאַכט דעם לופטשיק און געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק. אַכט אַ זייגער הייבט זיך עס אָן. איז וואָס זשע זעט מען קיינעם נישט?

ער האָט זיך אַרומגעוואַשן, זיך געפּליוסקעט אין שיסל וואַסער און זיך געפילט חתנדיק, האָט זיך געלאָזן צוגעקעמט און, ווען ער האָט געגעבן אַ קוק אויפן זייגער און געזען, אַז דער ווייזער שטייט שוין נאָך זיבן—האָט זיך געעפנט די טיר און „קאָזע" מיטן „אַדוואָקאַט" זענען אַריינגעקומען.

—גייען מיר?

—מיר גייען.

—אַלץ אין אָרדנונג?

—פון אַלע זייטן „אַרומגעוואַשן"...

* * *

דאָס טעאַטער איז געווען פול־געפּאַקט. אַלע שטולן זע־נען געווען באַזעצט. און אונטער די שטולן זענען נאָך אַ סך גסשטאַנען. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע בלאַנקענדיקע קראַגענס און אין שוואַרצע, האַרטע, אָדער ווייכע גרויע הוטן. אַ טייל אויך אין היטלען. אַ שטאַרקער אָטעם האָט זיך געטראָגן אין דער ליידיקייט. עס איז שטיל און פאַרעקשנט געווען; אַלע האָבן געשוויגן פאַרביסן און קרעפּטיק. די בינע איז געווען אויסגעשטעלט מיט דעקאָראַציעס און מעבל, גרייט אויפצונעמען די אַרטיסטן. צווישן פובליקום זענען נאָר געציילטע דאַמען גע־זעסן. די, וואָס זענען געווען, זענען געווען יונג און שווייגנדיק מיט ברענענדיקע אויגן און לייכט פאַרטראַכטע שטערנס. ס'איז געווען עפּעס אַ פייערלעכקייט פון גרויס ערוואַרטונג. און מיט אַמאָל האָט זיך מישקע באַוויזן אויף דער סצענע.

ער איז געווען בלייך, האָט געדענקט, אַז ער האָט אויף דער זעלבער סצענע אַמאָל אַרויסגעטרעטן, איז ער דערפאַר אַ ווילע געשטאַנען, ווי פאַרגליווערט. זיינע אויגן זענען געווען זעער שאַרף, איז אויסגעקומען אַז פון זיי ציען זיך שטראַלן—האָט ער אַ ווילע געקוקט און נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענ־גען, דערנאָך האָט ער אַ באַוועג געטאָן דעם קאָפּ און פאַרקריצט די ציין, האָט געזוכט מיט די אויגן און דערזען באַשקען. זי איז געזעסן אין ווינקל און רואיק מיט האַלבן שמייכל געקוקט גלייך אויף אים.

—חברים! יודישע חברים! ווער זענען מיר?—אַלע ווייסט איר דאָס. אָבער וואָס דאַרפן מיר זיין? און איך וויל אייך זאָגן: מיר דאַרפן זיין מענטשן! און מיר וועלן עס זיין! די זאַטע, די אָנגעפרעסענע, די געזעצליכע רויבער פון דער רוי־בערישער אָרדנונג האָבן אונז צום אָפּגרונט געשטויסן. מען האָט אונז פאַרגעלייגט פיין, נויט, ליידן, און אַז מיר האָבן דאָס נישט געוואָלט, האָבן מיר זיך געמוזט אַריבערקלויבן אויף יע־נער זייט... האָט מען אונז געיאָגט, ווי חיות און מיר—מיר האָבן זיך, ווי חיות, נוקם געווען!

צי מיר זענען שולדיק, צי נישט, אָבער זינדיק זענען מיר! און דאַריבער—איצט ווען עס קומט אַן אַנדער וועלט, אַ

וועלט פון יושר און אמת. איצט ווען עס קומט צו דער מאַכט אָט דער אָרימער אַרבעטער, דער האָרעפּאַשנע, וואָס לײַדט פּײַן און נויט-,דאַרפֿן מיר זיך אומקערן צו אונזערע... און-מיר דאַרפֿן העלפֿן דעם אַרבעטער־קלאַס, אונזער ברודער, צו פֿאַרפֿעסטיקן זײַן מאַכט. זאָל מען זשע וויסן: נישט מיר זענען פֿאַרברעכער פֿון געבורט, נאָר קרבנות פֿון דער בורזשואַזער הערשאַפֿט, אָבער פּאַר אַרבעטער הערשאַפֿט זענען מיר פֿלייש פֿון זייער פֿלייש.

ער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן. אים איז מיאוס געוואָרן אָט די פּוסטע רייד — — —

מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט, און זײַן שטים איז געוואָרן נאַטירלאַך און שטאַרק:

—הערט אויס! זייט וויסן, אַז די הינט, די כוליגאַנישע „זאָלאָטאָפּאָגאָנטשיקעס" ווילן מאַכן אַ בלוט-באָד אויף יידן. זיי ווילן אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם! זיי ווילן אויסקוילענען אַלע יידן מיט אונזערע ווייבער און קינדער, ווי מען האָט עס געטאָן אין פּראָסקוראָוו, און דאַריבער האָב איך אייך אַהער צענויפֿגערופֿן.

איך, מישקע, באַפֿעל אייך: אַלע, ווי איינער, זאָלן מיר אַרויס אַקעגן די כוליגאַנעס און זיי די הענט איבערהאַקן, מיר וועלן נישט קריכן אין די קעלערס און וואַרטן, ווי די מייז, אַז זיי זאָלן קומען אונז אויסשחטן, שנײַדן די ברוסטן פֿון די פֿרויען און צערײַסן לעבעדיקע קינדער. מיר וועלן נישט דערלאָזן! מיר וועלן באַווײַזן די רצחים, אַז מיר זענען נישט קיין הינט און זיי-נישט קיין הינט-שלעגער.

זייט זשע גרייט! כ'האָב זיך דערוואוסט, אַז די פּראַנצויזן גייען אַוועק מיטן ים און די הינט בלײַבן נאָך איבער, זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס צו שחטן יידן. די לעצטע טעג זייערע ווילן זיי אויסנוצן צו מאַכן אונז אַ בלוט־באָד. אַ טויט זיי!

—אַ טויט די כוליגאַנעס!

ס'האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געדיכטער רעווע איבערן זאַל און ס'האָט זיך דערהערט אַ צײַנקריצערײַ. עפּעס האָבן די בלוטן שטורמיש אויפֿגעקאָכט.

—זאָלן זיי אָנהייבן!

—מען וועט זיי לערנען דרך-ארץ!

—מיט דער רוסער יויך וועלן זיי זיך באַלעקן!

—קניידלעך וועלן זיי שלינגען!

עס איז שטיל געוואָרן און מישקע האָט איצט געפּלאַמט.

—נאָך ווייניק האָבן זיי אונז געשחטן און געהרגעט! ווייניק האָבן זיי פון אונז געשפּעט און געחוזקט? אַ יודישן גנב, אַז זיי האָבן געכאַפּט, האָבן זיי דאָך אים צום טויט פאַרפּייניקט! זיי האָבן אַלץ געמעגט, און מיר, אַפילו גנבעכ׳ן. האָבן מיר נישט געטאָרט... גענוג! לאָמיר זיי באַווייזן, אַז מיר קענען מאָרדן און הרגענען נישט ערגער פון זיי! אַז מיר האָבן זיך פון זיי די מלאכה אויסגעלערנט!

זייט זשע אַלע גרייט! וואַרט אויף אַ סיגנאַל!

זענט איר גרייט?

—גרייט!

דער ענטפער איז געקומען מיט אַמאָל און פעסט. מישקע איז אַראָפּ פון דער סצענע. אַלץ איז געוועזן קלאָר.

אויף דער סצענע האָבן זיך באַוויזן אַרטיסטן און אָנגעהויבן שפּילן די „שפּאַנענדע פּיעסע״.

מישקע איז אַריין אין טעאַטער מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ—איז גלייך צוגעגאַנגען צו באַשקען, געקוקט מיט ליכטיקע אויגן, באַשקע האָט אים געדריקט די האַנט:

—גוט, דודקע, גוט...

און ער—האָט נאָר געשמייכלט און ביי אים אין האַרץ און אין מח האָט אויך ליכטיק געשמייכלט.

* * *

—און איך מוז שוין גיין —

מישקע האָט אַלץ געשמייכלט און זיך אויפגעשטעלט נאָך איר. זי איז געגאַנגען פאָראויס און ער נאָך איר, אים האָט זיך בשעת מעשה געדאַכט, אַז באַשקע באַשיינט דעם דורכגאַנג אין פינסטערן זאַל און ער האָט איצט נישט געדענקט קיין פריער און שפּעטער—אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס, נאָך וועלכן ער האָט זיך שטענדיק געצויגן, איז איצט געקומען. נאָר ווען

ער איז שוין געווען ביים טיר, האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט, האָט ער זי פּאָרזיכטיק אָנגענומען ביי דער האַנט:

— איין ווײלע.

האָט זיך אויסגעדרייט און מיט אַ רואיקן בליק אַרומגע-בלאָנדזשעט איבער די שטולן, זיך אָנגעשטויסן מיטן „אַדוואָקאַטס" בליק. יענער איז אויפגעשטאַנען און מיט גיכע טריט ציגעקומען.

באַשקע האָט געזען, ווי ער בויגט עטוואָס אָן דעם קאָפּ און זאָגט צוויי ווערטער. יענער דרייט זיך אויס און אַ הויכער, ברייטביינערדיקער יונג — אָט יענער, וואָס האָט יאַנען אָפּגעפירט אַרויס דער שטאָט — איז מיט געמאָסטענע טריט צוגעגאַנגען, נאָר מישקע איז שוין צוריק געשטאַנען נעבן איר:

— מיר גייען.

אויפן גאַס האָט קיין פענצטער און קיין טיר נישט גע-לייכט, נאָר די עלעקטרישע לאַמטערנעס האָבן מיט מאַטער ליכט פאַרצויגן די אויסגעבלייכטע שטיינער, וואָס זענען געלעגן אויס-געבערקטע און שטיל עפּעס ערוואַרט.

— יאָ, איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו דערציילן: יאַן איז אין קיעוו. ער איז שוין אַרויסגעפאָרן קיין אָדעס.

— אַהאַ! — און ער האָט עפּעס נישט תופס געווען, וועגן וואָס זי רעדט. ער האָט זיך אַליין שוין געזען איצט בראש פון זיין אַרמיי און אים אוז געווען שווער איבערצורייסן זיין טראַכטן.

— איך האָב פון אים אַ בריוו געהאַט... דאַרכט זיך, ער ווערט באַשטימט קיין אָדעס.

— אַ בריוו געהאַט?

— וואָס ביזטו אַזוי צעטומלט?

ער האָט זיך צעשמייכלט:

— זיי מיר מוחל... איך בין עפּעס איבעראַשט... פאַר-שטייסט... טייערע... גאָלדענע... ס'איז עפּעס אַ גרויס גליק צו האָבן מיט זיך אַזאַ קראַפט. און... קענען עפּעס טאָן פאַר אַלע-מען... איך בין אַזש איבעראַשט...

באַשע האָט אויך אויף אים אַ קוק געטאָן. אַזאַ קוק, דורך וועלכן עס קוקט אַרויס די נשמה פון מענטשן. איצט האָט זי דער-

הערט זיין אַמאָליקע שטים, און דאָס האָט אים אַ שווידער גע-
טאָן אין האַרצן.

—האָסט געזאָגט, אַז יאַן... אָט דער...

—נו, יאָ... ווען דו האָסט פון בית-עולם אַראָפּגענומען.

—אַהאַ, איז וואָס איז דער יאַן?

—ער איז אין קיעוו.

—דאָס ווייס איך, כ'מיין, וואָס איז ער דיינער, עפּעס אַ
נאָענטער?

—אַ קוזין...

און זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זי האָט אַליין נישט
פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי לייקנט, און געשעמט האָט זי זיך,
פאַרוואָס זי האָט נישט געזאָגט דעם אמת, און הנאה געטאָן האָט
עס איר פאָרט...

—הער זשע... כ'ווייס נישט... ס'איז עפּעס גוט... וועסטו
זען, וואָס מישקע קען... פאַרשטייסט: נישט דודקע, נאָר דוקא
מישקע... איך וועל זיי, די הינט, אַרויסטרייבן! אַרויסטרייבן פון
שטאָט!...

און ווייל דאָס איז אים נאָר וואָס איינגעפאַלן, דערפאַר
האָט עס אים אַליין איבעראַשט און ער האָט אַ שטאַרקע פרייד
דערפילט.

האָט ער מיט אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט. עס איז געווען אין
אַ פינצטערן ווינקל גאַס, האָט ער מיט אַמאָל געכאַפּט ביידע
הענט אירע און זיך אין זיי איינגעגעסן מיט די ליפּן, שטיל
ווי מיט אַ תפילה—און באַשקע האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז
אים איז אַ שאָד, מער ווי די האַנט צו קושן... האָט זי איין
האַנט באַפרייט, זי אויסגעצויגן און ווייך אַ גלעט געטאָן איבער
זיין אויער און באַק.

—קום. איך אייל זיך נאָך אויף אַ זיצונג.

—קום.

ער האָט זי גענומען געאָרעמט, ביידע זענען געגאַנגען
שטיל אונטער די טענער פון אייגענעם געזאַנג.

* * *

יענע נאַכֿט האָט עס שטיל געדרודערט אויף מאָלדאַוואַנקע. שוואַרצע סילועטן האָבן געשוועבט פון טויער צו טויער. מען האָט שטיל אונטערגעקרעכֿצט טראָגנדיק. מען האָט געקלעטערט אויף נידעריקע דעכֿער. אין אַלע עקן פון די גאַסן זענען צו עטלעכֿע מענטשן געשטאַנען.

מישקע איז די נאַכֿט נישט געשלאָפן. ער האָט איינגאַנגען געבֿרענט, לעכֿצנדיק נאָך דעם, וואָס דאַרף קומען. ער האָט איצט געהאַט אין אַלעם איבעריקן פאַרגעסן, אָפּגעווישט האָט זיך אַלץ, וואָס איז בֿיז אַהער געווען, און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז לאַנג, זייער לאַנג—זינט ער האָט אויפגעהערט קומען אין די קרייזלעך—בֿלאָנקעט ער אַרום. שווערע וועגן, בֿלאָטיקע סטעזשקעס, פינצטערע היילן—און ער גייט אַלץ און פירט נאָך זיך אַלע געפייניקטע, וואָס האָבן, ווי ער, אויף פינצטערע וועגן פאַרבֿלאָנדזשעט. אָט האָט ער זיך געהאַט אָפּגעשטעלט. עס האָט שטאַרק געקראַכֿט—און ער האָט נישט געוואוסט, צי דאָס דונערט אַזוי, אָדער מען יאָגט זיך נאָך איר... און וואו גייט ער? וואו פירט ער זיי? אָט די אַלע פאַרשוואַרצטע שאָטנס? דערווייל פאַרוואַרפן זיי פינצטערע ווענדקעס אין שוואַרצן טייך, שלעפן זיי אַרויס... זע נאָר זע, ווי דאָס צאַפּלט זיך און גלאָצט מיט די אויגענעס?... וואָס זשע? האָסטו אַזוי מורא פאַר אַ קויל? און אין פאַבֿריק האָסטו דאָך גאָרנישט מורא... דאָרט גייסטו דאָך אַרום, אַ געקרוינטער הערשער איבער טויזנטער קנעכֿט... כֿאַ-כֿאַ... ער צייל̄ט... נעם, „אַדוואָקאַט”... נעם, נעם... איך דאַרף עס נישט... און ער ציטערט... ס׳איז אים אַ שאָד, דעם געקרוינטן הערשער... נישקשה—האָסט אַזוי פיל פאַרשוואַרצטע קנעכֿט... האַ? ווער רופט אים? אַך, באַשקע!... פע... עס איז אַזוי פינצטער... וואו זשע ביזטו, דודקע? וואו זשע ביזטו געוועזן, דודקע? הער... זיי ווילן אונז קוילענען. זעסט די שוואַרצע האַנט מיט די שטאָלענע נעגל... טראַך! אַזוי... די האַנט פאַלט אַראָפּ... אָט וואו איך בין געגאַנגען. טראַך!—די האַנט ווערט בלוי און פאַרשטאַרצט... און מיין נישט, הונט, אַז יידן זענען הפקר!... נאַ!... שאָקל זיך, גלאָץ מיט די אויגן! נאַ!

ער האָט אויפגעציטערט אַ קלאַפּ געבנדיק אין טיש, און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

האָט געעפנט די אויגן און געקוקט צעטומלט:

—אָ... וואָס זשע הערט זיך, „קאָזע״?

—אַלץ איז פאַרטיק...

—שוין פאַרטיק?

—נו, יאָ...

—זעט אויס, איך האָב איינגעדרימלט?

ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף, געגעבן אַ טרייסל מיטן קאָפּ.

—די „פּוליעמיאָטן״ אַרויסגענומען?

און עטלעכע אויף דעכער צעשטעלט, ווי אַ מעשה מאַכט זיך.

—גוט געטאָן. און וואַכן צעשטעלט?

—צעשטעלט.

מישקע האָט געגעבן אַ רייב די הענט אין איין אָטעם, אויסציענדיק פאָרויס דעם קאָפּ מיט אַ האַלבן גוף, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָנהייבן „באָרען״ מיט וועמען.

—ווילן מיר, הייסט עס, מיט זיי אַ שפּיל טאָן. אַז אָבער אַ שפּיל!

קאָזע האָט לייכט געשמייכלט.

איז ער צוגעגאַנגען האַרט צו קאָזען:

—הער אויס, ברודער, דו ווייסט... מיר ווילן זיי אַרויס-טרייבן... נישט וואַרטן, נאָר גלייך מיטן פוס אין הינטן... האַ?

—איך רעכן.

—זיי ווילן שוין קיין פּאָגראָם נישט מאַכן. האַ?

—זיי מעגן שוין פאַרגעסן.

—האַ? פּשוט: גענומען און אַרויסגעטריבן די הינט פון שטאָט... איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זאָלן זיי זען, אַז יידן זענען אויך נישט קיין מפּיל-קינדער! האַ? אַז נישט נאָר גנבענען קאָ-נען מיר, נאָר אויך ראַטעווען אַ שטאָט פון באַנדיטן, האַ? קאָ-זע! ס׳איז דאָך עפּעס אַ גליק צו ראַטעווען אַ גאַנצע שטאָט!

און ס׳איז דאָך אַזוי גוט... פאַרשטייסט, אָנצורייבן אַ מאָרדע די קרעציקע הינט! האַ? ברודערקע! טײַערער!

און ער האָט זיך פלוצלונג אַרומגעכאַפּט קושן מיט קאָזען.

* * *

קאַפּיטל ניין

עס זענען געשטאַנען זוניקע, קלאָרע טעג פון אָנפאַנג אַפּריל, טעג — ווען דער דרום-הימל העַנגט אַ טיף-בלויער און אַ שטילער. די ביימער אין די גאַסן שאָרכן שוין מיט זאַפטיקער ווייכקייט און די שטאָט עפנט די אויגן, ווי אַ נאָר וואָס אויפגעוואַכטע. אין מענטשלעכע אויגן גלאַנצט אויף אַ מילדע שטילקייט און אַ צאַרט ווינטל וויגט זיך איבער די גאַסן. קינדער רעשן שוין אויף די הויפן און פאַר די טויערן.

עס איז געווען אַ שבת אינדערפרי און אויף דער פּושקינסקי-גאַס האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן זשואַוון. זיי האָבן זיך פאָרזיכטיק גערוקט פון וואָקזאַל, זענען געגאַנגען צעוואָרפן אין „צעפ״ און געשפּאַנט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אין די הענט. ביי די טויערן איז מען געשטאַנען און מיט קלאַפּנדיקע הערצער עפּעס ערוואַרט.

דאָס זענען די לעצטע פרעמדע, געקומען פון דער פּאָזיציע און זיך גערוקט צום פראָנט.

אין אַלע הויפטגאַסן, ביי יעדן ווינקל, זענען צו עטלעכע מענטשן געשטאַנען און געשוויגן. זיי זענען געשטאַנען ערנסט, פאַרטראַכט, אָפּגעהיט און נאָכגעקוקט. די פּנימער שטרענג און רואיק, און מיט עקשנותדיק פאַרביסענע בליקן צוגעזען, ווי די לעצטע זשואַוון פאַרלאָזן די גאַס — נאָך זיי בלייבט עפּעס אַזאַ

לײדיקײט, אַ הפקרדיקע הוילקײט, װאָס מאַכט אויף עפּעס.

די װאַכן זענען שוין איצט געװען אויך אין צענטער צע־שטעלט, אײן װאַך מיט דער אַנדערער האָט געהאַט אַ פאַרבינ־דונג. דאָס איז נישט געװען בלויז מישקעס מענטשן, נאָר אויך פון דער אָרגאַניזאַציע. די הױפּט אָנפירונג צון דער אונטערערדי־שער אָרגאַניזאַציע איז געװען אויף פּערעסיפ און געהאַט פאַר־בינדונג מיט שטאָט און פאָרט.

די טראָטואַרן זענען געװען פול געפּאַקט, צװישן די נײ־געריקע אײנװאױנער האָבן זיך אַלע מאָל דורכגעשניטן „פּרײ־װיליגע" אָפיצירן מיט גלאַנציקע שליפעס. זײ האָבן געשפּאַנט האַסטיק, זיך געאײלט און גערעדט צװישן זיך הויך, בײזער־דיק און שװער אָטעמדיק. מענטשן האָבן זײ דעם װעג אָפּגע־טרעטן און אַ סך האָבן אויפגעציטערט, הערנדיק זײערע רײד, װאָס האָבן זיך, װי שלענגלעך, געװאָרפן פון זײערע מײלער:

—נישקשה... מיר װעלן זײ אויפשפּילן, די זשידעס!

—שנײדן... װי די הינט, שנײדן!

—אַז די שטײנער װעלן זיך טרײסלען!

—און אַזוי לויפנדיק, האָבן זיך װערטער-װערם געװאָרפן איבער גאַס:

—זשידי!

—שחטן!

—ממיתן!

—קוילענען!

—„אַ פּאָגאָלאָװנע רעזניאַ"!

אין פּאָרט האָט איצט געקאָכט. אַ שװערער געזומל פון הײשעריקן האָט זיך דאָרט אָראָפּגעלאָזט. דער גאַנצער פּאָרט איז געװען פאַרשטעלט, װי אין אַ יריד־טאָג דער מאַרק, פאַר־שידענע זעלנער האָבן געשלעפּט פאַרשידענע פּעק און װעגן. עס איז געשטאַנען אַ רעשיק, געדיכט געשרײ, ס'האָט זיך געריסן אַ הירזשען פון פערד און אויף די ברעטער, װאָס האָבן געפירט אין שיף, איז געװען אַ דרענגעניש, אַ שטופּעניש פון מענטשן, פערד און פּעק. אײן שיף איז שוין געשטאַנען שװער געפּאַקט און די אויבערשטע דעק איז געװען באַװאַקסן געדיכט מיט קעפּ

אין פאַרשידענע היטלען. די נאָז פון שוף האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן קערן אָן אַ זייט—איין ווײַלע זענען אַלע אויפן פּלאַץ געוואָרן פאַרגליווערט—פאַרשטאַרט אין ווימלונג און געקוקט ווי אויף אַ וואונדער, נאָר אָט האָט זיך די שיף דאָרט אויסגעדרייט— האָט גענומען שפּייען געדיכטע, שוואַרצע שטיקער דורכן קוימען, אַלץ געדיכטער אין שווערער זיך צעסאָפּעט און מיט דער נאָז אָנגעהויבן שניידן דאָס וואַסער און זיך דערווייטערן.

דער געווימל האָט אויפגעגליווערט, ווידער איז אין פּאָרט געוואָרן אַ געלויף, אַ טראָגערײַ, אַגעשרײַ און אַ געדיכטער רעש: האָט מען געזשוויגעט זיך, געצויגן קליינע געלע פערד פאַר די ציימלעך, די פערד האָבן געטרעטן איבער די ברעטער, וואָס זענען געלעגן אָנגעשפּאַרט אָן דער שיף, טייל האָבן זיך עקשנותדיק אָפּגעשטעלט, געריסן אַרויף די קעפּ, זיך געוואָלט צוריקציען, דער זוואַו האָט געהויבן די האַנט, האָט געוואָלט אַ קלאַפּ געבן, זיך אָפּגעהאַלטן און מיט צעגלאַנצטע אויגן געשלעפּט דאָס ציימל.

בײַ דער צווייטער שיף האָט מען געטראָגן קעכן און רעדער. מען האָט זיך געאײַלט, געלאָפן און געקרעכצט און מיט אַרבל געווישט די שטערנס.

איז מען געשטאַנען אויפן בולוואַר און געזען, ווי דער פּלאַץ ווערט דאָרט גרוימער און ליידיקער—דער יריד קוילערט זיך אַראָפּ פון מאַרק. און פראַנצויזישע פּאַטרולן שטייען בײַם צוגאַנג צום פּאָרט און לאָזן קיינעם נישט דורך.

מיט אַמאָל האָט זיך היגטן אַרויסגעשניטן פון אַ זײַטיקער גאַס אַ גרויסע מחנה „פּרײַוויליגע". זיי זענען צוגעגאַנגען שווער, שווײַגנדיק און אײַלנדיק. אַלע כמעט האָבן געטראָגן „ראַנצעס" מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס. צווישן זיי זענען אויך געווען עטלעכע פרויען, אָנגעטאָן אין קליינע היטעלעך, טייל זעלנערישע, און בײַ די יונגע „קאַדעטלעך", זענען די פּנימער געווען צערויטלט.

צווישן די צוקוקער אויפן בולוואַר אויבן איז געוואָרן שטאַרק שטיל. איינע, אַ מיידל מיט אונטערגעשוירענע האָר, האָט זיך צוגערוקט צום אײַזערנעם „פּאַרענטש" פון בולוואַר און זיך

שטאַרק צוגעקוקט; איר פּנים איז געווען אָנגעשטרענגט.

נאָר מיט אַמאָל האָבן זיך עטלעכע פראַנצויזישע פּאַטרולן אַרויסגערוקט. זיי דעם וועג פאַרצוימט און די מחנה האָט זיך אָפּ־געשטעלט.

עפּעס ווי אַ גרויס מויל וואָלט געבליבן אָפן און אַ וואונ־דער האָט זיך פאַר אויגן אַנטפּלעקט.

פון דער מחנה האָט זיך אַרויסגעשיילט איינער אַ הויכער אָפיציר, ער האָט עפּעס גערעדט און געמאַכט מיט די הענט, האָט אַלע ווײַלע געשטעלט אַ פּוס און געוואָלט גיין פאָראויס. נאָר די פּאַטרולן זענען געבליבן גלײַכגילטיק און קאַלט, און יענער האָט דעם טריט צוריקגעצויגן. ביז פון פאָרט האָט זיך, מיט גיכע טריט, אַרויסגערוקט אַ הויכער פראַנצויז מיט אַ רויטער דענקע אויף אַ הויך, קיילעכדיק, שטײַף היטל; איז שטיין גע־בליבן נעבן „פרײַוויליקן" אָפיציר, געבליבן שטיין גלײַך און אויסגעצויגן. עפּעס גערעדט באַפעלעריש, קאַטעגאָריש באַצייכנ־דיק מיט דער האַנט יעדעס וואָרט, האָט עפּעס געוויזן אַהין, דאָרט, וואו עס זענען געשטאַנען די לעצטע צוויי שיפן און זעלנער האָבן געאַרבעט בײַ אָנלאָדן זיי. גרופּעס זעלנער זענען דאָרט געשטאַנען צעוואָרפן, איבער פּעק געבויגן.

דער אָפיציר אָבער האָט זיך געעקשנט: האָט מיט אַ גע־הויבענעם קאָפּ עפּעס געפּאָדערט, נאָר דער פראַנצויז האָט זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר טריט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט באַטאָנט איין וואָרט, וואָס ער האָט בײַז אַרויסגעשריגן.

נאָך אַ פּאָר פּאַטרולן האָבן זיך באַלד דערנענטערט. די פראַנ־צויזן האָבן איצט געדיכט דעם וועג פאַרשטעלט, און דער פראַנ־צויז איז אַוועק.

דאַן האָט דער „פרײַוויליקער" אָפיציר זיך אויסגעדרייט צו זײַן מחנה, האָט עפּעס געזאָגט, און אַ ווײַלע איז די מחנה גע־שטאַנען פאַרלוירן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ביז עס האָט זיך דערהערט אַן אָפּקלאַנג פון אַ געשריי. די מחנה האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין צוריק.

אויפן בולוואַר האָט אַ שרעק אַ בלאָז געטאָן. איינער האָט געלאָזט פאַלן:

—נישטאָ פּאַר זיי קיין שיפן... זיי בלייבן נאָך...

קיינער האָט נישט געזען, ווער דאָס האָט געזאָגט, נאָר אַלע האָבן עס געהערט און מיט אַמאָל, האָט אַ פינצטערער פּחד געגעבן אַ בליק אַרויס פון אַלעמענס אויגן. דאָס מיידל מיט די אונטערגעשוירענע האָר, האָט זיך אָפּגעריסן פון „פּאָרענטש", האָט זיך דערנענטערט צו עפּעס אַ שווייגנדיקן בחור און שטיל געזאָגט:

—ס'איז שלעכט... גיב איבער... איך פאָר אויף מאָלדאַ־וואַנקע.

מיט געמאָסטענע טריט האָט זי זיך געלאָזט צו דער גאַס, האָט צוגערופן אַ דראָזשקע, זיך אַריינגעזעצט, דער פורמאַן האָט אַ צי געטאָן די לייצן און דאָס פערד האָט זיך פון אָרט אַ ריס געטאָן.

איצט האָט מען געזען, ווי די מחנה גייט מיט דעם וועג, וואָס פירט אַרויף צום בולוואַר. זיי גייען שוין נישט אין קיין רייען, נאָר צונויפגעמישט, שרייענדיק און מאַכנדיק מיט די הענט.

האָט מען זיך געגעבן אַ לאָז פון בולוואַר; אין אַ פּאָר מינוט איז ער געוואָרן ליידיק. מען איז אַוועק פון דאָרט מיט איילנדיקע טריט און מיט פאַרשפּיצטע אויערן, זיך אַלע ווײַלע אומגעקערט און געזוכט שפּאַנען נאָך שנעלער.

מיט אַמאָל האָט אַ שאָס דורכגעשניטן די לופט...

* * *

דאַן איז מישקע געשטאַנען אויפן הויף, וואו די פּישע־ליכע האָט געוואוינט. אַרום אים: „קאָזע", „אַדוואָקאַט" און נאָך איינער אַ געלער ייִנג. דער ייִנג איז געשטאַנען מיט ברייט צעשטעלטע פיס, ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט פון דער ערד אָפּרייסן. ער האָט געטראָגן אַ לעדערנע קורטקע מיט אַ לעדערן היטל, געררויכערט אַ פּאַפּיראָס אין איין אָטעם, האַלטנדיק אים צווישן די ציין און פון ביידע נאָזלעכער געיאָגט געדיכטע פּאַס־עקלעך רויך, וואָס זענען ווי פון אַ קראַן געלאָפן און פון

ווינטל געטריבן געוואָרן אין איין זייט אַריין. דאָס איז געווען דער געלער יאָשקע, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון פּראָס־קוראָוו. ער האָט דאָרט געהאַנדלט מיט פערד און געקומען פון דאָרט מיט אַ פאַרבונדענעם שטערן און אַ יתום נאָך זיין אַלטער מוטער, וואָס איז אומגעקומען. האָט ער זיך דאָ מיט חברה אָנגעטראָפן, מיט „קאָזען״ באַקענט—זיך דערקענט, אַמאָל חברים געווען. יאָשקע איז אין מלחמה געווען, די פּראָנטן געשמעקט, איצט איז ער גרייט צו באַווייזן, וואָס ער קען.

מישקע האָט געלייענט דעם אויפרוף פון „רעווקאָם״. דער אויפרוף האָט אויפגעפאָדערט אַלע אַרבעטער און אָרנטלעכע בירגער נישט דערלאָזן די ווילדע באַנדעס, צו פאַרגיסן אומשולדיק יידיש בלוט. דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז אַלע אַמאָליקע חטאים וועלן ווערן אָפּגעווישט, און יעדער פאַרבלאָנדזשעטער וועט קאָנען צוריקקערן. דער אַרבעטער־קלאַס וועט אים אויפנעמען ווי אַ ברודער.

די זון האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט. פון ברעג, איז איר אַ וואָלקן, אַ שוואַרצער, אַ געדיכטער, וואָס האָט געהויערט, ווי אַ בייגל—אַקעגנגעקומען, זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט די זון זאָל אים אין מויל אַריינפאַלן. די זון האָט זיך אָנגעהויבן לאָזן אין זיין פינצטער מויל אַריין. האָט זיך אויסגעמישט קופּער־גלאַנץ מיט כמורנעקייט און מישקעס פּנים איז איצט געווען מיט דעם כמורנעם קופּער־גלאַנץ באַשיינט. איז ער געשטאַנען, ווי אויסגעהאַקט פון בראָנז. ער האָט איצט געטראָגן הויכע שטיוול. אַ לעדערנע קורטקע און אַ לעדערן היטל.

ער האָט געטראַכט פון דעם אויפרוף און געפילט, אַז אויך אים מיינט מען, אַז דאָס רופט מען אים. און דאָס האָט אים דערמאָנט אָן אַזוינס, וואָס ער האָט די לעצטע צוויי טעג געהאַט פאַרגעסן.

מיט אַמאָל איז מיט גיכע טריט אַריין אַ יינג:

—אַלע פּראָוינציון זענען אַוועק, געבליבן נאָר די „דאָבראָוואָלצעס״.

מישקע האָט באַקומען אַ שטרענג פּנים, ער האָט צונויפגעצויגן דעם שטערן, עפּעס געוואָלט באַגרייפן. און באַלד איז

אַ צווייטער ייִנג אָנגעלאָפֿן מיט ווינט און אימפּעט אויפֿן פּנים און שאַרפֿקייט אין די אויגן:

—די הינט הייבן אָן ווילדעווען!...

מישקע האָט נאָך געוואַרט. אים איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף נאָך וואַרטן אויף עפּעס און אַליין נישט געוואוסט אויף וואָס אַזוינס.

איז ער אַזוי געשטאַנען פֿאַרטראַכט אין זיך אַרײַן. זײַן האַרץ האָט עפּעס געשטורמט אין אים און ער האָט זיך צו דעם שטורם צוגעהערט. מיט אַמאָל האָט ער אַ ציטער געטאָן און אַ ליכטיקייט האָט אויף זײַן פּנים אַרויסגעשלאָגן.

אין טויער האָט זיך באַשקע באַוויזן. זי איז געגאַנגען מיט גיכע טריט, איז געווען אָן אַ היטעלע, און די אונטערגעשוירענע האָר האָבן זיך געטרייסלט בײַ איר גיין. און אַ מאַנטל האָט זי געטראָגן עפּעס אַזאַ פֿרעמדן, עפּעס אַ שינעל האָט ער אויסגעזען.

זי איז צוגעקומען מיט אַן ערנסט, פֿאַרטועון פּנים, אים דערלאַנגט די האַנט. די ערנסטקייט האָט זיך נישט גערירט און מישקע האָט אויסגעשטעלט שאַרפֿע אויגן.

—זיי ווייסן, אַז עס איז נישט גוט... מען האָט זיי נישט אַרויפֿגעלאָזט אויף די שיפֿן... זיי זענען איצט געבֿליבן אַליין אין שטאָט... די פֿראַנצויזן זענען אַוועק... ס׳איז שלעכט...

—וואָס איז שלעכט?—האָט מישקע אַ פֿרעג געטאָן.

—זיי וועלן מאַכן אַ פּאָגראָם!

—זיי וועלן נישט מאַכן!—האָט ער אויסגעשריגן.

—דודקע, די מחנה איז אַ גרויסע... זי איז באַוואָפֿנט... די רויטע אַרמיי קאָן נישט אַרײַן מיט אַמאָל אין שטאָט... אָפּגעמאַכט מיט די פֿראַנצויזן ביז מאָנטיק פֿאַרנאַכט.

—און אַז נישט די רויטע אַרמיי?

—וועלן זיי דאָך דערווייל...

—זיי וועלן נישט! איך דאַרף קיין שום הילף נישט! איך נעם אויף זיך די שטאָט, איך וועל נישט וואַרטן! איך וועל זיי אַרויסטרײַבן... ביז מאָרגן, וועט זייער פֿוס דאָ נישט זײַן...

אַ פֿאַרסאַפּעטער ייִנג איז אַרײַנגעלאָפֿן.

— באַנדע אָפּיצירן האָבן זיך דערנענערט צו מאָלדאַוואַנ-

קע... זיי האָבן אָנגעהויבן ראַבעווען קלייטן... יידן באַהאַלטן זיך... דער טומל איז גרויס.

—צום געווער!—האָט מישקע אויסגעשריגן.

ס'איז געוואָרן אַ געדריש אין הויף. ייִנגען זענען אַרויס־געלאָפן אין גאַס. פון טויער צו טויער האָט מען זיך איבערגע־שריגן. פון די הייף האָבן זיך באַוואָפנטע מענטשן אַרויסגעשיט, שטרענגע, פאַרביסענע, זענען זיי אַרויסגעקומען. זיך אין מיטן גאַס צונויפגעקליבן, שטאַפּעטן צעשיקט. זענען שטאַפּעטן גע־לאָפן פון גאַס צו גאַס, און גאַנץ מאָלדאַוואַנקע האָט זיך אַ געריש אויפגעהויבן. באַוואָפנטע מענטשן האָבן זיך פון אַלע הייף אַרויסגעשיט. מען האָט זיך צונויפגענומען און עס האָט זיך מיט שנאה צעאָטעמט.

מישקע איז אַרויפגעלאָפן אין שטוב. באַלד איז ער אַראָפּ־געקומען, זיין קורטקע איז געווען אַרומגענומען מיט אַ געלן פּאַס, אין וועלכן עס האָבן געשטעקט באָמבעס, אין די שטיוול זענען געזעסן צוויי האַנט־גראַנאַטן, אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רעוואָלווער.

באַלד איז אַרויסגעקומען יאַשקע, דער „אַדוואָקאַט" און „קאָזע", אַלע אַזוי באַלאָדן. דער הויף איז געוואָרן פול, מענטשן מיט ביקסן האָבן זיך כסדר געריסן אין טויער אַריין.

—צוריק! אויפן גאַס אַרויס!—האָט מישקע באַפוילן.

אַלע זענען אַרויס אויפן גאַס, דאָרט איז די מחנה גע־וואַקסן פון מינוט צו מינוט. מישקע איז געבליבן דער לעצטער אין הויף.

—צום ווידערזען באַשע!

—צום ווידערזען... געדענק, אויף דיר פאַרלאָז איך זיך... איך גיי איצט אין רעוואָקאָם... הער אויס: איך וועל דיך אָפּ־זוכן... געדענק: נאָר נישט קאָמפּראָמעטירן...

—אַדיע!—ער האָט אַ ווײַלע געקוקט, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, האָט זיך אָפּגעריסן און איז אַרויס.

די גאַס איז געווען שוואַרץ פון זיינע מענטשן. פון ער־געץ ווייט האָט זיך אַ שיסעריי דערטראָגן. עס האָט געקלאַפּט

איינס נאָכן אַנדערן, ווי עס וואָלטן געשפּרונגען קאָרקעס פון פלעשער — — —

עס האָט אַראָפּגעגאַנגען אַ שטילער, כמורנער אָוונט. דער שוואַרצער וואָלקן, וואָס האָט די זון געהאַט איינגעשלינגען, איז זיך צעוואַקסן און איבערן הימל געקראָכן...

* * *

קאַפּיטל צען

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען די „פרייוויליקע" אָפּיצירן האָבן זיך אין גרופּעס אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט. די גאַסן זענען אינגאַנצן געלעגן ליידיק, האָט עס אויסגעזען ווי פרי-באַגינען און די פענסטער האָבן געקוקט מיט גלאַנציקער בלינדקייט. אַ קאַלטע ציטערניש האָט געכוואַליעט איבער ליידיקע גאַסן און אַריינגעפליצט אין די הויפן. זענען די טויערן געשטאַנען שטילע, מרה שחורהדיקע און פאַרמאַכטע. הינטער זיי, האָבן פנימער געבלייכט, הערצער אויסגעהוילט און אויגן זענען גרעסער געוואָרן.

די גרופּעס זענען געגאַנגען איבער די גאַסן מיט שנעלע טריט. צעגליטע אויגן האָבן געשטראָמט מיט רציחה. ציטערדיקע מיילער האָבן געוואָרפן בייזע, שטעכיקע, בלוט-פרירענדע ווערטער. אויף אַלעקסאַנדראָווער פּראָספּעקט, האָבן זיך אייניקע גרופּעס צונויפגעשלאָגן. אָנגעקלאַפּט זיך און שטיין געבליבן. ס׳איז שוין געווען טונקל אין גאַס און נאָך טונקעלער אין זייערע אויגן.

—הע, ייִנגען!—האָט איינער אויסגערופן און זיך געוואָרפן צו אַ טיר פון אַ קלייט, האָט דאָרט פאַרזעצט די שטיק פון דער ביקס און אָנגעהויבן ברעכן. איז אַ גאַנצע חברה צוגעלאָפן, ווי

שוואַרצע גרויסע פליגן באַפאַלן די טיר און שוי־פענצטער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברעכעריי, וואָס האָט געדרענזשעט און געקרעכצט. אין ראָג האָט זיך באַוויזן איינער אַ יונגערמאַן. ער איז שטיין געבליבן אויסגעבויגן און נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער זעט. מיט אַמאָל האָט עס ביינערדיק אַ שנעל געטאָן. האָט ער אַ ציטער געגעבן דערהערנדיק אַ שמאָלן סוויסטש, וואָס איז אי־בער זיין קאָפּ דורכגעלאָפן דין און שאַרף. האָט ער געגעבן אַ צי אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרשווינדן. פון דער אוספענסקי, נאָענט צו פּרעאָברעזשענסקי. האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ טומל. עפּעס אַ ווילד געלעכטער האָט דאָרט אויפגעפּלאַצט, ווי אַ קנויל וואָלט זיך צעריסן און צעשיט אין אַלע זייטן. ס'האָט זיך צעקלונגען אַ פּלאַצן פון גלאָז און אַ טעמפּ ברעכן פון האָלץ, וואָס האָט געקרעכצט אין אָוונט אַריין.

ס'איז געשטאַנען אַ הייזעריק רעווען, וואָס האָט געמורמלט אין אַ קנויל פון געשרייען. פון קלייטן זענען געפלויגן פּאַרשי־דענע פּודלעס, זענען געפאַלן שווער אויף די שטיינער, זיך צעפאַלן פליענדיק און דער ווינט האָט אויפגעהויבן ווייסע און טונקעלע סטענגעס, די סטענגעס האָבן זיך צעוויקלט, געפלאָנ־טערט און געדרייט זיך ווי שלאַנגען און צוריקגעפאַלן. אַלע ווילע האָט עס אויפגעברויזט מיט אַ רעווען און געפילדער. פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן אַ ריס־געשריי, אַזוי פלוצלונג און זיך אָפּגעהאַקט קאַנטיק. דערנאָך האָט ווי אַ ווידער־קול זיך לאַנג־זאַם געצויגן אַ קרעכצן, וואָס האָט געזעגט אין הוילן אָוונט. פון די קלייטן, פון די שוואַרצע מיילער און די טונקעלע ווענט, האָט געשפיגן שווערע שטיקער סחורה. פון ראָג אוספענסקי האָט עס גענומען שליידערן אין גאַס אַריין פאַרצעלייענע, קיילעכדי־קע, ברייטע און לאַנגע, ווייסע זאַכן, זענען געפלויגן און גע־פאַלן מיט אַ הילכדיק קלינגעריי, וואָס האָט זיך אין פיצלעך צעשיט.

און דערווייל איז געוואָרן גאָר טונקל.

—הע, חברה! מען דאַרף מאַכן ליכטיק!

—אונטערצינדן די „זשידאָווסקע" קלייטן!

—הוראַ! הור—ר—ר—אַ!

מיט אַמאָל האָט האַרט און שטאַרק אַ שלאָג געטאָן אַ האָגל. אויבן אין גאַס איז דאָס געפּילדער שטילער געוואָרן און ווידער האָט אַ זאַלפּ פון קוילן זיך אַ שאָט געטאָן. אַ ווײַלע איז מען דאָ אומרואיק געוואָרן. האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט, געקוקט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז פאַר אַ שיסערײַ. עס שיט זיך זאַלפּ נאָך זאַלפּ און קיין הוראַ־געשרײַ באַגלייט נישט...

ס׳האָט זיך באַוויזן אַן אָפיציר. ער איז געלאָפן פון אוס־פּענסקי צעטומלט און שווער־סאַפּענדיק, געלאָפן און געמאַכט מיט די הענט.

—מען שיסט!... מען שיסט אויף אונז!

פון די שוואַרצע מײַלער—פון די קלייטן, האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרויסשיטן. לויפנדיק, האָט מען געשטופּט אין די קעשענעס און זיך געלאָזט מיט דער אוספּענסקי נענטער צו פּרעאָבראַזשענסקי נאָר זיי אַנטקעגן האָט שוין געסוויסטשעט געדיכט און טומלדיק. זיי האָבן אָנגעטראָפן אַ גאַנצע גרופּע צו־ריקלויפן און, לויפנדיק, זיך אָפּגעשאָסן. פון גאַס אַראָפּ האָט זיך געטראָגן אַן אויסגעצויגן וואָיען: „אוי, יעזוס!“

—מען איז אונז באַפאַלן!

—ווער?

—ווער איז?

—זשידעס! מאָלדאַוואַנקע!

די גרופּעס האָבן זיך גיך צעשיט איבער דער גאַס. זיך גערוקט צו די טויערן, האַרט בײַ די ווענט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, אויסגעצויגן די ביקסן, און ס׳האָט אָנגעהויבן שפּריצן מיט פײַער און רויך. די אָפיצירן האָבן זיך צעיאַכמעט, געוואָרן פון זינען געררירט, זענען אַרויס פון זיך אַליין און מיט גרויס טומל, שיסערײַ און געשרייען זיך געוואָרפן פאָרויס. פון יענער זײַט איז שטילער געוואָרן. איינער, אַ הויכער אָפיציר, מיט אַ דאַר טונקל פּנים, וואָס האָט אין אָוונט געבלייכט—איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן: איז אַרויס אין מיטן גאַס, אַרויס־געצויגן אַ בלאַנקע שווערד און אויסגערופן:

—פאָרויס!

מיט אַמאָל איז אַ מחנה סוויסטשערייען אָנגעפלויגן. ס'האָט אַ פלאַץ געטאָן מיט שטאַרקן אימפעט. דער הויכער אָפיציר האָט דערפילט אַ שטאַרקן האַרטן שנעל אין שטערן—די שווערד איז געפאַלן מיט אַ קלינג, אַליין האָט ער זיך געגעבן אַ זעץ אַראָפּ אויף די קניען, זיך אַ וואַקל געטאָן און געפאַלן אויף דער פּלייצע.

אַ קוילנוואַרפער האָט אָנגעהויבן „שטעפּן" און שטראָמיק געפּליצט איבער דער גאַס, ווי דאָרט וואָלט איינער געשטאַנען, געהאַלטן אַ קישקע מיט וואַסער און זי געפירט רעכטס און לינקס, איבערגייענדיק מיט איר שטראָם די גאַנצע ברייט פון דער גאַס.

די „פּריווילִיקע" אָפיצירן און זעלנער זענען איצט גע־לעגן אויף דער ערד, געלעגן פּאַרביסן און געשאָסן. ווידער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די קוילן, און די געשרייען דערנענ־טערן זיך.

די „פּריווילִיקע" האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן. איצט איז שוין געווען פינצטער און מען האָט געהערט, ווי קוילנוואַרפער „שטעפּן" אין פאַרשידענע זייטן.

זיי האָבן אָפּגעטרעטן ביז אַלעקסאַנדער־פּראָספּעקט. אָבער דאָ איז זיי אונטערגעקומען אַ נייע גרופּע, וואָס האָט זיך דער־נענטערט פון רישעלעווסקי. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און ווי־דער גענומען צוריק ענטפערן, ביידע גרופּעס האָבן זיך פאַר־איייניקט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שלאַכט. זיי האָבן אויפן פּראָספּעקט אַוועקגעשטעלט אַ קוילנוואַרפער, וואָס האָט איצט גע־קלאַפּט שווער און פלינק.

איצט איז דאָס שיסעריי פון דער זייט שטאַרקער געוואָרן און פון אויבן—איז עס געקומען שוואַכער. די „פּריווילִיקע" האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן רוקן פאָרויס און נאָך מער פאַר־שטאַרקט די שיסעריי. ערגעץ האָבן קוילנוואַרפער שטאַרק גע־קלאַפּט, נאָר דאָ איז געוואָרן שטילער—זיי האָבן זיך גערוקט פאָרויס, נישט אומגעקוקט זיך אויף די אויסגעצויגענע, וואָס זענען געלעגן מיט די פּנימער און נאַקנ'ס צוגעטוליעט צו די שטיינער. זיי האָבן מיט שטורם זיך גערוקט און דער יובל איז

געוואַקסן. זיי דערנענטערן זיך צו פּרעאָבראַזשענסקי און עס הערן זיך שוין דראָאונגס-אויסגעשרייען:

—אויף מאָלדאַוואַנקע!

—אַ טויט אַלע זשידעס!

—אַ שחיטה!

אויף אַ דאַך פון נישט קיין הויך הויז, האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצער סילועט. ער האָט אויסגעצויגן אַ האַנט און ס׳האָט זיך געגעבן אַ קאַטשע אַראָפּ עפּעס אַ שוואַרצעס, געפאַלן אויף דער גאַס צווישן די רייען און אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ געפילדער, הילך און טראַסקעריי, אַז אַ שווערער לאַנגער גלאָזקלאַנג האָט זיך אָנגעהויבן שיטן פון אַלע הייזער פון ביידע זייטן גאַס. די ערד האָט אַ טרייסל געטאָן און אַ ווייסער וואָלקן איז איבער דער גאַס געקראָכן.

באַלד האָט זיך עס איבערגעחזרט—אין וואָלקן האָט זיך געשטיקט אַ קרעכצעריי. און פון אויבן—פון פּרעאָבראַזשענסקע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורמיק שיסעריי, מיט אַזאַ אימפּעט און ווילדן רעש, אַז די „פּרייוויליקע״ האָבן אָנגעהויבן וואַרפן די ביקסן און מיט אַ הויל געשריי גענומען לויפן. און מיט אַמאָל:

—פּאַך-טאַך-קאַך-ך-ך!

ס׳האָט ווידער אויפגעריסן און איצט האָבן זיך שוין יאָמערלעכע געשרייען געריסן און מענטשן האָבן זיך אויף די שטיינער געוואַלגערט, קווילערנדיק זיך אין יסורים.

די שיסעריי האָט געשטראָמט. ס׳איז געוואָרן אַ ווילד געשריי און אַ לויפן. ווען זיי זענען צוגעקומען צוריק צו אַלעקסאַנדער-פּראָספּעקט, האָט זיך פון דער זייט—פון „באַזאַר״, וואָס שטייט אָפן אין גאַס אַריין—אָנגעהויבן שיטן אַ שטעכיקער האָגל. ס׳איז געוואָרן אַ ווילער, וואָס האָט פאַרהילכט די אויערן. די „פּרייוויליקע״ האָבן אַלץ געוואָרפן און געלאָפן ווי משוגענע. געלאָפן איינער איבערן אַנדערן, געלאָפן איבער וואַלגערנדיקע, געשפּרונגען ווילד און גערעוועט...

— — — — — — — — — — — —

אַלעקסאַנדער-פּראָספּעקט איז געוואָרן אָפּגעליידיקט פון די „פּרייוויליקע״. פון פּרעאָבראַזשענסקע האָבן זיך דערנענטערט

שטילע, פאַרביסענע פאַרשוינע,
פון דאַך אַראָפּ האָט געהילכט מישקעס שטים:
—שטיין בלייבן!
ס'איז געוואָרן שטילער, און דערנאָך שטיל, ווי אַלץ וואָלט מיט אַמאָל איינגעגאַנגען אין דער ערד. די שטילע פאַר-שוינען האָבן זיך צעשאָטן איבער אַלעקסאַנדער-פּראָספּעקט, זיך צעשטעלט נעבן טויערן און ביי די ווענט.
ס'איז געהאַנגען אַ פּוסטע, פינצטערע נאַכט.

* * *

ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָבן פון מאָלדאַוואַנקע אָנגע-הויבן אָנקומען באַוואָפנטע אַרבעטער. אַלע זענען געקומען מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל אויף די ליפּן און מיט רויטע בענדלעך אין די לאַצן. די גאַנצע שטאָט ביז רישעלעוועסקי איז שוין גע-ווען פאַרנומען, און אויף די גאַסן זענען שוין געשטאַנען אַר-בעטער מיט ביקסן. עס זענען שוין געווען אויסגעקלעבט די ערשטע באַפעלן פון „רעווקאָם”. די „פרייוויליקע” האָבן זיך געהאַט קאָנצענטרירט אויפן בולוואַר און נידעריקער אַראָפּ ביז ביעלינסקי. איצט האָבן זיי דערפילט די סכנה, זענען זיי גע-וואָרן פאַרנומען מיט זיך אַליין און זיך פיבערהאַפט געגרייט אין וועג אַריין. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רויטע אַרמיי איז שוין צוגעגאַנגען האַרט צו דער שטאָט. האָבן זיי געשאָלטן און געסטראַשעט מיט די פויסטן. אויף גרויס און קליין אַרנאַאוטסקע—ביידע גאַסן, וואָס פירן פון רישעלעווסקי צו ביעלינסקי—האָבן זיי זיך פאַרפעסטיקט און אָנגעהויבן אויס-ליידיקן די שטאָטישע סקלאַדעס: פאַרשידענע סחורות האָבן זיי געפּאַקט אויף משא-אויטאָמאָבילן.
פון מאָלדאַוואַנקע זענען אַלץ אָנגעקומען באַוואָפנטע אַר-בעטער. מישקע איז אַרומגעלאָפן פון גרופּע צו גרופּע. ער האָט געגעבן פאַראָרדנונגען, האָט באַזאָרגט מיט קוילן. אַ פּאָר אויטאָ-מאָבילן, וואָס מען האָט פאַרכאַפּט, זענען שוין איצט געלאָפן פון מאָלדאַוואַנקע צו די קעמפער און צוריק. אויף די אויטאָ-

מאָבילן האָבן געפּלאַטערט רויטע פענער, וואָס האָבן געשריגן אין די גאַסן. די אַרבעטער זענען געוואָרן ענטוזיאַסטיש, מען איז געוואָרן זיכער און אויפגעלייגט.

דאַן האָט מישקע צעטיילט די אַרבעט צווישן זיך, קאָזען און יאַשקען. ער האָט זיין אָטריאַד געפירט צו קליין אָרנאַאוטסקע, יאַשקע איז אַוועק צו נאָווע-ריבנע, כדי צו קומען צום וואָקזאַל. קאָזע האָט זיך מיט אַ שטאַרקער אָפּטיילונג געריקט צו דער באַסאָוויסקע, וואָס פירט צום בולוואַר—און נאָך אַ גרופּע האָט זיך קאָנצענטרירט אויף גרויס אַרנאַאוטסקע. פון מאָלדאַוואַנקע האָט אַלץ געפליצט מיט באַוואָפנטע, וואָס האָבן די אָטריאַדן פאַרשטאַרקט.

מישקע איז געשטאַנען מיט זיין אָטריאַד אויף קליין אַרנאַאוטסקע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. יענע האָבן געענטפערט פון דער טיפעניש פון גאַס, און ס׳איז אויסגעקומען, אַז ביידע צדדים גיבן בלויז צו וויסן פון זיך. וואָס זיי טוען דאָרט—האָט מישקע נישט געוואוסט.

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט:

—דודקע!

ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט. אויף יעקאַטערינענסקע איז געשטאַנען אַן אויטאָמאָביל, אַ רויטע נייע פאָן האָט איבער אים געפלאַטערט. אין אויטאָמאָביל זענען צוויי געזעסן און נעבן זיך האָט ער דערזען באַשקען.

זי איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ זעלנעריש היטל און אין אַ לעדערנע קורטקע. איר פּנים איז געווען ערנסט, פאַרויטלט און פריילעך. ביי דער זייט, אונטער דער קורטקע, האָט זי געהאַט שטעקן אַ רעוואָלווער.

—אַ!—האָט מישקע אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג און שטיין געבליבן, ווי פאַר אַ וואונדערלעכער ערשיינונג. געשטאַנען מיט אויפגעריסענע אויגן און מיט אַ שמייכל אויף די ליפן.

—וואָס קוקסטו אַזוי? דערקענסט מיך נישט?

—יאָ... ניין... באַשע...—און נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן פון ענטציקונג.

האָט באַשע אים געגעבן אַ נעם פאַרן אָרים, און באַגע-
פירט אָן אַ זייט:

—דודקע, זיי ראַבעווען דאָרט די סקלאַדעס פון עסנוואַרג. מען דאַרף זיי אָפּשלאָגן... מיר האָבן איצט באַקומען ידיעות...

—גוט!

—לויף נישט, הער אויס... מיר ווילן האָבן פאַרנומען די שטאָט ביזן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי.

—גוט!

—האָסט שוין געזען דעם ערשטן באַפעל?

—ניין.

—אָט האָסטו אים.

—לייען איבער.

זי האָט אים איבערגעלייענט. „דער „רעווקאָם" ערקלערט, אַז די שטאָט איז אונטער דער מאַכט פון צייטווייליקן רעוואָ-לוציאָנערן קאָמיטעט, וואָס האָט מיט דער הילף פון די אויפ-געשטאַנענע אַרבעטער און מאַסע-מענטשן פאַרטריבן דעם שונא פון שטאָט".

—גוט! גוט!

מישקען האָט עס אַ שיין געטאָן אין האַרצן: דאָס מיינט מען אונז! מיר זענען מענטשן!... ער האָט עס נישט געטראַכט, נאָר דערזען מיט די אויגן... האָט עס אים ווילד אַ צי געטאָן צו זיין אָטריאַד.

—נו, גיי... נישטאָ קיין צייט... מיר וועלן זיך זען ביי-נאַכט... מיר וועלן צוזאַמען באַגעגענען די רויטע אַרמיי...

מישקע האָט זיך אָפּגעריסן, נישט געזען אפילו, ווי זי זיצט אָן אין אויטאָמאָביל, איז צוגעלאָפן צו זיין אָטריאַד:

אָנגרייפן!

עס האָט זיך געעפנט אַ שרעקלעך שיסעריי. פון אַ דאַך האָבן צוויי קוילנוואַרפער געגומען „שטעפן". ער אַליין איז גע-קראָכן דער ערשטער. איבערגעלאָפן ביים וואַנט פון טויער צו טויער, ערטערווייז זיך געוואָרפן אויף דער ערד, געקראָכן אויפן בויך אונטער אַ האָגל פון קוילן. דער אָטריאַד האָט זיך אַ ריס געטאָן פון ביידע זייטן גאַס. מיט טומל און רעש זענען די

קוילן געפלויגן. אייניקע זענען געפאַלן. דער אָטריאַד האָט זיך ווייטער געריסן. און דאָס אויפפלאַצן פון האַנט-גראַנאַטן האָט אַלע ווײַלע אָפּגעהילכט מיט אַ שרעקלעכן טרייסל.

אַ זון האָט אַ שיין געטאָן, אַ ווינט האָט געבלאָזן און דער אָטריאַד האָט זיך גערוקט טיפער און טיפער— — —

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז שוין געווען מיטאָק-צייט, ווען מישקע מיט זיין אָטריאַד האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף קאַנאַטנע-גאַס, קעגן דער קליין-אַרנאַאוטסקי, און אָנגעהויבן שיטן מיט קוילן. דער אָט-ריאַד איז געווען דערגאַנגגען ביז עק פּושקינסקע און זיך ווייטער נישט געקאָנט רוקן.

אַלע ווײַלע זענען שליחים געקומען מיטטיילן. איצט איז שוין אויך געווען די פּושקינסקע פאַרנומען, און יאָשקעס אָט-ריאַד האָט שוין געהאַלטן דעם וואָקזאַל. נאָר דער בולוואַר איז נאָך אַלץ געווען אין זייערע הענט. זיי האָבן זיך געגרייט פון דאָרט אַוועקצוגיין און אויף ביעלינסקי האָבן זיי זיך קאָנצענ-טרירט אָפּצוטרעטן מיט ווייבער און קינדער פון שטאָט. דער „בראָנעוויק" האָט דאָס פאַרשטעלט דעם וועג צו ביעלינסקי.

און מיט אַמאָל איז יאָשקע אָנגעקומען. ער האָט געעצהט, צו בלייבן דאָ רואיק, ביז זיי וועלן אַרויסגיין פון שטאָט. נאָר מישקע האָט ווי נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט כסדר געקוקט פון ווייטן אויפן „בראָנעוויק" און נישט גע-קאָנט די אויגן פון אים אָפּרייסן. ער איז איצט שוין זיכער געווען מיט דער שטאָט. ער האָט אָבער געוואָלט האָבן אָפּגע-רייניקט די גאַנצע שטאָט, איידער נאָך די רויטע אַרמיי וועט אַריינקומען. און נאָך האָט ער געטראַכט: זיי טאָרן נישט האָבן קיין רואיקע מינוט... אויף קאַנאַטנע און ביעלינסקע געפינען זיך אויך יידן...

„און באַשקע האָט דאָך געזאָגט... היינט זונטיק... זיי קענען דאָך נאָך בלייבן ביז מאָרגן אין דערפרי"..

—אָנגרייפן!

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. יאָשקע איז גע-

בליבן מיטן אָטריאַד און מישקע איז אַריין אין אַ טויער, אַרויס־געקומען מיט אַ ביקס און זיך אָנגעהויבן רוקן ביי דער וואַנט טיפער אין גאַס. אַזוי האָט ער זיך גערוקט איינער אַליין. ווען ער איז שוין געשטאַנען גאָר נאָענט צו קאַנאַטנע, האָט ער זיך געוואָרפן אויף דער ערד, געקראָכן אויפן בויך, די שיסעריי איז שטאַרק, דער „בראָנעוויק" שיט מיט קוילן, און צילט זיך, וויל דוקא טרעפן אין דער גומענער ראָד. נאָר מען האָט אים, ווייזט אויס, באַמערקט, דער בראָנעוויק האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס און אָנגעהויבן שטראָמען אויף אים. איז ער צו צו אַ טויער. אָנגעקלאַפּט מיט דער ביקס, האָט מען זיך דאָרט דער־שראָקן. געעפנט און אים אַריינגעלאָזט אינעווייניק.

דאָרט איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען אַ פאַרסאַפּעטער און געפילט, ווי דער שווייס נעצט דעם גאַנצן קערפּער זיינעם, און ס'איז געווען, ווי אַ פיבער וואָלט זיך אין אים צעברענט. מיט אַמאָל האָט ער זיך געלאָזט אויף די טרעפּ פון אַן איינגאַנג. די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען און געהיטן דעם טויער־האָבן בלייבע, דערשראָקענע אים נאָכגעקוקט. נאָר איידער וואָס, ווען, איז ער אַרויף ביז צום בוידעם. מיטן „פּריקלאַד" אָפּגע־האַקט דאָס שלעסל און אַריין.

דאָ האָט דאָס שיסעריי זיך געשטאַרקט. מען האָט געזען, ווי דאָרט פּרוּוון זיך די מענטשן צוקומען נענטער, נאָר דער „בראָנעוויק" האָט איצט גערעגנט מיט קוילן.

מישקע איז אַרויס אויפן דאַך, אַ ווײַלע געלעגן שטיל און זיך אַרומגעקוקט. איצט זעט ער, אויף בעלינסקע און דאָ, אויף קאַנאַטנע, קאָנצענטרירן זיי זיך. האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בויך, געקראָכן ווי אַ קאַץ, שטיל, לאַנגזאַם, פאַרביסן, ביז ער איז געבליבן ליגן ביים עק דאַך, וואָס גייט אַרויס צום ראָג פון קאַנאַטנע, האָט אויסגעצויגן די ביקס און רואיק געוואַרט.

ווידער האָט זיך דאָרט דאָס שיסעריי געשטאַרקט. ביי די הייזער, אויפן ראָג, זענען געלעגן פרייוויליקע און געשאָסן און אַז דער „בראָנעוויק" האָט זיך ווידער אויסגעגלייכט מיט דער גאַס, האָט ער זיך געצילט, אויסגעשאָסן, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל—די גומע פון דער ראָד האָט אַ זיפּץ געטאָן מיט אַ „פּאַ!"

און די גומע איז צוגעפאַלן צום אייזן.

דער בראָנעוויק האָט זיך געוואָלט רירן, נישט געקענט. איצט האָט ער געזען, ווי די גומע האָט נאָכגעלאָזט, זיך אַראָפּ־געגליטשט פון ראָד און געבליבן הענגען אויף דער אַקס. די זעלנער, וואָס זענען געלעגן ביי די הייזער, האָבן באַקומען צעמישטע אויגן און פאַרענדערטע פּנימער; האָט ער מיט הנאה אַרויסגעשלעפּט פון כאָלעווע אַ גראַנאַט, און אים אַ וואָרף געטאָן. עס האָט אויפגעפּלאַצט און זיך ווילד צעשפּריצט, אַ רויך האָט זיך אויפגעהויבן. האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ צווייטן און ווידער אַ שליידער געטאָן. ביז ער האָט אַלע פיר אַראָפּגעוואָרפן. איבער דער גאַס איז אַנעפּל געשטאַנען.

עס האָט זיך צערטראָגן אַ געשריי און אַליארם, און ער איז געלעגן אויפן דאַך און געשמייכלט, סאַפּענדיק שווער.

— — — — — — — — — — — — —

ווען עס האָט זיך צוריק אויסגעלייטערט, האָט ער דערזען, ווי זייבע מענטשן זענען שוין אויף דער קאַנאַטנע גאַס, דער בראָנעוויק שטייט אַן עלענדער, אַ פאַרלאָזענער, ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די קניען און אָט האָט ער געזען, ווי אויף ביעלינסקי שטעלן זיי זיך אויס צום אַוועקגיין, ער האָט געזען צווישן זיי פרויען, אָבער קיין ציווילע מענטשן זענען נישטאָ, האָט ער געשמייכלט און ס'איז אים גוט געווען אויפן האַרצן.

* * *

אונטער אויסגעשטעלטע ביקסן פון מענטשן, וואָס זענען געלעגן אונטער טעלעגראַף סלופּעס און אין די ווינקלען פון די גאַסן, האָבן דעם זעלבן טאָג אַרויסמאַרשירט די לעצטע מחנות „פרייוויליגע". זיי זענען געגאַנגען דורך ביעלינסקע, געגאַנ־גען אין נעדיכטע רייען און פון ביידע זייטן זענען געגאַנגען אָפיצערן מיט אויסגעשטעלטע ביקסן, אַ „בראָנעוויק" האָט געהיט די ערטער, וואָס זענען געווען אָפן אין דערבייאיקע גאַסן אַריין, און פון די גאַסן האָבן צו זיי געקוקט די שפּיצן פון מישקעס ביקסן, געגאַנגען זענען זיי איצט שטיל, פאַרזאָרגט און מיט נאַכט

און די אויגן, אַלע לאָדענס פון די הייזער אויף ביעלינסקי גאַס זענען געלעגן אויף די פענצטער, און פאַר נאַכט האָט די שטאָט אָפּגעאָטעמט: די לאַמטערן אין אַלע גאַסן האָבן אויפגעפלאַמט און ליכטיק איז געוואָרן אין אָוונט, געעפנט האָבן זיך אַלע לאָדן, פון אַלע פענצטער האָט געלויכטן.

די שטאָט איז געווען איינגאַנצן פאַרנומען.

* * *

צומאָרגנס זענען שוין אויף אַלע גאַסן געשטאַנען פאַטרולן פון אַרבעטער און פון מישקעס מענטשן. יאַשקע דער געלער איז דעם גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן אויף די וואָקזאַלן און אויף די מיליטערישע סקלאַדן, אומעטום צעשטעלט די שמירה, אָנגע־זאָגט ווי זיך צו באַגיין ביים היטן די אַמוניציע און פולווער סקלאַדן.

דער „רעווקאָם" האָט שוין געהאַט פאַרנומען דעם „לאָנ־דינסקי"־האָטעל, האָט זיך באַזעצט אין די זעלבע צימערן, וואו עס האָט געוואוינט דער פראַנצויזישער קאָנסול און די רוסישע שטאַב־גענעראַלן. נאָך ביינאַכט האָט מען געהאַט פאַרנומען די „ראַזוועדקע" און די אַרעסטירטע זענען שוין יעצט אַרומגעגאַנ־גען מיט ביקסן איבער די גאַסן. די טורמע איז שוין געווען ליידיק, דער „נאַטשאַלניק"—אַנטלאָפן. עטלעכע פון זיינע געהילפן האָט מען געפונען פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם אין אַ שכנותדיק הויז, האָט מען זיי פון דאָרט אַראָפּגעפירט בלייכע, געלבלעכע, מיט פאַרגליווערטע גרויס אויגן. האָבן זיי אויסגעזען, לאַנג נישט געשלאָפענע, די קליידער אויף זיי צעקנייטשט, די היט־לען אויסגעדרייט און די באַקן באַוואַקסן. האָט מען זיי אין די קאַמערן פון טורמע איינגעשלאָסן אין אַ וואַך אַוועקגעשטעלט.

מישקע איז געווען ווי צערודערט, איז דעם גאַנצן טאָג געלאָפן אין אַן אויטאָמאָביל איבער די גאַסן. אַלטונג געגעבן אויף די פאַטרולן, און עפּעס האָט ער ווי נאָכגעיאָגט אַזוינס, וואָס ער האָט געדענקט און פאַרגעסן.

די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעפראַלט די טירן. ס'איז גע־

וואָרן רעשיק און טומלדיק און ליכטיקער איז געוואָרן, און רייִנער האָבן די אויגן געקוקט—אָט אַזוי קומט אַ ליכטיקער זומערטאָג נאָך וואָלקן און רעגן, ווען די זון באַווייזט זיך. די גאַסן זענען געווען רעדעוודיק. מענטש מיט מענטש האָט זיך באַגעגנט, איבערגעבעטן. און מישקע האָט געטריבן דעם שאָפער און דער אויטאָמאָביל האָט געשניטן איבער די גאַסן מיט רענזשעריי און אימפעט. מישקע איז געווען איבערפולט—עפּעס אַזוינס לייכטס און פריילעכס האָט אים איבערפולט ביז איבער די ברעגן און ער האָט עס געדאַרפט אַרויסדערציילן, אָפּשוימען. ער האָט געקוקט מיט הנאה, ווי די גאַסן זענען באַלעבט און יידן דרייען זיך אַרום, ווי אַלע וואָלטן נאָר וואָס טיף אָפּגעזיפצט, און אויסגעקומען איז אים, אַז די אַלע הייסערע בליקן זענען זיינע, אייגענע, און ליב האָט ער זיי געהאַט, און געקושט וואָלט ער זיי, אָט די פריילעכע ליכטיקע בליקן, נאָר וואו איז זי? וואו איז באַשקע?...

איז דער אויטאָמאָביל געלאָפן, זיך געשניטן רעשיק און פריי—האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער פּישעליכע—איז אַראָפּגעשפּרונגען, אַריין מיט פעסטע זיכערע טריט, און אַזוי ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט; איז דורכגעגאַנגען שנעל די צימערן, גיטל די מויד איז אים אַקעגנגעקומען, האָט ער צו איר געשמייכלט פון אונטערן לעדערנעם היטל און זיך פאַריכט דעם רעוואָלווער אונטער דער לעדערנער קורטקע. די מויד האָט זיך שטאַרק געוואונדערט און עפּעס נישט פאַרשטאַנען: ער זעט אויס, ווי מישקע אין איז פאָרט נישט מישקע...

—נו?—האָט מישקע צוגעוואָרפן אַ וואָרט, נישט געוואַרט אויף קיין תשובה און איז אַרויס. דער פאַרנאַכט האָט געזאָטעמט מיט פרילינג און דורכזיכטיקן רויך-ריח אונטער אונטערגייענדיקער זון.

ווידער האָט דער אויטאָמאָביל געשניטן איבער די גאַסן און מיט אַמאָל האָט ער געהייסן פאָרן אויף אוספּענסקי, שטיין געבליבן פאַר מאַרקוס ווייצמאַנס הויז און אַראָפּגעשפּרונגען.

מישקע האָט באַמערקט דאָס פּנים פון ה׳ מאַרקוס, וואָס קוקט בלייך דורכן פענצטער. אַז יענער האָט אים דערזען, זע-

נען בײַ אים די אויגן געבליבן שטיין, ווי פאַרפרוירן געוואָרן' האָט מישקע אַ שמייכל געטאָן און געטראַכט:

— ער שרעקט זיך... האָב נישט קיין מורא... כ'על דיר גאָרנישט טאָן...

איז אַריין צו באַשקען אין שטוב. נאָר די מוטער האָט אים באַגעגנט מיט פאַרשנדע אויגן.

נישטאָ באַשקע?

— אַ... זע נאָר... כ'האָב געמיינט, עפּעס אַן אָפיציר... איר זענט דאָך... ס'הייסט, פון אירע מענטשן...

— יאָ, יאָ...—און מיט אַמאָל דערלאַנגט איר זיין האַנט, וואַרעם געדריקט אירע ווייכע פינגער און געשמייכלט:—אודאי... פון אירע מענטשן... יאָ... יאָ... איז וואָס זשע? וואו זשע איז באַשקע?

— באַשקע... וואו איז באַשקע? אדרבה... זי ווייסט דען, וואָס עס טוט זיך מיט איר פאַר גדולה? אַ גאַנצע נאַכט אינ- דערהיים נישט געווען... אינדערפרי אַריינגעלאָפן, ווי אַ ווינט... זיך געכאַפּט מיט מיר קושן... זי וואַרט היינט אויף איר יאַנען... מילא... אַ חתן... געווען אונטערן מעסער...

— אַ... יאַנען?...

— וואָס זשע? איר ווייסט דען נישט, ווער יאַן איז?

— כ'ווייס... אודאי ווייס איך... וואָס דען, איך ווייס נישט?

אין האַרצן האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסן און אָפּגעשפּרונ- גען...

— איז גיי זוך איר—אַ ווינט אין פעלד.

— און איך בין אויך פאַרנומען. אַדיע... אַדיע...

און ער איז אַרויס.

ער האָט געהאַט פאַרגעסן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ביז אַהער גוט געדענקט... אין מח האָט זיך אים אַ נעפּל אַראָפּגעלאָזט... ער איז געבליבן זיצן אויפן ווייכן געזעס אין אויטאָ, גאָרנישט געטראַכט, נישט געוואוסט, אַז ער טראַכט נישט, און נישט פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן טראַכטן. ער איז נישט געווען בייז, נישט צעטומלט, ער איז גאָר נישט געווען.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געטראָגן, געלאָפן איבער די גאַסן און ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און עפּעס איז אים געווען שווער, שווער און פּוסט, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי אויפוואַכן פון אַ שווערער פאַרהוילנקייט, אָדער ער וואָלט מיד געוואָרן פון לויפן.

—אויף טעאַטער-געסל!

לויפט דער אויטאָמאָביל. ער זעט, ווי עס לעבן שטאַרק די גאַסן: ווי יונגע מענטשן גייען מיט די ביקסן און היצן זיך רעדנדיק. זייערע פּנימער .זענען דערפלאַמט, די אויגן גלאַנצן און לאַכן. ער זוכט מיט די אויגן, זוכט, און ווייסט נישט. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קול:

—האַלאָ!

ער האָט אויפגעציטערט:

פאַרביי אים האָט זיך דורכגעטראָגן אַן אויטאָמאָביל און זיך גענומען איינהאַלטן, אָפּשטעלן. באַשקע שטייט און פּאָכעט צו אים מיט דער האַנט.

—שטיי, שאָפער! קערווע אויס!

איצט איז ווידער אַלץ געווען אויסגעוועפּט. צוריק האָט דאָס גליק געבריוזט אין האַרצן...

—פּאָז-דראַוו-לאַ-יו!—האָט באַשקע גערופן און געשטראַלט. אירע אויגן האָבן איצט געגלאַנצט, ווי ים קעגן פאַרגייענדיקער זון. די האָר האָבן זיך געטרייסלט אויף און אַרום איר קאָפּ, די ליפּן זענען אָפן און עס בלאַנקט פּערלמוטער צווישן זיי... זי אָטעמט שטאַרק, קאָן צו זיך נישט קומען.

מישקע איז אַראָפּ פון אויטאָמאָביל, איז צוגעלאָפן מיט גליקלעכן שמייכל.

—קום אַרויף, דודקע! קום אַרויף!

האָט אַליין געעפנט דאָס טירל און געשטראַלט מיט פרייד.

אין אויטאָמאָביל זענען געזעסן נאָך דריי מיטגלידער פון „רעווקאָם”. איצט האָט מישקע דערקענט סאַשען.

—אַך! איך האָב גאָרנישט באַמערקט!

מישקע האָט געדריקט זיין האַנט און פּאָליע איז געזעסן מיט אַן ערנסט פּנים און פאַרטראַכטן קאָפּ, ווי ער וואָלט גע-

וואָלט פאַרשטיין, צי לויטן מאַרקסיזם מוז מען זיך אַזוי הייס באַגרנסן. מאַשע איז געזעסן מיט אַ געקנייטשט פנים און צוגע-שמייכלט גוטמוטיק.

—ביזט אַ בראַוער חבר!—האָט באַשקע געזאָגט.

מישקע האָט ווידער דערפילט דאָס וואַרימע גליק, וואָס פלייצט אים איבערן קאָפּ און נישט געקאָנט ענטפערן פון גרויס פרייד.

—זאָל דיין אויטאָ נאָכפאָרן. העי, שאָפער! נאָך אונז...

און צו מישקען:

—מיר פאָרן אַנטקעגן דעם שטאַב. באַלד וועט דאָס מילי-טער אַריינמאַרשירן...

* * *

העל-באַלויכטענע גאַסן. לאַמטערנעס ברענען יום-טובדיק, און די פּושקינסקע גאַס ליגט, ווי אונטער זון, וואָס איז אונטער אַ לייכטער כמאַרע... די טראָטואַרן זענען ענג געפּאַקט פון ביידע זייטן—אַרבעטער מיט ביקסן שפּאַצירן אין מיטן גאַס.

—העי! אין דער זייט, חברים!

—חברים! אַראָפּ פון וועג!

—אויף די טראָטואַרן!

שיינען אויגן: אַן אויסלייזונג איז געקומען. נישטאָ קיין דריקענדע שרעק, לייכט איז די לופט, עס זינגט די ליכטיקע נאַכט... זענען פענצטער אָפן אין לייַדיקייט. ווינטל גלעט די קעפּ און באַלקאָנען. אַ פאַרגליווערטקייט האָט אויפגעעפנט—לערקייט איז באַלעבט.

שרייט הייזעריק אַן אויטאָמאָביל—שניידט ער זיך אין גאַס און אַ רויטע פלאַטערדיקע פאָן כוואַליעט פאָרויס און רופט עפּעס אַזוי פּשוט און אַזוי משונה.

„דער קאָמענדאַנט!“

לאַנגזאַם קריכט אַ גרויסער אויטאָמאָביל, רוקט זיך—ווי ער וואָלט שלום אָפּנעמען.

—זאָל לעבן!

—הור-ר-רא!

איינער שטייט אין אויטאָמאָביל, מיט אַן אַנטבלויזטן שוואַרצן קאָפּ.

—הור-ר-ר-אַ!

אַ שטאַרקערער קרעכץ—און דער אויטאָמאָביל איז אַוועק. מיט אַמאָל האָט אויפגעשריגן אַן אָרקעסטער.

הילכט עס אין ליידיקייט. טראָמפּייטן רופן אין נאַכט אַריין, שאַלט עס פון נאָענט און ווייט. הורא-געשרייען פאַרשרייען די נאַכט. שטייען יונגע מענטשן און שווייגן פון אויסלייזונג.

שווימט די פאַרטעטויבטע כוואַליע איבער דער גאַס. די זעלנער זענען מיד. נאָר יום-טובדיק פלאַטערן רויטע פענער און מיט ווייסע אותיות זאָגן זיי אָן אַ בשורה. רופן מיט עפּעס פשוטער פאַרשטענדלעכקייט און איבעררעאַשונג און ליכטיקער נאַכט אַריין. רוישן טריט. קייטלען זיך געדיכט און ריטמיש. טויזנטער טריט שלאָגן צום טאַקט, ווי אַ גרויס מעכטיק האַרץ: איינס-צוויי, איינס, צוויי...

—וואָס פאַר אַ פאָלק, חבר?

—ווער האָט אַ פּאַפּיראָס?

—פון אַלע זייטן שטרעקן זיך הענט מיט פּעקלעך אָדער פּושקעס פּאַפּיראָסן.

—ביטע!

—נעמט אויך, חבר.

די גאַס איז פאַרשטופט געוואָרן. שטעלט זיך דאָס האַרץ אויף אַ ווײַלע. הענט באַטאַפּן די האַרמאַטן. גלעטן די מידע פּיסקעס, וואָס ליגן שמייכלענדיק אויף רעדער.

—פון ווייט, חברים?

—אָהאָ!

—שוין לאַנג אין די שלאַכטן?

—נישקשהדיק...

ווידער שפּילט ערגעץ אויף. די מחנה הויבט זיך אָן באַוועגן. ווידער שלאָגט דאָס האַרץ פון דער מאַסע: איינס, צוויי. איינס, צוויי.

—וואוילע חברה!
—העלדישע יונגען!
—זיי זאָלן נאר בלייבן וואויל!—זאָגט אַ ייד אין אַ זייט...

*　　　*　　　*

אויפן פלאַץ פארן שטאָטראַט האָבן זיך די אויטאָמאָבילן אָפּגעשטעלט.

איז דער פלאַץ געפּאַקט פון מענטשן, שטייען אַרבעטער מיט ביקסן אין גרויסן רינג אַרום די אויטאָמאָבילן. זיצט מישקע אין אויטאָמאָביל מיט עטלעכע מיליטערלייט. אין צווייטן זיצן באַשקע מיט די איבעריקע. צווישן זיי—יאַן, וואָס איז געקומען מיטן שטאַב. אין אַ דריטן זיצן פּרעמדע—דער שטאַב.

—אָך... וואָס זשע?... נו, שוין... געדענקט... האַ? געוויס, מישקע וועט דאָך נישט בלייבן דער בעל-הבית פון שטאָט...

—חברים!

דאָס רעדט איינער פון די פרעמדע; ער דערציילט וועגן דעם, ווי העלדיש מען האָט זיך געשלאָגן און מישקע הערט עס מיט ווייטאָק און ווייסט נישט, פאַרוואָס עס טוט אים וויי. נו, געוויס, ער רעדט פון פראָנט... און ער הערט:

„אַ ליגן, אַז זיי האָבן אָפּגעטרעטן מיטן גוטן ווילן. מיינע בראַווע חברים, די זין פון אוקראַאינער פויער און אַרבעטער, דער אַוואַנגאַרד פון אונזערע מאַסן—זיי האָבן מיט זייער בלוט און מיט זייער אָפּפּערוויליקייט געבראַכט דעם נצחון פון דער אַרבעטער-מלוכה. איך, דער אַטאַמאַן פון דער דרום-אַרמיי, איך בין מיט מיינע זעלנער געגאַנגען אין פייער און אונזערע שונאים, ווי די הינט, געשלאָגן. איך האָב דערפאַר באַפוילן אַרומצורינגלען די פּאָזיציעס, קומט און זעט: אין גאַנצע קופּעס ליגן זיי, די הרוגים! זעט, ווי זיי זענען אַנטלאָפן, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט ביישטיין קעגן דעם כח, דעם אמת, דער התלהבות פון די אַרבעטער און פויערים. זאָל זשע לעבן די פרייע אוקראַאינע! זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!"

—הוראַ! הור-ר-ר-ר-אַ!

אַ שטורם האָט זיך אויפגעהויבן און געשריגן איבער דער גאַנצער געגנט. עס האָט אויסגעזען, אַז פון דאָרט, פון וואַנען דער ים קוקט אַזוי שוואַרץ און מיט נאַכט צוזאַמענגעגאָסן, טראָגט זיך אויך אַ הוראַ!

אַ?... יאַן רעדט? אין נאָמען פון רעוואָלוציאָנערן קאָמי-טעט. וואָס זשע זאָגט ער? מישקען איז עפּעס שווער געווען צו הערן און איצט האָט ער געזען, ווי באַשקע שטייט נעבן יאַנעקן און קוקט אים אין די אויגן אַריין... זי איז ווי צע-מישט... אַ? ווען ער, מישקע, וואָלט געשטאַנען נעבן איר, וואָלט זי אים נישט געזען... גוט! גוט! „דער אַרבעטער-קלאַס, די אָרימע, גרויסע מאַסע איז אונז צו-הילף געקומען". אמת, אמת!... ווי זי קוקט אויף אים... „דער רעוואָלוציאָנערער קאָ-מיטעט דאַנקט און באַגריסט די אָדעסער אַרבעטער-מאַסן פאַר זייער אָפּפערווויליקייט, פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַקט דעם שוואַרצן שלאַנגען-קאָפּ און נישט דערלאָזט צו מאַכן אין שטאָט אַ פּאָגראָם!" גוט, גוט!... „זאָל לעבן דער אָדעסער אַר-בעטער און האָרעפּאַשניק!"

—הור-ר-ר-ר-אַ!

נאָר אין האַרצן איז עפּעס טרויעריק: איז וואָס זשע? שוין... אויט מישקע? איז וואָס זשע?

ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט געפאַלן און איבעריק. עפּעס איז ער געווען פאַרגעסן און עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט איצט זיין אָפּגעזונדערט פון אַלע.

ווען די אויטאָמאָבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן לאַנ-דינסקי האָטעל, איז ער נישט אַראָפּגעגאַנגען. באַשקע האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אָן אים, איז צו זיין אויטאָמאָביל צוגע-לאָפן:

—דודקע, קום אַראָפּ! קום אַריין!

יאַן איז אויך צוגעקומען.

—קענסט אים?

—אַך, גאַנץ אָפּיציעל, אַ!—האָט ער מיט אַ שמייכל אויס-גערופן.—וואָס זשע זיצט איר?

—איך בין מיד... שוין דריי נעכט, אַז איך שלאָף נישט.. איך מוז אָפּרוען...

נאָר באַשקע האָט געקוקט שטילשווייגענד. עפּעס אַ שטילער טרויער האָט פון אירע אויגן געפלאָסן.

—אָבער מאָרגן... קום באַלד אינדערפרי! דודקע, וועסט קומען!

—כ׳על קומען!

—אַ גוטע נאַכט! — באַשקע האָט וואַרעם געדריקט זיין האַנט—אַ גוטע נאַכט, דודקע.

ער האָט מיד געשמייכלט.

און ער האָט געזען, ווי יאַן נעמט באַשקען אונטערן אָרעם, און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין געפיל... יאַן איז אים אַזוי פרעמד... אַ פּוסטער מיוחס... ניין... נישט דאָס... נאָר ער איז געפאַלן ביי זיך...

—וואוהין?

—אַ? אויף טעאַטער-געסל! אָט דאָ נישט ווייט! ביים ערשטן ראָג.

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן באָריטשקען: שוין לאַנג, אַז ער האָט אים נישט געזען, און האָט עס געדענקט מיט אַזאַ באַנג: אַך, באָריטשקע!... ווי ער וואָלט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, כדי אַרויסצושווימען און נישט דערטרונקען ווערן אין געפאַ״נקייט...

דריטער טייל

שטורם־ווינטן

קאפיטל איינס

שווין דער דריטער טאָג, אַז מישקע גייט נישט אַרויס פון שטוב. ליגט ער כסדר אויפן בעט אינגאַנצן, אָדער אין דער העלפט אויסגעטאָן, רויכערט פּאַפּיראָסן און אין קאָפּ און אין האַרצן איז אים ליידיק, ווי ער וואָלט אין די לעצטע טעג אויסגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן זיינס, געבליבן הויל און קען אַפילו נישט טראַכטן. ליגט ער ביינאַכט, ווי אַן אַלטער אין די לעצטע רואיקע טעג פון זיין לעבן און וויל זיך דערמאָנען דאָס, וואָס ער האָט פאַרגעסן. קען זיך נישט דערמאָנען און ווייסט נישט, וואָס מיט אים איז געשען. איצט איז קיין סכנה נישטאָ אין גאַס. איז ער איבעריק. דער שטערן, וואָס האָט אים אַ קעגנגעשיינט, האָט זיך אונטער אַ וואָלקן באַהאַלטן. ווען זשע וועט ער צוריק אַרויסשיינען? און אַז ער דערמאָנט זיך אָן באַשקען, דערפילט ער זיך אָפּגענאַרט, און אַ שטילער וויטאָק פאַרפּרעסט זיינע ליפּן: צוגעוואַקסן געוואָרן צו יאַנען... נו, געוויס, יאַן איז דאָך עפּעס אַ טוער, דער פּאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. ער האָט דאָך „איינגענומען" די שטאָט... אַ קרומער שמייכל ציט זיך אויס אויף זיינע ליפּן.—און איך... מישקע יאַפּאָנטשיק! אַ וואַזשנע מציאה... דאַן ווערט אים ענגער אין האַרצן. ער איז נישט אין כעס. ער האָט גאָרנישט צו באַשקען, נאָר ענג איז... ליגט ער אַזוי מיט דער ענגשאַפט זאַלבעצווייט, ביז ער הייבט זיך אָן דערמאָנען: קום אַריין, דודקע, וועסט באַלד אינדערפרי אַריינקומען... איז וואָס זשע? יענער איז דאָך נאָר וואָס אָנגעקומען... און קיין יינגעלע איז ער דאָך נישט... איז וואָס זשע? האָט זי געדאַרפט אים לאָזן אַליין און נישט אָפּטרעטן פון מישקען? איז אים אַלץ נעוואָרן פאַרשטענדלעך. און שוין נישט געדענקט, אַז ער איז גענאַרט, אייגנטלעך האָט זי אים דאָך נישט געקענט נאַרן... וואָס האָט ער דען געוואָלט?...

זינקט ער אין מידקייט, ווי איז אַ חלום. יאַן שטייט אין

אַנדערן צימער מיט סאַשען. באַשקע נעמט שטיל אַרום זיין קאָפּ. פילט ער, ווי עס ווערט אים רואיק אין מח און ער שמעקט דעם ריח פון איר לייב. עס אָטעמט דורך אירע קליידער, ווי אַ לינד ווינטל אויף פעלד אין כמורגנעם זומער-טאָג. האַלט ער איין דעם אָטעם. קען זיך קיין ריר נישט טאָן און אין האַרצן ווערט אַזוי ריין און לייכט.

דרימלט ער איין, פילנדיק אירע פאַרגליווערטע ליפּן אויף זיין שטערן.

נאָר אין דער פרי, כאַפּט ער זיך ווידער אויף מיט אַ הויל האַרץ. קוקט, ווי רעוועקא גייט אַריין און אַרויס, אַ שטילע און אַ בייזע. וואונדערט אים: וואָס זשע שווייגט זי, רעוועקא? האַ?

—רעוועקא! רעוועקא!

—וואָס ווילסטו?

—וואָס ביזטו אַזוי בייז?

—כ'בין גאָרנישט בייז... זיך פלוצלונג דערמאָנט צו פרעגן. שמייכלט ער:

—זיי נישט בייז, רעוועקא, קום אַהער, קום...

—וואָס דאַרפסטו מיר?

גיט מישקע אַ פינטל מיט די אויגן, שטרענגט אָן דעם בליק, ווי געקוקט דורך אַ שמאָל רערל:

—אַזוי גאָר?... נו, ווער איז ער, דער גליקלעכער?

—ס'איז שוין מיין זאַך.

—אויך גערעכט... מסתם אַ פיינער בחור!...

—פיינער פון דיר—געוויס!

—זעער שיין, זעער שיין... אָבער מעגסט דאָך צוגיין.

—אָט בין איך שוין דאָ... נו, וואָס ווילסטו?

זי גיט זיך דערביי האַסטיק אַ זעץ אַוועק אויף דער שטול, וואָס שטייט נעבן זיין בעט, פאַרלייגט די הענט אונטער דער ברוסט און איין פוס איבערן אַנדערן, דאָס ווייסע קלייד מיט די שפּיצן גליטשט זיך אַראָפּ פון פוס און ער בליקט מיט דורכזיכטיקייט פון אונטער דעם אָפּגעצויגענעם, דינעם, גרויען זאָק. דאָס רויט-סאַמעטענע שיכל בלייבט הענגען אויפן שפּיץ פינגער.

קוקט מישקע, קוקט און זאָגט מיט אַ שמייכל, ווי ער וואָלט איר ערשט איצט באַמערקט:

—ביזט נאָך שיין, רעוועקאַ!

—פֿאַרגינסטו מיר נישט?

—אַדרבה, פּאָרט גלייכער צו האָבן אַ שיין ווייב—

—נישט פֿאַר דיר!—צעשמייכלט זי זיך מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס דאַרף, ווי אַ וועגדקע אַרויסציען נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס בעטן אײַנגעגעצן איבער. נאָר דאָ דערמאָנט זיך מישקע אָן עפּעס, דערמאָנט זיך, און עס פֿאַרדריסט אים, וואָס זי שמייכלט אַזוי. איצט וואָלט ער שוין בעסער וועלן, זי זאָל ווי פֿריער ברוגז זײַן... פֿאַרקוקט ער זיך שוין צום פֿענצטער און בלייבט שטיל. גיט זיך רעוועקאַ, שוין בייז, אַ שטעל אויף און מישקע פֿאַרענדיקט איצט:

—מילאַ... גראַטוליר איך...

—מיט וואָס?

—מיט דײַן נײַעם באַשערטן.

—מוחל דײַנע גראַטולאַציעס.

—מוחל איז מוחל. דו ווייסט אָבער? איך וואָלט געקענט נעמען דײַן פֿײַנעם בחור און אים אַראָפּדרייען דאָס קעפּל, ווי בײַ אַ הינדל—נאָר דיר צוליב, וועל איך עס נישט טאָן.

ווערט שוין רעוועקאַ אײַנגאַנצן צוטומלט:

—פֿאַר וואָס פּײַניקסטו מיך?

—איך,—דיך?

—מישאַ... וואָס ווילסטו פֿון מיר?

—איך טשעפּע דיר דען?

—הער אויף! הער אויף!—הייבט זי אָן טופּען מיט איין פֿוס און פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט ביידע הענט.

דאָס קען שוין מישקע נישט אַריבערטראָגן. שטייט ער אויף, גייט צו איר צו, נעמט זי אַרום.

—נו, זאָל זײַן גענוג, רעוועקאַ... זאָל זײַן גענוג.

גיט זי זיך אַ ריס אַרויס פֿון אים און לויפֿט אַרויס.

שלעפּט ער אויף זיך אַרויף די הויזן, טוט אָן די שטעקשיך און שפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער. שפּאַנענדיק

רויכֿערט ער איין פּאַפּיראָס נאָכֿן אַנדערן, די שוואַרצע האָר זע-נען צעשויבערט און מאַכֿן זיין פּנים נאָך בלייכֿער און ענער-גישער. עס איז אים שווער אין האַרצן. עס איז דאָרט ענג... נישט ער האָט עפּעס צו רעוועקען און נישט ער האָט עפּעס צו באַשקען. ער האָט צו זיי גאָרנישט... נאָר דאָס האַרץ!... ער איז פֿאַרפּלאָנטערט און קען זיך נישט אַרויספּלאָנטערן... געמיינט האָט ער, אַז עס וועט אַנדערש ווערן... אינגאַנצן אַנ-דערש, און נאָך אַלעמען שטייט ער אין מיטן, נישט אַהער און נישט אַהין, וואָס זשע וועט ווייטער זיין? האַ? גיין אַהין? וואָס זשע וועט ער דאָרט טאָן? יאַן שרעקט אים נישט. נאָר שווער ווערט נעבן אים... עפּעס שעמט ער זיך אַהין צו גיין. צו וואָס?...

און דאָ עפֿנט זיך מיט אַמאָל די טיר און רעוועקא קומט אַריין אַ שיינענדיקע, אַ לאַכֿעדיקע, ווי עפּעס איז באַנייט גע-וואָרן, פֿירט באַריטשקען ביים הענטל און לאַכֿט:

—קום, באָרעניו... קום צום טאַטן... אָט איז דער טאַטע.

בלייבט מישקע שטיין פֿון זיין שפּאַנען. קוקט אַ וויילע, ביז ער הייבט אָן שמייכלען און פֿאַרגעסט אַלץ. קוקט ער איצט אויף רעווקען מיט ליבשאַפֿט, הערט, ווי דאָס קינד רעדט, נעמט עס אויף זיין האַנד, מיט דער אַנדערער נעמט ער אַרום רע-וועקען, קושט ער דאָס קינד און נישט רעוועקען. זי לאַכט אין דער שטיל מיט בלישטשענדיקע אויגן און דאָס קינד שרייט און רייסט זיך צו דער מוטער.

ווערט מישקע באַרואיקט און עס ווערט צוריק אויפגעלעבט אין שטוב. וואַשט ער זיך אַרום און קומט אַרויס צום טיש. זיצט ער און שמייכֿלט, רעוועקא לאַכֿט הויך אויף אַ קול און דערציילט, ווי דער „בוכֿהאַלטער" „אוכֿאַזשעוועט" נאָך איר. „זיצט ער... זיצט אַזאַ טרוימער... איז בלייך—כֿאַ־כאַ־כֿאַ, וואָס איז אייך?"—פֿרעג איך—און ער שווייגט, לאָזט אַרויס אַ זיפֿץ! כֿאַ־כֿאַ!" מישקע הייבט זיך אָן כֿמורען, די ברעמען ווערן אָנ-געצויגן, פֿרעגט ער זיך איבער: איז וואָס זשע—ענטפֿערט ער, דער פֿאַרליבטער בחור?" נאָר רעוועקא וויצלט זיך און לאַכֿט: זי האָט עס אומישנע אויסגעטראַכט—ס'הייבט זיך נישט אָן און עס לאָזט זיך נישט אויס... אָט, ווי מען קען אים אָפּנאַרן... אַלע

זענט איר אַזוי... וואָס מען דערציילט אײַך, גלייבט איר באַלד...

נאָר מישקע בלייבט שוין אַן אַנגעבלאָזענער, און נישט פאַר דעם, וואָס דער בוכהאַלטער „אוכאַזשעוועט", דאָס געדענקט ער שוין נישט, נאָר פון דעם, וואָס דאָס איז נישט אַזוי... צוריק ווערט אים שווער און הויל אין האַרצן, ער האָט זיך צוריק דערמאָנט אָן זיך אַליין. ווידער שטייט ער פאַרבלאָנדזשעט: נישט אַהער און נישט אַהין,

ווידער ליגט ער אין זיין צימער אויסגעצויגן, רעוועקאַ איז אין גאַס אַוועק, קומען צוגיין „אייגענע"—ער דערקענט זיי—כאָטש ער ווייסט נישט געגוי זייערע נעמען, דערציילט מען פאַר אים און ער הערט אויס מיט אַרואיקן שמייכל: דער „בוכהאַלטער" איז אַוועק אויף אַשטעלע, יאָשקע איז אָנגעקומען אין „טשעקאַ", פירט דאָרט אָן מיט אַן אָטריאַד... אין אָטריאַד דינען נחום דער רויטער און בערל טרעמפ", דער „אַדוואָקאַט" איז געוואָרן סעקרעטאַר ערגעץ אין סאָוונאַרכאַז"—הערט מישקע אויס צעפרידן", שמייכלט און וואָרענט:

—געדענקט זשע,—ממזרים! זייט מענטשן... דאָס איז אייך נישט קיין בורזשויען... איר האָט דאָ צו טאָן מיטן פּראָלעטאַריאַט... געדענקט...

און שפּעטער ליגט ער און הערט זיך צו צום דרויסן, אים קומט אויס, אַז די גאַנצע שטאָט איז פון אים ווייט אָפּגערוקט, רעוועקאַס טריט שרייען שטיל פון דער צווייטער שטיב. און מיט אַמאָל דערהערט ער ווי ערגעץ שפּילט עס טרויריק און פייערליך—נאָר ער איז פויל זיך אויפצוהייבן, רופט ער:

—רעוועקאַ! רעוועקאַ!

אַז זי בעווייזט זיך און טיר—פרעגט ער!

—וואָס איז דאָרט, רעוועקאַ? וואָס שפּילט מען?

—האַ?—זי קוקט און פענצטער—אַלויה.

—גייט מען דאָ אַרום?

—מען גייט צום רעווקאָם... אָ, סאַר אַביסל רויטע פענער...

שטייט מישקע ביים אָפענעם פענצטער—אַקאַלט ווינטל בלאָזט און איבערן הימל לויפן גרויע און טונקעלערע פלעקען, נאָר עס שמעקט שוין מיט פרילינג. בייגט ער זיך אַרויס—און ערשטוינט

איז ער: איבער דעם בולוואַר ציט זיך אַ גאַנצער וואַלד פון קעפּ אונטער רויטע פענער, וואָס לאַכן אין דער ליידיקייט אַריין. מיט אַמאָל הייבט עס אָן שאַלן מיט הייזעריק, רופנדיקע טענער, וואָס ציען זיך געלאַסן, באַטראַכט. דער ריטם פון די טריט פאַלט צענויף מיט די טענער, ציילן זיך די טריט פון אַ גאַנצער גאַס מענטשן. און אָט-גייען קרענץ. די דריי מיידלעך טראָגן קרענץ מיט שוואַרצע „לענטעס" און ווייסע אָדער רויטע אויפשריפטן. די טיפעניש פון גאַס שפּייט אַלע ווײַלע אויס דריי פרויען מיט אַ גרויסן קראַנץ, רוט זיך אָפּ און שיקט ווי־דער אַרויס אַ קראַנץ און עס גיסט זיך דאס ליד, וואָס איז מער פייערלעך ווי טרויעריק. אין האַרצן ווערט פאַרעקשנט און שטעלט זיך דיבאָם... אָך, וויפל קרענץ! איצט איז דער גאַנצער שטח גאַס פאַרנומען מיט קרענץ, וואָס באַוועגן זיך ווי גרוי־לעדיקע אָנזאָגן; לאַנגזאַם שרייען זיי אויס אַ דראָאונג אין דער וועלט אַריין.

עס צעשפּרייט זיך אַ שטאַרק געזאַנג, אין אָפּגעטיילטן פּירעק גייט אַן אַרבעטער־כאָר. עס זינגט זיך קלאָר, דייטלעך און אַלע ווײַלע שרייט אויס אַן אויסרוף, וואָס מאַכט דערציטערן. מישקע פילט, ווי איבערן לייב גייט אַלע ווײַלע אַ לויף דורך אַ גאַנצע מחנה מוראַשקעס. און ער פאַרשטייט נישט, ווי דאָס קומט, וואָס ער איז דאָרט נישטאָ...

איצט איז אַ געדרענג אין גאַס. געדיכטע רייען זעלנער מיט ביקסן אויף די אַקסלען און יעדער גרופּע, מיט אַ באַזונדער פאָן, מאַרשירט, ציילענדיק די טריט. ווי דער אומרו פון זייגער, בייטן זיי נישט דעם טעמפּ פון גיין אין טאַקט. פון ערגעץ רופט יעצט די מוזיק.

און אַז די לויה איז דורכגעגאַנגען און דער לעצטער גערויש פון לעצטן האַרמאַט, וואָס איז געשפּרונגען אויף רעדער, איז אויסגעוועפּט געוואָרן, איז מישקע געבליבן טרויריק און פאַרבענקט, האָט אַ שווייגנדיקער געשפּאַנט איבערן צימער און געפילט, אַז ער באַנאַרישט זיך:

—וואָס זשע? זיץ איך דאָ שוין דריי טעג און גאָרנישט! אויף וואָס וואַרט איך? זיי זאָלן שיקן נאָך מיר? זיי ווייסן

דען, וואו מיך צו געפונען? און באַשקע האָט דאָך מיר געבעטן קומען. איז וואָס זשע וועל איך דאָ אויסליגן? דאָרט זענען אַלע, און דאָ בין איך איינער אַליין... אפשר טאַקע נעמען אַ פּאָסטן און ווערן אַ מענטש?

און ווייל ער האָט געטראַכט צו גיין אַהין, האָט ער דערפאַר ווידער פאַרלוירן די רואיקייט און ווידער דערפילט זיין געפאַלנקייט. געוואוסט, אַז קיינער קוקט אים דאָרט נישט אויס און קיינער נויטיקט זיך נישט אין אים, און אַז ער וועט אַהין קומען, וועט מען אים דערזען, ווי אַ פרעמדן... און ער האָט מיט עקשנות איינגעהאַלטן דעם קרעכץ אין זיין ברוסט.

האָט ער צוגעשפּאַנט און שטיין געבליבן נעבן פענצטער, אַרויסגעקוקט און זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, ווי ער איז געקראָכן אויפן דאַך, ווי ער האָט אונטערגעשאָסן דעם „בראָנעוויק", ווי זיי זענען עס צעטומלט געוואָרן און גענומען מאַכן פיס! ער האָט זיך צעשמייכלט און איצט האָט ער זיך געשעמט פון זיין נאַרישקייט, וואָס ער ליגט שוין דעם דריטן טאָג אין שטוב.

—טפו!—און אָנגעהויבן שפּאַנען מיט פאַרשעמטקייט—טפו!

איז רעוועקא אריין:

—וואָס שפּייסטו עפּעס אַזוי?

האָט מישקע זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, געקוקט אין די אויגן אַריין און מיט אַמאָל גיך געזאָגט:

—הער אויס, רעוועקא... איך וויל מאַכן אַ סוף צו אַלע „געשעפטן"... איך וויל באַקומען אַ שטעלע און ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך... הערסט, רעוועקא"... גענוג... היינט איז שוין אויס ברוזשויען... אַ סוף צום היגטישן לעבן! גענוג...

—פון מיינעט וועגן? אַדרבה!

—מיינסט עס ערנסט, רעוועקא? אין דער אמתן?

—זאָלן מיר אַזוי ביידע לעבן! וואָס דען קלערסטו, האָב איך געמיינט, אַז עס איז אַזאַ גוטע זאַך?

האָט ער געכאַפּט רעוועקעס קאָפּ און זי אָנגעהויבן קושן אין די ליפּן, אין די אויגן. רעוועקא האָט געלאַכט און אים צוריקגעקושט.

מישקע האָט, אַ פריילעכער, געריבן די הענט:

—אַ סוף!... אויס! אויס מיט אַלע מיאוסע שטיק... נישקשה... מישקע וועט זיין אַ מענטש... אַ מענטש מיט מענטשן גלייך... עי, רעוועקאַ!... קלאַפּ איין! אַט אַזוי...

• • •

קאַפּיטל צוויי

לאַן איז געזעסן אין גרויען שינעל, מיט אַ טונקל געלן פּאַס אַרומגעצויגן. דאָס בערדל איז אים איצט געווען לענגער און געדיכטער און די שוואַרצע אויגן זענען געזעסן רואיק אויף זייערע ערטער. דאָס פּנים—ליימער און מיד. דער שטערן האָט זיך געקנייטשט, ווי אונטער אַ שווערע משא, וואָס דריקט אויפן קאָפּ. ער אַליין אָבער, האָט נישט געוואוסט, נישט פון דער מיד-קייט און נישט פון דער משא. האָט ער דערפאַר געקוקט אַזוי רואיק אין די פּאַפּירלעך, וואָס זענען פאַר אים, אויפן טיש, גע-לעגן, האָט אויפגעהויבן די אויגן. געקוקט אויפן זייגער און גע-שמייכלט אין זיך אַריין, טראַכטנדיק פון דעם, וואָס לויט דער „נייער צייט", איז שוין דער זייגער צען און די חברים זענען נאָך נישטאָ.

אין צימער איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע שטילקייט. דאָס מעבל האָט געגלאַנצט פאַרגאָסט און פון דער וואַנט אַראָפּ, האָט עפּעס אַ יעגער געקוקט מיט פאַרשפּיצטע אויגן פון געשטריקטן טעפּיך. דער הונט, וואָס איז נעבן אים געשטאַנען מיט אַן אויס-געצויגענע מאָרדע, האָט געהאַלטן פאַרריסן דעם עק, גרייט זיך אַ וואָרף צו טאָן אויף עפּעס, וואָס איז דאָרט אין הויכע געוויקסן פאַרהוילן. אין ווינקל האָט געדרימלט אַ רויטפּלוישענע קושעטקע און אַ שאַפע האָט זיך געברוגזט. פון אַ נאָענטן צימער האָט אין

דער ליידיקייט אַריין געקלאַפּט אַ שרייב-מאַשינקע. זי האָט געשטעפּט אין איין אָטעם, אָפּגערוט און ווייטער געשטעפּט, געגעבן אַ פעסטן קאַנטיקן קלאַפּ, אָפּגעקלונגען, און אַ רעשיקער ריץ האָט זיך צעשאָטן איבערן צימער.

האָט יאַן זיך שטיל איינגעטוליעט און געטראַכֿט פון באַשקען. ער האָט געטראַכֿט צעפּיעסטעט און מיט פּרעטענזיע. אים איז נישט געפעלן איר חברן זיך מיט דעם הויכֿן ייִנג און דאָס, וואָס זי וואונדערט זיך כּסדר אויף דעם, וואָס ער קומט נישט. אַז? דאָס האָט ער אָפּגעראַטעוועט די שטאָט פון אַ פּאָגראָם און די „אָפּיצירן" פאַרטריבן?—זעער שיין... אָבער וואָס קער זיך עס אָן? סענטימענטן?...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט—דער קרעכֿץ פון בענקל האָט אַ געשריי געטאָן אין ליידיקן צימער, האָט ער פאַרגעסן צו טראַכֿטן פון באַשקען. האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן ליידיקן בולוואַר—געזען ווי מענטשן לויפן גיך, זענען נאָך פאַרשלאָפן און ציען די פּאַפּיראָסן אין איין אָטעם, דערנאָך דערבלאָנדזשעט מיט די אויגן צום ים. רואיק איז אים געווען אין קאָפּ, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס האָט זיין אויפגאַבע פּינקטלעך דורכֿגעפירט און רוט איצט אָפּ. פאַר די אויגן און אין די אויגן איז עפּעס העלער און קלערער. ליגט דאָרט דער ים אַזאַ ברייטער און פרייער, ליגט אַ שטילער אונטער העל באַוואָלקנטן הימל אונטער דער אויבערפלעך גאָר וואַנדערווען גרויס-רוקנדיקע חיות. הייבן זיי אַרויס הויקערס, וואָס זילבערן קעגן העלן הימל. און צווישן די וויגנדע, שטילע הויקערס, שרייט אַ גרויע שיף: שטייט אַ פרעמד אויג און שפּירט נאָך פון ים אַראָפּ. שטיל איז אין שיף און ליידיק, וויגט זי זיך, ווי אַ שטילער חלום—און גאָר ווייסע מעוועס פלאַטערן אַרום איר—זעט זי אויס אַ פאַרגעסענע צווישן ווייטע וואַסערן...

—אַוועק, אַוועק... און טשאַטעווען נאָך אַלץ...

מיט אַמאָל האָט ער צונויפגעצויגן די ברעמען; און פאָרט איז עפּעס אַ געווימל פון זעלנער... האָט ער אויפגעצויגן דעם קאָפּ און דערזען: דאָרט, נעבן אַ נידעריקער רויט-ציגלדיקער

געבײדע איז עפּעס אַ בעדראַנג. די געבײדע שטײט נעבעכדיק, פֿאַרפֿרוירן, קוקט מיט קלײנע, הילפֿלאָזע פֿענצטערלעך און דאָס געשטופּערײ אַרום, איז גרױס. פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צונױפֿ־געראָיעט, װי אַ קופּע בינען. װאָס זשע טוען זײ דאָרט?

האָט ער זיך דערמאָנט: נאָך נעכטן פֿאַרנאַכט האָט מען מיטגעטײלט, אַז אין פֿאָרט איז נישט רואיק, אַז די פּאַרטיזאַ־נער גלוסט זיך שטאַרק אַ הוליע צו טאָן בײ די סקלאַדעס...

„עהע! גריגאָריעװ! אַן אוקראַיניעץ בלײבט אַן אוקראַי־ניעץ! מען װעט האָבן פֿון אים צרות..."

און נאָך האָט ער איצט געדענקט, אַז אַט דער חברה־מאַן איז פֿאַרביסן, פֿאַרעקשנט, רעדט נישט אַנדערש, נאָר או־קראַיניש מיטן „שטשאָ" און „צע", און זײנע שװאַרצע קלײנע אײגעלעך װי שװאַרצע שפּילקע־קעפּלעך קוקן מיט עפּעס פֿאַר־הוילענעס פֿון אונטערן שטערן.

„מען װעט האָבן פֿון אים צרות".

—דאָבראָ אוטראָ!

ער האָט זיך לאַנגזאַם אױסגעדרײט, נישט געגעבן קײן שמײכל, און באַשקע האָט זיך דערפֿון עטװאָס פֿאַרלױרן און רעדנדיק, צעקנעפּלט די לעדערנע קורטקע:

—באַװױליקסט קוים צו ענטפֿערן... אָהאָ... נו, יאָ... אַז מען װערט אַ נאַטשאַלניק... אמת?

זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים, מיט דער האַנט צו־ריקגעװאָרפֿן אַ פּאַסמע אונטערגעשװירענע האָר, װאָס איז איבער אירע ברױנע אױגן געפֿאַלן.

נאָר יאַן איז אַלץ געבליבן ערנסט. האָט אַװעקגעלײגט די האַנט אױפֿן טעלעפֿאָן־רערל, װאָס אױפֿן טיש און רואיק גע־זאָגט:

—װײזט אױס, אַז דאָ לעבט מען נאָך אַלץ מיט דער אַלטער צײט.

—אַזױ שפּעט איז דען שױן?

—ביטע... די קאָמענדאַנטור!—נו, געװיס, לױטן ראַטן־צײט איז שױן באַלד עלף— — —האַלאָ!?

האָט זיך באַשקע באַליידיקט און געזאָגט, שוין נישט קוקנדיק צו אים:

—קאָן דאָך דער מיטגליד פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט מיך פון דער שטעל דערוויטערן...

ער האָט אַלץ נישט געשמייכלט און נישט געענטפערט. זיינע אויגן האָבן נאָר ווייך אַ שיין געטאָן.

—קאָמענדאַנטור? דעם קאָמענדאַנט, ביטע.— — —פאַר־שטייסט, סלוזשבאַ...

—כ׳פאַרשטיי!—און זי האָט זיך אויסגעדרייט, אַרויס אין צווייטן צימער.

—וואָס? נאָר וואָס אָפגעפאָרן? וואוהין? אין רעווקאָם? גוט, גוט...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס רערל, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און שטיל געקוקט, ווי עס קומען אַריין די חברים פון רעווקאָם.

דער ערשטער איז אַריין דער פּאָרזיצער קלימענקאָ. ער איז אַריין אַ נידעריקער, מיט פעסט צונויפגעקאָוועטע פּלייצעס—פּשוט, פאַרטראַכט און רואיק. האָט אויסגעטאָן דאָס היטל און געבליבן מיט שטאַרקע געזונטע האָר, וואָס זענען געווען גע־שוירן אין אַ יאָזש און יעדער האָר איז געשטאַנען באַזונדער און שטייף. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס היטל אויף דער דרימלדיקער קאַנאַפּקע, וואָס האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

סאַשע פעלדמאַן איז אַריין שלאַנק און פלינק. ער האָט געטראָגן פּענסנע און איז געבליבן אין זעלנערישן היטל, וואָס ער האָט עטוואָס אַרויפגערוקט און אַ העלערער האַלבער שטערן האָט זיך באַוויזן. פון אונטער דער צעשפּילעטער לעדערנער קורטקע האָט זיך געבאָמבלט די רעוואָלווער־שנור און ער האָט גלייך געפרעגט:

—שוין דאָ אַ באַריכט?

—אָט איז ער,—האָט אים יאַן דערלאַנגט דעם דינעם באַ־ריכט־בויגן מיט דערזעלבער ערנסטקייט, כאָטש זיינע ליפּן האָבן עטוואָס אַרויסגעשמייכלט.

—אָהאָ! מיר זענען אַריין אויף קרים!

—דאָס איז גוט!—האָט קלימענקאָ קינדעריש הנאה געהאַט.
—און מיך פרייט עס נישט אַזוי שטאַרק—האָט יאַן צוגע־געבן—מען דאַרף נישט אַזוי לויפן...
—גערעכט—האָט סאַשע מסכים געווען—יאָ... איך האָב עפּעס געהערט... עפּעס זענען גריגאָריעווס לייט נישט רואיק.
—אָט!—האָט יאַן זיך אויפגעשטעלט.
עס איז אַריין דער שטאָט-קאָמענדאַנט, אַ הויכער שלאַנקער פּאַרשוין מיט אַ שוואַרץ בערדל, זיינע אויגן זענען געווען ענער־גישע, גלאַנציקע, האָט געטראָגן שטיוול מיט הויכע כאָלעוועס און אַ לאַנגן שינעל געשפּאָלטן פון הינטן. ער איז אַריין מיט אימפּעט קלינגענדיק מיט די שפּאָרן און רואיק נאָר מיט אַ שנע־לערן טעמפּ דערציילט:
—חברים! אין פּאָרט איז נישט רואיק. די פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגעריסן אַ סקלאַד, שלעפּן פון דאָרט „קאַזיאָנע אימוש־טשעסטוואָ“. איך האָב דערווייל אַרויסגעשיקט צוויי אָטריאַדן מי־ליציע, אָבער... ס'איז נישט אַ לייכט שטיקל אַרבעט.
אַ ווײַלע איז מען געזעסן שטיל.
—מען וואָלט געדאַרפט די חברה אַרויספירן פון שטאָט—האָט קלימענקאָ געזאָגט—כאַפּט זיי דער רוח, וועלן זיי איצט אַביסל נעמען... אָבער זיי קענען ווערן גרעסערע בעלנים... גע־ווען אין פּעטליורעס אַרמיי.
—מען דאַרף זיך צונויפרעדן מיט גריגאָריעוון—האָט יאַן געזאָגט.
—פּשוט באַפעלן; אַרויסגיין אויפן פראָנט—האָט פעלדמאַן ענערגיש אויסגערופן.
—נו, חבר, נאָר נישט מיט אַזאַ אימפּעט—האָט דער קאָ־מענדאַנט געזאָגט זעצנדיק זיך—מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט גרי־גאָריעוון... דאָס איז אַ פּאַרביסענער מענטש און אַן אוקראַאינער ביז צום ביין. ער איז בכלל נישט שטאַרק צופרידן, וואָס מען מישט זיך אַריין... ער איז אַן אוקראַאינעץ! איר פאַרשטייט?...
—פאַרשטייט זיך...—האָט קלימענקאָ געזאָגט—מען דאַרף מיט אים איבעררעדן! געבן אים צו פאַרשטיין, אָבער מען מוז פון אים פּטור ווערן...

—וועלן מיר צו אים צופאָרן?—האָט דער קאָמענדאַנט געפרעגט—מען טאָר קיין צייט נישט פאַרלירן.

גוט... מיר פאָרן, נאָר דערווייל, וואָלט נישט געשאַדט מען זאָל אַרויסשיקן צו זיי אַ חבר. אפשר וועט זיי קענען אָפּהאַלטן...

דערווייל איז אַריין לאַוורענטי. אַ הויכער ענערגישער גרוזין, מיט שוואַרצע סמאָלע האָר און פעך־שוואַרצע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ קליין מיליטערישע גרוזיניש היטעלע פון שוואַרצע באַראַנקעס מיט אַ גלאַטער רויטע דעקע, איבער וועלכע עס זענען געלעגן געקרייצט צוויי גאָלדענע פאַסן. און שוואַרץ לעדערנע הויזן אונטער אַ מונדיר, מיט באַראַנקעס באַנייט.

—אָט איז לאַוורענטי—וועסט פארן צו זיי?

ער האָט אויסגעהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, איז געוואָרן ערנסט, אַביסל צעטראָגן,

—גוט,

—אַלזאָ—נישט געזוימט, האָט זיך דער קאָמענדאַנט אויפגעשטעלט,

אַלע דריי זענען האַסטיק אַרויס פון צימער,

* * *

באַשקע איז אַרייגעקומען, זי האָט געוואָלט דורכגיין דעם צימער און האָט זיך פּערהאַלטן, הערענדיט דאָס געשפרעך, יאַן האָט גערעט מיט אומרואיקייט און אומצוטרי צו גריגאָריעוון:

—די גאַנצע צייט געפעלט ער מיר נישט... שאָוואָניזם איז אַ זאַך, וואָס אַז עס עסט זיך איין אין האַרצן, וועסטו פון דעם שוין נישט פטור ווערן... ער איז אַ אוקראַינער... און אַ בייכיגער מענטש... ער איז אַוועק פון פעטלורען, ווייל אים אַליין האָט זיך פאַרוואָלט אַן אטאַמאַן ווערען, ער וועט מורד זיין און דער ראָטן־מאַכט, אויך ווען מען וועט אים פרווון שטערן זיין מאַכט...

סאַשע האָט אויסגעהערט, האָט געהאַט שטאַרק פאַרקלעמט די קינבאַקן, האָט געפינצלט מיט די אויגן און מיט אַמאָל געזאָגט:

—מען מוז זען אים פטור צו ווערן פון שטאָט... נאָר נישט

וואַקלען זיך... זאָל ער אַוועק אויפן פראָנט

ווידער האָט יאַן גענומען דאָס טעלעפאָן-רערל און אָנגע־הויבן רעדן מיטן שטאַב. גערעדט האָט ער מיטן „וואָיענקאָם" און סאַשע האָט זיך אויפגעשטעלט, געבליבן שטיין נעבן באַש־קען, אַביסל אָפּגערוקט פון טיש, האָבן זיי שטיל געשמועסט.

די מאַשינקעס האָבן איצט שטאַרק אָפּגעהילכט פון די דערבייאיקע צימערן. אַלע ווײַלע האָט זיך געעפנט די טיר און איינער, אַ בלאָנדער שייגעץ, אָנגעטאָן מיליטעריש, האָט אַרײַנ־געטראָגן פּאַפּירן און אַוועקגעלייגט נעבן יאַנען אויפן טיש.

מיט אַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און מישקע האָט זיך באַוויזן.

ער איז עפּעס געווען העכער און דאָס פּנים—איינגעפאַלע־נער. די שוואַרצע האָר זענען געווען גלאַטיק צוגעקעמט, דער שרינט איז געלעגן—אַ ווייס דיק שנירל און די האָר צוזאַמענ־געוואַקסן. די אויגן—זיי האָבן געשמייכלט, נאָר אין זיי איז אויך געווען פאַרשטעקט אַ שיין פון שרעק. יאַן האָט לאַנגזאַם אויפ־געהויבן די אויגנדעקלעך, האָט לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און נישט איבערגעשלאָגן דאָס רעדן אין רערל אַרײַן. אַלץ אַזוי ערנסט און געלאַסן.

באַשע האָט אויסגערופן:

—אַ! דודקע! וואָס זשע שטייסטו אין טיר! קום אַרײַן!

זי איז עטוואָס פאַרוויטלט געוואָרן און די אויגן האָבן זיך צעבלישטשעט. זי האָט נישט געקוקט אין יאַנס זייט אַרײַן.

מישקע איז אַרײַן מיט געמאָסטענע, שטילע, ווייכע טריט. פון דער שטילקייט, וואָס האָט אים אין צימער אַרומגעכאַפּט, איז אים שלעכט געוואָרן אויפן האַרצן. און דער ערנסט פון יאַנס פּנים האָט אים קליין און שוואַך געמאַכט. ער האָט זיך געגריסט צו יאַנען פון ווייטן און וואַרעם געדריקט באַשקעס האַנט, דערנאָך סאַשעס, געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט, אין איין האַנט געהאַלטן דאָס היטל און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. דערפאַר האָט ער געהאַט גרעסערע אויגן און האָט זיך עפּעס געהיטן הערנדיק אַ רויש אין די אויערן.

באַשקע איז געוואָרן אומרואיק און זיך באַוועגט אויף

איין אָרט, געקוקט אויף דער וואַנט און געבליבן מיט אַ האַלב געעפנט מויל.

סאַשע האָט געשמייכלט:

—ביזט אַ בראַט, דודקע!... ווען נישט דו, האָבן מיר דאָ אַ שרעקלעכן פּאָגראָם. ביזט אַ מאָלאָדיעץ!

מישקע האָט נאַריש געשמייכלט און זיך שטאַרק געשעמט, דערפאַר איז ער ביי זיך געוואָרן נאָך מער געפאַלענער און אין האַרצן איז אים נאָך שווערער געוואָרן. נאָר באַשקע האָט זיך אָפּגערופן שוין רואיק:

—איך האָב פריער געוואוסט... אויף דודקען קאָן מען זיך פאַרלאָזן...

יאַן האָט אַלע ווײַלע אויפגעהויבן אויף זיי די אויגן. האָט גערעדט געלאַסן אין רערל אַריין. מיט איין האַנט אויסגעגלייכט די פּאַפּירן און נישט פאַרגעסן אָן זיי. באַשקע האָט געפילט זיינע אויגן, כאָטש זי האָט זיך נישט אומגעקוקט.

„הייסט עס, מאָרגן?... גוט... מען דאַרף זיך נישט שפּילן, איר פאַרשטייט דאָך, חבר, אַ? הערט אויס, חבר וואָיעוואָדאַם, מען דאַרף אים האַלטן אויפן אויג... וואָס זאָגט איר? איר וואַרט אויף אַ באַפעל? ער דאַרף היינט אָנקומען? אַ! שוין אָנגעקומען? אַהאַ! יאָ, יאָ, כ׳הער, הייסט עס, אַז מאָרגן לאָזט איר זיך אין וועג אַריין? אויסגעצייכנט, גוט... צום ווידערזעען... אַדיע!...“

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס רערל, געבליבן זיצן רואיק און אַלץ אַזוי ערנסט. איין ווײַלע האָט ער אַ טראַכט געטאָן: אָט איז ער! און זיך דערמאָנט: נאַכט, שניי און בית-עולם! דערפון זענען זיינע אויגן געוואָרן ווייכער און ער האָט געזאָגט:

—נו, וואָס זשע? וואָס זשע הערט זיך?

אַלע דריי זענען צוגעגאַנגען צום טיש, סאַשע האָט זיך געזעצט, באַשקע האָט עפּעס שווער געטראַכט, קוקנדיק אויפן טיש מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. מישקע האָט זיך אויך געזעצט.

—איך וואָלט פאָרגעלייגט דעם חבר איבערצונעמען די שטעל פון קאָמענדאַנט אין שטאָט.—האָט סאַשע געזאָגט.

יאַן האָט נישט באַלד געענטפערט, ער האָט זיך אויסגע-

גלייכט אין שטול, האָט ערנסט געקוקט אויף זיינע הענט, דער־נאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. באַשקע האָט זיך אָפּגערופן:

—ער איז דער איינציקער, פּאַסיקער... ער קען די שטאָט, ווי זיינע פינגער, און אָרדנונג קאָן ער האַלטן.

—און האָט טאַקע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער שטאָט... דאָס האָט ער זי אָפּגעראַטעוועט פון אַ פּאָגראָם—האָט סאַשע צוגעגעבן.

יאַנס אויגן האָבן פאַרלוירן דאָס ביסל ווייכקייט. ער איז צוריק געוואָרן גאָר רואיק און ערנסט:

—נו, און קאָראָבקאָוו? ער איז דאָך נאָך אין קיעוו באַ־שטימט געוואָרן?

—קאָראָבקאָוו איז דאָך אָבער דאָ אַ פרעמדער, ער קען די שטאָט נישט...

—און וועט זיך שווער אָריענטירן—האָט באַשקע צוגעגעבן.

—אָבער חברים! מען קאָן דאָך נישט!... דאָס איז נישט אַזוי לייכט... אפשר אַלס געהילף? איבעריגנס, מען דאַרף דורכ־רעדן מיטן חבר קלימענקאָ. מען דאַרף עס שטעלן אויף דער זיצונג פון „פּאַרקאָם” און דערנאָך פון „רעוקאָם”...

מישקע איז געזעסן אַ צעטומלטער, אים איז זעער שווער געווען צו הערן דאָס געשפּרעך. עפּעס איז אויסגעקומען, ווי דאָס וואָלט ער געבעטן, סאַשע און באַשקען שטיצן זיין ביטע, און יאַן איז נישט גענייגט נאָכצוגעבן. און ער האָט געפילט אַ נויטיקייט קלאָר צו מאַכן יאַנען, אַז נישט ער וויל דאָס, אַז ער וויל בכלל גאָרנישט... ער האָט עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל, נאָר האָט זיך אָנגעשטויסן מיט באַשקעס ברוינע, ווייכע אויגן און האָט גאָרנישט געזאָגט... איז ער דערפאַר געזעסן אַן אָנגעשטרענגטער, דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין, אין די אויערן האָט אים געררויִשט. ער האָט געבענקט אַרויסצו־קומען פון דעם צימער.

יאַן האָט רואיק פאַרוויישט דעם גאַנצן געשפּרעך.

—נו, גוט... כאָטש קאָראָבקאָוו איז אַ פּאַרטיי־חבר, באַ־שטימט פון קיעוו... דער פּאָסטן איז איינער פון די וויכטיק־סטע, פאַראַנטוואָרטלעכסטע... מען קאָן נישט גלאַט אַזוי...

ברודערשאַפט גייט נישט אָן ביי מאַכט, נאָר גאָרנישט, דער חבר איז געווים פּעאיק... אַלס געהילף—וואַרשיינלעך גלענצענד... מיר וועלן עס באַטראַכטן, יאָ, חבר מישע: איך האָב גערעדט וועגן אייער טעטיקייט. וואָס זשע? איר האָט זיי אַ „בראָנעוויק״ אונטערגעשלאָגן?

מישקע האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און באַשקע איז געווען צערודערט.

—ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען? אינטערעסאַנט...

יאַן האָט זיך צוגעבויגן צום טיש.

מישקע האָט זיך צעשמייכלט. מיט אַמאָל האָט זיך אים קלאָר דערמאָנט דאָס גאַנצע בילד. האָט ער איין ווײַלע זיך דערפילט לייכטער, ווי פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך צווישן „ערנסטע מענטשן״ און אָנגעהויבן דערציילן. דערציילט, און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, און אַ שמייכל האָט געבליט אויף זיינע ליפּן, באַשקע האָט אויך נאָכגעשמייכלט און סאַשע האָט אים געקוקט גלייך אין מויל אַריין. יאַן האָט אונטערגעשפּאַרט די רעכטע האַנט אונטערן אויער און געקוקט מיט וואונדער און איבעראַשונג.

—אויפן דאַך?

—אַ ברירה האָב איך געהאַט? אַז איך זע, די הינט זענען פאַרביסן, זיך אַוועקגעשטעלט, און ווילן זיך בשום אופן נישט רירן, און דער „בראָנעוויק״—ער רעגנט מיט קוילן... ביטער... אויב מיר גייען נישט, וועלן זיי נעמען גיין... האַ? וואָס זשע טוט מען? וואַליי! אַרויף אויפן דאַך... געקראָכן אויפן בויך... זיך אַוועקגעלייגט און פּיק, און פּיק, באַץ! דאָס ראָד האָט אַ זיפץ געטאָן. אַ האַנט-גראַנאַט צו פאַרבייסן, אַ טומל, אַ רעש... חברה האָט אַ האָגל געטאָן מיט קוילן, אַזוי, פּאַ מאַלאָדיעצקו און פּטור!

—אויסגעצייכנט!—האָט יאַן אויסגערופן, זיך אומגעקוקט צו באַשקען און באַלד צוגענומען די אויגן...

און אַז מישקע האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער גלייך דערפילט, אַז ער דאַרף איצט אַוועקגיין, איידער ער בלייבט ווידער זיצן שטיל. האָט ער זיך ראַפּטום אָפּגעריסן און אויפ-

געשטעלט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט, אַז ער קאָן ערגעץ פאַרשפּעטיקן.

—איר גייט שוין?—האָט יאַן געפרעגט, זיך אויפגעשטעלט און אים די האַנט געדריקט.—גוט... מיר וועלן שטעלן די פראַגע אויף אַ זיצונג... כ׳וועל דורכשמועסן מיט קלימענקאָן.

—ס׳מאַכט נישט אויס...—האָט מישקע פאַרלעגן אַרויסגעשמייכלט, און דערפאַר, וואָס ער האָט נישט אויסגעשריגן דערביי, איז אים נאָך שווערער און ערגער געוואָרן... האָט גיך אָפּגעקערט די אויגן פון יאַנען, זיך געזעגנט און מיט צעטומלטקייט זיך געלאָזט צו דער טיר.

באַשקע האָט אים אַרויסבאַגלייט:

—אָט דאָ אַרום...

איז אַרויס נאָך אים אין קאָרידאָר:

—דודקע... זיי נישט בייז...

און פון דער ווענדונג האָט ער מיט פרייד געעפנט די ליפּן:

—ווער איז בייז? ניין... איך וויל נישט, גאָרנישט...

—קום צוגיין מאָרגן... עס וועט אין אָרדנונג זיין...

—איך וויל נישט, נישט קיין קאָמענדאַנט, נישט קיין געהילף... איך וויל קיין טובות נישט...

—אָבער וועסט קומען מאָרגן?—האָט באַשקע ווי נישט געוואָלט פאַרשטיין זיינע ווערטער.

—איך ווייס נישט... עפּעס... באַשע... איך קאָן עפּעס נישט...

זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען מיט עטוואָס אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ—געטראַכט, און מישקע איז געשטאַנען אומגעדולדיק, ער האָט מורא געהאַט, עס זאָל זיך נישט באַווייזן דאָס רויִקע, ערנסטע פּנים.

—און אויב איך וועל דיך דאַרפן, וואו וועסטו זיין?

—וואו זאָל איך זיין?

—ביי דער פּישעליכע? אָט דאָרט, וואו כ׳האָב דיר שוין געטראָפן... זיי דאָרט.

זי האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַזעלכע וואַרעמע אויגן

און אים איז געוואָרן,—ווי אַ זיסע מידקייט וואָלט זיך איבער זיין לייב אַ גאָס געטאָן.

—זיי דאָרט... דאָרט וועל איך דיך געפינען, יאָ?

—ווי דו הייסט... באַשע... ווי דו הייסט...

זי האָט זיך צעשמייכלט, אים געגעבן אַ גלייך אויס דאָס היטל און איר האַנט האָט זיין אויער באַרירט. דערפון האָט ער אַ ציטער געטאָן איבערן גאַנצן לייב און זיך איינגעהאַלטן פון פאַרמאַכן די אויגן.

פון די טרעפ האָבן זיך געהערט גערדיכטע, איילנדיקע טריט און אַ נצחונדיק רעדן...

זי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט מיט אירע ביידע הענט, ער האָט צוגעבוינן דעם קאָפּ—עפּעס געוואָלט טאָן און נישט געוואַגט, זיין אויער נאָר האָט זיך אָנגערירט אָן איר אַקסל און דער אָטעם האָט אים פאַרשלאָגן.

— — — — — — — — — — — —

ער איז אַראָפּ אין גרויס אימפּעט און אין אים האָט עפּעס אַ געשריי געטאָן. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט און געגאַנגען מיט גליק אין האַרצן. דערביי האָט ער געוואוסט, אַז מער וועט ער דאָ אַהער נישט קומען... נישט פאַר אים... ער קאָן נישט זיצן אַזוי ערנסט און שווייגן... אַך, ווי גוט עס איז אין דרויסן... סאַר אַ קאַלטע ערנסטע אויגן דער יאַן האָט עס...

ער האָט נאָך געהערט באַשקעס וואַרעמע רייד... ער האָט זיי געזען, ווי זיי וואָלטן אַ צורה געהאַט, און געדענקט מיט ליבשאַפט דאָס הויז ביי דער פישעליכע... מאָדנע: ווי ער וואָלט זיך דאָרט געדאַרפט איצט טרעפן מיט באַשקען.

האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע און אויסגערופן:

—אויף פערעסיפ! נאָר שנעל! שנעלער!

* * *

קאַפּיטל דריי

דרומדיקע זוניקע טעג. זיי זענען געשטאַנען הייסע, בלענדנדיקע און הוילע. ווי די פרויען, וואָס זענען לייכט געקליידט, ווי די מענער, וואָס ליגן נאַקעט אויפן ברעג ים. שטייט אַ גרויסע שטאָט אויף זוניקער סטעפּ אין דרויסן; ליגן זאַמדיקע ווייסע וועגן און עס טראָגן זיך טויבע געשרייען פון ווייטן. האָט מישקע זיך אַליין פאַרגעסן, איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַלע וועגן, בלאָנקעט ער אַרום אין ווייסן זוניקן סטעפּ און האָפט אַ וועג צו געפינען. דערווייל איז ער שטיל און שווייגנדיק. טראָגט ער אין האַרצן אַ גרויסן עלנט: פּוסט געוואָרן אַרום. און עס טוט אַזוי באַנג: וואָס זשע וועט ווייטער זיין?

ליגט ער איינמאָל, אין שטילן פרימאָרגן, אויף דער קושעטקע אין קליינעם צימערל ביי דער פישעליכע; ליגט און וויל זיך דערמאָנען עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ביינאַכט נאָך געוואוסט, נאָר ער ווייסט, אַז ער וועט עס נישט געדענקען, טראַכט ער וועגן דעם, וואָס עס איז גאַנץ גוט צו ליגן אַזוי שטיל און נישט געדענקען. ליגן און וואַרטן אויף פאַרהוילנס, וואָס דאַרף דאָך אָנקומען. זעט ער, ווי עס קומט אַריין גיטל די מויד, קוקט ער נאָך, ווי זי זוכט עפּעס אין צימער און פאַרשטייט נישט, וואָס זי וויל. וואָס, אייגנטלעך, דרייט זי זיך אַרום, די מויד? אַ נאַרישע מויד... פאַרוואָס האָט קיינער מיט איר נישט חתונה? זי איז דאָך אַזאַ געזונטע, ריזיקע מויד?

און מיט אַמאָל, ווי עס וואָלט אַ שטראָם זיך פון אַ הייל אַרויסגעריסן, דערמאָנט ער זיך אָן באַשקען. און עס קומט אים אויס, אַז דאָס איז אַן אַלטע ערינערונג: ער געדענקט שוין אַליין נישט, ווי לאַנג ער האָט זי נישט געזען. אָבער זי זיצט ערגעץ אַ טרויעריקע און טראַכט אויך וועגן זעלבן. זעט ער, ווי אירע ברוינע אויגן זענען פמורנע, ווי זי ליגט מיט די

הענט אונטערן קאָפּ פאַרלייגט, רירט זיך נישט, אָטעמט אפילו נישט. קוקט זי, און קוקט אין ערגעץ נישט. זעצט ער זיך אויף, לאָזט שווער אַרויס דעם אָטעם, נעמט אַרום מיטביידע הענט דעם אייגענעם שטערן און אויגן, דריקט שטאַרק די פאַר-מאַכטע ברעמען אויף די אויגן, דערנאָך עפנט ער זיי און מיט וואונדער קוקט ער זיך אַרום.

ווען ער איז שוין אָנגעטאָן, בלייבט ער שטיין נעבן פענצטער און קוקט סתם אַזוי זיך. זעט ער, ווי קעגנאיבער שטייט אַ נידעריק שטיבל מיט אַ שינדל-דאַך, זענען די שינדלען איצט שוואַרץ און אויפגעבויגן ביי די זייטן, טייל זענען גע-שפּאָלטן און קוקן מיט שטומע, שוואַרצע שפּאַרעס. פאַלט אים איין: ווען ער וואָלט זיך געלאָזט שפּאַנען איבער די שינדלען, וואָלטן זיי זיך געבראָכן און געקרישלט אונטער זיינע פיס, און מיט אַמאָל: באַץ! אַ פוס וואָלט טיף אַריין, מאָדנע שינדלען...

דערווייל האָט זיך געעפנט די טיר. אַריין איז באָרע דער שוואַרצער.

—אַ? וואָס זשע הערט זיך? וואָס זשע מאַכסטו?!

באָרע בלייבט שטיין אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג. דאָס איז געווען אַ הויכער, שוואַרצער ייִנג, דאָס פּנים טונקל, גלאַנציק און מיט שאַרפע „סקולעס". ביי דער רעכטער זייט פון די טונקל-רויטע ליפּן, איז געלעגן אַ טיפער, העלער שראַם, ווי אַ העלע גוסעניצע וואָלט דאָרט געדרימלט. די אויגן זענען געווען אַזוי שוואַרץ, אַז עס האָט זיך קיין ווייסל נישט אָנגע-זען, נאָר פון דער גלאַנציקער שוואַרצקייט ווינקען אַרויס דינע רויטע ווערימלעך, וואָס טונקען זיך און בליקן אַלע ווייל׳ע אַרויס.

האָט זיך באָרע צעשמייכלט, זעענדיק ווי מישקע האָט זיך מיט אים דערפרייט, אויסגעטאָן דעם ווייסן פּאַנאַמע-הוט און געזאָגט, זעצנדיק זיך:

—ס׳איז קאַלעמוטנע!

—אמת, באָרע, אמת...

ווידער זיך צעשמייכלט.

—וואָס עס הערט זיך? גאָרנישט. ביי רעוועקאַן געווען, געלט איבערגעלאָזט.

—זי איז ברוגז? האַ?—למורעט זיך מישקע.

ברוגז? ווייס איך... זאָל זיין ברוגז... דער „בולהאַלטער" זיצט דאָרט... שפּילט מען אין קאָרטן און זאָשקע פּראַוועט פּוילע שטיק... לאַכט זי, האַלט זיך ביי די זייטן לאַכנדיק. דער „אַדוואָקאַט" קומט אויך...

—איז דאָך איר פריילעך!—שמייכלט מישקע און האָטבש עת מעשה הנאה פון דעם, וואָס זי איז ברוגז, קומט נישט אַהער און דולט אים נישט דעם קאָפּ.

—זי איז געווען דאָ, האָסטו זיך געבייזערט... האָט זי גענומען וויינען—ביזטו אין כעס געוואָרן און פון שטוב אַרויס...

—אַז איך האָב פיינט, מען זאָל מיך באַוויינען.

—עס פאַרדריסט איר...

באָרע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט גע-האַלטן, אַז רעוועקאַ איז גערעכט. מישקע האָט זיך פאַרטראַכט, האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן צימער, מיט אַמאָל אָנגע-הויבן רעדן, שפּאַנענדיק:

—„כ'ווייס, אַליין נישט... אַ בראַנד האָט זיך אין מיין האַרצן אַריינגעכאַפּט... לאָזט עס מיך נישט רוען... ווי „פּיאַוו-קעס" נאָגן זיי דאָרט... כ'קאָן נישט אַהיימגיין... ס'איז מיר שווער דאָרט... איך האָב זיך פאַרבלאָנדזשעט, ווי אַ געפּענטעט פערד, עפּעס ציט עס און ציט—און דער רוח ווייסט, וואוהין?.. איך בין דאָך פאָרט אַ מענטש, אַ מענטש איז דאָך נישט קיין פערד, טוט עס וויי, פאַרשטייסט: די גאַנצע וועלט טוט עפּעס... אַרום אונז ברויזט, רעשט. עס פלאַטערן פענער, מען טוט עפּעס—און איך—איך דריי זיך אַרום פּוסט און פּאַסט... וואָס זשע, וועל איך דאָרט זיך אַוועקזעצן מיט זיי צו די קאָרטן?...

באָרע האָט אויפגעהויבן אויף אים די אויגן, געקוקט מיט וואונדער, געקוקט מיט מיטגעפיל און פאַרלוירנקייט, ביז מישקע איז צוגעגאַנגען הארט צו אים, שטיין געבליבן און אַוועקגע-לייגט ביידע הענט אויף די ברייטע אַקסלען באָרעס:

—פאַרשטייסט, באָרע... מיר זענען דאָך מענטשן געווען, האַ? איז מען געקומען און אונז פאַר הינט געמאַכט... זענען מיר, ווי קראָען, נאָכגעגאַנגען די גרויסע בערן, אַז יענע האָבן פאַרצוקט, האָבן מיר אויך אַ שטיקל געכאַפּט... האַ? ווי לאַנג זשע איז דער שיעור הינט צו זיין? פאַרשטייסט: כ'קאָן נישט מער... און עפּעס אַנדערש, קאָן איך אויך דערוויל נישט. און— — —

—איז וואָס זשע בלייבט צו טאָן?—האָט באָרע געפרעגט און אויפן פנים האָט זיך אַ ווייטאָק צעלייגט.

—ווען איך ווייס?... כ'ווייס נישט... נאָר מיר וועלן זען... ס'עט מסתם רעכט ווערן... קיין הינט וועלן מיר מער נישט זיין.

דערוויל איז אַריינגעקומען בנימקע „דאָס מיידל". דאָס איז געווען אַן עלאַסטיש פלינקער יונג מיט דינע פיס און מיט מיידליש גערויטלטע בעקלעך. געהאַט לענגערע, גלאַטע, בלאָנדע האָר, וואָס זענען געלעגן אין אויסגעפרעסטע פּאַסמעס. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דאָס היטל, האַלטנדיק עס ביים דאַשעק און אָפּגעפּרייכט:

—פו! איז עס אַ היץ אַ ביסל! עס ברענט אַ פייער! און משהלע דראַנג איז שוין קאַפּוט!

—ווער איז עס? דער „קאַזנאַטשיי"?—האָט מישקע גע-פרעגט.

—וואָס איז געשען?—האָט באָרע איינגעצויגן דעם שטערן.

—ס'איז געשען... גאָרנישט איז געשען. ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם אַפּעטיט, דער היבטישער יאָלד—האָט בנימקע געמאָלט אין איין אָטעם—די כאָלערע האָט אים גע-טראָגן... ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אויפעסן אַ ביסל פון גרייטן...

—איז וואָס זשע?

—איז גאָרנישט... האָט ער גענומען קנאַקן „סאָוועטקעס"... האָט מען אים געפּאַקט... אַ גאַנצן שטוים שוין געהאַט אָנגע-כמאַליעט, האָט מען אים גאַנץ שיין פאַרבעטן, אַריינגעצימבלט אין „טשרעזוויטשייקע"... אים מיט חיים בער דעם „געדראָלע-

נעם״ און שמואליקלען מיט דער ביע—אַ מענטשן זעקס—און נעכטן, צי ווען, כיק! אַ קויל אין קאָפּ און אַן עק!

ביידע זענען געווען שטיל, פּאַרג׳יוערט, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס דער טויט קומט אַזוי פּשוט: דורך אַ קײַלעכל אין קאָפּ.

—זיי האָבן געזאָגט,—האָט בנימקע ווייטער געמאָלט—אַז מען האָט זיך געבעטן, ס׳זאָל זײַן סטאָפּ! גענוג... פּאָלגט מען נישט. זיי זאָגן, אַז דאָס רייסט אונטער דעם גאַנצן „פּרעסטיזש״ פון דער סאָוויעטסקער וולאַסט, אַז דאָס שטערט די רעוואָלוציע. אַזוי זאָגן זיי.

—און זענען גערעכטע!—האָט מישקע מיט אַמאָל אָפּגע-האַקט!

—דער „דראָנג״ איז שטענדיק געווען אַ הונט מיט אויערן! האָט באָרע צוגעגעבן—ס׳איז נאָר אַ רחמנות אויף ציפּעלע מיט די קינדער.

—אמת—האָט מישקע שטיל צוגעטאַקעוועט.

—אָהאָ! אַ שיינער רחמנות אויף ציפּעלע קאָזאַק, זי האָט די אמתע „מאַטניאַ״! און פאַר אַ גרויסע נויט, קען זי אַליין אויך די מלאכה!—האָט בנימקע געזאָגט.

באָרע האָט אַ שמייכל געטאָן, מישקע האָט זיך פאַרקוקט אין פענצטער און דערנאָך געזאָגט:

—זאָלן זיי נישט זײַן קיין יאָלדן!... דאָס, וואָס מען קאָן אָפּטאָן מיט אַ בורזשואַזער מאַכט, גייט נישט אָן ביי אַן אַר-בעטער-מאַכט—די אַרבעטער ווייסן פון אַלע...

—ס׳איז אַזוי הייס! צום שטאַרבן!—האָט בנימקע זיך גע-פאָכעט מיטן היטל—און ספּעקולאַנטן—אַלצן שטיק האָט מען אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט!

נאָר מישקע האָט שוין נישט געהערט, ער האָט געקוקט אין פענצטער און מיט אַמאָל זיך אָפּגערופן:

—קומט, לאָמיר גאָר אַראָפּגיין!

—זיך באָדן?—האָט בנימקע זיך געכאַפּט.

—זאָל זײַן.

מישקע איז אַרויס דער ערשטער. באָרע מיט בנימקען

זענען אים נאָכגעגאַנגען מיט דרך-ארץ, ווי מען גייט נאָך אַ פרינץ, וואָס וועט זיך היינט—מאָרגן אומקערן צום טראָן.

* * *

ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם בולוואַר, האָט מישקע דערשמעקט, אַז עפּעס איז נישט רואיק: שוין צופיל זענען געלאָפן די אויטאָמאָבילן איבער דער ליידיקער פּושקינסקער גאַס. ער האָט באַמערקט, ווי אין איין אויטאָמאָביל איז יאַן דורכגעפאָרן. האָט געזען, ווי די דענקע פון זיין היטל האָט זיך געריסן אויף צוריק און זיינע אויגן זענען געווען אָנגעשטרענגט, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט זען פון ווייטן. עס האָט אים הנאה געטאָן, וואס יאַן האָט אים נישט באַמערקט און ער האָט נאָר געזען, ווי נעבן ענגלישן קלוב—נעבן אָט דער פירקאַנטיקער געביידע, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט, שטיל און פאַרבאָרגן אין זיך אַריין ביים „רעוואָלוציע"-פּלאַץ און איצט איז דאָרט דער פאַרקאָם—איז איצט עפּעס רעשיק. עס פאָרן אַהין צו איין אויטאָמאָביל נאָכן אַנדערן, פון זיי שפּרינגען אַרויס מענטשן אין לעדערנע קורטקעס, הויכע שטיוול און אָן היטלען. איינער איז אַראָפּ, מיט פענסנע אויף די אויגן און מיט אַ גרויסן רויטן שטערן אויפן אַרבל פון זיין ברוין העמדל, און דערפון האָט זיך מישקע דערפילט עפּעס צערודערט. אים איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף זיך איילן— — —און ערשט איצט האָט ער זיך אויסגעדרייט און דערזען: אויפן וואַנט פון שטאָטראָט איז געהאַנגען אַ רויטע „פּראָקלאַמאַציע" מיט גרויסע ווערטער און אויסרוף-צייכנס. מענטשן האָבן זיך ענג צונויפגעשטופּט און געלייענט מיט שטילע אויגן און פאַרביסענע ליפּן, טייל מיט גרויסע אויגן און האַלב אָפענע מיילער. איז מישקע אַריין אין רעדל און דערזעענדיק דאָס קעפּל: „צו די פאַרבלאָנזשעטע!" האָט ער געקנייטשט דעם שטערן און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געלייענט.

דאָס איז געווען אַן אויפרוף צו די גנבים, פאַרברעכער און געלד-פעלשער—צו די „קרבנות פון דער בורזשואַזער אָרד-

בונג״. דער רעוואָם האָט זיי פאַרגעלייגט, „צו פאַרגעסן אַלץ, וואָס ס׳איז געווען ביז אַהער און אַריינטרעטן אין דער משפחה פון פראָלעטאַריאַט, איבערצערייסן מיט דער פאַרגאַנגנהייט און אָנהייבן אַ ניי, ערלעך אַרבעט-לעבן. מען האָט זיי גערופן אַריינצוטרעטן אין דער רויטער אַרמיי, צו פאַרטיידיקן דאָס נייע לעבן און די נייע אָרדנונג, וואָס וועט באַשאַפן אַ וועלט פון אַרבעטנדע, ערלעכע לייט.״

ביים סוף איז נאָך געווען אַ שטרענגע הזהרה: „און די, וואָס וועלן בייזוויליק פאָרטזעצן זייער פאַרברעכעריש לעבן און דערמיט שטערן די אָרדנונג און די רו פון דער אַרבעטער-רעפּובליק, דידאָזיקע וועט די מאַכט פון אַרבעטער און פויערים אויסראָטן מיט אַן אייזערנער האַנט!...״

מישקע האָט פאַרלאָזט דאָס רעדל. איז געגאַנגען שווייגנ-דיק און זיך כמעט נישט אומגעקוקט, נישט אויף באָרען און נישט אויף בנימקען, וואָס זענען נאָך אים געגאַנגען. אים איז איצט געווען אין האַרצן ליכטיק און שווער, און ער האָט גע-טראַכט פון עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט דאָרט אין האַרץ ביי אים, נאָר ער קאָן עס נאָך נישט פאַרשטיין— — —

זיי זענען אַראָפּ צום „לאַנזשעראָן״ און פון דאָרט צום ברעג ים.

די זון האָט שוין געקוקט פון אַ זייט הימל—נאָר דער ברעג איז נאָך געווען פאַרגאָסן מיט ליכטיקייט. אויף די שטיינ-דלעך און זאַמד זענען געלעגן גאַנצע גרופּעס מענער און פרויען, קינדער האָבן געשריגן, געליאַרמט און געפּאַטשט מיט דינע פיסלעך אין וואַסער. די כוואַליעס זענען איצט געלאָפן שווער-סאַפּענדיקע און מוטנע, האָבן זיך דערקוילערט ביז צום ברעג און זיך צעגאָסן מיט שוים איבער דעם געלן זאַמד, זיך באַלד צוריקגעקוילערט אונטער אַנדערע כוואַליעס, וואָס זענען איבער זיי געלאָפן, מיטשלעפּנדיק מיט זיך שטיינדלעך און אי-בערלאָזנדיק דעם געלע זאַמד פאַרטונקלט, און די טונקלקייט האָט באַלד איינגעזאַפּט, איבערלאָזנדיק אַ העלערן הויך. אַ צווייטע כוואַליע האָט דערוויל אַ שלאָג געטאָן, פאַרגאָסן די קינ-דערישע פיסלעך און אַ פריילעך קוויטשעריי האָט זיך צעשאָטן

און אויסגעמישט מיטן געריש פון די כוואַליעס.

דער „פליאַזש" איז געווען פאַרוואָרפן מיט לייב און קאָ־לירטע קליידער. אַ סך זעגען געזעסן און געשמייכלט קעגן דער זון, שטרעקנדיק די הענט אין די אַרבל אַריין. יונגע שלאַנקע מענער, זענען געלעגן מיט ברוינע אָנגעצויגענע פלייצעס קעגן זון, די פנימער אָנגעשפאַרט אויף פאַרלייגטע הענט און די אויגן איינגעגעסן און ערוואַרט דאָס אַנטפּלעקן פון פרויען־הענט און אַקסל —

איבער דעם „פליאַזש" איז דאָס געריש געשטאַנען ווי אַ שטויב, וואָס האָט אין זיך איינגעשלונגען ווערטער און געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון פריילעכע און דערשרעקענדע קוויטשערייען.

מישקען איז אַ רואיקייט באַפאַלן, דער מח האָט זיך איינגעוויגט אין רואיקן זון־ליכט. עס איז אים געווען גוט פון דעם, וואָס דאָ זענען אַזוי פיל מענטשן פאַראַן. ער האָט זיך לאַנגזאַם מיט הנאה אויסגעטאָן, געבליבן זיצן האַלב נאַקעט און געשמייכלט, קוקנדיק ווי בנימקע האָט לויפנדיק צווישן שלאָגענדע כוואַליעס מיט אַ קוויטש זיך געוואָרפן ערגעץ אַראָפּ, פאַרשווינדן און דערנאָך ערשט, האָט זיך זיין בלאָנדער קאָפּ, עטוואָס טונקעלער, אַרויסגעהויבן, זיך אַ טרייסל געטאָן, שפריצנדיק מיט טראָפּנס, און די האָר זענען גלאַטיק צוגעפאַלן צום קאָפּ ווי זיך מיטן לייב צונויפגעגאָסן.

באָרע האָט געוואַרט. זענען זיי ביידע געזעסן שטיל. דערנאָך האָט זיך מישקע אויסגעצויגן, געלעגן גלייך און שווער מיט צוגעמאַכטע אויגן און ווידער דערפילט אַ שווערקייט אין האַרצן. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן באַשקען, געזען איר געשטאַלט און געזען אירע ווייכע אויגן. און בשעת מעשה געפילט מיט זיכערקייט, אַז זי וואַרט ערגעץ אויף אים... דערפאַר איז די שווערקייט אין האַרץ צעוואַקסן... און געטראַכט: אָט פאַרוואָס יאַן איז אַזוי ערנסט...

יאַן האָט אים נישט געאַרט... ער האָט כלל נישט פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן זיין אייפערזיכטיק צו באַשקען... ער האָט

אָבער איצט מיט ווייטאָק געבענקט נאָך איר. שווער געאָטעמט און מער גאָרנישט געקענט טראַכטן.—

—אַ! אַ!—האָט בנימקע געצויגן טיף דעם אָטעם און זיך אַ טרייסל געטאָן מיטן גאַנצן לייב. אויף מישקעס לייב זענען קאַלטע טראָפּן געפאַלן, האָט ער זיך דערמאָנט, זיך אויפגעזעצט, די ערשטע רגעס נישט געקענט האַלטן אָפן די אויגן פון בלענדעניש. מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעניכטערט און פאַרשטאַנען דעם פאַרגעניגן פון בנימקעס טיף אָטעמען, איז ער אויפגעשטאַנען און געזאָגט צו באָרען:

—נו.

ביידע האָבן זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין די כוואַליעס, מישקע האָט אָנגעהויבן „לייגן קלאַפּטער" און מיט אַמאָל דערפילט אַן אויפברייז פון כחות. ער האָט געשניטן די כוואַליעס שטיל אָן אַ שפּריץ, זיך אַלע ווײַלע נאָר אַ צי געטאָן און זיך אַוועקגעגליטשט, האָט אַלע ווײַלע צוגעלייגט די נאָז צום אויבערפלאַך, האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקן אָטעם, אַז עס האָט פאַר אים אַ שפּריץ געטאָן באַלבערדיק מיט „פּלעשלעך", אין קאָפּ האָט זיך אויסגעלייטערט און ער האָט דערפילט יעדעס גליד פון זיין קערפּער, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעוואַכט און זיך געריסן אין שטורם. האָט ער זיך געוואָרפן און געקוילערט צווישן די כוואַליעס, זיך געשלאָגן מיט זיי אַזוי פריי אַזוי פריי און זיכער ווי דאַן, ווען ער איז אויפן דאַך געקראָכן.

ווען ער איז אַרויס פון וואַסער, האָט ער געטרעטן מיט לאַנגזאַמע, ליכטיקע, נאָר שטאַרקע טריט מיט רעגלמעסיקע זיכערע באַוועגונגען, ווי אַ לייב, וואָס שפּאַנט רואיק איבער זאַמד.

ער איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן און יעדער אבר האָט אין אים געאָטעמט. איצט האָבן בנימקע און באָרע געקוקט אויף אים מיט גלאַנציקע שמייכלענדיקע אויגן, זיי האָבן צוריק דערקענט זייער „פּרינץ", וואָס האָט ווידער זיין גבורה אַנטפּלעקט...

ער האָט זיך אָנגעטאָן. איצט האָט ער צוריק געפילט, ווי ער וואָלט אין ים אַראָפּגעשווענקט פון זיך דאָס גאַנצע שווייגעניש פון די לעצטע וואָכן און צוריק דערזען און דערקענט זיין וועג. ער האָט געוואוסט, אַז עפּעס וועט פאָרקומען

און געטראַכט פון דעם, וואָס מען רופט זיי אַלע אין אַרמיי און קלאָר נישט פאַשטאַנען, וואָס עס וועט זיין דערפון...

איצט, אַרויפקומענדיק פון ברעג, אויפן „לאַנזשעראָן" האָט ער אויסגערופן מיט זיין אמתער פעסטער שטים:

—„איז—וואַש—טשיק!"

זיך אַריינגעזעצט מיט ביידע באַגלייטער, און, אָטעמדיק שטאַרק דורך די ברייטגעעפנטע נאָזלעכער פון דער געבויגענער, נאָז, וואָס האָט געקוקט פּאַרעקשנט ווי אַ שנאָבל, האָט ער באַפוילן:

—פּערעסיפּ!

—עס וועט קאָסטן, חבר...

—פּאָר, פּאָר. אַלץ איינס!...

בנימקע און באָרע האָבן באַקומען עפּעס פרישערע און לעבעדיקערע פּנימער.

אויפן וועג האָט זיך מישקע דערמאָנט:

—דורך „טעאַטראַלנע פּערעליאָק"!

און ביי זיין וואוינונג זיך געהייסן שטעלן.

באָרע איז מיט אים אַראָפּ און בנימקע איז געבליבן וואַרטן.

—געלט האָסטו ביי זיך, באָרע?

—אַביסל.

—קום.

רעוועקאַ איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער קושעטקע און דער „בוכהאַלטער" איז געזעסן אויף אַ שטיל נעבן איר. זיין פּנים איז געווען צורויטלט און די אויגן—ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעבאָדן אין בוימאייל. רעוועקאַ איז געווען אין איר ווייסן פּעניואַר מיט די שפּיצן. זי האָט זיך ווי דערשראָקן און זיך באַמיט צו שמייכלען און נישט געוואוסט, צו אויפשטיין אָדער בלייבן ליגן, זיך געפרוווט אונטערהויבן, נאָר מישקע האָט לייכט געשמייכלט:

—ליג, ליג. איך גיי שוין אַוועק,

דאַן האָט זי זיך אויפגעזעצט און די ברעמען האָבן זיך צו־זאַמענגעצויגן. דער „בוכהאַלטער" האָט זיך אויפגעשטעלט און

געוועז צוטומלט, און מישקען האָט עפּעס הנאה געטאָן. אים איז דערפון לייכטער און בעסער געוואָרן.

—וואו איז באָריטשקע?

—באָריטשקע? — — — איז אין פּאַרק מיט דער דינסט.

—אַ שאָד... כ'האָב אים געוואָלט זען... און וואָס הערט זיך מיט געלט?

האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, איז אַריין אין זיין צימער. בארע האָט אים שטיל נאָכגעקוקט. דאָרט איז מישקע שטיין געבליבן און געהאַט פאַרגעסן, וואָס אַזוינס ער וויל דאָרט נעמען. ער האָט געטראַכט וועגן דעס אויסרוף און וועגן דעם, וואָס רעוועקא איז נישט אַליין: גאַנץ גלייך... ווידער געדענקט אָן באַשקען און ס'איז אים איצט גוט געוועזן...

ווען ער איז צוריק אַרויס אין דער פאָדערשטער שטוב, האָט ער געלאַכט צום „בוכהאַלטער", אים מיט אַמאָל געגעבן אַ פעסטן נעם־אָן ביים אַקסל, דער „בוכהאַלטער" האָט איינגעצויגן די ברעמען און רעוועקא איז געבליבן זיצן מיט אַ געעפנט מויל.

—הער זשע, אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך דיר דאַרפן האָבן... זאָלסטו קומען!

—גוט.

—זאָגסט, גוט. וואוהין וועסטו קומען?

—מסתם אויפן פּערעסיפּ?!

—יאָ — — —

ער האָט זיך געזעגנט מיט רעוועקאַן, מיטן „בוכהאַלטער", ביידע האָבן געקוקט פאַרוואונדערט און בארע האָט באַהאַלטן דעם דינעם שמייכל. רעוועקא האָט געפילט: אָט, וועט זי מער נישט אויסהאַלטן און אָנהייבן שרייען. נאָר מישקע איז גלייך אַראָפּ צוזאַמען מיט באָרען.

אַריינזעצנדיק זיך אין דראָזשקע, האָט ער געטראַכט:

—באָריטשקען, וועל איך נאָך זען...

* * *

ווען ער איז געקומען צוריק צו דער פישעליכע, איז אים ווידער באַפאַלן אַ שטילקייט. ער איז געוואָרן אויסגעוועפּט און האָט ווידער געפילט די שווערקייט אין האַרצן. איז ער געוואָרן שווייגנדיק. באָרע מיט בנימקען האָבן עס דערפילט, האָבן זיי ווידער באַקומען מידע פנימער און שווייגנדיקע אויגן.

האָט מען טיי געטרונקען. ס'איז שוין געווען אָיונט, די שויבן פון די פענצטער האָבן שוין געגלאַנצט, ווי איבערגעצויגן מיט אַ דינער, שוואַרצער גאַזע, און מיט אַמאָל האָט זיך מישקע אויפגעשטעלט:

—איך גיי זיך צולייגן... געדענקט זשע, קומט אַריין מאָרגן... ס'קאָן זיין, איך וועל אייך דאַרפן...

ער האָט נאָך געדענקט פון עפּעס אַ פאַרלאַנג, האָט אָבער נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס.

איז ער דערנאָך געלעגן אויף דער קושעטקע, און אין האַרצן איז אַלץ שווער. עס האָט געוויטאָקט דער כח, וואָס האָט זיך פון זיין לייב געריסן און זיין וועג איז פאַרהוילן.

—וואָס זשע טוט מען? אַ?... אַריינטרעטן אין דער רויטער אַרמיי?... איז וואָס זשע?... וואָס זשע וועל איך דאָרט טאָן? אַ?...

ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און איז אויפגעשפּרונגען: האַ? ווער איז?

—איך,—האָט באַשקע די טיר געעפנט.

—באַשע? באַשע?—האָט ער איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט נישט געגלויבט.

—נו, יאָ. אָט דאָס בין איך טאַקע... איך האָב אפילו נישט קיין צייט, אין צוויי שעה אַרום פאָר איך אַרויס.

—וואָס?

—אויפן ראַיאָן פאָר איך.

—וואַרט צו, וואַרט צו... זעץ זיך.

זי האָט מיט איין האַנט-באַוועגונג אַראָפּגעשלעפּט דאָס מענער-היטל פון קאָפּ, האָט מיט אים אַ שאָקל געטאָן אַזוי, אַז די פּאַסמעס האָר האָבן זיך אויפגערודערט, מיט דער האַנט

אַוועקגעשאַרט די האָר פון די אויגן און זיך געזעצט אויף דער שטול.

—זאָל איך אָנצינדן אַ לאָמפּ?—ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, געוואָלט נעמען דעם לאָמפּ פון טיש, האָט אים באַשקע אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

—מען דאַרף נישט. איך גיי שוין אַראָפּ.

מישקע האָט זיך געזעצט און געהערט, ווי זי אָטעמט האַסטיק און טיף, ווי זי וואָלט אָנגעקומען צו לויפן. דורך פענצטער האָט געקוקט בלויע נאַכט מיט העלן אָפּגלאַנץ. דאָס האָט אַ פּאַסיקל לבנה מיטגעקוקט מיט דער בלויקייט דורכן פענצטער. מישקע האָט זיך איינגעקוקט אין איר פּנים און גע-הערט, ווי זי אָטעמט.

—דודקע, וואו ביזטו געווען די גאַנצע צייט?

—אדרבה, אפשר ווייסטו וואו איך בין געווען?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן דורך דער נאָז.

—דער יאַן איז זער שטרענג געוואָרן.—האָט זי געזאָגט און אַרויסגעלאָזט שטאַרקער דעם אָטעם, ווי אַ קליין זיפצל אַריינגעגנבעט.

—נו, מילא... ער איז דאָך עפּעס אַ פּאַראַנט־וואָרטלעכער טוער... אַ נאַטשאַלניק מוז שטרענג זיין.

—געדעכט. ביי אים איז טלוושבע העכער פון אַלץ אין דער וועלט. זיין אייגענעם טאַטן וועט ער נישט אָפּשוייגן, ווען ער זאָל פאַרשפּעטיקן אויף פינף מינוט צו דער אַרבעט... נו, נאַרישקייטן... הער אויס, דודקע, די פּאַרטיי האָט מאָבילירט די בעסטע טוער, מיך אויך. מיר פאָרן אַרויס גרופּנווייז אויפן ראַיאָן... מען מוז אַרבעטן... אין די דערפער האָבן זיך באַוויזן אַגיטאַטאָרס, בונטעווען זיי... מען מוז אָנהייבן אַ ברייטע אַגי-טאַציע-אַרבעט אין ראַיאָן...

—אַ!...

—וואָס איז?

—כ'האָב היינט טאַקע געזען, ווי עס קאָלט זיך נעבן פאַרקאָם.

—ביזט דאָרט געווען?

—כ'בין דורכגעגאַנגען.

—פאַרשטייסט, מיט גריגאָריעוון איז גאָרנישט גלאַטיק. קיין גענויע ידיעות האָבן מיר נאָך נישט, נאָר דאָס ווייסן מיר: ער האָט באַקומען שוין עטלעכע באַפעלן אַרויסצוגיין אויפן פראָנט, אויפן דאָן, נאָר ער גייט נישט און דרייט זיך אַלץ אַרום אין כערסאָנער געגנט.

—איז וואָס זשע?

—דערווייל זענען שוין פאָרגעקומען עטלעכע פאָגראָמען. די דערפער בונטעווען זיך. אין אָדעסער ראַיאָן איז דערווייל שטיל, אָבער מען מוז אַרויספאָרן און אָנהייבן אַן אַגיטאַציע.

מישקע איז געזעסן שטיל, געהערט, ווי זי רעדט און עפּעס האָט זיך אים אָנגעהויבן לייטערן אין קאָפּ. מיט אַמאָל, האָט ער איבערגעפרעגט:

—וואָס זאָגסטו? פאָגראָמען זאָגסטו?

—פאַראַן ידיעות. עס הייבט זיך אָן מיט באַנדעס, וואָס פאַלן אָן. צו זיי שטייען צו די אָרטיקע איינוואוינער און פאָ-גראָמירן.

זי איז אויפגעשפרונגען:

—איך מוז שוין גיין. עס וואַרט אויף מיר אַ דראָזשקע. איך האָב דיך נאָר געוואָלט זען.

—איך וועל דיך באַגלייטן.

—קום זשע גיכער, מיר דאַרפן שוין באַלד פאָרן.—האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט, ער איז אויפגעשטאַנען, געאָטעמט שטאַר-קער. איצט איז אים שוין קלאָרער געווען, אַז ער האָט וואָס צו טאָן.

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, איינגעזעסן אין דער דראָזשקע, און ווען זיי זענען שוין געפאָרן, האָט באַשקע אויפ-געהויבן אויף אים אירע ברוינע אויגן... מישקע האָט דערפילט אַ ציטער איבערן גאַנצן לייב און ער ווייסט נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען מיט אַמאָל האָבן זייערע הענט איר טאַליע אַרומגענומען, זייערע ליפן האָבן זיך אַנגעשטויסן און צוזאַמענ-געגאָסן.

—גענוג! מענטשן גייען.

ער איז געווען, ווי אין חלום. דערהערט די שטים, איז אים גוט געוואָרן און ער איז צו זיך געקומען. און געטוליעט דעם גליקלעכן סוד אין האַרצן. אַ ווײַלע געזעסן רואיק און מיט אַמאָל זיך געכאַפּט:

—אָט, וואָס איך וועל איצט טאָן

—וואָס?

—איך וועל צונויפשטעלן אַ פּאָלק.

—אַ פּאָ/ק?

—און מיר וועלן אַרויסגיין קעמפן מיט די באַנדיטן! גע-פּאָגראָמען!

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אַזוי זיכער און מיט אַזאַ פרייד, ווי עפּעס ליכטיקס וואָלט פון אים געשריגן.

באַשקע האָט אים געקוקט אין די אויגן, זי האָט געזען, ווי זיי לויכטן איצט אין דער פינצטער און אַ שמייכל האָט זיך צעבליט אויף אירע ליפּן.

—זיי וועלן מאַכן פּאָגראָמען און מיר וועלן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? נישטאָ די צייטן!

באַשקע האָט געשוויגן, האָט נאָר זיין האַנט וואַרעם אַ דריק געטאָן.

די דראָזשקע איז געפאָרן איבער שטילע גאַסן. אין דער ליידיקייט איז געווען אַזאַ שטילקייט, וואָס טראָגט אין זיך צע-רודערונג און פרעמדע שרעק.

—באַשע, איך דאַרף אויף דעם אַן ערלויבעניש?

—געוויס, פון „רעווקאָם״.

—ווי זשע טוט מען?

—אַ?... הער אויס, נישט געכאַפּט. איך וועל באַלד זעען סאַשען... ער האַלט שטאַרק פאַר דיר... איך וועל אים דער-ציילן, און מאָרגן וועסטו קומען אין רעווקאָם, וועסטו זיך דורכשמועסן.

—גוט, גוט...

ער האָט שוין נישט גערוט. ער האָט שוין געזען, ווי ער רופט צונויף זיינע מענטשן, און עס האָט אים געוואָליק אַ צי געטאָן צו זיי.

—וועלן מיר זיך געזעגענען. איך קאָן שוין נישט וואַרטן..
פאַרשטייסט... איך זיץ און האַלט עס נישט אויס... אַלע טוען
עפּעס... אַט, פאָרסטו, לויפסטו, און איך... איך קאָן נישט
רוען...

באַשקע האָט געשמייכלט און געקוקט מיט אַזעלכע אויגן,
אַז מישקע האָט געוואָלט אויסשרייען פון גליק.

—ביזט אַ מענטש, דודקע, ביזט אַ מענטש.

די דראָזשקע האָט זיך געשטעלט אין מיטן גאַס, מישקע
איז אַרויסגעשפּרונגען, האָט געדריקט איר האַנט און זי געקושט
מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, זי האָט מיט דער צווייטער האַנט אַ
גלעט געטאָן זיין פּנים.

—צום ווידערזען! איך וועל קומען אַהין, וואו דו וועסט
זיין!

—צום ווידערזען!

ער האָט געשפּאַנט מיט גיכע טריט, האָט אָנגעטראָפן אַ
דראָזשקע, וואָס איז געשטאַנען ביים זייט גאַס, האָט ער זיך
אויפגעזעצט מיט איין שפּרונג:

—פאָר!

דער דראָזשקאַזש האָט אַ צי געטאָן די לייצן און דאָס
פערד האָט אָנגעהויבן לויפן.

—ראַדי באָגאַ, שנעלער... גיכער...—האָט זיך מישקע גע-
בעטן.

איצט האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט היינט אַ
גאַנצן טאָג געטראַכט. ער האָט עס נאָר געהאַט פאַרגעסן. איצט
ווייסט ער עס שוין קלאָר...

קאפיטל פיר

די שטאָט האָט אַ ציטער געטאָן און דער שטאָט-טומל האָט זיך איבערגעריסן: דאָס לעבן האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ תהום, איבער וועלכן די בריק האָט זיך צעריסן, איז מען שטיין געבליבן מיט שרעק אין די אויגן און מיט בלייכקייט אין די פנימער.

—אַן אויפשטאַנד!

וואָס איז געשען? דאָס האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, מען האָט נאָר געוואוסט, אַז גריגאָריעוו האָט מיט אַמאָל, ראַפּטום, אויסגעדרייט די ביקס. האָט זיך אַנטפּלעקט דער סוד, וואָס ער האָט אין האַרצן לאַנג געטוליעט און אַ שלאַנג אויסגעוואַרעמט, און מיט אַמאָל האָט עס אויפגעברויזט: אַ מוראדיקער רעווע האָט זיך צעטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע, האָט זיך אַ פלאַם פון אונטער דער ערד אַרויסגעריסן, בושעוועט ער, דער פלאַם, קריכט שלאַנגיש און ציט פון דאָרף צו דאָרף, ווערט ער אַלץ גרעסער און פלאַמיקער—פאַרפלייצט ער שטאָט און דאָרף. האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווילד משונהדיק געלעכטער און שלינגט איין דעם גרוילעדיקן יאָמער פון יידישע שטעטלעך, וואָס ווערן אָפּגעווישט און פאַרברענט.

—פּאָגראָם!

פון וווייטן האָט זיך דאָס דאָזיקע משונהדיק-גרויליקע וואָרט אַריינגעריסן, זיך מיט יאָמער צעשריגן איבער דער שטאָט און מיט אַרויסגעזעצטע אויגן איבער גאַסן געכוואַליעט:

—פּאָ-אָ-ג-ראָ-אָ-ם!

איז אַ צערודערונג געקומען: אין די אַנשטאַלטן איז מען בלייך, שווייגנדיק און צעמישט געוואָרן. די מאַשינקעס האָבן אויפגעהערט צו „שטעפּן” און געשטאַנען איז מען, ווי עס וואָלט באַדאַרפט עפּעס שרעקלעכס געשען.

ס׳איז געווען נאָך מיטאָג. די זון איז געשטאַנען אַזאַ

שטילע און הייסע, אַז ס'האָט געציטערט אין ליידיקייט אַ טויב געשריי, וואָס קומט פון ערגעץ. דיביימער זענען געשטאַנען, ווי פאַרגליווערט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דער שטויב האָט זיך געטוליעט צו די שטיינער פון גאַסן, און צו דער געביידע פון דער בירזשע האָבן זיך פון אַלע זייטן שטיל געצויגן צע-רודערטע מענטשן. זיי זענען געגאַנגען מיט גיכע עולה-רגלדיקע טריט און פרומע, שטיל-פאַרוואָלקנטע פנימער. געקומען צום איינגאַנג, און מיט אויפגעהויבענע קעפּ און אויפגעריסענע אויגן אַריין אינעווייניק, ווי אין אַ הייל אַריין. און ס'איז אויסגעקו-מען: ערגעץ פלאַקערט אַ שׂרפה, איז אַ וואונדער, וואָס שווייגן די גלאָקן?

אויטאָמאָבילן האָבן זיך באַוויזן. זיי זענען געלאָפן שטיל, ערנסט, אַלע ווילע נאָר אַרויסגעלאָזט אַ רעווע, הייזעריק און איינגעהאַלטן. זענען זיי שטיין געבליבן פאַר דער בירזשע, פון זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען הויכע, פאַרטועגע מיליטער-לייט, וואָס זענען מיט זיכערע טריט אַהין אַריין.

האָבן זיך מענטשן אויף דער גאַס צונויפגעקליבן: האָט מען שטיל געקוקט און מיט אויגן געוואָלט אַרויסלייענען פון די ווענט דאָס, וואָס עס קומט פאָר אינעווייניק. נאָר שטיל שטייט די שווערע, ברייט צעלייגטע געביידע, שטייט איינגעגעסן אין דער ערד, שטאַרק פאַרפונדעוועט און שמייכלט נגידיש מיט געלע פירקאַנטיקע ציגל. שמייכלט אין זיך אַריין פון סוד, וואָס זי באַהאַלט און פון איינגאַנג קוקן אַראָפּ צוויי משונהדי-קע, גיפּסענע, געפרוירענע פנימער. מיט לאַנגע געלאָקטע בערד און איבערגעקערטע אויגן — זייערע גראָבע ליפּן זענען פאַרצויגן אין ערנסטער איראָניע.

קוקן נייגעריקע פנימער און אויגן זענען אָוונטיק.

* * *

שטיל איז אין זאַל. אַ געדיכטע שטילקייט, ווי צו קנות.

הויך איז דער זאַל און פאַרשאָטנט. פון דער הויך קוקן-אַראָפּ דו לוחות-פענצטער מיט גדלות איבער די קליינע, נידע-

ריקע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף שטולן מיט הויכע ווענטלעך, וואָס שטאַרן איבער די קעפּ. אַלע שטולן זע-נען באַזעצט. גיסן זיך צונויף די קעפּ פון אויבן, עס זענען ווי פאַרפרוירן שטיין געבליבן מיליטערישע און ציווילע היטלען. שטיל. אַן ערנסט פון סכנה. דער פרעזידיום-טיש איז מיט אַ גרינעם טוך פאַרשפּרייט, נעבן אים שטייען נאָך די שטולן ליי-דיקע, פוסטע, וואַרטן זיי געהאָרכזאַם. איינער אַ הויכער, בלאָנ-דער רוס, מיט אַ דאַר, ענערגיש פּנים, שטייט אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע צווישן דער מיטלסטער שטול און טיש. האַלט איין האַנט אויפן גלעקל, די צווייטע גלייך אַראָפּגעלאָזט, און וואַרט.

מיט אַמאָל האָבן אַלע קעפּ זיך גענומען אויסדרייען: פון אַ זייטיקן צימער האָט זיך באַוויזן דער רעוווקאָם מיט פאָר-שטייער פון דער מיליטערישער מאַכט. צווישן זיי—עפּעס איינער אַ דיקער, נישט איבעריק הויכער פאַרשוין. ער האָט געטראָגן פענסנע און אַ זעלנעריש היטל און זיין יעדן טריט האָבן די שפּאָרן אויסגעשריגן אין דער שטילקייט. עפּעס פייערלעכס, ערנסטעס, איז געווען אין זיינע טריט—און דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן ערנסט אויפגעהויבן און אַלע האָבן אויף אים געקוקט.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום גרינעם טיש.

יאַן איז איצט געזעסן אַ בלייכער, מיט גליענדיקע אויגן און קלימעַנקאָ—אָט דער, מיט די האַרטע, שפּיציקע שוואַרצע האָר—האָט פאַרנומען דאָס אָרט, וואו דער בלאָנדער איז פריער געשטאַנען און האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט.

ס'איז געוואָרן פיינלעך שטיל—קיינער האָט נישט גע-אָטעמט.

זיין שטים האָט הייזעריק-לויטער און שטאַרק זיך צעגאָסן איבערן זאַל און צוריקגעשלאָגן פון סופיט מיט אַן אָפּקלאַנג. ער האָט ערקלערט די פאַרזאַמלונג פון „די פאָרשטייער פון צי-ווילער און מיליטערישער מאַכט, פון אַרבעטער און פּויערים, פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען" פאַר געעפנט.

אַ ווײַלע מיטגעשוויגן מיט דער שטילקייט. דערנאָך גע-זאָגט שטילער, נאָר ענערגישער:

„שווערע טעג האָט דער גורל פאַר אונז געבראַכט—מיר שטייען פאַר אַ גרויסער סכנה. דער אַטאַמאַן גריגאָריעוו, אַט דער, וואָס איז פון פּעטליורעס אַרמיי איבערגעגאַנגען צו אונז— האָט אונז פאַראַטן. אַ בוגד איז געוואָרן דער אַטאַמאַן גרי- גאָריעוו! ער האָט זיך ערקלערט פאַרן העטמאַן פון אוקראַינע.‟

עפּעס ווי אַ ציין-קריצעניש האָט זיך איינגעשפּינען אין דער שטילקייט.

„איך אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע—וועט דער מיטגליד פון העכסטן שטאַב פון דער אוקראַינער רויטער אַרמיי, דער חבר טשערוויאַקאָוו. ער האָט דאָס וואָרט.‟

ס'האָט זיך אויפגעשטעלט דער, וואָס איז פריער דורכ- געגאַנגען קלינגנדיק מיט די שפּאָרן. ער האָט אויסגעטאָן דאָס היטל, געבליבן מיט אַ געגאָלטן קאָפּ, וואָס איז געווען אַ סך ווייסער, ווי די הויט פון פּנים און האַלז, האָט עס אויסגעזען, ווי זיין קאָפּ וואָלט געווען איבערגעקלעבט מיט דיקע ביבולקע ביז צום שטערן. ער האָט מיט די ערשטע פינגער פוןביידע הענט פאַריכט די פּענסנע און געקוקט מיט העל-בלויע אויגן און עטוואָס אָנגעצויגן דעם שטערן.

ער האָט דערציילט רואיק און מיט בייזקיים, אַז אַטאַמאַן גריגאָריעוו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ערפילן דעם באַפעל פון שטאַב, אַרויסצוגיין אויפן פראָנט. אַ וואָך צייט האָט ער דורך פאַרשידענע אויסריידן אָפּגעשלעפּט דאָס ערפילן פון באַפעל, ביז—ער האָט זיך שוין געהאַט אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער באַנדע בוגדים, פּעטליורעווצעס, באַנדיטן, פּאָגראָמטשיקעס און טונקעלע פערזאָנען—האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע: האָט אַרויסגעלאָזט אַן „אוניווערסאַל‟ און אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דער מאַכט פון אַרבעטער און פּויערים.

האָט כאַראַקטעריזירט דעם אַטאַמאַן אַלס ערנגייציקער אוקראַינער שאָוויניסט, וואָס זוכט כּסדר אַ קאַריערע. האָט מורד געווען אין פּעטליורען, ווייל ער איז כיטרע און דערפילט פּעט- ליורעס סוד. און זעענדיק, אַז ער קאָן נישט ווערן קיין מושל, האָט ער מורד געווען אָן די אַרבעטער און פּויערים.

ער האָט גערעדט מיט היץ, מיט פאַרביטערטקייט, האָט

ערקלערט, וואָס אָט דער כיטרער פויער מיינט מיט זיין „אוניווערסאַל”, וואָס פאָדערט צו פאַרטרייבן פון אוקראַינע די „מאָסקווער פרעסער” און „די, וואָס קומען פון דעם לאַנד, וואו מען האָט קריסטוסן געקרייצט”. באַוויזן, ווי דער כיטרער פויער האָט איינגעוויקלט די יראה אין דער טמאה: נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן ראַטן-מאַכט בכלל, ווייל ראַטן-מאַכט איז איצט שטאַרק פאָפולער ביי די אוקראַינער—אין שטאָט, ווי אין דאָרף, האָט ער נישט געוואַגט זיך צו ערקלערן פאַר העטמאַן פון אוקראַינע—ער האָט דאָס נישט געוואַגט צו טאָן איצט, נאָך דעם פאַלן פון דער „העטמאַנשטשינע”, וואָס איז אומגעקומען אונטער די קלעפ פון די אַרבעטער און פויערים, דערפאַר שפילט ער אויף די נידעריקע נאַציאָנאַל—שאָוויניסטישע אינסטינקטן און רעליגיעזע געפילן.

„אָבער זעט! וואָס איז געווען זיין ערשטע אַרבעט? אַ פאָגראָם! אַ שרעקלעכער, גרויסער אוממענטשלעכער פאָגראָם איבער אומשולדיקע מענטשן אין אַלע ערטער, וואָס זענען צייטווייליק אין זיין רשות!

„וואָס איז זיין לאָזונג?—„שלאָגט די יידן! די יידן האָבן די מאַכט פאַרכאַפּט!”

מיט אַמאָל האָט זיך אין זיינע אויגן אַ שטילער צער באַוויזן, און ער האָט אָנגעהויבן שילדערן די מוראדיקע פאָגראָמען:

„די גאַנצע ליניע זנאַמענקע-יעליסאַוועטגראַד-פאָמאשנאַיאַ, איז פאַרפלייצט מיט בלוט פון אומשולדיקע נפשות. קליינע קינדער ווערן ווילד צעריסן, נישט געהרגעט—נאָר צ ע ר י ס ן: איינער נעמט דאָס שרייענדיקע קינד ביי איין פיסל, דער צווייטער ביים אַנדערן פיסל און— — —אָך!—ער האָט אַ ציטער געטאָן—אַלטע לייט שטעכט מען אויס די אויגן. מיידלעך ווערן געשענדעט און דערביי אויף שטיקלעך געשניטן...”

ער האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים גערעדט. אין זאַל איז טונקל געוואָרן. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער די רייען. פנימער האָבן געקוקט אויסגעקרומט צום וויינען, אַ סך האָבן געציטערט און עמיצנס אַ פוס האָט ריטמיש געשלאָגן אין פאָ-

דלאָגע ציטערנדיק. אַ גרויל האָט געקוקט פון די הויכע פענצ-
טער אַראָפּ.

„הערט אויס! עס איז איצט נישט קיין צייט פון שווייגן,
ס'איז אַ שאָד איין מינוט. מען דאַרף טוען! איך האָב אייך
דערציילט. און איר—טוט! גייט אין דער אַרמיי, אַגיטירט, פּראָ-
פּאַגאַנדירט, ערקלערט, רופט צונויף די אַרבעטער, רופט צונויף
דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און האָרעפּאַשניק, זאָגט זיי: איין
מינוט טאָר נישט פאַרזוימט ווערן. די סכנה איז גרויס, דער
אומגליק פון די אומשולדיקע יידן איז שרעקלעך."

—אַ טויט!

—אַ טויט דעם העטמאַן גריגאָריעוו!

—זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!

און ס'האָט זיך געדאַכט, עפּעס האָט אויפגעפלאַקערט און
אַ געוואַלדיקער ריז האָט זיך אַ ריר געטאָן. עס איז געוואָרן אַ
גערודער, אַ טומל, איינער האָט שווער אָפּגעזיפצט, אַ צווייטער
האָט געבייַלט אַ פויסט, און אַ ציין-קריצעניש האָט געזעגט, און
מיט אַמאָל האָט זיך ביים פּרעזידיום-טיש באַוויזן איינער אַ
הויכער יונג מיט ברענענדיקע גרינע שלאַנגען-אויגן, זיין פּנים
איז געווען שטאַרק איינגעפאַלן און אינגאַנצן ווייס, זיינע האָר—
סמאָלע שוואַרץ. די אונטערשטע ליפּ האָט אים אַ ציטער געטאָן.
האָט ער מיט ביידע הענט אָנגענומען דעם שטענדער, ווי ער
וואָלט אים געוואָלט אויפהייבן, כדי אַ שליידער צו טאָן, האָט
עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ און שטאַרק, מיט ווילדקייט, אַרויס-
געשריגן:

—ערלויבט מיר! חברים!—האָט אַ שלונג געטאָן, און שוין
מיט אַ פעסטער, זיכערער שטים:

—„איך בין מישקע, מישקע יאַפּאָנטשיק! איך האָב פיינט
די בורזשואַזיע! פיינט, ווי דעם טויט, און האָב ליב דעם אַר-
בעטער און פּראָסטן מענטשן, ווי מיין לעבן... איר ווייסט עס
אַלע גאַנץ גוט... איצט האָב איך מיט מיינע מענטשן באַ-
שלאָסן אַוועקצווואַרפן אונזערע מעשים, און אומקערן זיך אין
דער משפחה פון די אָרימע. זיין נוצלעך פאַר אונזער אַרבע-
טער-מאַכט און קעמפן צוזאַמען מיט זיי.

„די פּאָגראָמטשיקעס קוילען-אויס די יידן, שענדן אונזערע טעכטער און צערייסן די קינדער, בעט איך דעריבער: זאָל מען מיר דערלויבן, וועל איך צונויפשטעלן אַ גרויסן פּאָלק פון מיינע מענטשן און מיר וועלן אַרויסגיין קעגן די באַנדיטן! מיר וועלן זיי אויסראָטן! אויסשחטן!

עס איז געוואָרן אַ פּאַטשעריי און אַ בראַוואָ-געשריי. מישקעס פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט אַ ראָזער פאַרב, די אויגן זיינע האָבן איצט געברענט. ער האָט שטאַרק געאָטעמט און אַז עס איז שטילער געוואָרן, האָט ער שוין דרייסטער גענומען רעדן, זיך מתודה געווען און געדונערט אויף די גראָבע בייכער, וואָס מיינען מנצח צו זיין די אָרימע דורך יידיש בלוט, און לסוף אויסגערופן:

—מיר וועלן זיי באַווייזן, די רוצחים, אַז אָרעמע אומשולדיקע נפשות זענען נישט הפקר! אויב שלאָגן, אויב בלוט פאַרגיסן. קאָנען מיר אויך! און דערמיט וועלן מיר אויסקויפן די זינד, וואָס מיר זענען באַגאַנגען ביז אַהער, און ווערן צוריק ברידער מיט אַלע אָרעמע און געדריקטע! ערלויבט איר מיר?

עס האָבן זיך אויפגעהויבן אויסגעשרייען פון צושטימונג. מישקע האָט זיך געבויגן און געדאַנקט. עפּעס אַ גרויסע פרייד האָט געשלאָגן פון זיין האַרץ דורך די אויגן, און אַזוי צעטומלט איז ער פון גליק געווען, אַז ער האָט פאַרקלעמט די ציין, כּדי איינצוהאַלטן די טרערן.

האָט זיך אויפגעשטעלט סאַשע פעלדמאַן און געמאָלדן:

דער „רעווקאָם" וועט דעם פאָרשלאָג באַטראַכטן און וועט געוויס אָננעמען די האַנט, וואָס האָט זיך צו זיי אויסגעשטרעקט, ווייל די מאַכט פון אַרבעטער און פּויערים נעמט אָן מיט ליבע אַלע, וואָס ווילן זיך אומקערן. און האָט צוגעגעבן:

—חברים! זייט וויסן, אַז אָט דער חבר, וואָס שטייט איצט פאַר אייך, האָט אונז שוין איינמאָל געהאָלפן. דאָס איז דער, וואָס האָט פון אונזער שטאָט פאַרטריבן די „זאָלאָטאָפּאַגאָנטשיקעס" אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך געגרייט צו באַרויבן די שטאָט און אויסשחטן די אומשולדיקע יידן!

ווידער האָט מען געפּאַטשט בראַוואָ און סאַשע האָט אויס-

געצויגן זיין האַנט צו מישקען. מישקע האָט זי אָנגעכאַפּט און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים קושן. סאַשע האָט געפילט, ווי מישקעס אויגן באַנעצן זיין פּנים.

—סאַשע... ווען מען מיר ערלויבן?

—וואַרט צו אַ ווײַלע.

מישקע האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול, וואָס איז אין דער זייט געשטאַנען. דער פרעמדער, מיט דעם געגאָלטן קאָפּ, האָט עפּעס זיך איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער צו סאַשען, האָט אויך געדריקט מישקעס האַנט און געקוקט אויף אים מיט ווייכע אויגן. אַ פאָרשטייער פון די פּראָפעסיינען האָט גענומען רעדן, מישקע האָט אָבער נישט געהערט, וועגן וואָס ער רעדט, ער איז געווען אומגעדולדיק, זיך געהויבן פון דער שטול און נישט געקאָנט איינזיצן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, אַז ער האָט געהאַט אַזאַ גליקלעך געפיל. אָך, סאַר אַ גוטע מענטשן עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט! ווען ער קאָן, וואָלט ער זיי אויסגעקושט אַלע גלידער, געקושט אַזוי לאַנג, ביז ער וואָלט געפאַלן.

סאַשע האָט באַמערקט, ווי עס לאָזט אים נישט רוען, געזען זיינע בעטנדיקע, הינטיש-איבערגעגעבענע אויגן צו אים געווענדט. האָט ער זיך עפּעס איבערגערעדט מיט קלימענקאָן און יאַנען, און זיך אויסגעדרייט צו מישקען:

דער רעדנער האָט געמאַכט מיט די הענט, דער זאַל האָט ווי געציטערט און סאַשע האָט דערווייל געזאָגט:

—קאָנסט שוין צוטרעטן צו דער אַרבעט, צונויפשטעלן דעם פּאָלק. מאָרגן וועסטו קומען אין רעווקאָם, וועלן מיר שוין אַלץ דורכפירן.

—אַ דאַנק... אַ דאַנק...

און מישקע האָט זיך געזעגנט מיט סאַשען און מיט אַלע איבעריקע. האָט עס געטאָן גיך, איילנדיק זיך, זיי האָבן אים וואַרעם די האַנט געדריקט און, נישט אומקוקנדיק זיך, איז ער אַרויס אָן אַ היטל, איבער דער גאַס, כמעט געלאָפן, זיך נישט געקאָנט באַהערשן און ס'איז געווען, ווי אַ כוואַליע פון פרייד

וואָלט אים איבערן קאָפּ אַריבערגעשלאָגן און ער האָט זיך פֿאַרכליונעט...

* * *

אין דעם אָוונט איז בײַ דער פּישעליכע אין שטוב געווען פֿול מיט מענטשן. צוריק האָט זיך דאָרט אויפֿגעכאַפּט דער טומל מיטן רעש, וואָס איז שוין וואָכנלאַנג געווען פֿאַרשוויגן. דערהערט האָט זיך מישקעס רוף איבער מאָלדאַוואַנקע, האָבן זיך אַלע אויפֿגעכאַפּט פֿון זייער שווייגן, אַלע פּנימער זענען צוריק אויפֿגעלעבט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך צעפֿינקלט און די נאָז-ליפֿלעך האָבן זיך באַוועגט. האָט מען אָנגעפֿילט די שטובן בײַ דער פּישעליכע, באָרע מיט בנימקען האָבן איצט צעטראָגן מישקעס באַפֿעלן, זענען געקומען דער „בוכהאַלטער", דער „אַדוואָקאַט", „קאָזע" און יאָשקע דער געלער.

האָט זיך מישקע מיט זײַ אַרײַנגעזעצט אין קליינעם צימער. דער „בוכהאַלטער" האָט אַרויסגענומען פּאַפּיר מיט טינט און פֿעדער און מישקע האָט געהייסן פֿאַרשרײַבן.

—צו וואָס פֿאַרשרײַבן?—האָט קאָזע געפֿרעגט.

—מען דאַרף דעם פּאַפּיר דערלאַנגען אין רעווקאָם, אַלץ מוז זײַן מיט אַ „פּאָריאַדאָק", מען מוז וויסן, ווער און וואָס!—האָט מישקע גערעדט באַפֿעלעריש—מיר וועלן צונויפֿשטעלן דעם ספּיסאָק פֿון גאַנצן פּאָלק און דעם צעטל איבערגעבן אין רעווקאָם.

אַ גאַנצע נאַכט זענען די שטובן פֿול געווען מיט מענטשן. מען איז געקומען און מען איז אַוועק, און אין שטוב האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן פֿון ביקסן-הענטלעך, אויפֿן הויף זענען געשטאַנען רעדלעך און צווישן זיך גערעדט מיט ציטערדיקע הערצער, דערציילט וועגןווילדע רציחות, וואָס ווערן באַגאַנגען איבער אומשולדיקע קינדער און ייִדישע טעכטער, ציין האָבן געקריצט און אויגן האָבן געפֿינקלט— — —

און אין שטוב איז געזעסן דער „בוכהאַלטער" און אויף גרויסע בויגנס פּאַפּיר אויפֿגעשריבן די נעמען פֿון די מענטשן, וואָס זענען געקומען און דערנאָך אַוועק...

קאַפּיטל פינף

דער „אוניווערסאַל“ פון אַטאַמאַן גריגאָריעוו, וואָס האָט גערופן אַראָפּצעוואַרפן פון אוקראַינע דעם יאָך פון דער „קאָמונע“ פון די מאָסקווער קאָמיסאַרן און פון די דאָזיקע, „וואָס קומען אַרויס פון יענעם לאַנד, וואו מען האָט געקרייצט קריסטוסן“ און געווען אונטערגעשריבן פון זיינע געהילפן: גרעבענקאָ, טיטוניוק, טערעשטשענקאָ, מאַסענקאָ, יאַסינסקי, באָנדאַר און פּאַוולאָוו—האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער די דערפער פון אוקראַינע. די פויערים האָבן פון די אונטערשריפטן פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען הפקרות, רויבעריי און רציחות. גריגאָריעווס זעלנער האָבן עס די ערשטע געטאָן.

צעווילדעוועטע חילות זענען באַפאַלן יעליסאַוועטגראַד, מיט געשריי און פייפעריי זיך איבער די גאַסן געלאָזט, אין קליינע גרופּעס זיך צעטיילט, פון הויז צו הויז געגאַנגען, געקוילעט, געשאָסן, געהאַנגען, געשענדעט, געשפּעט און ראַבירט. אויף די מיסטן האָבן זיך יידישע צאַרטע טעכטער געוואַלגערט, דאָס היילקע לייב אין בלוט-פלעקן, די ברוסטן צעשניטן, און אין האַרצן אַ שטיק האָלץ אַריינגעשלאָגן. נעבן זיי—קינדערישע גופלעך אָן קעפּלעך און היבש האָבן מענטשלעכע לייבער געגרייזשעט... און איבער דער שטאָט האָט אַ שוואַרצער געבריל געוועט.

האָט מען דערווייל פאַרגעסן אויסצופילן גריגאָריעווס באַפעל און פאַרכאַפּן די אייזנבאַנען, דאָס שכרות פון בראָנפן און בלוט האָט פאַרגאָסן האַרץ און פאַרשטאַנד—און דערווייל האָט זיך דאָס ראַטן-מיליטער קאָנצענטרירט, אַרומגערינגלט דעם שטח, וואו גריגאָריעווס באַנדע האָט געווילדעוועט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישער קאַמף. דער אייזערנער רינג האָט זיך אַלץ ענגער צונויפגערוקט, דער שטח—אַלץ פאַרקלענערט און—די צעווילדעוועטע באַנדעס האָבן זיך פלוצלונג אַרומגעקוקט און זיך

שוין געפונען, ווי חיות אין אַ שטייג. האָט זיך אין דער ווילדקייט אַ גרויל אַרייַנגעכאַפּט, האָבן די צעווילדעוועטע מחנות אָנגעהויבן לויפן. איינער איבערן אַנדערן, איינער פון אַנדערן, טייל האָבן אויפגענומען אַ שלאַכט און זענען אומגעקומען, טייל האָבן זיך איבערגעגעבן, ביז אָנגעשטויסן האָט זיך דאָס רעגולערע, רויטע מיליטער אויפן דאָרף, וואו גריגאָריעוו מיט זיין שטאַב האָט זיך געפונען. באַפאַלן איז מען דאָס דאָרף פלוצלונג, ראַפּטום, מיט טומל און גרויס שיסעריי. איז דאָרט אַ בהלה געוואָרן, ווייל דאָרט זענען שוין נישט געווען קיין זעלנער, נאָר באַנדיטן, האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, ווי פון אַ שרפה. אַ פּאַס פייער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע דאָרף, איז יעדער באַנדיט געלאָפן מיט דעם אָנגעראַבעוועטן, וואָס ער האָט צו ווילד לייב געטוליעט, האָט יעדער איינער געזוכט אַנטרונען צו ווערן פון פייערדיקן רינג, מיט זיין ביסל גאָלד, וואָס ער האָט אין בוזעם, און—פאַרכאַפּט האָט מען דעם שטאַב מיט אַלע מכשירים, גריגאָריעוו אַליין, מיט זיינע אַטאַמאַנען־באַנדיטן זענען אַנטלאָפן.

צו יענער צייט אָבער, האָט דעניקין אָנגעהויבן זיין אָנגריף פון קרים. אין טומלדיקן כאַאָס און אין געדיכטן רויך, וואָס האָט געזעצט פון דערפער און שטעט—האָט ער דערווייל פאַרנומען דאָסדאָזיקע האַלבאינזל. די רויטע אָטריאַדן האָבן קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט, ווייל הינטער זיי האָט געברויזט הפקרות און רויך, און דער פראָנט פון דער רויטער אַרמיי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין טאַווערישער גובערניע ביים ברעג פון קרים.

איצט, ווען גריגאָריעווס כחות זענען געווען צעשלאָגן און געוואַנדערט אין אָפּגעריסענע באַנדעס, האָט די מאַכט געוואָרפן די כחות אויפן פראָנט קעגן דעניקינען מיט זיינע „פרייווילּיקע" ווילדע אָפיצירן. און איבער שטעטלעך און דערפער האָט געפלאַמט דאָס פייער פון מרידה, הפקרדיק האָט עס געברילט מיט שגעון, בלוט און פייער. און יעדער טאָג האָט געבראַכט שרעק און ציטערניש, און יעדע נאַכט, שרפות און ווילדע שחיטות.

דער פלאַם האָט זיך אַרייַנגעריסן אויך אין אָדעסער ראַ־

יאָן. איינמאָל אינדערפרי, זענען צום שטעטל קריזשאָפּאָל אָנגע־קומען פּויערים מיט ביקסן און קאָסעס, זענען אַריין ווי אַ פּלוצלונגער ים־אויסגוס אין שטעטל, אָנגעהויבן ליאַרמען און רייסן פון קלייטן. דאָס שטעטל איז ווי טויט געוואָרן. שגעון־פּנימער מיט ווילדע אויגן זענען געלאָפן פון שטעטל אַרויס, געלאָפן איבער די פעלדער, נעשריגן אָן זין און פאַרשטאַנד — און אין די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט הרוגים — קוילן ייאָבן פלייצעס דערגרייכט, לויפנדיקע זענען געפאַלן, און איבער טרו־קענע וועגן זענען אַנטרונענע געלאָפן, די פויערים האָבן געראַ־בעוועט דאָס פאַרמעגן און געלאָדן אויף פורן — האָבן זיי קיין צייט נישט געהאַט די אַנטרונענע נאָכצויאָגן, זענען יענע גע־לאָפן און, נאָך צעמישטע, זוניק־טונקעלע טעג פון וואָגלען, אין אָדעס אָנגעקומען.

אָנגעקומען זענען זיי פאַרשוואַרצטע, פאַרשטויבטע, זענען זייערע פּנימער געווען מיט אַ טונקעלער הויט איבערגעצויגן און די אויגן האָבן זיך נישט באַוועגט — ווי זיי וואָלטן עפּעס וואונדערלעכעס זעען און קאָנען זיך נישט אָפּרייסן פון דער זעאונג. זענען זיי געבליבן זיצן אויף די פורלעך אין מיטן גאַס און נישט געוואוסט, וואָס זיי דאַרפן טאָן.

האָט מען זיי אַרומגערינגלט, אָנגעהויבן אויספרעגן, נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט ענטפערן. האָבן זיי געקוקט און גאָר־נישט פאַרשטאַנען און נאָר איינע, אַן עלטערע יידענע, האָט מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— מען קוילעט! מען שחט!

און דאַן האָבן אַלע אויגן אַ צאַפּל געטאָן, אַ טייל האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן אונטער טרערן און איינער, אַ יונגערמאַן מיט אַ זאַמדיק בערדל, האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול:

— שלעכט יידן... מען שחט...

איז די גאַס ענג געוואָרן. אַרום זיי האָט מען זיך גע־פּאַקט און אַ שטילקייט האָט געדריקט און געגליווערט און די אויגן האָבן געקוקט מיט פאַרנאַכטיקער, ווילדער שרעק — אַ? וואָס זשע וועט זיין? אַ?

אַ קרעכץ, אַ שווערער סאַפּע האָט אין גרויל אָנגעשלאָגן.

און שוואַרץ זענען געוואָרן די וועגן, וואָס פירן צו אָדעס. גאַנצע טעג, אַז די וועגן רוען נישט, עס האָבן זיך געשלעפּט איבער זיי מידע פורלעך, פערד טרעטן מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ און פאַרשטויבטע העלזער. זענען געזעסן קריסט־לעכע אָנטרייבער און סודותדיק געשמייכלט; צו וואָס ראַבעווען? אָט פירט ער זיי אין פורל און נעמט, וויפיל ער וויל... כּי־כּי, נישט ערגער געמאַכט פון יענע און איז זיך שטיל און פיין...

וואָס ווייס איך?—כּי־כּי... געדונגען, האָב איך אָפּגעפירט...

זענען אויף די פורן געזעסן דערשראָקענע פּנימער און די אויגן האָבן געקוקט פינצטער: אַלץ איינס... אַלץ איינס... האָט עס אויסגעזען, אַז זיי שלעפּן זיך אַזוי אייביק, אייביק, זינט די וועלט שטייט, שלעפּן זיי זיך אַזוי, און וועלן זיך קיינמאָל נישט אויפהערן אַזוי צו שלעפּן. האָבן זיי געקוקט רואיק און נאָר די פאַרב פון פּנים האָט זיך אָפּט געביטן, אַמאָל העלער, אַמאָל טונקעלער און אַמאָל נאָך טונקעלער מיט אַ ברוינעם אָפּגלאַנץ.

איז אָדעס שטום און פאַרשראָקן געוואָרן, איז מען נאָך געשטאַנען אין קלייטן און זיך צוגעהערט צו וווייטן. פאַרנאַכט האָט מען זיך געאיילט אַהיים און די אָוונטן איז מען געזעסן און געשוויגן. געשטאַנען פאַר די טויערן און קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט.

—וואָס זשע וועט ווייטער זיין? אַז? אָט אין זשמערינקע... נעבן ראַזדיעלנע... אַ? אונטערן שטאָט איז אויך נישט רואיק... גוים קוקן אויף דורכפאָרנדע, לאַכן זיי מיט שטילע אויגן: וואַרט, וואַרט...

אַלע נייע אַטריאַדן ציען צום פראָנט, אַלע פאָלקן שלינגט ער איין. אין „טיל" איז נאָר געבליבן „קאַטאָווסקעס אָטריאַדן"— באַשעוועט אָבער דער פּאָגראָם־פּלאַם. שפּריצט ער אויס אַלע טאָג אויף אַן אַנדער אָרט. יאָגן זיך די אָטריאַדן נאָך אים, נאָר ער וואַרפט זיך אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט אַריבער.

—וואָס זשע וועט זיין?

און מישקע שטייט מיט זיין פאָלק אין די קאַזאַרמעס. ייז זענען שוין איינגאַנצן גרייט, שוין באַוואָפנט מיט האַרמאַטן

און קוילנוואַרפער. מישקע אַליין טרעט נישט אָפּ פון די קאַ-זאַרמעס, שפּאַנט ער אַרום אַ צעטראָגענער, עפּעס ברויזט אין אים אַ שוידער, וועלכן ער קאָן נישט דערשטיקן. און די אומ-רואיקייט איז גרויס, און אויף וואָס וואַרט מען? אַז אויף וואָס? — — —

* * *

ס׳איז געווען אַ הייסער שטויביקער טאָג. אין דער היץ האָט אָפּגעשלאָגן עפּעס אַ געזאַנג, וואָס האָט זיך פון ווייטן געטראָגן. ערגעץ האָט אַ טראָמפּייט געשאַלט. אין קאַזאַרמע האָבן חברה געמאַכט פאַרשידענע גימנאַסטישע קונצן. אויף דעם קאַזאַרמע-הויף האָט מען זיך געשטופּט און געיאָגט, האָט מען דערציילט געשיכטעס און געלאַכט. מישקע איז אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען דעם הויף אַ צעטראָגענער, אַן אומרואיקער, אַריין אינעווייניק, אָפּגענומען „ראַפּאָרט" און אַריין צו זיך אין קליי-נעם צימערל.

נאָר פאַרנאַכט איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן אין די קאַ-זאַרמעס. עפּעס אַ מנחה-שטילקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, אַלע האָבן אָנגעהויבן שווייגן און בענקען נאָך עפּעס. איצט זענען זיי געזעסן גרופּעסווייז אין קאַזאַרמע, אויפן הויף און אין יע-דער גרופּע האָט איינער ערנסט דערציילט שוידערלעכע זאַכן, וואָס ער האָט זיך היינט אין שטאָט אָנגעהערט. מען האָט דער-ציילט, ווי מען פּייניקט יידישע טעכטער אין די שטעטלעך, ווי מען צערייסט קינדער און מען שטעכט אויס די אויגן ביי זקנים.

אין קאַזאַרמע האָט איינער דערציילט, ווי מען האָט אין אַ שטעטל געפּייניקט אַ רב:

— — —„אַ רב, אַן אַלטן רב מיט אַ ווייסער באָרד... האָבן זיי אים אַרויסגעפירט אין מיטן מאַרק... געווען נאָך אַ רעגן, האָבן זיי אים אויסגעטאָן נאַקעט... נישט אַנדערש, נאָר דער אַלטער רב, דער זיידע, זאָל שענדן זיין אייגן אייניקל פאַרן קלויסטער אין מיטן מאַרק.

אַ שוואַרצער שוידער, ווי אַ שוואַרצע נאַסע קאַץ איז איבער די לייבער דורכגעלאָפן.

—אַ פייער אויף זיי!—האָבן ציין געקריצט.

—אַ בראַנד!

—אונטערצינדן די דערפער!

—אויסקוילן, ווי די חזירים!

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. עס האָט זיך געהערט אַ שטילער רעוו פון כעס און צאָרן:

—פאַרשטייסט... אַ רב... אַן אַלטן רב...

—און מיט אַן אייגן אייניקל.

די פנימער האָבן זיך צעברענט מיט שוואַרצן האַס. אויגן האָבן געפינקלט מיט הייליקס און ווילדס און פלוצלונג:

—וואָס שווייגט מען?

—לאָמיר אַליין גיין!

—מיר וועלן גיין! אודאי וועלן מיר גיין! געגוג געזעסן דאָ און געוואַרט!

מישקע האָט אין זיין צימער דערהערט די געשרייען און אויסרופן, איז ער אַרויסגעקומען און אַלע האָבן אים אַרומגע-רינגלט.

—וואָס איז דאָ? וואָס פאַר אַ געשרייען?

—וואָס זיצן מיר דאָ?

—וואָס?

—דאָרט שחטן זיי, די הינט, אומשולדיקע מענטשן און מיר זיצן דאָ און וואַרטן. אויף וואָס וואַרטן מיר?

—מיר וועלן דאָ זיצן און דאָרט וועט מען דערווייל אַלע אויסקוילן!

מישקע איז געשטאַנען מיט גרויסע אויגן און מיט אַ גליק-לעכן שמייכל אויפן פנים. ער האָט איצט דערפילט דעם אויפ-קאָך פון בלוטן, געזען, ווי אַלע פלאַמען מיט ביטערקייט און נקמה. ער האָט געזען צעהיצטע, ענערגישע פנימער און אַנט-שלאָסענע אויגן. ער האָט דערפילט דעם גרויסן כח, וואָס איז מיט אים. אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. מיט אַמאָל האָט אויפגעבליט אַ פיינלעכער ווייטאָק אין האַרצן. האָט ער

איינגעשרומפּן די ברעמען, און געזען ווי מען שחט בלייכע ייִדן, ווי ווילדע פלאַקסענע פּויערים לאַכן און שלאָגן מיט דו־בינעס, לאַכן און חוזקן און יידישע ווייסע לייבער וואַלגערן זיך אויפן מיסט... עפּעס אַ מיידל קוקט צו אים מיט ווייסע אויגן. האָט ער אַ שטאַרקן ציטער געטאָן און די אויגן פאַר־מאַכט.

אין זאַל איז געוואָרן אַ געדראַנג, מען האָט זיך געביי־זערט, געדראָט, און ער האָט דערקענט דאָס פּנים פון בלאַסן מיידל: באַשקע!...

האָט ער אַ שוידער געטאָן און געהאַט דאָס געפיל, אַז עס רייסט אים אויף פון אינעווייניק. מיט אַמאָל האָט ער אָפּ־געזיפצט און געזאָגט:

—מיר וועלן שיקן אַ דעלעגאַציע אין רעווקאָם.

—נישט בעטן, נאָר פאָדערן!—האָט „קאָזע“ אויסגערופן.

—און אויב זיי וועלן נישט געבן קיין באַפעל, וועלן מיר מער נישט וואַרטן!

מישקע האָט געזאָגט פעסט, רואיק און זיכער:

—איך פאָר באַלד. איך וועל איבערגעבן, אַז מיר האָבן איינשטימיק באַשלאָסן אַרויסצופאָרן מאָרגן אין „פּאָכאָד“.

—ריכטיק!

—גענוג געוואַרט!

—דאָרט גיסט זיך בלוט!

נאָר דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און פעלדמאַן איז אַריין.

אַלע זענען שטיל געוואָרן: זיין אַריינקומען האָט זיי ווי אַן ענטפער געבראַכט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לעדער־נער טוזשורקע, אַ לעדערן היטל און אַ רעוואָלווער ביים זייט. זיין פּנים איז געווען אָנגעצויגן און פריש. ער איז גלייך צו־געגאַנגען צו מישקען.

—מאָרגן טרעטן מיר אַרויס! אָט איז דער באַפעל!

אַלע אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

דער „בוכהאַלטער“ האָט גענומען פון מישקעס האַנט דאָס פּאַפּיר און איבערגעלייענט אויפן קול דעם באַפעל, אין וועלכן

מישקע ווערט באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פון פּאָלק „אָסאָבאַוואָ נאַזנאַטשעניע" און אַלס פּאָליטקאָם—דער חבר פעלדמאַן, און אַז מאָרגן טרעט דער פּאָלק אַרויס אין „פּאָכאָד".

מישקע מיט פעלדמאַנען האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, זיך צעקושט. דער גאַנצער זאַל האָט געשריגן הוראַ! דערנאָך האָט מישקע אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ און געזאָגט:

—זייט אַלע גרייט! מאָרגן לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין. געדענקט, מיר גייען נישט, ווייל מען הייסט אונז, נאָר ווייל מיר *ווילן*. אַ טויט די פּאָגראָמשטשיקעס!

האָט ער אויסגעשריגן מיט אַזאַ ווילדקייט און מיט אַזעלכע צעגליטע אויגן, אַז פעלדמאַן האָט איין ווײלע אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן, ווי עס וואָלט אים איבערגעשראָקן... נאָר הונדערטער מיילער האָבן אויסגעשריגן הוראַ! נישט מיט קיין קוויטשנדיקע קולות, נאָר מיט שטיל-הייזעריקע און מיט פאַרקלעמטע קינבאַקן. האָט ער אַליין דרך-ארץ באַקומען פאַר דעם פינצטערן, שטאַרקן ווילן און געבליבן שטיין אויסגעצויגן און געזען פאַר זיך נישט קיין געוועזענע פאַרברעכער, נאָר אַ באַגייסטערטע מאַסע מיט הייליק נקמה-פייער אין די אויגן.

* * *

קאַפּיטל זעקס

צומאָרגנס איז געווען אַ הייסער, ליכטיקער טאָג. קיין ווינטל האָט נישט געבלאָזן, די ביימער זענען געשטאַנען פאַרשטיינערט, און דערפאַר זענען שווערע, געדיכטע שאָטנס געלעגן אונטער זיי. אויסגעזען האָט: שוואַרצע שטיקער טוך ליגן אויף די שטיינער און אין דער ליידיקייט איז שטיל און שווער גע-

ווען, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט געשלאָפן אין פינצטערע צימערן... אָפּגעווישט האָבן זיך די גרענעצן פון שטאָט: זי ליגט שווער צעלייגט און גיסט זיך אַריין אין גרינע פעלדער און זאַמדיקע וועגן, וואָס ליגן אין זעלבן דרימל.

נאָר מיט אַמאָל האָט אויפגעציטערט דער דרויסן, די ליידיקייט האָט אַ צעשראָקענע זיך אויפגעכאַפּט און מיט גרויסע אויגן זיך אַרומגעקוקט, אַ שטיל ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן. אַ טראָמפּייט האָט געשאַלט, געשריגן און גערופן, די קלאַרנעטן האָבן מיט אימפּעט נישט געקלאָגט אין נישט געשאַלט, נאָר מתרה געווען.

האָט די גאַס זיך אויפגעכאַפּט, זיך אויסגעריבן די אויגן; זענען מענטשן אַרויס פון די קלייטן אויף רישעלעווסקע, האָבן געקוקט פאַרוואונדערט מיט מידע, דערשראָקענע אויגן; זענען פון די הויפן אַרויס יינגלעך, מיידלעך און ווייבלעך, האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן פאַרשידענע פרעמדע, צעטומלטע מענטשן און די טראָטואַרן זענען געדיכט באַשטעלט געוואָרן.

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט מוטיק, מיט פאַריסענע קעפּ. עפּעס דרייסט און פריי דערציילט פאַרן ליכטיקן דרויסן און העלער זון; האָט גערופן צו די פעלדער און וועגן אַרום. אין דעם טאַקט האָבן אויסגעשלאָגן קאָפּיטעס פון פערד: טריט אין טריט האָבן זיך געקייטלט און נאָך זיי — האָבן זיך געכוואַליעט שערענגעס איינגעהאַלטענע, פעסטע און זיכערע טריט. נאָך זיי האָט זיך געשלעפּט אַ קוילערן פון רעדער איבער האַרטע שטיינער און אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן און אויסגעזונגען עפּעס קרעפּטיקס און אָנזאָגנדיקס, וואָס האָט רעגלמעסיק געוואָרנט.

פאָרויס זענען געריטן איינער נעבן אַנדערן, מישקע מיט פעלדמאַנען. ביידע זענען געזעסן אויף שוואַרצע, שטאַרקע פערד, וואָס האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע, שאַרף געבויגענע העלזער געציילט עלאַסטישע טריט. די פעל האָט אַלע ווײַלע געציטערט לייכט און גלאַנציק און פאַרבאָרגענע כחות האָבן אונטער זיי געשפּילט. מישקע האָט איצט געהאַט אַ שיינענדיק פנים, די לעדערנע קורטקע איז געווען אָפן און די לייכטע בליוזע, וואָס

איז ביים האַלז נישט געווען צוגעקנעפּלט—האָט זיך פון ווינטל אויפגעבלאָזן און איינגעפאַלן, ווי וואַסער וואָלט אונטער איר אַריינגעשטראָמט און צוריק אַרויסגעשטראָמט, די טאַליע איז געווען איינגעצויגן אונטער אַ געלן, ברייטן פּאַס, פון וועלכן ס'איז ביים זייט געהאַנגען אַ „נאַגאַן" אין אַ הילצערנער שייד. זיינע ליפּן זענען געווען געעפנט און די ציין פאַרקלעמט—ווייס, ענג און גלאַנציק. האָט געאָטעמט שטאַרק און פעסט געהאַלטן דאָס ציימל און ס'איז אים געווען גוט אַזוי צו זיצן און הערן דאָס געזאַנג פון די געדיכטע טריט.

פעלדמאַן איז אויף זיין פערד געזעסן אַן אָנגעשטרענגטער. געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע הויזן און אין אַ זעלנערישער „גימנאַסטיאַרקע", אויפן שוואַרץ-לעדערנעם היטל אַ רויטן שטערן און די שוואַרצע אויגן האָבן שוואַרץ געשטאָכן דורך די ווייסע גלעזלעך פון די פּענסנע.

און הינטער זיי האָט אַ בלוטיק-רויטע פאָן געפלאַטערט. ס'איז אויף איר גאָרנישט געווען אויפגעשריבן, נאָר גרויס איז זי געווען און ברייט האָט זי געפלאַטערט, האָט זי דערפאַר אַ שרעק מיט אַ רעטעניש געטראָגן.

ביז זיי זענען צוגעקומען צום „רעווקאָם".

די גאַנצע לענג פון בולוואַר איז געווען פאַרנומען. אַלע זענען געווען אויסגעשטעלט רייע הינטער רייע. די רייטער צום ערשטן, דערנאָך די פוסגייער—די וועגנס מיט די „זאַפּאַסן": קוילנוואַרפער און אַנדערע מכשירים און—די האַרמאַטן מיט די שרעקנדיקע פאַרבינדענע פּיסקעס, האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן רעוואָלוציע-פּלאַץ ביז פּושקינסקי-גאַס.

זיך אויסגעשטעלט און ס'איז שטיל געוואָרן. אויפן באַלקאָן פון לאַנדינסקי האָטעל, וואו דער רעווקאָם איז געווען, האָבן זיך באַוויזן עטלעכע מענטשן: קלימענקאָ מיט די אויפגעשטעלטע האָר אויפן שטאַרקן קאָפּ, וואָס איז פעסט געזעסן צווישן די אַקסלען, האָט גענומען רעדן. גערעדט עפּעס שווערע, קאַנטיקע, אָנגעכמורעטע ווערטער, וואָס האָבן זיך געקוילערט אין ליידיקייט. און פון וייטן האָט געזילבערט דער רואיקער

ים אונטער זון און די גרויע פּאַרלאָזטע שיף האָט זיך לייכט געוויגט צווישן די לייכטע כוואַליעס.

מישקע האָט נישט געהערט כמעט, וועגן וואָס ער רעדט. ער האָט מיט אַמאָל דערזען יאַנען אויפן באַלקאָן און עס האָט זיך אויפגעכאַפּט די שווערקייט אין האַרצן. ער האָט געדענקט אָן באַשקען און זיך באַמיט צו געדענקען איר פּנים. ער האָט זיך דערבייַ שטאַרק געמאַטערט, ביז—ער האָט דערזען דעם שמייכל פון אירע ליפּן און די ווייסע ציין, וואָס בלאַנקען—נאָר אַרויסגעגליטשט האָט זיך באַלד דאָס געשטאַלט און אי-בערגעגאָסן זיך אין אַן אַנדער פּנים...

—הוראַ! הור-ר-ר-אַ!

דער אָרקעסטער האָט אַרויסגעשלאָגן דעם „אינטערנאַציאָ-נאַל“ און מישקע האָט זיך דערמאָנט, האָט אויפגעהויבן די האַנט צום דאַשעק און געבליבן זיצן אויסגעצויגן אויפן פערד—אַלע שטיקעס פון די ביקסן זענען געווען אויפגעהויבן. זון האָט אויף זיי געשפּילט.

זענען הינטער זיי, צווישן די ביימער אויפן בולוואַר, געשטאַנען מענטשן, שטיל, מיט דרך-ארץ און געזען, ווי אַ וואַלד שטיקעס שטעכן אין ליכטיקע גלאַנצן, האָט מען מיט פרומקייט אויסגעטאָן די היטלען.

שטיל געוואָרן. ווידער האָט עמיצער אָנגעהויבן רעדן. ווידער האָט מישקע געפילט די שווערקייט אין האַרצן און עפּעס האָט אַזוי ווייטאָקדיק געבענקט און געצויגן. אים איז אויסגעקומען, אַז יעדע מינוט, וואָס ער שטייט דאָ, איז אַ זינד... און געטראַכט האָט ער פון שטילע, טרוקענע שטעטלעך, וואָס ליגן ערגעץ און קרעכצן שטיל נאָך הילף.

ער איז איצט געווען אומגעדולדיק: וואָס זשע? ווען מען אַמאָל אויפהערן רעדן?

ער האָט דערהערט פעלדמאַגנס שטים. ער האָט גערעדט מיט עקשנות, גערעדט שטאַרק, אַנטשלאָסן, האָט צוגעזאָגט צו באַקעמפן די בייזע כחות, די ווילדע רוצחים, וואָס שחטן אומ-שולדיקע נפשות כדי צו קאָמפּראָמעטירן און צעשטערן די מאַכט און אויפרייסן דעם „טיל“.

דאָס האָט מישקע שוין געהערט, יעדעס וואָרט אויפגעכאַפּט און לאַנגזאַם צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעשטעלט צום מאַר-שירן פון שטאָט אַרויס, האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן יאַן. ער איז צוגעלאָפן צו פעלדמאַנען:

—סאַשע, געדענק זשע... אונזערע חברים געפינען זיך אין ראַיאָן... ווער ווייסט, וואָס מיט זיי איז געשען. באַשע איז אויך דאָרט... האָב זשע אין זינען...

מישקעס פּנים איז בלייך געוואָרן. און ער האָט זיך אָפּגערופן:

—מיר וועלן זיי אָפּזוכן!

—אָ? נו יאָ...—האָט יאַן אים נישט געקוקט אין די אויגן אַריין, נאָר ווער ווייסט, וואָס מיט זיי איז?

—וואָס זאָל זיין?

—זיי האָבן געקענט אַריינפאַלן צו די באַנדעס... שוין אַריבער אַ וואָך און ס'איז פון זיי קיין שום ידיעה נישטאָ.

וואו האָבן זיי זיך לעצטנס געפונען?—האָט פעלדמאַן גע-פרעגט.

—אין קריזשאָפּאָל און אין די אַרומיקע ערטער.

פעלדמאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ: ס'איז אים עפּעס נישט געפעלן און מישקע האָט געשוויגן.

יאַן האָט זיך מיט זיי געזעגנט: האָט זיך צעקושט מיט פעלדמאַנען, געגעבן די האַנט מישקען, איין רגע געצעגערט און ביידנס אויגן האָבן זיך טיף אָנגעקוקט, און זיי האָבן זיך אויך צעקושט.

ווען זיי זענען אַרויסגעריטן אויף פאָראויס, האָט מישקע אַ זאָג געטאָן!

—אַז אָך און וויי וועט זיין צו זיי!

—צו וועמען?

—צו אַלע, אויב מיט חברים האָט עפּעס פּאַסירט.

און ער האָט זיך נישט אומגעקוקט צו פעלדמאַנען, וועל-כער האָט עטוואָס אַ צי געטאָן דעם שטערן.

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף זיין פערד, וואָס האָט זיך געגעבן אַ צי-אויס און אויסגעגלייכט דעם קאָפּ מיטן חאַלז—

פעלדמאַן נאָך אים, איז אַריבער ביזן סוף בולוואַר, וואו ס'זענען געשטאַנען די רייטער, האָט ראַפּטום געגעבן אַ צי צוריק דאָס ציימל, דאָס פערד האָט פאַריסן דעם קאָפּ, אַ הויב געטאָן די פאָדערשטע פיס, געמאַכט אַ פּאָר טריט צוריק, זיך אויסגעדרייט אין אַ רעדל און שטיין געבליבן, באַוועגנדיק שטאַר מיט די ווינקלען פון פיסק און שנאָרכנדיק מיט הייסע נאָזלעכער.

—הייסט עס, מיר מאַרשירן?—האָט פעלדמאַן געזאָגט.

—נו יאָ.

זיך איינגעקוקט אַ ווײַלע:

—„סטראָיסיאַ"!—האָט זיין שטים דורכגעריסן די ליידיקייט.

עס איז געוואָרן אַ רעשיקע באַוועגונג, אַ טופּעריי און אַ גלייכעריי.

—„סמירנאָ"!— — —„פּראַוואָיע פּלעטשאָ וופּעריאָד, שאַגאָם— — —מאַרש"!

עס האָט אָנגעהויבן פויקן אַ טיפּעריי, שטאַרקער, שטאַרקער... מישקע איז אויסגעצויגן געשטאַנען אין די פיס-האַלטער" אויף זיין פערד ביי דער זייט פון שערענגע, געקוקט ווי אַלץ דרייט זיך-אויס און לאָזט זיך דורך יעקאַטערינענסקי-פּלאַץ און ווען ער האָט שוין דערזען, ווי דאָרט האָבן זיך גערירט די פורן און די האַרמאַטן שפּרונגען שוין אונטער אויף די רעדער—האָט ער אַ צי געטאָן דאָס ציימל און זיך אַ לאָז געטאָן אין גאַלאָפּ; זיך דורכגעטראָגן, ווי אַ ווירבער ביי דער זייט פון די מאַרשירענדע, ביז ער האָט דעם אָנפאַנג דערגרייכט און זיך אויסגעגלייכט מיט פעלדמאַנען.

ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען מאָלדעוואַנקע, האָט מען זיך אַרויסגעשיט פון אַלע זייטן צו דער גאַס—עס איז געוואָרן אַ געשריי, אַ רופעריי, און יובל האָט זיי באַגלייט. מישקע איז געווען צערויטלט און צוטומלט, ביי די זייטן פון דער גאַס האָבן זיך אויסגעשטעלט פרויען, טייל האָבן דערלאַנגט פעקלעך זייערע מענער, ברידער און חתנים. דערלאַנגט אויף די פערד אַרויף, אויף די וועגענער. מען האָט זיך איבערגעשריגן, איבערגעוואונשן, קיינער האָט אָבער נישט געוואָגט אַרויסצוגיין פון רייע. איינער האָט זיך געהאַט אָפּגעווענט אָן אַ זייט און זיך אַראָפּגעבויגן צו

אַ יונגער פרוי מיט אַ צעגליט פּנים, וואָס האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט עס מישקע פון ווייטן באַמערקט און מיט באַפעל אויסגעשריגן:

—אין דער רייע!

יענער האָט זיך צעקושט מיט דער פרוי און—גלייך צוריק אויף זיין אָרט.

מיט אַמאָל האָט דער אָרקעסטער אויפגעשפּילט און ס׳איז געוואָרן שטיל: איצט האָבן אַלע אויפגעהערט שרייען און זיך איינגעהערט. ווידער האָבן זיך געקייטלט טריט אין טריט, געכוואַליעט טריט-שערענגעס נאָך טריט-שערענגעס, און די זון איז געשטאַנען עפּעס אַ רויטע, אַרויסגעקוקט, ווי מיט קופּער-גלאַנץ און באַלויכטן די שוואַרץ-גלאַנציקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט פאַרווערטס רואיק און זיכער.

ווען מען איז שוין געשטאַנען ביים עק שטאָט און עס האָט זיך דורכן וועג שוין געזען דאָס פעלד, וואָס שפּרייט זיך דאָרט גרין און ווייט, האָט מען זיך פאַרהאַלטן. דער אָרקעסטער האָט זיך אַרויסגערוקט און זיך ביי דער זייט אַוועקגעשטעלט, אַרויסגעשלאָגן מיט אַ מאַרש און דער פאָלק האָט אָנגעהויבן גיין שטורמיקער און שטרענגער, אַזוי לאַנג ביז זיי זענען שוין אַלע געווען אויסער דער שטאָט און זיך דאָרט באַוועגט ווי אַ זעער־לאַנגע ברייטע שנור צווישן גרינס און ס׳האָט אויסגעזען, אַז דאָס באַוועגט זיך דאָרט אַ אומגעהויער, ריזיקער שלאַנג וואָס בייגט זיך אַרויף און אַראָפּ רואיק, זיכער און פאַרביסן...

* * *

די זון האָט געזונקען אונטער אַ שוואַרצן וואָלקן, וואָס האָט געהויערט ווי אַ ריזיק־גרויסער שלאַנג נעבנטער צום האָריזאָנט. דער וועג מיט די גרינע פעלדער האָבן זיך מיט טונקלקייט איבערגעצויגן—אַ דורכזיכטיקער טונקעלער ליילעך האָט זיך פון ערגעץ ביים האָריזאָנט אָנגעהויבן אויפוויקלען און, וויקלענדיק זיך, פאַרדעקט אַלץ אַ גרעסערן און גרעסערן שטח, ביז די זון איז אינגאַנצן אַרונטער אונטער וואָלקן און דער ליילעך האָט אַלץ צוגעדעקט.

איצט האָט אַן אָוונט-ווינטל שטיל געשעפּטשעט, האָבן די זאַנגען זיך געבויגן קעפּל צו קעפּל און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געכוואַליעט. פון ווייטנס האָט געקוקט אַ טונקעלע וואַנט פון אַ שטיל-טרויריקן וואַלד. ער האָט געקוקט מיט אַנגסט און געבעט. איצט האָט זיך דער פאָלק באַוועגט שטיל און פאַרטראַכט. אַלע ווײַלע נאָר האָט אַ פערד זיך צעהירזשעט און עס האָט זיך געטראַכט וועגן עפּעס אַזוינס פרעמדס, אומפאַרשטענדלעכס. מישקע האָט געהאַט אַ פרום פּנים און האָט געגאַרט צו עפּעס אַזוינס, וואָס ער אַליין האָט עס נישט קלאָר פאַרשטאַנען... ער האָט געדענקט די מעשה מיטן רבֿ; איצט זי נאָך אַמאָל געהערט: „האָט מען גענומען דעם רבֿ, אַרויסגעפירט אין מאַרק און געצוואונגען עסן ערד... דערנאָך, אַז ביים רבֿ איז שוין פול געווען דאָס מויל מיט שוואַרצער בלאָטע, האָט אַ באַנדיט אַרויסגעצויגן די שווערד און גענומען אויסרייניקן די בלאָטע פון זיין מויל. רייניקט ער, שניידט אויס די צונג, די ציין מיט די יאַכלעס, שרייט ער נישט, דער אַלטער רבֿ, נאָר די אויגן קריכן אים אַרויס פון קאָפּ, שטאַרן שוין אַזוי שטאַרק אַרויס, אַז אָט פאַלן זיי אַראָפּ. שטיין אַרום פויערים מיט היידאַמאַקעס, קייכט מען פון גרויס הנאה, פּאַטשט מען בראַוואָ“. — — —

ער האָט אויפגעציטערט מיט אַמאָל און מיט אַלע גלידער, עס האָט אים געגעבן אַ מיש אין קאָפּ און אַ דראָט האָט געגעבן אַ נעקבער דורך זיין גאַנצן גוף פון קאָפּ און קאַרק ביז די פּיסטריט.

מיט אַמאָל האָט אויפגעטאַיעט לאַנגזאַם און ציענדיק, עפּעס אַ קול. אַזאַ שטיל נאָר טיף קול. האָט זיך געדאַכט: דער אָוונט האָט זיך מיט ווייטאָק צוזינגען. און פון געזאַנג זענען אַרויסגעשווימען ווערטער, יודישע קרעכצנדיקע ווערטער פון ווייטאָק און פּיין.

דאָס האָט זיך איינער דערמאָנט א יודיש רעוואָלוציאָנער ליד, מיט האַרציקער בענקעניש זיך צוזינגען, ציהענדיק לאַנגזאַם די ווערטער. די פערדישע קאָפּיטעס האָבן אָנגעהויבן שלאָגן לייכטער, ווייכער און לאַנגזאַמער. די רעדער האָבן זיך שטילער, רעגלמעסיקער געקוילערט. מיט אַמאָל האָט דאָס געזאַנג אויס־

געברויכן פון אַלע מיילער. האָט עס אין אָוונט אַ געשריי געטאָן איבער הפקר-ברייטע פעלדער און זאַמדיקן וועג מיט התראה און כּעס.

זיי זענען אַריין אין וואַלד. דאָס ליד פון שטורם און קאַמף: פון טרויער נאָך געפאַלענע און נקמה-רוף פון די לע-בעדיקע האָט אָפּגעהילכט צווישן ביימער, וואָס זענען געשטאַנען אָן באַוועגונג און פאַרנומען דאָס געשריי, וואָס רייסט זיך פון שטאַרקע, קרעפטיקע נאָר אָנגעוויטאָקטע ברוסטן און פון וואַלד גייט אויף אַן עכאָ, אַ שטילער, שווערער עכאָ, וואָס קוילערט זיך, ווי אַ הייזעריק ווידערקול פון אַ דונער.

דער וועג אין וואַלד האָט געבלייכט מיט זיין אויסגאַנג. אַרויף צו-צו האָט ער זיך ליכטיקער געצויגן צווישן פעלדער. דער האָריזאָנט האָט זיך געשפּאָלטן און עס האָט אַרויסגעגליט אַ רויטקייט, וואָס האָט געקוקט גלייך מיטן וועג אין וואַלד אַריין. מישקע האָט געקוקט אויף דעם רויטן, צעשווימענעם פלעק, געהערט דאָס געזאַנג הינטער זיך און געזען, ווי דאָרט ברענט אַ פלאַם... אַ ברייט צעגאָסענער פלאַם. ווי אַ רויט וואַ-סער וואָלט געפליסט פון אַלע זייטן. ווערט ער ברייטער און ברייטער, ציט זיך ווייטער און ווייטער... און אָט באַווייזט זיך אויף דעם פייערדיקן ים אַ שוואַרצע שיף, וואָס שווימט לאַנג-זאַם, לאַנג און שמאָל איז די שיף, לויפט און שטייט אויף איין אָרט. אַרום פלאַקערט עס און עס שיסט מיט פייערדיקע צונ-גען און די שיף רוקט זיך טיפער אין די צונגען אַריין. אָט... עס קוקן אַראָפּ פון איר מענטשלעכע געשטאַלטן, זיי זענען אַזוי צעשראָקן און די האָר זענען אַזוי צעפלאָנטערט אויף זייערע רויטע קעפּ. אַהאַ! אָט שטייט זי, באַשע! שטייט צווישן זיי אַ גלייכע, אַן אויסגעצויגענע, האַלט אָפן דאָס מויל און אָטעמט שווער. שרייט עפּעס אין דער וועלט אַריין און ער הערט: זי רופט זיין נאָמען...

האָט ער אָנגעהויבן טיפער און ווילדער צו אָטעמען, נישט-ווילנדיק אַ צי-געטאָן דאָס ציימל און זיין פערד האָט אַ הויב-געטאָן דעם קאָפּ, זיך געוואָלט אַ ריס געבן פון אָרט, נאָך

געצווייפלט, צי דאָס מיינט ער און זיך צעהירזשעט, ציטערנדיק מיט די נאָזלעכער.

איצט האָט ער זיך אויפגעוואַכט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דורכגעקוקט די גאַנצע מחנה מיט אַ בליק, וואָס האָט זיך, ווי אַ פּאָדעם אויסגעצויגן. איצט האָט מען געזונגען פאַרביסן און בייז עפּעס אַ ליד, וואָס מאַלדאַוואַנקע האָט שוין פאַרפאַסט פאַר דער לעצטער צייט. אַ ליד פון אומגליק און הרפּותדיקע שחיטות, פון צעריסענע קינדער און געשענדטע מוטערס, און דער צוזונג האָט געדראָט:

„אַז שחטן—איז שחטן!
אויך מיר זענען גרייט!"

קיינער האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען דאָס ליד נעמט זיך און קיינער האָט פון דעם נישט געטראַכט. ס׳איז געווען פאַרשטענדלעך און עס האָט אויפגעקאָכט דאָס בלוט אין די הערצער:

„אויב מיר האָבן פּויסטן
און שווערד אין דער שיים!"

איצט זענען אַלע פּנימער געווען איינגעפאַלענער און בלייכער, די אויגן האָבן געקוקט שוואַרץ און מיט פאַרנאַכט, ציין האָבן געקריצט און מיילער זענען געווען אָפן מיט עקשנות און כעס.

צוריק האָט אויפגעלויכטן דער פאַרנאַכטיקער דרויסן און דער וואַלד איז הינטן פאַרבליבן אַ פאַרבליפּטער. מיט אַמאָל האָט מען דערזען: דאָרט ווייט ליגן קליינע שטיבלעך אויפן פעלד, ליגן נידעריק, עלנט און בלינד, איז אויסגעקומען פון ווייטן, אַז די קליינע שטיבלעך באַהאַלטן זיך דאָרט אין גרינס, נאָר איבער זיי האָט אַ לייכטער וואָלקן זיך געהויבן, געשלאָגן מיט שווערע גרויסע רינגען און אין פאַרנאַכט אַריין מיט אַ לייכט רויטקייט געוואונקען...

פעלדמאַן האָט זיך אָפּגערופן:

—זעסט?

—וואָס זאָל דאָס זיין?—האָט מישקע איבערגעפרעגט.

—זעט אויס: עס ברענט דאָרט.

—זעט אויס.

ביידע זענען שטיל געוואָרן. האָבן געזען און אַליין נישט געוואוסט, וואָס זיי זען. דערווייל איז דער רויטער פלעק אויסגעווישט געוואָרן פון וואָלקן און די טונקלקייט איז מאַטער געוואָרן. ערשט איצט האָט זיך געזען, ווי עס שלאָגט פון דאָרט אַ רויטקייט, וואָס טונקט זיך אין רויך. דער רויך זעצט אַרויף אין רעדלעך און הענגט איבער די שטיבלעך.

—אָ!

קיינער האָט דעם „אָ" נישט אַרויסגעלאָזט, נאָר ער האָט זיך דורכגעטראָגן איבער אַלע רייען. אַלע האָבן אויסגעריסן די אויגן און אַלע האָבן דערזען, ווי דאָרט וויקלט זיך איבערן וועג אַ פּאַס שטויב, וואָס ווערט אויפגעקנוילט דורך דעם שלאָגן פון פערדישע קאָפּיטעס. דער פּאַס וויקלט זיך שנעל אַהער-צו. דער רייטער ליגט אויסגעצויגן אויפן פערד, וואָס רייסט זיך פון זיך אַרויס און שווימט אין אימפּעט. מען זעט נאָר די פּאָדערשטע פיס באַוועגן זיך צוזאַמען און דער עק ציט זיך נאָך אויסגעצויגן, ווי אַ שנור אין ליידיקייט.

דער פּאָלק האָט זיך עטוואָס אָפּגעהאַלטן און גענומען זיך באַוועגן לאַנגזאַם. נאָר די גרויסע רויטע פאָן האָט זיך איצט פון ווינט, אינגאַנצן אויפגעוויקלט און געוואונקען ציטערנדיק אין פאַרנאַכט אַריין. ס'האָט זיך דערהערט אַ ווילד הירזשען, די האַנט פון רייטער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן און דאָס פערד האָט זיך איצט אין לופטן געטראָגן.

—עפּעס איז געשען!—האָט פעלדמאַן אַ זאָג געטאָן.

—אַז!—האָט מישקע איבערגעפרעגט.

אַ שטאַרקער שטויב האָט אויפגעקנוילט, ווי ער וואָלט זיך פון דער ערד אַרויסגעריסן, דאָס פערד איז אַריין מיטן קאָפּ צווישן מישקעס און פעלדמאַנס פערד און שטיין געבליבן אין שטויב, סאַפּנדיק און בלאָזנדיק מיט נאַסע, גלאַנציקע זייטן.

—„טאָוואַרישטשי!"

ער האָט שטאַרק געאָטעמט, דער רייטער, און נישט גע-קאָנט רעדן. האָט מיטן אַרבל זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן און מיט אַמאָל אַרויסגעשריגן:

—אַן אויפשטאַנד!

—וואו? ווער? וואָס?

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט אין דער ריכטונג, פון וואַנען דער רויך האָט זיך געהויבן און איצט שטאַרק געבור־שעוועט.

—די יידן דאָרט באַפאַלן... דאָס דאָרף אַליין... עטלעכע פאַמיליעס אויסגעשחטן... די הייזער מיט די מענטשן אונטער־געצונדן... דעם קליינעם אָטריאַד אַרומגערינגלט... קוים זיך אַרויסגעריסן... די איבעריקע... מען ווערט זיי דאָרט אויס־שניידן...

פעלדמאַן האָט זיך גענומען אויספרעגן, נאָר מישקע איז געוואָרן ווי צעמישט און מער גאָרנישט געהערט. די אויגן זיינע האָבן זיך איצט, ווי פון הייסלעך אַרויסגעגליטשט און שטאַרק געגלאַנצט. האָט ער געגעבן אַ ציי די לייצן, זיך אַ רוק אָפּ אָן אַ זייט און אויסגעדרייט זיך צום פּאָלק:

—רייטער! פּאָרויס, מיט מיר!

די רייטער האָבן זיך אַ רוק געטאָן. אַלע פּנימער זענען געווען פאַרביסן און צעטומלט, אַלע נאָזלעכער צעברייטערט.

—און איר, פוסגייער, אויף די וועגנס, איילט מיט די האַרמאַטן!

אַרויסגעריטן פאָרויס און אַ געשריי אַרויסגעלאָזט:

—ביעגאָם! מאַרש!

זיך אַ ריס געטאָן מיט זיין פערד, און אַלע רייטערס מיט אים. עס האָט אויפגעברויזט אַ טומל און אויפגעהויבן אַ געדיכטן שטויב. פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט, די פערד האָבן זיך געריסן און געשנאָרכט, און אַוועקגעקנוילט— — —דאָ איז פעלדמאַן מיט די איבעריקע געבליבן. איז געוואָרן אַ געשריי, אַ רופעריי, איז מען געשפּרונגען אין די וועגנס, און עס האָט זיך צעקנוילט אַ שווער גערויש איבער וועג און פעלד.

* * *

דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען אין דרויסן און עלנ ע ר

האָבן מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס טוען די יונגערע. דריי יידישע הייזער האָבן שוין געברענט. זיי זע־נען געשטאַנען אויפן קליינעם מאַרק און די פלאַמען האָבן דעם גאַנצן מאַרק און די גרויסע גאַס פון מאַרק אַרויס, באַגאָסן מיט קופּער־גלאַנץ. די ברענענדיקע הייזער זענען שוין געשטאַ־נען דורכגעלעכערטע, אויסגעזען, ווי לאַמטערנעס און די פלאַ־מען האָבן, ווי רויטע שלאַנגען זיך געצויגן צווישן נאַקעטע בעלקעס און טירן־סלופּעס. געלע פייער־צונגען האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געלעקט און זיך צוזאַמענגעפלאָכטן. פלוצלונג האָט זיך אינעווייניק אַ באַלקן איבערגעבראָכן, זיך אין צוויי אויס־געשטרעקטע. ברענענדיקע הענט אַראָפּגעלאָזט, שפּריצנדיק פון זיך מיט גאַנצע זיילן רויטע פינטעלעך; און אין דער מאַסע האָט זיך אַ רעוו אויפגעהויבן:

—אָ־אָ־אָ־אָ!

איין הויז, וואָס איז געשטאַנען טרויעריק, מיט פאַרמאַכטע לאָדן און דער דאַך האָט זיך צו די ווענט געטוליעט, האָט אין זיך געשטיקט עפּעס שווערעס. מיט אַמאָל האָט פון אַ ווינקל געגומען זעצן אַ שטראָם רויך און באַלד האָט פון שטראָם אַרויס אַ בושעווע געטאָן אַ פייער־צונג. פון אינעווייניק האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ ווילד געשריי. יונגע און עלטערע פויערים האָבן איצט דאָס הויז אַרומגערינגלט, אַ טייל מיט אויסגעשטעל־טע ביקסן און אַ טייל מיט קאָסעס און דרענגער אין די הענט. זייערע פּנימער זענען געווען רואיק און תּאוהדיק־ווילד. זיי האָבן געשוויגן און אין זיי האָט געפלאַקערט אַזוינס, ווי ביי חיות, וואָס טשאַטעווען אַ פאַרצוקונג. זייערע אויגן האָבן גע־ברענט, ווי די אויגן פון הונגער־משוגענע הינט און קעץ. האָבן זיי אַזוי געלאָקערט אויפן הויז. עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שוואַרצער רויך איבער די לאָדנס פון די פענסטער. דער דאַך האָט שוין געפלאַמט—איבער אים האָבן זיך פייערדיקע שטראָ־מען געגאָסן, און מיט אַמאָל האָט זיך פון אינעווייניק אויפגע־בראָכן אַ פענצטער, עס האָט זיך אין אים באַוויזן אַ ווייס פּנים מיט אַ שוואַרץ־גרוילעכער באָרד, די אויגן אין פּנים זעגען אויך העל געווען און זיך נישט באַוועגט. די פויערים האָבן איינגע־

האַלטן דעם אָטעם. איינער, אַן אַלטער פויער, האָט אַוועקגע-דרייט דעם קאָפּ און עפּעס שטיל געמורמלט שאָקלענדיק מיט אים. די קלויסטער-שויבן האָבן געגלאַנצט, ווי צעגליטע אויגן פון אַ שוואַרצן קאָטער און—יענער האָט זיך פּלוצלונג אַ הויב געטאָן אַרויף אויפן פענצטער.

—טשאַך! טשאַך!

איין שאָס, אַ צווייטער, נאָר דער ייד איז אַראָפּגעשפּרונ-גען. עס איז געוואָרן אַ רעש און טומל. דער גאַנצער המון האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, איינער אויפן אַנדערן און איינער איבערן אַנדערן, מען איז געלאָפן און געפאַלן און גע-לאָפן, ווי אין דער טיף אַריין... זיך צונויפגעפּלאָנטערט, צוזאַ-מענגעוואַקסן, און עס האָט אָנגעהויבן שטראָמען אויף איין אָרט, ווי ביי אַ וואַסערפאַל, ס'האָט זיך אַלץ צונויפגעשלאָגן און אָנ-געהויבן דרייען, ווי אַ שטויב-זייל פון ווינט אויפגעהויבן. עס האָבן זיך געריסן ווילדע קולות, זיך געהויבן הענט, געבלאַנקט קאָסעס און דאָס רעוועון און די געשרייען זענען אין איין ווי-כער צונויפגעוואַקסן.

נאָר דער איינער אַלטער פויער האָט זיך פון אָרט נישט געריר ט, האָט אַלץ עפּעס געמורמלט, געמאַכט מיט דער האַנט און געדרייט מיטן קאָפּ.

דערווייל איז פון פענצטער אַרויסגעשפּרונגען אַ יונג מיידל און נאָך איר אַ בחור. ביידע האָבן זיך געלאָזט לויפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פאַרטעמפּטע אויגן, די האָר צעשוי-בערט און מיט אָפענע מיילער.

קיינער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך זיי—דער קנויל איז געווען פאַרפּלאָנטערט און ווילד געוועט. זענען זיי געלאָפן פייל פון בויגן. איינער, אַן עלטערער פויער, האָט אַ שליידער געטאָן אַ שטעקן פאַר דעם מיידלס פיס, נאָר זי איז אים אַרי-בערגעשפּרונגען.

דערווייל האָט זיך די קנויל צעריסן. אויף דער ערד איז עפּעס אַ צעריסענע מאַסע געלעגן. איז געוואָרן אַ ווילד פייפע-ריי און געשרייערײ. דאָס הויז האָט אָנגעהויבן שלאָגן מיט פלאַמען. אַן עלטערע יידענע איז אַרויסגעקראָכן און געבליבן

שטיין מיט אַרויסגעזעצטע אויגן. האָט זיך די מאַסע, ווי אַ כוואַליע אַ גאָס געטאָן איבער איר און ווידער האָט זיך אויפ־געהויבן אַ משוגע רעווען.

דער בחור איז שוין געווען פאַרשוואונדן אין אַ זייטיק געסל. דאָס מיידל האָט נישט באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, איז זי געלאָפן גלייך מיט דער גרויסער גאַס, ווען זי איז שוין געווען אַרויס פון דאָרף, האָט זיך, ווי פון דער ערד אַרויסגעריסן אַ שייגעץ און זיך געלאָזט נאָך איר. איינמאָל האָט ער פון רע־וואָלווער אויסגעשאָסן אין דער הויך, כדי זי איבערצושרעקן, דאָס מיידל האָט זיך דערביי אַראָפּגעבויגן און נישט אויפגע־הערט צו לויפן, דאָס קלייד האָט זיך איר אַרויפגעשאַרצט, ביז איבער די קניען און די פיס האָבן זיך פריי און רעגלמעסיק באַוועגט, די האָר האָבן זיך אין פּאַסמעס געצויגן אויף צוריק. מיט אַמאָל האָט דער שייגעץ זיך שטאַרקער אַ לאָז געטאָן.

דאָס מיידל האָט געפּראַכט, ווי אַ מידע הון. איז צוגע־פאַלן מיט דער פּלייצע צום פּלויט און שווער געאָטעמט. שטיל איז געווען אַרום און זי האָט נישט געהערט דאָס גאַלאָפּירן פון פערד. דער שייגעץ איז צוגעלאָפן:

—עך!

האָט איינגעפלאָנטערט זיין פרייע האַנט אין אירע האָר, זי געוואָלט אַ שלעפּ טאָן, נאָר ביידע זענען געווען טויט־מיד: נישט ער האָט זי געקאָנט פון אָרט אָפּרייסן און נישט זי האָט געקאָנט אַ טריט מאַכן... האָט ער אויפגעהויבן די האַנט מיטן רעוואָלווער. נאָר עפּעס ווילדס האָט זיך צעגלאַנצט איבער זיינע ליפּן און ער האָט זי נאָכגעלאָזט. ס'איז שוין געווען אָוונט, נאָר ליכטיק איז געווען פון די ברענענדיקע הייזער.

* * *

מישקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אויסגעצויגן די האַנט צו די רייטער: ווייטער!—זענען זיי אַוועק מיט יאָשקען און נעבן אים זענען נאָר עטלעכע געבליבן.

האָט ער פאַרביסן די ליפּן, פאַרלייגט די הענט הינטער

זיך, און מיט שווערע, געציילטע טריט צוגעגאַנגען. צענומען די הענט פון הינטן, שטיין געבליבן און זיך איינגעקוקט אין מיידלס פנים און דערזען ווי זי שטרענגט אָן אַלע כּחות נישט נאָכצולאָזן דעם קאָפּ נאָך די האָר, וואָס דער שייגעץ רייסט. זיך נאָך אַ פּאָר טריט דערנענטערט און אַ זעץ געטאָן איבער דעם שייגעצס האַנט, נישט רעדנדיק קיין איין וואָרט. דער רעוואָלווער איז אַרויסגעפאַלן פון שייגעצס האַנט, די צווייטע האָט אָפּגעלאָזט די האָר, דאָס מויל איז אים געוואָרן אָפן און קייַלעכדיק. די אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן דרייען און די פלאַקסענע טשופּרינע האָט זיך אויפגעשטעלט, די ווינקלען פון מויל האָבן אָנגעהויבן ציטערן. מישקע האָט שוין מער נישט געקאָנט איינהיילטן די תאווה, וואָס האָט געברויזט אין זיינע הענט. ער האָט געהאַט אַזוי פאַרקריצט מיט די ציין, אַז ער האָט גאָרנישט געקאָנט רעדן. מיט אַמאָל האָט עס אין אים אויפגעריסן. האָט ער געמאַכט נאָך אַ טריט, מיט דעם פוס אַוועקגעשליידערט דעם שייגעצס רעוואָלווער, און לאַנגזאַם האַרט צו צום שייגעץ. זיך איינגעקוקט אין די משוגע־צעקאָכטע אויגן און זיין האַלז מיט ביידע אייזערנע הענט אַרומגעכאַפּט, מיט תאווה אַ דריק געטאָן און אָפּגעצויגן דעם אָטעם. די אויגן ביים שייגעץ זענען געוואָרן גרעסער, גרעסער, אין זיי האָט זיך עפּעס גענומען דרייען און גליווערן... שטאַרקער! דער פלאַקסענער קאָפּ האָט אַ שוידער געטאָן, געעפנט ברייט דאָס מויל און די צונג האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין. האָט ער אַזוי געדריקט מיט הנאה. שטאַרקער, נאָך שטאַרקער. און די צונג איז געגאַנגען ווייטער, ווייטער, און געפילט אַזאַ ווייכקייט וואָס דאַרף ברענגען נאָך זיך טרערן...

עס האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ. אַהאַ! מען האָט זיך דאָרט צוזאַמענגעשטויסן. האָט ער מיט אַמאָל אָנגעהויבן שאָקלען דעם קאָפּ און זעצן אין פלויט, זעץ נאָך זעץ, ביז די אויגן זענען שוין געווען איבערגעקערט, דאָס פּנים בלוי און שוואַרץ, די צונג אײַנגאַנצן אַרויס, און געפילט, ווי דער קערפּער ציט זיך אַראָפּ. האָט ער מיט אַמאָל אַ שפּײַ געטאָן אין דער בלוי־שוואַרצער צורה, געגעבן אַ נעם־אַוועק די הענט, האָט

דער קערפּער זיך אַ שאָקל געטאָן, צוגעפאַלן צום פּאַרקן און גליטשנדיק זיך, געפאַלן אויף דער ערד.

דאָס מיידל איז געזעסן אויף דער ערד ווי משוגע. האָט ער איינעם געלאָזט מיט איר און באַפוילן:

—וועסט זי אַרויפנעמען אויף אַ פור!

אַליין איז ער אַרויף אויפן פערד און מיט די איבעריקע אַוועק ווייטער צום מאַרק.

מישקע האָט זיך אַהין געטראָגן, ווי אַ ווירבער. אין אָנפאַנג מאַרק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף זיינע רייטער, וואָס זע־נען געשטאַנען צעוואָרפן און געשאָסן אין ליידיקייט. יאָשקע האָט אים איבערגעגעבן, אַז ער האָט אַ גרויסן טייל אַרויסגע־שיקט ארומצורינגלען דאָס דאָרף...

—האָסטו גוט געטאָן!

דער מאַרק איז געווען אָפּגעליידיקט, נאָר אַ ווילד רעווען האָט נאָך איבער אים געוואַנדערט... עס זענען אָנגעקומען די פורן, פעלדמאַן איז צוגעקומען צו מישקען, האָט מען זיך צו־זאַמען מיט יאָשקען און קאָזען באַראַטן, און אַרויסגעשיקט צו פאַרשטאַרקן דעם „צעפּ" אַרום דאָרף, אַזוי אַז דאָס דאָרף זאָל זיין אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און אַזוי—וואַרטן ביז אינ־דערפרי.

אין דאָרף איז שוין געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט, ווי צייטנווייז רעוועט אַרויס אַ קו פון אַ שטאַל.

די פלאַמען זענען געזונקען נידעריקער, איצט איז שוין געווען נאַכט. דער „פּאָרפּאָסטן" האָט זיך געלאָזט אין מאַרק אַריין, צווישן זיי—אויך מישקע מיט פעלדמאַנען. איצט איז דער מאַרק געווען ליידיק. עס האָבן זיך נאָר געוואַלגערט צוריסן בעטגעוואַנט, עטלעכע צופליקטע יודישע ספרים און עטלעכע הרוגים, צעטראָטענע, צעריסנע זענען זיי ווי בערגלעך מיסט געלעגן, די הייזער זענען געווען פאַרברענט, צונויפגעשיט אין גרויסע קופּעס גלאַנצנדיקע קוילן. און דער קלויסטער האָט שוין איצט געקוקט מיט שוואַרצע בייז־פאַרטראַכטע אויגענעס...

* * *

אַ גרויסער טייל פֿון פֿאָלק האָט זיך צעלייגט אין מאַרק און אין דער גאַס, וואָס פֿירט צום מאַרק. די האַרמאַטן און קוילנוואַרפֿער זענען געשטאַנען אויסערן דאָרף: די האַרמאַטן פֿון איין זייט דאָרף זענען מיט אויסגעשטעלטע פּיסקעס געשטאַנען אין אַ האַלבן קרייז און פֿון דער אַנדערער זייט דאָרף זענען געשטאַנען די פֿורן מיט די קוילנוואַרפֿער. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פֿינצטער־בלויע נאַכט און פֿון הימל, האָבן שרעקנדיקע שטערן געקוקט. דאָס דאָרף האָט זיך אין טיפֿעניש באַהאַלטן און די שטילקייט האָט שווער געסאָפּעט. אויפֿן פּלאַץ האָבן געריכערט גלאָווניעס און דאָס ווינטל האָט אַלע ווײַלע אויפֿגעבלאָזן אַ פֿייער־צונג, וואָס האָט געוואָרפֿן אַ רויטן גלאַנץ, האָבן אויפֿגעגלאַנצט די שויבן פֿון קלויסטער, צוריק זיך איינגעלאָשן און די שויבן האָבן זיך מיט שוואַרצע ברעמען פֿאַרדעקט.

איז מען אין מאַרק געזעסן אין קרייזן, האָט מען זיך געקאָכט טיי און געגעסן. נאָר ס׳איז געווען שטאַרק שטיל, קיינער האָט גאָרנישט גערעדט און מישקע איז געשטאַנען פֿאַר אַ צעטרעטענעם הרוג, האָט זיך איינגעקוקט אין בלאָטיקן פֿאַרשוואַרצטן פּנים, האָט געקוקט און נישט פֿאַרשטאַנען, וואו די אויגן זענען אַהינגעקומען: עפּעס איז דאָס פּנים געווען אַזוי אָנגעלאָפֿן אַז די נאָז האָט זיך קוים, קוים אַרויסגעזען און די באָרד איז אויפֿן האַלז געהאָנגען אַ נאַסע.

ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פֿון דעם פּנים, ווי ער וואָלט אין דעם געזען די ליידן, וואָס ציען זיך שוין אַזוי לאַנג, זינט ער געדענקט זיך אויף דער וועלט. ער האָט איצט געדענקט אין אַ פּאָגראָם, וואָס איז אַמאָל פֿאָרגעקומען אין אָדעס און אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס ציט זיך נאָך אַלץ דער זעלבער פּאָגראָם... אין האַרצן איז אים שווער געוואָרן און די שווערקייט האָט אים נישט געפּייניקט, נאָר פֿאַרקערט אים איז גוט געווען צו ליידן פֿון דער שווערקייט, ווי ער וואָלט זיך פֿון דעם עפּעס גרויסעס און וויכטיקעס דערוואוסט...

אַ ווינט האָט אַלע ווײַלע אַ טרייב געטאָן צווישן די ביימער, וואָס האָבן זיך נאַכטיק צעשמײַכלט און עס האָט אין אים עפּעס אויפֿגעציטערט: ער האָט זיך איצט שווער נאָר קלאָר

דערמאָנט באַשקען און דערזען נעבן איר דעם פלאַקסענעם שיי־געץ, וואָס רייסט איר בײַ די האָר. ער האָט אַזוי אויפגעצי־טערט בײַ דעם, אַז ער האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן און דערפילט אַ שרעק, וואָס ברענט מיט צאָרן, שטיקט אים אין האַלז... האָט ער גענומען שפּאַנען, איז צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע, האָט געהאַט געעפנט דאָס מויל עפּעס צו פרעגן און נישט געוואוסט, וואָס.

—ווערסט עפּעס עסן?—האָט פעלדמאַן געפרעגט.

—אַ?... עסן?... ניין... כ'וועל טרינקען...

האָט אַ ווײַלע געקוקט אָנגעשטרענגט און מיט אַמאָל זיך דערמאָנט:

—און וואו איז דאָס מיידל?

איינער פון דער גרופּע האָט געענטפערט:

—אָן דאָרט אויף דער פור.

מישקע איז צוגעגאַנגען צו איר. ער האָט גאָרנישט גע־זאָגט, האָט געקוקט אויף איר פּנים, וואָס האָט אין דער נאַכט געבלייכט און עפּעס אין האַרצן האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט.

האָט מען זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער פור, דאָס מיידל האָט געקוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגן און האָט מיט אַמאָל יאָמערלעך אַרויסגעכליפּעט:

—וויי מיר, וויי! טאַטע! טאַטע מיינער!...

אַלע זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אַלע הער־צער האָבן געשלאָגן און געווייטאָקט.

און כאָטש קיינער האָט גאָרנישט געפרעגט, האָט דאָס מיידל גענומען דערציילן. זי האָט דערציילט אָפּגעריסן, אויס־ברעכנדיק אַלע ווײַלע מיט טרערן. זי האָט דערמאָנט דעם גלח און אַ לערער... ווער האָט זיך דען גערעכט?... קיינער האָט זיך נישט גערעכט... דער גלח האָט אין קלויסטער געהייסן... דער לערער האָט גערופן סכאָדן און באַפוילן... און פּלוצלונג... מיט אַמאָל...

זי האָט גערעדט אָפּגעהאַקט און וויינענדיק, די ווערטער האָבן זיך נישט געבונדן, נאָר אַלע האָבן פאַרשטאַנען, זענען געשטאַנען שטיל מיט פינצטערע פּנימער, אַלע האָבן געגלאַנצט

מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן עפּעס גרויזאַמעס געזען און מיט אַמאָל האָט מישקע מער נישט געקאָנט איבערטראָגן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

—און ווער האָט עס געטאָן?

—אַלע... אַלע האָבן געטאָן... אפילו די אַלטע פּויערים... זיי האָבן אַלץ צעראַבעוועט... ווער עס האָט געקאָנט, איז אַנט-לאָפן... און ווער נישט, איז... זי האָט אַרויסגעבוכעט אין אַ יאָמער.

מישקע האָט סתם אַזוי אַ רעווע געטאָן, און מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט אַריין אַ האַנט-גראַנאַט. עס האָט אויפגעבראָכן מיט אַ קלינגנדיקן, שווערן הילך און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויכער זייל ערד און שטויב.

דאָס מיידל איז געזעסן און געוויינט: איינע אַליין איז זי געבליבן. דער ברודער איז אַנטלאָפן, ווער ווייסט, צי ער וועט אָנקומען ערגעץ... וואָס זשע טוט מען איצט?... ווי אַזוי וועט זי קומען אין אַ ישוב...

—מען וועט דיך אָפּשיקן אין אָדעס!...—האָט מישקע גע-זאָגט.

דאָס מיידל האָט אַלץ געוויינט און איצט האָבן אַלעמען אַלע גלידער געציטערט, אַ הייליק נקמה-געפיל האָט אויפגע-פלאַמט אין אַלע ביינער, עס האָבן געציטערט די הענט און קינבאַקן, מישקע האָט מיט אַמאָל אויסגעשריגן:

—אָפּווישן דאָס דאָרף!

—אָפּווישן!

—אָפּ-ווי-שן!

פעלדמאַן האָט אָנגעכאַפּט מישקעס האַנט:

—נאָר נישט געכאַפּט... נאָר באַרעכנט... וואָס ווילסטו טאָן?!

—אָבער זע... קוק אַליין...

ער האָט געציטערט פון אויפרעגונג, האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף די ברענענדיקע גלאָוונעס, האָט געוויזן אויפן צעטרעטענעם ייד און אויפן מיידל, וואָס האָט איצט געוויינט שטיל און פון גאַנצן האַרצן:

—פאַרשטיי זשע, סאַשע... דאָס זענען דאָך חיות!... זיי האָבן דאָך קיין שום רחמנות נישט געהאַט...

—כ'פאַרשטיי, איך ווייס... אָבער מען מוז צו־וואַרטן ביז אינדערפרי... אפשר וועלן זיי אַרויסגעבן די באַנדיטן.

—אַרויסגעבן!?—מישקע האָט אויסגעקרומט די ליפּן—אַז אַלע... אַלע זענען פּאָגראָמטשיקעס, וועמען זשע וועלן זיי אַרויסגעבן?...

—אָבער וואַרטן מוז מען... זאָלן זיי כאָטש וויסן, פאַרוואָס זיי קומען אום...

דאָס האָט געווירקט. מישקע האָט דעם לעצטן מאָטיוו פאַרשטאַנען און דערפון באַקומען כח צו באַהערשן זיין אומגעדולד.

—גוט. נאָר מאָרגן אינדערפרי, אויב זיי גיבן נישט אַרויס די באַנדיטן, איז— — —אַ טויט אויף דעם גאַנצן דאָרף!...

* * *

דערווייל איז מישקע מיט נאָך אַ צען באַוואָפנטע אַוועק אויפזוכן דעם גלחס און לערערס שטובן.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, פון אַלע געסלעך האָט זיך געטראָגן אַ וואָיען פון הינט, וואָס האָבן זיך געשראָקן און עפּעס בייזעס אָנגעזאָגט, פון שטאַלן האָט זיך געטראָגן אַ שנאָרכן פון אומרואיקע פערד און בהמות און ס'איז געווען אַזוי שטיל אין די געסלעך, אַז עס האָט זיך געדאַכט: אויגן קוקן פון אַלע שפּאַרעס.

זיי זענען צוגעקומען צום גלחס הויז. אַ הונט האָט זיך שטאַרק צעהאַווקעט. האָט מישקע מיט פאַרדרוס אויסגעשאָסן פון זיין רעוואָלווער. האָט זיך דער הונט מיט אימפּעט צעקוויטשעט און, ליאַרמענדיק, ערגעץ פאַרשוואונדן. דאָס טירל איז געווען פאַרמאַכט, מישקע האָט נישט געהאַט קיין געדולד עס אויפצומאַכן, האָט ער נאָר אין דעם אַ שטאַרקן זעץ געטאָן מיט דעם פוס און דאָס קיטל איז דאָרט אַראָפּגעשפּרונגען מיט אַ קרעכץ.

ווען ער איז אַריין אין גערטל, האָט ער דערהערט אַ שושקע־ריי און דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ שטים:

—ווער איז דאָרט?

—און ווער זענט איר? העי! סוואָלאָטשי!

ס'איז דאָרט געוואָרן אַ גערודער און מישקע האָט געשריגן:

—סטאָי! סטאָי!

מען האָט אָבער דאָרט גענומען לויפן. מישקע האָט אָנגעהויבן נאָכשיסן, אַ פּאָר שאָסן האָבן געענטפערט. דאַן זענען אַלע געפאַלן אויף דער ערד און אָנגעהויבן אַ שיסעריי. זיי האָבן געשאָסן און נישט געהערט, ווי אין שטוב איז געוואָרן אַ גערודער, און פון הוילקייט האָבן אָפּהילכן געענטפערט, ביז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז יענע זענען שוין אַנטלאָפן און ענטפערן נישט. זענען זיי אויפגעשפּרונגען, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן צוגעלאָפן צום הויז, געהאַרט אַ ווײַלע, דערנאָך אויפגעריסן אַ טיר.

דרויסן זענען געבליבן שטיין עטלעכע אויף דער וואַך. מישקע, בנימקע און קאָזע זענען אַריין. זיי האָבן געטראָפן אַ ליידיק צימער. מישקע האָט געשפּאַנט פּאָרויס מיטן רעוואָלווער אין האַנט:

—ווער איז דאָ פאַראַן?

נאָר מיט אַמאָל האָט זיך דאָרט געעפנט אַ טיר. געעפנט פון אַ שטויס, וואָס מען האָט אין איר געגעבן מיט אַ פוס. אַ פּאַס ליכט האָט זיך אַרויסגעגאָסן און איבער פּאָדלאָגע זיך קרום געלייגט און ס'האָט זיך דערהערט אַ קרעכצן.

מישקע איז אַריין, געבליבן שטיין דערשראָקן: אויף דער ערד זענען געלעגן געבונדענע רויטע אַרמייער, דאָס האָט איינער פון זיי מיט דעם פוס די טיר אויפגעקלאַפּט. אַלע זענען געווען שטאַרק צעשלאָגן און זיי האָבן געקרעכצט פון ווייטאָק. איינער נאָר, אַ געזונטער מאַטראָז, האָט געשוויגן, אויף זיין פּנים זענען געווען צייכנס פון קלעפּ.

—ווער זענט איר?

—אָך! חברים! ראַטעוועט!

מען האָט זיי באַלד אויפגעבונדן. זיי זענען אָבער געווען אַזוי מיד און צעשלאָגן, אַז זיי האָבן זיך שווער אויפגעזעצט.

—וואָס איז דאָ?

-דאָ... האָט מען אונז צונויפגענומען... געשלאָגן, חבר... עך, ווי געשלאָגן... איבער הענט און פיס...

—דאָ וואוינט דער גלח?

—ער איז אָבער אַוועק... אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן... גע-הערט הינטערן פענצטער...

און דאָס, וואָס דער גלח איז נישט געווען, האָט מישקען איצט הנאה געטאָן: איצט האָט ער אָנגעהויבן קלאָר צו פילן, אַז דאָס גאַנצע דאָרף איז שולדיק. און— — —אַך! וועט ער זיך נוקם זיין!... זיין תאוה צו נקמה איז געווען אַזוי פאַר-שאַרפט, אַז זי האָט זיך געגרענצט מיט שגעון און ער האָט געלעכצט נאָך איר... מיט אומגעדולד בעוואַרט אויפן מאָרגן.

מען האָט דורכגעזוכט דאָס גאַנצע הויז, קיינער איז דאָרט נישט געווען. אַן אַלטער סטרוזש איז געשלאָפן אין אַ קעמערל—ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון אים און נאָר געענטפערט, אַז ער ווייסט גאָרנישט. דער גלח איז געווען, וואו ער איז איצט, ווייסט ער נישט. מסתם אַנטלאָפן... און מער האָט מען פון אים נישט געקאָנט דערגיין. די צעשלאָגענע זענען שווער געקומען צו זיך. מען האָט זיי דערלאַנגט וואַסער און אָפגעשיקט אין מאַרק אַריין. מישקע און די באַוואָפנטע זענען אַוועק זוכן דעם לערער. נאָר אויך דאָרט האָבן זיי גע-פונען אַ ליידיקע שטוב.

— — — — — — — — — — — —

עס האָט געטאָגט.

דער הימל איז געוואָרן מאַט און פאַרלאָשן, ווי אַ טונ-קעלע הויט וואָלט זיך איבער אים איבערגעצויגן, דערנאָך האָט זיך די הויט אָפגעשיילט און ס'איז געוואָרן גרוי—דערנאָך האָט די גרויקייט אָנגעהויבן בלייכן... ווען מישקע איז צוריקגעקומען אין מאַרק, האָט שוין דער קלויסטער געקוקט אַ בלייכער און אַ פרעמדער, ווי ער וואָלט דאָס פון דער נאַכט אַרויסגעקומען,

קוקט ער אויפֿן מאַרק און דערקענט אים נישט, מיט די פֿרעמדע באַוואָפֿנטע מענטשן.

עס איז געוואָרן אַ גערודער. די גרופּעס, וואָס האָבן געדרימלט און געשנאָרכט ליגנדיק אויף דער ערד, האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט און מען האָט זיך גענומען גרייטן, רייטערס זענען אַרויסגעלאָפֿן צו די פּיקעטן, און צוריקגעלאָפֿן מיט מיטטיילונגען. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז בײַנאַכט האָבן עטלעכע געוואָלט אַרויס פֿון דאָרף, נאָר די פּיקעטן האָבן געעפֿנט אַ שיסערײַ און זיי זענען צוריק אין דאָרף פֿאַרשוואונדן.

איצט איז מישקע געווען דערפֿרישט גאָכן וואַשן זיך בײַ אַ ברונעם. איז ער געזעסן אויף זײַן פֿערד און אָפּגעגעבן באַפֿעלן. אַלע זענען שוין געווען אין אָרדנונג און די פֿורן זענען אַרויס פֿון דאָרף. מיט אַמאָל האָט זיך פֿון אַ געסל אַרויס באַוויזן אַ בלייכער בחור, דאָס איז געווען דעם מיידלס ברודער. ער איז צוגעלאָפֿן אָן אָטעם, האָט עפּעס געוואָרפֿן מיט ווערטער, ביז דאָס מיידל האָט זיך געגעבן אַ זעץ אויף און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי—האָט ער זיך געוואָרפֿן אויף דער שוועסטער און ביידע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. מיט אַמאָל האָבן זיך באַוויזן נאָך יידן מיט ווייבער און קינדער, זיי זענען אַרויסגעקומען פֿון ערגעץ בלייכע, מיט שטייענדיקע אויגן און געקוקט מיט חשד.

מישקע האָט אויסגערופֿן:

—אַלע יידן, אַלע, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, זאָלן אַרויסקומען פֿון זייערע באַהעלטענישן! אַלע! מיטנעמען זייערע נויטיקסטע זאַכן... מיר וועלן זיי אָפּשיקן קיין אָדעס!

ס'איז געוואָרן אַ געשרייערײַ, יידן זענען געלאָפֿן אין די געסלעך אַרײַן און עס האָבן גערופֿן קולות:

—קומט אַרויס! קומט אַרויס!!!

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג. צעשראָקענע, פֿאַרשוואַרצטע און אָפּגעריסענע, זענען יידן געקראָכן פֿון פֿאַרבאָרגענע ערטער און דאָרט, טיף אַראָפּ אין דאָרף, איז עפּעס טומלדיק געוואָרן; פֿון אונטער פּלויטן האָבן זיך קעפּ אַרויסגערוקט און אויגן האָבן נאָכגעשפּירט.

די יִידן האָט מישקע אַרויסגעשיקט מיט איינעם פון זיינע צו די פורן. אַרויס פון דאָרף. זיי האָבן געטראָגן פעקלעך אויף די פּלייצעס און געגאַנגען טרויריק און אויפגעלייגט. און מיש-קע מיט פעלדמאַנען האָבן זיך געלאָזט אַראָפּ אין די גומנעס, מיט זיי — אַ גרופּע אויף די פערד.

—העי! איר באַנדיטן דאָרט! קריכט אַרויס אויפן גאַס! ס'וועט גלייכער זיין!

ס'איז שטיל געווען.

—קומט אַרויס בעסער! מיר זענען אייך מתרה!

פון די שטיבלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן דאָרט און דיקע פויערים, יונגע, אַלטע, צעטומלטע און רואיקע. דער-זען די קליינע גרופּע פון אַ פופצן מאַן, זענען זיי דרייסטער געוואָרן און באַלד איז אַרויס גרופּע נאָך גרופּע. זיי זענען אַרויס פון שייערן און שטובער, פון גערטנער און הויפן.

מישקע האָט געזען, ווי זיי פּאָרקען זיך ביי די גערטנער, באַהאַלטן דאָרט עפּעס, נאָר ער האָט געשוויגן.

—הערט אויס! אַ שרעקלעכע זאַך האָט איר אָפּגעטאָן... איר האָט געהרגעט און פאַרברענט אומשולדיקע מענטשן...—האָט פעלדמאַן אָנגעהויבן רעדן צו זיי—איר האָט געבונדן רויטע-אַר-מייצעס און אויפגעהייבן אַ בונט, אַ מרודה קעגן דער מאַכט פון אַרבעטער און פויערים...

ס'איז שטיל געווען:

—הערט זשע! איר בלינדע און פאַרפירטע. דאָס טרעט איר דאָך אַרויס קעגן זיך אַליין! די שליחים פון די פּריצים, וואָס ווילן אייך צוריק פאַר קנעכט מאַכן, די ערד צונעמען, האָבן אייך אָפּגענאַרט.

ער האָט גערעדט פשוט און פאַרשטענדלעך, האָט זיי גע-מסורט, און ווייל ער האָט גערעדט צו זיי אַזוי ווייך, איז דער המון אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן. האָבן זיי געקוקט מיט אַ שמייכל, האָבן געגלויבט, אַז די פרעמדע האָבן מורא ווייל זיי זענען ווייניק. און מיט אַמאָל האָט איינער אויסגעשריגן:

—ווער ביזטו, וואָס קומסטו אונז לערנען?

—איך בין פון דער מאַכט געשיקט. און איך בין געקו-

מען קען מתרה זיין: גיט ארויס די באנדיטן, גיט ארויס די כוליגאנעס, די העצער, גיט ארויס די אגיטאטארן, די פאגראם-שטשיקעס!

—זשיד!

—קאמוניסט!

—נידער מיט אים!

—א טויט זיי!

מישקע האט איצט שטארק באוועגט מיט די נאזלעכער און געפילט, ווי זיין אטעם איז הייס און ברייט זיינע ליפן. ער האט שוין געוואוסט דעם ארויסגאנג פון דעם, וואס עס וועט געשען און געדולדיק געווארט.

איינער האט א רעווע געטאן!

—א טויט די זשידעס, די קאמוניסטן! נעמט זיי!

א שאס האט דורכגעשניטן די ליידיקייט.

פעלדמאן איז בלייך געווארן, א סוויסטש פון א קויל איז דורך פאר זיין פנים. ער האט א צי געטאן זיין פערד אויף צוריק.

אין המון האט אויסגעבראכן א טומל:

—זיי ציען אפ!

—א קליינע גרופע!

—א טויט זיי!

עס איז געווארן א שיסעריי, מישקע האט ארויסגעצויגן דעם רעוואלווער. זיך א ריס געטאן מיט זיין פערד, גיך זיך באטראכט און אויסגעדרייט מיטן פערד. עס איז געווארן א שי-סעריי און עס האט אנגעהויבן דונערן מיט שטיינער, אין קני האט ער באקומען א שטארקן זעץ, א שטיין ווייזט אויס, און אט, האט זיך בנימקע א שאקל געטאן און געפאלן פון פערד, א צווייטער האט ארויסגעלאזט א קרעכץ, זיך געכאפט פאר א האנט. צוגעפאלן מיטן פנים צום פערדס רוקן. עס איז געווארן א לוי-פעריי, זיי האבן זיך צוריקגעצויגן פון דארף שיסנדיק ארומער זיך, דער מארק איז שוין געווען ליידיק און אז זיי האבן זיך געהאט ארויסגערוקט פון דארף אונטער א האגל קוילן און שטיי-נער, האט פעלדמאן א זאג געטאן:

—מישקע, ביזט קאָמאַנדיר, טו וואָס דו ווילסט!

האָט זיך מישקע אַ ריס געטאָן מיט זיין פערד, אַוועק צו די האַרמאַטן; יאַשקען אַוועקגעשיקט צו די קוילנוואַרפער, האָט אָנגעהויבן שרייען און באַפעלן. די פויערים האָבן פון גאַס גע-שאָסן, און—מיט אַמאָל האָבן די קוילנוואַרפער אָנגעהויבן „שטעפן".

צווישן די פויערים אין דאָרף איז אַ צעמישעניש געוואָרן: עס האָט זיך דאָרט אויפגעהויבן אַ רעש און שרעקלעכע קולות. האָט מען זיך געלאָזט צו דער צווייטער זייט דאָרף, נאָר מיט אַמאָל האָט זיך אויך פון יענער זייט אָנגעהויבן אַ שיסעריי פון קוילנוואַרפער און ביקסן.

דאָס צעטומלעניש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שגעון: פויערים האָבן אָנגעהויבן וואַרפן די ביקסן און לויפן זיך באַ-האַלטן. זענען זיי געלאָפן איינער איבערן אַנדערן, האָט איינער דעם צווייטן איבערגעשריגן. נאָר מיט אַמאָל האָט דער קלויס-טער-גלאָק אָנגעהויבן קלינגען און צוריק זענען די פויערים אַרויס מיט טומל אין גאַס, זיך אָנגעהויבן גרייטן. פּלוצלונג האָט אַ שווערער דונער זיך דורכגעקייקלט אין ליידיקייט, עפּעס אַ שווערעס האָט אָן אַ דאַך אָנגעשלאָגן, האָט ער זיך צעריסן מיט אַ גוואַלדיקן אויפ-ברוך און זשומעריי און עס האָט אַ פייער-צונג אַרויסגעביזעוועט.

נאָר דער קלויסטער-גלאָק האָט געשטורמט און אַ מחנה אַ ווילדע האָט זיך געוואָרפן מיט אַ שיסעריי פון מאַרק, מישקע איז בעשטאַנען אַ צעקאָכטער אונטער די האַרמאַטן און געשריגן!

—פּלי!

עס האָט זיך אָנגעהויבן קאַטשען דונער נאָך דונער. עס האָט זיך געבראָכן און געריסן. און די קוילנוואַרפער האָבן גע-שלאָגן אָן אויפהער, דאַן איז מיט אַמאָל דאָרט שטיל געוואָרן. דער לעצטער קלאַנג פון גלאָק האָט געציטערט און עס האָט אַלע ווילדע אַרויסגעביזעוועט וואָלקן רויך נאָך וואָלקן רויך. און די האַרמאַטן האָבן געקלאַפּט זעץ נאָך זעץ, עס האָט גע-ריסן און געטראָגן דעכער, פון אַלע עקן דאָרף האָבן זיך אויפ-געהויבן זיילן רויך, שוואַרצער געדיכטער רויך — — —

מישקע האָט טיף געאָטעמט. ער האָט געזען, ווי דאָס גאַנ-צע דאָרף ברענט, ווי עס פליען דעכער, ווי עס גרילצט שגעון און פאַרלאָרנקייט, נאָר ער האָט אַלץ געשריגן: — פּלי! פּלי!

אַ ילָלה איז אויפגעגאַנגען פון צווישן רויך און פלאַמען און די פיסקעס האָבן געשפּיגן שווערע פליענדיקע שטיקער, וואָס האָבן אין רויך און העלע פלאַמען געשפּריצט און געריסן.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך צונויפגעגאָסן אין אָכצנדיקע פלאַמען, און איצט איז שוין דאָרט שטיל געוואָרן די ילָלה. דער רויך האָט זיך געצויגן פון דער ערד שוין, געצויגן פון אַלע זייטן און אין דער הויך זיך צונויפגעגאָסן אין אַ שרעק-קלעכן וואָלקן. האָט עס אויסגעזען אַז אַ שטיק פעלד ברענט.

פון רויך אַרויס האָבן זיך משוגענע געריסן, געלאָפן, גע-פאַלן און ווידער געלאָפן, נאָך זיי האָבן זיך געיאָגט סוויסטשן פון קוילן, אין אַ טייל זיך אַריינגעדרילעוועט און זיי צו דער ערד געוואָרפן, האָבן זיי זיך צו הייסער ערד געטוליעט, אַ טייל האָבן זיי אויסגעמיטן און יענע זענען ווייטער אויף פעלדער אין שגעון געלאָפן.

מישקע האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט באַרואיקן:

—אַ! נאָר איר קענט? מיר קענען אויך! פלי! פלי!

די האַרמאַטן האָבן געשפּיגן מיט פייער און רויך און דאָס דאָרף איז שוין נישט געווען. פון דער ערד האָט זיך געצויגן דער רויך און פון ווייטן האָט געוואונקען בלויע לופט מיט זון פאַרגאָסן און אַהער אין רויך אַריין נישט געקאָנט קומען.

—פלי! פלי!

מישקע האָט צוגעמאַכט די אויגן פון מידקייט האַלטנדיק דאָס ציימל פון פערד און געטאָמט טיף און שווער...

* * *

קאַפּיטל זיבן

אַ שרעק איז די דערפֿער באַפֿאַלן. די צעווילדעוועטע באַנדעס האָבן אַ ציטער געטאָן, די שווערע מחות האָבן אויפגעשוידערט, ווי אַ רויטע פֿייל האָט די לופֿט דורכגעשניטן אַ גרוילעדיק וואָרט, וואָס האָט מיט פחד זיך צו די אויגן דערטראָגן:

—מען ברענט די דערפֿער!

נאָך דעם ווי פֿון מישקעס פֿאָלק זענען עטלעכע געפֿאַלן, איז דער האַס און די נקמה געוואָרן האַרט און פֿאַרגליווערט און מיט רואיקער שרעק געקוקט פֿון אַלעמענס אויגן. איצט האָט זיך דער פֿאָלק געצויגן פֿון דאָרף צו דאָרף און יעדעס דאָרף האָט זיי איצט הכנהדיק אויפֿגענומען. פֿריי און גליקלעך האָבן זיך געפֿילט די דערפֿער, וואָס זייערע הענט זענען פֿון בלוט ריין געוועזן און אַ שוידער האָט זיך דורכגעטראָגן דאָרט, וואו פֿון נידעריקע שטיבלעך האָט געשריגן שטאָטיש מעבל מיט איינגעזאַפּטע בלוט-פֿלעקן פֿון אומגליקלעכע...

אין יעדן דאָרף האָט מען אַרויסגעגעבן אַ קורצן באַפֿעל:

„אין פֿאַרלויף פֿון 24 שעה זאָל דאָס דאָרף אַרויסגעבן די באַנדיטן און פּאָגראָמשטשיקעס, אויב נישט וועט דאָס גאַנצע דאָרף זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך".

האָבן זיך דאָרפֿסלייט צונויפגענומען, שטילע פֿאַרחמעוואַטע פּויערים האָבן אין זומערדיקע פֿאַרנאַכטן אַ „סכאָד" גערופֿן און פֿעלדמאַן איז געקומען. האָט ער גערעדט הויך, רואיק, היימיש, האָבן פּויערים זיך צוגעהערט, מיט אָפֿענע אויגן און שטילע פּנימער. פֿעלדמאַן האָט פֿאַר זיי ערקלערט, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס ברענגען אום אומשולדיקע מענטשן. ווערן ווילד ווי חיות און דעזאָרגאַניזירן דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן און דערמיט שוואַכן זיי אָפּ די אַרבעטער און פּויערים. אין דער בהלה קומט צוריק די קנעכטשאַפֿט פֿאַר די געפּלאָגטע אַרבעטער-פּויערים. די פּאָגראָמשטשיקעס ברענגען מהומה און נאָך מהומה גייט דער פּריץ, וואָס

וועט צוריק די ערד אָפּנעמען, גייט דער גענעראַל מיט דעם גראַדאָוואַי וואָס וועלן די פּויערים שמייסן...

„אָט זענען דאָך דייטשן געווען, וואָס האָבן די פּריצים דאַן געטאָן מיט אייך?—געשמיסן! ווער האָט אייך די ערד געגעבן?—די ראַטן-מאַכט! זיי שטייען אויף קעגן דער ראַטן-מאַכט, וועלן זיי דעם פּריץ מיט דער „נאַגייקע" ברענגען!"

האָבן פּויערים אויסגעהערט. צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ביז איינער האָט אַ זאָג געטאָן:

—ס'איז דען נישט ריכטיק?

—נאָך ווי ריכטיק!

—הייליקע ווערטער...

—זאָל מען זיי אַרויסגעבן!

—אַרויסגעבן!

—אַרויסגעבן!

איז געוואָרן אַ רעש, אַ טומל, געשרייען און ליאַרמען. האָבן זיך פּויערים צעלאָזט אין אַלע זייטן דאָרף און געשרייען און אויסרופן האָבן זיך פון געסלעך געטראָגן, און געוויינען און קווימשערייען פון פּויערטעס האָבן זיך געריסן, און פון פאַרשידענע געסלעך האָט מען זיי געבראַכט צופירן מיט הענט אויף פּלייצעס פאַרבינדן. פאַרטעמפּטע ווייסע פּנימער, מיט וואונדער און פאַרביסנקייט האָבן זיי געקוקט און די אויגן זענען געשטאַנען קיילעכדיקע, צעשראָקענע און אַרויסגעזעצטע. און ווען די באַנדיטן זענען שוין אַלע געווען אויפן פּלאַץ, האָט זיך מישקע מיט אַן „אָטריאַד" באַוואוזן, זיי אַרומגערינגלט און פעלדמאַן האָט ערקלערט:

„איר, אַליין אָרימע, צעבראָכענע, האָט פאַראַטן די אינטערעסן פון אייערע אייגענע ברודער, איר האָט אומגעבראַכט אומשולדיקע מענטשן כדי צו ערפילן די שליחות פון די שוואַרצע רעאַקציאָנערע כחות, כדי אַזוי אַרום אונטערצורייסן די מאַכט פון אַרבעטער און פּויערים און איבערענטפערן אייגענע ברידער אין די הענט פון בורזשויען און פּריצים. דערפאַר זאָל דאָס פאָלק אַליין אייך משפּטן".

און האָט זיך געווענדעט צום סאָלדאַט:

—וואָס זשע דאַרף מען טאָן מיט די שונאים פֿון אַרבעטער פֿאָלק? וואָס זאָל מען טאָן מיט די פֿאַרעטער פֿון די פּוירים און אַרבעטער, מיט די רוצחים און מערדער פֿון אומשולדיקע קינדער? מיט די—וואָס האָבן זיך פֿאַרקויפֿט צום טייוול, צו אונזערע שונאים?

—טויטן!

—אומברענגען!

האָט מען זיי אַלע צוגעבונדן צום פֿאַרקן. מיט שטריק געוויקלט אַרום זייערע בייכער און הענט—יענע האָבן געהאַט אַרויסגעזעצטע אויגן, האָבן געשלאָגן מיט די ציין און געוועז פֿאַרכליניעט ווי זיי וואָלטן זיך געשטיקט. אַ שרעקנגע באַוואָפֿנטע האָט זיך אויסגעשטעלט אנטקעגן, אַרויסגעלאָזט אַזאַלפֿ, אַצווייטן, עטליכע אויסגעשרייען האָבן זיך צעריסן, בייזע אָכצן האָבן געדרעוועט, און—די באַנדיטן זענען געבליבן נעבן פֿלויט מיט געזינקענע קעפּ און אויסגעבויגענע אַקסלען, די פֿיס האָבן זיך געבויגן און געבליבן פֿאַרשטאַרט מיט אַרויסגעשטעלטע שפּיציקע קניען און נאָר די שטריק האָבן זיי פֿון די שטאַכעטן נישט אָפּגעלאָזט...

און געטראָפֿן האָט: דאָס דאָרף איז געבליבן שטום און געענטפֿערט מיט שוואַרצער שנאה פֿון אויגן, מיט ציין-קריצערײַ און אָפּט מיט אויסשאָסן און שטיינער—דאַן האָט מישקע פֿאַרשטאַנען, אַז צופֿיל שוין זענען די באַנדיטן אין פּאָגראָמשטשיקעס און דעם דאָרף. האָט ער עס אַרומגערינגעלט, זיך נאָכגעפֿרעגט ביי דורכפֿאָרענדע, זיך דערוואָוסט אַז דאָס גאַנצע דאָרף כמעט האָט אַנטייל גענומען אין פּאָגראָם פֿון נאָענטן שטעטל, אַז אַלעמענס הענט זענען אין בלוט איינגעשמירט—האָט ער זיך מיט ווילדער תּאווה אַוועקגעשטעלט אונטערן דאָרף ביי די האַרמאַטן און גערופֿן:

—פֿלײַו פֿלײַ!

אין געשטאַנען איז ער רואיק און געזען ווי דאָס דאָרף ווערט צעריסן. ווי עס פֿליט דאַך נאָך דאַך ס׳הייבן זיך אויף זיילן רויך נאָך זיילן רויך, ברעכט עס אין עס ציטערט און בויערט הויז און ערד, און ער האָט אַלץ גערופֿן:

—פֿלײַ! פֿלײַ!

ביז—פון גאַנצן דאַרף האָט איין צענויפגעגאָסענע כוואַליע רויך געשלאָגן און ביז דער ערד האָט דער רויך דערגרייכט—
אַזוי האָט זיך דער פּאָלק באַוועגט. זיך אָנגעשטויסן אין באַנדעס, דורכגעמאַכט שלאַכטן בײַ וועלדער, אין אונטער זיך איבערגעלאָזט שטילקייט, חרטה אין שטילע תפלות... פאַר זיך—געטריבן שרעק אין נקמה. און נישט גערוט האָט מישקע, ער האָט שטאַרק געשוויגן אין די טעג און געטראַכט פון עפּעס אַזוינס שרעקלעכס, פאַר וועלכן ער אַליין האָט געציטערט. ער האָט זיך געצויגן אין דער ריכטונג צו קריזשאַפּאָל און קיינעם דערפון נישט געזאָגט. ער האָט געקוקט אין ווייטקייט אין די שטילע פאַרנאַכטן און געזען באַשקעס געשטאַלט. פון די הוילע ווייטקייט האָט זי צו אים געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן און אירע לאַנגע האָר זענען אונטער איר, ווי אַן אויסגעצויגענער שטראָם פון אַ פלאַם פייער באַגלאַנצט, ער האָט זיך נישט גע-חידושט, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז זי טראָגט געשוירענע האָר—אים איז עס געווען פאַרשטענדלעך און ער האָט געקוקט מיט פרומקייט אין פּנים באַוועגנדיק זיך לאַגזאַם אויף זיין פערד... מיט אַמאָל האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט פון ווייטאָק—עפּעס אַ האַנט האָט דאָרט די האָר אָנגעכאַפּט... באַשקעס ציט דעם קאָפּ מיט אַלע כחות אויף פאָראויס נאָר אָט אָט ווערט זי איינגאַנצן מיד און לאָזט נאָך דעם קאָפּ. איבערן האַלז בלאַנקט אויף אַ מעסער. „דודקע, ראַטעווע!"

ער האָט אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער און עס איז אים געוואָרן אַזוי שווער אויפן האַרצן, ווי עפּעס שווערעס וואָלט זיך דאָרט געטוליעט. ער האָט אָנגעהויבן אָטעמען שווערער און האַסטיקער, האָט שטאַרק אויפגעריסן די אויגן, „געלאָזט" שפּאָרן דעם פערד און זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס...

—העי, וואו לויפסטו?—האָט אים פעלדמאַן צוגעשריגן.

מישקע האָט איינגעהאַלטן דאָס פערד, זיך צוריק אויסגע-גלייכט מיט פעלדמאַנען:

—מען דאַרף אויפזוכן די חברים!

—אַ?! וואו זשע זוכט מען זיי?

—ס'איז נאָך ווייט קיין קריזשאַפּאָל!

—מיר זענען גאָר נאָענט צו ראַזדיעלנע.

מישקע האָט זיך פאַרוואונדערט, האָט אַווילע געקוקט מיט וויטאָק און געשוויגן.

—לאָמיר זיך נעמען אויף קריזשאָפּאָל... איך האָב מורא פאַר זיי...

—היינט פאָרן מיר צו צו ראַזדיעלנע... אויב ס'איז נאָר רואיק, וועלן מיר זיך מאָרגן לאָזן צו קריזשאָפּאָל... קאַטאָווסקעס אַטריאַדן געפינען זיך אין יענעם ראַיאָן...

מישקע האָט שוין געשוויגן. די פערד האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט. דער פאַרנאַכט איז געווען שטיל און אָן אַ ווינטל און פון הוילער וועלט און צייטיקע פעלדער האָט עפּעס אַ טרויריקע בענקשאַפט געכוואַליעט צו מישקעס האַרץ, וואָס האָט זי ווי אַ שוואָם איינגעזאַפט.

פון וויטן האָט געבלייכט אַ העלער וואָקזאַל און דער פאָלק האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן זינגען שטיל און טרויריק, אַלע זע-נען געווען פאַרזונקען אין טרויריק שווייגן און נישט געוואָגט אַרויסצוהילכן מיט שרייענדיק געזאַנג...

* * *

דער פאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן גרויסן הויף פון ראַזדיעלנער רעווקאָם. דער רעווקאָם איז געווען אין אַ גרויסער געביידע, וואָס איז מיט איין זייט געשטאַנען צו אַ גאָרטן און פאָרנט איז געלעגן אַ גרויסער טונקעלער פאָדוויר. אין דער זעל-בער געביידע האָט זיך אויך געפונען דער אָרטיקער טשעק״א. זיי האָט אויפגענומען דער פאָרזיצער פון רעווקאָם. אַ הויכער דאַרער שייגעץ מיט שוואַרצע שטיוול און שפּאָרן. אויפן הויף האָבן זיך צושטעלט די האַרמאַטן מיט די וועגענער, די פערד האָט מען אַריינגעפירט אין שטאַלן און די מענטשן האָבן זיך צעגויפגענומען אין אַ גרויסער ליידיקער קאַזאַרמע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. מען האָט געקאָכט טיי און מיט אַמאָל האָט מען אָנ-געהויבן אַריינטראָגן זעק מיט ברויט, קאָנסערוון און וואורשט. איז מען געוואָרן אויפגעלייגט, האָט מען אויסגעטאָן די היטלען,

און עס איז געוואָרן אַ רעדעריי, אַ שרייעריי און אַ גערודער. מישקען מיט פעלדמאַנען האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער אין דער געביידע פון רעווקאָם און טשעק״א

מישקע איז געווען מיד און אויך געפילט אַ פרעמדן ווייטאָק אין האַרצן. דאָס איז געווען נישט סתם אַ ווייטאָק נאָר אַ ווייטאָקדיקע שרעק, וואָס האָט זיך דאָרט איינגעקנוילט און געשפּאַרט אין אַלע זייטן און ער האָט געוואַרט אויף עפּעס גרוילעדיקס. נישט ווייסנדיק אויף וואָס אַזוינס. דערפאַר האָט ער געשוויגן און כמעט נישט געהערט, וואָס פעלדמאַן דערציילט פאַר חברים.

פעלדמאַן האָט געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טוזשורקע און געבליבן אין בלויזן קאָפּ מיט אַ צעשפּילעטער בלויזע. איצט איז זיין האַלז און פּנים געווען פאַרשוואַרצט און פאַרשטויבט און נידעריקער אונטער צעשפּילעטער בלויזע האָט געבלאַנקט העלקייט און דער שטערן, וואָס איז געווען אונטערן היטל פאַרבאָרגן, האָט איצט געבלייכט, ווי איבערגעצויגן מיט אַ העלן לייבקאַליר-פּאַס. ער האָט גערעדט ערנסט און מיט אַ שטילער קול, דערציילט פון איבערגעלעבטע צוזאַמענשטויסן און שלאַכטן און מיט טרויריקע אויגן באַדויערט דאָס פינצטערניש פון די פּויערישע מאַסן.

מישקע האָט זיך געהאַט אויסגעצויגן אויף דער קושעטקע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, זיך נישט צוגעהערט צו זיינע רייד און אַלץ געפילט דעם ווייטאָק אין האַרצן. אים איז אויסגעקומען אַז סוף כּל סוף, וועט ער פאַרשפּעטיקן... עפּעס גרויזאַמעס געשעט ערגעץ און ער—ליגט דאָ אויפן קושעטקע...

איז ער אויפגעשטאַנען, אַרויס הויפן הויף. ס׳איז געווען אַ בלויע טונקעלע נאַכט. האָט ער שטאַרק טיף אויפגעאָטעמט און געגעבן אַ קוק צום הימל, געזען ווי דאָרט ווינקען שטערן און אַ טראַכט געטאָן: עס וועט דאָך טאָג ווערן... דערנאָך זיך צוגעהערט צום שנאָרכן פון די פערד אין די שטאַלן און צום קייען פון געזוטע ציינער אין פרישער גרינער „קאָנשינע״. עס האָט זיך געקייט אַזוי זאַפטיק און אָטעמנדיק... דערנאָך איז

ער צוגעגאַנגען צום טויער, זיך איבערגערופן מיט די „דעזשור־נעס" און צוריק אַריין אין צימער.

—איצט לאָמיר גיין זיך אַרומוואַשן—האָט פעלדמאַן פאַר־געלייגט.

—קום... קום...

די איבעריקע, די אָרטיקע, זענען אַרויס מיט זיי אויפן הויף. זיי דורכגעפירט צום פּלומפּ. צום ערשטן האָט פעלדמאַן אונטערגעשטעלט די הענט און איינער האָט געפּלומפּעוועט. ער האָט זיך געוואַשן און שטאַרק געאָטעמט. דערנאָך איז מישקע צוגעגאַנגען, האָט אַרונטערגערוקט, דעם קאָפּ אונטער דעם פּלומפּ און דאָס וואַסער האָט רעשיק און שטראָמיק געשלאָגן איבער האָר און אויערן. פאַרגאָסן אויגן און נאָז און מישקע האָט אַזש געזיפּצט פון דער פרישקייט און גערופן:

—נאָך... נאָך!... שטאַרקער!

יענער האָט שנעל געפּלימפּעוועט און דאָס וואַסער האָט געברויזט און געשריגן אין ליידיקער פינצטערניש אַריין. מישקע האָט געשאָקלט דעם קאָפּ אונטערן וואַסער און געפילט ווי עס ווערט אים גרינגער אין פרישער, בשעת מעשה איז אַפילו די שרעק אַוועק פון האַרצן.

אַריינגעקומען צוריק איז ער שוין אַן אויפגעלייגטער און געלאַכט:

—עסן ווילט זיך... אַ פערד מיט פּאָדקעוועס וואָלט איך אויפגעגעסן!

—און שלאָפן! אוי שלאָפן!—האָט פעלדמאַן צוגעגעבן.

—און מאָרגן—קיין קריזשאָפּאָל!?—האָט מישקע זיך דער־מאָנט.

—קיין קריזשאָפּאָל!

מען האָט אַריינגעבראַכט שוואַרץ געדיכט ברויט, אַ פּאָר הערינג, קישקע, און אַז מישקע האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיק ברויט, האָט דער נידעריקער געזונטער שייגעץ, וואָס האָט געטראָגן אַרויפגעקעמטע לענגערע ביִאָנדע האָר אַ זאָג געטאָן:

—„פּאָסטאָי! בראַט!"

האָט זיך איינגעבויגן און פון אַ ווינקל אַרויסגעשלעפּט אַ פלאַש בראָנפן.

עס איז געוואָרן אַ פריילעכע שטימונג, מישקע האָט גע־שמייכלט און געטרונקען פון אַ גלאָז, געשוויגן און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, און עפּעס איז אים אויסגעקומען, אַז ער זיצט ביי דער פּישעליכע, עס איז נאָר אומפאַרשטענדלעך, וואָס מען זעט נישט „גיטל די מויד״. איינער האָט אין מיטן רעדן אויס־געריפן:

—נישקשה! מיר וועלן זיי באַקעמפן!

—אָהאָ! ווי די הינט וועלן מיר זיי אויסדישען!—האָט מישקע זיך אָפּגערופן מיט זיכערקייט. אין קאָפּ האָט אים עפּעס געציטערט, אויפן פּנים האָט אַ לייכטע היץ געפלאַמט און ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט אָטעמדיק דורך ברייטגעעפנטע נאָזלעכער.

מיט אַמאָל האָט ער גענומען דערציילן ווי אַזוי ער איז אַריין צום גלח אין שטוב און דאָרט געפונען די „געבונדענע הינער״ און ווי דער גלח האָט געמאַכט פּליטה, ער האָט גערעדט און געקוקט ווי דורך אַ נעפּל. האָט דערציילט רואיק און מיט בייזקייט ווי די פּויערים האָבן אין זיי געשאָסן און ווי די האַר־מאַטן האָבן דערנאָך געשפּילט. דער נידעריקער בלאָנדער האָט געקוקט אויף זיין בלייכן פּנים און ברענענדיקע אויגן און גע־שמייכלט, ווי ער וואָלט אין אים אַ נאָענטן דערקענט. דער הויכער שייגעץ מיט די שפּאָרן האָט געהערט ערנסט מיט שטילע בליקן פון אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט די באַדייטונג פון יעדער טאַט און ווייסט ווי פאַראַנטוואָרטלעך מען איז פאַר אַלעם.

מישקע האָט דערציילט און ס׳איז אים איצט געוועזן לייכט אויפן האַרצן. נאָר מיט אַמאָל איז ער שטיל געוואָרן. פּלוצלונג איז אים מיאוס געוואָרן דאָס דערציילן. ער האָט געזוכט אין געדאַנק אַ פאַרלוירענעם פאָדעם, האָט זיך דערמאָנט אָן באַשקען און עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן, צוריק איז דאָרט אַ קנויל געוואָרן און איבערן פּנים האָט זיך ווי אַ וואָלקן דורכ־געטראָגן און זיך אין די אויגן באַזעצט.

ער איז שוין געזעסן שטיל און געוואָרן אומגעדולדיק. יענע האָבן נעך גערעדט און זיך דערציילט משונהדיקע מעשות

פון דער געגנט פון געכאַפּטע, געשאָסענע, שיסערייען און בונטן, נאָר מישקע האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבן. זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קושעטקע. עפּעס פאַרנעפּלט געפילט און זיך געצויגן פון אומגעדולד און אַלץ געטראַכט, אַז ער פאַרשפּעטיקט...

שפּעטער זענען די פרעמדע אַרויס פון צימער, פעלדמאַן האָט זיך גענומען אויסטאָן, און זיך געזעצט אויף דעם אויפגעשטעלטן פעלד-בעטל קוקנדיק אַ ווײַלע מיט פאַרטעמפּטע אויגן, האָט מישקע מיט אַמאָל אויפגעריסן די אויגן:

—סאַשע?... מאָרגן קיין קריזשאָפּאָל? יאָ?...

—יאָ...

און צוריק מיד די אויגן פאַרמאַכט.

* * *

נאָר צו מאָרגנס, ווען אַלע האָבן זיך שוין געגרייט צום אַוועקגיין. האָבן זיך אויפן הויף באַוויזן צוויי יונגע יודישע בחורים,ביידע האָבן געטראָגן היטלען מיט דאַשקעס און איינער האָט געפינקלט מיט ברילן. נאָך זיי איז אונטערשטעליק געגאַנגען אַ יוד מיט אַ קיילעכדיק בערדל און אין שטיוול. לויט דעם בלייכן פּנים און דינע פינגער, האָט ער אויסגעזען אַשניידער. זיי האָבן ביים טויער נאָך באַוויזן עפּעס אַ פּאַפּירל און איינער אַ טשעקיסט האָט זיי אַריינגעפירט דאָרט אַהין וואו עס איז געזעסן דער נידעריקער בלאָנדער שייגעץ—וואָס האָט געטראָגן אַ פּאַסעק מיט מאַנאַגראַמען און אַ רעוואָלווער ביים זייט.

מישקע האָט זיי נאָכגעקוקט: ער האָט דערפילט אין זייערע פּנימער צושראָקנקייט און די אויגן זייערע האָבן געבלאָנזשעט אַזוי דערשלאָגן, ווי עס וואָלט נאָר וואָס עפּעס גרוילדיקס פּאַסירט. איז ער געוואָרן אָמרואיק, נאָר ער האָט לאַנג נישט געטראַכט דערפון. אויפן הויף איז געלעגן אַקלאָרע און פרישע ליכטיקייט, די פורן זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ רייע, מען האָט אין זיי די פערד געשפּאַנט, די פערד זענען געווען אויסגערוט, אָנגעגעסן און זענען געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע

קעפּ, די פעלן האָבן געגלאַנצט אין געציטערט און פון ציטערדיקע נאָזלעכער האָבן זיך געריסן הירזשערייען, וואָס האָבן זיך גע־קוילערט איבערן הויף אין אויסגעווישט געוואָרן אין ליידיקייט. טייל האָבן נישט געקענט רוען, האָבן געשלאָגן מיט די קאָפּיטעס אויף איין אָרט און געמאַכט לעכער אין ווייכער ערד. און איבער די שטאַרקע פוס זענען געלאָפן קיילעכדיקע גלאַנצן... אַלע ווילע האָט אַ טפּרררוי! דורכגעריסן דאָס הירזשען. און מישקע איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַרויסגעבן באַפעלן—

אַזוי איז ער געשטאַנען און שוין נישט געדענקט אין די אָנגעקומענע. ביז—אַ זעלנער איז צוגעקומען.

—טאָוואַרישטש! דער „פּרעדסעדאַטעל“ בעט.

—אַ?

דער זעלנער האָט אים איבערגעחזרט די זעלבע ווערטער און מישקע האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן די צעשראָקענע פּנימער, האָט שטאַרקער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך געלאָזט מיט גרויסע, פעסטע שפּאַן.

אינעווייניק האָט ער געטראָפן די דריי בלייכע יודן שטאַרק צעטומלטע. פון זייערע אויגן האָט געקוקט נאַכטיקע שרעק. די צוויי יונגערע זענען געזעסן און דער, מיט דער באָרד, איז אומרואיק געשטאַנען: דער נידריקער בלאָנדער שייגעץ, האָט געהאַט אַן ערנסט פּנים אין פעלדמאַן האָט מיט זיי געטענהט.

—אָבער וואָר זענען עס די העצער?

—מיר קענען עס נישט וויסן גענוי—האָט געענטפערט אַ יונגערמאַן — ס'איז שווער אָנצעווייזן, נאָר אַז מען פירט דאָרט אַ שטאַרקע פּאָגראָם-העצע ווייסן מיר. די פּוערים צווישן זיך, שושקען זיך כסדר, מען לאַכט דערביי, ווען מען זעט דורכגיין אַ ייד, עס גרייט זיך גרויזאַמעס, ס'קען זיין אַז היינט מאָרגן זאָל דער פּאָגראָם אויסברעכן.

מישקע האָט זיך נישט געזעצט, האָט איינגעצויגן דעם שטערן און עפּעס אַ טונקעלע בייזקייט האָט זיך אויף זיינע ליפּן צולייגט. איז ער געשטאַנען שטיל און קלאָר יעדער וואָרט גע־הערט.

—מען באַהאַלט זיך שוין גאָרנישט... מען רעדט שוין גאַנץ אָפן—האָט דער מיט דער באָרד געזאָגט מיט אַ וויינענדיק קול—די פויערים זאָגן: „זשידקי, מען וועט אייך אַלע אויס-שחטן... אפילו די קינדער וועט מען צערייסן... און די ערש-טע—די סאָוועטסקע אָנגעשטעלטע"... מען שמועסט, אַז עס זע-נען אַראָפּגעקומען עפּעס פרעמדע פּאַרשוינען, וואָס רעדן אָן צו מאַכן פּאָגראָמען... אין די דערפער טיילט מען פּראָקלאַ-מאַציעס... האָט רחמנות... די סכנה איז נאָענט און גרויס.

—מען מוז באַצייטנס אָננעמען מיטלען—האָט ווידער גע-זאָגט אייגער פון די יונגע.—די כוליגאַנעס אָרגאַניזירן זיך, עס זענען אַראָפּגעקומען אַגיטאַטאָרן, אויב מען וועט באַצייטנס נישט אָננעמען קיין מיטלען, וועט דערנאָך שפּעט זיין.

—איז וואָס זשע קאָן מען טאָן?—האָט דער בלאָנדער שייגעץ געפרעגט—אַז אָנוויַזן קאָנט איר נישט אויף קיינעם?

—מען וואָלט געדאַרפט שיקן אַן אָטריאַד—האָט פעלדמאַן געזאָגט.

—אַן אָטריאַד שטייט דאָרט, מיליציע איז אויך פאַראַן—האָט דער ייד געזאָגט—אָבער וואָס קומט אַרויס, דער אָטריאַד אַליין וועט אַנטלויפן... ווי נאָר זיי וועלן דערזען אַ גרויסע מחנה, וועלן זיי נישט זיין.

ס'איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן זיך פאַרטראַכט און ס'איז געוואָרן שווער און שרעקעוודיק אין צימער. אַ פליג האָט פאַרעקשנט געזשוזשעט און געקלאַפּט אין שויב פון פענצטער. די פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אין שאָטנדיקן גאָרטן און ס'איז אויסגעקומען, אַז דאָרט האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל.

מיט אַמאָל האָט זיך מישקע ווי דערמאָנט און אַ פרעג געטאָן:

—איז וואָס זשע? אַ פּאָגראָם ווילן זיי מאַכן?

—זיי גרייטן זיך שוין צו אים.

—אַזוי? אַ פּאָגראָם? אַנדערש נישט?...

יענער האָט שוין געשוויגן און נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן: ער האָט עפּעס די פראַגע נישט פאַרשטאַנען.

—נו, און אַ טויט קאָן אויף זיי נישט קומען?

—אַז מען ווייסט נישט, ווער זיי זענען!?—האָט דער שיי-געץ געזאָגט.

—און איך וועל זיי געפונען!—האָט מישקע אַ זאָג געטאָן מיט זיכערקייט און געגלאָנצט מיט די אויגן, וואָס זענען מיט ווילדקייט פאַרגאָסן געוואָרן.

—ווי אַזוי?—האָט שוין פעלדמאַן געפרעגט.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נישט געהערט די פראַגע, דערנאָך פעסט און זיכער געזאָגט:

—אַלע, וועל איך זיי געפונען... זאָגט נאָר,—האָט ער זיך געווענדט צו דער דעלעגאַציע—מען ווייסט דאָרט, אַז איר זענט געפאָרן אַהער?

—זאָל גאָט היטן.

—ווייסט מען נישט, הייסט עס, איז גוט...

—אפילו די יידן ווייסן אויך נישט.

—איז גוט... איז גוט...—האָט מישקע געקוקט אין דער ליידיקייט,—איר פאָרט גלייך אַהיים. ס'וועט שוין זיין רעכט... אַ פּאָגראָם ווילן זיי מאַכן?... איך וועל זיי ווייזן, ווי אַזוי מען מאַכט פּאָגראָמען... איר מעגט זיין גאַנץ רואיק... פאָרט אַהיים... אַ? און אפשר... ניין, בלייבט דערווייל דאָ... איר האָט דאָך צייט... גלייכער בלייבט דאָ אויף אַ טאָג... זיי וועלן שוין האָבן אַ פּאָגראָם!

די יידן האָבן געשמייכלט: ער האָט גערעדט אַזוי זיכער, אַז זיי האָבן קיין איין ווײַלע נישט געצווייפלט אין זיינע ווער-טער. פעלדמאַן מיט דעם בלאָנדן שייגעץ האָבן געקוקט פאַר-וואונדערט, נאָר אויך אויף זייערע ליפּן האָט אַ שמייכל גע-שפּילט.

—איר קאָנט גיין אין שטעטל אַריין—האָט מישקע גע-רעדט צו די יידן—גייט און עסט אָפּ און זאָרגט נישט. ס'וועט שוין אַלץ זיין אין אָרדנונג.

איצט האָט ער שוין נישט געדענקט קריזשאָפּאַל, אַ פריי-לעך געפיל האָט אים באַהערשט. דער איינפאַל, וועלכן ער אַליין נאָר האָט דערווייל געוואוסט, האָט אים, ווי באַלויכטן און אין

האַרצן איז אַזוי גרוים געוואָרן, זיינע אויגן זענען איצט געוועזן באַגאָסן מיט העלקייט.

די יידן האָבן געדאַנקט און זענען אַרויס, אָפּאָטעמענדיק פרייער און גרינגער...

* * *

קאפיטל אכט

ס'איז געשטאַנען אַ בלייך כמורנער טאָג איבער בירזולע.

דער מאַרק איז געלעגן שטויביק און הפקר, דער שטויב האָט זיך געטוליעט צו ערד וואַרטנדיק און לעכצנדיק נאָך רעגן און איבערן הימל האָט זיך געצויגן אַ העל-גרוי געפלעקט געוועב. האָט זיך פון הוילקייט געטראָגן עפּעס נישט-פאַרשטענדלעכס און די ווייטקייט האָט גערוישט אין שטילקייט. זענען יידן געשטאַנען ביי די טרעפלעך פון זייערע קלייטן און האָבן געשוויגן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו הערן די אייגענע שטימען. זענען ווייבער געזעסן ביי די שטעלן מיט אוגערקעס און רויטע קאַרשן און האָבן עפּעס אויסגעקוקט. נאָר אַרום איז אַלץ געשטאַנען פאַרגליווערט, די ביימער האָבן שטיל מיט בלעטלעך געוואונקען און נאָר עפּעס אַ באָרוועסער שייגעץ מיט אַ געשטיפּלט פּנים איז זיך געלאַסן אַרומגעגאַנגען און פון זיינע ליפּן און אויגן האָט אַ שפּיציק שמייכעלע געקוקט.

אָט אויף דעם נאַרישן יאַשען האָבן די קלייטניקעס געקוקט מיט גרויס שרעק. יאַשע האָט זיך שטענדיק געפונען אין מאַרק, שטענדיק געגלעט מיט באָרוועסע פיס דעם שטויב און שטענדיק גערעדט הויך, מיט אויסגעצויגענע „אָנ-אָן”. זיין שפּראַך איז געווען קינדיש און זיין שטים—אַ הוילע, אַ ווייטע:

—ווּעסט ברענגען וואַסער, יאַשעַ?
—אָ-אָ! ברענגען! און באַצאָלן וועסטו?
—באַצאָלן.
—אָ-אָ! גיי איך...

נאָר די לעצטע טעג האָט דער שייגעץ עפּעס אויפגעהערט צו רעדן. עפּעס איז ער כּסדר אַרומגעגאַנגען און אין זיך גע-שטיקט אַ געלעכטערל. אַזאַ שפּיציק, דרילעווענדיק געלעכטערל, געקוקט כּיכרע און אָפּט צוגעוואונקען מיט איין אייגל. האָבן יידן דערפאַר געקוקט אויף אים מיט כמורנע אויגן און שוין גאָרנישט געלאַכט.

גייט זיך אַזוי יאַשע אין מאַרק, שטעלט זיך אָפּ, שטעלט אויף דעם באָרוועסן פוס און בויערט מיט דעם גראָבן פינגער אין שטויב. מיט אַמאָל הויבט ער אויף דעם צעשפּאָלטענעם, גלאַנציקן דאַשעק מיט צוויי וואַסערדיקע, גרוי-צעמישטע אויגן און צעכיקעט זיך. כיקעט אָפּ און לאָזט צוריק אַראָפּ דעם קאָפּ.

שטייט יונה-בוטשעס דער שניט-קרעמער, שטייט און קוקט אויף אים. זיינע ברוינע אויגן זענען פאַרצויגן מיט וואונדער און דאָס שוואַרצע בערדל איז, ווי צוזאַמענגעוואַקסן. פּרוווט ער רופן צו יאַשען, נאָר ער קאָן קיין קול נישט אַרויסברענגען, ווי ער וואָלט נאָך די פּאָר שעה שווייגן פאַרגעסן צו רעדן. ווינקט ער צו אים מיטן פינגער און רופט אים, באַוועגנדיק מיטן קאָפּ. הויבט יאַשע ווידער אויף דעם דאַשעק מיט די אויגן, צעכיקעט זיך ווידער, גיט אַ הייב מיט די אַקסלען און גייט צו נענטער, שמעלט זיך אַוועק אַן אויסגעצויגענער.

—וואָס ווילסטו?
—וואָס לאַכסטו עפּעס יאַשע, האַ?
—אָ-אָ! מסתם, אַז מען לאַכט... דאַרף מען לאַכן... אָ-אָ!
—אָבער ס'מוז דאָך עפּעס זיין! האַ?
—ס'וועט זיין! אָ-אָ! אוי, וועט זיין!
—וואָס זשע אַזוינס וועט זיין? אַ, יאַשע?
—וואָס ס'וועט זיין? אַ רעגן וועט זיין, כּי-כּי! און אפשר וועט נאָך עפּעס זיין! אָ-אָ!
—וואָס, אַ שטייגער, קאָן נאָך זיין?

—און איך, וואָס ווייס? אָ-אָ! אַ קלוגער ביזטו! אויסנאַ[ן] ווילסטו!... יאַשע ווייסט נישט, גאָרנישט ווייסט ער נישט. אָ-אָ! אַ קלוגיטשקער!

און צעכיקעט זיך ווידער מיט העזה און התפעלות.

בלייבט דער קלייטניק מיט אַן אָפּגעריסן האַרץ, דאָס שוואַרצע בערדל גיט אַ ציטער און דער שטערן קנייטשט זיך. דערהערן איבעריקע קלייטניקעס, קומט מען צו מיט געלאַסענע מיושבדיקע טריט און פאַרזאָרגטע פּנימער, שטעלט מען זיך אַרום אַרום יאַשען, הויבט מען אָן אויספרעגן דעם האַלב משוגענעם שייגעץ, צעכיקעט ער זיך און גיט אין עקסטאַז אַ הויב מיט אַן אַקסל:

—בודע... אָ-אָ! בודע!

און וויל מער נישט ענטפערן, רוקט זיך אָפּ פון רעדל יידן, גייט אָפּ אַ פּאָר טריט, שטעלט זיך אָפּ, וואַרפט אַ פרעמדן בליק אויף די צעשראָקענע יידן, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און לאָזט זיך גיין מיט גיכע טריט, קייכנדיק מיט אַ דין גע-לעכטער און דרייענדיק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן:

—בודע... אָ-אָ! עשטשאָ קאַק בודע!

מיט אַמאָל האָבן זיך אַלע אומגעקוקט—כאָטש מען האָט קיינעם נישט געזען: עפּעס האָט זיך דערטראָגן אַזוינס, וואָס איז געווען ווי געשריי מיט ווינט אויסגעמישט. מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן אַן אויפגעשטויבטע וואַנט, וואָס האָט זיך, ווי אַ רויך געקרוקט און דערנענטערט צום מאַרק. יאַשע האָט געגעבן אַ שטרעק אויס די האַנט און געמאַכט:

—אָ-אָ!

אין מאַרק אַריין האָט זיך אַרייגעריסן אַ באַנדע און מיט זיי, אַ קנויל פון ווילדע געשרייען. עס איז געוואָרן מיט אַמאָל אַזאַ טומל און געפּילדער, אַז די ווייבער זענען, ווי געררירט געוואָרן פון זינען—האָבן אָנגעהויבן כאַפּן פון די טישלעך אַראָפּ און לויפן. דאָ האָט זיך דערהערט אַ ווילד געשריי, אַן אויסגע-צויגענער יידישער יאָמער האָט זיך אַ ריס געטאָן און אַ טעמ-פּער שאָס האָט די כמורנע ליידיקייט דורכגעריסן, האָבן שוין די איבעריקע ווייבער אינגאַנצן געלאָזט די טישלעך און גענו-

מען לויפן מיט משוגענע געשרייען. די יידן האבן אנגעהויבן מיט ציטערדיקע פינגער צו פארקלאפן די קלייטן. דער טומל האט זיך אזוי רעשיק א ריס געטאן, ווי עס וואלט זיך ראפ־טום אראפגעריסן א שלאקסרעגן מיט א האגל איבער בלעכענע דעכער.

—„בעי זשידאוו!"

דער געשריי האט דעם טומל דורכגעריסן און ווידער האט זיך דערהערט א שאס. די באנדע האט זיך אפגעשטעלט אין מיטן מארק. אלע זענען געזעסן אויף פערד. טייל זענען געווען בארוועס און טייל אין שטיוול, איינער האט געטראגן אויף איין פוס א שטיוול און אויפן צווייטן עפעס א שקראפ. טייל זענען געווען אין היטלען, טייל אין קוטשמעס און פויערשע שטרויענע קאפעליושן און עטלעכע—מיט בלויזע קעפ. זיי האבן אנגעהויבן שפרינגען פון די פערד מיט ביקסן אויף די אקסלען, אייניקע מיט שווערדן ביי די זייטן און אלע האבן געדעוועט און גע־שריגן און פון צווישן אלע האט ארויסגעליארעמט איינער א הוי־כער אין א לעדערנער טוזשורקע מיט א מאטראזן-היטל.

פון מארק איז אלץ אפגעווישט געווארן און ער איז גע־שטאנען ליידיק, ווי נאך א שטורם. די שטעלן מיט די גרינע אוגערקעס, רויטע קערשן און טונקעלע פלעצלעך, זענען גע־שטאנען צעשראקענע, פארלאזטע, ווי מידע הינער, וואס זענען שטיין געבליבן אונטער א שלאקסרעגן. די קלייטן זענען שוין געווען פארמאכט און נאר יאשע איז געשטאנען מיט א נארישן, ווילדן שמייכל אין די וואסערדיק-גרויע אויגן.

ביי איין קלייט נאר איז געשטאנען אן עלטערער ייד מיט א קורץ, ווייס בערדל. די הענט האבן אים געציטערט, דער גאנצער גוף האט זיך געטרייסלט און ער האט זיך באמיט מיט טרייסלענדיקע פינגער צו פארלייגן דעם פרענט. דער אין דער שווארצער קורטקע איז צו אים צוגעלאפן, א קוויטש געבנדיק מיט דעם ראפניק אין ליידיקייט.

—העי, זשיד!

האט ווידער א וויאכטש געטאן מיטן ראפניק אין ליידי־קייט און דער ייד האט געצויגן דעם גרויען קאפ צווישן די

אַקסלען, געקוקט מיט צעמישטע אויגן און אַלץ אַזוי געציטערט. נאָר מיט אַמאָל האָט זיך דער פּאַרשוין געגעבן אַ דריי אויס, עפּעס אויסגעשריגן צו זיינע לייט. דער ייד האָט דערווייל פּאָרזיכטיק געמאַכט אַ פּאָר טריט מיט אויסגעשטרעקטע שאָק-לענדיקע הענט, איז צו צום ראָג פון געסל און איז אַהין אַריין.

אין מאַרק האָט עס געשריגן און געליאַרעמט. מען האָט געוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס און גערופן זיך נוקם צו זיין אין די יידן. אַלע האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו די קלייטן. אייניקע האָבן שוין אָנגעהויבן רייסן די טירן און יאַשע איז געשטאַנען און געקוקט, נאָר דער עלטסטער האָט אויסגערופן:

—העי, כלאָפּצי! שטייט! מור וועלן עס מאַכן אָרגאַניזירט.

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו אים, האָבן זיך אַרום אים צונויפגענומען אין מיטן מאַרק. פון די געסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן מאָדנע פּאַרעקשנטע פּאַר-שוינען, אַלע זענען אַרויסגעקומען פּאָרזיכטיק, ווי זיי וואָלטן זיך פון באַהעלטעניש אַרויסגעגנבעט. דער עלטסטער האָט דער-ווייל אַרויסגעשלעפּט אַ פלאַש בראָנפן, אַ צווייטער פון דער באַנדע האָט אויך פון ערגעץ באַקומען אַ פולע פלאַש.

—העי, כלאָפּצי! לאָמיר פריער אַ טרינק מאַכן, לאָמיר טרינקען פּאַרן טויט פון די זשידעס!

—העי! דו! אַהער, גיי!

יאַשע איז צוגעגאַנגען געלאַסן, באַוועגנדיק מיט די אַקס-לען און זיך געשטיקט פון געלעכטער. האָט מען אים דערלאַנגט אַ בלעכן טעפּעלע. ער האָט אויסגעזופּט, זיך געגעבן אַ קאָר-טשע איין און גענומען דרייען מיטן קאָפּ: אָ-אָ-אָ! און אַלץ אַזוי געדרייט מיטן קאָפּ.

דערווייל האָבן זיך צו די פרעמדע נענטער צוגערוקט די היימישע פּאַרוואָלקנטע, פּאַרביסענע פּאַרשוינען. דער עלטסטער האָט געטיילט בראָנפן, און צוגעוואָרפן ווערטלעך וועגן די יידן, וואָס מען וועט באַלד אויסקוילען. האָט מען געטרונקען, גע-שאָלטן און הויך געלאַכט.

—איצט, כלאָפּצי!—האָט דער עלטסטער געשריגן—אַלע,

וואָס זענען מיט אונז, זאָלן קומען העלפן! אַ טויט די זשידעס! די קאָמוניסטן!

די פאַרשוינען זענען געוואָרן לעבעדיקער, עפּעס אַ הויט האָט זיך פון זייערע פּנימער אָפּגעשיילט... פינצטערע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט און יאַשע האָט געדרייט מיטן קאָפּ, געכי־קעט און געשריגן אָ־אָ! פון די געסלעך האָבן מיט גיכע טעמ־פּע טריט געשלייכט שוואַרצע צעיוכטע פּנימער, טייל מיט ביקסן, טייל מיט קאָסעס און מיט טעמפּן ליאַרם:

—בעי זשידאָוו! רעזאַט!

—צו די קלייטן!—האָט איינער פון די „היימישע”, אַ די־קער פאַרשוין מיט קרומע פיס געשריגן. ער האָט מיט אַמאָל אַרויסגעשלעפּט אַ רעוואָלווער און דער ערשטער זיך געוואָרפן צו אַ קלייט, געגומען רייסן און שיסן אין דער לופט. נאָך איינער, מיט אַ דאַר פּנים און פלאַקסענע האָר האָט זיך גע־וואָרפן צו אַ צווייט קלייט.

—סטאָי! — האָט דער עלטסטער באַפוילן — אָרגאַניזירט... נעמט זיך אַלע צונויף.

אַ כמורנער פאַרנאַכט האָט געקוקט פאַרבליפּט איבער דעם שטעטל. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע שלאָפן אין בלינדע, פינצ־טערע הייזער. און די פאַרשוינען האָבן זיך צונויפגענומען. ווילדע, צעיאַכמעטע פויערים האָבן שווער געאָטעמט דורך נאָז־לעכער און געביילט די פויסטן. איינער האָט אָנגעהויבן זינגען דעם אוקראַינישן הימן און נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן, ער האָט זיך געשאָקלט און אַלע ווילדע געהויבן אַ פויסט:

—וואָס שטייט מען, וואָס?

—און וואו זענען די איבעריקע?—האָט דער עלטסטער געפרעגט.

—אַלע אונזעריקע זענען פאַראַן!

—וויפיל זענט איר דען?

—אַ מאַן פערציק.

—און די איבעריקע, וואָס? דאָ וואוינען דאָך אַ סך?

—יענע זענען אַליין זשידעס און קאָמוניסטן!

מיט אַמאָל האָט דער עלטסטער באַקומען אַ שטאַרק בלייך

פנים, ער האָט שטאַרק פאַרביסן די ציין און די קינבאַקן האָבן געשפּילט און האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אַרויף אויפן פערד:
— וועלן מיר אָנהייבן אַ שחיטה!
— אַ טויט די זשידעס!
— אויסראָטן ביז איינעם!
— צעראַבירן!
— פאַרברענען!
— הערט! — האָט דער עלטסטער אַ געשריי געטאָן — הערט!
און ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט זיך צווישן דער אָנגעקומענער באַנדע רייטער אָנגעהויבן אַ באַוועגונג. די פערד האָבן אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט די פיס און זיך גערוקט פון די ערטער.
— אירר! פּאָגראָמטשיקעס! באַנדיטן! איר זענט אַלע אַרעס־טירט!
די פאַרשוינען האָבן אַרויסגעוואַליעט משונהדיקע אויגן. אַרום זיי זענען אין אַן ענגן רינג געשטאַנען די אָנגעקומענע מיט אויסגעצויגענע ביקסן. און פּלוצלונג: טשאַך! דער פאַרשוין מיטן רעוואָלווער אין האַנט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און גע־פאַלן, ווי אַ סנאָפּ. דער קאָפּ זיינער האָט אַ שפּרונג געטאָן אויפן שטויב, פון שטערן האָט געגעבן אַ זעץ אַרויס אַ רויט־ברוינזנדיק סטענגעלע, וואָס האָט זיך אַ ווײַלע אויפגעוויקלט אַרויף און זיך אַ גאָס געטאָן איבערן פּנים.
פויערים האָבן אָנגעהויבן רעווען און זיך צלמען. טייל האָבן זיך געוואָלט דורכרייסן, נאָר זענען צוריקגעשטויסן גע־וואָרן.
— ווער עס וועט פּרוּוון אַנטלויפן, באַקומט אַ קויל אין קאָפּ.
דער הויכער דאַרער שייגעץ האָט עפּעס באַקומען אַ גריב־לעך פּנים, זיך געגעבן אַ וואָרף אויף דער ערד און געוואָלט דורכקריכן אונטער די שטיקעס, האָט יאָשקע געגעבן אַ שפּרינג פון זיין פערד, געבליבן שטיין אויף זיין פּלייצע, אָפּשפּרינגנדיק און אַראָפּגעלאָזט דעם „פּריקלאַד" איבערן קאָפּ, איינמאָל, צוויי מאָל און יענער איז רואיק געבליבן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן עפענען פענצטער. יידן האָבן דערהערט אַ רוף:

—גייט אַרויס! האָט קיין מורא נישט! די פּאָגראָמטשיקעס זענען אַרעסטירט!

דאָס האָט מישקע זיך דורכגעטראָגן אויף זיין פערד פאַר די הייזער און אויף יידיש אויסגערופן...

— — — — — — — — — — — —

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט. די גאַנצע באַנדע איז געווען אויסגעשטעלט אין אַ שרענגע, די הויפּט־באַנדיטן—מיט געבונדענע הענט. און ווען דער אָטריאַד האָט זיי שוין געהאַט אַרומגערינגלט, ערשט דאַן האָבן זיך באַוויזן די מיליציאַנטן מיט דעם נאַטשאַלניק זייערן. זיי זענען געווען איבערראַשט, צעשראָקן און דער נאַטשאַלניק האָט געדריקט מישקעס האַנט, געבעטן, מען זאָל פון ראַזדיעלנע צושיקן אַהער אַן אָטריאַד, כאָטש איצט וועט געוויס שטיל זיין... אָט דאָס זענען זיי... יאָ.. יאָ... דאָס האָבן זיי די גאַנצע צייט געהעצט... מיר אַליין האָבן מורא געהאַט פאַר זיי...

נאָר מישקע האָט כמעט נישט געהערט, וואָס ער רעדט צו אים. ער האָט איצט געשיינט און אין פאַרנאַכט האָט זיין בלייך פּנים געלויכטן מיט דערהויבנקייט.

יידן זענען געשטאַנען פון ווייטן מיט אויפגעריסענע אויגן און נישט געקאָנט קומען צו זיך פון גליק און וואונדער.

און אַז די פּאַרטיע האָט זיך געלאָזט אין וועג אונטער אויסגעשטרעקטע ביקסן, האָבן יידן פריי אָפּגעאָטעמט און יאַשע האָט זיי נאָכגעקוקט און געהופן:

—אָ־אָ!

און געדרייט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן...

קאַפּיטל נײַן

אַרום קריזשאָפּאָל האָט געפּושעוועט אַ ווילדע כוואַליע. איצט האָט דעניקינס אַרמיי אַרויסגעפּלייצט פון קרים און זיך אַ ריס געטאָן צו כאַרקאָוו. אַ שוואַרצער פלאַם האָט זיך איצט גע־טראָגן פון שוואַרצע אָפּיצירן און ווילדע חילות, וואָס האָט חרוב געמאַכט שטעט און דערפער. די וועגן זענען געווען באַזייט מיט צעשאָסענע און ערמאָרדעטע. איבער די טעג זענען אויף סלופּעס געהאָנגען טויטע קערפּער מיט בלויע און שוואַרצע פּנימער. אויפגעבּרויזט האָט אין די אָפּיצירן גרינע נקמה פאַר באַליידיגונגען פון יחוס און שטאַם, פאַר אַוועקגענומענער הער־שאַפט און וואוילטאָג. איבער די דערפער זענען אַרומגעגאַנגען אַגענטן, און געשפּינען דאָס שוואַרצע פייער. אומעטום זענען זיי ווי קראָטן אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער ערד און געהייצט, געהעצט און געפירט צעווילדעוועטע פאַרשכורטע באַנדעס אויף שוצלאָזע יודישע שטעטלעך.

האָט באַשקע געהערט אין קריזשאָפּאָל די גרוילן און האָט ווי פאַרגעסן, אַז מען קאָן פון דאָרט אַוועקפאָרן. עפּעס איז איר אויסגעקומען, אַז זי דאַרף אין ערגעץ נישט פאָרן, אַז זי דאַרף דאָ בלייבן און היטן די מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס. זי האָט שטיל און מיט געדולד געטראַכט פון דודקען און מיט שטילן פאַרהאַרטעוועטן ווייטאָק געדענקט אָן יאַנען. אויף יאַנען איז זי געווען באַליידיקט. זי וואָלט פאַר קיינעם נישט געקענט ערקלערן מיט וואָס ער האָט איר באַליידיקט, נאָר געפילט האָט זי עס אַזוי שאַרף און מיט פּיין און דאַריבער נישט געטראַכט פון פאַרלאָזן קריזשאָפּאָל. זי האָט באַמערקט די טויבע שרעק, וואָס גייט אויף אין שטעטל, זי האָט געפילט דעם צעווילדע־וועטן רעווע וואָס טראָגט זיך איבער וועגן—איז אדרבה: אָט וועט מען זען! ווער וועט זיך דערמאָנען זי צו שיצן? אַ? יאַן וועט זיך נישט דערמאָנען. ער וואָלט דאָך געקענט אַרויסשיקן

נאָך איר... ער איז אָבעך פאַרנומען: ער פירט די מלוכה... אָבער דודקע וועט קומען... ער וועט קומען! און האָט געבענקט נאָך זיין קומען...

זי האָט שוין געוואוסט פון דעם, אַז מישקע האָט אָרגאַ־ניזירט אַ פּאָלק און זיך געלאָזט איבער די דערפער: אַ חבר האָט איר דאָס איבערגעבן. ער האָט זאָגאַר געזען ווי מישקע מיטן פּאָלק האָבן אַרויסגעמאַרשירט פון אָדעס, און איר אַ גרוס פון אים אָפּגעזעבן. זי האָט געהערט און נישט פאַרשטאַנען צי דאָס האָט אים מישקע געהייסן איבערגעבן דעם גרוס צי דאָס זאָגט ער נאָר סתם אַזוי. ער האָט אים געזען הייסט עס: און איר איז נישט איינגעפאַלן, אַז מען קען זיך פרעגן וועגן דעם... האָט זי דערפאַר געשוויגן און עפּעס קרענקלעך געוואַרט אויף אים... געוואַרט עקשנותדיק ווי דאָס אַנטפּלעקן זיך פון מישקען וואָלט געווען דער באַווייז פון איר ווייטערדיקן גורל...

נאָר די שרעק איז מיט יעדן טאָג אַלץ גרוילעדיקער גע־וואָרן. איצט איז שוין אַ פאַרגליווערטער אָכץ געהאָנגען איבערן שטעטל. מירענסקי—אָט דער נידעריקער, קרעפּטיקער בחור מיט די געדיכטע געלבלעכע האָר, דער זעלבער, וואָס האָט איר אָפּגעגעבן אַ גרוס פון מישקען און איז כּסדר געווען אַזוי אויפ־געלייגט און פאַרטועו,—איז עפּעס רואיקער און צעטומלטער גע־וואָרן: האָט באַקומען צעשראָקענע אויגן אונטער די פענסנע־גלעזלעך, האָט אָנגעשטרענגט דעם שטערן און מיט וויינענדיק אויסזען געוואָלט איינרעדן באַשקען, מען זאָל זיך לאָזן קיין אָדעס. ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין השערה, אַז די איבעריקע חברים, וואָס אַרבעטן אין די נאָענטע שטעטלעך, האָבן שוין געוויס פאַרלאָזט זייערע ערטער. און:

—די אַרבעט איז דאָך שוין דאָ אָוועקגעשטעלט, די אָפּ־טיילונג פון „אַ גיטפּראָסוועט״ אַרבעט שוין זעלבסטשטענדיק. אַרום איז נישט רואיק... איבעריגנס ווערט יעצט די גאַנצע אַכט געשאָנקען דעם פראָנט...

—דעריבער?

באַשקע האָט געקוקט רואיק, ווי מען וואָלט דאָס גערעדט וועגן אַנדערע מענטשן און וועגן אַן אַנדער שטאָט.

—דעריבער?... רעכן איך אַז מיר זענען שוין דאָ נישט אַזוי נויטיק.

—די אַרבעט איז נאָך דאָ נישט אין אָרדנונג.

—ס'וועט שוין בעסער נישט ווערן. ס'איז דאָך אַ קליין שטעטל.

—איר זאָגט דאָך, אַז עס איז נישט רואיק אַרום.

—נו יאָ... אָבער דורכרייסן וועט מען זיך קענען... איך רעכן אַזוי... מען דאַרף פּרוּוון, זיצן דאָ איז געוויס קיין תּכלית נישט.

—אַז איר ווילט—פּרוּווט זיך.

—אַליין וועל איך דאָך נישט פאָרן...

—טאָ בלייבט... איך וועל נישט ריזיקירן... עס וועט זיך איינשטילן... אַזוי הפקר וועט מען דאָך די געגנט נישט לאָזן... מוז מען איבערוואַרטן... לאָזן זיך פון שטעטל איז געפערלעכער...

האָט אַזוי אָפּגעזאָגט און שוין מער נישט געקוקט אויף אים. מיראָנסקי האָט זיך געפילט פאַרלוירן. האָט נישט געוואוסט צו וואָס זיך צו נעמען און פסדר געטראַכט פון דעם, וואָס דער רוח האָט אים אָנגעטראָגן צו פאָרן קיין קריזשאָפּאָל און צונויפ־געפּאָרט מיט אַזאַ פאַרביסענער באַשקע... גוט, איז מען אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכער טוער, אָבער משוגע דאַרף מען דאָך נישט זיין... און האָט אָפּגעאָטעמט שטיל און טיף, קוקנדיק אויף איר מיט באַצערטע אויגן, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעגעבן דעם גזר פון באַשקעס עקשנות. האָט באַשקע נישט געקענט איבערטראָגן די פּחדנישע בליקן זיינע. האָט זי פאַרלאָזט דאָס אַרבעט־צימער. איז אַרויס בלאָנקען איבערן שטעטל. איצט האָט זי שוין אַליין אויך געפילט, אַז זי איז פאַרלאָזן און אַרומגערינגלט אין אַ פאַרוואָרפענעם העק. איצט איז שוין שפּעט צו לויפן פון דאַ־נען. די וועגן זענען פאַרשטעלט. ווי אַזוי זשע וועט זי לויפן אַנטקעגן שפּאָט, שאַנד און מאָרד? האָט זי געבלאָנקעט פאַר־ביסן און רואיק געטראַכט וועגן יאַנען, וואָס האָט געקענט אין זינען האָבן אַז באַשקע איז אַרומגערינגלט, נאָר ער זיצט זיך דאָרט אין אָדעס, רעדט געציילטע ווערטער און עס אַרט אים נישט די גאַנצע מעשה... ער וועט בעסער שיקן אַ גאַנצן פּאָלק אויפן פראָנט איידער איין אָטריאַד נאָך באַשקען... און וואָס איז באַשקע דען? ס'פעלן חברטעס אויף דער וועלט?... און פון

פּאַרדרוס האָט זיך אויסגעשפּינען אַ געפיל, וואָס האָט איר ער־לויבט ליכטיק צו בענקען נאָך דודקען, וואָס שניידט איצט דורך די וועגן כּדי אַ הער צו דערגרייכן.

האָט זי געשפּאַנט געלאָסן און נישט געקוקט אויפן שטעטל. נישט געזען כמעט, די עלענדע נידעריקע שטיבלעך, וואָס האָבן געקוקט פון זאַמדיקן מאַרק אַראָפּ ווי בלינדע בעטלערס, וואָס זיצן און וואַרטן אויף אַ יריד. זי האָט נישט געזען די יידן, וואָס שטייען אין רעדלעך מיט פּנימער. ווי זיי וואָלטן היינט געפּאַסט און רעדן שטיל צווישן זיך. זי האָט געשפּאַנט לאַנג־זאַם און געפילט אַ צווייפּאַרביקן טאָן, וואָס עס זינגט איר האַרץ: פּאַרביסענעם כּעס פאַר באַליידיגונג און שטיל־רואיקער בענקעניש.

ווי אין אַ נעפּל האָט זי געשפּאַנט. זי האָט נישט פאַר־שטאַנען ווי אַזוי זי האָט זיך אַזוי פאַרגעסן און זיך דערמאָנט אין סכנה איצט, ווען עס איז שוין אַזוי שפּעט... און זי האָט דערפאַר געוואַרט עפּעס איבעראַשענדיקס און גרויזאַמס. זי האָט געוואַרט מיט גאַרונג אויף אַ שטורם, וואָס דאַרף זי דערגרייכן און זי אַרויסברענגען פון דער רואיקער צומישונג, וואָס זי טראָגט אין זיך פון זינט זי האָט דודקען געפונען...

„באַשע! טייערע באַשע!״

„קום באַשע! געגונג זיך געפּייניקט און געצווייפלט״

„יאַן האָט דאָך צו דיר קיין צייט נישט״...

„איך דין דאָך די רעוואָלוציע נישט ערגער פון אים, און איך גיי אויס נאָך דיר״.

זי האָט געגעבן אַ פאַרמאַך די אויגן און עס האָט אין איר אַ שאַל געטאָן:

„קום דודקע! איך גיי מיט דיר!״

— — — — — — — — — — — — — — —

באַשקע איז געזעסן אין איר צימער, ביי דער בעל־הבתישער פאַמיליע, געזעסן און געפילט ווי זי איז פאַרוויקלט אין אַ נעפּל און ווייטער געצויגן דאָס שטילע בענקענדיקע געפיל, וואָס האָט דערגרייכט אַהין, צו יענעם שטיבל מיט די פּראָקלאַמאַציעס, וואו דודקע האָט מיט זיין ערשטן קוש איר מיידלישקייט אויפ־געוועקט און איר יוגנט־בלוט געצינדן...

ער וועט דאָך קומען. ער מוז קומען! צוליב וועמען דען האָט ער דעם גאַנצן פאָלק אָרגאַניזירט? אַך! יאַן וועט דאָך שוין קיינמאָל קיין צייט נישט האָבן. אַ נאַרישקייט געווען צו שפּאַנען אַ בלינדע אויף פאַרנעפּלטע וועגן. . און ער האָט עס דערפילט, אָט פאַרוואָס ער האָט זי קיין קריזשאָפּאָל פאַרשיקט, מיט שטרענגע, ערנסטע אויגן געקוקט און אינסטרוקציעס מיטגעגעבן: אַ ברייטע אַגיטאַציע... אַוועקשטעלן די אַרבעט... נאָר זיין קול האָט עטוואָס געציטערט פון אויפרעגונג... נו, גוט, וועט זי דאָ וואַרטן ביז דודקע וועט קומען... ער אַליין האָט זי דאָך אַהער־געשיקט... זיך נישט דערמאָנט אין איר...

אַוועקפאָרן?—זי וועט זיך דאָך אויסמיידן... אָנשטאָט דוד־קען, וועט זי אַ ווילדער פויער באַגעגענען... און אַז דער פויער וועט זי גראָד נישט באַמערקן—וועט זי צוריקקומען אַהין און פילן אויף זיך די באַפעלערישע בליקן פון „נאַטשאַלניק", „פּאַר־טיי־פאָרזיצער" חבר יאַן? ניין. זאָל שוין זיין. האָט זי דער גורל אָפּגעפירט אין אַ זייט, דאַרף מען צוריק געפינען דעם וועג. אַן עבירה צו בלאָנזשען... איצט הערט זי, ווי דאָס האַרץ רופט— — —

און דאָס געפיל איז געקומען אַזוי מיט אַמאָל, נישט ווי עס וואָלט פלוצלונג געבוירן געוואָרן. נאָר זי האָט זיך מיט אַמאָל אומגעקוקט און דערזען דאָס, וואָס באַגלייט איר שוין אַזוי לאַנג... זי האָט זיך אָפּגערוקט פון כסדרדיקן טומל און דערהערט דעם רוף פון אייגענעם בלוט. איצט ציט דאָס האַרץ און לעכצט מיט אַנגסט.

זאָל ער קומען... זאָל ער קומען!...

„און מיט זינגנדיקע הערצער, צעיובלט־צעזונגענע בלוטן, וועלן מיר שפּאַנען איבער שטעט און שטעטלעך און אויפכוואַ־ליען דעם צעזונגענעם יובל אין מענטשלעכע הערצער: זאָלן אַלע זיך אויסשיילן פון געדיכטער פינצטערניש און מיט זינגנ־דיקע אויגן און טריט אַקעגנגיין ליכטיקע, זוניקע טעג"...

* * *

נאָר געקומען איז קאָזאַקאָוו מיט זיין באַנדע פּאָגראָם-שטשיקעס.

פלוצלונג איז דאָס שטעטל באַפאַלן געוואָרן און עס האָט זיך אין מיטן זוניקן טאָג ווילד צעשריגן. עס איז געוואָרן אַזאַ שרעקלעכער ווילדער טומל, ווי אַ שׂרפה וואָלט דאָס שטעטל פון אַלע זייטן אַרומגעכאַפּט. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שיסעריי און אַ ליאַרם און עפּעס אַלץ האָט זיך איבערגעקערט און גע-גאַפּעט מיט פאַרפרוירענע אויגן... באַשע איז געווען ביי זיך אין צימער און דאָס האַרץ איז איר אָפּגעשטאָרבן, באַנעמענדיק דעם טומל. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרגעסן, וואָס זי האָט געמיינט צו טאָן. זי האָט געהערט, ווי אין שטוב איז אַ משונהדיק ברומעריי, עס קייטלט זיך אַ געדיכטע טופּעריי פון פיס און זי האָט געקוקט, ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען. ביז די טיר האָט זיך געעפנט און דער בעל-הבית—אַ ייד אַ דאַנ-טיסט מיט אַ שוואַרץ בערדל און קלאָרע אויגן, האָט געקוקט אויף איר פאַרחידושט און ענדלעך אַרויסגעזאָגט:

—וואָס זשע שטייט איר? ס'איז דאָך אַ פּ אָ ג ר אָ ם?—האָט ער אויסגעצויגן מיט אַ וויינענדיק קול. מער האָט ער נישט גע-קאָנט רעדן און געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און גרויסע אויגן. איז הינטער אים צוגעקומען די בעל-הביתטע, אַ הויכע, בלייכע פרוי און געזאָגט מיט אַ געשטיקט קול:

—וואָס זשע שטייט מען, וואָס? קומט!

באַשע האָט נישט געקאָנט רעדן. דאָס האַרץ האָט זיך געהאַט פאַרוקט אונטערן אָרעם, ווי אַ דערשראָקן פייגעלע, וואָס באַהאַלט זיך. האָט זי געקנייטשט דעם שטערן און זיך אָנגע-שטרענגט עפּעס צו דערמאָנען.

—קומט, קומט מיט אונז!—האָט דער ייד גערופן.

זי האָט אַלץ נישט געענטפערט. דער קאָפּ האָט זיך איר איצט פאַרדרייט, ווי זי וואָלט אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין אַ שלאָף. פון גאַס האָבן זיך געטראָגן שטיקער געשרייען און ס'האָבן זיך געצאַפּלט משונהדיקע קולות—ווי דאָס מעקעריי פון בהמות אין ברענענדיקע שייערן... עפּעס האָט זיך שאַרף גע-

בראָכן. עפּעס שווערס, מעטאַל-גלאַטיקס און בייליקס האָט זיך געקוילערט איבער שטיינער און גריבער...

ס'איז שטילער געוואָרן. ווי דער טומל וואָלט זיך ערגעץ אַוועקגעקוילערט, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און דאָס האַרץ האָט זיך צוריקגעקערט אויפן אָרט און ווידער אָנגעהויבן שלאָגן. איצט האָט זי געזען, ווי די טיר שטייט נאָך אָפן, נאָר אין איר איז ליידיק. אַ פּוסטע ליידיקייט קוקט אָן אָטעם.

און איצט איז זי געווען באַפאַלן פון אַ משונהדיקער רויִקייט. האָט זי מיט דער רעכטער האַנט אַ וויש געטאָן דעם שטערן און צוריקגעוואָרפן די פּאַסמעס האָר, וואָס זענען איר געפאַלן איבער די אויגן און ס'איז איר מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן אין קאָפּ.

איצט האָט זי אַלץ פאַרשטאַנען. צוריק איז געקומען די רויִקע פאַרביסנקייט און ס'איז איר לייכטער געוואָרן. ס'איז אויסגעקומען, ווי זי וואָלט דאָס נאָר געהערט דערציילן, וועגן דעם וואָס איז ערגעץ געשען...

זי איז אַרויס אין פאָדערשטן צימער—נאָר דאָרט האָט זי קיינעם נישט געטראָפן. דער טיש איז געשטאַנען אַנטפּלעקט און אויף אים: טעלערלעך, לעפל, אַ מעסער און ברויט. דאָס מעסער איז געזעסן אין ברויט און אַ גלאָז איז געשטאַנען פול מיט טיי—דאָס גלאָז טיי האָט עפּעס געוואַרט און זיך געוואונדערט און אַלץ אין שטוב האָט אויף איר געקוקט מיט פרעמדקייט: „נישט די דאָזיקע"... איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע. אין פענצטער האָבן געגלאַנצט רויטע שטראַלן, מיט מאַטקייט האָבן זיי זיך שטיל געשאָרכט און אַ פּאָר פליגן האָבן זיך, זשווזשענדיק געגליטשט איבער די שויבן. איז זי צוריק אַריין צו זיך אין צימער און זיך באַמיט צו דערמאָנען עפּעס... פון גאַס האָבן זיך איצט געהערט ווילדע אויסרופן און אויסגעשרייען, ערגעץ האָט מען געזעצט אין טירן, אין פענצטער און שטראָמען גלאָז האָבן זיך געגאָסן. קיין געוויינען האָט מען שוין נישט געהערט.

זי איז געזעסן רויִק, נאָר ווי אין חלום. האָט זיך צו-

געהערט און געוואָלט פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך מיט איר. די זון איז דערווייל אויסגעגאַנגען און ס׳איז געווען שטיל. איצט איז איר אויסגעקומען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז אַנט-לאָפן. שטייט אַ בלינד שטעטל ליידיק, פאַרלאָזן, און באַנדיטן ווילדעווען אַרום. און זי—איינע אַליין איז זי געבליבן אין גאַנצן שטעטל: זי האָט אויפגעשווידערט, זיך אויפגעשטעלט און ווידער איז איר קלאָר געוואָרן אין קאָפּ.

—אַ?

ווידער האָט זיך איר אַ שווערקייט באַזעצט אין האַרצן און עס האָט אין איר אויפגעשריגן דער פּחד.

איז זי צוגעגאַנגען צום טיר.

„אַ?... מען דאַרף זיך אַריבערכאַפּן צו אַנטאָנען, צום חבר, וואָס וואוינט אין די גומנעס... אַ?...״

איצט האָט זי געדענקט, אַז די שטוב שטייט אין עק שטאָט און איר איז קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס מען איז נאָך נישט געקומען. האָט זי געכאַפּט אויף זיך אַ טוך, זיך איינגעהילט דעם קאָפּ און געעפנט די טיר, געלאָזן זיך אַרויסגעשלייכט און זיך אַרומגעקוקט.

איצט איז שוין געווען אָוונט. דאָרט אויבן—וואו די גאַס גיסט זיך אַריין אין קיילעכדיקן מאַרק, האָט עס געשווימלט מיט לויפנדיקע מענטשן. פון אָפענע פינצטערע קלייטן-טירן זע-נען געפלויגן שווערע שטיקער, גרעסערע פעק, וואָס האָבן זיך צעשיט פאַלנדיק, זעק האָבן שווער געפּלאַצט און אויפגעלאַכט מיט ווייסקייט אין אָוונט. אַ ווילד געלעכטער האָט זיך געבראָכן און פאַרשידענע געשטאַלטן האָבן זיך געוואָרפן אויפן געפּאַלע-נעם. פויערטעס האָבן זיך אין איין קופּע געוואַלגערט אויף דער ערד, זיך אויפגעשטעלט און יעדע האָט עפּעס געשלעפּט.

באַשע האָט געקוקט און געזען, ווי אין שמאָלע זייטיקע געסלעך באַווייזט זיך אַלע ווײַלע אַ ווייס, צעטומלט פּנים, אויסגעצויגן אין דער לענג אָדער צעוואַקסן אין דער ברייט, לויפט אָפּ, קוקט זיך אום, לויפט ווידער און לאָזט זיך אין גרויס אימפּעט אַרויס, דער שטאָט. וואָס מער ער לויפט אָפּ, אַלץ שנעלער טראָגט ער זיך...

—אַ! „פּטאַשעטשקאַ"!

באַשע האָט אַ ציטער געטאָן: פֿאַר איר איז אויסגעוואַקסן אַ הייכער יינג, וואָס האָט געטראָגן אַ ביקס אויפֿן אַקסל און אַ שווערד ביי דער זייט. ער האָט זיך אַנטקעגן איר אַוועקגעשטעלט יוואויליינגעריש און דערביי אַ קלונג געטאָן מיט שפּאָרן.

—„קראַסאַוויצאַ מאָלאָדאַיאַ"!

מיט איין בליק האָט זי דערזען דאָס צעהיצטע פּנים און ברענענדיקע אויגן. דער טונקעלער פֿאַרנאַכט האָט זיי נאָך מער שוואַרץ געמאַכט און די נאָזלעכער זענען ביי אים געוואָרן צעברייטערט, אַראָפּלאָזנדיק אַ נאַרישן שמייכל אויף דער אויבערשטער ליפּ. דאָס איז געווען אַ הויכער יינג. דאָס פּנים גלאַט ראַזירט און נאָר אויף דער אויבערשטער ליפּ זענען געלעגן העלע האָר. די אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעהאָנגען אַ דיקע, אַ רויטע, און אַ שורה ווייסע ציינער האָט אַ בלאַנק געטאָן. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו איר אַלץ שמייכלענדיק אַזוי פֿאַרלעגן און נאַריש. זי האָט אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן הינטערווייליעכטס און באַלד פֿאַרשטאַנען. עס האָט איר געגעבן אַ שרעקלעכן שוידער, וואָס האָט דורכגעבויערט פֿון קאָפּ ביז די שפּיצן פֿון די פֿיס-פֿינגער.

—עהע! אַנטלויפֿן ווילסטו גאָר?!

מיט איין צי האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ בלאַנקע, לאַנגע שווערד, זי אַ שאָקל געטאָן, אַ גלאַנץ האָט זיך געבראָכן און ער האָט זיך געלאָזט אויף איר מיט שנעלערע טריט. זי האָט זיך געפּרוווט אָפּרוקן אין אַ זייט. נאָר ער איז פֿלינק אָפּגעשפּרונגען אין דערזועלבער זייט, האַלטנדיק זי אויפֿן אויג, ווי ער וואָלט זיך געיאָגט נאָך אַ חיה. זי האָט זיך גענומען אויף צוריק. און ס'איז אויסגעקומען, ער טרייבט זי, פֿאַרנאַרנדיק זי אין שטייג... אין שטוב אַריין.

ווידער איז איר קלאָר געוואָרן אין קאָפּ און שוין געוואוסט, וואָס זי וועט טאָן. דערפֿון האָט אַ היץ אַ פֿלאַם געטאָן אין פּנים, ווי זי וואָלט זיך צו אַ פֿלאַם נאָענט צוגערוקט. באַלד האָט זיך עפּעס פֿאַרהאַרטעוועט אין איר האַרצן, זי האט אָפּגעטרעטן צו דער טיר, מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן פֿון זיך

דאָס טוך, אַ וואָרף געטאָן אויף זיין שווערד, אויפגעעפנט די טיר און אַריין. ער האָט אָבער באַוויזן אָפּצעוואַרפן דאָס טוך און צו צו דער טיר.

זי האָט שטאַרק געאָטעמט און ווילדקייט האָט אויפגעפלאַמט אין איר בלוט. זיינע אויגן האָבן איר געשטאָכן און זי האָט געקריצט מיט די ציינער. ער האָט זיך געלאָזט נאָך איר. זי איז אַריינגעלאָפן אין קעך—ער נאָך איר, דאָרט האָט זי געכאַפּט אַן אייזערנע קאָטשערע.

—באַנדיט! באַנדיט!

זי האָט עס אַזוי ווילד אויסגעשריגן, אַז איר האָט זיך געדאַכט, די גאַנצע לופט איז פול מיט געשריי. איין ווייל האָט ער זיך אָפּגעבויגן, נאָר מיט אַמאָל אָנגעהויבן שטאַרק בלאָזן דורך די נאָזלעכער און פאָכען מיט דער שווערד.

—זשידאָווקאַ! זשידאָווקאַ! צו מיר גיי!

אייניקע מאָל האָט זי אָפּגעוועהרט די שווערד מיט דער אייזערנער קאָטשערע, מיט אַמאָל האָט ער די שווערד שטאַרק אַראָפּגעלאָזט, זי האָט געגעבן אַ שטעל אונטער דאָס אייזן, ס'האָט אַ ציטער געטאָן אַ דרענזשענדיקער קלאַנג און אַ האַלבע קלינג איז צו דער ערד געפאַלן. אין טונקעלער ליידיקייט האָט אַ לאַנגס אָפּגעציטערט...

דער באַנדיט איז צעטומלט געוואָרן. מיט אַמאָל האָט עפּעס משונהדיקס אַרויסגעשלאָגן אויף זיין פּנים.—באַשקע איז געשטאַנען מיט פאַרביסענע ציינער און צעפלאַקערטע אויגן, ווי זי וואָלט אים פאַרפאָלגט און איר בליק ניט אָפּגעריסן פון אים. האָט געזען, ווי ער וויגט זיך שפור אויף די פיס און קאָן נישט אַרויס פון זיין צעטומלטקייט, נעמט אַראָפּ די ביקס פון אַקסל—און די הענט זענען נישט אָנגעצויגן, זיי ציטערן, און ער ציט געלאַסן אויס די ביקס. האָט זי אַ וואָרף געטאָן די קאָטשערע, מיט איין שפרונג, ווי אַ קאַץ, געגעבן אַ כאַפּ די שיס-רער און זי אַ שלעפ געטאָן מיט כח פון שגעון, נאָך אַ שלעפּ און אָפּגעשפרונגען מיט דער ביקס אין אירע הענט. דער שייגעץ וויגט זיך אויף די פיס מיט אויסגעצויגענע ליידיקע הענט. די אויגן זענען ביי אים אַרויס אויף פאָרנט, ער

האָט זיך געוואונדערט און נישט געקענט פאַרשטיין מיט זיין שכורן קאָפ... באַשקע האָט אויפגעהויבן די ביקס, דער שייגעץ האָט אַלץ נישט פאַרשטאַנען און אַך! דער „פריקלאַד” האָט זיך שווער אַ שניט געטאָן איבער זיין מח, דאָס היטל איז אַוועק, אַ ווייסע טשופרונע האָט אַ ווינק געטאָן. עך: ווידער אַ זעץ, עפּעס האָט זיך אין קאָפ אויפגעבראָכן און אַ וואַרימקייט האָט די אויגן פאַרגאָסן. דער שייגעץ האָט זיך געגעבן אַ זעץ אויף דער ערד מיט אַ געבויגענעם קאָפ צו די קניען, דער קאָפ האָט געטריפט מיט שווערע טראָפּנס-און ווידער אַ זעץ! וואָס האָט שוין אָפּגעהילכט מיט אַ קוויטש פון נאַסקייט. אַ שווערער באַרג האָט זיך אַראָפּגעקוילערט. ער איז צוריק געפאַלן אויף דער פּלייצע, דער קאָפ האָט נאָס אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און געבליבן ליגן מיט פאַרבויגענע פיס אַרונטער.

באַשקע האָט שווער געאָטעמט. אַ ווײַלע געקוקט, צו צום פענצטער. מיט איין קלאַפּ זענען זיך ביידע ראַמען צעלאָפּן, זיך אָנגעקלאַפּט און צוריקגעלאָפן, איז אויפן פענצטער אַרויפגעשפרונגען און אַרויס...

* * *

איצט איז שוין געווען טונקל. באַשקע האָט זיך נישט אַרומגעקוקט און איז געלאָפן. זי האָט נישט געוואוסט צי ס'איז טאָג צי נאַכט. דער דרויסן האָט געשריגן ארום איר, איבער איר. זי האָט עפּעס באַמערקט פאַר זיך טונקעלע געשטאַלטן, זי איז געלאָפן געטריבן פון שגעון און דעו אָפענער צעקוועטשטער מח איז נאָך איר געשווימען. זי האָט שוין גאָרנישט געוואוסט ווייט הינטער זיך האָט זי פאַרנומען ווילדע קולות, צענויפגעגאָסענע שטימען, וואָס ציען זיך נאָך איר ווי אַ פּראָזשעקטאָר. אַ סוויסטש האָט נעבן איר דורכגעשטאָכן, נאָר זי איז געלאָפן. אַ שוואַרצער סילועט האָט פאַר איר אַ וואַק געטאָן און געפאַלן, זי איז איבער אים אַריבער און איצט האָט זיך אַ סוויסטשערײַ געלאָזט נאָך איר פון אַלע זייטן. פּישטש נאָך פּישטש איינער אין אַנדערן, אויפן אַקסל האָט איר אַ קלאַפּ

געטאָן און זי איז געלאָפן שלעפנדיק שווער דעם אַקסל מיט זיך. זי האָט שוין מער נישט געפילט, אַז זי לויפט. אירע פיס זענען אַוועקגעפאַלן און עס האָט זי געטראָגן, אין לופטן האָט עס איר געטראָגן, און דער אַקסל ווערט שווערער און שווערער... אָט ווינקען פינצטערע ביימלעך, אָט איז אַ ראָוו און שוואַרצקייט שאָרכט אַראָפּ פון פעלד אַזוי משונה־נעכטיק. דער קאָפּ האָט זיך אינגאַנצן פאַרדרייט און זיך צוזאַמענגעגאָסן... אין האַרץ האָט עפּעס אָנגעהויבן רינען ווי דורך אַ שמאָל העלזל פון אַ פלאַש. מיט אַמאָל דערפילט די ערד אונטער אירע קניען. אַך, אָפּרוען... עפּעס פייכטס האָט אַ וויש געטאָן איבערן פנים. האָט זי זיך אַ קוילער געטאָן, אַריינגעפאַלן אין צעשווימענער פינצטערנישט און ס'איז אַלץ צעשווימען...

— — — — — — — — — — — — — —

זי האָט געעפנט די אויגן, געפילט אַ פייכטקייט אַרום זיך. האָט זי געקוקט און איבער איר איז געווען אַזאַ העלע בלויקייט. זי האָט גאָרנישט געדענקט און גאָרנישט געוואוסט. געקוקט ווי אַ קינד, וואָס איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן עפּעס שפּילט ערגעץ און זי איז נישט ביי זיך.. זי אַליין פעלט. זי איז נישטאָ און שוועבט אַרום איבער זיך, וואָס איז נישטאָ... אַזוי האָט געדויערט לאַנג און אפשר נישט לאַנג... נאָר זי געדענקט נישט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן... און ווייסט נישט, אַז דאָס קען זיך ענדיקן. אירע בליקן האָבן זיך איצט געטראָגן שנעל און לייכט און זי האָט שוין געפילט, אַז זי האָט עפּעס פאַרגעסן. ס'איז גאָר נישטאָ אין ערגעץ, נאָר בלויקייט און זי שווימט אין דער בלויקייט ווי אויף וואַסער. פּלוצלונג איז איר איר אַ שווערקייט באַפאַלן: זי האָט דערזען ווי איבער איר הענגט אַ הימל מיט ליכטיקע שטערן און זיך דערמאָנט, אַז זי ליגט אין אַ ראָוו, האָט זי אָנגעשטרענגט דעם קאָפּ און דערפילט אַז זי איז צוגעוואַקסן צו דער ערד, זי ליגט אַזוי שווער און אין אַקסל איז ביי איר נישטאָ. ער איז דערנעבן, נאָר באַזונדער, אָפּגעריסן. איז איר באַפאַלן אַ שרעק, אַזאַ שרעק, וואָס האָט זיך אין ברוסט אויפגעשטעלט ווי אַ שאַרפע קני און זי האָט אַ ציטער געטאָן.

פון דעם ציטער האָט זיך דער קאָפּ צעמישט. אַ ווײַלע האָט זי נאָך געדענקט אָן אַקסל און מיט אַמאָל זיך דערמאָנט אָן יאַנען און דערנאָך אָן מישקען. אין האַרץ איז עפּעס ווײ־כער געוואָרן נאָר די ווייכקייט האָט זיך צענויפגעקאָרטשעט. איצט האָט זי באַוועגט מיט די ליפּן צו זאָגן אַ וואָרט, אַזאַ ווײכטיק וואָרט. האָט אָבער די עגגשאַפט אין האַרץ אויפגע־פלאַצט, מיט אַזאַ הילך צושפּריגגען אין אַלע זייטן און ס׳איז ווידער געוואָרן אַ בלויקייט און ס׳האָט איר אָנגעהויבן וויגן און טראָגן אין בלויקייט אין איין אימפּעט. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן שווערן אָטעם, וואָס איז געוואָרן אַלץ לייכטער און לייכטער. דאָס האַרץ האָט אַ כאָרכל געטאָן און זי דרימלט איין אין בלויקייט און עס וועפּט זיך אויס אַזוי צעשווימען און אַלץ ווערט אויסגעווישט אין איר — — —

* * *

קאַפּיטל צען

מישקעס פאָלק האָט אַ גאַנצן טאָג מאַרשירט איילנדיק אָן אָפּרו. מישקע אַליין האָט זיך איינגעשרומפּן אין זיך, האָט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט און אַלע ווײַלע צוגעלייגט די שפּאָרן צום פערדס זייטן. דאָס פערד האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און ווייטער געגאַנגען פילנדיק, אַז ער מיינט נישט צו לויפן פאָראויס. געזעסן איז ער אויפן פערד געבויגן מיט אויס־געצויגענעם גוף און דעם קאָפּ פאָראויסגעשטרעקט; די אויגן איינגעגעסן אין דער ווייטקייט און דאָס מויל פאַרפּרעסט; אין האַרץ האָט אים עקשנותדיק און שווער געצויגן: עפּעס איז דאָרט געזעסן אַ גרין לאַנג באַשעפעניש מיט ברייטע ליפּן און שטאַרק

גענאָגט מיט אַרויסגעזעצטע אויגעלעך... פעלדמאַן איז געריטן נעבן אים און האָט רואיק געטראַכט פון דעם, וואָס עס האָט געלוינט... געלוינט צו פאַרמירן דעם פאָלק און פון דעם, וואָס יענע דאָרט, אין אָדעס, זיצן ווי בטלנים.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער און דער שטויב אויפן וועג איז געלעגן טריקן און לייכט ווי אויפגעפּעדערט, האָט ער זיך שטאַרק צעשפּריצט פון אונטער די פערדישע פּאָדקאָוועס, זיך אויפגעכוואַליעט און זיך געשפּרייט ווי אַ רויך, אַ געדיכטער טרוקענער רויך, וואָס קען זיך נישט אויפהייבן און נישט אַראָפּפאַלן. די פערד האָבן געטרעטן מידע, פאַרשטויבטע אונטער דער הייסער זון, האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זיך נישט געצויגן אין די זייטן צו די גרינע פעלדער. זיי האָבן שווער געצויגן דורך די נאָזלעכער און די אויגן זענען געווען שטיל, אונטערטעניק און פאַרבענקט. אַלע האָבן זיך אונטערגעאיילט, ווייל מישקע האָט געהאַט פאַרלוירן דאָס געדולד, האָט אַלע ווײַלע אַ טרייב געטאָן זיין פערד און אַרויס פאָראויס, האָבן זיך די איבעריקע אויך אונטערגעאיילט, האָבן אַלע געשוויגן מידע און פאַרשטויבטע, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט ערגעץ אָניאָגן.

„איז וואָס? זיצט זי דאָרט באַהאַלטן ערגעץ אין אַ קעלער און וואַרט?"

אומגעריכט איז דאָס אים איינגעפאַלן און עס איז אים אויסגעהוילט געוואָרן אין האַרצן. ער האָט אין זיך אַ ציטער געטאָן און די אויגן זענען אים גרעסער געוואָרן. ער האָט זיך איצט דערמאָנט דאָס בילד, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן צוקומענדיק דאָרט צום דאָרף, ווען דער שייגעץ האָט געצויגן דעם מיידלס האָר. ער האָט ווידער געזען דאָס בילד און פאָרגעקומען איז עס דאָרט אין ברייטן קיילעכדיקן מאַרק, וואָס אין בירזעלע... האָט ער גענומען קריצן מיט די ציין, געגעבן אַ דריי אויס דעם קאָפּ און געוואָלט עפּעס אויסשרייען צו זיינע מענטשן, ער האָט אָבער גאָרנישט אויסגעשריגן, האָט נאָר אָפּגעצויגן דעם אָטעם און אַ שמייכל געטאָן: ס'איז נאָך גאָרנישט געשען... באַשקע האָט קורצע האָר... באַשקען רייסט מען נישט ביי די האָר... איבער די הענט גיט זי... און ווידער האָט ער גע-

קנייטשט דעם שטערן און ס׳איז אים שרעקלעך געוואָרן. ער האָט אויף אַ רגע צוגעמאַכט די אויגן און דערזען ווי באַשקע ליגט אויף דער ערד מיט אַ צעבלוטיקט פּנים און נאָר די אויגן אירע שמייכלען אַזוי קרענקלעך און הילפלאָז.

—צו שפּעט, דודקע! צו שפּעט!

ווערט אים פאַרצויגן אין האַלז:

—וואָס זשע באַשע, ס׳האַלט טאַקע שלעכט?

—זעסט דאָך, אַז איך שטאַרב... אָט אָט שטאַרב איך... האָסט פאַרשפּעטיקט...

„או-או-או!״

מישקע האָט שרעקלעך אַ מרוקע געטאָן פון צווישן די ציין. האָט צוריק געעפנט די אויגן און זיך ווילד אַרומגעקוקט. זיין פערד האָט איצט געטרעטן געלאַסענער, האָט ער אַ שלאָג געטאָן מיט די שפּאָרן, דאָס פערד האָט אַ צאַפּל געטאָן אויפשווידערנדיק פון דרימל, האָט אַ ריס געטאָן דעם קאָפּ מיט די פאָדערשטע פיס. מישקע איז געבליבן אויסגעבויגן אויף פאָראויס, שטאַרק אַ צי געטאָן דאָס ציימל און זיך צוריק אַ בייג געטאָן. דאָס פערד האָט געגעבן אַ ריס אַרויף דעם קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט די פאָדערשטע פיס און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

אַ ברוינער אויסגעצויגענער פלעק האָט זיך פייל פון בויגן געשניטן אין אַ שטויב-כוואַליע. דער פלעק איז געשווימען און עפּעס טונקעלעס האָט זיך אונטער אים ריטמיש באַוועגט. נאָר דאָרט אויוון, האָט זיך דער דער פלעק איינגעהאַלטן, זיך אויס-געדרייט און צוריקגעטראָגן זיך. די נאָזלעכער האָבן געבלעזלט און שווער געסאָפּעט איצט האָבן די פיס געקלאַפּט צום טאַקט און אויפגעשפּריצט שטראָמען שטויב. דער קאָפּ איז געווען פאַר-ריסן, אַרויסגעלאָזט פריילעכע הירזשן און צוגעקומען.

—העי! מיר קריכן דאָך ווי די זשאַבעס!—האָט מישקע אויסגערופן.

—מיר גייען גוט!—האָט יאָשקע אָפּגעענטפערט.—מיר טאָרן בישט אָנקומען קיין מידע.

—ריבטיק! מען קען זיך נאָך אָנשטויסן אויף אַ „האָגל״...

מישקע האָט אָפּגעאָטעמט און זיך געלאָזט רייטן געלאַסע-

נער נעבן פעלדמאַנען. זיין פּערד האָט איצט געציטערט מיט דער פעל איבער וועלכער עס האָבן זיך געצויגן גלאַנציקע שניר־לעך און אַרויסגעקוקט ווי טונקעלע פלעקן פון פאַרשטויבטער מאַטקייט. מישקע האָט עפּעס אומפאַרשטענדלעך געשמייכלט און געווישט דעם שווייס פון פּנים.

דערזען אויפן וועג אַן אַקאַציע־בוים, האָט ער אַ צי־געטאָן דאָס ציימל, אָפּגעריסן אַ צווייגל, מיט האַרץ־קלאַפּעניש אַוועקגעלייגט די לעצן אויף פערדס קאַרג, אָפּגעריסן איין שטענגל מיט גרינע לענגלעכע בלעטלעך און געלאָזן געגומען רייסן בלעטל נאָך בלעטל, איינס פון איין זייט, איינס פון צווייטער זייט און אין זיך נאָכגעציילט:

„שפּעט, נישט שפּעט, שפּעט, נישט שפּעט"...

און געעפנט דאָס מויל אָטעמנדיק שווער: דאָס לעצטע איז געבליבן אויף שפּעט. —

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און עפּעסטרויריקעס האָט זיך באַזעצט אין זיינע אויגן. פאַרשפּעטיקט. איז צו וואָס זשע?... צו וואָס זשע גייט ער איצט? האַ?...

האָט ווידער אָפּגעריסן אַ שטענגל מיט בלעטלעך און ווי־דער גענומען רייסן, דאָס האַרץ האָט שווער צוגעקלאַפּט צו יעדן ריס, אָפּרוענדיק זיך נאָך יעדן קלאַפּ. און — — — ניין! נישט שפּעט...

—סאַשע, נאָך ווייט קיין קריזשאָפּאָל?

—אַ? צי ס'איז נאָך ווייט? דאַכט זיך אַז נישט, אָט וועלן מיר דורכרייטן דאָס דאָרף און גלייך קיין קריזשאָפּאָל.

—מיר וועלן נישט האָבן פאַרשפּעטיקט?

—ס'הייסט, וואָס מיינסטו?

—כ'מיין, צי מיר וועלן נאָך האָבן וועמען צו ראַטעווען?

—ווייס איך?

סאַשע האָט זיך אויך פאַרטראַכט. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט און האָט אויך אָנגעהויבן פאַרלירן דאָס געדולד. ער האָט געצויגן די ברעמען אַרויף און גענומען קוקן אין דער ווייטקייט.

די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק, זיך געלאָזט ראַנד־

אַראָפּ, אַ ווינטל האָט איצט געבלאָזן העפטיקער און די בלעט-לעך אויף די ביימער האָבן עפּעס געפּליסטערט טרייסלענדיק זיך אין איין אָטעם ביי יעדן בלאָז.

זיי זענען פאַרבייגעריטן דאָס דאָרף און—עפּעס מאָדנע שטיל איז אין דאָרף, ווי אַלע וואָלטן זיך אין היילן באַהאַלטן. די טריט פון די פערדישע פּאָדקאָוועס האָבן דאָ אָפּגעשלאָגן העכער און האַרטער, די רעדער פון די האַרמאַטן און פורן האָבן זיך שווער באַוועגט, איין ראָד האָט מיט אַ קרעכצן געסקריפּעט איבער ליידיק דאָרף, וואָס שטייט שטיל און מען זעט קיין לע-בעדיקן נפש נישט.

ביי מישקען האָט דאָס האַרץ געשלאָגן מיט שרעק:

—עפּעס איז דאָ צו שטיל.

—האָ? עפּעס טאַקע שטיל...

מישקע האָט געזוכט מיט די אויגן, דערזען פון אַ פּאָד-וויר קוקט אַרויס אַן אַלטער פּויער מיט אַ גרויסן שטרויענעם קאַפּעליוש, האָט ער אַ צי געטאָן דאָס ציימל און צוגעריטן אַ הין:

—העי, אַלטער! ס'איז ווייט קיין קריזשאָפּאָל?

דער גוי האָט עפּעס נאַכטיק אַ פינטל געטאָן מיט פאַר-טרערטע אויגן און דאָס פּנים איז איצט געוואָרן עפּעס אויסגע-צויגענער.

—ניין האַרעלע, נישט ווייט... אַ ווערסט פינף נאָך.

—נישט מער?

—ניין, האַר.

—וואָס „האַר"סטו מיר דאָרט?! זאָג בעסער, וואָס הערט זיך דאָרט, אין קריזשאָפּאָל?

—וואָט ווייס איך?... אַן אַלטער מאַן בין איך... גיי איך פון פּאָדוויר נישט אַרויס.

—און וואו זענען אַלע, די יונגע?

—וואו זאָלן זיי זיין האַרעלע?... אַ מהומה אויף דער וועלט... קומט מען און מען טרייבט זיי אַוועק... ווי די „סקאָט" טרייבט מען זיי... עך האַרעלע, שווער צו לעבן אויף דער וועלט...

—איז קיינער אין דאָרף נישטאָ?

—ס'זענען נאָך דאָ האַרעלע, געבליבן נאָך, אַרבעטן זיי אין פעלד... איך קאָן שוין נישט אַרבעטן, זיץ איך און היט די שטוב...

מישקע האָט געקוקט מיט חשד אויף דעם אַלטן פויער, וואָס איז געשטאַנען אַזוי רואיק און אונטערטעניג. ווידער האָט אים גענומען נאָגן אין האַרצן דאָס שלענגל מיט די ברייטע ליפּן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער מחנה:

—פלינקער, צום שטעטל!... מיר געפעלט עפּעס נישט.

זיי האָבן זיך רעשיקער געלאָזט. מישקע האָט זיך דערמאָנט אָן פויער, האָט צוריק זיך אויסגעדרייט צום פּאָדוויר וואו דער אַלטער איז נאָך געשטאַנען און נאָכגעקוקט מיט כיטרע אויגן:

—הער אויס אַלטער! אויב דו האָסט מיך אָפּגענאַרט, אויב דאָרט איז עפּעס געשען, וועל איך אייך אַלע אָפּפּרעגלען אין פייער!

דערבאַרם זיך האַרעלע... איך ווייס נישט, גאָרנישט ווייס איך... איך ווייס גאָרנישט... איך בין דאָך אַן אַלטער שאַרבן... איך...

מישקע האָט שוין נישט געהערט וואָס ער רעדט. ער האָט זיך גיך אויסגעדרייט מיטן פערד און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער מחנה.

די מחנה האָט זיך באַוועגט שנעלער און טומלדיקער. איצט איז די זון שוין געשטאַנען נידעריק. איז געווען רויטער און בלענדיקער, און פון ווייטן ליגט דאָרט דאָס שטעטל: אַ צלם שרייט אין ווייטקייט פון הויכן שפּיציקן קלויסטער-טורם — עפּעס גרוילעדיקעס שרייט דער צלם און אויפן וועג דאָרט שלעפּן זיך פורן.

מישקע האָט משונהדיקס דערפילט. זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיין פערד. די ערשטע פור איז דאָרט שטיין געבליבן, דערנאָך די איבעריקע. איינער אַ הויכער פויער האָט פאַרשטעלט די האַנט איבערן שטערן האָט געקוקט, געקוקט, די פערד טראָגן זיך ווילד אַנטקעגן, איז ער אַראָפּ פון וועג און פאַרשלונגען געוואָרן אין דער תבואה...

—אָ-אָ-אָ-אָ!

מישקע האָט אַזוי אַרויסגעמרוטשעט, אַז די מחנה האָט אויפגעשווידערט. ער האָט זיך ווילד געטראָגן אויף זיין פערד און זיין רעוואָלווער האָט געקלאַפּט און געשפּיגן מיט בלייכע פּאַסקעלעך רויך. ער איז צו צו די פורן און אַראָפּגעצויגן דעם קאָפּ.

אויף די פורן זענען געלעגן: גלאַנציקע שאַפּעס, קאַמאָ־דעס, שפּיגלען, געבעטע שטולן און אַנדערע מעבל־שטיקער. איז ער געזעסן אויפן פערד און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָט געקוקט מיט משונהדיקע אויגן און שוין געזען אין נעפּל ווי באַשקע ליגט מיט פאַרהאַקטע ציין און צעבלוטיקט פּנים.

„שפּעט! שפּעט!”

ער האָט די ווערטער נישט אַרויסגעזאָגט, נאָר געהערט האָט ער זיי אַזוי שאַרף, אַזוי שפּיציק און פון־ווייטאָק פאַרמאַכט די אויגן.

„און אפשר ליגט זי אין אַ קעלער”...

— העי! רייטער! מיט מיר!

די רייטער האָבן זיך אָפּגעריסן פון וועג, אין שטויב זיך פאַרפלאָנטערט און מיט אַ וואָלקן זיך אַוועקגעטראָגן.

* * *

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ משונהדיקן רעווע, אָפּלאָזנדיק די לעצן, אַ פאַטשגעבגדיק מיט די הענט, אַז דאָס פערד האָט זיך איינגעהאַלטן און זיך אָפּגעשטעלט. די איבעריקע רייטער האָבן זיך צוריקגעקערט. אַ ווײַלע איז ער געזעסן מיט אַזעלכע אויפ־געריסענע שטייענדיקע אויגן, אַז עס האָט אויסגעזען: ער איז פאַרפרוירן געוואָרן.

אַלע האָבן געקוקט אויף אים און געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען. ער האָט מיט אַמאָל אויסגעצויגן די האַנט און געוויזן.

ביים וועג אין ראָוו, איז געלעגן אַ פרוי. זי איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף צום הימל און די לעצטע שטראַלן האָבן דאָס פּנים געקושט.

—ע-ע-ך-ך!—האָט מישקע אַרויסגעקרעכצט, האָט זיך אויפ־געטרייסלט, אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, געפאַלן אויף איין פוס און מיט ביידע הענט צוגעפאַלן צום פערדס בויך. זיך צוריק אויפגעשטעלט, אַראָפּ אין ראָוו, אַרויסגעטאָרטשעט די אויגן און ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען:

—באַשע!?

און אַרויסגעזאָגט דאָס אַזוי, ווי ער וואָלט דערזען סתם אַ באַקאַנטן. זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און זיך איינגע־קוקט אין דעם פּנים.

דאָס פּנים איז שוין געווען עטוואָס אויפגעלאָפן און פאַר־גליווערטער ווייטאָק האָט פון דעם מיט פרעמדקייט געקוקט, גע־קוקט ווי ער וואָלט זיך דאָ באַזעצט און געקוקט בייז אויף אָנ־געקומענע... זי איז געווען אין בלויען קליידל און אין ווייסער מאַטראָזן-בליוזע. איין אַקסל איז געווען העכער אויפגעצויגן און די האַנט צום זייט צוגעדריקט. די צווייטע איז געווען אויסגע־שפּרייט מיט פאַרבויגענע פינגער אין גראָז אַריין.

מישקע האָט געקוקט, גאָרנישט געטראַכט און אַרום איםן איז אַזוי טונקל געוואָרן. ער האָט גאָרנישט געדענקט אַ חוץ איי וואָרט: שפּעט!

דער פּאָלק איז אָנגעקומען. פעלדמאַן האָט עפּעס באַפוילן, יאָשקע האָט אויסגערופן. די האַרמאַטן האָבן זיך צושטעלט אויפן פעלד איינער פון אַנדערן אָפּגערוקט. די רייטער זענען אַוועק צום שטעטל.

מישקען האָט אין האַלז שטאַרק אַ ציטער געטאָן און די אויגן האָבן זיך אים מיט נאַסקייט באַגאָסן. דאַן איז ער צו זיך געקומען, האָט ער פאַרקריצט די ציינער און דאָרט, אין האַרץ, וואו עס האָט גענאָגט האָט איצט געברענט. ער האָט אָנגענומען באַשקעס האַנט, זי אויפגעהויבן, שטיל זי צוריק אַראָפּגעלאָזט און האָט זיך אויפגעשטעלט.

—ס'וועט זיי נישט געשוויגן ווערן.

אַזוי האָט ער געזאָגט און שוין געזען אַלעמען אַרום זיך. איצט האָט ער געזען ווי פעלדמאַן שטייט שטאַרק בלייך און

עס ציטערט אים די אונטערשטע ליפּ און פון אונטער די גלעז-לעך קייקלען זיך שטילע טרערן...

האָט מישקע אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט, אויף אַ ווײַלע אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף פעלדמאַנס אַקסל—קיין טרער נישט פאַרגאָסן נאָר געצויגן דעם האַלז ווי אַ פאַרבענקט פערד... דערנאָך זיך אויסגעגלייכט:

—טויזנטער וועל איך אומברענגען! צוזאַמען מיט זייערע כאַטעס פאַרשרפן! אַ טויט אויף זיי!...

און זיינע אויגן האָבן זיך אַזוי צעגליט אין פאַרנאַכט, מיט אַזאַ גרין פייערל, אַז פעלדמאַן האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים און מיט שרעק געצויגן דעם שטערן: ער האָט עפּעס פרעמדס, ווילדס דערזען...

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. די פעלדער האָבן זיך אויפגע-כאַפּט, אָנגעהויבן שאָרכן און אַ פאַרהוילנקייט האָט זיך אַנטפּלעקט. די מחנה איז אַריין אין שטעטל, האָבן עס געטראָפן אַן אויס-געליידיקטס און אַ באַהאַלטנס. די שטיבלעך האָבן געקוקט מיט דורכגעבראָכענע פענצטער. אונטער די פיס האָט געסקריפּט צע-בראָכן גלאָז און ס'איז געווען אַזוי שטיל ווי אין אַ הייסן זו-מערדיקן בייטאָג אין אַ ליידיק דאָרף. מישקע אָבער איז אין שטעטל נישט געגאַנגען ער איז געבליבן זיצן היטן באַשקען. איז ער געזעסן שטיל, נעבן אים זענען נאָך עטלעכע פון זיי-ניקע געזעסן מיט ביקסן, די פערד זענען געשטאַנען געפּענטעט און געקייט שנאָרכענדיק און פורכענדיק. האָבן אַלע ווײַלע אַרויס-געיאָגט אַ שטראָם קיילעכלעך דורך די נאָז-לעכער און ווייטער געקייט.

מישקע האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם ווייסן, אויפגעלאָפּענעם פנים. עפּעס האָט ער פאַרשטאַנען וואָס דאָס פּנים טראַכט: הא? זיך געריכט אויף אַזאַ סוף? וואו זשע ביזטו גע-ווען ביז אַהער? פאַר וואָס זשע האָסטו פאַרשפּעטיקט? אַזוי לאַנג געוואַרט... אַזוי פיל וואַכן און פאַרשפּעטיקט...

אין האַרצן האָט אויפגעגליווערט. ס'איז אים געוואָרן גרינ-גער און ווייטאָקדיקער און אים איז גוט געווען פון דעם ווייטאָק,

אַ פּאָר מאָל האָט ער איר האַנט אָנגענומען, פון דער פרעמדער קילקייט זיך דערשראָקן און אָפּגעלאָזט. אויסגעקומען איז אים, אַז דאָס איז נישט באַשקעס האַנט, נאָר אַ פרעמדע, פון ,אַן אַל-טער מכשפה, וואָס האָט זיך צו באַשקען צוגעטשעפּעט—און שפּע-טער—ער האָט אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָט ער זיך צו איר צוגעבויגן, מיט זיינע ליפּן עטוואָס נאָר באַרירט איר שטערן, זיך שטאַרק דערשראָקן, אָפּגערוקט זיך, זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, געלעגן און שווער געאָטעמט, ווי דער טויט וואָלט אין זיין האַרץ אַריינגעטריפט... איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן אַלע פאַרבאָרגענע חלומות און ס'איז אים גע-וואָרן פּוסט אין האַרצן. ער האָט פאַרקריצט די ציין, פאַרוואָרפן די הענט איבערן קאָפּ, זיך געצויגן פון יסורים און באַנג, זיך געדריקט דעם קאָפּ מיט אייגענע הענט און געצויגן אַ וויינענ-דיקן אָטעם. עפּעס אַ טרער האָט אים געשטיקט אין אָנפאַנג ברוסט, דאָרט ווי דער גאָרגל הייבט זיך אָן, נאָר זי האָט זיך נישט געקענט אַרויסרייסן פון אָרט, האָט ער צוזאַמענגעדריקט די אויגן און מיד געאָטעמט דורך אָפן מויל.

פון הימל האָבן ליכטיקע פלעקן אַראָפּגעקוקט. געקוקט מיט גרויסע אויגן און יעדעס אויג שפּריצט מיט מאָסן אויגן וואָס קוקן אויף אים. קוקן די אויגן אַזוי פאַרטרויערט. און אָט שמייכ-לען זיי: נו? און וואָס ווען טו ווייטער טאָן? נו שוין, באַשקע איז שוין אויך נישטאָ. וואָס זשע נאָך?... און ווי נאָר מישקע האָט דאָס דערפילט, האָט ער פאַרמאַכט דאָס מויל און אויפגע עפנט די אויגן. האָט שטאַרקער פאַרקריצט די ציין און געפילט ווי די קינבאַקן זענען געוואָרן בולט און האַרט. און ער האָט איצט שוין געאָטעמט דורך דער נאָז. איצט האָט ער שוין גע-וואוסט וואָס ער וועט טאָן...

ס'האָבן זיך געצויגן לאַנגע שעהן און ער האָט אַלץ גע-טראַכט וועגן ווייטער און געזען, ווי ער צעשווימט זיך, דער ווייטער און טיפע בלויקייטן פון אויסגעשטערנטע נעכט...

ס'האָט געבלייכט אין דרויסן, דער הימל האָט זיך באַגאָסן מיט אַ שיין, האָט ער ווידער פאַרמאַכט די אויגן און געגראָבן דאָס פּנים אין גראָז, געגראָבן און געפילט ווי איבער די שעה:

איז עפּעס בייזעס אויסגעוואַקסן אין האַרץ. בייזעס צו אַלעמען און דער עיקר צו זיך אַליין.

אַלע דערפעער פלאַקערן, סקנוילן אַרויף די פלאַמען און זעצן און בויערן מיט שוואַרצן רויך. אַהאַ אָט לויפט ער דער יינג צווישן די פלאַמען. דער אייגענער, וואָס האָט געשלעפּט באַשקען פאַר די האָר! עהע! ער וויל אַרויסלויפן פון פלאַם! כאַפ נישט! אָט דאָס הייסט אַ שטויס. קוילערט ער זיך צוריק אין פלאַם אַריין. דער פלאַם צעביזעוועט זיך און קנוילט מיט רויטע צונגען וואָס שרייען אַזוי יאָמערלעך אין נאַכט אַריין. אָט ווי די אויגן זיינע זענען גרויס און הילפלאָז. ברען! ברען!...

„שלעפּ אים! אין ברענענדיקן הויז אַריין! אָט אַזוי...

ווי ער רעוועט דאָרט! כאַ-כאַ!"

אַך ווי דאָס פייער ציט—ס'איז גוט... אַך ווי גוט צו שפּאַגען אין די פלאַמען! כאַ-כאַ! ברענט! ברענט מיינע האָר און אויגן, אַך ווי גוט... אָט פלאַקער איך—שמייכל באַשע, שמייכל, איך גיי צו דיר...

ווייסט ער נישט, צי איז ער געשלאָפן אָדער גלאַט געהאַלטן פאַרמאַכט די ברעמען. נאָר אַ זון האָט שוין געקוקט מיט פאַרזשמורטע אויגן און ווי ער וואָלט ערשט איצט דערזען באַשען „טאַקע טויט... דערהרגעט"...

האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ געוואַלדיקער טרויער אַ אים באַפאַלן. ער האָט דערפילט ווי אָט נעמט אַ מענטש א ווערט גאָר עפּעס אַנדערש... און ליגט אַזוי אונטערטעניק... דער פּילט דאָס זעלבע אויף זיך—אָט ליגט ער אויך אַזוי לאַנג א אויסגעהוילט... ער האָט פאַרבלאָנזשעט! וואָס זשע האָט ער איצ צו טאָן? אויסלעשן זיך, אויסציען זיך און גאָרנישט פאַרשטיי אָט ווי באַשקע... אָבער—

דער איינפאַל האָט אין אים אויפגעלויכטן:

—מען דאַרף זי מקבר זיין. און טאַקע יידיש מקבר זיין... ברענגען צו קבר ישראל...

— — — — — — — — — — — — — — — —

מישקע האָט געפאָדערט ביי שטעטל מען זאָל זי מקבר זיין אין תּכריכים און גבאיטעס זאָלן איר טוען די „רעכט". ער

איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט איר קבורה, ווי דאָס וואָלט גע-
ווען דאָס לעצטע, וואָס ער האָט מתקן צו זיין אין לעבן,
אַז ער האָט קיינעם נישט געזען, קיינעם נישט געפילט און נישט
באַמערקט די צעשראָקענע בלייכע יידן. ער האָט זיך נישט אומ-
געקוקט אויף די ווייבער, וואָס האָבן געיאָמערט און מיט הייזע-
ריקע שטימען געריסן די זוניקע לופט.

אויפן בית-עולם איז ער געשטאַנען מיט אַ געזונקענעם קאָפּ
און געקוקט ווי מען גראָבט דעם קבר, ווי מען לאָזט אַראָפּ די
טויטע. ווען זי איז שוין געלעגן אין קבר, האָט ער געבעטן
אויפצודעקן דאָס פנים. אַ ווײַלע געקוקט אין דעם פנים, וואָס איז
איצט געווען געל, צעפּיעסטעט און מיד אַרויסגעקוקט פון דער
ווייסער לייוונט, ביז פּאָר די אויגן האָבן זיך אים גענומען דרייען
וואַסערדיק קאָלירטע רעדער. ווען מען האָט אָנגעהויבן פאַרשיטן
האָט ער אָפּגעזיפצט און זיך אַרומגעקוקט.

אויפן בית-עולם זענען דאָ און דאָרט, געשטאַנען רעדלעך,
מען האָט געהויבן לאָפּעטעס, וואָס האָבן געשליידערט מיט גלאַנצן.
געוויינען האָבן זיך געשטיקט און אויפגעריסן, ווי זיי וואָלטן
זיך געגראָבן אונטער ערד און אַלע ווײַלע זיך אַרויסגעריסן אויף
דער אויבערפלאַך. אַ ווײַלע האָט ער זיך צוגעהערט. און אים
איז אויסגעקומען, אַז די גאַנצע וועלט גראָבט קברים פאַר זיך...
דערנאָך האָט ער נעבן זיך דערזען סאַשען אין אַ גאַנצע גרופּע—
האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט:

—שוין, באַגראָבן! נישטאָ מער באַשע!

אַלע האָבן אויף אים געקוקט מיט וואונדער און באַדויע-
רונג באָר ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעגלייכט:

—קומט.

— — — — — — — — — — —

פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל צעגליט, ער איז געוואָרן
רויטער און רויטער. אַלע דערפער אַרום האָבן געברענט און גע-
גאָסן מיט שטראָמען פייערדיקע ליכט. דאָס שטעטל איז געשטאַ-
נען אין מאַרק. די שויבן פון קלויסטער האָבן געבלאַנקט מיט
שוואַרץ-ברוינעם גלאַנץ ווי פאַרבלימטע בלינדע אויגן פון אַ
„דזשאַד" וואָס זיצט אויף אַ יריד... דער מאַרק איז געווען הע-

לער ווי ביים סוף פון רויטן זון פארגאנג. ערגעץ האָבן שווער געהילכט שווערע געציילטע קלעפּ. פּאַך און פּאַך! און ס'האָבן געשטעפּט פליִנק און האַרט קוילנוואַרפער, וואָס האָבן געהאָגלט. יידן האָבן געהערט, געשוויגן און געקוקט איינער אויפן אַנדערן מיט צעטומלטער שרעק...

* * *

קאַפּיטל עלף

עפּעס גרויזאַמס, ווילדס, אוראַלטס האָט מיט אומגעהויערער שרעק געפּלייצט אויף דער גאַנצער געגנט. איבער די נעכט האָבן די העריזאַנטן געפלאַקערט און איבער די טעג האָט שטורם זיך געטראָגן. איצט האָט שוין מישקע נישט געהערט די עצות פון סאַשען. ער האָט שוין נישט פאַרשטאַנען די לאָגישע רייד זיינע. ער איז אַרויס פון דעם קרייז, אין וועלכן ער האָט זיך ביז אַהער געפונען. און זיין פאָלק—נאָך אים... ער האָט גאָר-נישט געקענט מער טראַכטן און נאָר געפילט דעם פאַרהאַרטע-ווען צאָרן אין האַרצן. ווי אַ ווילבער האָט ער זיך מיט זיין פאָלק געטראָגן פון דאָרף צו דאָרף, ווי ער וואָלט געזוכט אין אימעצן זיך דורכצוברעכן אַ וועג ביז צום סוף... אַלע דערפער אַרום קריזשאָפּאָל זענען געווען אָפּגעמעקט. צווישן פעלדער און וועלדער זענען געלעגן זאַמדיק-אַשיקע שטחים, פאַרוואָרפן מיט אָפּגעבראָכענע צעבראָכענע ציגל. די אָנפירער פון קריזשאָפּעלער פּאָגראָם, האָט ער מיט אייגענע הענט געפייניקט. מיט משוגעת און ווילדע הנאה האָט ער זיי געשניטן, געשטיקט און די האָר פון זיי געריסן. דערביי ווילד געברעוועט ווי אַ געשחטענער און אַ סך מאָל טרערן דערביי פאַרלוירן. איבער די וועגן האָבן זיך געשלעפּט פּויערים מיט זייערע וועגענער און אַלע נאַכט האָבן

פלאַקערס געשריגן איבער ווייטקייטן.

סאַשע האָט זיך אָנגעשטרענגט, גערעדט צו אים, געגעבן צו פאַרשטיין, כדי אים צוריקצוברענגען צו זיין גלייכגעוויכט. מישקע אָבער, האָט געהאַט אַריבערגעפלייצט איבער זיינע ברעגן און זיך געפונען נישט געקענט—האָט ער נישט פאַרשטאַנען סאַשעס רייד און האָט נישט געענטפערט. און זיינע אויגן האָט זיך עפּעס פרעמדס, חיהשעס צעברענט, האָט אויסגעזען ווי אַ לייב, וואָס טראָגט אַ קויל אין ריפּ, לופט ער פון זינען געריררט און צעשטערט אַלץ אויף זיין וועג.

און דערווייל איז דער בונט אַרויס פון באַהעלטעניש. נאַכטיקע שליחים האָבן געבלאָנקעט פון דאָרף צו דאָרף, האָבן פינצטערניש געצונדן אין פויערישע הערצער. דער גייסט פון גאָנטען און כמיעלניצקין האָט איבער נעכט די פויערים געוועקט. אַ שוואַרצע בהלה האָט אַראָפּגענידערט, דאָרף צו דאָרף גערופן און זיי האָבן זיך צוזאַמענגענומען, צענויפגעגאָסן.

דערווייל איז דעניקינס אַרמיי אַריין טיף אין אוקראַינע. די רויטע אַרמיי האָט אָפּגעטרעטן פון אָדעס און זיך געצויגן צו זנאַמענקע. סאַשע האָט עס געוואוסט, געפרווט ווירקן אויף מישקען ער זאָל זיך צוריקציען כדי זיך פאַראייניקן מיט דער רויטער אַרמיי, נאָר מישקע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. עפּעס האָט אין זיין בלוט געלעבט אַזאַ ווילדס, וואָס האָט אים געצוואונגען נישט צו פאַרשטיין. ער איז געווען אַריבער אויף יענער זייט פון פאַרשטאַנד. דאָרט וואו עס הערט זיך בלויז דאָס געשריי פון בלוט און ער האָט זיך נישט געקענט צוריקקערן. עפּעס איז אים אָויסגעקומען, אַז ער האָט שוין מער נישט וואָס צו טאָן. איצט דאַרף ער נאָר לויפן איבער וועגן, צינדן דערפער און האַקן קעפּ פון רוצחים, אַזוי לאַנג ביז ער וועט זיך שטרויכלען, פאַלן אַ מידער, פאַלן אין ראָוו און מיט אַ שמייכל און פאַרלייכטערונג אויסהויכן די נשמה — — —

דאַן האָט סאַשע זיך בעראַטן מיט יאָשקען, מיט באָרע דעם שוואַרצן און די איבעריקע אָנפירער, האָט מען אָנגעהויבן זיך ציען אין דער ווענדונג וואו זיי האָבן גערעכנט זיך אָנצושטויסן מיט דער רויטער אַרמיי. די דערפער האָבן אָבער דער-

פילט, אַז דער „ווילדער״ פאָלק טרעט אָפּ, זענען זיי דרייסטער געוואָרן, זיך צוזאַמענגעקליבן און אים פאַרפאָלגט.

און ווען די דאָרפס-מחנות האָבן אונטער זיך דערפילט דעם צעהיצטן בלוטיקן אָטעם פון דעניקינס אָפיצירן, האָבן זיי זיך געלאָזט אַ קעגן דעם פאָלק, סאַשע האָט דערפילט די סכנה. האָט געפילט די פינצטערע בליקן, וואָס לאָקערן אויף זיי. נאָר מיש-קען האָט עס נישט געשראָקן. אים איז בלינד אויסגעקומען אַז אייגנטלעך וואַרט ער אויף דעם, זינט ער האָט דערזען באַשקען אין ראָוו, וואַרט ער... אָט מיט דעם וועט ער דערגרייכן דעם אויסגאַנג פון זיין וואַנדער-וועג.

*　　　*　　　*

געשען איז עס פלוצלונג. ווען דער פאָלק האָט זיך גע-האַט צוגערוקט צו זנאַמענקע, שפּאַנענדיק, איילנדיק און שוין רואיק, איז דאָרט שוין די רויטע אַרמיי נישט געווען. דער שטח פון יענעם ראַיאָן איז געווען פאַרלאָזט, דעניקינס אַרמיי אָבער האָט נאָך אַהין נישט געהאַט דערגרייכט. האָבן פויערים דערפילט דאָס בלאָזן פון הפקר-ווינטן, האָבן זיי געשאָכטן און נערויבט, געצונדן שטעטלעך און פאַרפייניקט יודישע זקנים און קינדער, אַרויסגעפירט דאָס מעבל און געהרגעט אויף די וועגן. און אַז מען האָט זיך דערוואוסט וועגן אָנקומען פון דעם פאָלק, וואָס איז זיך נוקם פאַר פּאָגראָמען, האָט מען זיך איינגעקאָרטשעט, געלאָקערט, און איינמאָל בייטאָג, ווען דער פאָלק האָט זיך צו אַ דאָרף דערנענטערט האָט זיי אַקעגן אָנגעהויבן שטראָמען מיט שמאָלע רויכלעך און אַ שיסעריי האָט זיי דעם וועג פאַרשטעלט.

דער פאָלק האָט זיך באַלד „צעשיט״ איבער די פעלדער אַרום, פעלדמאַן איז געוואָרן בלייך און איז אַראָפּ פון פערד, צופיל האָט זיך שוין דער האָגל געשיט פון דאָרט. נאָר מישקע איז געוואָרן ווי ער וואָלט דערשמעקט דאָס. נאָך וועלכן ער האָט שוין יאָרן-לאַנג געלעכצט. די לעצטע טעג האָט ער זיך געהאַט איינגעשטילט, שוין נישט באַפאַלן די דערפער, וואָרום אַרויס איז ער שוין געווען פון יענער געגנט, ער האָט נאָר

געשוויגן און שווער געטראַכט, איצט, דערהערנדיק די שיסעריי וואָס איז פון דאָרף אויפגעגאַנגען, איז ער ווידער געוואָרן צע־ווילדעוועט און אָנגעהויבן שרייען:

—פלי! פלי!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פלאַמיקע שלאַכט. דאָס דאָרף איז געווען שטאַרק באַוואָפנט און אויך פון יענער זייט האָט אָנגעהויבן שפילן אַ האַרמאַט. איצט איז דער פּאָלק אינגאַנצן רואיק געוואָרן און לאַנגזאַם אָנגעהויבן פירן אַן אַטאַקע. די האַרמאַטן האָבן געשלאָגן, געריסן מיט אויפגעבראָכענע קנוילן, און גע־פלאַצט ווי בלעכענע גרויסע באַלאָנען. נאָר פון דאָרט האָבן זיך צוריקגעריסן גראַנאַטן, האָבן זיך געשניטן אין לופטן, זיך אַריינגעגעבערט אין דער ערד, זיך ווילד געדרייט און אויפגע־פלאַצט מיט שוואַרצער שטויב-כוואַליע.

די מענטשן זענען געלעגן אויף דער ערד, האבן מיט צע־ברענטע אויגן נאָכגעשפּירט און געצויגן די צינגלעך פון די ביקסן.

דערווייל איז טונקל געוואָרן. קיינער האָט נישט באַמערקט ווי די זון האָט זיך אונטער אַ שווערן שוואַרצן וואָלקן באַהאַלטן. אַ ווינט האָט אָנגעהויבן רייסן, און די קוילנוואַרפער האָבן שטאַרק געקלאַפּט און מענטשן האָבן אָנגעהויבן קריכן אויף די בייכער. מישקע האָט זיך נישט אומגעקוקט אין די זייטן. זיינע אויגן זענען געווען ווי פאַרפרוירן און זיינע אויערן אויסגעשפּיצט. פּלוצלונג האָט צווישן די קלעפּ זיך דורכגעריסן אַ לאַנגער ציטערדיקער דונער און עס האָט אָנגעהויבן פּלייצן אַ רעגן. מיט אַזאַ שטורם איז ער געקומען און אַזוי ראַפּטום, אַז די ביימער האָבן זיך ווי צעגויפגעקאָרטשעט און פייערלעך האָבן זיך צעבליצט לויפנ־דיק ווי רויטע שפּיזלעך.

פעלדמאַן האָט איצט אַ טראַכט געטאָן וועגן אויסמיידן דאָס דאָרף און אָפּטרעטן... ער האָט אָבער נישט באַוואוזן דאָס ערשטע וואָרט אַרויסצורייידן, ווי מישקע האָט אויסגעשריגן ווילד און הפקרדיק:

—פאָראויס! אַטאַקירן!

עס איז געוואָרן אַ בהלה. פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן

אַזוי מיט אַמאָל און צעיושעט, און די בליצן האָבן געבליצט און דער רעגן האָט געפלייצט, אָט איז איינער געפלויגן פון פערד, מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פיס זיך געקאָלערט, דאָס פערד איז אַוועק מיט משוגעת אין אַ זייט. אָט האָט איין פערד זיך אַ זעץ געטאָן אויף די אונטערשטע פיס, האָט אָנגעהויבן דרייען מיטן קאָפּ, זיך רייסן מיט די פאָדערשטע פיס צום אויפ-שטעלן, דער קאָפּ האָט זיך מיטאַמאָל אַ בייג געטאָן אין אַ זייט, אַ פערד איז צעיאָכמעט אָנגעלאָפן, אַ פאָדקעווע האָט אַ זעץ גע-טאָן, דאָס פערד האָט זיך אַ קוילער געטאָן איבערן רייטער.

עס האָט ווילד געברויזט און זיך געריסן, מיט אַמאָל האָט אויפגעפלאַצט אַ הור-ר-ר-ר-אַ! די קנאַלן פון יענער זייט האָבן זיך פלוצלונג איבערגעריסן, די פוס-גייער האָבן זיך איצט געריסן שרייענדיק, די קוילנוואַרפער אויף די וועגלעך זענען „שטעפּנדיק" געלאָפן צום דאָרף.

דער הוראַ-געשריי איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. די מחנה אין דאָרף האָט אַ ציטער געטאָן פון אָנגעלויף, איז שטאַרק צע-טומלט געוואָרן און זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק. דאָס דאָרף איז צעמישט געוואָרן, ערגעץ האָט אַ הייזל געברענט, פון אַ צווייטער זייט האָט זיך אַ רעווען פון בהמות געריסן, ביי אַ פלויט האָט אַ הונט זיך געטוליעט און געציטערט וואָיענדיק, פויע-רים זענען געלאָפן משוגענערווייז, מישקע מיט זיינע רייטער האָבן געשאָסן אויף רעכטס און לינקס, און ווען דער גערויש איז געוואָרן געלאָשענער האָט מישקע אָפּגעשטעלט זיין פערד. דער רעגן האָט נאָך געגאָסן אָבער שוין שוואַכער, איינער אַ פויער איז געשטאַנען ביים הייזל צוגעטוליעט צום וואַנט, געשטאַנען אונ-טערטעניק און דערשראָקן.

—וואָס שטייסטו דאָ?

—איך שטיי... ווייל וואָס דען זאָל איך טאָן? די „לאַטע" ברענט דאָך.

מישקע האָט נישט באַמערקט ווי עס זעצט אַ רויך פון דעם דאַך, ער האָט זיך אין דעם פאַרשוין איינגעקוקט און עפּעס איז אים אויסגעקומען, אַז ער האָט דעם פויער ערגעץ געזען. אַז ווער איז ער?

אַ!—האָט ער אויסגעשריגן משונה ווילד און עס האָט בײַ אים ווי אויפגעריסן אין האַרצן: אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז יענער פויער, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין ליידיקן דאָרף פאַר קריזשאָפּאָל.

און ער איז געוואָרן רואיק. דאָרט האָט זיך געריסן אַ שיסערײַ. די מהומה האָט אָפּגעפּלייצט איבערן דאָרף. און ער האָט עפּעס ווי אין אַלעם פאַרגעסן. איין ווײַלע האָט אים דער טרויער אַ קרעמפּ געטאָן דאָס האַרץ. פּונקט ווי אָט דער וואָלט עס אומגעבראַכט אָט יענער, וואָס ליגט דאָרט אויפן בית־עולם מיט אַזאַ געלב פּנים צווישן ווײַסע לײַוונט...

—העי, זאָג, אַסך זענען זיי דאָ געוועזן?

—איך ווייס נישט, האַר לעבן.

מישקע האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פרעמד קול. איצט איז ער געווען זיכער, אַז דאָס איז דערזעלבער פויער, וואָס איז „זײַע־רער" אַ שפּיאָן און אויסקוקער.

—זאָג דו אַלטער? וואו זײַנען זיי אַוועק?

אין גאַס האָט געטומלט פון מישקעס מענטשן. די מחנה האָט געהאַט אָפּגעטרעטן און נאָר אַ טייל פון פּאָלק האָט זיי פאַרפאָלגט אַרויס פון דאָרף.

דער פויער האָט געקוקט משונה.

—זאָג, זאָג, וואו זענען זיי אַוועק?—האָט מישקע איבערגע־חזרט מיט אַ פרעמד געלעכטערל. און פון דעם געלעכטערל זע־נען ביים פויער די אויגן אַרויס פון קאָפּ און ער האָט אָנגע־הויבן ציטערן.

—פון וואַנען ווייס איך? האַר־לעבן, איך בין אַלט...

—ביזט אַלט, היטסטו די כאַטע... און ווייסט גאָרנישט, האַ?

דער פויער האָט פאַרגעסן צו ענטפערן, די ליפּן מיט די ציין האָבן זיך שטאַרק געטרייסלט...

מישקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד. אויפן גאַס האָבן זיך געוואַלגערט הרוגים פון בײדע זײַטן. אײנער אַ פאַרוואונדע־טער העט יאָמערלעך געקרעכצט, אַ היץ האָט געשלאָגן פון ברע־נענדיקע הײַזלעך, מישקע איז צוגעגאַנגען צום פויער:

—דו ווייסט נישט, גאָרנישט ווייסט נישט...

האָט איינגעפלאָכטן די פינגער אין געדיכטע גראָע קידלעס, אים אַזאַ שלעפּ געטאָן אַז דער פויער האָט זיך אויסגעצויגן, נאָר פון מישקעס האַנט זענען די האָר מיטן קאָפּ נישט אַרויס.

—דו ווייסט נישט!

ווידער אַ שלעפּ געטאָן מיט בייזן כח און דעם פויער צוריק אויפגעשטעלט.

דעם פויערס אויגן האָבן זיך ווי „גווינטן" בעדרייט אָן זין און אַלץ גרעסער און משונהדיקער געוואָרן. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר נישט געקענט.

פלוצלונג אָבער האָט אַ שטורם אַ פלייץ געטאָן, ווי די ערד וואָלט זיך געשפּאָלטן און פון זיך אַרויסגעשפּיגן אויפגעריסענע משוגענע מיילער וואָס רעווען משונה, מישקע האָט זיך אומגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען. נאָר דאָס גערויש און שיסעריי איז געוואָרן שרעקלעך, עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ליאַרם און אַ פלייץ געטאָן מיט טויבקייט. פון ערגעץ אַ זייט האָט זיך אַ מחנה אַריינגעריסן און פון יענער זייט האָט די מחנה צוריקגעקערט און געפלייצט פון אַלע זייטן דאָרף—ווי אַ היישעריק וואָלט באַפאַלן. די ערשטע פּאָר רגעס האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען און געשמייכלט רייסנדיק דעם קאָפּ פאַר די האָר, דער פויער האָט אַנטשוויגן זיך נאָכגעגעבן, נאָר מיט אַמאָל האָט ער דעם קאָפּ אָפּגעלאָזט, דער פויער איז שווער געפאַלן, אַ פּאָר מאָל האָט מישקע אין שגעון-נעפּל אַראָפּגעלאָזט דעם שטיוול אויף דעם צובלוטיקטן פּנים, דערנאָך ערשט האָט ער אין איין אויגנבליק אַלץ פאַרשטאַנען — — —

דורך דער גאַס זענען געלאָפן באַוואָפנטע פויערים, אַ ? זיינע האָבן אָפּגעטרעטן. נאָר אים האָט מען נישט באַמערקט. ער איז געווען אין פּאָדוויר נעבן די פלאַמען פון הויז, אין טונקל פון כמאַרעס און פון פאַרנאַכט. איין ווילע האָט ער זיך גע-האָט פאַרלוירן געקוקט און זיין פערד נישט געזען.

דערווייל האָט זיך פון יענער זייט—פון וואַנען ער איז געקומען, אָנגעהויבן אַ שיסעריי און אַ קנאַלן פון האַרמאַטן. עס

האָט געריסן איבערן דאָרף און די ערד האָט געציטערט. נאָר די פויערים זענען געדיכט געלאָפן פאָראויס —

האָט ער זיך פאַרטרונקען אין אייגענעם שגעון, אַרויסגעלאָזט אַן אוממענטשלעכן קוויטש, איין שפרונג געטאָן און אַריין אין דער כוואַליע ווי אַ שטאַרק צעהיצטער און קאַלט וואַסער אַריין און אָנגעהויבן שיסן פון זיין רעוואָלווער רעווענדיק ווילד.

וואָס איז פאָרגעקומען? דאָס גאַנצע בלוט זיינס האָט איצט אין בראַנד געזאָטן, אין אים האָט אַ געלעכטער אויפגעבראָכן. דער שווערער און פאַרנעפּלטער ווייטאָק, וואָס האָט אין זיין האַרץ געדויערט פון קריזשאָפּאָל אָן האָט זיך איצט צעלאַכט.

ער האָט אָנגעהויבן זעצן מיטן הענטל פון אַ רעוואָלווער איבער קעפ. אַרום אים איז געוואָרן אַ צענויפגעלויף ווי פון וואַסערלעך ביי אַ וואַסערפאַל. האָט פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין, האָט נאָר געפילט אַ שטראָמיק געלעכטער אין האַרצן און געזען ווי באַשקע קוקט צו אים מיט ברוינע לאַכנדיקע אויגן...

— — — — — — — — — — — —

אַליין נישט ווייסנדיק, וואָס ער טוט, האָט ער מיט בלינד געפיל אַרויסגעשלעפט ביידע האַנט-גראַנאַטן פון די כאָלעוועס, האָט זיי אַוועקגעוואָרפן און מיט אַמאָל דערפילט ווי אַ שטיק פלייצע האָט זיך פון אים אָפגעריסן און אויפגעהויבן זיך מיט אַ געברומעריי. דאָס געלעכטער אין האַרצן האָט אַ ציטער געטאָן און ווידער אויסגעבראָכן... אַרום אים ברעכט זיך די וועלט... כאַ-כאַ-כאַ! —

און איז געפאַלן מיטן פנים אַראָפ...

— — — — — — — — — — —

עס איז שטיל אַרום. ער האָט געעפנט די אויגן און געזען איין ווייל׳ע—אייגענע... זיי צוריק פאַרמאַכט, און אין קאָפ האָט זיך עפעס אויסגעצייכנט: באָריטשקע... אין האַרצן האָט אַ שטיל וואַסערל געשאָרכט: באָריטשקע... אָט איז באַשקע... זי שטייט איינגעבויגן איבער אים:

—אָט ביזטו עס דאָך, דודקע.

זי נעמט אַרום זיין קאָפ, ווי עס לייכט פון איר און עס

איז אַזוי וואַרעם אין אירע אָרעמס... פון אירע ליפּן ווערט אים דער שטערן דורכגעבּרענט.

—דודקע...

און זי הייבּט אים אויף. עס טוט שוין גאָרנישט וויי, א ווינט האָט אַ בּלאָז געטאָן און אָפּגעווישט דעם ווייטאָק, ווי הויך זיי שוועבּן—הויך, הויך. אַ, ווי ליידיק.

באַ-ש- — — —

אַריינגעשוועבּט און ס'איז אַלץ צעגאַסן געוואָרן...

אָסטראָצק, 1922